STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07936

TEPLIK

Velvl Tshernovetski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וו. טשערנאָוועצקי

טעפּליק

מיין שטעטעלע

קאַפּיטלען פון פופציג יאָר לעבען

צווייטער באַנד

קינדער־יאָרן

בוענאָס איירעס 1950

יאָר פון באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין



Obsequio
RCULA SIN FINES COMERCIALES
LA SIN FINES COMERCIALES

טעפּליק, מיין שטעטעלע

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין
אומפאַרגעסלעכן פאָטער נ ו ס ק ע
און גאָטזעליקער מוטער ר יי ז ע
עליהם השלום — געהייליקט.

ו. טשערנאָוועצקי

טעפּליק, מײן שטעטעלע

קאַפּיטלען פון פופציק יאָר לעבן

צווייטער באַנד

קינדער יאָרן

●

ארויסגעגעבן פון:
„אַרגענטינער מאַגאַזין"

בוענאָס איירעס 1950

(יאָר פון באַפרייער גענעראַל דאָן כאָסע דע סאַן מאַרטין)

PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by Valentin Chernovetzky

V. CHERNOVETZKY

TEPLIK, MAIN SCHTETELE

(MI PUEBLITO TEPLIK)

EDITADO POR

"EL MAGAZINE ARGENTINO"

BUENOS AIRES

1950

"Año del Libertador General San Martín"

אינהאלט

עטלעכע ווערטער........ 5

קאַפּיטל

1 מזל טוב! אַ בן זכר 11

מײַן ערשטער חדר 21

3 ס'איז גוט צו זײַן אַ מעזינעק 31

4 טאַטע־מאַמע, ברודער־שוועסטער 39

5 אונזער צווייגאָרנדיקע שטוב 49

6 מײַנע חברים און שכנים 66

7 איך ווער אַ מענטש 95

8 ווי אַזוי ווערט מען אַ „מענטש"? 103

9 מיר איז ניט גוט, איך בין אַ יתום 114

10 ווער האָט עס געזאָגט, אַז אַ שטיפמאַמע מוז זײַן אַ שלעכטע? 127

11 די שטיפמאַמע ווערט „געלעגן" מיט צוויי זין 138

12 איך זוך אַ תכלית 149

13 איך הויב אָן בלאָנדזשען אין לעבן 161

14 אין דער „גרויסער" וועלט אַליין 178

15 פונעם גרויסן ים חלומות — אַ קליין טײַכעלע מיט אַנטוישונג 189

16 איך פאָר קיין יפו אין גימנאַזיע אַרײַן און... דערפאָר ניט 208

17 פון יפו, פון אָדעס, פון אומאַן — אין וואַלד אַרײַן ... 235

18 משיח'ס צײַטן? גוים ווילן ניט גיין אויפן פראָנט און מאַכן זיך אַ מום 255

19 איך פאַבריקיר פּאַדקאָוועס צו צאַר ניקאָלאַיס פערד .. 269

20 טעפּליקער אידן באַגעגענען די רעוואָלוציע מיט קלעזמער 289

עטלעכע ווערטער

עס איז איינגעפירט ביי שרייבער:

צו אַ „צווייטן באַנד" — שרייבט מען ניט קיין פאָררעדעס. אַ צווייטער באַנד — איז אַ המשך פון ערשטן, אַלזאָ, האַלט מען „אין מיטן" — טאָ, צו וואָס אַ „פאָררעדע".

וועל איך ברעכן אָט דעם מנהג, און אויב עס איז אַ „דין" — נו, מילא, וועט מיר דער לייענער דאַרפן מוחל זיין, וואָס איך ברעך אַ דין.

איך האָב באַשטימט צו שרייבן „עטלעכע ווערטער" איידער דער לייענער הויבט אָן לייענען די ווייטערדיקע שורות, ווייל איך וויל מאַכן אייניקע, טאַקע אַ פּאָר בלויז, אָנמערקונגען וועגן אָט דעם בוך, וועגן די צוואַנציק קאַפּיטלען פון „קינדער יאָרן" אין אַ קליין שטעטעלע אין דער פּעטער אוקראַינע, פעט מיט תבואות און פּרוכטן, פעט פון אידישן שוויס, אידישער אַרבעט און פון... אידיש פאַרגאָסן בלוט.

איך האָב באַשלאָסן שרייבן אָט די פאָררעדע, ווייל בלויז אין אָט די „עטלעכע ווערטער" איז אַמפּלאַץ אַז איך זאָל בעטן דעם פריינט לייענער, אַז ער זאָל זיך באַמיען, דאָס אויך זיינע קינדער זאָלן לייענען אָט דעם בוך.

אויב איך האָב אַ גרויסן אינטערעס, אַ אונזער עלטערער דור זאָל — דורך אָט דעם בוך — אָפּפרישן די זכרונות פון זיין קינדהייט, פון זיינע חדר־יאָרן, פון זיינע יונגע יאָרן פון בר מצווה־עלטער און דערנאָך פון יענע יאָרן אין וועלכע ער האָט זיך אָנגעהויבן שטעלן אויף די אייגענע פיס, אויב איך וויל אַז מאַמעס, אונזערע אידישע מאַמעס, וואָס האָבן אייגענע קינדער, וועלכע דערשלאָפן ניט קיין נעכט און דערעסן ניט קיין טעג ביז זיי דערלעבן זייער קינד שוין אַ „שטיקל מענטש", אויב, זאָג איך, אויב איך האָב אַן אינטערעס, אַז אָט, זיי, זאָלן לייענען אָט דעם בוך, — נאָכמער האָב איך חשק אַז אונזערע קינדער זאָלן אים לייענען. און אויב בעוונותינו הרבים, זיי קאָנען ניט לייענען קיין אידיש, אָדער זיי לייענען שלעכט אידיש, זאָלן די עלטערן לייענען קאַפּיטלען פאַר זיי.

דער דאָזיקער בוך ווערט „אָפיציעל״ באַטיטלט אַלס „צווייטער באַנד״. דער אמת איז דאָך טאַקע, אַז עס איז אַ פאָרזעצונג פון ערשטן באַנד „טעפליק, מיין שטעטעלע״. עס איז אָבער... ניט אַזוי.

איך שרייב מיינע „קאַפּיטלען״ אַזוי, אַז דער ערשטער באַנד איז אַב־סאָלוט אומאָפּהענגיק פון צווייטן, און דער צווייטער איז פאַר קיין פאַל ניט קיין אַבסאָלוטער המשך פון ערשטן.

אין ערשטן באַנד האָב איך אַרויסגעבראַכט אונזערע קליינע שטעטעלעך פון דער אַלטער היים, אונזערע טעפּליקס מכל המינים, זייערע מנהגים, זייע־רע שמחות און להבדיל בין החיים והמתים — לוויות, זייערע פּרנסות און זייער אַרט לעבן און האָרעוואַניע צו קאָנען „אויסקומען מיט דער וואָך״ און קאָנען „מאכן שבת״.

אין צווייטן בוך באַצי איך זיך צו דעם אופן ווי אַזוי מיר, די טעפּליקער קינדער, זיינען געבוירן געוואָרן, זיינען געוואַקסן און האָבן באַקומען אונזער בילדונג. עס וועט אַפילו, פאַר אונזערע קינדער זיין שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי מיר זיינען ניט געבוירן געוואָרן אין קיין... לוכּאַסע סאַנאַטאָריעס, — נאָר אין פּשוטן בעט אויף אַ געלעגער פון אַן... „אַקלאַט״ שטרוי. זיי וועלן אפשר לייענען און ניט גלויבן וויפל קלעפּ און בוכענצעס מיר האָבן באַקומען פון אונזערע מלמדים און אַז די מאַמע האָט דערויף געזאָגט „גע־בענטשט זאָלן זיין דעם רבינס הענט״, —אָבער—, זיי וועלן עס מוזן גלויבן!

אויב, מיטן ערשטן בוך „טעפּליק, מיין שטעטעלע״ האָב איך געוואָלט שטעלן אַ מאָנומענט אונזער קליין שטעטעלע טעפּליק און אַלע טעפּליקס פון אונזער אַלטער היים, וויל איך, מיטן צווייטן בוך שטעלן אַ מאָנומענט אונ־זערע זיסע, זאָרגלאָזע, קינדער־יאָרן, וועלכע האָבן זיך אַזוי טיף איינגעקריצט אין אונזער זכרון און אַ דאַנק וועמען, מיר האָבן גובר געווען אַלע צרות, רדיפות, פּאָגראָמען און גזרות און... געבליבן אידן.

איך האָב עס שוין איינמאָל געזאָגט און איך חזר עס איבער.

דו וועסט לייענען אָט דעם בוך, עס וועט זיך טאַקע ריידן וועגן טעפּ־ליק, אָבער, דו וועסט דערקאָנען דיין סאָבעליוועקע, דיין מאָנקיווקע, דיין קראַסנאָסטאָוו, דיין כאָשטשעוואַטע, און דיין טאַלנע. דו וועסט אין יעדער בלעטל פון בוך דערקאָנען דיין אַלטע היים און דיינע קינדער און יוגנט־יאָרן. דו וועסט דאָרט דערקאָנען נאָטע קוראָלאָפּניק און חנאַ בלעכער, דו וועסט דערקאָנען דיין אייגענעם „איינפאַר־הויז״ וואו עס איז צוגעקלאַפּט אַ טאָב־ליצע „גאָסטיניצאַ פראַנציאַ״ אָבער, אַ חוץ אַ סך בלאָטע און ווייניק עסן, אַ חוץ אַ סך קליינע חיהלעך און ווייניק שלאָפנדע נעכט — איז דאָרט ניט געווען, אין אָט דער „גאָסטיניצאַ״. דו וועסט אין בוך לייענענדיק, דערזען בוקאָווסקיס אַפּטייק און חוה לאַהס „אַפּטייטשנע מאַגאַזין״ און דו וועסט דערקאָנען די האָלאָוואַניסקער אַפּטייק און דעם וואָזנעסענסקער „אַפּטייטשנע

סקלאַד״ און עס וועט דיר געבן אַ גלעט ביי דער נשמה ווען דו וועסט זיך דערמאָנען אין זיי.

און ווייטער, וועסט לייענען און לייענען, וועסט דערקאָנען דעם וואָ־לאָסט וואו מען האָט זיך געשטעלט צום פריזיוו, וועסט דערזען אונזער „פלאַש־טשאַד״ ביי דער פריסוטסטוויע וואו מען האָט פון אינעווייניק געהערט ווי מען גיט אַ זאָג „גאַדיען״ און... מאַמעס און כלות, און אַפּט, אַפּט, שוין פרויען און קינדער האָבן... געחלשט. עס וועט דיר דערמאָנען אין דיין „שטעלן״ זיך צום פריזיוו, אין דיין דערהערן דאָס וואָרט „גאַדיען״, און ווער ווייסט? מעגלעך, אַז איך וועל אַרויסרופן טרערן אין דיינע אויגן. אויב יאָ — זיי מיר מוחל.

איך האָב דעם ערשטן בוך פון מיינע זכרונות וועגן אונזער אַלטער היים, דעם ערשטן „טעפּליק, מיין שטעטעלע״ געהייליקט, דעם אָנדענק פון אונזער ליבער אַלטער היים. ניט וויכטיק איז צי דאָס שטעטעלע וועלכעס איך האָב באַשריבן האָט געהייסן: טעפּליק, אָדער לידווינקע, טערניוווקע אָדער גייווראָן, סאבעליווקע אָדער סאָקאָליווקע, טערליצע אָדער קריוואזער, האָלאָ־וואניסק אָדער טשעטשעלניק. ניט וויכטיק צי דאָס שטעטעלע האָט געהייסן קיליע אָדער מארקאלעשט, אוריעוו אָדער טעלענעשט, באַר אָדער מעזביזש, סאווראן אָדער מאָנאַסטערישטש, לאַדישען אָדער לאַדיזשענקע, בערשאַד אָדער טולטשין. יעדער איינער וואָס וועט לייענען אָט דעם בוך, וועט דאָרט דער־קאָנען ז יי ן שטעטעלע מיט זיין מאַרק, מיט זיינע מאַרק־זיצערנס, זיינע מלמדים און זיינע באַהעלפער. אין טעפּליק האָט דער באַהעלפער געהייסן בעני בוץ. אין באַפאַליע אָדער גאַלטע האָט ער געהייסן חיים פלאָקן. דער נאָמען איז געווען אַן אַנדערער אָבער דער טיפּ — דער זעלבער און... וואָס פאַר אַ „שנאה״ איר האָט צו אים געהאַט קינדווייז — אַ י צ ט, ביים דער־מאָנען זיך אין אים ביים דערמאָנען זיך ווי אַזוי ער האָט דיך געטראָגן אין חדר אַריין און אויפן וועג — אויפגענאָשט דיין איבערבייסן און... דו ביסט געווען צופרידן דערפון, ביים דערמאָנען זיך אין אָט יענע יאָרן, וועסטו אַ שמייכל טון — אַזוי האָף איך — דו וועסט אים מוחל זיין און... דאָס וועט זיין מיין באַפרידיקונג ווייל... אויך איך בין מוחל מיינע מלמדים וואָס האָבן מיטן קאַנטשיק אַריינגעהאַקט אין מיר תורה און מיינע באַהעל־פער וואָס האָבן מיך אויף די פּלייצעס געטראָגן אין חדר אַריין און ווען מען האָט מיך געשטעלט אין קינע — האָבן זיי, מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט, געהיט אַז איך זאָל זיך ניט אויסדרייען אָדער זיך, חלילה, אַ זעץ טון אויף דער ערד און אַפּרוען מיינע פיר־יאָריקע קינדערשע פיסעלעך...

און איך קער זיך ווידער אום מיט אַ באַמערקונג וועגן ערשטן בוך „טעפּליק, מיין שטעטעלע״. דער אויבנדערמאָנטער בוך, איז געשריבן גע־

וואָרן אין דער היימישער טעפּליקער שפּראַך, אַזוי ווי מען האָט אין טעפּליק גערעדט.

דער צווייטער בוך, אַט דעם וואָס איר וועט איצט לייענען פאַרמאָגט שוין אַ סך רוסישע — בעסער געזאָגט — רוסיפיצירטע ווערטער. איך בין אויסן געווען צו זיין נעענטער צו דער רעאַליטעט, נעענטער צו דעם אמתן רעאַלן לעבן פון יענער צייט.

ביים פאַרענדיקן די „עטלעכע ווערטער" קאָן איך ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט אום ניט צו פאַרדאַנקען און באַדאַנקען די יעניקע וועלכע האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן און מיטגעהאָלפן אַז דער צווייטער באַנד זאָל דערשיינען — טעכניש — וואָס שענער, שנעלער און בעסער. מיין ערשטן דאַנק, דעם אייגנטימער פון דער ערשטקלאַסיקער „לינאָטיפּיע לאָבאָר", דעם פריינט סימאָן עידעלמאַן, דעם בעסטן אידישן זעצער, אויף וועמען אַ שרייבער מעג זיך פאַרלאָזן, דאָס אויב ער האָט אַנגעשריבן אַ וואָרט ניט ריכטיק — וועט ער עס שוין פאַריכטן — דאָס איז דער זעצער ח. באַס, דעם מאַשיניסט כאַסע ברוסקי, וועלכער האָט געהיט אַז דער בויגן זאָל אַרויס גוט געדרוקט און פּערפעקט ריין, די אייגנטימער פון דער דרוקעריי מושקאַט און זאַסלאַווסקי, וואו די בויגנס האָבן זיך געדרוקט — און אויף שנעל געדרוקט, און דעם שעף פון אייבנבינדעריי אין אַט דער דרוקעריי, דעם פריינט יאָסל מושקאַט, וואָס האָט געהיט אַז קיין בויגן זאָל ניט גיין לאיבוד. זיי אַלע מיין האַרציקן און האַרציקן דאַנק און יישר כוח.

און נאָך אַ פּאָר שורות:

דער קאָרעקטאָר פון בוך, מיין פריינט אברהם פערלין, האָט געהיט, אַז קיין גרייזן זאָלן ניט אַריין. אָבער, גיי זיי אַ מלאך און פאַרהיט אַ בוך פון העכער צען טויזנט שורות פון אַ גרייז? פאַראַן עטלעכע, זייער מינדער־וויכטיקע. אָבער, אויף איין גרייז, ווילן מיר דאָ, באַצייטנס מאַכן אַ תיקון טעות.

אינעם זייטל 112, איז די לעצטע שורה, וועלכע הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „פלעגט מען מיך..." אינגאַנצן אָן איבעריקע. מען דאַרף, אָנ־שטאָט אַט דער שורה גאָר לייענען אַזוי:

...„לערנט ביי זאַגרייען האָט שוין" — און ווייטער לייענט זיך שוין די זייט 113.

כאָטש, ווי געזאָגט, דאָ, איז ניט קיין פּלאַץ אויף אַ תיקון טעות, אָבער, אַזוי ווי מיר ברעכן אַ סך מנהגים — ברעכן מיר אַט דעם מנהג אויך...

דער מחבר

קאַפּיטל איינס

מזל טוב! אַ בן זכר!

דאָס גאַנצע שטעטל ווייסט ווען אַ אידענע גייט צו קינד. — יאַכצע די „בובע". — די טעפּליקער „פּאַרטערע". — זי „באַרואיקט" די קימפּעטאָרן. — עס ווערט גע־בוירן אַ „בחורעץ". — אַביסל פרייד און אַביסל צרות. — מען פּראַוועט אַ „בן זכר". — מען שמועסט וועגן פּאָליטיק, שפּאַניע און קובאַ. — געפּטרט די „לנאַטע". פּאַניע גנבם געזעצן. — די ווייבער זיצן ביי דער קימפּעטאָרן. — ווער האָט דערהערט דעם ערשטן געשריי? — אַ מזל צו אַ ברית. — עס גייט אַ שלאַקס־רעגן. — אהרן שוחט, דער בעסטער מוהל. — דער מאָנאַסטירישטשער רבי און שלמה סיראָטאַ. — מזל־טוב. — דאָס קינד האָט אַ „חסרון". — די „בובע" זאָגט אָן די „בשורה" און נעמט דערפאַר אַ סך טרינק־געלט. — דער געבורט פונם העלד פון אָט דער באַשרייבונג.

דוכט זיך, אַז טעפּליקער אידן האָבן געהאַט גענוג צרות אויסצושטיין אויף דורכצושטופּן, ווי ניט איז, די זעקס טעג אין דער וואָך וואָס מען האָט געהאָרעוועט אויף דער בידנער פּרנסה. דאָך! ווען אַ טעפּליקער אידענע איז „געגאַנגען צו קינד" — האָט דאָס גאַנצע שטעטל געוואוסט! און רייזל נוסקעס איז נישט געווען קיין אויסנאַם! ווען זי איז געגאַנגען צו קינד, איז גע־לעגן געוואָרן און געבוירן אַ בחור — האָט טעפּליק נישט געדאַרפט אָנקומען צו די היינטיקע מעטאָדן פון געוואוירע ווערן דורך די בלעטער, וואו מען ווערט באַגריסט — נאָר האָט באַלד געהאַט די ידיעה.

און טאַקע! גייט ווייסט נישט, אַז מען ווערט געלעגן, ווען די קימפּעט־טאָרן ליגט, —נישט אין אַ שפּיטאָל־זאָל אָדער סאַנאַטאָריע— נאָר ביי זיך אין שטוב, אינם טאָג־טעגלעכן צימער און בעט, און אירע קולות הערט מען, נישט בלויז אין שכינותדיקן הויז וואָס געפינט זיך אַ וואַנט אין אַ וואַנט, — נאָר אויף דער צווייטער גאַס! גייט, ווייסט ניט, אַז רייזל נוסקעס „גייט צו קינד", ווען אין מיטן האַלבער נאַכט, וועקן דיך אויף פון שלאָף די קלאַפּע־רייען אין יאַכצע דער בובעס לאָדן. דאָס וועקט זי נוסקעס טאָכטער, אַז זי זאָל קומען שנעל ווייל די ׳מאַמע האָט שוין ווייען!״ אויף צו להכעיס, איז יאַכצע אַ שטיקל טויבע, געקומען פון אַ שקאָרלאַטינע, זאָגט זי, און מען דאַרף לאַנג קלאַפּן ביז זי דערהערט! און אַז זי דערהערט שוין, הויבט זי אָן

האָבן טענות, פאַרװאָס האָט מען איר נישט געמאָלדן פריער אײדער זי האָט זיך געלײגט שלאָפן. װײל מען איר דערקלערן, אַז די „װײטיקן" זײנען ערשט איצט געקומען, אָבער, גײ דערקלער איר, אַז... זי הערט נישט װאָס מען רעדט צו איר!

דערפאַר האָבן שױן די שכנים אַרום איר, — װײבער, אידישע מאַמעס, מיטפילנדע פּשוטע אידישע װײבער, — רחמנות אױף דער קימפּעטאָרן, אױף דעם מײדל װאָס שטײט האַלב נאַקעט און קלאַפּט אין לאָדן, און זײ העלפן צו, צוצואײלן דער ‚בובע" זיך אָנטון און אַװעקגײן צו דער קימפּעטאָרן — און אַ פּאָר װײבער, נשים צדקניות — גײען אױך מיט, טאָמער דאַרף מען מיטהעלפן.

אױפן װעג, מער לױפנדיק װי גײענדיק, װערט די בובע געװאױרע בײם מײדל, אַז דער טאַטע איז ניטאָ, אַװעקגעפאָרן נעכטן קײן לאַדיזשינקע אױפן יאַריד, פון דאָרט װעט ער פאָרן קײן לידװינקע און אַהײם װעט ער ערשט קומען הײנט פאַרנאַכט... די בובע װײל שױן האָבן טענות צום מײדל, פאַר־װאָס דער טאַטע איז אַװעקגעפאָרן, װיסנדיק אַז הײנט־מאָרגן קאָן די מאַמע געלײגן װערן!... זי װערט אָבער פאַרשטילט װען דאָס מײדל דערמאָנט איר, אַז ערשט הײנטיקן זונטיק האָט די בובע געזאָגט דעם טאַטן, אַז די מאַמע װעט נאָך „שלעפּן" אַ מאָנאַט!..

אָט אַזױ האָט זיך אָנגעהױבן אין טעפּליק דאָס ‚גײן צו קינד", אַזױ האָט געטראָפן מיט צענדליקער און הונדערטער טעפּליקער, טערניװקער, בערשאַדער, טולטשינער און טאַלנער אידישע מאַמעס און אָט אַזױ איז ראש חדש אדר תרנ"ח — דעם ערשטן פעברואַר פון 1898 — געבױרן געװאָרן דער „העלד" פון אָט דער באַשרײבונג —

װעלװל נוסקעס.

אונזער באַשרײבונג װאָלט געװען ניט דערגענצט, װען מיר זאָלן אײך ניט באַקאַנען מיט יאַכצע די „בובע" — די טעפּליקער „פּאַרטעראַ", װעלכע האָט, מיט די פּרימיטיװסטע מיטלען, אָן אינזשעקסיאָנעס, אָן אַ „קאַמאַ־דוראַ" (אַ האַרט בעטל װאָס מען נוצט אין די שפּיטעלער) „געגעמען" צענד־ליקער און הונדערטער אידישע און ניט־אידישע קינדערלעך, און װעלכע זײ־נען געבליבן לעבן, געבליבן גאַנץ — אָן אַ חסרון פון איר „נעמען".

אַ קלײנטשיקס, אַ זשװאַװע, אַ דאַרס, מיט דאַרע אױסגעטרוקנטע הענט און האַרטע פינגער. אַ אידענע — װען איך געדענק זי — איז זי שױן אַלט געװען אַ יאָר פופציק! זאָגט איטלעכן „דו", און ספּעציעל איז זי אױף „דו" מיט אירע „פּאַציענטקעס"! בײם „נעמען" דאָס קינד, רעדט זי צו איר, װי

צו אַן אייגן קינד, הייסט איר שרייען — ווייל פון שרייען ווערט גרינגער, און זאָגט איר צו, אַז אַט־אַ! און דער „אַט־אַ" געדויערט אַמאָל... אַ טאָג און צוויי און דריי אויך!... ביי דער ארבעט איז זי „ערנסט", אָבער ווי נאָר דאָס קינד איז שוין אויף דער וועלט האלט זי זיך אין איין נאָכקרומען דער קימ־פעטאָרן —

אַט אזוי האָט אויסגעזען אונזער טעפליקער „פּאַרטערא".

מען דאַרף אָבער ניט דענקען אַז גאַנץ טעפליק איז געווען אויסגעשטעלט בלויז אויף יאַכצע די בובע און זי איז געווען די איינציקע וואָס האָט „גע־נעמען" ביי טעפליקער ווייבער די קינדער.

געווען נאָך אַ פּאָר ווייבער „בובעס" פון... „קלענערן גראד". ווייבער, וועלכע מען פלעגט באַנוצן בלויז דאַן, ווען יאַכצע איז געווען פאַרנומען, אָדער ווען מען איז ניט געווען בכוח צו באַצאָלן יאַכצען איר „הויכן האָנאָ־ראר", פון... אַ גאַנץ פינפערל! יענע ווייבער פלעגן זיך באַנוגענען מיט אַ דרייערל אויך, און אַז מען האָט זיי געגעבן 2 קערבלעך האָבן זיי אויך געזאָגט „אַ שיינעם דאַנק און זאָל עס אייך וואַקסן אין פריידן"!

טעפליקער ווייבער פלעגן אָבער זייער זעלטן אָנקומען צו אָט די צווייטראַנגיקע „בובעס". און פּונקט ווי אַ היינט־וועלטיקע יונגע פרוי שטרעבט צו געבוירן אַ קינד אין אַ סאַנאַטאָריע, אי דאָס — אין „ערשטן קלאַס" — אזוי האָט אַ טעפליקער אידענע געבעטן גאָט, אַז עס וועט „קר־מען די גוטע שעה" זאָל נעבן איר בעטל שטיין יאַכצע די בובע.

פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען אויך געווען פאַלן ווען מען האָט צו אַ קימפּעטאָרן גערופן דעם דאָקטאָר פיגורסקי אָדער הערשל רופא, אָדער ביידע צוזאַמען. דאָס פּלעגט געשען, ערשטנס, ווען די קימפּעטאָרן איז גע־ווען אַ גבירנטע אָדער אַ גבירס אַ בת־יחידה'קעלע, וועמען עס איז גלאַט ניט אָנגעשטאַנען אַז אַ פּשוטע אידענע זאָל „נעמען" ביי זיין טאָכטער אַ קינד אָדער, חלילה, אין אַ נויט־פאַל ווען די קימפּעטאָרן איז געגאַנגען שווער צו קינד, אָדער דאָס קינד האָט זיך אָוועקגעלייגט פּאָפּעריק און „האָט ניט געוואָלט ארויס". דעמאָלט איז שוין געווען געוועגדעט אין מזל פון דער קימפּעטאָרן! איז נעבן דער געווינערן געשטאַנען „יאַכצע" — איז זי געווען געגנוג פאַראַנטוואָרטלעך און ניט געוואָלט שטעלן אויף זיך און האָט געהייסן רופן דעם דאָקטאָר. די אַנדערע בובעס פלעגן מורא האָבן פאַרן דאָקטאָר אָדער רופא, און האָבן גאָרניט געזאָגט ביז... די קינפּעטאָרן איז געגאַנגען אין צוויי־דריי טעג ארום, יונגערהייט, פון דער וועלט.

אינטערעסאַנט איז, אַז ווען דער דאָקטאָר איז געקומען האָט ער ניט

געהאַט קיין טענות הלמאי די „בובע" האָט זיך געפּאַרעט ביי אַזאַ איידע־לער זאַך ווי נעמען אַ קינד, ער פּלעגט נאָר מדקדק זיין, אַז די בובע זאָל האָבן ריינע הענט און דער עיקר — אונטער די נעגל זאָל ניט זיין שוואַרץ.

און גראָדע אָט די טייל היגיענע, האָט יאַכצע די בובע שטאַרק געהיט!..

מען דאַרף אָבער ניט מיינען אַז טעפּליק און ספּעציעל — טעפּליקער גבירים, האָבן זיך פאַרלאָזט בלויז אויף די היימישע בובעס. געווען אין טעפּ־ליק אויך אַ דיפּלאָמירטע אַקושאָרקע, טאַקע אַן אמתע אַקושאָרקע וואָס האָט געענדיקט, פריער די גימנאַזיע און דערנאָך געלערנט אין אוניווערסיטעט און — לויט ווי די טעפּליקער „אַריסטאָקראַטישע" ווייבער האָבן עדות געזאָגט — האָט זי אַפילו געענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. די דאָזיקע אַקושאָרקע האָט געהייסן מאַדאַם גרויסמאַן, און איז געווען אַ זעלטענער טיפּ. זי האָט געלעבט און געהאַט פּרנסה בלויז פון די גבירים, אָבער, זי האָט זיי... פיינט געהאַט, ווי אַ פרומער איד אַ שטיקל חזיר. און ווען — ביי אַן עת צרה — האָט מען זי געטרעבעוועט צו אַן אָרעמער פרוי וועלכע איז געגאַנגען שווער צו קינד, אָדער עס האָט זיך געטראָפן עפּעס אַן אַנדער אומגליק דאָרט, איז זי, מיט פאַרגעניגן געגאַנגען און, ניט נאָר זי האָט ניט געפאָדערט קיין גראָשן פאַר איר טרחה — נאָר זי האָט נאָך איבערגעלאָזט דער קימפּעטאָרן אַ... פינפערל אונטערן קישן, און ווען זי פלעגט קומען אַלע טאָג געוואוירע ווערן וואָס די קימפּעטאָרן מאַכט — האָט זי עפּעס געבראַכט. אַפילו אַ „פּליט־קע" שאָקאָלאַד, פונעם בעסטן וואָס ראַציע האָט פאַרמאָגט אין איר גאַסטראָ־נאָמיטשעסקי מאַגאַזין.

ספּעציעל, האָט זי געהאַט אַ שוואַכקייט און אַ באַזונדערן אינטערעס, פאַר די אָרעמע פרויען, וועמענס מענער האָבן צוריק מיט עטלעכע חדשים איבערגעלאָזט די פרויען אין די „אַנדערע אומשטענדן" און אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ווען זי פלעגט קומען צו אַזאַ קימפּעטאָרן, האָט זיך איר מויל ניט צוגעמאַכט. זי האָט געהאַלטן אין זידלען, אין איין שעלטן דעם מאַן, דעם סוואָלאָטש, דעם גראָביאַן, דעם סוויניאַ, דעם מערזאַוועץ, וואָס וויסנדיק אַז די פרוי וועט דאַרפן ווערן אַ מוטער — האָט עס אים אוועקגעטראָגן קיין אַמעריקע.

עס האָט ניט געהאָלפן דער קימפּעטאָרנס פּראָטעסט, אַז דער מאַן איז אוועק מיט איר צושטימיקייט. עס האָט ניט געהאָלפן אַפילו, ווען מען האָט דער מאַדאַם גרויסמאַן געוויזן די בריוו פון דעם אַמעריקאַניעץ מיט זיין „פּיקטשור" און אַפילו די צען מזומנע דאָלאַר וואָס ער האָט צוגעשיקט אויף ווינדעלעך און אויף אייערקוכן פאַר דער קימפּעטאָרן. מאַדאַם גרויסמאַן

האָט זיך געהאַלטן ביי אירס. א מאַן, וואָס לאָזט איבער זיין פרוי אין „אַנ־דערע אומשטענדן" און פאָרט זיך אוועק קיין אַמעריקע, מעג ברענען און קיין ים מיט וואַסער זאָל ניט סטאַיען אים אָפּצולעשן.

דער אָרעמער קימפּעטאָרן האָט ניט געשמעקט אַט די קללות פאַר איר מאַן, זי האָט אָבער אָנגענומען אַלץ פאַר ליב, ווייל מאַדאַם גרויסמאַן האָט גענומען דאָס קינד אָן א גראָשן באַצאָלט...

אַזוי פיל צרות וויפל אונזערע טאַטעס און מאַמעס פון די קליינע שטעט־לעך, די טעפּליקס, האָבן געהאַט פון די זכרים וואָס זיינען ביי זיי געבוירן געוואָרן — דאָך איז דער געבורט פון א זכר געווען א גרויסע פרייד.

אַז עס איז געבוירן געוואָרן א בן זכר, האָט מען טאַקע געהאַט א סך צרות אים צו דערציען לתורה לחופה ולמעשים טובים! א בחור האָט געגעבן אַרבעט באַלד טאַקע, פון די ערשטע פאַר טעג וואָס ער איז געבוירן געוואָרן. איז געבוירן געוואָרן א „מויד" האָט מען פון איר געמאַכט א קליינעם צי־מעס. דער טאַטע איז שבת געגאַנגען אין קלויז, מיטגענומען א פלעשל בראָנפן, לעקעך און שטרודל. ביים לייענען, האָט מען אים אויפגערופן לעלית התורה, געמאַכט אים א „מי שבירך", געמאַכט א מי שבירך דער יולדת, האָט ער מנדב געווען א דרייערל אויף דער קלויז, א קערבל פאַרן רבין, א פערציקער דעם חזן און א גילדן דעם שמש, און ווען עס איז געקומען צום: „ותקרא שמה בישראל", האָט ער א זאָג געטאָן: מרים שרה בת נתן און — אראָפּ פון מאַרק!

אַנדערש איז געווען ווען עס איז געבוירן געוואָרן א בחורעץ! עפּעס איז געווען אַן אַנדער פרייד אין שטוב און אפילו אויפן „מזל טוב" האָט דער טאַטע אַנדערש געענטפערט, ווי איינער רעדט: ווי געפעלט אייך?...

צום ערשטן פרייטיק־צו־נאַכטס, תיכף נאָכן עסן, זיינען זיך צום ניי־געבוירענעם אידן, צוזאַמענגעקומען עטלעכע אידן אויף... „בן־זכר".

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז די אידן זיינען געקומען... ניט גע־בעטענערהייט. דער שמש האָט נאָכן דאַוונען אויסגערופן: נוסקע בעט דעם עולם אויפן בן זכר. איז מען געקומען. מערסטנטייל איז דאָס געווען די נאָענטסטע חברים פון קלויז, און די שותפים און סוחרים מיט וועלכע דער טאַטע האָט געהאַנדלט.

די געסט האָט מען מכבד געווען מיט טרוקענעס, געזאַלצענעם נאַהיד און מיט אַביסל ראָזשינקעס וויין. זיינען געזעסן די אידן, וואָס האָבן נאָר־וואָס אָפּגעגעסן ביי זיך א שבתדיקע וועטשערע און מען האָט געכאַפּט דעם

געזאָלצענעם נאַאיד פון טיש גלייך ווי מען וואָלט געווען טויט הונגעריק.

זיצנדיק ביים טיש, האָט מען דערווייל גערעדט דברי תורה, און בני־ביה, איז מען אריינגעפאָרן אין פּאָליטיק און מען האָט דערציילט וועגן דער מפּלה וואָס שפּאַניע האָט געכאַפּט אין קובאַ (יענע יאָר איז קובאַ באַפרייט געוואָרן), מען האָט אויך דערוויזן מיט אותיות ומופתים, אַז אויך פּאַניע וועט כאַפּן די מפּלה, און ביז פּאַניע וועט כאַפּן די מפּלה האָט דער טאַטע געגעבן אַ טיפן זיפץ. אָט דער נייער וועוויריק וואָס איז געבוירן געוואָרן האָט, ניט ווילנדיק, באַגראָבן זיין עלטערן ברודער אברהמלען, וועלכער האָט איצט פאַרלוירן זיין „ערשטע לגאַטע".

פּאַניע גנב — קיין אַנדער נאָמען האָט דער רוסישער קייזער, ווי בכלל די צאַרישע רעגירונג, ניט געהאַט — האָט אויסגעפונען, אַז אויב אַ פּאַמיליע האָט בלויז איין זון, ווערט ער פאַרעכנט פאַרן ברויט־געבער פון דער פאַמיליע און עס קומט אים די „ערשטע לגאַטע". ביים פּריזיוו האָט מען דאָס ערשטע אָנגעהויבן מיט די וואָס האָבן ניט קיין „לגאָטעס" (פּריווילעגיע) און זעלטן, זעלטן, איז מען צוגעקומען צו די „ערשטע לגאָטניקעס".

איז אָבער אַ טאָג פאַרן פּריזיוו, געבוירן געוואָרן נאָך אַ בן־זכר, האָט דער פּריזיוווניק פאַרלוירן זיין „ערשטע לגאַטע"... דאָס הייסט, די עלטערן האָבן שוין... ווער עס זאָל זיי שפּייזן ווען דער פּריזיוווניק וועט אוועקגיין דינען (פּאַניע גנבס קלוגע געזעצן).

ביי נוסקען האָט געטראָפן אָט דער אומגליק. פּונקט, דאַרף זיך זיין עלטסטער זון גיין שטעלן, און ער האָט זיך שוין אויסגעסטאַרעט די ערשטע לגאַטע — קומט צוגיין אָט דער וועוויריק און הרגעט אים אוועק!...

איז גראָדע דאָ אַן עצה — ניט פאַרשרייבן דעם ניי־געבוירענעם ביז נאָכן פּריזיוו!... האָט מען אָבער מורא פאַר אַ מסירהלע. מען וועט זיכער מסרן. דערהויפּט נאָך ווען נוסקע איז מיט יהודה לייב מאַזעס ניט געווען שוה בשוהו...

זיצט מען אַזוי ביים בן זכר, מען פרייט זיך מיטן מעזיניקל, מען נעמט צו די ווינטשעוואַניעס, אַז מען זאָל אים דערציען לתורה לחופה ולמעשים טובים, עס זיצט אויך דער מחותן — דעם ברודערס שווער, דער רב פון שטעטל, ר' יעקב מאיר, וועלכער ווינטשט, אַז דער בן זכר זאָל זיין געראָטן אין זיין... עלטערן ברודער אין תורה און בנעימותקייט, דער טאַטע שמייכלט צופרידן און שטילערהייט — גיט ער אַ טיפן קרעכץ.

דאָרט, ביי דער קימפּעטאָרן איז אויך ניט אומעטיק. פרייטיק־צו־נאַכטס קומען זיך צונויף די שכנות און באַקאַנטע, ס'איז אויך פאַראַן אַ פּאָר קרובות

און דער עיקר — דער מאַמעס מוטער — די באָבע חנה. די ספּאַלניע (שלאָף צימער), וואו די קימפּעטאָרן ליגט, איז קליין און די לופט איז דושנע — אָבער קיינער גייט ניט אַרויס. און אַלע דערציילן די נסים וועגן דער געווי־נערן, ספּעציעל ווער עס האָט דערהערט דעם ערשטן... געשריי.

גנענדל די פּרימאַלטשיצע, אונזער שכנה פון דער רעכטער זייט, דער־ציילט און שווערט — און מען דאַרף זיין אַ גזלן איר ניט צו גלויבן — אַז זי האָט דערהערט דעם ערשטן געשריי׳ אַ סימן, זי האָט אַ געשריי געטון: אוי! מאַמע! ס׳איז מיר שלעכט! האָט זי אָנגעהויבן וועקן טרייטלען איר מאַן, ער זאָל אויפשטיין. האָט טרייטל אַ שווערן שלאָף, און זי האָט אים קוים דער־וועקט. איז זי באַלד אַריין אין אַ שטוב און געשיקט מרים־שרהן נאָך דער „בובע״ און ווען די בובע איז געקומען האָט זי שוין געטראָפן אַ טשייניק הייסע וואַסער...

די מאַמע ליגט שטיל און לאָזט זיך זיי באַרימען, ווייל דער אמת איז, אַז דעם טשייניק וואַסער האָט זי, די מאַמע, צוגעשטעלט ווי נאָר עס האָט זי „אַ כאַפּ געטון״...

העניע איצי־באַסעס — אונזער שכנה פון דער צווייטער זייט, האָט זיך אויך ניט געלאָזט שפּייען אין קאַשע און האָט אויך דערציילט, אַז זי האָט געהאַלטן ביים פּערטן גענייץ — איר געניצן האָט געהאַט אַ שם אין שטעטל — האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז מען קלאַפּט אין פענצטער — ווען זי איז צוגעקומען אַ קוק טון ווער עס קלאַפּט — האָט זי קיינעם ניט גע־טראָפן, נאָר זי האָט דערהערט ווי רייזע שרייט — האָט זי שוין פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען די „גוטע שעה״, איז זי תיכף אַריין אין שטוב און געשיקט מרים־שרהן נאָך דער בובען...

איר גליק איז געווען וואָס מרים שרה איז דערביי ניט געווען ווען זי האָט דאָס דערציילט. זי וואָלט איר אויפגעוויזן, אַז זי איז אַריינגעקומען שוין „נאָך אַלעמען״...

דבורה די פּעקאַרניטשקע דערציילט גאָר פון עט־עט פריער. זי איז פאַרנאַכט אַריינגעגאַנגען צו אונז אין שטוב לייען אַ הויפּטל קנאָבל וואָס עס האָט איר אויסגעפעלט צו דער זראַזע וואָס זי האָט געקאָכט — איר מאַן, איר גבריאל, האָט ליב זשאַרקאָיע מיט אַ סך קנאָבל און גראָדע האָט איר אויסגעפעלט נאָך אַ הויפּטל — אַזוי זאָגט זי, האָט זי אַ קוק געטון אויף רייזלען, איז זי איר ניט געפעלן געוואָרן׳ האָט זי זיך ניט געשעמט און זי

אַ טאַפּ געטון ביים בויך און האָט איר נביאות געזאָגט, אַז היינטיקע נאַכט וועט גאָט העלפן!... און טאַקע דערפאַר האָט זי, דבורה, ניט צוגעמאַכט אַן אויג און געוואַרט אויף דער גוטער מינוט. נאָר ווי אויף צו להכעיס איז פּונקט ווען מען האָט געדאַרפט — איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן.

אָט אַזוי פאַרברענגט מען דעם ערשטן פריטיק־צו־נאַכטס ביים נייעם אידן.

דער אמתער טומל הויבט זיך אָן ביים פּראַווען דעם ברית.

דער בחורעץ איז טאַקע ניט אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט. געמעגט קומען מיט אַ יאָר שפּעטער, אָבער — אַ „מעזיניק״ איז ער! און ביי אַ מעזיניק פּראַ־וועט מען אַ ברית מיטן גאַנצן טראַסק. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער בן זכר, איז געבוירן געוואָרן מיט מזל. ווייל, פּונקט צום ברית האָט שטאַרק גע־רעגנט, ספּעציעל האָט גערעגנט פאַרטאָג, ווען קיינער איז ניט... געפאָרן אויפן יאַריד, אַזוי אַרום האָט מען געקענט קומען צום ברית צו נוסקעס מע־זיניק. וואָלט ניט געווען גערעגנט, וואָלטן די איינגעלאַדענע געסט זיכער ניט געבליבן אויפן ברית און איבערגעלאָזט טערניוקער יאַריד, וועלכער פּלעגט געבן פּרנסה בשפע.

מוהלים האָט טעפּליק פאַרמאָגט עטלעכע. אָבער, אַזאַ מוהל ווי אהרון שוחט איז געווען — איז קיין צווייטער ניט געווען אין גאַנץ ראַסיי — אַזוי האָבן די אידן געזאָגט: זיין חלף און זיין מציצה האָבן געהאַט אַ שם. איי, דאָס וואָס ער האָט געהאַט אַ מויל מיט פאַרפוילטע ציין — דאָס האָט קיין שום קינד ניט געשאַדט און קיין שום טאַטע האָט זיך פון דעם ניט מצער געווען!...

דער ברית פון דעם נייעם אידן, וואָלט אפשר געווען אָפּגעגאַנגען שטיל, ווען דער שטן זאָל ניט געווען איינריידן דעם טאַטן, ער זאָל איינלאַדן צום ברית שלמה סיראָטאַ — אַ באַוואוסטער אפיקורס און אָפּשפּעטער פון אי־דישע מנהגים, אַ איד וואָס האָט גערויכערט אום שבת און אַ סברא אַז ער האָט אפילו געזאָגט אַז...

— קיין גאָט אויף דער וועלט איז ניטאָ!...

זיצנדיק אַזוי אַרום די געדעקטע טישן, ביי די הייסע פיש, האָט עמי־צער פון עולם דערציילט, בעסער געזאָגט — אויסגעזאָגט, אַז די מאַמע — באַזאָרגט וועגן דער „פּערווי לגאַטע״ פון איר זון, — איז צוריק מיט עט־לעכע חדשים געפאָרן צום מאָנאַסטרישטשער רבין, און אים געבעטן אויף

א..׳ מיידל. דער רבי האָט צוגעזאָגט דער מאַמען, אַז עס וועט איה״ש זיין א בתולה! זי האָט אים איבערגעלאָזט א שיינעם „פדיון״ און געקומען אהיים א רואיקע און זיכערע אַז עס וועט זיין א מיידל. און פּלוצים: אזא „אומ־גליק״...

שלמה סיראָטאַ האָט מער ניט געדאַרפט. ער האָט גענומען חוזק מאַכן פון אַלע „גוטע אידן״ און ספּעציעל פון מאַנאַסטרישטשער רבין, וועלכער האָט געהאַט עטלעכע חסידים צווישן די בייוועזנדע. נו, נו! איז שיעור גע־קומען צו... א געשלעג.

אָבער א זיגער איז פּאַרט ארויס שלמה סיראָטאַ. ער האָט זיך גע־ווינטשעוועט און געהייסן דעם מוהל זיך גוט..׳ צוקוקן, צי דער מאַנאַסטרישטשער רבי איז ניט גערעכט! און אפשר וועט גאָר דער מאַנאַסטרישטשער רבי אייך פאַרשעלטן וואָס איר זענט מוהל זיין „בתולה״ — האָט ער געטענהט צו אהרון שוחט.

עס איז אָבער געוועזן באַשערט אַז די שמחה זאָל ניט פאַרשטערט ווערן. די „בובע״, וועלכע איז בייגעווען דעם ברית און האָט גענומען „לעקעך־געלט״ (פּונקט ווי דאָ, נעמט די סאַרווערן „פּראָפּינע״ אויף א אידישער חתונה) האָט דערציילט א „סוד״: דער „בחור״ האָט א חסרון, דוכט זיך אַז איין פּיסעלע איז קלענער...

דער מוהל, וועלכער איז שוין געווען גוט פאַרשנאַשקעט האָט אויך געזאָגט, אַז אים דוכט זיך אַז איין פּיסעלע איז... גרעסער פון צווייטן. אויב אזוי קומט דאָך נאָך אמאָל... מזל טוב! ערשטנס, וועט דער בחור ניט זיין קיין סאָלדאַט און צווייטנס — מיט אָט דעם חסרון קאָן מען שוין נאָך אמאָל אָנהויבן פּראָווען די „פּערווי לגאָטע״ פאַרן עלטסטן זון. אזוי זאָגט בפירוש דאָס געזעץ!׳.. א ברודער האָט די ערשטע לגאָטע, אויב דער צווייטער איז א קאַליקע...

צוליב וואָס די „בובע״ האָט דעמאָלט ארויסגעלאָזט אָט דעם ליגן — האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען. ווייזט אויס, אַז פּשוט עס האָט איר געלוינט צו איר פּרנסה... ביים נעמען טרינק־געלט.

כדאי אָבער צו דערמאָנען, אַז לסוף האָט שלמה סיראָטאַ געכאַפּט א מפּלה, און נאָך וואָס פאַר א מפּלה.

ווען די מאַמע איז אין צוויי חדשים ארום נאָכן אויפשטיין פון קימפּעט

אוועקגעפאָרן צום מאָנאַסטרישטשער רבין מיט אַ גאַנצער טענה: היתכן? ער האָט דאָך איר צוגעזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ בתולה! דער מאָנאַסטריש־טשער רבי האָט זי אָבער באַרואיקט און איר געהייסן אַהיימפאָרן און — עס וועט איה"ש, זיין גוט, און...

עס איז טאַקע געוועזן גוט. דער ברודער האָט טאַקע די „לגאַטע" ניט געקראָגן, דערפאַר אָבער האָט ער געקראָגן אַזאַ קליינעם נומער, אַז מען איז צו אים ניט „צוגעקומען" און

ער האָט געקראָגן אַ „בלויען בילעט" און — די מאַמע האָט געזיגט איבער שלמה סיראָטאַ...

פאַרשטייט זיך, אַז פון אָט דער געשיכטע איז דעם מאָנאַסטרישטשער רבינס כבוד, געוואָרן נאָך מער דערהויבן ביי אונז. אַ קליינינקייט, ער האָט געזען, ברוח הקדש, אַז נוסקעס זון וועט ניט גיין דינען און האָט עס נביאות געזאָגט; ער האָט געהייסן רייזל נוסקעס זיין רואיק, ווייל ער האָט עס גע־וואוסט, אַז זי מעג זיין רואיק...

קאַפּיטל צוויי

מיין ערשטער חדר

פון ווען אַן געדענקט אַ מענטש וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין לעבן? — צו דריי יאָר אין חדר אריין. — יאָסל שעסטאָפּאַליעץ. — די „קינע" אין שטעטל. — פון „קינדער־גאָרטן" ביז צום סדור. — דער מעזינעק ווייזט ארויס „גאונות". — פרעגט די קשיות און לייענט אין דער הגדה. — דער רבי שלאָגט, ממיתט און די מאַמע זאָגט: „געבענטשט זאָלן זיין זיינע הענט". — איך מאָך אַ זייפן־בלאָז און כאַפּ מיטן גראָבן פינגער אין דער ריפּ אריין. — יאָסל שעסטאָפּאַליעץ פאַרלירט זיין קנעלונג. — עס וועט מיר גאָרנישט זיין, איך וועל בלויז „בלייבן מיט אַ חסרון". — די ראָל פון „באָהעלפער" ביים מאַכן אונז אַלס אידן. — מען איז גליקלעך וואָס ער נעמט „כּאָבאַר". — אידל כוואַט און זיין „קאָלענע" בעני בוץ. — זיי פירן די קינדער „לייענען קריאת שמע" ביי אַ קימפּעטאָרן. — די שיר המעלותן וואָס פאַרהיטן פון שדים. — עס גיסט זיך בלוט צוליב אַ לעקעכל...

פון ווען אַן געדענקט אַ מענטש וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין לעבן?

פאַראַן מענטשן וואָס געדענקען ניט וואָס זיי האָבן נעכטן געגעסן, און דאָך געדענקען זיי וואָס מיט זיי האָט געטראָפן מיט יאָרן צוריק.

אָט די מחשבות פלעגן מיר אריין אין קאָפּ ווען איך פלעג זיך זעצן שרייבן אַ קאַפּיטל „טעפליק". מערקווירדיק, איך געדענק זייער ווייניק זאַכן וואָס האָבן מיט מיר געטראָפן צוריק מיט חדשים אָדער מיט אַ פּאָר יאָר. ניט איינמאָל טרעף איך אָן אַ מענטשן וועלכן איך האָב געזען צוריק מיט אַ פּאָר יאָר און איך קאָן, פאַר קיין פאַל, זיך ניט דערמאָנען ווער ער איז? נעם איך זיך אָבער פאַרצייכענען איבערלעבונגען פון צוריק מיט קרוב צו פופציק יאָר, — אַזוי זע איך אַלץ אַזוי קלאָר און דייטלעך, גלייך, ערשט נעכטן איז דאָס געווען.

אָט שטייט מיר קלאָר פאַר די אויגן דאָס בילד, ווען איך האָב אָנגעהויבן „גיין" אין חדר. איך שטעל דאָס וואָרט גיין אין גענזנפיסלעך, ווייל אייגנטלעך בין איך ניט געגאַנגען, נאָר מען האָט מיך אַוועקגעטראָגן אין חדר אריין. איך געדענק עס אַזוי קלאָר ווי ערשט נעכטן איז דאָס געווען, איך בין שוין

געװען אַ „בחור" פון... צװײ יאָר מיט אַכט חדשים. תיכּף נאָך סוכּות, איז געקומען מײַן שװעסטערקינד װאָלצי — אַ בחור׳ל פון אַ יאָר צען, און מיך גענומען אױף די הענט און אַװעקגעטראָגן צו יאָסל שעסטאַפּאַל. װאָלצע איז שױן געװען אַ גמרא־אינגל און זײַן גמרא מלמד האָט געװאָלט אַקעגן מײַן מלמד, האָט מען עם אים געהײסן אַז ער זאָל מיך די ערשטע פּאָר טעג טראָגן און ברענגען פון „חדר".

דער מלמד, דער יאָסל שעסטאַפּאַל — אַ איד מיט זעקס פינגער אױף דער רעכטער האַנט — האָט געהאַט אַ חדר פּאָר צװײ „קלאַסן" קינדער. אײן קלאַס — די גאָר יונגעטשקע, אַזעלכע װי איך, זײַנען געגאַנגען אין „קינדער־גאָרטן". דער „קינדער־גאָרטן" איז באַשטאַנען פון אַ גרױסע לי־זשאַנקע בײַם אױװן, װאו מיר זײַנען געזעסן, זיך געװאָרעמט און געקוקט װי די גרױסע לערנען דעם „אלף־בית.

אַזױ בין איך אָפּגעזעסן װאָכן און חדשים, ביז אַרום פּורים צײַט, האָט דער טאַטע אים געהײסן מיר װײַזן אַן „אלף" מיט אַ „בית" און אפשר טאַקע דעם גאַנצן אלף־בית. אָבער — מײַן טאַטע — אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן — האָט גאָר קײן צײַט ניט געהאַט זיך אומקוקן רעכט אױף מיר. שטענ־דיק פאַריאָגט און פאַרזאָרגט פונעם יאָך פּרנסה, האָט ער גאָרניט געװאוסט, אַז דער מעזינעק זײַנער ,װעלכן ער האָט געשיקט בלױז זיצן אין חדר — האָט פון זיך אַלײן, שױן אױסגעלערנט דעם גאַנצן אלף־בית. און װי איבעראַשט איז ער געװאָרן װען צו די דרײַ יאָר האָב איך שױן בײַם סדר געפרעגט די קשיות װי אַ גרױסער, און שױן געקאָנט איבערלײענען דאָס װאָרט 'מה נשתנה"...

אַן איבעראַשונג פון מײַן „גאונות" איז אױך געװען פאַר יאָסל שעסטאַ־פּאַלען, װעלכער האָט מיך אַראָפּגענומען פון דער ליזשאַנקע, מיך אַרײַנגע־זעצט צװישן די גרױסע װאָס „לערנען" שױן אין סידור און האָט מיר אָנגע־הױבן טײַלן... קלעפּ גלײַך מיט די גרױסע. און — ניט אַזױ די קלעפּ, װי דאָס שטעלן אין „קינע".

דאָס שטעלן אין „קינע" איז פאַר אונז קלײנװאַרג געװען די גרעסטע שטראָף, גרעסער נאָך װי כאַפּן פּעטש. מען כאַפּט אַ פּאַטש, טוט װײ אַ ביסל, מען גיט אַ װײַן, עס געדױערט עטלעכע מינוט און — שױן, פאַרגעסן. דאָס שטײן אין „קינע" איז געװען אַן אָפּקומעניש. און װען מען האָט אונז נאָר אַ סטראַשע געטאָן: „איך װעל הײסן דעם רבין דיך שטעלן אין קינע", איז

געװען געגוג, אַז מיר זאָלן פאָלגן אַלץ װאָס מען הײסט אונדז. און טאַקע: נעמען אַ קינד פון דרײַ יאָר, אים אָנטון אַ פּאַפּירענעם „קאַלפּאַק" אױף זײַן קאָפּ, און אים אַװעקשטעלן מיטן פּנים צו דער װאַנט אױף גאַנצע צװײ און אַמאָל דרײַ שעה — איז טאַקע געװען אַ באַרבאַריש שטיקל אַרבעט.

ניט שטענדיק איז מען געשטאַנען אין „קינע" אין חדר, װאו עס איז װאַרעם, און װאו עס איז פאַראַן דער אױװן אָדער אַ הרובע. אָפּט, אָפּט, פלעגט ער אונדז אַװעקשטעלן אין סאַראַי, אין שטאַל, װאו ער האָט געהאַלטן די ציג און די געגנז אױף פּסחדיק שמאַלץ. דער סאַראַי איז דורכגעלעכערט פון אַלע זײַטן, עס יאָגט אַ װינט, אַ קעלט, אַ זאַװערוכע, און דאָס קינד פון דרײַ יאָר, שטײט אױף די פיסלעך, קאַרטשעט זיך אין דרײען און טאָר זיך ניט אױס־דרײען, װײַל דער „באַהעלפער" שטײט מיטן קאַנטשיק און היט דיך. װײנען טאָר מען אװדאי ניט. דער קאַנטשיק װעט דיך באַלד אײַנשטילן...

ניט אײנמאָל, װען איך דערמאָן זיך יענע יאָרן און פאַרגלײַך זײ מיטן לעבן און מיט דער דערציאונג װאָס מיר גיבן אונזערע, הײַנטצײַטיקע, קינדער, קאָן איך נאָך ניט פאַרשטײן, װי אַזױ האָבן מיר עס איבערגעלעבט און אױ־בערגעטראָגן און אַרױס געזונט מיט אַלע אבֿרים.

און װער װײסט? אפשר אָט די „דערציאונג" פון שטײן אין שטאַל, אין „סאַראַי" און דער װינט יאָגט פון אַלע זײַטן, אָדער אפילו שטײן שעהנװײַז אין חדר, אין װינקעלע, איז געװען דער גורם פאַר די צוקילעכצן, פאַר די „אַנגינאַס" און שקאַרלאַטינעס מיט װעלכע מיר, קינדערלעך, זײַנען אַזױ אָפּט געשטראָפט געװאָרן און... װאָס האָט אונדז הונדערטערװײַז געטריבן יונגערהײט פון דער װעלט...

אײן זאַך װיל איך יאָ אונטערשטרײַכן: װען דאָס טעפּליקער קינד איז געקומען אַהײם, און זיך פאַרקלאָגט פאַר דער מאַמען און אפילו געװײנט, אַז עס װיל מער ניט גײן אין חדר, װײַל דער רבי שלאָגט, ממיתט, שטעלט אין „קינע" — האָט די מאַמע געהאַט אײן װאָרט פאַרן רבין:

„געבענטשט זאָלן זײַן זײַנע הענט"...

אַז אַ מאַמע זאָל אַװעקגײן צום רבין און אים אָפּזידלען דערפאַר, אָדער אפילו פאַרװאָרפן — איז איר אפילו אױפן זינען ניט אַרױף. און טאַקע: פאַר־װאָס זאָל עס די מאַמע טון? דער רבי „לערנט" דאָך איר קינד, מאַכט אים פאַר אַ „מענטש", קומט דאָך אים אַ יישר כּוח דערפאַר.

װי אַזױ װאָלט געהאַנדלט אַ הײַנטװעלטיקע אידישע מאַמע װען מען זאָל

בלויז צען פּראָצענט אַזוי באַהאַנדלען איר דריי יאָריק קינד?
יאָסל שעסטאָפּאָל האָט אָבער אויך איבערגעכאַפּט די מאָס מיט זיין שלאָגן, מיט זיין אַריינשטעקן דעם זעקסטן פינגער פון דער האַנט דעם קינד אונטער די ריפּן. אַזאַ פינגער, האָב איך געהאַט צו פילן אַ יאָר... 20.
איך געדענק עס ווי היינט, ווי אַזוי איך האָב געכאַפּט דעם רוק מיטן פינגער אונטער די זייטלעך. איך געדענק אַפילו מיין „חטא". איך, דער סידור־בחור, האָב מיט אַ שטרוי געמאַכט זייפן־בלאָזן בעת דער רבי האָט געלערנט מיט אַנדערע קינדער דעם:
און „דאָס" מיט „דעם" ווי מאַכט? זאָג זשע!...
דאַרף זיך טרעפן אַן אומגליק, אַז דאָס קינד מיט וועמען דער רבי האָט דעמאָלט געקנעלט און מיטן טייטל אָנגעוויזן אין סידור, האָט אָנשטאָט אין סידור, געקוקט צו מיינע זייפן־בלאָזן. יאָסל שעסטאָפּאָלע — כאָטש ער איז געווען אַן עם הארץ און מער ווי דאַווענען אין אַ סידור — מיט גרויסע אותיות — ניט געקענט, האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן פונעם מאמר חז"ל:
„לא עכברא גנבא אלא חורא" (ניט די מויז איז דער גנב — נאָר דער לאָך).
ער, דער פאַנאַטישער מלמד האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז ניט דאָס קינד וואָס קוקט אַרויס פון סידור איז שולדיק—נאָר דער וואָס „מאַכט" עס אַרויס־קוקן, און ער האָט מיר זיין זעקסטן פינגער אַריינגערוקט אין מיין רעכטער זייט. איך האָב געפילט אַ שטאָך און דערנאָך אַ שטאַרקן ווייטיק אין דער זייט, און פאַרשטייט זיך, איך האָב זיך יאָמערלעך צעוויינט. אָבער, אויף מיין וויינען, אויפן וויינען פון אַ קינד אין חדר — ווער האָט זיך אומגעקוקט?...
איך גיי יענעם טאָג פון חדר. איך גיי און האַלט זיך צו ביים זייטעלע. עס שטעכט דאָרט און עס טוט וויי, שטאַרק וויי. איך האָב געדאַרפט איבער־שפּאַנען צוויי גאַסן, אַרום און אַרום — אַ צוויי הונדערט מעטער. איך קאָן אָבער ניט פאַרגיין. אָפּגייענדיק אַ האַלבן וועג, נעבן ראַציעס „גאַסטראָנאָ־מיטשעסקי מאַגאַזין", פאַל איך אום מיט אַ געוויין. דורכגייענדע אידן הויבן מיך אויף, פרעגן וועמענס אינגעלע ביסטו? דערהערט אַז נוסקעס — נעמט מען מיך אויף די הענט און מען טראָגט מיט אַפּ אַהיים. עס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה איז שוין דאָס שטעטל געווען ביי דער שטוב. איין איד האָט דערציילט, אַז יאָסל שעסטאָפּאָל האָט שיעור געממיתט נוסקעס קינד; אַן אַנ־דער איד האָט שוין דערציילט, אַז ער האָט אים טאַקע געממיתט; און אַ דריט־טער איד איז שוין געקומען צו... דער לויה. אָבער ווען משה רופא איז געקו־

מען, האָט ער איטלעכן בארואיקט. ער האָט געמאָלדן, אַז דאָס קינד וועט בלייבן לעבן, ס'קאָן זיין אַז ער וועט... בלויז בלייבן מיט אַ חסרון — האָט ער דעם עולם געטרייסט...

און ווידער איז אומפארשטענדלעך־

ניט דער טאַטע, ניט די מאַמע זיינען אוועק צו יאָסל שעסטאָפּאָל, אים אויספּאַטשן אָדער לפּחות — אויסשלאָגן די טאַפּליעס. זיי, ווי אַלע טאַטע־מאַמע פון יענער צייט, האָבן געהאַלטן דאָס שלאָגן די קינדער פאַר נאַטירלעך. דאָס וואָס יאָסל שעסטאָפּאָל האָט געטון איז אויך געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז ער האָט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיק זיך קומען פארענטפערן...

אָבער — דאָס קנעלונג האָט ער געפּטרט. פון מיר — רעדט מען ניט. נאָר אַ סך מאַמעס האָבן זיך איבערגעשראָקן און אינמיטן „זמן" אָפּגענומען די קינדער פון יאָסל שעסטאָפּאָל, און ער האָט געמוזט עוקר זיין קיין אַמעריקע.

עס איז גאָר קיין צווייפל ניט, אַז דער פאַל מיט מיר, מיט מיין „בלייבן מיט אַ חסרון" האָט געמאַכט אַ רושם אין שטעטל. אין די קלויזן און שולן האָט מען דערפון גערעדט. מען האָט ניט געטאַדלט יאָסל שעסטאָפּאָל פאַר זיין בארבארישן אַקט — נאָר פאַר זיין שלאָגן אַהין וואו מען דאַרף ניט. גאָט האָט באַשאַפן אַ פּלאַץ — אַזוי האָבן די אידן געטענהט, וואו דער טאַטע און דער רבי דאַרפן שלאָגן...

אָבער דאָס וואָס יאָסל שעסטאָפּאָל האָט פאַרלוירן די קנעלונג און גע־מוזט עוקר זיין פון שטעטל האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף די איבעריקע מלמדים וועלכע האָבן ווייטער געשלאָגן און געשמיסן ווי גאָט האָט געהייסן...

——0——

מיינע פריינט לייענער, וועלן מיר דאַרפן מוחל זיין, וואָס איך האָב איין עפּיזאָד אַזוי דייטלעך דערציילט און אַזוי צעצויגן. איך בין אויסן געווען ארויסצוברענגען איינעם פון די צענדליקער און הונדערטער עפּיזאָדן פון יענע יאָרן ווען מיר, — איך, איר און אַנדערע פון דער אַלטער היים — האָבן זיך אָנגעהויבן שטעלן אויף אונזערע קליינע פיסעלעך און אוועק אין „קינדער־גאָרטן" צו די יאָסל שעסטאָפּאָליצעס אין... שטאָל.

איך האָב געוואָלט ארויסברענגען אַזאַ קוריאָזיטעט:

כאָטש מען האָט אונז דעם חדר פארנמאַסט פון ערשטן טאָג אָן, וואָס מיר — דריטהאַלבן יאָריקע קינדער האָבן איבערגעטראָטן די שוועל פון די מלמדים, כאָטש דער חדר איז, אין גרויסער מאָס, געווען אַ גיהנום פאַר אַ סך

קינדערלעך וועלכע האָבן אים פיינט געהאַט און געזוכט אים פּטור ווערן — דאָך, זיינען מיר פון דאָרט אַרויס אידן, גאַנצע אידן, און דאָס ביסל אידישקייט וואָס אַמעריקאַנער אידן פאַרמאָגן נאָך, און די ליבע צום אידנטום און אידישע ליידן, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אָט יענע חדרים, יענע שעסטאַפּאַלעצעס, און יענע „קינדער־גערטנער" אין שטאָל...

—0—

איך וואָלט געזינדיקט קעגן גאָט, קעגן אונזער קינדערשער געשיכטע, און קעגן אַ גאַנצן שיכט אידישע „האַרעפּאַשניקעס", ווען איך באַשרייב ניט אונטער טעפּליקער „באַהעלפער" — ספּעציעל יאָסל שעסטאַפּאַליצעס „באַהעלפער" — בעני־בוץ, אַזוי האָט מען אים גערופן און אַזוי האָט ער אַליין זיך גערופן.

פונקט ווי מלמדים זיינען געווען עטלעכע „קאַטעגאָריעס":

„אלף־בית"־מלמדים,

„דרדקי"־מלמדים,

גמרא מלמדים, א. אַ. וו.

אַזוי זיינען אויך די „באַהעלפערס" געווען איינגעטיילט אין קאַטעגאָריעס.

למשל: יאָסל שעסטאַפּאַליצעס באַהעלפער איז געווען אַ פּשוטער גראָבער און נאַרישער נפש, וועמענס אַרבעט און פליכט איז געווען: ברענגען די קליינע קינדערלעך צוטראָגן אין חדר אַריין און זיי אָפּטראָגן פון חדר אַהיים. זייענדיק אין חדר, איז ער געשטאַנען אָדער געזעסן מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט און אַכטונג געגעבן אויף די „אַרעסטאַנטן", וועלכע זיינען געשטאַנען אין „קינע".

אויב קיין „אַרעסטאַנטן" זיינען ניט געווען — כאָטש אַזאַ נס האָט זייער ווייניק געטראָפן — האָט ער אָנגעהאַקט האָלץ אין הרובע אַריין, אַריינגעטראָגן וואַסער און אָנגעפולט די דיישקע אָדער געטון אַנדערע שטוב זאַכן.

בעני־בוץ, דעם ערשטן באַהעלפער וואָס דער העלד פון אָט דער באַשרייבונג האָט פאַרזוכט אויף זיין לעבן, איז געווען אַ מגושמדיקער בחור מיט אַ העסלעכן אויסזען. געזונט איז ער געווען ווי אַ ריז און די קינדער האָט ער געטראָגן צו צוויי און אַמאָל צו דריי מיט אַמאָל. איינס אויף די פּלייצעס און צוויי אויףביידע הענט. גייענדיק אויפן וועג האָט ער זיך „געשפּילט" מיט די קינדערס איבערבייסן, געגעבן אַ ביס ביי איינעם, אַ ביס ביים צווייטן און נאָך ביים דריטן. און ביז מען איז געקומען אין חדר — איז קיין זכר ניט

געבליבן פון איבערבייסן. פאַרשטייט זיך, אַז דערציילן אין דער היים האָט מען ניט געטאָרט... אָבער מען האָט גאָרניט געטראַכט דערציילן. פונקט פאַר־קערט, מען איז געווען צופרידן וואָס בעני־בוץ טוט אַ טובה און נעמט „כּאַ־באַר”. און דעם טאָג וואָס בעני־בוץ האָט „גענומען”, איז ער געווען גוט, כאָטש לייגט אים צו צו אַ מכה. טאָמער זענט איר געשטאַנען אין „קינע” יענעם טאָג און בעני האָט אייך געהיט, האָט איר זיך געקאָנט אויסדרייען און אַפילו... צוזעצן אויף דער ערד...

בעני־בוץ איז אָבער געווען אַ „דיפּלאָמאַט”. ניט אַלע טאָג האָט ער גע־נומען בּאַ די זעלבע קינדער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די מאַמעס וואָלטן זיך געכאַפּט, אַז זייערע קינדערלעך ווערן עפּעס אַ תל... (ניט עסנדיק אַלע טאָג). פלעגט ער צונעמען די פרישטיקס לויט אַ סדר, היינט — ביי איינעם, מאָרגן — בּאַ אַ צווייטן א. א׳ וו. און די „פּריווילעגיעס” וואָס מען האָט געהאַט ביי אים זיינען געווען גילטיק בלויז יענעם טאָג ווען ער האָט אויפגעגעסן דעם איבערבייסן. דערפאַר איז מען עס געווען אַזוי צופרידן, אַז עס זאָל היינט קומען מיין „מזל” אויף מיין איבערבייסן און בעני־בוץ זאָל אים אויפעסן...

אַנדערש זיינען געווען די באַהעלפערס ביי די דרדקי מלמדים. ביי גדליה מלמד איז געווען אַ באַהעלפער אידעלע־כוואַט, אויך אַ געזונטער יונג מיט ביינער, אָבער ער פלעגט שוין אַכטונג געבן, אַז די קינדער זאָלן אַריינקוקן אין חומש, און האָט אַפילו געכאַפּט אַ קינד ביים: — „וואו האַלט מען?”

און ווי איז געווען, אַז דאָס קינד האָט ניט געוואוסט „וואו מען האַלט?”. אידעלע כוואַט האָט אים געגעבן אַ דריי דעם אויער, אַז ער האָט דערזען יענע וועלט.

אידעלע כוואַט איז אויך געווען דער ממלא מקום פון רבין ווען יענער איז אוועקגעגאַנגען דאַווענען מנחה אָדער ארויסגעגאַנגען מאַנטיק אויפן יאַריד כאַפּן אַ מציאה — אַ הון אויף שבת — אָבער, אויך דאָ איז מען מיט אידעלע כוואַט דורכגעקומען. זיין „כּאַבאַר” איז שוין געווען אַ גרעסערער...

עטלעכע נים פון קליימל, עטלעכע צוקערקעס ארויסגעשלעפּטע פון סלוי פון ברודערס קלייט, און ספּעציעל אַביסל טוטין אָדער אַ פּעקל מאַכאָרקע — דאָס איז געווען דאָס בעסטע מיטל דורכצוקומען מיט אידעלע כוואַט און מאַכן, אַז ער זאָל „ניט זען” וואָס מען טוט, מעג מען אַפילו שפּילן אין קוויט־לעך אויף געלט. אידעלע כוואַט איז געשטאַנען ביי דער טיר און אַכטונג גע־געבן צו דער רבי קומט ניט אָן. און ביי זיין ערשטן געשריי: דער רבי, איז אַלץ געוואָרן אָפּגעראַמט און די קינדער זיינען געבליבן זיצן ווי סטאַטעקעס

ביים טיש איבער דעם חומש — איבער דער סדרה פון דער וואָך.

פון אידל כוואט ביז בעני בוץ דאַרף מען זאָגן להבדל. אידעלע איז גע־וועזן אַן „אינטעליגענט" קעגן בענין און אפשר טאקע א דאנק זיין „אינ־טעליגענץ" האָט ער זיך שפעטער פארליבט אין א שיקסע און זיך געשמדט. מיט יאָרן שפעטער האָב איך אים ווידער געטראָפן — ביי אַנדערע אומ־שטענדן...

אָט דאָס זיינען געווען אונזערע ערשטע „לערער", אונזערע ערשטע „דערציער", וועלכע האָבן מיטן גראָבן, זעקסטן פינגער אונטער דער ריפּ, מיטן קאַנטשיק פון גראָבע רימענדלעך און מיט שטיין אין שטאָל — דערצויגן א דור פון ירא שמים, פון שפעטערדיקע כלל טוער און אפילו פון מינים־טאָרן אין פּרעזידענטן פון דער שפּעטערדיקער אידישער מדינה.

ווער ווייסט צו די מאָדערנע דערציער וואָלטן דאָס דערוויזן?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר ווילן אָבער ניט ענדיקן דאָס קאַפּיטל „באַהעלפערס" — אונזערע ערשטע דערציער — און בלויז ארויסברענגען זייער נעגאַטיווע, אפשר גראָב־יונגערישע באַציאונג צו אונז, קליינוואַרג, ווי בכלל — צו זייער פאַך.

אייגנטלעך, דאָס שטעלן זיך „דינען" אַלס באַהעלפער ביי א רבין — איז שוין געווען א מדרגה. אָט דער זעלבער בעני בוץ צו אידל כוואט וואָלטן דאָך געקאָנט קריגן ארבעט ביי א קצב אַלס שינדער פון די בהמות אָדער אַן אַנדער גראָבער מלאכה און וואָלטן זיכער פאַרדינט מער ווי ביים קאַטשאַן אָדער אַן מלמד. זיי האָבן אָבער אויסגעקליבן „באַהעלפעריי" ווייל זיי האָבן געהאַט א באַציאונג, א געוויסן געפיל צו אָט דער מלאכת הקודש פון לער־נען קינדער.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס „פאַך" האָט זיי געצוואונגען צו זיין שלעכט, צו שטיין מיטן קאַנטשיק און היטן די קינדער אין קינע; ווען זיי זיינען אָבער געווען „פריי", אָן דעם רבין איבער זיך — האָבן זיי געהאַט אַן אי־נערלעכע טיפע ליבע צום קינד. טראָגנדיק עס זומער און ווינטער אויף די הענט, אויף די אַקסלען, און אויף דער פּלייצע, האָבן זיי עס געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. דעם איבערבייסן האָט מען טאַקע צוגענאַשט. אָבער זאָל עמיצער געוואָגט אָנרירן זיינע קינדער — וואָלט ער יענעם די אויגן אויסגעריסן.

געווען אויך מאָמענטן, ווען צוויי באַהעלפערס האָבן זיך געטראָפן — צוזאַמען מיט זייערע קינדער — אויף איין „אונטערנעמונג". יעדער באַהעל־

פער האָט געזוכט צו פּאַרטיידיקן זיינע קינדער און ניט איינמאָל איז געקו־מען צו... פּעטש צווישן די באַהעלפער.

אַזאַ „אונטערנעמונג" איז געווען, ווען מען האָט זיך געטראָפן אויף אַ „קריאת שמע לייענען" ביי אַ קימפּעטאָרן. אַט דאָס קריאת שמע לייענען און ווי אַזוי צוויי באַהעלפערס האָבן זיך געשלאָגן ביים בעט פון דער קימ־פּעטאָרן, איז, כ'לעבן, ווערט באַשריבן צו ווערן.

געווען אַ מנהג אין טעפּליק און מן הסתם אין אַלע אידישע „אַלטמאָ־דישע" שטעטלעך, אַז ווען אַ אידישע טאָכטער איז געלעגן געוואָרן, און געבוירן אַ זכר, האָט מען איר בעט אַרומגענומען מיט אַ פּאַרהאַנג, און אויפן פּאַרהאַנג האָט מען צוגעטשעפּעט טעלעכע „שיר המעלותן" וואָס מען האָט איינגעהאַנדלט ביי אהרן יאָסל גערשונאָוו, אָדער מען האָט אַליין אָנ־געשריבן — אויב דער קימפּעטאָרנס מאַן איז געווען אַ שטיק לײדיקגייער, איז געווען אַ בן תורה און... געקאָנט כתב'ען.

אויף די שיר המעלות צעטעלעך, איז געווען עפּעס אַ פּסוק צעדרייט אין דריי טיילן. דער פּסוק האָט זיך געלייענט אַזוי:

מכשפה לא תחיה
לא תחיה מכשפה
מכשפה תחיה לא

די דאָזיקע שיר המעלותן, מיט די דריי פּסוקים, מיט די נעמען פון אַלערליי מלאכים וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, האָבן עס געדאַרפט פּאַר־היטן דער קימפּעטאָרן מיט דעם ניי־געבוירענעם קינד, פון די שדים און רוחות וואָס האָבן אַרומגעשוועבט און געוואָלט — ווי אַ „דבוק" — אַריין איןביידן.

האָבן אָבער אונזערע זיידעס און באָבעס מורא געהאַט, טאָמער איז דאָס אַליץ ווייניק צו פּאַרהיטן די קימפּעטאָרן — און ספּעציעל דעם רך הנמול, וואָס דאַרף וואַקסן לתורה, לחופה ולמעשים טובים — דאָס איז דאָך דער עיקר פון אידישן לעבן און שטרעבונג — אַ איד דאַרף קאָנען תורה, דאַרף... חתונה האָבן און דאַרף טאָן גוטע זאַכן — אַלזאָ, כדי צו זיין זיכערער, האָט מען איינגעפירט, אַז די זיבן טעג ביזן ברית פלעגן קומען די קינדער פון אַ חדר און מען פלעגט, ביי דער קימפּעטאָרנס בעט אָפּזאָגן אַ „קריאת שמע לייענען" — געזאָגט האָט מען עס אין כאָר, זינגענדיק:

אל מלך נאמן, שמע ישראל, אדוני אלוהינו אדוני אחד.
ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד א. א. וו.

אָפּגעזאָגט דעם „קריאת שמע לייענען“, פלעגט מען די קינדער טיילן געשמאַקע היימישע לעקעכלעך, וואָס זיינען זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים. די טיילערן איז געווייינלעך געווען די „בובע“, וועלכע האָט געהאַט א פול פאַרטעך מיט לעקעכלעך און פלעגט טיילן.

על פי מנהג האָט מען געגעבן יעדן קינד צוויי לעקעכלעך. האָבן זיך אָבער די קינדערלעך געקליגערט און געוואָלט נאָך א לעקעכל — פאַר א ברודערל וואָס ער האָט אין דער היים, אָדער פאַרן קליינעם שוועסטערל. אויב ניט, האָט ער גלאָט אין שטופעניש זיך נאָך אַמאָל אַריינגעשטופּט און אויסגענאַרט נאָך א לעקעכל.

די בובע פלעגט היטן, אַז מען זאָל זי נישט „אָפּנאַרן“, אָבער שטענדיק פלעגט זי אַרויס די... געשעדיקטע. מען האָט זי פאַרט אָפּגענאַרט.

עס איז אויך געווען איינגעפירט, אַז אַלע טאָג, פלעגן קומען די קינדער פון א צווייטן חדר, און דער באַהעלפער וואָס האָט זיי געבראַכט האָט שוין געהיט און געדרייט אַזוי, אַז ער זאָל זיך קאָנען באַרימען אַז זיינע קינדערלעך האָבן „בעסער געזאָגט“ דעם אל מלך נאמן, און דער עיקר — זיינע קינדער זיינען אַרויס מיט מער לעקעכלעך — מיט וועמען ער פלעג זיך טאַקע טיילן אין דרויסן.

האָט געדאַרפט טרעפן אַן „אומגליק“. ביי איין קריאת שמע לייענען, ביי א קימפעטאָרן, און ביי א רייכער קימפעטאָרן דערצו, האָט מען — על פי טעות — צונויפגערופן אין איין טאָג — צוויי חדרים און צוויי באַהעלפערס מיט זייערע קינדער האָבן זיך אַריינגעשטופּט צוזאַמען אין אַלקיר וואו די קימפעטאָרן אין געלעגן.

דער „אינצידענט“ האָט זיך אָנגעהויבן באַלד ביים „זאָגן“. אָבער צום קולמינאַציע־פונקט איז עס געקומען ביים טיילן די לעקעכלעך: יעדער באַהעלפער האָט פאַרטיידיקט זיינע קינדער ווי א געטרייער קאָמאַנדיר פאַרטיידיקט דאָס לעבן פון זיינע סאָלדאַטן. יעדערער פון די באַהעלפערס האָט געוואָלט, אַז מען זאָל פריער טיילן זיינע קינדער, זיי האָבן זיך געשפּאַרט און געדינגען אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף דער אַלטער „בובע“ און אויף איר פולן פאַרטוך מיט די קיכעלעך און — וואָס איז דאָרט פאַרגעקומען — איז מיט א פען אומעגלעך צו באַשרייבן...

ביידע באַהעלפערס זיינען א שטיק צייט אַרומגעגאַנגען מיט בלויע אונטערגעהאַקטע אויגן.

קאַפּיטל דריי

ס'איז גוט צו זיין אַ מעזינעק

זענט איר אַ מאָל געווען אַ בן־יחיד אָדער מעזינעק?... — מען דערגייט דער מאַמען די יאָר און מען פירט אַלץ אויס. — איך „באַזיג" דעם „קאַטשאַן" און גייט ניט צו אים אין חדר. — מיין ברודערס אינטערווענץ. — מיין מאַמע באַקומט אַ נערוון־אַטאַקע צוליב מיר. — איך ווער אַ בעל־תשובה. — איך ווער פרום און גיי צום קאַטשאַן אין חדר אריין. — איך ליד ביי אים חבלי גיהנום און נעם זיי אָן מיט ליבע. — דאָס שטראָפט מיך גאָט פאַר דערגיין דער מאַמען די יאָרן. — דער טאַטע דערזעט ביי מיר הענט פול מיט בלויע סיניאַקעס. — דער ברודער צעפּאַטשט דעם קאַטשאַן. — חברה שלעגערס קומען נעמען נקמה און משה רופא צעטרייבט זיי מיט אַ דערקלערונג. — דער קאַטשאַן טוט תשובה

אויב איר זענט אויף אייער לעבן ניט געווען קיין בן יחידל אָדער כאַטש, כאַטש — אַ מעזיניקל — ווייסט איר ניט וואָס גוטס איז. ספּעציעל איז גוט און וואויל צו זיין אַ מעזיניקל — אַ „ווישקראַבעקל", ווי די מאַמע פלעג אָנווייזן אויף מיר.

זיין אַ מעזיניקל איז בכלל גוט. אַז גאָט העלפט, אַז מען איז אַ מע־זיניקל פון גאַנצע... 12 קינדער פון וועלכע פיר זיינען קוים־קוים איבערגע־קומען די שקאַרלאַטינע, דיפטעריע, דעם טיפוס, פּאָקן אין מאָזלען און גע־בליבן לעבן — דאַן קען מען ערשט דערפילן דעם טעם פון זיין אַ מעזיניקל.

אמת, טאַקע, אין חדר בין איך גאָר אַ קליינער מיוחס. מען שלאָגט און מען שמעלט אין „קינע" גלייך מיט אַלעמען. דערפאַר אָבער, קום איך אהיים, בין איך קעניג און קייזער. איך קער איבער די שטוב, איך בין קאַפּריזנע, איך דערקלער אַ „הונגער־שטרייק", איך וואַרף זיך אויפן פאָל און קלאַפּ מיט די פיסלעך און וויין און דער סוף איז — איך פיר אויס וואָס איך וויל...

אמת, דאָס פּראָווען די מעזיניקישע שטיק געלינגט מיר בלויז מיט דער מאַמען. דער טאַטע מאַכט מיט מיר קליינע קונצן, און אַז מען דאַרף נעמט מען אַראָפּ דעם פּאַסיק און מען פּיצקעט אַריין אין יענעם אָרט אַריין, גלייך ווי מען טוט עס מיט אַ „פּשוט" קינד.

ווייס איך טאַקע, דערפֿיל איך טאַקע, אַז מיטן טאַטן פּראָוועט מען ניט קיין פּוילע שטיק. און ווען דער טאַטע קומט פֿונעם יאַריד, נוץ איך אויס די געלעגנהייט אים צו ווייזן וועד זיין מעזיניק איז. איך טו אַלץ, אַז דער טאַטע זאָל זיך קאָנען באַרימען מיט זיין מעזינעקל.

אָבער אין איין זאַך ווייז איך אַרויס מיין טאַטן, אַז איך בין אַ מעזיניק און פֿאַלגלעך — אַ שטיק מיוחס. איך קלויב אויס דעם דרדקי מלמד צו וועלכן איך דאַרף איצט אָנהויבן גיין. איך „זאָג" שוין אין סידור ווי אַ וואַ־סער און איך דאַרף שוין אָנהויבן לערנען חומש מיט רש"י, איך בין שוין אַן „אַלטער בחור", שוין געוואָרן... 5 יאָר. וויל מיך דער טאַטע שיקן צום „קאַטשאַן". דאָס וואָרט „קאַטשאַן" — נחום מלמד — וואַרפֿט אָבער אַן אַ שרעק אויף די קינדער. מען ווייסט, אַז ער איז דער בעסטער מלמד, ער איז אָבער דער אַכזריותדיקסטער בנוגע שלאָגן קינדער. אַנדערע מלמדים שלאָגן ווען מען פֿאַרזינדיקט זיך. ער, דער „קאַטשאַן" שלאָגט גלאַט אַזוי. איז מען איצט ניט שולדיק — וועט מען זיין שולדיק שפּעטער. דער חדר זיינער, באַשטייט פֿון איין גרויסן צימער, וואו עס זיינען צונויפֿגעשטופּט דריי צענדליק קינדער. אין דעם זעלבן צימער, פֿאַרעט זיך זיין אידענע — די רביצן, מיט דער ראַשטשענע, און אַז עס גייט אַ רעגן — נעמט זי אַריין די ציג אינעווייניק און מעלקט זי. נו, וויל דער קאַטשאַן אַז מען זאָל אין זינען האָבן דעם —

„ואלה המשפטים אשר תשים לישראל" — מאַכט רש"י...

כאַפּט מען אַ קוק צו דער ציג, הערט מען זיך צו צו איר ביטערן מע־ע, וואָס וויל זאָגן: עסן האָט מען מיר געגעבן אַ קרענק און מילך וויל מען דווקא אַ סך, — דערזעט דער קאַטשאַן אַז מען קוקט צו דער ציג, — כאַפּט מען אַ סטוסאַק אין די זייטן, אָדער מעז דערפֿילט דעם קאַנטשיק איבער דער פּלייצע, איבערן קאָפּ, איבערן פּנים. ער קלויבט ניט איבער וואוהין צו שלאָגן און ווי אַזוי צו שלאָגן. דער עיקר אָבער — קנייפּט ער. זיינעם אַ קניפּ פֿילט מען! אַ פּאָר שעה.

צו אָט דעם קאַלטן גזלן, וויל מען עס שיקן מיך, דעם מעזינעק, דעם — פֿון 12 — דאָס בעסטע געבליבן... פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געמאַכט אַ רעוואָלוציע, וואָס קיין שום טעפּליקער קינד וואָלט ניט געוואַגט. ווען דער „קאַטשאַן" איז חול המועד געקומען זיך באַדינגען מיטן טאַטן פֿאַרן „זמן", ווען ער איז געקומען מיך „אָנעמען" — אַזוי האָט עס געהייסן דאָס צוזאַמענשטעלן דאָס חדר, האָב איך אים גלייך אין פּנים אַריין אַריינגעשריגן:

— „איך וועל צו אייך אין חדר ניט גיין!"

דער קאטשאן האט א שמייכל געטון, ווי איינער רעדט:

— דו וועסט שוין, איה"ש, יאָ גיין! און נאָך ווי אַזוי גיין!...

און ווער ווייסט מיט וואס אַט דער „אינצידענט" וואָלט זיך געענדיקט, ווען עס מישט זיך ניט אריין מיין עלטערער ברודער אברהמל, און זאָגט, אַז היינטיקן זמן, זאָל איך דערווייל נאָך גיין צו נפתלי מלמד — אויך א דרדקי מלמד — אָבער שוין אַ שטיקל משכיל. ער לערנט שוין תנ"ך אויך, און אַ סברא, אַז ער פאַרקנייטשט אפילו דאָס דאַווענען, כאָטש די קינדער ביי אים דאַווענען בציבור...

צו מיין ברודערס רייד פלעגט זיך מיין טאַטע צוהערן און האָט אפילו געהאַט פאַר אים דרך ארץ. ערשטנס — דעם רבס איידעם. צווייטנס, אַ יונ־געמאַן אַ גרויסער קענער, האָט הודאה אויף רב, און קאָן זיך פאַרהערן מיטן בעסטן לערנער אין שטעטל.

און אויסגעפירט האָט דערווייל דער מעזינעק. איך בין אָפּגעגעבן גע־וואָרן צו נפתלי מלמד.

ניט שטענדיק אָבער פלעגט דער מעזינעק אויספירן. די מאַמע, אַ קרענק־לעכע און אַ שלאַפע, האָט, ווייזט אויס געפילט, אַז אירע יאָרן און טעג זיי־נען געציילטע, פלעג זי נאָכגעבן איר מעזינעקל און אים אַנדערש ניט גערופן ווי „קדיש מיינער". זי האָט אים נאָכגעגעבן אין אַלץ וואָס איז געווען גע־ווענדט אין איר. דער פינף־יאָריקער צעפּעסטעטער מעזינעק האָט עס אָבער ניט פאַרשטאַנען. פלעגט זיך אים אין מיטן דערוויינען פאַרגלוסטן ברויט מיט שמאַלץ אויף „איבערבייסן" — און קיין שמאַלץ איז פונקט ניט געווען אין שטוב. אלא ניט, האָט ער געוואָלט „פּאָווידלע" מיט ברויט. און די פּאָווידלע איז פונקט אויסגעגאַנגען. נו, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד וויינען און קלאַפּן מיט די פיסלעך אין פּאָל, אויף אַ שעה צייט...

אוז — איינמאָל איז דאָס געשען. און יענץ מאָל געדענק איך מיין גאַנץ לעבן.

עפּעס האָט זיך אין מיר צעשפּילט דער מעזינעק. איך געדענק ניט פאַר־וואָס און פאַר ווען. דער טאַטע איז געווען אויפן יאַריד, אין שטוב בין איך געווען מיט מיינע צוויי שוועסטער. איך האָב עפּעס געוואָלט אויספירן און די מאַמע האָט מיר ניט געוואָלט — אָדער גיכער — ניט געקאָנט נאָכגעבן, און איך בין ניט מיד געוואָרן אַ שעה און צוויי צו וויינען און קלאַפּן מיט די פיסלעך אין פּאָל...

ווייזט אויס, אַז דער מאַמען איז דעמאָלט עפּעס געווען „אָנגעזאָלצן"

אויפֿן הארצן, צי עס האָט איר דענערווירט מיין צופּיל וויינען, צי עפּעס אַנדערש האָט מיט איר דאַן פּאַסירט. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, זי איז צוגע־לאָפן צו מיר, מיך אויפגעהויבן פון דער ערד און... מיך גענומען שטאַרק שלאָגן מיט די קולאַקעס, און בשעת מעשה האָט זי נערוועאיש געשריגן און געוויינט. די שוועסטער, איבערגעשראָקענע אויף טויט, האָבן זי קוים אָפּגע־ריסן פון מיר און זי אַריינגעלייגט אין בעט אריין...

אין בעט איז זי געלעגן גאַנצע 8 טעג. קנאַפּע פינף צענדליק יאָר זיינען שוין אַריבער זייט יענער סצענע. איך האָב שוין איבערגעלעבט פאַר דער צייט מלחמות, פּאָגראָמען, שחיטות און גלאַט אומגליקן. איך האָב שוין געזען צען מאָל דעם טויט פאַר די אויגן, אָבער יענע אַכט טעג געדענק איך און זיי שטייען מיר פאַר די אויגן.

ווען מען האָט דער מאַמען אַריינגעלייגט אין בעט אריין אַ פּאַרחלשטע, און די קלענערע שוועסטער איז געלאָפן רופן משה רופא, האָט די מאַמע גע־הייסן מיך צוברענגען צו איר בעט, גענומען מיך גלעטן מיט איר דאַרער האַנט איבער מיין קאָפּ, און שטרענג פאַרבאָטן צו דערציילן דעם טאַטן וואָס דאָ איז געשען. זי האָט אַפילו געסטראַשעט, אַז טאָמער דערציילט מען דעם טאַטן — וועט זי שטאַרבן... און פאַר דעם האָבן מיר מורא געהאַט און איך האָב געשוואוירן מיט די ציצית פון טלית קטן אין די הענט, אַז מען וועט ניט דערציילן.

אָבער, וואָס קומט אַרויס אַז דעם טאַטן האָבן מיר טאַקע ניט דער־ציילט דעם אמת. אַפילו משה רופא און דער דאָקטאָר פיגורסקי האָבן גע־וואוסט, אַז דער מאַמען איז „געוואָרן שלעכט", און מען האָט זי אַריינגע־לייגט אין בעט אריין. די שוועסטער, אָבער, זיינען מיר דערגאַנגען די יאָר. איך האָב קראַנק געמאַכט די מאַמע. אַ דאַנק מיר האָט זי באַקומען —ווי זאָגט משה רופא, — „אַן אַטאַקע". דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען שוואַרץ ווי די ערד, אויף די יאַרידים ניט געפאָרן, שטילערהייט אונטערגעקרעכצט, און געקוקט אויף די קינדער מיט רחמנות...

מעגלעך, אַז איך האָב אַ טעות, אָבער, דוכט מיר, אַז פון דאַן אָן איז געקומען אַן איבערבייט אין מיין לעבן. איך בין געוואָרן אויס „מעזינעק". איך האָב אויפגעהערט צו „דערגיין די יאָרן", איך בין געוואָרן שטיל ווי אַ טויב, און ווי נאָר די מאַמע האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט — בין איך שוין געלאָפן עס אויספאָלגן... און אויב איך בין דעם צווייטן „זמן" געגאַנגען צום „קאַטשאַן" אין חדר — איז דאָס געווען ווייל די מאַמע האָט זיך אַריינגע־מישט און מיר געהייסן גיין צום „קאַטשאַן". ביים „קאַטשאַן" האָט מען

געלערנט חומש מיט רש"י און דעם קאַטשאַנס אויסזינגען דעם באַוואוסטן פּסוק „ואני בבואי מפדן ארם",—וואָס יעקב אבינו האָט געטון אָנזאָגן זיין זון יוסף ווען ער האָט געמאַכט זיין צוואה און זיך פאַר אים פאַרענט־פערט, פאַרוואָס ער האָט זיין מוטער רחל איבערגעלאָזט שטאַרבן אין מיטן וועג קיין בית־לחם און זי דאָרט באַגראָבן,—האָט געהאַט אַ שם אין שטאָט.

די ווייבער זיינען געווען פאַרליבט אין אַט דעם „ואני", ספּעציעל — אין קאַטשאַנס אויסלערנען די קינדער אויסזינגען אַט דעם „ואני".

ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין צום קאַטשאַן אין חדר אַריין, האָב איך געוואוסט. אַז אַט דער גזלן וועט געדענקען יענעם שקצישן אַרויסטריט מייַנעם פון פאַראַיאָרן און וועט נעמען נקמה. אָבער, איך האָב עס אָנגענומען פאַר ליב. עפּעס האָב איך געפילט, אַז יעדער שמיץ, יעדער קניפּ וואָס איך כאַפּ פון זיינע דאַרע פינגער, איז אַן אָפּקומעניש פאַר מיינע זינד קעגן דער מאַמען, פאַר דערגיין איר די יאָר, און ספּעציעל — פאַר יענע אַכט טעג. איך פלעג אַפילו ניט וויינען נאָך אַט־די קניפּ. כ'האָב זיך איינגעהאַלטן ניט קיין געשריי צו געבן. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ מיסטישער פרומקייט. ניט איבערגעהיפּערט קיין שורה ביים דאַווענען און פאַרן שלאָפן געלייענט קריאת שמע, מיט אַזאַ פרומקייט און התלהבות, אַז טאַטע־מאַמע פלעגן זיך וואונדערן און עס צושרייבן צום... קאַטשאַנס פאַרדינסטן.

ביז איין טאָג, אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט, איך בין מיטן טאַטן אין מרחץ און ער דערזעט מיינע הענט, וועלכע זיינען געווען פול מיט בלויע „סיניאַ־קעס", ממש פאַרלאָפענע מיט בלוט. פונקט האָב איך יענע וואָך געהאַט אַ וואָך פון בלויז קלעפּ, בלויז קניפּן. עפּעס האָט זיך דער „קאַטשאַן" יענע וואָך ספּעציעל גענוקמט אין מיר.

דער טאַטע ווערט אַזש פאַרציטערט. ער הויבט מיך אָן אויספרעגן ווער עס האָט זיי מיר געמאַכט. איך פרואוו פאַרדרייען אַ ליגן... אינגלעך, שקאָ־צימלעך. יאָנטל דעם ריישערס (אַ בחורל אַן אויסוואורף אין שטעטל). דער טאַטע פאַרשטייט באַלד, אַז איך זאָג ניט דעם אמת. איך פאַרלייקן. און טאַקע. ווי מעג איך אויסזאָגן, אַז דער רבי האָט זיי מיר היינטיקע וואָך גע־מאַכט? מעגלעך, אַז דער קאַטשאַן האָט געהאַט גלאַט אַ „שלעכטע" וואָך, האָט ער אויסגעלאָזט צו... מיינע הענט. בכלל האָט ער זיך גוואַלדיק „גע־קילט" אין מיר — און נאָך מער האָט אים גערייצט וואָס איך שווייג. איך וויין ניט. איך פּראָטעסטיר ניט. דאָס האָט אים געמאַכט נאָך ווילדער און בעסטיאַלער.

און ווי אויף צו להכעיס, בין איך געווען דאָס בעסטע קינד אין חדר.

ממש דער בעסטער. העכער אַ האַלב דאַווענען האָב איך שוין געקאָנט אויסנ־ווייניק, און כאָטש מיין „גראַד" האָט נאָך ניט געלערנט די גאַנצע סדרה און וועט שמועסט „מעביר" זיין די סדרה — אוודאי ניט — דאָך האָב איך איבערגעיאָגט די „גרויסע" מיט קאָנען די פּרשה מיט רש"י און טראָפּ אַריינ־געדעכנט. נו, מעג מען דאָך מיך אוודאי שלאָגן...

איך האָב אָבער אין דער היים ניט דערציילט פון מיין גיהנום־לעבן, און ווען ניט די געשיכטע וואָס דער טאַטע האָט — האַלטנדיק מיך אויף די הענט אין דער מקוה — דערזען די בלויע הענטלעך, וואָלט איך אַזוי ווייטער געליטן באהבה, „אַפּקומענדיק פאַר מיין זינד" קעגן דער מאַמען...

יענעם פרייטיק האָט דער טאַטע געמאַכט בקיצור און איז מיט מיר שנעל אַהיימגעגאַנגען.

פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע טענות, האָט ער געהאַט צו דער... מאַ־מען. ס'הייסט, זי האָט זיך ניט צוגעקוקט צו מיר. די מאַמע האָט אָנגעהויבן וויינען ווי אַ קליין קינד. זי האָט זיך געפילט שולדיק פאַרוואָס איך גיי צום „קאַטשאַן". זי גייט אים שוין אויסדראַפּען די אויגן און אויסרייסן זיין ציגן־בערדל. זי וועט אים מאַכן אַ „בעזאַלאָוויע", אַז די גאַנצע שטאָט וועט קלינ־גען. אַ גליק איז וואָס עס איז ערב שבת. זאָל נאָר איבערגיין דער ליבער שבת קודש וועט זי אים זיין בייז אויסקומעניש אָפּגעבן...

דער פרייטיק־צו־נאַכטס איז שוין געווען אַ פאַרשטערטער. די מאַמע האָט פאַרנאַכט גערופן משה רופא, וועלכער האָט געגעבן צוויי רפואות. איינע מיר צום הענטל, מען זאָל לייגן קאָמפּרעסן פון קאַלט וואַסער, און אַ צווייטע, אים — דעם קאַטשאַן, אַז די הענט זאָלן אים אָפּטריקענען...

די זמירות ביים טיש האָט מען שוין ניט געזונגען, נאָר אונטערגעברומ־קעט. קיין אורח אויף שבת — ווי געוויינלעך — האָבן מיר ניט געהאַט. דער ברודער, וועלכער האָט געגעסן קעסט ביי אונז, איז געזעסן ביים טיש און האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ער איז דאָך שטענדיק געווען אַ קעגנער, אַז איך זאָל גיין צום „קאַטשאַן". ער איז געזעסן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אָנגעשפּאַרט אין ביידע הענט און עפּעס געטראַכט. וואָס ער האָט געטראַכט, זיינען מיר ערשט אויף מאָרגן געוואויר געוואָרן...

און אויסגעטראַכט האָט ער אַט־וואָס:

דער ברודער האָט געדאַווענט אין בית מדרש, זיין שטאָט איז געווען אין מזרח, נעבן זיין שווער — דעם רב יעקב מאיר. יענעם שבת איז ער ערב „אויסנעמעס" געקומען דאַווענען אין דער בראַסלאַווער קלויז וואו דער טאַטע האָט געדאַווענט און וואו דער קאַטשאַן האָט געדאַווענט.

דער גבאי פון דער קלויז, נחמן לאַדיזשינסקי, דערזעענדיק מיין ברודער, האָט ער אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון אים אַלס תלמיד חכם. דער ברודער איז געווען וויים ווי די וואַנט, ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן — ער האָט געזוכט דעם „קאַטשאַן", וועלכער איז געזעסן עט אונטן, ביי דער וואַנט מיט נאָך אַזעלכע בטלנים ווי ער. דער ברודער גייט צו צו אים, רופט אים אַרויס אין פּאָליש און פאַר די אויגן פון אַ פּאָר צענדליק אידן דערלאַנגט ער אים צוויי פייערדיקע פּעטש אין די באַקן, אַז עס האָט אַזש אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער קלויז. דערביי האָט ער אים אוספייעט אַריינזאָגן:

— אָט האָסטו פאַר ממיתן מיין ברודערל און פאַר אַלע אידישע קינדערלעך וואָס בראָטן זיך אין דיין גיהונם!

אָנגעפּאַטשט און אָפּגעזאָגט, איז זיך דער ברודער רואיק אַוועקגעגאַנגען אין זיין בית מדרש אַריין צו זיין „שטאָט" אין מזרח.

באַשרייבן וואָס יענעם שבת האָט זיך אָפּגעטון אין שטעטל — איז ניט צו אויסמאָלן און ניט צו באַשרייבן. נאָך איידער די אידן האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין פון די בתי מדרשים, האָט זי שוין דער קלאַנג צעטראָגן, אַז:

„אַברהמל נוסקעס האָט צעפּאַטשט דעם קאַטשאַן".

גייענדיק אַהיים פון דאַווענען, איז מיין ברודער אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גרופּע יונגעלייט, משכילים, חברים זיינע, וועלכע זיינען געווען גרייט צו ממיתן עמיצן וואָס וועט זיך וועלן דערנענטערן צום ברודער כדי אים שלעכטס טאָן. אָבער, עס איז אינדערפרי גאָרניט געשען. ערשט פאַרנאַכט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ באַנדע שלעגערט, קרובים פון דעם קאַטשאַן, מערסטנטייל פון קצבים-געסל, און געוואָלט מאַכן אַ „מאַניפעסטאַציע" נעבן אונזער שטוב, אַרויסרופנדיק דעם ברודער אויף אַ געשלעג. און ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געשען, ווען ניט דער ליבער משה רופא, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן, וועלכער — וואוינענדיק אין איין גאַס מיט אונז און טאַקע ניט ווייט פון אונז — איז געקומען צו לויפן, אַרויפגעגאַנגען אויף אונזער „פּידאַשעק" (באַלקאָן) און אָנעמענדיק מיך פאַר דער פּלייצע, האָט ער געהאַלטן אַ קורצע דרשה וועלכע האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אויפן גאַנצן לעבן.

„איך ווענדע זיך צו די אידן וואָס שטייען דאָ און צו די... באָסיאַקעס, וואָס געפינען זיך דאָ גרייט צו שלאָגן.

גייט אַהיים און דאַנקט גאָט, וואָס אָנשטאָט רופן דעם דאָקטאָר פּי-

גורסקי (וועלכער איז געווען דער „זעמסקי וראטש" — אַ מין רעגירונגס־דאָקטאָר), — אָנשטאָט אים, האָט מען מיך גערופן. ווען ער קומט און דער־זעט אַז די הענטלעך וואָס דער קאַטשאַן האָט געמאַכט דעם קינד (דערביי האָט ער מיר אויסגעטון דאָס רעקעלע און געוויזן פאַרן עולם מיינע בלויע הענטלעך) — וואָלט ער דעם „סוקין־סין", אַז דעם מלמד געהייסן אַרעס־טירן און אַפּשיקן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע... אלס איד, האָב איך געמאַכט אַ שווייג. טאָמער אָבער צעגייט איר זיך ניט תיכף, ווי זאָלט איך וואַסער — וועל איך נעמען דאָס קינד צו פיגורסקין...

דערהערט „סיביר", קאַטאָרגע, האָבן זיך די באַסיאַקעס דערשראָקן און אין ווייניקער פון אַ מינוט איז פון דער „מאַניפעסטאַציע" קיין זכר ניט געבליבן.

וואָס יאָ, עטלעכע יונגעלייט זיינען אַוועק צום קאַטשאַן און... אים אויס־געזועצט די פענצטער מיט שטיינער און

— דער קאַטשאַן איז יענעם שבת עלטער געוואָרן מיט פופציק יאָר. ווער עס האָט אים דערנאָך געזען, דער האָט אים ניט דערקענט...

ער איז נאָך געבליבן מלמד, אָבער ער האָט שוין מער זיין האַנט אויף קיין קינד ניט אויפגעהויבן...

כ'וויל פאַרענדיקן אַז דעם עפּיזאָד מיט פאָלגנדער באַמערקונג:

געזאָגט האָב איך אויבן, אַז ווען אַ מלמד האָט געשלאָגן, געמטמטט אַ קינד, האָט די מאַמע דערויף געזאָגט: געבענטשט זאָלן זיין זיינע הענט! ווייזט אויס, אַז מיט מיר, האָט שוין דער קאַטשאַן איבערגעכאַפּט די מאָס...

קאפיטל פיר

טאטע־מאמע, ברודער און שוועסטער

וואו וואוינט נוסקע? — דער איינציקער אין טעפליק מיט זיין אפטימיזם. — „אל מאל טיעמפא, בוענא קארא". — „דערלייגן די פור". — „נוסקע דער צווייטער". — די מאמע, דער היפך פון טאטנס כאראקטער. — א מאנסביל בלייבט א מאנסביל. — מיין עלטערער ברודער אברהמל. — א „מיוחס, א בכור". — א רבס א אידעם מיט א הוראה אויף רב. — מען „פארקויפט" אים צו שואליק כהן. — ווען דער ערל זאל ניט וועלן אפגעבן דעם נעקויפטן חמץ? — מיין שוועגערן יענטע. — דער ברודער ארגאניזירט הילף פאר... דר. הערצל. — ער האט א קלייטל און מאכט עס חרוב, כדי צו ווערן א... מלמד. — די שוועסטער מרים־שרה. — זי לייענט שמרס ראמאנען און חלומט פון א פרינץ. — דער „בריוונשטעלער", כדי צו קאנען שרייבן דעם פרינץ א בריוו. — א „שמאלץ־גרוב" און די שמאלץ רינט אוים. — חתנים וואס קומען אנקוקן די כלהס. — מיין שוועסטער פרומע. — אן „אלטע" מויד. — זי נעמט א יונגן „פראנט", פארט אוועק קיין אמעריקע און ווערט פארפאלן. — טויבע־לאה און „פעדקיא".

מיר ווילן געבן א שפאציר אויף צוריק. איך בין באגאנגען א גרויסע עולה.

איך האב אייך שוין באקאנט — אין ערשטן טייל פון מיין בוך מיט מיין שטעטעלע טעפליק, איך האב אייך שוין באקאנט מיט טעפליקער רבנים, דיינים, כלי־זמר, שמשים, קרעמער און מלמדים. איך האב אייך שוין באקאנט אפילו מיט בעני בוץ און אידל כוואט. אבער, מיט זיך אליין, מיין טאטע־מאמע, מיינע ברידער און שוועסטער, מיינע חברים קאנט איר נאך ניט. כדאי, כ'לעבן, זיי צו קאנען.

און פארוואס טאקע זאל איך אייך ניט באקאנען מיט אונזער צווייגארנדיקער שטוב און מיט דער אונטערשטער קלייט און מיטן קעלער, וואוהין מען האט אנגעשיט קארטאפליעס אויפן ווינטער און געהאלטן די זויערע אוגערקעס און דאס איינגעהאקטע קרויט. און פארוואס זאלט איר ניט קאנען מיינע חברימלעך, וועלכע האבן געוואקסן מיט מיר צוזאמען, געוואקסן ביז מען האט זיך צעשיידט... אויף היינטיקן טאג.

ניין! איך קאן ווייטער ניט גיין. איך וועל איבעררייסן מיט מיינע מלמ־

דים, כ'וועל זיך אביסל אָפּרוען און אויסהיילן פונעם קאַטשאַנס בלויע סי־
ניאַקעס — און אַזוי ווי איך בין במילא שוין אַריין צו אַ „גרויסן" מלמד,
וועל איך מאַכן אַ הפסקה און אייך פאָרשטעלן
— מיין טאַטע־מאַמע!

ווען אַ פרעמדער איד זאָל געוועזן קומען קיין טעפּליס, און זאָל ניט וויסן
אָדער פאַרגעסן מיין טאַטנס פאַמיליע — אַבי ער האָט נאָך געדענקט דעם
נאָמען, איז געוועזן גענוג אַז ער זאָל דעם ערשטן בעסטן אידן וואָס ער באַ־
געגנט, אָדער אַ קינד אפילו, פרעגן:

— וואו וואוינט נוסקע? — האָט מען אים שוין ניט געפרעגט וועלכער
נוסקע? — קיין צוויי נוסקעס, איז אין טעפּליק ניט געוועזן.

אַ נידעריקער מיט אַ שיטער בערדל, שטענדיק אַ פריילעכער, שטענדיק
אַ וויצלדיקער, האָט ער געהאַט אַלס לעמאַ, מיט וועלכער ער פלעגט שטענ־
דיק אָנשטעקן זיינע שותפים מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט און בכלל מיט
וועמען ער איז זיך צונויפגעטראָפן:

— „וואָס וועט אייך העלפן, אַז איר וועט זיך זאָרגן?"

און מערקווירדיק, ער האָט זיכער קיינמאָל ניט געהערט פון דעם אַר־
גענטינער ווערטל „אַל מאַל טיעמפּאָ — בוענאַ קאַראַ" (אין אַ שלעכטער
צייט — ווייז אַרויס אַ גוט פנים!). און דאָך, פלעג עס זיין זיין אייביקע
טבע. ווען דער טאַטע איז געפאָרן פון יאַריד און האָט אונטערגעזונגען און
זיך געוויצלט — האָט מען שוין געוואוסט, אַז עס איז געווען אַ שלעכטער
יאַריד, אַז ער האָט „דערלייגט די פור".

אַז דער טאַטע איז פרייטיק־צו־נאַכטס געקומען פון קלויז און ביים זינ־
גען „שלום עליכם מלאכי השרת", האָט ער צוגעפּלעסקעט מיט די הענט,
אָדער צוגעקלאַפּט מיט די פינגער און געמאַכט אַ פריילעך פנים — האָבן
מיר געוואוסט אַז...

— ער האָט געהאַט אַ שלעכטע וואָך.

און כדי צו באַרעכטיקן זיין אָפּטימיזם, זיין „פריילעכקייט" ביי אַ
שלעכטן יאַריד, אָדער ביי אַ שלעכטער וואָך פרנסה, פלעגט ער באַלד דער־
ווייזן, אַז ער איז צופרידן, און פונקט פאַרקערט. ער פלעגט זאָגן:

דאַנקען גאָט דערפאַר! ווייל...

וואָס טוט מען, אַז צום שלעכטן יאַריד, טשעפּעט זיך נאָך צו דער אור־
ריאַדניק, אַז די וואָג אָדער דאָס געוויכט איז פאַלש, און... מען דאַרף אים
נאָך געבן אַ דרייערל און

דאַן מוז מען דאָך אוודאי „דערלייגן די פור״.

דאָס „דערלייגן די פור״ איז גלאַט געווען אַ קללה שלא כתובה בתורה. מילא, אַז מען איז געפאָרן אויפן יאריד און מען האָט וויניק פאַרדינט, אָדער גאָרניט פאַרדינט — איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה. ערגער איז געווען דאָס „דערלייגן די פור״, דאָס הייסט, אַז מען האָט ניט פאַרדינט דאָס, וואָס די הוצאות פון דער פור וואָס מען האָט געדונגען צו פאָרן — האָט געקאָסט.

געווען אָבער טעג, ווען דער יאריד איז געווען אַ „גלענצנדער״, מען האָט געבראַכט אַהיים אַ... פינפערל פרנסה. פלעגט זיך דער טאַטע וויצלען אויפן חשבון פון דער „פור״. אַז מען האָט אים געפרעגט ווי אַזוי איז געווען דער יאריד, האָט ער געענטפערט אַז... ער האָט ניט פאַרדינט די פור.

— ס׳טייטש, ס׳איז דאָך געווען אַ גוטער יאריד? — פלעגט מען אים פרעגן.

— וואָס זשע קומט אַרויס! איך האָב אַפילו קיין... פערד פון דער פור ניט פאַרדינט (אַ פערד האָט באַטראָפן אפשר אַ... פופציקער).

אין שטוב האָט ער געהאַט אַן אַנדער „טרייסט״. וואָס? היינטיקע וואָך ניט פאַרדינט? — און וואָס טו איך, אַז צו דעם אַלעם ווערט נאָך עמיצער שלאַף און מען דאַרף ברענגען דריי מאָל פיגורסקין און פיר מאָל הערשל רופא! — אַזוי אָבער, איטלעכער איז געזונט, און אויף פרנסה — איז גאָט אַ בטוח.

און צו וואָס לייקענען — צווישן אַ סך מדות וועלכע איך האָב געירשנט פון מיין טאַטן, איז די מידה טובה—ניט זאָרגן זיך,—מיין גרעסטע ירושה.

דאָס איז דער הויפּט פּאָרטרעט פון מיין טאַטן ע״ה.

שפּעטער מיט יאָרן, איך בין שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צען, איז קיין טעפּליק צוגעקומען אַ צווייטער נוסקע. דאָס איז געווען אידל לאַטמאַנס איידעם. געהייסן האָט ער גאָר... שמואליק, אָבער ווייל ער איז געווען אַ קליינטשיקער און אַ לעבעדיקער און וויצלדיקער — האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן —

„נוסקע דער צווייטער״.

אַנדערע האָבן אים גערופן —

„דער קליינער נוסקע״.

פונקט דער היפך צום טאַטן, איז געווען די מאַמע ע״ה.

אויך אַ נידעריטשקע, אַ דאַרינקע — אַן אויסגעטריקנטע ממש, איז זי שטענדיק געווען אַ פאַרזאָרגטע, אַ פאַרכמורעטע, פול מיט מרה שחורה.

זאָרגן האָט זי, די מאַמע, געהאַט פון וואָכ. ווי אַזוי פלעגט מען זאָגן אויף אונזער חומש־שפּראַך — איר „מוטער־טראַכט" האָט אַרויסגעגעבן צוועלף קינדער און אַכט פון זיי האָבן ניט דערלעבט צו גיין אין חדר. עפּעס וועגן איינעם פלעגט מען יאָ דערציילן; אַז ער האָט דערלעבט ביז אַכט יאָר, ביז די שקאַרלאַטין האָט אים געפּאַקט. זאָל זיך — ניט פאַר אונזערע פרויען געדאַכט — וועלכע עס איז מאַמע, פאַרשטעלן דעם געמיט פון אַ פרוי וואָס האָט אויפן בית עולם אַ רעגימענט פון אַכט קינדער. אייגענע קינדער, אויסגעטראָגענע, געליגן געוואָרן מיט זיי, געליטן די שרעקלעכע חבלי לידה, זיי אויסגעזויגן און — אין אַ ביינאַכט צי ביייטאָג — קומט שמואל יונה דער שמש, נעמט דאָס קינד איינגעוויקלט און טראָגט עס אַוועק אַהין, פון יענער זייט שטאָט, נאָכן וואַלאַסט, און קומט צוריק מיט ליידיקן.

איי דער טאַטע? אַ מאַנסביל בלייבט אַ מאַנסביל. ער גייט צווישן מענטשן, ער גייט אין שול, אין קלויז, ער פאָרט אויפן יאַריד, ער קהלט זיך צוליב דעם סטאַראָסטאַ און קאַזיאָנע ראַבינער און

— פאַרגעסט זיך!

האָב איך אייך דערוויילן, אויבערפלעכלעך, באַקאַנט מיט טאַטע־מאַמע. ווייל איך האָבן דעם כבוד אייך באַקאַנען מיט די איבעריקע בני בית אפילו — מיט אונזער אייביקער שכנה צפּורה די אייוון־פאַרקויפערן.

דעם ערשטן, שטעל איך אייך פאָר מיין עלטסטן אין איינציקן ברודער אברהמל ע"ה.

זינט איך בין צו מיין קינדערשן שכל געקומען פלעג איך הערן אין שטוב, אין חדר, דאָס וואָרט „בכור". שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז אַ „בכור" איז אַ שטיקל „מיוחס". ערשטנס — מאַכט מען אויף אים אַ פּדיון הבן. דער טאַטע דאַרף אים „פאַרקויפן". קומט אַ ייד אַ כוהן, אָט פון די אידן וואָס דוכענען ימים טובים. און אַז מען קוקט ווי זיי דוכענען — קאָן מען בלינד ווערן, קומט אָט דער רייטער כוהן (אַלע כוהנים זיינען „רוי־טע) און מען זאָגט עפּעס, און דער טאַטע גיט אים אַ קערבל און — ער קויפט אָפּ צוריק דאָס קינד...

ווען איך בין שוין געווען אַ חומש־אינגל, און דער רבי פלעגט דערציילן ווי אַזוי מען דאַרף פאַרקויפן דעם בכור אָדער ווי אַזוי מען „פאַרקויפט" פּראָקאָפּ שמאַראַוואַז דעם חמץ מיט אונזער גאַנץ בינטל חמצדיק האָב און גוטס, פלעג איך גראָדע פרעגן:

— און וואָס טוט מען אַז שואלק כוהן זאָגט: פאַרקויפט איז פאַרפאַלן; אָדער להבדל, פּראָקאָפּ זאָגט: „פּראַדאַוו — טאָ פּראַדאַוו". פלעגט דער רבי

ניט וויסן אונז צו געבן דעם ריכטיקן תירוץ, אז דאָס אַלץ איז בלויז אַ שפּיל אַזאַ, נאָר ער פּלעגט זיך אויסדרייען אַזוי, אַז עס איז געווען ניט געענטפערט און יאָ געענטפערט...

אַלזאָ, מיין ברודער אברהמל איז עס געווען דער „בכור", וועמען איך פּלעג אויך „מקנא" זיין ווייל אים קומט...

— דאָפּלטע ירושה.

און כאָטש ער וועט ביי מיר „צונעמען" אַזאַ גרויסן חלק ירושה — דאָך האָב איך אים אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט, טאַקע פון קינדווייז אָן, אויף אַזוי ווייט, אַז דער טאַטע איז געווען אייפערזיכטיק אַז צום ברודער אויף די הענט גיי איך גיכער ווי צום טאַטן. שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן אַ חדר אינגל, איז מיין ליבע און צוגעבונדנקייט צו אים געוואָרן נאָך נענטער און ענגער, ווייל... ער פּלעגט מיר העלפן לערנען.

איך געדענק אים אַלס אַ יונגערמאַן אין די דריי־פיר און צוואַנציקער, שוין אַ חתונה געהאַטער, מיט אַ שפּיציק בערדל און אַ גוואַלדיקער... טוי־געניכטס צו פּרנסה.

באַלד נאָך דער חתונה האָט מען אים געמאַכט אַ באַקאַליינע קלייטל ביי אַלטער האָראָוויץ אין מויער, איז די קרעמערקע געווען זיין יונג ווייבעלע מיין שוועגערן יענטע ע"ה, און ער איז אַוועק, אָדער אין קלויז וואו אַ גרופּע אידן, אין זיינע יאָרן, האָבן צוזאַמען אריינגעכאַפּט אַ שטיק... מורה נבוכים, אָדער ערגעץ אויף אַן אסיפה פון די „חובבי ציון".

אין יענע יאָרן האָט טעפּליק געזעשט מיט דר. הערצל ע"ה און מיט ציון. מען האָט גאַנץ געשמאַק געשמועסט, אַז גאָר אינגיכן וועט דר. הערצל אָפּקויפן גאַנץ ארץ ישראל ביים טערק פאַר אַ שבוש, און ירושלים עירך ברחמים תשוב. אידן וועלן איבערלאָזן האַקל־פּאַקל, מיטן איוואַנגראַדער און טאַש־ליפער יאַריד, און מען וועט אַוועק קיין ארץ ישראל — און

דער ברודער אברהמל איז געווען פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרס.

אַ חוץ זיין נאַציאָנאַליזם איז ער געווען אַ גרויסער בעל תנ"ך, אַ גרוי־סער לומדן פון ש"ס, אַ משכיל און אַ

— מלמדישע נשמה.

ער פּלעגט בעטן גאָט, אַז דאָס קלייטל זאָל גיין שלעכט, וועט ער עס ליקווידירן, זיך „מאַכן אַ חדר" פון גרויסע אינגלעך, און וועט זיצן 15 שעה אין טאָג און זיי לערנען און זיך לערנען.

ער האָט עס שנעל אויסגעבעטן, אָבער — קיין פּרנסה און געזונט פון מלמדות האָט ער ניט אָפּגעשפּאָרט. ער איז געווען צופיל געטריי זיין מלאכה,

און ביי אים האָט ניט עקזיסטירט קיין זייגער. און קיין „קלונג מיט אַ גלאָק" אַז דער „קלאַס האָט זיך געענדיקט" — אוודאי ניט... ער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן אַלס מלמד און געשטאָרבן אַלס מלמד...

נאָך מיין ברודער אברהמלען, איז געגאַנגען מיין שוועסטער מרים־שרה.

זינט איך געדענק זי, איז זי שוין געווען אַ „מויד", וואָס איז געשטאַנען אין שידוכים. אַ פּשוט היימיש מיידל, האָט זי, פון זיך אַליין, זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, און איר לייען־מאַטעריאַל איז באַשטאַנען פון שמרם ראָמאַנען און פון... „בריפענשטעלער". שעהן ווייז, פלעג זי איבערליגן איבערן „בריוונשטעלער" און זיך אויסחזרן אויף אייכנווייניק די בריוו וואָס דער חתן דאַרף שרייבן דער כלה און וואָס די כלה דאַרף ענטפערן...

זינט איך געדענק זיך, געדענק איך פון חתנים וואָס זיינען געקומען פון דער פרעמד זי „אָנקוקן". אַז עס פלעגט קומען אַזאַ חתן, איז ער פאַרפאָרן צו אהרן טשערנאָוו אין איינפאָר־הויז. געקומען איז ער, פאַרשטייט זיך, באַגלייט פון זיין טאַטן און אָפּט, אָפּט, מיט טאַטע־מאַמע.

פאַרנאַכט איז ער „פאַרבעטן געוואָרן אויף טיי" צו דער „קאַנדידאַטקע אויף אַ כלה". דאָרט האָט ער געטראָפן די שטוב ריין, ציכטיק, דעם פּאָל אָפּגעוואַשן, די ערד אין קיך אָפּגעשמירט מיט געלער ליים און מיט אַ בלויען פּאַס אַרום און אַרום. די קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, פלעגט מען געוויינלעך, אָפּשיקן צום פעטער מאָטיע אָדער צו אַ שכנה, זיי זאָלן זיך ניט פּלאָנטערן פאַר די פיס, אָדער זאָלן גיט צוקומען צום טיש און זיך הייסן געבן וואָס זיי זעען מיט די אויגן אָדער גאָר אַליין אַריין מיט די הענטלעך און שלעפּן דעם לעקעך מיטן שטרודל.

קומט צו גיין דער חתן ווינטער־צייט, דאַן גייט ער מיט אַ פּאָר טיפע קאַלאָשן און אַ וואַרעמען פעלץ. קומט ער זומער־צייט — טראָגט ער אַ ווייס שליאַפּקעלע און אַ ליכטיקן קאָסטיום. דאָס אַלץ זיינען וויכטיקע דעטאַלן, ווייל ניט איין כלה־מויד, און טאַקע מיין מרים שרה, האָט צוריקגעוויזן אַ חתן וואָס איז געקומען אָנגעטאָן מיט פּשוטע שטיוול (אָן קאַלאָשן) און צו די צרות האָט ער נאָך געטראָגן אַ שמוישענעם פעלץ.

און אַז מען קלויבט אַ סך — מוז מען דאָך אַריינפאַלן.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט — איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ בחורל פון אַ יאָר זעקס, האָב איך געזען ווי מען פאַרעט זיך און מען רוימט, און מען ווישט די „פידוואוינע" פענצטער. מען הייצט איין די „קאַלטע זאַל" און מען וואַשט דאָרט דעם פּאָל און מען טרייסלט אָפּ דעם פאָרעך פון די

שאפעס. איך האב שוין פארשטאנען, אז דאס קומט א חתן „אנקוקן” מרים שרהן...

אויף דער נאכט, ווען איך בין געקומען פון חדר, האב איך דעם חתן געטראפן. אן עלטערער מענטש, לויט מיין חשבון נאך, א בחור פון א יאר... פערציק. מיט אן 18 יאר עלטער פון מיין שוועסטער. לויט די פנימער האב איך פארשטאנען, אז עס „גייט אויף א גאנג”. כ׳האב אפילו געהערט, אז דער חתן בלייבט אין שטעטל אויף שבת. צוליינגדיק אן אויער האב איך געהערט, אז עס האנדלט זיך וועגן א „שמאליץ־גרוב”. דער חתן איז אן אור־מאניער, קיין פאטער איז ניטא און די מוטער, אן עלטערע פרוי, האט אן אייגענע גרויסע שטוב אויף „קיעווסקא אי טארגאוואיא” (יענץ ווינקל האט מען גערופן די „פייגעריוועקע”), און אזוי ווי ער איז א בן יחיד — געהער עס אינגאנצן צו אים...

דעם אמת געזאגט, איז מיר, דעם קליינעם וועווריק, דער שידוך ניט געפעלן געווארן, און ביים טיש עסנדיק האב איך עס באלד מאניפעסטירט דורך נאכקרומען זיך אים, ווי אזוי ער קייעט בנעימותדיק א קיכעלע, און קוים קוים, עפנט ער אויף דאס מויל און גיט א ביס. אבער — מען האט ביי מיר קיין מיינונג ניט געפרעגט און — דער שידוך איז געווארן.

עט שפעטער מיט יארן האט זיך ארויסגעוויזן, ווי אין טויזנטער פאלן, די שמאליץ איז אויסגערונען און דער גרוב איז געבליבן. די אלטע האט „אויף צו להכעיס” ניט געוואלט פארלאזן די וועלט און אים לאזן די ירושה און אנשטאט ער, דער שוואגער, זאל זיין דער איינציקער יורש פון דער גרויסער דירה פון וועלכער מען האט געהאט דירה געלט מיט דער פולער האנט — זיינען געקומען די באלשעוויקעס און זי געירשנט, און דווקא ביים לעבן... און ער, דער שוואגער, האט א חוץ ווערן אלע יאר א פרישער טאטע — ניט געקאנט פארדינען קיין גראשן... און די ארעמע, אנגעפלאגטע, שוועסטער מיינע, וועלכע האט אזוי פלייסיק געשטודירט דעם בריוונשטעלער כדי צו וויסן וואס פאר א בריוו צו שרייבן איר חתן—דעם „פרינץ”, וואס וועט קומען צו רייטן צו איר און זי ארויסנעמען פון איר שטוב און זי באזעצן אין א פאלאץ — האט נעבעך דאס גאנצע לעבן אירס געדארפט הארעווען, באקן ברויט צום פארקויפן, פרעסן פרעמדע גרייט, כדי צו קאנען געבן ברויט און א מלבושל איר האלב טוץ קינדער און... לעמעשעוואטן מאן.

די צווייטע שוועסטער מיינע, פרומע, איז אויך געבוירן געווארן אין א שלימזלדיקן טאג. איך געדענק זי אויך אלס אן „אלטע מויד” פון א פאר און צוואנציק יאר. ניט קיין איבעריק שיינע, אבער דערפאר אן ארבעטזאמע.

א גאַנצן טאָג איז זי נאָר אַרומגעגאַנגען מיט דער שמאַטע און מיטן בעזים און געראַמט און געווישט. אַז איך פלעג זיך וועלן מיט איר רייצן, פלעג איך איר אויסוואַרפן אַז זי האַלט אין איין פוצן די שטוב, ווייל זי... וואַרט אויף אַ חתן. אַ שטיק אמת איז דאָס טאַקע געווען. אָבער, קיין חתנים זיינען ניט געקומען.

דעם טאַטן איז געווען דעמאָלט שלעכט די פרנסה אין קיין נדן איז ניט געווען. ערשט עט שפּעטער, ווען די מאַמע ע"ה איז שוין נפטר געוואָרן און מיר זיינען שוין געווען געבענטשט מיט אַ שטיף־מאַמע — דאָס אמתע פּע־פּערל—האָט אַ שדכן געבראַכט—אַלץ פון אומאַן—אַ יונגן „פּראַנט", וועל־כער האָט זיך פאַרליבט אין... די דריי הונדערט קערבלעך נדן וואָס דער טאַטע האָט געגעבן און אין די צוויי שיפסקאַרטעס וואָס ער האָט געקויפט זיי זאָלן פאָרן קיין אַמעריקע (דער חתן־בחור האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו) און מען האָט געפּראַוועט אַ חתונה אין אומאַן כיד המלך. געלט? — דער טאַטע האָט פאַרזעצט די שטוב פאַר עלף הונדערט קאַרבן און חתונה געמאַכט אַ קינד...

פון דער דאָזיקער בעזטשאַסנער שוועסטער האָבן מיר געהאַט — פאָרן גאַנצן לעבן — בלויז צוויי בריוו. איינע פון דער שיף, אַז דער מאַן אירער רעדט וועגן... אַ גט. און די צווייטע פון ניו־יאָרק, אַז זי איז שלאָף. מער האָבן מיר פון איר ניט געהערט און ניט געוואוסט.

דאָס בילד פון מיין „הויזגעזינד" וואָלט אָבער געווען ניט קאָמפּלעט, ווען איך באַקאַן אייך ניט מיט נאָך צוויי וויכטיקע „איינוואוינער" פון אונ־זער שטיב. טאַקע אייגענע באַשעפעניש וואָס האָבן געגעסן אונדזער ברויט, געטרונקען אונזער וואַסער, און זיינען געווען די איינציקע פון אונזער קליינ־וואַרג וואָס האָבן כשר פאַרדינט דאָס עסן און דאָס טרינקען.

צום ערשטן וועל איך אייך פאָרשטעלן אונזער... ציג.

דוכט זיך געווען אַ ציג גלייך מיט אַלע ציגן, דאָך, פלעגט די מאַמע זאָגן, אַז עס איז ניט קיין ציג נאָר אַ „דבוק"! ערשטנס, איז זי געווען „קלוג ווי דער טאָג" — אַזוי פלעגט די מאַמע זאָגן. — און פאַרוואָס דער „טאָג" איז קלוג, ווייס איך נאָך ביז היינט צו טאָג ניט. אַז מען האָט זי געדאַרפט מעלקן, האָט מען געדאַרפט אַ געשריי טון: טובה־לאה, האָט זי זיך באַלד געיאַוועט.

טובה־לאה האָט מען זי גערופן צוליב איר קייען אַ גאַנצן טאָג. זי איז געשטאַנען, געליגן און געהאַלטן אין מעלה גרהן, קייען. און אַזוי ווי אין

טעפּליק האָבן מיר געהאַט אַ טיקערן אין באָד, טובה לאה, וואָס — לויט ווי די ווייבער האָבן גערעדט — האָט זי אויך געהאַלטן אין מעלה גרהן, האָט אונזער ציג באַקומען — טאַקע פון דער מאַמען — אַט דעם נאָמען.

אגב, איז אַמאָל צוליב אַט דעם נאָמען, געקומען צו אַ סקאַנדאַל און מען איז אַריינגעפאַלן צו דער אמתער טובע לאה אין מויל אַריין.

די מאַמע האָט געהייסן מיין שוועסטער מרים שרהן זי זאָל אַריינעמען די ציג אין קיך אַריין צום מעלקן. מרים שרה איז אַרויס אויפן פּידאַשעק און אָנגעהויבן רופן: טובע לאה! טובע לאה!

דאַרף דער רוח פּונקט אָנטראָגן די אמתע טובע לאה, וועלכע דערהערט אַז מען רופט זי, איז זי צוגעגאַנגען צום פּידאַשעק און אַ פרעג געטאָן מיין מרים שרהן:

— מיידעלע, ווער רופט מיך? די מאַמע?

— ניין, ניט אייך רוף איך — פאַרענטפערט זיך מיין שוועסטער — איך רוף אונזער ציג...

אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער און טובע לאה די טיקערן איז געוואוירע געוואָרן ווער עס טראָגט איר נאָמען און עס איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל.

ווי אַזוי די מאַמע האָט זי איינגעשטילט און איבערגעבעטן — ווייסט איין גאָט דעם אמת — אָבער די ציג, האָט שוין דאַן באַקומען דעם נאָמען טובע לאה, ניט נאָר ביי אונז אין שטוב — נאָר ביי אַלע שכנים.

און אַז אונזער „טובע לאה” איז געווען קלוג ווי דער טאָג, איז גאָר קיין צווייפל ניט געווען. זי האָט זיך געלאָזט מעלקן אַזוי, אַז מען האָט זי ניט געדאַרפט צוהאַלטן ביי די הערנער און אַ חוץ דעם מעלקן האָט זי גע־לאָזט מיך זיך אויפזעצן רייטנדיק און פאָרן מיט איר אויפן פּידאַשעק. ביז אין אַ שיינעם טאָג איז איר נמאס געוואָרן מיין פאָרן רייטנדיק, אָדער אפשר גאָר האָט זי זיך אָנגעהויבן אָנשמעקן מיט די רעוואָלוציאָנערע אידייען וואָס האָבן דאַן — אין יאָר 1905— אַרומגעכאַפּט גאַנץ טעפּליקער „מאַלאָדיאָזש” (יוגנט), און האָט באַשטימט ניט צו טון קיין צוויי מלאכות פאָרן בלויזן עסן און שלאָפן, און אין אַן אינדעפּרי, ווען דער טאַטע איז געווען אויפן יאריד, האָב איך זיך אַרויפגעזעצט אויף איר רייטנדיק, האָט זי געגעבן אַ בריקע און איז — מיט מיר — אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ. זי איז טאַקע בשלום אַראָפּ־געלאָפן די טרעפּ. איך אָבער, האָב זיך אַראָפּגעקאַטשעט און אַריינגעפאַלן אין דער שטיינערנער ריטשקע און...

אָפּגעלעגן 2 חדשים אין בעט מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ.

——0——

אונזער צווייטער שטוב „מיטגליד", וועלכער פלעגט עסן און טרינקען פון „שענסטן און בעסטן" איז געווען

„פעדקאַ".

ווי אַזוי דער טאַטע האָט מסכים געווען אַז מאַכטיי זאָל ברענגען פעד־קאַן און אים איבערלאָזן ביי אונז אויף קעסט — איז ביי מיר אייביק געווען אַ רעטעניש. דער טאַטע האָט פיינט געהאַט... הינט. אַ הונט — פלעגט ער זאָגן — איז אַן ענין פאַר גוים. דאָך ווען ביי מאַכטייען — אונזערער זייער אַ היימישער ערל, וואָס האָט אונז געבראַכט אייער און עופות, און קעז און כמעטענע און אַלדאָס גוטס, ווען ביי אים — איז פון שקאַרלאַטינע גע־שטאָרבן (אין טעפליק פלעגט מען זאָגן „געפגרט") — זיין זעקס יאָריקער שגצל, האָט ער געבראַכט צופירן אונז זיין „פעדקאַן", וועלכן דאָס שגצל האָט שטאַרק ליב געהאַט און דערצויגן, און אונז אים איבערגעגעבן, אַז מיר, ספּעציעל איך, זאָל אים היטן און דערציען. דער טאַטע האָט ניט געקאָנט אָפּזאָגן, זיין בעסטן גויאישן פריינט וועלכער איז געווען אַזוי פּאַרווייטיקט און באַטריבט און אריינגענומען דעם הונט אין שטוב אריין.

פעדקאַ איז געווען זייער אַ שטילער און רואיקער באַשעפעניש, איז געשלאָפן אין דער „נייער זאָל" אויף שטרוי און ביינאַכט האָט מען אים גע־מוזט האַלטן אויף אַ שטריק — ווייל ער האָט קיינעם ניט צוגעלאָזט...

זיין סוף איז נעבעך געווען זייער אַ ביטערער. ווען איך בין געווען אין חדר, איז געקומען אַ היצל אין שטעטל אריין און

— אוים פעדקאַ!

צי איז תשעה באב געווען אַ גרעסער אומגליק ווי באַ מיר יענער טאָג — ווער ווייסט...

נתן (נוסקע) טשערנאָוועצקי ע״ה

דעם מחבר׳ס פאָטער און פאָפולערסטער איד אין טעפּליק.

קאַפּיטל פינף

אונזער צווייגאָרנדיקע שטוב

די ניט־דערענדיקטע „זאַל", וואָס וואַרפט אַן אַ שרעק. — דער „סימן" פאַר שכנים. — אַ סגולה קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. — מען נעמט אַרויף דעם לייטער אויפן בוידעם. — דאָס אַרויפקומען אין שטוב אַריין. — די טרעפּ איבער וועלכע מען קאָן ברעכן דעם קאָפּ. — אונזערע שכנים. — דער „פּידאַשעק" און דער „קאָרע־דאָר". — די טיר וואָס ברעכט טאַפּליעס, די סטאַלאָווע, דער „קאָמעדאָר דיאַריאַ", דער טיש מיט די בענק. — די „קאָמאָדע", דאָס פּלאַץ פאַר דער פּאָסודע און פאַרן טאַטנס טלית און תפילין. — די „אַנאַרכיע" פון קאָמאָד. — איטלעכער זוכט, איט־לעכער צעוואַרפט און די מאַמע געפינט יעדן זיין זאַך. — מען טראָגט אַריין שטרוי אין סטאָלאָווע. — דאָס פּלאַץ פאַרן סאַמאָוואַר. — דער הענג־לאָמפּ. — דער טאַטע „עסט קעראָסין מיט ברויט". — דאָס קליינע קעראָסין־לעמפּל וואָס מען טראָגט אַרום אין די ספּאַלניעס. — ווי אַזוי מען האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ פריי־טיק־צו־נאַכטס? — דעם ברודערס „אַלקיר", אַ מקום מקלט פאַר משכילים. — דעם טאַטנס ספּאַלניע מיטן בעט אויף דריי פיסלעך. — די באַקוועמע קיך. — דאָס „פיר־הויז". — די סוכה מיטן „פענצטער" צום הימל. — דער אונטערשטער גאַרן.

ווען איר זענט אָנגעקומען מיט דער פור פון אומאַן אָדער מיט דניאל בעל עגלהס פאַיטאָן פון טערניווקע, און איר זענט צוגעקומען צו יחיאל פישערס און נחמן לאַדיזשינסקיס הייזער, און האָט זיך פאַרנומען רעכטס אין מאַרק אַריין האָט איר געמוזט באַמערקן

— נוסקעס שטוב.

איך שטרייך אייך אונטער „געמוזט", אדרבא, באַמערקט ניט אַ צוויי־גאָרנדיקע שטוב וואָס שטייט — אין איין רייע מיט נאָך דריי־פיר הייזער, און „צייכנט" זיך אויס, רופט די אויפמערקזאַמקייט, מיט אירע צוויי אָפּע־נע... לעבער פון ניט אַריינגעשטעלטע פענסטער, און אַ ניט פאַרענדיקטע „זאַל", וועמען עס פעלט די „שטוקאַטורקע" פון פאָרנט.

מיט אַ סאַך יאָרן צוריק — אַזוי פלעגט דער טאַטע דערציילן — האָט זיך אים פאַרגלוסט צובויען נאָך אַ „זאַל" פון פאָרנט, אַ וואוינונג פאַר אַ קינד וואָס וועט חתונה האָבן. האָט ער אָנגעהויבן בויען, געשטעלט דעם דאַך, צו־

געגרייט אין דאָך אַ ספּעציעל „פענסטער" פאַר אַ „סוכה", געדונגען גויעס, וועלכע האָבן פון ליים געמאַכט וואַליקעס און ציגל, געדונגען גויים וואָס האָבן געמאַכט די ווענט און — אינמיטן דער אַרבעט געמוזט אָפּשטעלן, ווייל עס האָט אויסגעפעלט... פּרנסה. געקומען אַ שלעכט שטיקל צייט. נו, וועט מען ענדיקן איבער אַ יאָר. אַזוי איז אַוועק אַ יאָר, 5 און 10 יאָר, און ביזן טויט אַריין האָט ער עס ניט פאַרענדיקט. ניט ער האָט עס געענדיקט, ניט די באַל־שעוויקעס, וועלכע האָבן דערנאָך צוגענומען ביים „בורזשוי" נוסקע די שטוב, האָבן פאַרענדיקט בויען די זאַל. פאַרענדיקט מיט דער שטוב און מיט גאַנץ טעפּליק האָט שוין היטלער — אָבער דער טאַטע האָט עס ניט דערלעבט...

און אפשר איז אמת וואָס די שכנים פלעגן זאָגן, אַז די אָפענע לעכער וואָס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון דער ליימיקער וואַנט פון פאָרנט, איז גאָר געווען לטובה ולברכה פאַר אונזער שטוב. דער „פון פאָרנט" האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק און געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פאַרלאָזטער חורבה. אַזוי איז דאָס געווען אַ „סגולה" אין יאָר 1905 ווען מען האָט זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם און אַזוי איז געשען אין די יאָרן 1919־1920 ווען די טרויע־ריקע שחיטות פון די פּעטליוראָווצעס זיינען פאָרגעקומען אין גאַנץ אוקראַינע און ספּעציעל — אין דער טעפּליקער שחיטה. עס איז דאָך פאַרט אַ פאַקט, אַז אונזער שטוב איז געבליבן גאַנץ, אין דער זעלבער צייט, וואָס די באַנ־דיטן זיינען געווען אין אַלע שכנהסדיקע הייזער...

ווייזט אויס, — אַזוי זאָגט די לאָגיק, — אַז די פּעטליוראָווצעס, אַ קוק טוענדיק אויף אָט דער צעבראָכענער שטוב, האָבן געגלויבט, אַז קיינער וואוינט דאָרט ניט — האָט מען זי דורכגעלאָזט און ניט אַריינגעדרינגען אין איר. די זייטיקע שכנים אָבער, האָבן געמיינט, אַז דאָ האַנדלט זיך פון אַ „מזל־שטוב" — איז מען זיך געקומען צו אונז „באַהאַלטן" — און מען איז אַזוי אַרום נצול געוואָרן פון דער פּעטליורע־שחיטה.

און, כאָטש אינעם ערשטן טייל פון אָט דעם בוך האָב איך אייך שוין אויסגעמאָלט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען אַ טעפּליקער שטוב, וועל איך איצט אייך אָנעמען ביי דער האַנט, און מיט אייך דורכשפּאַצירן איבער אַלע צי־מערן פון אַ טעפּליקער הויז — דאָרט וואו איך, איר, און צענדליקער ווי איך, האָבן די ליבטיקע וועלט דערזען. איך וועל אייך אַלעס ווייזן און גאָרניט פאַרבאָרגן. איך וועל אייך אַרויפשלעפּן אויפן בוידעם און וועל מיט אייך אַראָפּ אין אונטערשטן שטאָק וואָס איז געווען דער מקום מנוחה פאַר די שטאָטישע... חזרים. נשקשה, מיט מיין טעפּליקער שטוב, מיט דער שטוב

וואו מיר, פון דער אַלטער היים, זיינען געבוירן געוואָרן — שעמען מיר זיך ניט...

דערווייל קאָנט איר דעם אויסערלעכן אויסזען פון דער שטוב, און איר פאַרשטייט דאָך, מן הסתם, אַליין, אַז אונזער שטוב איז געווען דער „סימן" פון דער גאַנצער גאַס. ווען מען האָט געדאַרפט אָנווייזן אַ פרעמדן וואו עס וואוינט גבריאל פּאַפּיראָסניק האָט מען אים געדאַרפט בלויז אויסמאָלן וויפל הייזער זי געפינט זיך פון דער „שטוב אָן פענסטער", וואָס געפינט זיך אויף דער זעלבער גאַס.

האָט מען געפרעגט אויפן רב, האָט מען אָנגעוויזן אַז ער וואוינט די דריטע טיר פון דער „ניט פאַרענדיקטער שטוב". אַז מען האָט געפרעגט אויף אברהם דוכאָוונע אָדער אויף משה מאָטיען — האָט מען אָנגעוויזן, אַז זיי וואוינען אַקעגן דער „צענומענער" שטוב א. א. וו.

אָט אַזוי איז די שטוב געווען אַ שם דבר אין שטעטל.

אויף אַרויפצוקומען אין שטוב אַריין, האָט מען געמוזט אַרויפשפּאַנען אַ מין צענדליק טרעפּ. טרעפּ? ס'רעדט זיך אַזוי „טרעפּ"! דער וואָס איז געווען אַביסעלע ניט פאַרזיכטיק האָט געקאָנט צען מאָל ברעכן הענט און פיס און לייב און לעבן ביז ער האָט זיי אַרויפגעשפּאַנט. ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר, געדענק איך אָט די צעבראָכענע טרעפּ און ווען איך בין געקומען צו גאַסט צום טאַטן — שוין נאָך דער חתונה, געדענק איך אַלץ, אַז די טרעפּ זיינען נאָך געווען צעבראָכן. אַזאַ שלעכטער בעל-הבית צו שטוב-זאַכן, אַזוי ניט קאָנען און ניט וועלן צוקלאַפּן אַ טשוועקל אין שטוב, און עס זאָל אים אַזוי ניט אַרן וואָס עס פעלט דאָס טשוועקל — ווי מיין טאַטע ע"ה איז געווען — איז זעלטן געווען צו געפינען אין טעפּליק. און צו וואָס לייקענען?... אָט די „מעלה" האָב איך, טיילווייז פון אים גערירשנט — אַ חוץ די ליבע צו פאַרען זיך מיט די עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס אָדער מיטן עלעקטרישן פרעסל פון דער שטוב, כאָטש איך כאַפּ אַ ברי און אַ שלייַ־דער — קאָן איך אויך קיין טשוועקל ניט צוקלאַפּן אין וואַנט...

ווען איר זענט שוין אַרויפגעקומען בשלום די טרעפּ, האָט איר זיך גע־פונען אויף אַ „פּידאַשעק". דעם „זעלבן" פּידאַשעק האָבן געהאַט פון דער רעכטער זייט — טרייטל דער פּרימאַלטשיק און דוד זעלווינסקי און פרוי זיסל און פון דער צווייטער זייט, איצי באַסעס און גבריאל בעקער. אָבער — עס איז אַ חילוק. זייערע „פּידאַשעקעס" זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט געטאָקטע שטאַכעטן, שיין געפאַרבטע און צוגעגעבן אַ שיינקייט דער שטוב. אַלנפאַלס — האָט מען פון פּידאַשעק ניט געקאָנט אַרויספאַלן. אונזער פּידאַ־

שעק איז געװען אַרומגענומען מיט צװײ שמאָלע לײסטעלעך אַרום און אַרום, און אױב מען איז ניט געװען פּאַרזיכטיק — האָט מען געקאָנט ליגן אין דער ריטשקע צװישן שטײנער און ברעכן דעם קאָפּ און די זײטן.

אָבער אַזױ זײנען מיר, קינדער געװאַקסן, אַזױ האָבן מיר זיך געשפּילט אױפן פּידאַשעק און אַזױ... האָט עס אונז ניט געשאַדט... אַלנפאַלס, זײנען מיר אױפן צעבראָכענעם פּידאַשעק געװען זיכערער, װי אױף די הײנטיקע מאָדערנע באַלקאָנען...

אַראָפּגײענדיק פּאַמעלעך פון דעם פּידאַשעק אין שטוב אַרײן, זענט איר אַרײנגעפאַלן אין אַ „קאָרעדאָר". און דאָ איז װידער געװען אײער מזל. אױב איר האָט זיך ניט פּאַרטשעפּעט אין קלאָץ װאָס האָט געדינט אַלס „טרעפּל" פון דער „סוכה", זענט איר בשלום אָנגעקומען אין קאָרעדאָר. דער טאַטע — אַז מען האָט געהאַט צו אים אַ טענה, פאַרװאָס ער מאַכט ניט צורעכט אַט דאָס טרעפּל, איז אָפּגעקומען — װי זײן שטײגער איז געװען — מיט אַ װיץ.

איך לאָז עס אינמיסטן אַזױ — פלעגט ער זאָגן, און אָט פאַרװאָס:

אַ הײמישער װאָס קומט אָפּט אַהער, — װײסט, אַז מען דאַרף דאָ גײן פּאָרזיכטיק, היט ער זיך.

אַ גנב, װידער, װאָס קומט גנבענען — זאָל דאָ ברעכן דעם קאָפּ!

נו, פלעגט מען טאַקע ברעכן דעם קאָפּ — אָבער ניט שטענדיק אַ גנב — נאָר גלאַט אידן װאָס זײנען געקומען צום טאַטן...

אין קאָרידאָר זײנען געװען צװײ טירן — אײן טיר האָט געפירט צו דער קאַלטער זאַל — און אָט די טיר איז שטענדיק געװען פאַרשלאָסן, און די צװײטע טיר מיט אַ קליאַמקע — האָט אַרײנגעפירט אין „סטאָלאָװע". און אַזױ װי די טיר — אַ גלעזערנע — האָט זיך געעפנט צו לײכט און פאַרמאַכט צו לײכט — פלעגט מען, ניט װילנדיק, געבן אַ שטאַרקן פאַרמאַך — און אַ טאַפּליע איז געפלױגן... פלעגט אָט די טיר, כמעט דעם גאַנצן זו־מער זײן... אָן אַ טאַפּליע (מען דאַרף האָבן ראָטשילדס עשירות אַרײנשטעלן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אַ נײע טאַפּליע — פלעגט טענהן דער טאַטע. צורעכט מאַכן די טיר זי זאָל ניט געבן קײן קלאַפּ בײם עפענען און פאַר־מאַכן — דאָס איז אים ניט אײנגעפאַלן...). װינטער אָבער, האָט מען שױן געמוזט האָבן אַ טאַפּליע, פלעגט מען פּאָרזיכטיק עפענען און פאַרמאַכן און מער װי דרײ־פיר טאַפּליעס איז דעם װינטער ניט צעבראָכן געװאָרן.

די „סטאָלאָװע" האָט געדינט פאַר אַ סך זאַכן. אין סטאָלאָװע איז גע־שטאַנען דער טיש מיט די בענקלעך און דאָרט איז געװען דאָס „עס־צימער". איך זאָג „בענקלעך". בסך הכל איז געװען אײן בענקל פאַרן טאַטן פאַרן

„אויבנאָן", אין ביידע זייטן טיש זיינען געשטאַנען צוויי הילצערנע בענק, אויף וועלכע אונזער הויזגעזינד איז געזעסן זייער באַקוועם.

די סטאָלאָווע האָט אויך געדינט פאַר א „שלאָף־צימער" פון דער שוועס־טער און שפעטער — פאַר מיר. דאָרט איז געשטאַנען א הילצערנע „סאָפאַ" און ביינאַכט האָט מען געבראַכט דאָס בעטגעוואַנט פון דער מאַמעס בעט און אויסגעבעט א געלעגער. אינדערפרי האָט מען געדאַרפט צונעמען דעם „סראַטש".

אין סטאָלאָווע איז אויך געשטאַנען דער „קאָמאָד" — א ספּעציעלער מקום מנוחה פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען: פאַר דער „פּאָסודע" און פאַר מיינע און דעם טאַטנס... „ביבליאָטעק". עס איז געווען אַזאַ מין אַלטמאָדישע שאַפּ־קעלע, וואו דער טאַטע האָט דאָרטן געהאַלטן זיין טלית און תפילין, די חומשים און די עטלעכע גמרות וואָס דער טאַטע האָט פאַרמאָגט און וועלכע זיינען דערנאָך געווען מיינע „טעקסט־ביכער". אין דעם דאָזיקן „קאָמאָד" האָט מען אויך געפונען „שמות" פון סידורים און פון ווייבערשע „צאינה וראינהם", וואָס זיינען אַלט געווען א פּאָר הונדערט יאָר, און אין דער זייט פון אָט די הייליקע שמות, איז געלעגן מיין תנכל, און שפעטער, מאַפּוס ראָמאַן „אשמות שומרון" און סמאָלענסקינס „התועה בדרכי החיים" און דער שוועסטערס „ליטעראַטור" שמרס „שטיין־רירנדער" ראָמאַן „דער בלאָנדער יונגערמאַנטשיק" און דער „בריוונשטעלער".

אָבער, דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אין דעם „קאָמאָד" האָט די מאַמע באַ־האַלטן די... זילבערנע לעפל און גאָפל, וואָס מען האָט גענוצט בלויז שבת און יום־טוב. א חוץ דעם, איז דאָרט געלעגן דאָס שבתדיקע געפעס, דאָס זיל־בערנע זייערל אויף טיי און דער זילבער „כוס" פון וועלכן דער טאַטע האָט געמאַכט „קידוש". אזוי ווי צו דעם „קאָמאָד" איז געגאַנגען און גענוצט דאָס גאַנצע הויזגעזינד, איז דאָרט, פאַרשטייט זיך, שטענדיק געווען אָנגעוואָרפן און איבערגעוואָרפן און קיינער האָט קיינמאָל ניט געפונען וואָס ער זוכט, און שטענדיק האָט זיך געהערט געשרייען און געוואַלדן, און איינער האָט אַרויפגעלייגט די שולד אויפן צווייטן, אַז יענער איז געווען דער לעצטער וואָס האָט זיך „געפּאַרעט" ביים קאָמאָד. דער סאַף איז שטענדיק געווען, אַז די מאַמע האָט געמוזט צוגיין און מיט מוטערשער גערולדע, געזוכט און גע־פונען וואָס מען דאַרף און עס איז געוואָרן ווידער שטיל, ביז... ביז א צוויי־טער איז צוגעקומען צום קאָמאָד און געזוכט זיינע זאַכן און עס איז ווידער געוואָרן אַן איבערקערעניש... און ווידער געוואַלדן און ווידער האָט די מאַמע געמוזט גיין געפינען וואָס יענער זוכט.

איין זאַך פלעגן די „שכנים" פונם קאָמאָד שאַנעווען און היטן און ניט פאַרשטופּן אַזוי, אַז מען זאָל ניט קאָנען געפינען — דאָס איז געווען דעם טאַטנס טלית און תפילין. פון איין זייט, — דער גרויסער דרך ארץ פאַרן טאַטן; פון דער צווייטער זייט, דער דרך ארץ פאַר אַזאַ הייליקער זאַך ווי די תפילין (מיטן טלית האָט מען זיך עפּעס ניט אַזוי געצאַצקעט...) האָט געבראַכט דערצו, אַז וואָס און ווי אַזוי מען זאָל ניט איבערוואַרפן אין קאָמאָד — דעם טאַטנס טלית און תפילין זיינען געווען „אומבאַרירבאַר"...

אין דעם דאָזיקן שטיק מעבל האָבן אויך געפונען זייער מקום מנוחה דעם טאַטנס „געשעפטס־בוכהאַלטעריע", זיינע חשבונות מיט די שותפים, די קבלות פון דער מיל, אַז זי האָט מקבל געווען כך וכך פוד ווייץ און משלם געווען עד לחשבון מאה רו"ך — אָט אַזוי איז געווען די אָפיציעלע „רעסיבע" פון טעפּליקער סוחרים. און אין זעלבן קעסטעלע פון די קבלות האָט מען ערב סוכות געקאָנט טרעפן דעם אתרוג וואָס דער טאַטע האָט איינגעהאַנדלט בזיל זול היינטיקס יאָר — אַזוי האָט ער זיך באַרימט... אַלע יאָר.

די קינדער אין שטוב האָבן שוין געוואוסט, און אפילו דער עלטערער ברודער וואָס האָט זיך דערלויבט אַ סך זאַכן אַלס בכור — האָט אויך געוואוסט, אַז צו יענעם קעסטעלע טאָר מען זיך ניט צורירן... דאָרט איז געווען דער קדש קדשים פון קאָמאָד. דער דרך ארץ פאַרן טאַטנס חשבונות, די מורא אַז מען קאָן עפּעס אָנמאַכן אַ צרה פון וועלכע דער טאַטע זאָל האָבן קאַפּוייטיק און דער דרך ארץ פאַרן טאַטן בכלל, איז געווען גענוג גרויס אַז מען זאָל צום קעסטעלע זיך ניט צורירן.

און ריידנדיק וועגן אָט דעם קאָמאָד וויל איך שוין אויך פאַרצייכענען, אַז אַן ענלעך שטיקל מעבל האָב איך דערנאָך — מיט 25 יאָר שפּעטער — געהאַט ווען איך בין שוין געווען אַ „בעל־הביתל", שוין געלעבט אין אַרגענטינע און געוואוינט אין איין צימער וואו עס איז אַלץ אריין. דאָס בעט מיטן טיש מיט די 4 שטרויענע בענקלעך, מיטן וויגעלע פאַרן קינד, מיט דער איין פלאַסיקער „שאַפע" פאַר די מלבושים, מיט אַ „טואַלעט" פאַר דער פרוי און... אַ קאָמאָד, וואו עס איז געשטאַנען די „פּאַסודע", געלעגן דאָס ברויט, געשטאַנען דער בוימל, די בלעך מעל, דער צוקער, די טיי, און דאָס גאַנצע בעל־הביתישקייט. געפעלט האָט דאָרט בלויז — מיין טלית און תפילין. געפעלט האָט בלויז די תפילין. אַ טליתל — ניט אַזאַ גרויסער ווי מיין טאַטנס — נאָר אַ דין „שאַרפעלע" — אַ טלית איז שטענדיק דאָ אין שטוב. די תפילין — זאָלן זיי מיר מוחל זיין.

ווען איך פלעג צוגיין צו אַט דער בוענאָס אײַרעסער ,קאַמאַד" — די אידענע, אַ גרינע נאָך, האָט אים ניט געוואָלט רופן ,,אַפּאַראַדאָר", האָט זי אים גערופן ווי איך ,,קאַמאַד" — ווען איך פלעג צוגיין צו אים, איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן מײַן טעפּליקער קאַמאַד, און איך פלעג זיך היטן דאָרט ניט אָנמאַכן קיין אַנאַרכיע ווי אין טעפּליקער קאַמאַד, אָבער עס האָט מיר ניט געהאָלפן. אַ געוואוינהייט אַזאַ געווען...

איך האָב זיך ווידעראַמאָל און אפשר צופיל, אָפּגעשטעלט בײַ אונזער קאַמאַד. און געטאָן האָב איך עס, ניט בלויז ווײַל אַט דאָס שטיק מעבל וואָס איז אַלט געווען צענדליקער יאָרן, האָט זיך מיר שטאַרק אײַנגעקריצט אין זכרון. נאָר ווײַל איך בין זיכער, פריינט לייענער, אַז אויך דו האָסט געהאַט אַזאַ אָדער ענלעכן קאַמאַד, און איך האָב טאַקע געוואָלט — ווי דער גאַנצער ציל פון אַט דעם בוך — אָפּפרישן אין זכרון דײַן סטאַלאָווע און דער עיקר — דײַן ,,קאַמאַד", אַן אַנדענק וועלכער איז דיר זייער ליב. איך בין זיכער, אַז איך האָב מײַן ציל דערגרייכט און דו ביסט מיר דאַנקבאַר.

מער קיין הילצערן ,,מעבל" האָט די סטאַלאָווע ניט געהאַט. זי האָט אָבער געהאַט אַנדערע ,,אינטערעסאַנטע אײַגנשאַפטן".

ערשטנס: איז אין סטאַלאָווע אַריין די ,,פלייצע" פונם אויוון, אַזוי אַז מען האָט געהייצט ווינטער דעם אויוון מיט ליסקע אָדער מיט האָלץ אויף צו באַקן ברויט, איז געווען ,,וואַרעם ווי אין אַן אויער". דערפאַר, האָט מען זומער געכאַפּט דעם אמתן שוויץ... אין סטאַלאָווע זײַנען אויך געווען די ,,מיילער" פון בײדע הרובעס וואָס האָבן געוואַרעמט בײדע ,,ספּאַלניעס". און — האָט מען געהייצט מיט שטרוי — איז אין סטאַלאָווע שטענדיק גע־ ווען אַ מיסט ביז אין דער סטעליע, ווײַל מען דאַרף דאָך האָבן אײַזערנע קריזשעס אַ גאַנצן טאָג נאָכגיין מיטן בעזים — האָט געטענהט די מאַמע, וועלכע איז, נאָך אַלעמען, נאָכגעגאַנגען מיטן בעזים, אָבער אַ מיסט איז פאַרט געבליבן.

טאָמער זײַנען געווען ווייניק די צוויי ,,מיילער" פון די הרובעס וואָס די סטאַלאָווע האָט פאַרמאָגט, האָט זי נאָך געהאַט אַן אײַנגעמויערט פּלאַץ וואו דער סאַמאָוואַר איז געשטאַנען. אַז מען האָט געדאַרפט ,,שטעלן" דעם סאַמאָ־ וואַר — און דאָס פלעגט מען טאָן וויניקסטנס דרײַ מאָל אין טאָג, — האָט מען אים אַרויסגענומען פון זײַן פּלאַץ, אַרײַנגעטראָגן אין קיך אַריין, דאָרט, אין קיך, אָנגעגאָסן דאָס וואַסער און אָנגעשיט די קוילן, גוט דורכגעבלאָזן מיטן טאַטנס שטיוול אָדער מיט אַ פאָכער וואָס אָפט איז ער באַשטאַנען פון אַן אַלט העמד, וועלכעס מען האָט שוין ניט גענוצט, אָדער מיט דער שוועסטערס

אַן אַלט „קאַפּטעלע“, און דערנאָך אַז ער האָט זיך שוין צעגליעט — האָט מען אים געטראָגן פון קיך ביז אין דער סטאַלאָווע, און אויפן וועג האָט מען „פּאַרזייט“... אַש פון קוילן און טראָפּנס וואַסער, וועלכע מען האָט דערנאָך צעטראָטן מיט די פיס איבערן פּאָל און —

די מאַמע האָט ווידער פּראָטעסטירט. זי איז געווען גערעכט. זי האָט קיין כוח ניט צו ראַמען אַ גאַנצן טאָג. און

מאָרגן און איבערמאָרגן און אַלע מאָרגנס, איז געווען דאָס זעלבע...

איר וועט ניט קענען אונזער „סטאַלאָווע“ אויב איר וועט זיך ניט באַקאָנען מיטן לעצטן שטיקל „מעבל“ פון דאָרט, וועלכע איז אויך ווערט צו באַשריבן ווערן. דאָס איז געווען דער — הענגענדער קעראָסין־לאָמפּ.

אונזערע קינדער, וועלכע זיינען געבוירן און געוואַקסן געוואָרן אין די גרויסע שטעט און שטעטלעך פון די אַמעריקעס, אונזערע קינדער וועלכע זיינען געבוירן, דערצויגן און געוואַקסן געוואָרן אין געוויינלעכע מאָדערנע וואוינונגען, און געזען ווי די מאַמע גיט אַ קוועטש — ווערט ליכטיק; ווי זי שטופּט אַריין אַ שניר אין דער וואַנט — ווערט היים דאָס פּרעסל און מען פּרעסט אים אויס די ווייסע „גואַרדאַפּאָלוואַ“ צו גיין אין שולע, און ווי אַזוי מען זידט אים אויף די מילך אויף אַן עלעקטריש הייוועלע און מען מאַכט אים געפּרישט ברויט (טאָסטאַדיטאָס) אין אַן עלעקטריש מאַשינקעלע — אָט דאָס קינד, וועט אונז — די טעפּליקער און טערניוועקער און סאַווראַניער און טראַסטאַניעצער טאַטעס זייערע, אין די כאַשטשעוואַטער און טשעטשעלניקעס מאַמעס, — ניט פאַרשטיין און זיך ניט פאַרשטעלן, וואָס פאַר אונז — דעמאָלטיקע קינדער — האָט באַדייט דער קעראָסין־לאָמפּ מיט דער פּאַרצעלאַיענער „אפשור“, מיט דעם 12־ער גלעזל. אָבער, אָט דער לאָמפּ וואָס איז געהאנגען, האָט מען געטראָפן בלויז ביי גבירים און אין בעלי־הביתישע הייזער. די גרעסטע טייל לאָמפּן זיינען געווען שטייענדיקע אויפן טיש און מען האָט אים געהאַלטן אין איין אַרומטראָגן און אַרומרוקן. געווען הייזער וואָס האָבן געהאַט צו פינף און זעקס צימערן, אָבער לאָמפּן האָט מען געהאַט בלויז איינעם, ווייל דער לאָמפּ איז געווען אַ „דלות“ — אַזוי פלעגט דער טאַטע אַ בורטשע טאָן ווען עס האָט געלאָפנעט אַ גלעזל אָדער עס איז צעבראָכן געוואָרן ווען מען האָט עס געווישט. און ווישן פלעגט מען עס מוזן אַלע טאָג. דער קעראָסין און דער קנויט פלעגן שטענדיק פאַרויכערן דאָס גלעזל.

מיר האָבן געהאַט צוויי לאָמפּן: איינעם אַ הענגענדיקן מיט אַ 12-ער גלעזל, וואָס האָט געגעבן ליכט ווי, למשל, אַן עלעקטריש לעמפּעלע פון 40 „וואַט“, און אַ צווייט לעמפּעלע האָבן מיר געהאַט, וואָס איז געהאנגען אין

קיך אויף דער וואַנט, און מען איז מיט דעם אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן. דאָס הייסט, אַז מען האָט געדאַרפט בעטן אין אַלקיר, האָט מען עס אָנגעצונדן און אַריינגעטראָגן אַהין. געענדיקט דאָס בעטן — האָט מען עס ווידער פאַרלאָשן. שפּעטער, האָט די מאַמע געדאַרפט אַריינגיין אין קיך אַריין אַ קוק טאָן צי די „ראָשטשינע" איז אויפגעגאַנגען, אָדער פאַראָשטשינען דאָס רעטשן־מעל אויף די מאָרגנדיקע לאַטקעס — האָט מען ווידער אָנגעצונדן דאָס קליינע לעמפּעלע און עס גענומען אַהין.

כאָטש דער טאַטע פלעגט געבן אַ טיפּן קרעכץ, ווען אַ גלעזל האָט געפּלאַצט — דאָך איז ער געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון אַ סך ליכט. ווען ער זאָל ניט געווען מורא האָבן פאַר דער מאַמעס פּראָטעסט, וואָלט ער געוועןגעביטן דעם ענג־לאָמפּ אויף אַ 16־ער אָדער 20־ער. די מאַמע, האָט אָבער צו אַזאַ „אויסברענגעריי" ניט דערלאָזט... ס'הייסט, אַזוי פיל קעראָסין! — אַגב מיין טאַטנס „חסרון" איז מיר איבערגעגאַנגען בירושה. איך האָב אויך ליב אַ סך „לום" אין שטוב, און מיין לעבנס־באַגלייטערן — זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט פון מיין מאַמען ע"ה — „וואַרפט" מיר אויך אויס אַז איך „עס „לום" מיט ברויט", אָדער איך בין אַ שותף צו דער עלעקטרי־קאָמפּאַניע.

אויב אָבער, עסן דאָ לוס מיט ברויט, הייסט ברענען אין עס־צימער דריי הונדערטער לאָמפּן — איז אין טעפּליק, ברענען אַ סך ליכט, אַ גרויסן לאָמפּ — געווען פאַרבונדן מיט אַ סך זייטיקע הוצאות. כדומה, למשל:

אַ חוץ פון דאַרפן פאַרנוצן אַ סך קעראָסין — אַ ליטער האָט קוים געסטייעט אויף דריי נעכט, און אפשר נאָך וויניקער — האָט ער געהאַט אַ חסרון, וואָס דאָרט וואו עס האָט געברענט אַזאַ „גרויסער" לאָמפּ, פלעגט מען זיך אַהין צונויפקומען און פאַרברענגען דעם אויפדערנאַכט. עס פלעגן קומען דעם טאַטנס שותפים, עסן געבראָטענע קאַרטאָפליעס, בריענדיק זיך די פינגער. עס פלעגן קומען דעם ברודערס אין די שוועסטערס חברים און חברטעס. און צווישן דעם גאַנצן הו־האַ, פלעג איך אויך ברענגען אַ פּאָר חברימלעך און אין ווינקעלע אויף דער ערד שפּילן אין קנעפּלעך אָדער אין דריידל.

אַ מאַמע, אַ אידענע וואָס האָט ליב געהאַט אַז „מענטשן" זיינען צו איר געקומען — פלעגט אויסגעריסן ווערן האָרעווענדיק און אויפראַמען נאָך די „געסט". אָבער — ווי צופרידן זי איז געווען — האָט זי דאָך ניט פאַרגעסן צו באַמערקן, אַז מען האָט היינט אויסגעברענט אַ... פוד גאַז (אין לאָמפּ איז מער ווי אַ ליטער ניט אַריין...).

אָרעמע טעפּליקער מאַמעס! אָרעמע מאַמע מיינע! דאָס ביסל גאַז האָט זי געקרענקט. צום ביסל קעראָסין, האָט זי זיך צוגעקוקט און געהיט, און איז

געזונט — האָט זי כמעט ווי פאַרגעסן. און ווען זי איז אין אַ פּאָר יאָר אַרום געשטאָרבן, און דער טאַטע האָט חתונה געהאַט און אַריינגענומען אין שטוב אַריין אַ יונגערע, אַ סך יונגערע פרוי פון אים און אַ שיינע דערצו, האָט ער אויך געביטן דעם 12־ער לאָמפּ אויף אַ גרויסן — אַ צוואַנציקער. האָבן טאַקע שכנים געמורמלט, אַז „ווען ביי נוסקען איז געשטאָרבן דאָס ווייב איז ביי אים ליכטיק געוואָרן אין שטוב"...

האָבן טאַקע די קינדער פיינט באַקומען דעם גרויסן לאָמפּ ניט ווייניקער ווי זייער שטיפמאַמע...

פאַרענדיקנדיק מיט אונזער „הענג־לאָמפּ", אַ שטיק „מעבל" אַרום וועלכן עס האָט זיך געדרייט אַ שטיק היימיש לעבן, ווילן מיר נאָך אַרויסברענגען די „טראַגעדיע" מיטן לאָמפּ וואָס פלעגט פאַרקומען... פרייטיק־צו־נאַכטס.

ערב שבת האָט מען דעם לאָמפּ אָנגעצונדן, אָבער פאַרלעשן אים — האָט מען דאָך ניט געטאָרט. און גיין זוכן ביינאַכט אַ שבת־גוי — האָט מען אויך ניט געקאָנט און מען וואָלט ניט געפונען. פלעגן זיך אידן אַן עצה געבן. עס זיינען געווען צוויי וועגן — אַ... קבצנישער וועג, און אַ בעלי־הביתישער וועג. דער לעצטער איז ניט געווען אַלע הונדערט פּראָצענט... פרום.

דער „קבצנישער" איז געווען: אָדער־אָדער! אָדער מען האָט דעם לאָמפּ... איינגאַנצן ניט אָנגעצונדן, און מען איז אָפּגעזעסן ביים שיין פון די ליכט. ס'איז געווען אויסגערעכנט אַזוי, אַז מען האָט באַוויזן אָפּעסן און אַפילו צונעמען פון טיש אין קיך אַריין. די איבעריקע צוויי שעה ביזן גיין שלאָפן — דאָס קנאַקן די געפּראַזשעטע „סעמאַטשקעס" און טרינקען „סעלצער־וואַסער" — האָט מען געטאָן אין דער פינצטער, קיינער האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט צו אַ צווייטנס מויל.

דער צווייטער קבצנישער „אָדער" איז געווען גאָר אַן איינפאַכער: מען האָט טאַקע אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, אָבער מען האָט אַריינגעגאָסן אַהין אַבי־סעלע קעראָסין וואָס האָט געסטייעט ביז נאָכן עסן און אפשר עפּעס מער. איז אָבער געווען אַן אומגליק וואָס קיינמאָל האָט מען ניט געטראָפן וויפל צו גיסן. אַזוי ווי מען האָט זיך פאַרלאָזט אויפן לאָמפּ — פלעגט אָפט טרעפן, אַז דעם פלוימען־קאָמפּאָט אָדער נאָאיד־צימער, האָט מען געענדיקט עסן אין דער פינצטער... אָדער עס פלעגט טרעפן אַז מען האָט איבערגעגאָסן מער קעראָסין און ער האָט געברענט אַפילו דאַן ווען מען איז שוין געגאַנגען שלאָפן...

די „לעצטע" יאָרן, דאָס הייסט ווען איך בין שוין געווען אַ בחורל פון אַ יאָר אַכט, געדענק איך שוין אַ „ניי" מיטל: אַ „בעל־הביתיש", אַזוי צו זאָגן.

מען האָט דעם לאָמפּ אָנגעגאָסן ווי אַלע טאָג און אים אָנגעצונדן ווי אַלע טאָג. אָבער, ווען מען איז געגאַנגען שלאָפן, אָדער ווען מ'האָט אַביסל „געוואָלט זיצן אין דער פינצטער" — אַ פאַרגעניגן אַזאַ — פלעגט מען אויפן גלעזל פון ברענענדיקן לאָמפּ, אַרויפלייגן אַ קאַרטאָנדל וואָס מען האָט פריער צוגעגרייט אָדער גאָר אַ... פּעקעלע שוועבעלעך. און ווי נאָר מען האָט פאַרשטעלט דערמיט דאָס „מויל" פון גלעזל — איז ער אין אַ סעקונדע, פאַרלאָשן געוואָרן.

דורכפירן אָט די „אָפּעראַציע" פלעגט דער „מזיק" — איך, הייסט עס, און כאָטש ס'איז ניט געווען איבעריק אַזוי פרום, אָבער, אַזוי ווי איך בין דאָך ניט קיין בר־מצוה בחור, האָט דער טאַטע נעבעך, גענומען אויף זיך די עבירה — און

עס איז געוואָרן פינצטער.

אין צען־צוועלף יאָר אַרום — שוין נאָך דער רעוואָלוציע, — האָט מען אין טעפּליק איינגעפירט עלעקטריע, און דער טאַטע איז געווען דער ערשטער ביי וועמען די עלעקטריע האָט געלויכטן אין „סטאָלאָווע".

אָט אַזוי האָט אויסגעזען דער הויפּט־צימער פון אַ טעפּליקער בעל־הביתישער שטוב. און איצט וועלן מיר אַריינשפּאַצירן אין די איבעריקע צימערן.

פון סטאָלאָווע האָבן געפירט פיר טירן אין פאַרשיידענע חדרים. איין טיר — אין דער קאַלטער זאַל אַריין, וועלכע איז דעם גאַנצן ווינטער געווען פאַרמאַכט און פאַרקייטלט. אַ צווייטע טיר צו אַ ספּאַלני פאַר דער חתונה־געהאַטער שוועסטער און אַ דריטע טיר — צו אַ ספּאַלני וואו דער חתונה־געהאַטער ברודער האָט געוואוינט.

אין דער ספּאַלני זיינען געשטאַנען צוויי הילצערנע בעטלעך (פון אַ צוויי־פלאַסיקן בעט האָט מען אין טעפּליק ניט געוואוסט און ניט געהערט, און ווען איינעם וואָלט זיך פאַרגלוסט אײַנפירן ביי זיך אַ צוויי־פלאַסיק בעט — וואָלט מען אים זיכער אָפּגעפירט קיין וויניצע אין משוגעים-הויז...) און צווישן די צוויי בעטלעך איז געשטאַנען אַ קליין שאַפּקעלע פאַר שטעקשיך. די בעטלעך זיינען געשטאַנען יעדער איינע ביי זיין וואַנט — ווייל די וואַנט איז געווען אַ... הרובע, אַזוי אַז אינמיטן פון די בעטלעך איז באַקוועם געשטאַנען אַ טישל מיט 4 בענקלעך. דער דאָזיקער „טיש" מיט די בענקלעך זיינען עס געווען פאַר געסט וואָס קומען צום ברודער. אין דעם צימער, צווישן די בעטן און אויף די בעטן, פלעגן זיך אויסזעצן יונגעלייט, און אַרומריידן די פּאָליטיק פון סולטאַן, פון רויטשילדן, פון משה מאָנטע־

פּיאָרע, און דער עיקר — פון דר. הערצל. און ווען עס איז אָנגעקומען די טרויעריקע בשורה, אַז דר. הערצל איז נפטר געוואָרן, איז עס אין יענעם צימער, צווישן די צוויי הילצערנע בעטלעך, און אויף בענקלעך וואָס זיינען געווען אַרומגעבונדן מיט שטריק און מען איז קיינמאָל ניט זיכער געווען, אַז מען וועט זיך ניט איבערקערן אָדער פאַרטשעפּען די הויזן. אין אָט דעם צימער, האָבן זיך עס צונויפגעקליבן אַ צענדליק טעפּליקער יונגעלייט — אַלע ערב די דרייסיקער — און אַרומגערעדט די לאַגע וואָס... וועט איצט זיין מיט די אידן? בני־בה האָט מען דאָרט באַשטימט, דורכפירן אַ טרויער־אַקט ביי דער אָנוועזנהייט פון אַלע חדרים.

בכלל איז אָט די „ספּאַלני" — דער אַלקיר — געווען דער קאָנצענטראַציע־פּונקט פון טעפּליקער השכלה. מען פלעגט אַפילו זיך צונויפקומען שבת ביי טאָג און שטילערהייט — מען זאָל ניט אויפוועקן דעם טאַטן — האָט מען „דעבאַטירט" און קאָמענטירט די אַרטיקלען פון „הצפירה", פון „השלוח" און פון „הזמן".

דער טאַטע איז ניט איבעריק געווען צופרידן דערפון, ער האָט געהאַלטן אַז... קיין פּרנסה וועט דער ברודער דערפון ניט האָבן, און ער וועט דאַרפן זיצן „אויף קעסט" נאָך צען יאָר... (קיין ליגן האָט דער טאַטע ניט געזאָגט...). די מאַמע ווידער האָט געקליבן נחת פון איר בכור צו וועמען עס קומען די פיינסטע יונגעלייט זיך באַעצהן און מען גיט אָפּ איר זון אַזוי פיל כבוד! זי האָט דערפאַר אַפילו מוחל געווען וואָס מען ברענט דעם „קליינעם לאָמפּ" אין חדר, און אויב מען איז געזעסן איופּדערנאַכט און זי האָט פּונקט דעמאָלט געבאַקן ברויט (ניט שטענדיק פלעגט זי באַקן דאָס ברויט פאַרטאָג, אַ סך מאָל האָט זי עס געבאַקן פאַרנאַכט־צו) האָט זי אויף גיך פאַראָשטשינעט אַביסל רעטשן־מעל און האָט דעם ברודערס געסט מכבד געווען מיט עטלעכע בעקעלעך רעטשענע לאַטקעס מיט הינער־שמאַלץ.

דאָס איז געווען אונדזער „הויפּט־אַלקיר", דער „שענסטער" צימער, וואָס איז געווען מיט אַ... פּאָל פון האָלץ.

די דריטע טיר האָט געפירט צו צוויי ווענגן: איינע אין קיך אריין און איינע צום „טאַטנס אַלקיר", וועלכער איז שוין געווען אַ סך פּשוטער, אַפילו אָן אַ טיר, נאָר מיט אַ פאַרהאַנג און מיט אַן ערדענעם פּאָל, וועלכן מען האָט אַלע פרייטיק געשמירט מיט ליים און זיך פאַרשאַלטן די יאָרן, וואָס מען דאַרף קריכן אונטער די בעטן מיט דער שמאַטע און זיך געבראָכן די ביינער. אין אָט דעם אַלקיר זיינען, פאַרשטייט זיך, אויך געשטאַנען צוויי בעטן. דעם טאַטנס בעט — אַ הויכס, מען האָט ממש געדאַרפט אַרויפקריכן אַהין, און

דער מאַמעס בעט, איז געווען אַ נידעריקס, עטוואָס אַ ברייטערס, און אַז מען האָט געדאַרפט שמירן די ערד אונטערן בעט — האָט מען זיך טאַקע צעבראָכן די קריזשעס. אָפּרוקן דאָס בעט האָט מען ניט געקענט, ווייל עס איז געשטאַנען אויף... דריי פיס.

אַט אַזוי איז די מאַמע אין דעם בעט אָפּגעשלאָפן דאָס גאַנצע לעבן, אין דעם בעט געבוירן אַ טוץ קינדער און אין דעם בעט איז זי נפטר געוואָרן. געווען שלעכטע יאָרן — (איך האָב זיי ווייניק געדענקט, ווייל לויט דער טאַטע פלעגט זאָגן, האָב איך „אים געבראַכט מזל״, און זינט איך בין געבוירן געוואָרן, האָט ער שוין געהאַט „פרנסה״...). געווען גוטע יאָרן, און דאָך איז דער מאַמען קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו „בייטן דאָס מעבל״. מיר דוכט, אַז ווען מען גיט דעם טאַטן אַ מאַיאָנטעק פאַר זיין קאַמאָד און פאַר זיין טיש וואָס „קלאַפּט אוים און טרעפט אַלעס״, וואָלט ער ניט גענומען... וויפל זיינען דאָ „היינטוועלטיקע״, וואָס וואוינען נאָך מיט זייער אַלט מעבל פון די „גרינע״ יאָרן?...

אויב די צימערן זיינען ניט געווען אַזוי באַקוועם — האָבן מיר אָבער געהאַט אַ קיך, וואָס „גאָט און לייט״ האָבן אונדז מקנא געווען. איך קאָן גיין שווערן, אַז ביי אַלע מיינע חברים צו וועמען איך פלעג אריינקומען זיך שפּילן, איז ניט געווען אַזאַ גרויסע און אַזאַ ליכטיקע קיך. דאָס האָט שוין די מאַמע ע״ה געפּאַראַדקעוועט, — ווען מען האָט געבויט די שטוב — מיט אַ יאָר 20 פאַר מיין קומען אויף דער וועלט — אַז, וואָס, וואָס, אַ קיך וויל זי אַ גרויסע און ליכטיקע מען זאָל זיך ניט דאַרפן אַרויסנעמען די אויגן ווען מען שאַמט אָפּ די יויך, אָדער ווען מען עפנט אויף דאָס טשאָלנט־ברעטל זען צי די חלה „נימעט זיך״.

אין קיך איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש — ביי אונדז האָט ער געהייסן טאַפּטשאַן, אויף וועלכן די מאַמע האָט צוגעגרייט די מאכלים, האָט געקאַטשעט דאָס בלעטל לאָקשן, געמאַכט די פאַרפעלעך און געהאַקט די פיש. ערב פסח האָט מען אָט דעם טאַפּטשאַן געוואַשן און געשופט, מען האָט אים געמאַכט כמעט ווי ניי און ערשט דערנאָך האָט מען אַרויפגעלייגט די פסח־דיקע „קליאָנקע״. די דאָזיקע „סיראָטע״ — ווען איך האָב זי געדענקט האָט זי שוין געפּראַוועט איר... 25־יאָריקן געבורטסטאָג. און אַזוי האָט מען זי אָפּגעהיט ביז די שטוב, און ביז טעפּליק איז חרוב געוואָרן... אין קיך איז אויך געשטאַנען אַ בענקל — אַ „טאַבורעטקע״ אַזאַ, אויף וועלכן די מאַמע פלעגט זיצן ווען זי האָט... געקלעפּט די קרעפּלעך אָדער קאַשענע וואַרנעטשקעס. די פיס גיבן ניט — אַזוי פלעגט זי, נעבעך קרעכצן און זיך צוזעצן.

און נאָך אַ שטיקל „מעבל" האָט די קיך געהאַט. אין דער זייט איז געשטאַנען אַ גרויסע דיישקע מיט וואַסער און אויפן דעקל איז געשטאַנען אַ קוואָרט מיט צוויי הענטלעך.

די קיך האָט אויך פאַרמאָגט אַן איינגעמויערטע שאַפע, וואו עס האָט זיך געפונען די מילכדיקע טעלער און טעפלעך און נאָך עטלעכע קלייניקייטן. דאָרט איז אויך געשטאַנען דאָס „היטל" צוקער, וואָס דער טאַטע האָט גע־קויפט און די 2 פונט „מעלעץ" וואָס מען האָט גענוצט בלויז צו זיסער טיי, און אַביסעלע צום רויטן באָרשטש און קרויט און אַביסעלע, אַ קליין ביסעלע אין די פיש.

דער אויוון און דער פריפעטשיק פלעגן שטענדיק זיין ריין און ציכטיק און „שימערירן", אַז מען האָט זיך געקענט אָפּשפּיגלען אין זיי. די צוויי „מיידן" אין שטוב, פלעגן האַלטן ריין די זאַל אָדער די סטאָלאָווע, דאָס איז געווען זייער „טעריטאָריע" און אין קיך האָבן זיי ניט אַריינגעשמעקט. די מאַמע, האָט אָפּגעהיט איר „טעריטאָריע", און געהיט די ריינקייט פון דער קיך און אַז אַ שכנה איז אַמאָל אַריינגעקומען אַהין — זאָל זי ניט פאַרשעמט ווערן.

נאָך דער קיך — בעסער געזאָגט אין דער זייט — אין דער גאַנצער ברייט מיט דער שטוב — האָבן מיר געהאַט נאָך אַ „צימער", גערופן האָבן מיר אים דעם „פאַראויס" (ווייזט אויס, אַז דאָס וואָרט איז פאַרקריפּלט גע־וואָרן פונעם וואָרט „פיר־הויז"). דער דאָזיקער צימער, אַ „קלאַדאָוקע", וועל־כער האָט געהאַט אַ טיר מיט אַ לאָדן צו דעם היטערשטן געסל, וואו עס האָבן זיך געפונען די „שניט־קלייטן", איז אַמאָל געווען פאַרדונגען פאַר אַ „שניט־קלייטל". אָבער דערנאָך האָט דער טאַטע געמאַכט אָט די קלייט פאַר אַ סקלאַד וואו ער האָט אָפּגעלייגט תבואה. שפּעטער איז פון „פאַראויס" געוואָרן אַ פּלאַץ פאַר אַלע „קאַטשיבאַטשעס" פון דער שטוב און קיך. דאָרט איז געשטאַנען דער בעזים, די קאַטשערע, די לאָפּעטע, דאָרט האָט געהאַנגען דער קראַנץ ציבעלעס און דאָס קרענצל קנאָבל. דאָרט האָט מען פּסח געהאַלטן דעם קויש מיט מצות און דעם זאַק קאַרטאָפל. דאָרט איז געשטאַנען די שטייג מיט די גענדז וואָס מען האָט געהאָדעוועט אויף פּסח און אַז זיי פלעגן זיך ביינאַכט איבערשרעקן און אָנגעמאַכט אַ גוואַלד — פלעגן זיי אויפוועקן די גאַנצע שטוב, דער טאַטע פלעגט אַראָפּלויפן פון בעט, זען צי אַ גנב איז ניט אַריין, און ווען ער האָט זיך צוריקגעלייגט — האָט ער שוין ניט געקענט איינשלאָפן, און פלעגט שוין אויפשטיין כדי אָפּצואַדאַווענען מיטן ערשטן מנין און זיך גרייטן אויפן יאַריד. די מאַמע האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט

צו אים גאַנצע טענות פּאַרוואָס ער „ראַסטרעוואָזשעט" די גאַנצע שטוב מיט זיין אַרומדרייען זיך. דער אמת אָבער איז געווען, אַז ראַסטרעוואָזשעט — אויפגעוועקט האָט ער בלויז דער מאַמען; מיר, דאָס יונגוואַרג, זיינען תּיכּף איינגעשלאָפן נאָרמאַל, און מען האָט, ביי די פּיס, אונדז געדראַפּט אַראָפּ־שלעפּן פון די בעטן...

למען האמת. אין „פּאַראָויס" איז אויך געשטאַנען די שיסל וואוהין מען האָט געוואָרפן און אַריינגעגאָסן די אומריינע וואַסער און שאָלעכץ פון קאַר־טאָפל. ביינאַכט, האָט מען געעפנט די טיר און מען האָט עס אויסגעגאָסן נעבן... שכנס טיר. אינדערפרי האָט יעדער איינער געוואוסט וואָס דער שכן האָט נעכטן געקאָכט... פּאַרוואָס די שכנים האָבן זיך ניט צונויפגערעדט צווישן זיך, אַז מען זאָל גיסן נעבן דער אייגענער טיר און ניט נעבן שכן — איז מיר נאָך ביז היינט-צו־טאָג ניט פאַרשטענדלעך. אָפּט, אָפּט, פלעגט אָט די טעפּליקער „טראַדיציע" פון גיסן די „פּאָמויניצעס" אינדרויסן, און ספּע־ציעל נעבן יענעמס הויז, געבראַכט די אינטערווענץ פון... פּריסטאַוו, וועל־כער פלעגט קומען און מאַכן אַ „פּראָטאָקאָל" און אַרויפלייגן אַ שטראָף (מול־טאַ) און אפילו איינזעצן אויף אַ טאָג אין „חד גדיא". זייער אָפּט פלעגט אָט די טראַגעדיע פון גיסן די פּאָמויניצעס, נעבן יענעמס שטוב, זיך אָפּשפּיגלען ביים „מיראָוואָי סודיאַ" (פרידנס־ריכטער), וועלכער פלעגט זיך קיינמאָל ניט דערקלויבן צו וויסן ווער עס איז גערעכט. און אַזוי ווי ביידע צדדים האָבן צוגעשטעלט עדות, אַז זיי האָבן „אַליין געזען" און „אַליין געהערט", און אַזוי ווי דער מיראָוואָי סודיאַ האָט ביידן... ניט געגלויבט — פלעגט ער — כמעט שטענדיק פאַרמשפּטן ביידע צו צאָלן דריי קערבלעך שטראָף און די קעמפּנ־דיקע צדדים זיינען אַראָפּגעגאַנגען פון מיראָוואָי סודיאַ צופרידן און אָפּט־אָפּט — איבערגעבעטענע.

עס וואָלט ניט געווען קאָמפּלעט איצט ווען איר קאָנט שוין מיין טעפּ־ליק און „מיין" שטוב וואו איך בין געבוירן געוואָרן, ווען איך זאָל אייך ניט באַקענען מיט נאָך צוויי „וויכטיקע" פלעצער פון אונדזער צוויי-גאָרנ־דיקער שטוב, מיט דער ניט פאַרענדיקטער „זאַל" פון פּאַרנט, וועלכע האָט אָנגעמאַכט אַ שרעק ווען מען איז צוגעקומען צו איר.

ערשטנס, זענט איר ניט געווען אויף אונדזער... בוידעם. דאָס דאָזיקע פּלאַץ אין שטוב האָט געבראַכט אַ סך נוצן, ספּעציעל ווען מען האָט זיך געדראַפּט באַהאַלטן, ווען פּאָגראָמשטשיקעס זיינען באַפאַלן דאָס שטעטל.

אין „פרידנס-צייטן", געוויינלעך, הייסט עס, האָט דער בוידעם געדינט פּאַר אַ באַקוועם פּלאַץ צו באַהאַלטן די פּסחדיקע פּאָסודע, די אַלטע שמאַ־

טעם, וועלכע מען האָט שוין ניט גענוצט, אָבער עס איז געווען אַ שאָד זיי אוועקוואַרפן. אויפן בוידעם פלעגט ליגן די „ליסקע" (שאָלעכץ פון גרויפּן) מיט וועלכע מען האָט אַ גאַנץ יאָר געהייצט דעם אויוון.

אַז מען איז זומער אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידעם, האָט מען געקענט פאַרברענט ווערן פון דער היץ וואָס דער דאַך פון בלעך האָט אָנגעגליט. דאָך האָט עס קיינמאָל, קיינעם ניט געשאַדט.

פון אָט דעם בוידעם האָט מען אויך געקענט דערגרייכן צום „פענצטער" אָדער „לאָדן" פון דער סוכה. דאָס איז געווען אין דאַך, אַזאַ אָפּשניט פונעם בלעך, וועלכן מען האָט סוכות אויפגעעפנט זייער לייכט און געלאָזט אָפן אַלע ניין טעג סוכות. דאָרטן האָט מען סוכות געגעסן. פון פאָרנט, די טיר צום פּידאַשעק, איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ „ראָגעזשע", און פון פּידאַשעק איז מען גלייך אַריינגעפאַלן אין סוכה אַריין.

אַן אומגליק איז גלאַט געווען, ווען פלוצים האָט זיך פאַרגלוסט רעגע־נען (סוכות איז דאָך געפאַלן „אָסיען־צייט" — דאַן איז אין סוכה געוואָרן אַ חורבן. מען האָט ניט געוואוסט וואָס פריער צו כאַפּן און אַראָפּנעמען פון טיש, און אין איילעניש האָט מען זיך שפּעטער דערמאָנט אַז... מען דאַרף פאַרמאַכן דאָס „פענצטער" אויבן, ווערט מען קענען בלייבן זיצן אין סוכה, אָדער לפחות, ניט לויפן אַזוי און... צעברעכן אויפן וועג אַ טעלער, וועלכן דער טאַטע האָט געהאַט בירושה פון זיין זיידן, און דער טאַטע האָט גע־שוואוירן, אַז דער טעלער איז שוין עלטער פון אים...

און אַז איר קענט שוין דעם „דריטן שטאָק" — דעם בוידעם, זייט אַזוי גוט און גייט מיט מיר אַרונטער אין „אונטערשטן" — אין ערשטן „שטאָק".

דער ערשטער שטאָק איז אַמאָל געווען באַוואוינט. עס האָבן דאָרט גע־וואוינט זייער חשובע שכנים. דאָס וואוינונג איז באַשטאַנען פון דריי צימערן מיט אַ „קלייט" פון פאָרנט, און אַ „סאַראַי" — הינטן, און אַ קעלער צו האַלטן די פעסער מיט זויערע אוגערקעס און איינגעזייערטע קאַווענעס (אַר־בוסעס). ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן צו פאַרשטיין עפּעס, געדענק איך דעם אונטערשטן שטאָק באַוואוינט פון זייער אַ חשובער פאַמיליע נחמן קניאַזשינסקי, דער שטעטלשער שרייבער, „אַדוואָקאַט", רוסישער לערער און אינטעליגענט. זיין פרוי צפורה, וועלכע נאָך זיין טויט האָט זיך דערנערט מיט מאַכן אייוון און פאַרקויפן אויפן מאַרק, האָט געוואוינט ביי אונדז דער־נאָך אין צווייטן שטאָק, אין טאַטנס „ספּאַלני" — אפשר 20 יאָר. און מיט אָט די הייוון האָט זי געלערנט און דערצויגן איר בן יחיד משהלע קניאַ־זשאַנסקי, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן דער גרעסטער נערוון דאָקטאָר אין



הרב הגאון פישל מ"ץ ז"ל

איינער פון די טעפּליקער רבנים און מַשׂכּילים.

קיעוו, וועמען מען האָט שטענדיק געפּאָדערט קיין מאָסקווע אויף „קאָנסול־טאַס”.

פאַרוואָס אַט דער ערשטער שטאָק איז דערנאָך פאַרלאָזט געוואָרן און חזירים זײַנען דאָרט איבערגעלעגן גאַנצע טעג און נעכט? — קאָן איך ביז איצט ניט פאַרשטיין. דאָס איינציקע וואָס דער טאַטע פלעגט נוצן איז דעם פּאָדערשטן לאָך — די „קלייט”, וואו ער פלעגט אָפּלייגן אַ פור האָלץ און אַביסל תבואה.

אַט דאָס איז געווען אונדזער הויז — די צוויי־גאָרנדיקע שטוב אויף דער צענטראַלער גאַס. און מיטן אויסנאַם פון דער „נייער זאַל” מיט די צוויי לעבער אין די פענצטער, און מיט דער ניט פאַרענדיקטער „רעשטאָוואַניע” — איז דאָס הויז אונדזערס געווען ענלעך צו די אַנדערע הונדערט הייזער פון דער טעפּליקער הויפּט־גאַס, פון די הייזער פון אַנדערע צענדליקער און הונדערטער הייזער אין אַנדערע שטעטלעך פון דער אוקראַינע. אדרבא, דער־מאָנט זיך ווי אַזוי האָט אויסגעזען אייער הויז?

קאַפּיטל זעקס

מיינע חברים און שכנים

מיט וועמען דאַרפן זיך חברן בעל־הבתישע קינדער? — דער „יחוס" הויבט זיך אָן גאָר פרי. — דער טאַטע היט, אַז דער יחוס זאָל ניט געשטרויכלט ווערן. — וואָס הייסט „ביי לייט"? — בין איך אויך אַ „לייט". — חיאַלקע „קרוין"... — וואָס איז ער שולדיק? — יודקע בערל זייגערמאַכערס. — מיר שלעפּן פלעקער פון די גויאישע וועגענער. — עס טרעפט אַן אומגליק. — ביים פּריסטאַוו אין סטאַן. — דער מלאך גבריאל איז געקומען צו הילף. — אויסגעהיט טעפּליק פון אַ פּאָגראָם. נאָך אַ חבר, ניסל דוכאָוונע. — ער ציטערט פאַרן טאַטן. — מען דאַרף אים „צער־ווינגן", כדי ער זאָל אַ שטיף־טון. — מיר פאַרלירן אים און ער שפּאַרט אָן אין אַרגענטינע. — אונזערע שכנים פון דער צענטראַלער גאַס. — דער הויף וואָס איז פון אַ קאַמיסאַריע געוואָרן אַ גימנאַזיע. — די „לעסנאַי סקלאַדן". — ליפּע בעל־עגלה מיט זיינע פייטאָנען. — נחמן לאַדיזשינסקיס „פּאַלאַץ". — משה רופאס דירה מיט די ביימער. — אידל לאַטמאַנס שענק. — פינף שכנים וואָס האָבן אָפּ־געלעבט אַ לעבן צוזאַמען און זיך ניט.. געגריסט. — אַן אַפּטייקער וואָס רעדט צו זיך אַליין. — אַן אַלטער בחור, אַ „זיבעלע". — טעפּליקער קינדער נעמען נקמה. — גוסקע קושנירס באַרישניע און נאַטע ווענמאַנס מיידן. — מען „באַ־מערקט" זיך נאָך... פּופּצן יאָר וואוינען צוזאַמען.

און, אַז איך האָב שוין געהאַט דעם כבוד אייך צו באַקאַנען מיט דעם אויסזען פון אַ טעפּליקער בעל־הביתישער שטוב — און אַז איר קאָנט שוין אַ טעפּליקער טאַטע־מאַמע, ברודער, שוועסטער, איז ניט מער ווי יושרדיק, אַז איך זאָל אייך „פּאַזנאַקאָמען" מיט טעפּליקער קליינוואַרג, מיט טעפּליקער קינדערלעך, מיט מיינע חברימלעך, מיט וועלכע איך בין געוואַקסן צוזאַמען די ערשטע עטלעכע יאָר וואָס איך האָב באַטראָטן גאָטס ערד, און וועלכע האָבן זיכער געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף מיין ווייטערדיקן לעבן.

טעפּליקער קינדערלעך האָבן זיך געקאָנט איינס דאָס צווייטע אויסגעז־בונדן. אָדער מען איז געגאַנגען אינאיינעם אין חדר, אָדער מען האָט זיך גע־באָדן אינאיינעם ביים טאַשליקער אָדער ביזשילנער טייך, אָדער מען האָט זיך געגליטשט צוזאַמען אויף „קאַנקעס" און זיך איבערגעקערט איינער אויפן אַנדערן. דאָך, דאַרף מען אָנערקענען, אַז אַזוי „אַנטידעמאָקראַטיש", אַזוי „רע־אַקציאָנער" און אַזוי מיוחסדיק ווי טעפּליקער קינדער זיינען געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן — איז ניט צו באַנעמען עם מיטן גראָדן שכל!...

טעפּליקער טאַטע־מאַמע האָבן געהיט, שטאַרק געהיט, אַז זייער זונדעלע אָדער טעכטערל זאָלן זיך שפּילן מיט... בעל־הביתישע קינדער. די „קלאַסן־דיסקרימינאַציע" האָט זיך אָנגעהויבן ביים שיקן דאָס קינד אין חדר, האָט מען געזוכט אַ מלמד וואָס לערנט בלויז מיט „בעל־הביתישע" קינדער, איז פאַרגעזעצט געוואָרן ביים קאָנטראָלירן מיט וועמען דאָס קינד קומט זיך צו־נויף אין גאַס, און האָט זיך פאַרענדיקט ביים שידוך טון. און אויב למשל, דער טאַטע האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק און מיר דערלויבט זיך שפּילן מיט יחיאלקל פּ־ך, איז דאָס געווען אין זכות פון זיין טאַטן, גבריאל בעקער, אַ הייסער בראַסלאַווער חסיד און דעם טאַטנס „שכן" אין קלויז. ווען ניט אָט־דער זכות אבות, ווי וואָלט מען מיר דערלויבט זיך שפּילן מיט אַ אינגעלע וואָס האָט אַ שחין אויפן קאָפּ...

שטאַרקער פון אַלעמען האָט מען געהיט די בחורימלעך פון אַ יאָר פערצן־פופצן און ספּעציעל די מיידלעך־בוגרות, וועלכע זיינען שוין געווען קאַנדי־דאַטקעס אויף כלה ווערן. דאָן האָט מען שוין געהיט, אַז דאָס טעכטערל זאָל זיך חברן מיט בעלי־הביתישע חברטעס, און ביים ריידן אַ שידוך האָט מען עס אפילו, אַריינגעגעבן אין נדן...

די הויפּט־מורא אָבער פון טאַטע־מאַמע, איז געווען, אַז די מויד אָדער דער בחור זאָל זיך ניט פאַרשנאַשקען (פאַרליבן) אין אַ שניידער־יונג אָדער סטאָליאַר־בחור. מען האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר אָט־די ליבע־„אומגליקן", וואָס האָבן גראָד אין טעפּליק זייער אָפט פּאַסירט.

און אַזוי ווי נוסקע איז געווען אַ בעל־הביתישער איד, מיט אַ צוויי־גאָרנדיקער שטוב אין מיטן שטאָט, מיט אַ שטאָט אין „שפּיגל" אין דער גרוי־סער שול און אַ צווייטע שטאָט אין בראַסלאַווער קלויז, און טאַקע דעם רבס מחותן אויך, האָבן זיינע קינדער געדאַרפט האָבן חברים, ניט אבי־ווער, ווי עס פּאַסט פאַר „לייט".

אָט דאָס וואָרט „ביי לייט" איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש, פון ערשטן טאָג אָן וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז מען רעדט עפּעס. איך פלעג אָפט הערן דאָס וואָרט זאָגן דער מאַמען און זיך באַקלאָגן, אַז... ביי לייטן, קינדער א. א. וו. דאָס זעלבע פלעג איך הערן פון אַנדערע מאַמעס, וועלכע האָבן זיך אויך געקלאָגט אַז „ביי לייט". ביז אין איין טאָג בין איך — גאָר מבולבל געוואָרן.

אַ חברל מיינס, יודקע, בערל זייגערמאַכערס, איז געווען ביי מיר. ביידע זיינען מיר דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זעקס. ווייזט די מאַמע אָן אויף יודקען און זאָגט מיר:

— גיב אַ קוק, ביי לייט גייען די קינדער אַזוי ריין, אַזוי ציכטיק. און דו קוקסט אויס ווי יאַנטל שמאַראַוואַז!

אויסגעהערט די פּאַרציע מוסר, גיב איך אַ צי יודקען ביים אַרבל און מיר לויפן אַרויס פון שטוב. אין אַ מינוט אַרום זיינען מיר צופעליק אַריין צו יודקען אין שטוב. און ווי אַן אָפּגעגערעדטע זאַך, רופט זיך אָפּ יודקעס מאַמע צו אים — אַנווייזנדיק אויף מיר:

— מען דאַרף האָבן מזל צו קינדער. גיב אַ קוק ווי אַזוי ביי לייט זעט אויס אַ קינד, שיין, ריין, אָפּגעוואַשן, ציכטיק. און גיב אַ קוק ווי אַזוי דו זעסט אויס...

דערהערט אָט דאָס, האָבן מיר ביידע קינדער זיך געגעבן אַ קוק אָן, אויסגעשאָסן אַ געלעכטער און —

ווען מיר זיינען אַרויס אין דרויסן — האָבן מיר ביידע פאַרשטאַנען, אַז „ביי לייט" — איז אַ פאַלשע זאַך, מיט וועלכער די מאַמעס ווילן בלויז פאַרנאַרן די קינדער, כדי... זיי אָפּוואַשן דאָס פּנים.

איך האָב אַבזיכטלעך אַרויסגעבראַכט אָט דעם עפּיזאָד, כדי אונטערשטרייכן, אַז ביים אויסקלויבן חברימלעך, האָבן מיר שוין, פון דער פריעסטער יוגנט געדאַרפט אינזינען האָבן אַז, ניט אַבי־ווער, קאָן זיין און דאַרף זיין אַ חברל. מילא, אַז די „שלעכטע" חברימלעך, — מיט וועלכע מ'האָט זיך סקאָמפּאַניעט אין חדר אָדער אין מאַרק, — האָבן געוואוינט עט ווייט, האָט מען געהאַט ביזה, אַז דער טאַטע זאָל אַפילו ניט וויסן, אַז מען טרעפט זיך מיט אים. ביטער איז געווען, מיט אַזאַ חברל ווי יחיאלקל פּ־ך, וואָס האָט געוואוינט די דריטע טיר פון אונז, איז געווען אין די זעלבע יאָרן און האָט זיך פאַרט געשטופּט צו שפּילן צוזאַמען. און טאַקע, וואָס איז ער שולדיק וואָס די מאַמע, דבורה די פּעקאַרניטשקע, איז קאַסאָקע, דערזעט ניט, און האָט יחיאלקל ניט געצוואָגן און אַז זי האָט אים שוין יאָ געוואָלט צוואָגן — האָט ער זיך ניט געלאָזט...

איז טאַקע געווען ניט גוט. מען האָט זיך געדאַרפט היטן, אַז דער טאַטע זאָל ניט זען, אַז מען שפּילט זיך מיט כילעקלען, ווייל עס האָבן געקאָנט פליען פּעטש. יחיאלקל איז אָבער געווען אי אַ שול־חבר, אי אַ שכן. און גיי שפּיל זיך ניט מיט אים... איבערהויפּט נאָך, ווען ער איז אַ בחור וואָס פאַרלויפט אַלע וועגן און מיט אים פאַרשטומט מען אַלע לערער...

דער הויפּט־חבר אָבער, איז געווען יודקע. אַ קינד אין מיינע יאָרן, איז ער געווען מיט אַ קאָפּ העכער פאַר מיר, און ווי ווילד איך בין ניט געווען — איז ער געווען נאָך ווילדער. דער גרעסטער פאַרגעניגן זיינער איז געווען זיך

דרייען צווישן די גויאישע פורן אין מארק (פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אים נאָכגעגאַנגען), און אַרויסנעמען די פלעקער מיט וועלכע מען האָט באַוואָרנט אַז די ראָד זאָל ניט אַראָפּ פון אַקס. אָפּגעטון אַזאַ שטיקל אַרבעט, פלעגן מיר זיך אַוועקשטעלן אין דער זייט, ווי צוויי אומשולדיקע מלאכימלעך, די הענט אין די קעשענעס און צוגעקוקט זיך צום ספּעקטאַקל, ווי דער גוי זעצט זיך אויפן וואָגן, נעמט מיט זיכערקייט די ווישקעס אין די הענט, גיט אַ שמייס די פערד און — ווי נאָר ער פאָרט אָפּ אַ „האַלבע גאַס", דאָס הייסט אַ וועלכע 50 אָדער 80 מעטער, סאָס! די ראָד גיט אַ פאַל אַראָפּ און אויב די אַקס איז אַ הילצערנע — דאָס איז געווען זייער זעלטן — האָט זי זיך באַלד צעהאַקט און דער גוי האָט געשאָלטן און געוויינט אַפילו, וואָס ער מוז בלייבן אין שטאָט אויף צורעכט מאַכן די אַקס. איז די אַקס געווען אַן אייזערנע, האָט דער ערל געהאַט ווייניקער שאָדן, אָבער אַרבעט האָט ער געהאַט גענוג, ביז ער האָט געקראָגן אַ פלעקל (עס איז געווען אַ שטיקל פאַרבויגן אייזן), און ביז ער האָט צוריק אַרויפגעלייגט די ראָד.

די דאָזיקע שפּיל יודקעס האָט זיך געצויגן אַ שטיק צייט, ביז ער איז איינמאָל מיאוס דורכגעפאַלן — אַ גליק וואָס איך בין ניט געווען דערביי — און ער האָט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן ניט אַרויסנעמען קיין פלעקלעך...

געווען איז דאָס אין אַ מאַנטיק, טעפּליקער יאַריד, געווען איז דעמאָלט אַ צייט ווען מען האָט זיך גערייכט אויף אַ פּאָגראָם — אין 1905. איך בין געווען אין חדר און יודקע האָט עפּעס געהאַט אַ תירוץ ניט צו גיין אין חדר און זיך געדרייט אַרום די וועגענער און געזוכט אַ פלעקל פון אַ וואָגן וואָס זאָל ניט זיין צוגעטשעפּעט צו דער אַקס מיט אַן אייזערן קייטעלע. ענדלעך האָט ער, נעבן אַ רייכן וואָגן, געטראָפן אַזאַ פלעקל און עס אַרויסגענומען. און אַזוי ווי דער שטן זאָל זיך געווען אַ שפּיל טון מיט אים — האָט ער זיך ניט באַנוגנט מיט איין פלעקל און פון דער צווייטער ראָד אַרויסגענומען דאָס צווייטע פלעקל, און אַזוי שטילערהייט, האָט ער זיך אַרויסגערוקט און זיך געשטעלט פון דערווייטנס ביי דער וואַנט, כדי צו זען דעם „ספּעקטאַקל".

דער אומגליק אָבער איז געווען, וואָס זייענדיק איבעראַשט ביים אַרויס־נעמען די פלעקלעך, און אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט מיך, וועלכער זאָל קוקן און היטן צי קיינער זעט ניט, האָט ער טאַקע ניט באַמערקט, אַז דער בעל דבר פון וואָגן, דער ערל, שטייט אין דער זייט, ביי אַ צווייטן וואָגן און קוקט זיך צו, ווער עס איז דער מחבל פון די אַרויסגענומענע פלעקלעך, פון וועלכע ער איז שוין איינמאָל געפאַלן אַ קרבן...

דער גוי טראַכט ניט לאַנג.אַזוי ווי אויפן מאַרק האָט זיך געדרייט דער

אוריאַדניק, גייט ער צו, דערציילט אים אַז ער האָט געפּאַקט דעם פּלעקער־גנב, און שטילערהייט גנבעט מען זיך צו צום פּלאַץ וואו יודקע איז געשטאַנען, און אַזוי ווי ער האָט אַפילו קיין פּיצל חשד ניט געהאַט, אַז דאָס מיינט מען אים, איז ער ניט אַנטלאָפן. דער אוריאַדניק האָט געגעבן אַ נעם יודקען ביי דער האַנט און דער ערל ביי דער צווייטער האַנט, און מען האָט אים — מיט דער גנבה אין קעשענע — אוועקגעשלעפּט צום פּריסטאַוו אין „סטאַן" אריין.

שלעפּנדיק בערל זייגערמאַכערס בחורל אין סטאַן אריין און אין מיטן בייטאָג — איז נאָכגעלאָפן דאָס גאַנצע שטעטל אידן און גויים. דאָס גליק איז געווען, וואָס די גויים האָבן ניט געוואוסט פּאַרוואָס מען שלעפּט אַט דאָס בחורל אין סטאַן. ווען זיי וויסן, אַז דאָס איז דער גנב פון די פּלעקלעך — וואָלטן זיי געווען, פאַר אַלעס, אים געממיתט און דערנאָך ערשט געמאַכט אַ פּאָגראָם...

געקומען אין סטאַן, מען פירט אריין דעם „גנב" צום פּריסטאַוו, מען נעמט אים באַזוכן און...

— מען געפינט גאָרניט.

ווייזט אויס, אַז דאָס האַרץ האָט אים, יודקען, עפּעס געזאָגט. אין דער צייט וואָס דער גוי איז געגאַנגען זוכן דעם אוריאַדניק, האָט ער מורא באַקומען צו האַלטן די צוויי פּלעקער אין קעשענע און ער האָט זיי, אומבאַמערקטערהייט, אַרונטערגעוואָרפן נעבן נחמן לאַדיזשאַנסקיס וואָג פון אייזן־געשעפט וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן. דאָרט איז געליגן אַ גאַנצער באַרג מיט ברוכשטיקער און קליינער וואָלט זיי קיינמאָל ניט געפונען ווען מען זוכט זיי אַ טאָג צייט...

שטעלט אייך פאָר, ווי אַזוי דער אוריאַדניק איז געבליבן שטיין און וואָס פאַר אַ פּנים דער ערל האָט געמאַכט. ער האָט זיך געצלמט און זיך געוואָרפן מיטן פּנים צו דער ערד, אַז ער האָט אַליין געזען ווי אַט דער „באַסטרוק" (ממזר) האָט ארויסגעשלעפּט די פּלעקער! יודקע איז אָבער געשטאַנען, ווי ניט אים מיינט מען. פריער האָט ער געוויינט און געשריגן „מאַמע", בסך־הכל האָט ער גאָרניט געוואוסט „פּאַרוואָס" מען נעמט אים... און אַזוי ווי ער האָט גאָרניט געהאַט ביי זיך, —איז ער געבליבן איינגעעקשנט, אַז ער איז אומשולדיק און אַפילו ארויסגענומען דעם טלית קטן צו שווערן ביי די ציצית (ביי פּיקוח נפש — אַזוי האָט ער דערנאָך געזאָגט — מעג מען אַלץ).

אינמיטן דעם אַלץ, איז געקומען צולויפן בערל זייגערמאַכער, אַ זייער חשובער תושב אין טעפּליק, און אַ מיוחס ביים פּריסטאַוו, וועמען ער פלעג צורעכט מאַכן דאָס זייגערל אומזיסט, און — מען האָט דעם „גנב" באַפרייט.

דער ערל איז אַוועק אַזוי צעשרויפט, אַז ווען מען זאָגט אים, אַז דאָ איז געשען אַ נס פון דער „הייליקער מאַריאַ", וואָלט ער זיכער געגלויבט. דער פּריסטאַוו האָט אים אָבער אָנגעזאָגט מיטן שאַרפן וואָרט און מיט אַ דרייַ-גאָרנדיקער „ברכה", אַז ער זאָל אינדרויסן קיינעם ניט דערציילן וועגן אָט דעם פאַל — אַלאַ ניט, וועלן דעם אומשולדיקן אינגלס ברידער אים צעברעכן די ביינער — איז ער אַוועק אין זאַליאַזנע קלייט, געקויפט צוויי פלעקלעך, אויף שנעל פאַרלייגט צוריק אין די רעדער און זיך אָפּגעטראָגן.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר, ספּעציעל יודקע, זיך אויפגעהערט אָפּגעבן מיט דער „פּראָפּעסיע" פון שלעפּן די גויאישע פלעקער פון די רעדער... און איך מעג זאָגן, אַז פון דעמאָלט אָן איז געקומען אַ גאַנצער איבערברוך אין אונדזער לעבן און ספּעציעל אין יודקעס לעבן.

יודקע איז פון דער נאַטור געווען אַ גרויסער באַרימער און אַ גרויסער פאַנטאַזיאָר. נו, האָט ער מיר, דעם זעלבן פאַרנאַכט, ווען איך בין געקומען פון חדר, דערציילט, אַז ער „געדענקט ניט", אַז ער זאָל געווען באַצייטנס אַוועקגעוואָרפן ביידע פלעקער. וואָס ער „געדענקט" יאָ, אַז אַ מלאך — דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען דער מלאך גבריאל — איז צוגעקומען צו אים, ווען ער האָט די פלעקער געהאַט אין קעשענע, אַרײַנגעלייגט אַהין די האַנט, זיי אַרויס-גענומען און... אַוועקגעלאָפן. ער שווערט נאָך אַמאָל ביי די ציצית, אַז ער זאָגט ניט קיין ליגן...

פון דעמאָלט אָן איז יודקע געוואָרן... פרום. ער פלעגט לייענען קריאת שמע פאַרן שלאָפן און אפילו בענטשן נאָכן עסן, כאָטש דער פאָטער זיינער איז ניט געווען קיין גרויסער ירא שמים, און ביים טיש האָט ער קיינמאָל ניט געבענטשט.

מיט אָט דער פרומקייט האָט מיך יודקע אַ צייט אָנגעשטעקט און איך האָב באמת אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס האָט מלאך גבריאל אונז ביידע און אונזערע טאַטעס און מאַמעס — (מיר פלעגן הערן ביים טיש די רייד „וואָס וואָלט געווען" ווען מען טרעפט ביי יודקען יאָ די פלעקער...) מציל געווען פון טויט און די שטאָט פון אַ פּאָגראָם.

און איצט וועל איך אייך באַקאַנען מיט אַ דריטן חבר, וועגן וועלכן עס וועט מיר אָבער זיין שווער צו שרייבן ווייל... ערשט נעכטן — ווען די דאָ-זיקע שורות ווערן געשריבן, האָב איך זיך מיט אים ווידער — צום צענטן מאָל — געטראָפן. ער לעבט ב"ה, געפינט זיך אין דער שטאָט קאָרדאָבאַ, האָט זיך גאָר פיין אַרויפגעאַרבעט און נאָך מיט יאָרן צוריק אַרויסגענומען קיין אַרגענטינע זיינע עלטערן, ברודער און שוועסטער. ווען מיר טרעפן זיך

צוזאַמען — ניסל דובאָוונע הייסט ער (דאָ רופט ער זיך נאָום), ריידן מיר בלויז פון די קינדער־יאָרן, פון טעפּליק, און דאָס איינציקע וואָס ער געדענקט גוט פון טעפּליק איז, אַז די מאַמע האָט אים געשיקט צו גענענדל די פּרי־מאַלטשיצע נאָך מעל — האָט ער זיך מיט אַ שטיק גלאָז צעשניטן אַ פוס און עס איז אים געבליבן אַ סימן ביז איצט.

ניסל איז געווען מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער פון מיר, דערצו איז ער געווען אַ לאַנגער און ניט קיין איבעריק פלינקער, אַזוי אַז אויף צו שפּילן זיך מיט אים האָבן מיר אים גערופן שטאַרק „צעוויגן”. און אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין טאַטן אימת מות—אַן אומבאַשרייבלעכע מורא,— פלעגט ער בכלל מורא האָבן אַ שטיף צו טון, טאָמער וועט זיין פאָטער גע־וואוירע ווערן.

אין אַ שיינעם טאָג האָבן מיר אים פאַרלוירן. דער פאָטער האָט ליקווי־דירט זיין שניט־געשעפט וואָס ער האָט געהאַט צווישן די קלייטלעך, גענומען די פאַמיליע און זיך ארויסגעצויגן קיין כאַשטשעוואַטע. שפּעטער ערשט זיינען מיר געוואוירע געוואָרן, אַז ניסל איז מגולגל געוואָרן קיין אַרגענטינע.

אינטערעסאַנט איז, אַז כאָטש מיין חבר ניסלס כאַראַקטער איז געווען פונקט דער קעגנזאַץ צו מיר: ער — אַ שטילער, אַ רואיקער, אַ שעמעוודי־קער; איך — אַ שטיפער, אַ פרייליכער און אַ... חוצפּהדיקער, דאָך, איז מיין ליבע און צוגעבונדנקייט צו אים געווען אויסערגעוויינלעך גרויס, און זיין ארויסציען זיך פון טעפּליק, האָט געמאַכט אַ קליינע וואונד אין מיין האַרצן, און — טאַקע, דאָ, ווען איך דערמאָן זיך יענע געשעעניש, ווען די וואונד איז שוין פאַרהיילט, איז אַמפּלאַץ, ווידער צו פאַרצייכענען און אי־בערשרייבן דאָס, וואָס איך האָב פאַרצייכנט און באַשריבן צוריק מיט הע־כער צען יאָר, ווי אַזוי איך האָב געזוכט, ווי אַזוי איך האָב געפונען און ווי אַזוי איך האָב פאַרלוירן אָט־דעם קינדער־חבר מיינעם.

באַשריבן האָב איך יענע פּאַסירונג, נאָך עטלעכע שלאָפלאָזע נעכט, און נאָכדעם ווי עס האָט מיר... באַנג געטאָן, פאַרוואָס איך האָב אַזוי גע־בענקט נאָך אַ חבר...

אָט וואָס איך האָב געשריבן:

זינט איך בין צו מיין קינדערשן שכל געקומען, בין איך צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיט נאָך צוויי חברים, וועמען מען האָט מיט רעכט גערופן: — „די טראָיקאַ”.

ווען איך בין אַ קינד פון קנאַפּע דריי יאָר געווען, און מען האָט מיך

אוועקגעפירט צו אַ מלמד אין חדר, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן מיינע צוויי חברימלעך ניסל און יודקאַ.

ניסל — אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ בלייכער, אַ כמורנער און אַ קרענקלעכער — עפּעס האָט אים גערונען פון הינטערן אויער; און יודקאַ — אַ לעבעדיקער, אַ פרייילעכער, אַ שטיפער, אַ... „אויסוואורף", ווי די מאַמעס רופן אַזעלכע חברה. אַ מזיק.

צו אָט דעם פּאָרל האָב איך זיך צוגעקלעפּט. און דאָרט וואו יודקאַ און ניסל זיינען געווען — איז שוין געווע אויך פאַראַן.

האָט מען עמיצן פון אונז געזוכט, האָט מען שוין געוואוסט, אַז ער געפינט זיך אין איינע פון אָט די דריי הייזער...

אמת איז טאַקע, אַז מיר זיינען געווען שכנים אויך. יודקאַ האָט געוואוינט די צווייטע טיר און ניסל פּונקט אַקעגן, אונטער איין דאַך מיט משה מאַטיען.

יודקאַס טאַטע — בערל ליפשיץ איז געווען אַ זייגערמאַכער. ס'הייסט קיין זייגערס האָט ער קיינמאָל ניט צורעכט געמאַכט, ווייל ער האָט פּשוט ניט געקאָנט די מלאכה. אָבער ביי דער טיר האָט געהאַנגען אַ טאַבליצע: „טשאַסאָוואָי מאַסטער". דער דאָזיקער איד איז געווען אַ... נאַש בראַט. ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט קינדער, געבן אַ דריי ביים אויער, געבן אַ „גראָשן אויף קערלעך", געבן אַ גוטן קניפּ דערפאַר, מיט איין וואָרט, אַן אנגענעמער געזעלשאַפטס־מענטש, פון וועמען מיר — קליינוואַרג — האָבן גאָר הנאה געהאַט.

ניסל טאַטע איז שוין געווען אַ היפוך פון אים. שטרענג, האַרט, אָן אַ וואָרט צו ריידן, אָן אַ שמייכל אויפן פּנים, און ווען ניסל אָדער עמיצער פון אונז האָט נאָר דערשמעקט, אַז ניסלס טאַטע האָט שוין פאַרשלאָסן די שניט־קראָם, וואָס ער האָט געהאַט צווישן די קלייטן, און ער גייט אַהיים — אַזוי איז שוין ניסלס „דוך" אויף דער גאַס ניט געווען...

דאָס אַלעס, האָט ניט געשטערט אונז, אַז מיר זאָלן אַלע דריי ווערן איין נשמה, איין גוף ממש, און מען זאָל אַ גאַנצן טאָג אָדער אין חדר אָדער אין דרויסן, אָדער אויפן גליטש, אָדער ביים באָדן אין טייך, זיין אַלע דריי צוזאַמען.

אָט אַזוי זיינען מיר געוואַקסן ביז 8—9 יאָר.

אין אַ שיינעם טאָג איז דער אומגליק געשען. ניסל זאָגט אונז אָן אַ טרויעריקע „בשורה": זיי קלויבן זיך אַרויס קיין כאַשטשעוואַטע! אמת, ס'איז נאָענט, אינגאַנצן אַ וועלכע 40 ווערסט פון אונז. מען קאָן אפילו צו־

פּוס מאַכן דעם „שפּאַציר״ — אָבער, אָן אומגליק איז דאָס פּאַרט!

דעם פאַרטאָג, ווען ניסלס טאַטע איז געזעסן אויפן וואָגן, אַרום אים אַלע זיינע בעבעכעס, אויפן צווייטן וואָגן ניסל מיט זיינע שוועסטער און ברודער — אַט דעם טאָג האָב איך יאָרן און יאָרן ניט געקענט פאַרגעסן. יענער טאָג איז געווען מיין תשעה באב. איך בין אַ גאַנצן טאָג — און טעג און וואָכן נאָכדעם — אַרומגעגאַנגען ווי אַ פּריטשמעליעטער. כ׳האָב אויפגעהערט עסן, כ׳האָב אויפגעהערט פאַרשטיין וואָס דער רבי רעדט צו מיר. און עס האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט, אַז מיין ליבע מאַמע ע״ה זאָל... פאָרן מיט מיר צו מאָנאַסטרישטשער רבין, „ביי וועמען זי האָט מיך אויסגעבעטן״, און בעטן עפּעס אַ רפואה! זי — די אומגליקלעכע מאַמע איז נעבעך ניט געפאָרן — ווייל... דער מלאך המות האָט איר דעם וועג פאַרשטעלט און זי צוגענומען. און — ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל ניט קלינגען — איך האָב נאָך ניסלען מער געבענקט, מער געטרויערט, ווי נאָך מיין מאַמען...

עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז אין אַ שיינעם טאָג זאָל איך זיך אוועקלאָזן אין וועג אַריין קיין כאַשטשעוואַטע, ווען איך בין געוואוירע געוואָרן די וויסטע פינצטערע בשורה, אַז...

ניסלס טאַטע איז מיט דער גאַנצער פאַמיליע אַוועק קיין „אַרגענטיניען״.

אַט די נייעס האָט מיך שוין גאָר אַוועקגעלייגט. אַרגענטיניען? דאָס לאַנד וואו „יעדער איינער גייט אַרום מיט אַ מעסער אין גאַרטל און שטעכט אויף רעכט און לינקס״! „אַרגענטיניען״ וואו „אַ פרוי איז קיינמאָל ניט זיכער מיטן לעבן און מיט איר ערע״... — אַט אַזוי האָבן מיר געקאָנט אַרגענטינע אין אונזער קליין שטעטל.

איך האָב ניסלען שוין באַוויינט. ווער ווייסט צי ער ליגט שוין ניט מיטן מעסער אין האַרצן?

נאָר אָט איז אַ שטיקל „נס״ געשען!

נחומצי וואַסערפירער, וועלכער האָט צוריק מיט עטלעכע יאָר פאַרקויפט זיין ווייס פערדל מיט דער „טאַליגע״, פאַרקויפט אויך די „חזקה״ צו נחמן דעם טויבן און איז אַוועק קיין „אַרגענטיניען״ איז פון דאָרטן געקומען צוריק — דאָרט אין אַרגענטיניען גייט זיין „מלאכה״ ניט אָן — און ער האָט געבראַכט אַ גרוס:

דוכאָוונע וואוינט אין „קאָרדאָוואַ״. אַלע לעבן.

ווען ער קומט און זאָגט מיר, אַז מיין מאַמע קומט צוריק פון יענער

וועלט וואָלט פאַר מיר ניט געווען קיין קלענערע בשורה... אַ קלייניקייט: ניסל לעבט!

פון יענער מינוט איז דאָס „קאַרדאָווא" געוואָרן ביי מיר אַ הייליקייט. און ווען צו 12־13 יאָר האָב איך שוין געלייענט וועגן רמב"ם, וועגן קאָר־דאָווא, ווען איך האָב בכלל געלייענט די אידישע געשיכטע פון מיטלאַלטער וואו דאָס וואָרט קאָרדאָווא (פאַרשטייט זיך די שפּאַנישע שטאָט מיטן זעלבן נאָמען) ווערט דערמאָנט, האָט זיך ביי מיר אין מוח געפלאָנטערט ניסל—קאָרדאָווא, — קאָרדאָווא—ניסל...

— —

יאָרן לויפן, יאָרן טוען זייערס. כ'האָב באַקומען אַנדערע חברים, כ'האָב שוין נאָך ניסלען אַזוי ניט געבענקט, אָבער דאָך איז פאַר מיר אַרגענטינע שוין געוואָרן עפּעס אַן אייגנס.

עס קומען די פּאָגראָם־יאָרן און אין יאָר 1921 וואַנדער איך אויס באַ־גלייך מיט אַנדערע הונדערטער טויזנטער רוסישע, אוקראַינישע און פּוילי־שע אידן.

איך קום קיין נעאַפּאָל, איך האַלט ביים פאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע. אַלץ איז שוין פאַרטיק. און —

אַמעריקע ווערט פאַרשלאָסן!

אַ גזירה, אַ קוואָטע! פאַר וועמען אַן אומגליק — פאַר מיר איז דאָס אַ גליק, איך האָב אַ תירוץ פאַר מיינע אַמעריקאַנער קרובים און

איך קום קיין אַרגענטינע.

ווי נאָר איך בין אַראָפּ פון דער שיף — דעם 25־טן יולי, — האָט זיך ביי מיר דאָס ערשטע דערוועקט דאָס קינדער־בענקשאַפט:

ניסל!

דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטאָן איז געווען, מאַכן אַ רוף דורכן צ. ק. פון פאָלקס־הילף, וועלכע האָבן געדרוקט קליינע מודעות אַז דער קרוב זוכט יענעם קרוב, און דאָרט איז אויך געווען מיין אָנאָנס: „איך זוך ניסל דור־באָוונע פון טעפּליק", אָבער:

— מען הערט ניט און מען זעט ניט.

דעם 1־טן אָקטאָבער 1921, הויב איך אָן מיטצואַרבעטן אין „די אי־דישע צייטונג". איך שרייב דאָס ערשטע אַרטיקל וועגן דעם פּאָגראָם אין טעפּליק, געווען דעמאָלט אַ געשיכטע מיט אַ געוויסן באַנדיט חיים יאַב־לאָנטשניק, איך שרייב אונטער מיין פולן נאָמען, מיינענדיק אַז ניסל וועט זיכער זיך תיכף אָפּרופן... אָבער

— מען הערט ניט און מען זעט ניט.

איך גיב ווייטערדיקע אַנאָנסן, איך שרייב אין זשורנאַל „פאַר גרויס און קליין", „פנימער און פנימלעך" — אָבער — ניסל רופט זיך ניט אָפּ.

איך באַשטים ביי זיך:

ניסל איז געווען אַ קרענקלעכער, ווייזט אויס, אַז ער איז שוין געשטאָרבן, און איך באַוויין אים שוין אויף זיכער.

איך פאָר אַרויס אויף דער פּראָווינץ, איך קום דאָס ערשטע מאָל, דאָס צווייטע מאָל, דאָס צענטע מאָל קיין קאָרדאָבאַ. כ'האָב שטענדיק זיך נאָכגעפרעגט אויף איינעם אַ נ י ס ל דוקאָוונע, אָבער — מיין פרעגן איז געווען אומזיסט. נישטאָ אין קאָרדאָבאַ קיין שום ניסל.

אין אַ שיינעם זונטיק ביטאָג, איך זיך ביי אַ פריינט אין שטוב, ביי בוזי ליטוואַק, און פאַרברענגענדיק מיט זיין פאַמיליע, דערציייל איך זיי וועגן מיין זוכעניש.

רופט זיך אָפּ די פרוי:

— הערט אייך איין, דאָרט אויבן, אויפן וועג וואָס הייסט „קאַמינאָ סאַנטאַ ראָסאַ", וואוינט אַ איד דוקאָוונע. אַנו, ווערט געוואוירע ביי אים, אפשר האָט ער געהערט וועגן אייער ניסלען.

געזאָגט און געטאָן. בוזי ליטוואַק שפּאַנט איין זיין טשעוואָלעט און מיר פאָרן אַלע שפּאַצירן און אין איין וועג — אָפּשטייגן ביי דעם „קאַמינאָ סאַנטאַ ראָסער" דוקאָוונע.

ס'איז זונטיק פאַרנאַכט, איך קום צו צו דער טיר פון אַן אַלמאַסען, איך קלאַפּ אָן אין טיר, עס עפנט מיר אַ טונקל־הויטיקע פרוי אַ שפּאַרינע פון דער טיר, מיט דעם טראַדיציאָנעלן:

— קע דעסעאַ? (וואָס ווילט איר?)

— איז פאַראַן הער דוקאָוונע?

— יאָ, גייט אַריין.

איך קום צו צו דער סטאָיקע, אַ יונגערמאַן שטייט הינטער איר, ער הויבט אויף די אויגן צו מיר...

נ־י־ס־ל! געפונען ניסלען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך פיל אַז מיינע פיס ווערן מיר שוואַך. אָט־אָט און איך פאַל אום.

נ י ס ל!

איך באַהערש זיך און שוין שמייכלענדיק גיב איך אים אַ פרעג:

— ווי אַזוי הייסט איר?

— נאָום, — ענטפערט ער, און קוקט גלייכגילטיק אויף מיר.

— און ניסל שטייט אייך ניט אָן צו הייסן? — ווילצ איך זיך שוין. — פון וואַנען זיינט איר?

— פון חאשטשעוואַטע.

— פע, שעמען מעגט איר זיך — ווער איך שוין אין כעס! אָפּגעלעבט אין טעפּליק די בעסטע קינדער־יאָרן, געוואוינט אַ פּאָר יאָר אין כאַשטשע־וואַטע — רופט איר זיך שוין... כאַשטשעוואַטער ...

איך לאָך ,איך חכמה זיך, איך וואַרט ער זאָל אַ געשריי טון: — וועווע! אָבער ער קוקט מיך אָן פרעמד, קאַלט און פרעמד.

— דערקענט איר מיך ניט? — פרעג איך מיט ציטער.

— ניין! — ענטפערט ער לאַקאָניש.

— אַ נו, טוט נאָר אַ דריי אויס דעם קאָפּ. איך וויל אַ קוק טאָן הינטערן אויער. אַט יענער סימן פון קינדוויייז, וואו עס האָט שטענדיק גערונען.

ער כאַפּט זיך, אַז איך בין עפּעס אַן אייגענער, אָבער דערמאָנט זיך ניט.

איך הויב אים אָן דערמאָנען: י ו ד ק ע, וו ע וו ע.

ווייסעך, רעד צום דאַשעק. . אָך, יודקע געדענקט ער עפּעס יאָ. אה! ער האָט זיך שוין דערמאָנט, יאָ, ער געדענקט יודקען.

— ווער זשע זענט איר? — פרעגט ער מיך — יודקע?...

— ניין, איך בין וועווע! וועווע, געדענקסט ניט? אַ קעגן אייך געזעסן. וועווע נוסקים.

ניין, ער געדענקט ניט, כאָטש הרגע אים, ער קען זיך ניט דערמאָנען.

ער וואוינט שוין דאָ ביי די דרייסיק יאָר. ער האָט דאָ די גאַנצע פאַ־מיליע. איך גיי מיט אים צו זיי. דער אַלטער 86־יאָריקער טאַטע דערקענט מיך, זיין מאַמע, זיינע שוועסטער און ברידער, אַלע דערקענען מיך, אַלע דערמאָנען זיך, אַ חוץ אים. ער, ניסל — שעמט זיך צו ווייזן זיין אומבאַ־האָלפנקייט, באַמבלט שוין מיט דער צונג, עפּעס געדענקט ער יאָ, אָבער... ער דערקענט מיך ניט און קען זיך בשום אופן ניט דערמאַנען אין מיר. איך דערמאַן אים קינדער־שטיפעריייען, איך דערמאַן אים ווי ער האָט מיר געצאָלט מיט זויערע פּאַטלעזשאַנעס (טאָמאַטעס) פאַר אונטערזאָגן אים ביי נחומצי מלמד, ביי גדליה מלמד, איך דערמאַן אים אַ סך קינדערשע עפּיזאָדן פון לעבן. ער — כאָטש הרגע אים — ער געדענקט ניט.

פאַרוואָס האָט ער זיך ניט אָפּגערופן אויף מיינע צייטונגס־אַנאָנסן? מילא דעם נאָמען טשערנאָוועצקי געדענקט ער ניט, אָבער אַז מען זוכט ניסל דור־כאָוונע האָט ער דאָך געקענט וויסן?

אמת טאַקע, אָבער... ער איז קריאַזשירט. ער לייענט ניט קיין אידישע צייטונגען. און, — אַז ער האָט אַמאָל געהייסן ניסל — האָב איך דערמאָנט. שוין באַלד דרייסיק יאָר ווי ער הייסט נאָום!... דאָן נאָום!...

אַ טרוויעריקער, מיט פּאַרדרוס אין האַרצן, האָב איך זיך אַריינגעזעצט צו בוזין אין קאַטש אַריין. דריי צענדליק יאָרן געחלומט צו געפינען מיין קינדער־חבר. דריי צענדליק יאָרן אים געזוכט און ווען איך האָב אים ענדלעך געפונען — האָב איך אים... פאַרלאָרן!

געזוכט, געפונען און פאַרלוירן...

—0—

איך וויל דאָ אָפּשליסן די ערשטע טייל חברים מיט וועמען איך האָב זיך, אַלס פּיצל קינד, דערצויגן. צי האָבן זיי איבערגעלאָזט וועלכן עס איז איינפלוס אויף מיין ווייטערדיקער דערציאונג? — געוויס יאָ. ווען איך האָב אין שטוב עפּעס אַ שטיף געטון, אַ „קאָמאַנדעווע" געטון, האָט מען מיר באַלד אויסגעוואָרפן: „יודקעלע"! און אַז דער טאַטע האָט מיר געוואָלט אַ שטאָך טון, איז דער גרעסטער בזיון וואָס ער האָט מיר אויסגעוואָרפן געווען:

„מען זוכט דיך אויפן מאַרק ביי די פּלעקער"...

ביים איבערשפּאַנען דאָס אַכטע יאָר, ווען איך בין שוין געוואָרן אַ בן תנ"ך, ווערט מיין חברשאַפט מיט יודקען אָפּגעקילט; ער בלייבט הינטערשטעליק מיטן לערנען, עס קריכט אים ניט אין קאָפּ אַריין. דער טאַטע נעמט אים צו דער מלאכה פון זייגערמאַכעריי. שפּעטער, אַלס בחור׳ל פון פערצן יאָר, לאָזט ער זיך אַרויס אין דער ברייטער וועלט אַריין, קומט קיין כאַרקאָוו, ווערט אַן „אינטעליגענט" און דערנאָך... אַ קאָמיסאַר ביי די באָלשעוויקעס. וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען — ווער ווייסט?

—0—

איך וויל איבערלאָזן אייך צו באַקאַנען מיט מיינע ווייטערדיקע חברים — אויף אַביסעלע שפּעטער, און וויל פריער אייך באַקאַנען מיט אונזערע שכנים, מיט די שכנים פון דער „צענטראַלער" גאַס דורך וועלכער מען פלעגט גיין דאַווענען, ווייל די גרעסטע טייל שילן און בתי־מדרשים זיינען געווען אויפן עק פון אָט דער גאַס, דורך וועלכער מען האָט געפירט צו דער חופה די טעפּליקער בחורים און מיידלעך. איך וועל אייך באַקאַנען מיט די תושבים פון דער „הויפּט־גאַס" דורך וועלכע עס זיינען דורכגעגאַנגען אַלע לוויות, און להבדיל אַלע „פּגרים" וואָס די גלחים זיינען געגאַנגען פאַראויס און געזאָגט „האָספּאָדי פּאָמילוי".

די „גלאָוונע גאַס"! אַ קלייניקייט! אַז מען האָט איינעם אין דער פרעמד,

גערעדט אַ טעפּליקער שידוך און מען האָט אים געזאָגט, אַז דער מחותן וואוינט אויף דער „גלאָוונער גאַס" איז דאָס קײן חסרון צום שידוך ניט געווען. מען האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ בעל-הביתישער איד.

אויף אָט דער „צענטראַלער" גאַס האָב איך עס געהאַט דעם גרויסן כבוד און גרויס גליק געבוירן צו ווערן.

די „צענטראַלע" גאַס הויבט זיך אָן, עט אונטן, וואו עס האָט אַמאָל געוואוינט דער דאָקטאָר פּיגורסקי, און דערנאָך איז דאָרט געווען דער „סטאַן" — דעם פּריסטאַווס וואוינונג און „אוטשאַסטאָק" און שפּעטער, איז דאָרט געוואָרן די 4-קלאַסיקע גימנאַזיע און טעפּליקער אינגלעך האָבן באַקומען „קאָ־קאַרדעס" און דער טאַטע האָט זײ אויפגעצנייט „מונדירן" און זײ זײַנען גע־וואָרן אמתע גימנאַזיסטן, טאַקע ווי אין דער גרויסער שטאָט. און ווען זײ גײַען פון גימנאַזיע — ריידן זײ צווישן זיך „רוסיש" — ניט אַזאַ גראַמאַ־טיקאַלער רוסיש, אָבער דאָך רעדט מען „פּאָ רוסקאָמו".

אָט דאָרט הויבט זיך אָן די צענטראַלע גאַס און פון איר רעכטער זײַט געפינען זיך אַלע בתי־מדרשים מיט דער גרויסער שול אין דער שפּיץ. מאַיעס־טעטיש שטייט די ערשטע געביידע — דאָס בית־מדרש, וואָס איז דער זאַמל-פּונקט פון דער „אַריסטאָקראַטיע" און פון די רבנים און דיינים, און ווען מען פירט שטעלן אַ חופּה, הערט מען אין בית־מדרש ווי דער חזן זאָגט די ברכות פון חופּה וקידושין.

די איבעריקע בתי תּפילה זײַנען געשטאַנען עטוואָס נידעריקער, שוין באַרג־אַראָפּ. און אַזוי ווי אָן אַרויסגאַנג צו דער גאַס האָבן זײ געהאַט בלויז אײנעם, פלעגט פּרייטיק־צו־נאַכטס און ספּעציעל שבת אינדערפרי זײַן שוואַרץ די גאַס פון אַלע אידן וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון די בתי מדרשים, קלויזן און גרויסער שול. און, ניט קוקנדיק דערויף וואָס אין די שילן האָט מען אַלץ גערעדט און אײַנגעטענהט מיטן רבונו של עולם וועגן „אײן פאָלק ישראל", און „עמך ישראל" אָדער „עמו ישראל", איז צענדליקער מאָל דערמאָנט גע־וואָרן, דאָך, ביים אַרויסגאַנג פון שול, האָט זיך „דאָס פאָלק ישראל" שטרענג צעטײלט אין „קלאַסן", און די אידן פון בית־מדרש, זײַנען חלילה, ניט גע־גאַנגען נאָענט נעבן די אידן פון דער גרויסער („פּראָסטער") שול, און אוודאי קײן גוט שבת ניט געזאָגט די אידן פון „שנײַדערשן" שולכל אָדער פון „צאַלובעס" קלויז. עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק אַז... מען קען זיך אַפילו ניט.

אָבער, מיר קערן זיך צו דער „צענטראַלער" גאַס און שפּאַנענדיק איבער איר, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן און באַטראַכטן די ערשטע הײַזער — די „לעס־

נאַיע סקאַלדן״ — די „דעפּאָזיטן פון ברעטער״, וואָס האָבן פאַרנומען אַ חשוב פּלאַץ אין טעפּליקער מסחר.

קינדוזייז פלעג איך מיינען, אַז גאָט האָט באַשאַפן די לעסנאַיע סקלאַדן, כדי מיר, קינדער, זאָלן האָבן וואו זיך צו שפּילן אָדער וואו צו שרייבן מיטן קרייד וואָס מיר האָבן ערגעץ געקראָגן.

שפּעטער, אַלס בר מצוה בחורל, האָב איך געגלויבט אַז די ברעטער פון די לעסנאַיע סקלאַדן ליגן אין דרויסן, כדי מיר, עקס חדר־אינגלעך, זאָלן האָבן וואו צו זיצן און חלומען וועגן... די גרויסע שטעט, וועגן אָדעס, וועגן ראוו־ניצקים ישיבה אָדער גאָר וועגן אַ גימנאַזיסטסקע קאָקאַרדע און שינעל.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, בין איך זיכער געווען, אַז דער לעסנאַי סקלאַד איז באַשאַפן געוואָרן, כדי אינגלעך און מיידלעך זאָלן דאָרט קאָנען זיצן, באַ־וואונדערן די לבנה, זיפצן, און ריידן פון אַלץ — אַ חוץ פון ליבע.

דער אמת אָבער איז, אַז די לעסנאַי סקלאַדן האָבן געהאַלטן עטלעכע „אינטעליגענטנע״ אידן, וואָס האָבן געזוכט אַן „אינטעליגענטנע״ פּרנסה, און וואָס האָבן אפילו זוכה געווען, אַז מען זאָל זיי רופן ביי... זייער פאַמיליע, ווי למשל, מלך לערמאַן, שלמה ווייס א. אנד.

די פּרנסה ביי אַ לעסנאַי סקלאַד איז אין טעפּליק פאַרעכנט געוואָרן פאַר איינע פון די בעסטע. האָט טאַקע לערמאַן, אַ חוץ פּרנסה געהאַט דריי זין סטודענטן, וועלכע האָבן זיך איינגעטיילט אין דריי „פּאַרטייען״: דער עלט־סטער איז געווען אַ מסוכהנער ציוניסט און האָט פּאַקטיש אָנגעפירט מיט דער יוגנטלעכער באַוועגונג אין טעפּליק. דער צווייטער איז געווען אַ פאַר־ברענטער סאָציאַליסט און נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע איז ער געוואָרן אַ מסוכענער קאָמוניסט, און דער דריטער — אַ יונג בחורל, האָט געפּייפט אויף ביידע און זיך אַרומגעשלעפּט מיט... שיקסעס.

געטומלט האָבן זיי אַלע אַ פּאָר יאָר נאָך דער רעוואָלוציע און זיינען שנעל ליקווידירט געוואָרן און די עלטערן זיינען געשטאָרבן אין פרעמדע תכרוכים. בעסער געזאָגט — אָן תכרוכים...

ניט קיין בעסערן סוף האָט געהאַט שלמה ווייס מיט זיין גאַנץ רייכטום. די באָלשעוויסטישע „גערעכטיקייט״ האָט אים אריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ, כדי אנדערע בורזשויען זאָלן זען און... ציטערן.

די שענסטע שטוב נאָך לערמאַנס לעסנאַי סקלאַד איז געווען די שותפות־דיקע, משה רופאס און איציק ראובנס. איך ווייס ניט צי צען מענטשן אין טעפּליק האָבן געוואוסט, אַז איציק ראובנס פאַמיליע איז דוכאָוונע. טאַקע בלויז דער פּאָטשטאַליאָן, דער סטאַראָסטע פון מעשטשאַנסקי אופּראַווע און

אפשר נאָך עטלעכע אידן. און, גראדע, איז איציק ראובנס געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע אידן אין טעפליק. דער בעל טאַקסע פון שטאָט, דער „באַנ־קירער", ביי וועמען מען האָט געליען געלט, פאַרזעצט דאָס זילבער אָדער איבערגעשריבן די שטוב אויף זיין נאָמען און סתם דער דעה־זאָגער ביי קהל. גערעדט האָט ער אַזוי שטיל, אַזוי בנעימותדיק, אַז מען האָט זיך גדאַרפט גוט צוהערן וואָס ער זאָגט. און אַזוי, שטילערהייט, האָט ער געהאַט די שטאָט ביי זיך אין שראַנק.

און שוין איז געווען זיין שטוב און משה רופאס שטוב, ניט ווייל פון פּאַרנט איז זי געווען שיין אָפּגעשמירט, נאָר צוליב דעם גאָרטן פון פּאַרנט, מיט די גרויסע שאָטן־בוימער וועלכע זיינען געווען ארומגענומען מיט שיינע שטאַכעטן.

און מערקווירדיק, מיר קינדער, פלעגן אַלע שטאַכעטן „דערגיין די יאָר", מיר פלעגן מיט אַ שטעקעלע „פידלען" איבער זיי, און דאָס קלאַפּן און טומ־לען האָט געקאָנט טויב מאַכן. אָבער, משה רופאס שטאַכעטן האָבן מיר ניט געטשעפּעט. צו משה רופא און פאַר משה רופא האָט מען געפילט רעספּעקט, ליבע און טאַקע מורא אויך. משה רופא הייסט דאָך עפּענען דאָס מויל, שטופּט אריין אַ לעפל און הייסט זאָגן אַ־אַ־אַ! און ווען מען זיצט ביי אים אויף די קני, אָדער ווען מען ליגט אין בעט און מען איז ביי משה רופא אין די הענט, איז גלייכער אַז ער זאָל אויף אייך ניט טראָגן קיין שווער הארץ הלמאי איר האָט געקלאַפּט אין זיינע שטאַכעטן...

און אַז איר שטייט שוין ביי משה רופאס שטוב, גיט אַ קוק אריבער אַקעגן און באַקאַנט זיך מיט שלום בעל עגלהס שטוב, כאַפּט אַ קוק אויף די בריטשקעס און פייטאָנען וואָס פאַרנעמען אַ שטיק גאַס.

די לעצטע יאָרן האָט זיך שוין שלום בעל עגלה — אַן עלטערער איד אין די יאָרן — ניט אָפּגעגעבן מיט פירן פּאַסאַזשירן צום באַן און דער הויפּט ברויטגעבער איז געווען זיין זון ליפּע, אַ וואוילער הארציקער מענטש, וואָס ווען ער פלעגט צופאָרן צו אונזער טיר — האָט ער דערפרייט מיין נשמה, ווייל מיט ליפּע בעל עגלה איז מען געפאָרן צום באַן, און מיטן באַן איז מען געפאָרן קיין אומאַן, קיין אָדעס און אפילו „זאַגראַניצאַ" — און ווען ליפּע בעל עגלה איז צוגעפאָרן צו דער שטוב האָט עס געהייסן, אַז עמיצער פאָרט צום באַן אָדער געקומען פון באַן.

דאָס קומען פון באַן איז אויך געווען אַ יום־טובדיקער ענין פאַר אונז קינדער. ווייל מיטן באַן איז געקומען די מומע חייקע, דער מאַמעס אַ שוועס־טער וואָס האָט געוואוינט אין אומאַן, — און האָט געבראַכט אַ מתנה. און

אַ שיינע מתנה! אַמאָל אַ „מאַטראָסנע קאָסטיומטשיק”, וואָס האָט אויסגעזוי־מען ביי איטלעכן. קומען פלעגט זי אויף קבר אבות — פלעגט זי זיך גוט אויסוויינען, אָבער מיט אונז קליינוואַרג, האָט זי זיך געשפּילט, געלאַכט און געקויפט שאָקאָלאַד ביי ראַצין אין קלייט און איבערלאָזן אַ „נאַדיזנע”, אַ מזור־מענעם פּערציקער און אַמאָל — אַ האַלב קערבל. און ווער האָט זי שטענדיק געבראַכט אויב ניט ליפּע בעל עגלה, וועמען מיר האָבן געוואונטשן דאָס אייביקע לעבן. אונזער וואונטש איז אָבער ניט מקוים געוואָרן, ווייל אין די ערשטע פּעטליורישע פּאָגראָמען איז ער — נאָך אַ יונגער מענטש — דער־הרגט געוואָרן.

שלומס שטוב האָט זיך געגרענעצט מיט נחמן לאַדיזשינסקים הויף, וועל־כער האָט געהאַט אַ גאָרטן פון פּאַרנט און אויך גוטע שטאַכעטן, איבער וועלכע מיר, חברה, האָבן זיך נוקם געווען וויפל מיר האָבן געוואָלט. מיט נחמן לאַדי־זשינסקי האָבן מיר, יונגוואַרג בכלל ווייניק סימפּאַטיזירט, מעגלעך אַז דער־פאַר, וואָס זיין שטוב האָט געהאַט אפשר צען צימערן, איינע גרעסער פון דער צווייטער, און אַז מען האָט, אין טעפּליק, געוואָלט איינעם שעלטן האָט מען געזאָגט: „זאָלסט האָבן אַזויפיל צימערן ווי נחמן לאַדיזשינסקי און עס זאָל דיך אַ גאַנצן טאָג וואַרפן פון איין צימער צום צווייטן”...

דאָ, ביי נחמן לאַדיזשינסקים שטוב האָט זיך געענדיקט דער ערשטער קוואַרטאַל פון דער צענטראַלער גאַס. עס איז געווען אַ ראָג (עסקינאַ) און צווישן זיין שטוב און דער שכנותדיקער — יחיאל פּישער, האָט זיך אריינ־געשניטן אַ גאַס — וואָס האָט געפירט צום אומאַניער וועג, צו דער טערניוור־קער בריק, צום וואָלאָסט און להבדל צום בית עולם, צום „מאַנאָפּאָל” (דאָס פּלאַץ וואו מען האָט פאַרקויפט בראָנפן), צום טייך, און פאַרשטייט זיך — צום גויאישן דאָרף וואָס אַרום טעפּליק. די גאַס איז געווען אַ ברוקירטע און איז געווען אַ באַרג אַראָפּ, און מיר, די חברה קליינוואַרג האָבן אויסגענוצט אַמבעסטן די גאַס. ווינטער ביים אַראָפּלאָזן זיך מיטן שליטעלע. אָדער מיט אַ ברעטל און געפאָרן אַזוי לאַנג ביז מען האָט אויסגעריבן די הייזלעך און מורא געהאַט אהיימקומען.

פּונקט אַקעגן אָט־דער „גאַס” — די אומאַניער בריק — האָט זיך געפונ־נען יודל לאַטמאַנס טראַקטיר אָדער ווײַנשענק. און אַזוי ווי זיין שענק איז געווען דער מקום פון צענדליקער גויים וואָס האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט מיט זייער פערד־און־וואָגן און אריינגעגאַנגען צו יודלען „איבערכאַפּן”, איז כמעט דאָרט שטענדיק געווען שמוציק און דער ריח נחוח פון די פערד האָט פאַרשלאָגן די לופט וואָס משה רופאס גאָרטן — דער שכן זיינער, האָט

ארויסגעגעבן. פלעגן טאקע לצים זאָגן, אַז גאָט האָט מורא געהאַט טאָמער וועלן טעפּליקער אידן שטאַרק מקנא זיין משה רופא אויף זיין שטוב און אויף זיינע קווייטן וואָס בליען, און אַזוי ווי פאַר האָבן קנאה קומט גיהנום, האָט ער משה רופאן געגעבן אַלס שכן יודל לאַטמאַן מיט די צענדליקער פערד ביי דער שטוב אַ גאַנצן טאָג. נו, אויף דעם גערוך פון די פערד איז קיינער ניט מקנא געווען... און קיינער וואָלט זיך מיט משה רופא ניט געביטן מיט זיין שטוב...

דערפאַר, אַז עס איז געקומען דער ליבער שבת-קודש, ווען ביי יודל לאַטמאַן איז געווען געשלאָסן און די גויים מיט זייערע פערד און וועגענער זיינען ניט געקומען אין שטעטל אַריין, פלעגן משה רופאס מיידלעך (איינע אַ טאָכטער מאַניע וואוינט דאָ אין אַרגענטינע), זיך אויסזעצן אין גאָרטן ביי דער טיר, און ווער עס איז דורכגעגאַנגען האָט זיי דעמאָלט מקנא געווען אויף דער פרישער לופט וואָס מען טרעפט נאָר אויף אַ... דאַטשע.

דאָס וואָרט „דאַטשע" איז געווען אַ מאַגיש וואָרט פאַר טעפּליקער ווייבער. איינע פון הונדערט און אפשר איינע פון טויזנט האָט געהאַט דאָס גליק צו פאָרן אויף אַ „דאַטשע", טאַקע אויף אַן אמתער „דאַטשע" מיט ביימער, מיט מילך פון דער קי (ניט קיין ציגענע) און מיט עסן עופות אַלע טאָג און דער עיקר — מיט שרייבן בריוו פון דער „דאַטשע", און זאָל די וועלט וויסן, אַז שרה גיטל געפינט זיך אויף אַ דאַטשע אויף לופט אָדער אויף „טרויבן". און — משה רופאס ווייב און קינדער האָבן שוין ניט געדאַרפט פאָרן אויף קיין דאַטשע — זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע דאַטשע אין דער היים! — אַזוי פלעגן ווייבער און מיידלעך שמועסן.

איך וועל געבן אַ שפּרונג איבער עטלעכע הייזער און בלויז אָנווייזן אויף אונזערע נאָענטסטע עטלעכע שכנים, וועלכע האָבן געוואוינט בלויז עט־לעכע מעטער איינער פונעם צווייטן און דאָך, איז קיינער קיינמאָל, טאַקע קיינמאָל ניט אַריינגעגאַנגען — אַלס שכן — פאַרברענגען אַביסל, סיידן, חלילה ביי אַן אומגליקס־פאַל.

אָט האָט איר אַ צעטל פון אונזערע שכנים.

אין איין רייע מיט אונזער הויז זיינען געווען: משה ראַבילעס שטוב, דוד זעלעווינסקיס שטוב, טרייטלס הויז, איצי באַסעס הויז און גבריאל פּע־קאַרניקס שטוב. פינף־זעקס שכנים וואָס האָבן אָפּגעלעבט אַ לעבן צוזאַמען. דאָך זיינען דעם טאַטנס חברים און פריינט געווען פון אַן אַנדער גאַס, דער מאַמעס פון אַ דריטער גאַס, און מיר, די קינדער, האָבן זיך געשפּילט מיט די שכנהשע קינדער ביז מען האָט זיך עטוואָס געשטעלט אויף די פיס. דער־

נאָך האָט יעדער איינער געפונען חברים אין אַלע עקן שטאָט. פּאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען — איך גלויב, אַז אויך... צוליב „יחוס". מען איז טאַקע געווען שכנים, מען האָט זיך טאַקע אָפּט־אָפּט אָפּגעגעבן דעם „גוט מאָרגן". די ווייבער האָבן אָפּט, אָפּט, טאַקע אַריינגעשיקט לייען איינס ביים אַנדערן צוויי אייער (ווען מען האָט אפילו געדאַרפט בלויז איין איי — האָט מען אויך געשיקט נאָך צוויי אייער. ווייבער האַלטן, אַז מען לייט איין איי — איז „סימן דלות"), מען פלעגט אויך אָפּט לייען אַ שטיקל הייוון, פונקט דאַנערשטיק אויפדערנאַכט האָט זיך די מאַמע אומגעקוקט, אַז די ראָשטשינע „איהרט" ניט, איז דאָס ערשטע האָט זי אָנגעהויבן מיט... שעלטן זיך אַליין. אַ מכה איז איר, ווי איז איר א. אַ. וו. נאָכדעם האָט זי אויסגעבאָטלט אַלע אירע בייזע חלומות אויף אורקע דעם קרומען וואָס פאַרקויפט „נאַסע הייוון". „היינ־טיקס מאָל זיינען די הייוון געווען וואַסער", האָט זי געקרעכצט און ווידער, ווי איז איר, וואָס וועט זיין מיט דער חלה? שפּעטער אַז מען האָט טאַקע געזען אַז די ראָשטשינע „הויבט" זיך ניט, האָט מען מיר געהייסן, אַז איך זאָל געבן אַ לויף „אויף איין פוס", צו העני באָסעס אָדער צו גענענדלען און לייען אַ שטיקל „טרוקענע הייוון". די שכנה האָט געליען ווייל... איבער־אַכטאָג שבת אָדער דינסטיק, האָט זיך ביי איר געטראָפן אָט דער „נס" — און זי האָט געשיקט לייען צו דער מאַמען אַ שטיקל הייוון א. אַ. וו.

אינטערעסאַנט איז, אַז די דריטע טיר האָט געוואוינט דער בעקער, גבריאל פּעקאַרניק, דאָך האָבן די ווייבער קיינמאָל אַהין ניט געשיקט נאָך קיין הייוון. פּאַרוואָס? — ווייזט אויס, אַז מען האָט געהאַלטן אַז ביי יענעם איז דאָס אַ פּרנסה ענין, און אפשר טאַקע אויך דערפאַר ווייל די שכנהס אַרום האָבן שטאַרק ניט געהאַלטן פון דבורה דער בעקערן, מען האָט זיך פּשוט געמיאוסט נעמען עפּעס אַ זאַך פון אירע הענט...

מיר וועלן איצט קרייצן די גאַס און אַריבערשפּאַנען צו אונזערע שכנים פון „אַנטקעגן". דערביי וועל איך אַרויסברענגען אַזאַ קוריאָז, וואָס פלעגט מיין מוח ניט איינמאָל עגבערן, ווען איך בין שוין געווען אַ גרויסער, ווען איך בין שוין געווען אין אַרגענטינע, און ווען איך פלעג אַרומפאָרן איבער אידישע אַרגענטינער שטעטלעך און קאָלאָניעס.

דאָרט, אין טעפּליק, איז פון אונזער שטוב ביז ניסל דוכאָוונעס שטוב אַנטקעגן געווען... אפשר 50 מעטער, ד. ה. אַזוי פיל, וויפל די גאַס האָט געהאַלטן די ברייט. און דאָס זעלבע פון אונזער שטוב, פון אונזער עס־טיש ביז ניושקע קושנירס עס־טיש (מיט אים האָבן מיר פונקט געוואוינט „וויז־אַ־ווי"). דאָך איז ניושקע קיינמאָל ניט געווען ביי אונז אין הויז און מיין

טאַטע האָט קיינמאָל ניט איבערגעמיראָטן ניושקעס הויז. איך בין אויך ניט זיכער צי מיין מאַמע האָט אַמאָל געזאָגט ניושקעס פרוי אַ גוט־מאָרגן און צי יענע האָט „אָפיציעל געקאָנט" מיין מאַמען...

ווען איך פלעג אַרומפאָרן איבער די אידישע קאָלאָניעס אין ענטרע ריאָס אָדער מאָזעסוויל, און געהערט ווי קאָלאָניסטן רופן אָן „שכנים" אַזעלכע וואָס וואוינען טויזנט און דריי טויזנט מעטער ווייטער, און ווי אַזוי אָט־די שכנים פאָרן איינס צום אַנדערן, טרעפן זיך אָפט איינער מיטן אַנדערן, פאַרברענגען צוזאַמען, זיינען זיך משדך צווישן זיך און... קריגן זיך אפילו זייער אָפט, פלעגן מיר דאַן דורכשוועבן דורך מיינע געדאַנקען אונזערע טעפּליקער שכנים — ספּעציעל די פון „אַנטקעגן" — חוה עטי לאַהם די „אַפּטייקערשע", מיט איר ברודער דעם אַלטן בחור, וואָס פלעגט שטענדיק אַרומגיין און ריידן... צו זיך אַליין, האָבן טעפּליקער אידן געזאָגט, אַז אַזוי ווי עס שטייט אים ניט אָן צו ריידן צו וועמען עס איז ניט איז, ווייל ער האַלט אַז קיין גלייכן צו אים איז ניטאָ — רעדט ער צו זיך... מילא, מעגלעך אַז עס איז געווען אַ וויץ, נאָר איך קאָן גיין שווערן, אַז פאַר מיינע דרייצן יאָר, וואָס איך האָב אָפּגעלעבט אין טעפּליק — פון מיין געבוירן ביזן לייגן תפילין — האָב איך אים ניט געזען ריידן מיט אַ מענטשן אין דרויסן פון דעם „אַפּטייטשנע סקלאָד" וואָס זיי האָבן געהאַט.

עס שטייט מיר פאַר די אויגן אַ צווייטער שכן פון „אַנטקעגן", אויך אַן אַלטער — שוין גאָר אַן אַלטער בחור, משה „זיבעלעס" האָט מען אים גערופן, זיין מאַמע איז געבוירן געוואָרן אַ „זיבעלע"... און זיין צווייגאָרנדיקע דירה אַקעגן איז ווערט געווען אַ „פאַרמעגן". דער טאַטע פלעגט זאָגן, אַז ווען ער וויל זי פאַרקויפן נעמט ער אָפּ אפשר... צען טויזנט קערבלעך. דער דאָזיקער „אַלטער בחור" האָט אויף זיין לעבן גאָרניט געטון, איז אַרומגעגאַנגען „טשעפּקע" ריין, מיט אַ נייעם קאָסטיום און מיט לאַקירטע שיך. געלעבט האָט ער פון צוויי זאַכן: אַביסל פון דירה־געלט און אַביסל פון... ניט דערעסן. אין אַ צייט אַרום האָט ער פאַרקויפט די שטוב איינעם אַ מאַגיע שטיין. דער דאָזיקער טיפּ האָט געהאַט אַ „מומע" אין בוענאָס איירעס, וואָס פלעגט אים שיקן געלט, אַ סך געלט, אָבער בתנאי אַז ער זאָל דאַווענען און זיין פרום, לייגן אַלע טאָג תפילין און בעטן גאָט פאַר איר. טעפּליקער אידן פלעגן דערציילן, אַז אין אַרגענטינע ליגט געלט וואו מען גיט זיך אַ קער. אַ סברא, אַז אין די גאַסן וואַלגערט זיך גאָלד! מען טאָר אָבער אַהין ניט פאָרן, ווייל דאָרט געוועלטיקט די סטרא אחרא, דאָרט כאַפּט מען מיידלעך און ווייבלעך אין די גאַסן, ווען אפילו דאָס ווייבל גייט שפּאַצירן מיט איר אייגענעם מאַן...

מיר, טעפּליקער אינגלעך, האָבן דערפאַר געהאַט אַ גרויסע נקמה אין מאַניע שטיינס מומע, וועלכע פאַרלאָזט זיך אויף איר פלימעניק, אַז ער זאָל פאַר איר צוגרייטן דעם גן־עדן! זעענדיק אַז מאַניע שטיין רויכערט אום שבת אַ סיגאַרעטל, איז אונז ממש צוגעקומען אַ שטיק געזונט. מיר האָבן טאַקע ניט פאַרשטאַנען אין וואָס באַשטייט דער חטא פון זיין אַ „מומע" אין בוענאָס איירעס, אָבער מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס געהער זיך עפּעס אָן מיט חיים יאַבלאָנטשיקס „געשעפטן", און מיר זיינען געווען צופרידן וואָס די „מומע" אָדער דער „פעטער", דאָרט אין אַרגענטינע, וועלן געבראָטן און געברענט ווערן אין קאַלך־אויוון פון גיהנום, און מען וועט זיי פּערציק יאָר, — טאָג און נאַכט, — וואַרפן „כּף הקלע" פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן. אַזוי האָב איך איינמאָל, בפירוש, געהערט ריידן אויף דער טעפּליקער „ביר־זשע".

טעפּליק האָט געהאַט אַ בירזשע?

יאָ! כ'האָב איך פאַרגעסן זי פאָרצושטעלן. דאָס איז דאָך אונזער אַלטע, היימישע, מחיהדיקע שוויץ־באָד, וואו טעפּליקער אידן זיינען זיך צונויפגע־קומען אַלע ערב שבת און ערב יום־טוב און אַרומגערעדט אַלע נייעסן פון שטאָט. און ריידנדיק אַזוי, האָט מען זיך פאַר אונז, קליינוואַרג, ניט געהיט. פלעגן מיר טאַקע, זייער יונג, באַקאַנט ווערן מיט דער שטאָט־פּאָליטיק, מיט דער וועלט־פּאָליטיק און מיט אַלע מאַנצבילשע רכילותן וואָס מען פלעגט זיך אָנדערציילן וועגן דעם און יענעם, און צווישן אָט די רכילותן זיינען מיר געוואָוירע געוואָרן, וועגן מאַניע שטיינס „פעטער" צי „מומע", וואָס האַלטן אים אויס, און אַז זיי ווייסן ניט, אַז ער האָט נאָך אויף זיין לעבן ניט איבערגע־שפּאַנט קיין מקום קדוש, — ער האָט אַפילו קיין „שטאָט" ניט אין ערגעץ — און אָנשטאָט צו בעטן גאָט פאַר זייער נשמה — זינדיקט ער גלייך מיט זיי. און אַ סברא אַז ניט נאָר רויכערט ער אום שבת — נאָר ער פאַסט אַפילו ניט יום כּפּור...

איך וועל לאַייך באַקענען מיט נאָך עטלעכע טעפּליקער אידן:

מיט איינעם פון אונדזערע אַנטקעגנדיקע שכנים, איז דער טאַטע יאָ געווען אַ שטיקל שמעלקע — דאָס איז געווען מיט עזריאל שאַראַגאָס, אַן על־טערער איד, אַ שוטניק און אַ שטיקל ווערטל־זאָגער. מיט אים, פלעגט דער טאַטע אָפט זיצן אויף דער באַנק אין דרויסן נעבן קלייטל וואָס ער האָט צו־געבויט און — „פאַרזאָרגט די וועלט".

דאָרט, ביי עזריאל שאַראַגאָס „פּריזבע", פלעגט אָפט באַשטימט ווערן

ניט נאָר טעפּליקער פּאָליטיק, ניט אַפילו בלויז די פּאָליטיק פון רוסלאַנד, נאָר די גאַנצע וועלט־פּאָליטיק. אַ פּאָר מאָל איז ביי עזריאלן אויף דער פּריזבע און אַ פּאָר מאָל ביי אונז אויף די טרעפּ פון פּידאַשעק, זיינען זיך געזעסן אידן, עלטערע און יונגערע, גאָר אַלטע און גאָר יונגע און מען האָט „גע־האַלפן" די רוסישע גענעראַלן... פאַרלירן די שלאַכטן מיט די יאַפּאַנטשיק־לעך. דאָרט אויף דער פּריזבע, אָדער ביי אונז אויף די טרעפּ, האָט מען דער־ציילט טאַטש-ווי־טאַטש, ווי אַזוי דער גלח אין פּעטערבורג איז געגאַנגען מיט אַ מאַניפעסטאַציע בעטן דעם צאַר־באַטיושקאַ ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיינע קנעכט — די רוסישע פּויערים און ווי אַזוי די קאָזאַקן האָבן געמאַכט פּיף־פּאַף — און זיי אַלע צעשאָסן. און דאָרט אויף דער פּריזבע אָדער להבדל אין באָד אויף דער אויבערשטער באַנק צווישן שעפּעלע און שעפּעלע הייס וואַסער, האָט מען דערציילט, אַז אַמעריקע האָט געגעבן אַן אולטימאַטום „פּאַני גנב", דער אולטימאַטום איז געווען לאמור — אַזוי צו זאָגן:

אָדער דו אָנערקענסט די אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן מיט וועלכע אידן קו־מען קיין רוסלאַנד און דו דערלויבסט די אַמעריקאַנער אידן צו וואוינען וואו זיי ווילן, אָדער, איך האַלט דיך אין דער ערד (דערביי האָט דער דערציילער אַנגעוויזן מיטן פינגער אויף דער ערד) טאַקע טיף אין דער אדמה, און איך רײַם מיט דיר איבער די באַציאונגען...

עזריאל שאַראַגאָס איז ניט געווען קיין גאַנצער בעל הבית אויף זיין שטוב. ער האָט געהאַט צו איר נאָך צוויי „שותפים", דאָס הייסט, זיי זיינען געווען שותפות בלויז מיטן דאַך און מיט דער מיטלסטער וואַנט. די שותפים זיינע צו דער שטוב, האָבן זיך געפירט גאַנץ זעלבסטשטענדיק און זיי האָבן איבער זייער חלק געקענט אַפילו מאַכן אַ ברכה בורא מאורי האש!...

איין שותף איז געווען זעליק-לייב גאָלדשמידט, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין איידעמס באַקאַליינע קלייטל (אַלמאַסען), וואו מען האָט געקאָנט קריגן פּאָר... אַ גראָשן זאַלץ, פּאָר אַ גראָשן אַ שטיקל הערינג, פּאָר אַ גראָשן אַ ליכטל און נאָך צענדליקער באַקאַליי סחורות און אַלץ — אָנ־הויבנדיק פון אַ גראָשן. מיר, חברה יונגוואַרג, זיינען ביי אָט דעם קרעמער געווען אָפּטע קונים. מיר האָבן געוואוסט, אַז בא שאַפּסי קרעמער, קריגט מען פּאָר אַ גראָשן אַ פּאָר ניסלעך, און פּאָר אַ גראָשן צוקערקעס. אויך אים האָט די שטאָט געהאַלטן פאַר אַ באַהאַלטענעם גביר. נשקשה, — פּלעגן די ווייבער זאָגן, — איר שפּילט זיך מיט שאַפּסין, פון אַ גראָשן מאַכט ער אַ קאָפּקע, פון אַ קאָפּקע — אַ קערבל, און פון אַ קערבל — אַ הונדערטער און טויזנטער.

צי שאַפּסי האָט טאַקע געהאַט טויזנטערס — איז אַ פראַגע. זיין אָפּגע־

ריבענע קאַפּאָטע, וועלכע ער האָט געטראָגן צענדליקער יאָרן, און די פּאָר געלאַטעטע שיך — האָבן ניט באַשטעטיקט זיין גבירעשאַפט...

אַנטקעגן שאַפּסין איז געווען נאָך אַ באַקאַליינע קלייט, פון איינעם יאַנקל טאַלייסניק און זיין אידענע — אַן אמתע אשת חיל, האָט מען גערופן, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי עטי די גראָבע, בערל דעם ראָבינס טאָכטער. דער דאָזיקער „אַלמאַסען" האָט געלייזט שטיקער גאָלד, „געשאַרט מיט לאָפּעטעס", געווען אַ סברא — אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטאָט און ספּעציעל אויף דער „בירזשע" אין באָד, הייסט עס, — אַז יאַנקל בערל דעם ראָבינס איידעם זיצט אויף 10 קערבלעך אַ טאָג פּרנסה. איי, פאַרוואָס ער לייט ביי איציק ראובנס געלט אויף פּראָצענט? — תּיקו!...

דער גרעסטער „סטראַטעג" פון אונזערע שכנים איז געווען נאָטע ווייג־מאַן, אָדער נאָטע דער אייעריקער. דער דאָזיקער איד פלעגט האַנדלען מיט אייער, וועלכע ער פלעג אויפקויפן ביי די גויים אָדער אידן־אַרענדאַרן אין די דערפער. שטענדיק פלעג ער ווײנען אַז ער דערלייגט געלט צום געשעפט, אַז אייער ווערן צעפּלעטשט, אייער באַקומען אַ שלעכטן ריח, און די פּרייז אויף בצים איז סתם ניט סטאַביל. שטענדיק האָט ער געוויינט, כאָטש מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גביר, אַ גרויסער עושר, אַ מיליאָנטשיק! אַ סברא, אַז ער האָט זיינע אייגענע אפשר... צוואַנציק טויזנט רובל. איי פאַרוואָס ער זיצט אין שכנות ביי יענעם (שפּעטער האָט ער אָפּגעקויפט אברהם דור־כאָוונעס שטוב), דאָס אַלץ טוט ער כדי... מען זאָל מיינען, אַז ער איז אַ קבצן.

———0———

עס וועט ניט זיין קאָמפּלעט דאָס בילד וואָס איך האָב אייך פאַרגע־שטעלט וועגן אונזערע שכנים, ווען איך דערצייל אייך ניט, אַז מיט איינעם אַ שכן אונזערן, וואָס האָט געהאַט שותפות די שטוב מיט משה זיבעלעס, און וואָס האָט געהייסן לייב, מאָטל חיה רייזעס (מאָטל האָט געהייסן זיין טאַטע און חיה רייזע זיין מאַמע), האָט געטראָפן אַן אומגליק.

דער דאָזיקער לייב — אגב, זיין פאַמיליע איז געווען שפּילבאַנד, איז געווען זייער אַ וואוילער האַרציקער איד, אַ פאַרברענטער בראַסלאָווער חסיד, איז געפאָרן אַלע ראש השנה קיין אומאַן און מען האָט אויף אים גאָרניט דערקענט. איינמאָל קומט ער צופאָרן פון אומאַן אַ מרה שחורהדיקער, ער רעדט זיך איין, אַז דער בראַסלאָווער ז"ל איז מיט אים ניט צופרידן, איז אויף אים „ברוגז", און

אין אַ שיינעם אינדערפרי האָט מען אים געפונען אַ דערטרונקענעם אין דער באָד־קרעניצע. וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטון איז שווער צו באַשרייבן.

גאַנץ טעפּליק האָט זיך געוויגט. מער פון אַלע האָב איך רחמנות געהאַט אויף זיין טעכטערל — אַ מיידעלע אין מיינע יאָרן, אַדעלע האָט זי געהייסן און איז, נעבעך, געווען קרום. דאָס דאָזיקע מיידעלע איז געווען... מיין ערשטע „ליבע", ווען איך בין אַלט געווען... אַכט יאָר. זי האָט פאַרשטייט זיך, דער־פון ניט געוואוסט. ס'הייסט? ווי וועל איך איר זאָגן, אָדער בכלל ריידן וועגן דעם, איך וועל דאָך זיין אַ „כאַמע־רייזל".

מיט יאָרן שפּעטער, ווען זי איז שוין געווען אַ מאַמע פון דריי טויט־געבוירענע קינדער, און פאַרנדיק אַמאָל מיט איר אויף איין פור פון אומאַן קיין טעפּליק האָב איך עס איר דערציילט און... זי האָט זיך מיר מודה געווען, אַז אין יענע יאָרן איז זי אויך געווען „איינגעליבט" אין מיר און

מיר האָבן ביידע געלאַכט.

און איידער מיר ענדיקן „באַקענען" אייך מיט אונזערע שכנים, מיט די טעפּליקער חשובע בעלי־הבתים פון שטעטל, פאַרוואָס זאָלט איר אויך ניט קאָנען הערש־לייב פלעשלערס שטוב מיט זיין איינפאָר־הויז וואו עס איז געהאַנגען אַ שיינע וויוועסקע „גאָסטיניצאַ", אָבער קיין געסט זיינען אַהין ניט פאַרפאָרן, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר די 5 מיליאָן... וואַנצן וואָס האָבן זיך דאָרט אָרומגעדרייט פראַנק און פריי און קיינער האָט זיי אַ וואָרט ניט געזאָגט. דעם „איינפאָר־הויז" האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ איד וואָס האָט געהייסן אברהם ראַסאַשניק, אָבער די „מאַרקע" האָט די „גאָסטיניצאַ" געטראָגן פון „הערש־לייב פלעשלערס איינפאָר".

באַלד, דאָרט אין דער זייט, איז געווען ראַצים שיינער „גאַסטראָנאָמי־טשעסקי מאַגאַזין", וואו מען האָט געקראָגן מכל טוב — ספּעציעל אויסלענ־דישע סאַרדינקעס, וועלכע זיינען געגאַנגען באַגלייט מיט אַ... שמייכל פון ראַצים שיינע אויגן. און כאָטש ביי ראַצין, איז געווען „אַן אַפּטייק" — אַזוי טייער האָט זי געלייזט, דאָך איז גרייס און קליין, יונג און אַלט — מער יונג ווי אַלט — געלאָפן צו ראַצין, ווייל די ריינקייט פון איר געשעפט און ראַצי אַליין האָבן געהאַט אַ צוציאונגס־קראַפט.

דאָ, ביי ראַצים קלייט, ביים איינפאָר־הויז, האָט זיך געענדיקט אַ „ראָג", אַן „עסקינאַ" און דערמיט צווישן דעם שכנותדיקן הויז מיט יחיאל פישער, איז שוין געווען אַ „וויליצע" (פאַרגרייזט פונעם וואָרט „אוליצאַ" — גאַס). דורך דער דאָזיקער וויליצע זיינען דורכגעגאַנגען הונדערטער מענטשן אַ טאָג. ווער צום קצבים־געסל, ווער צו דער בראַסלאַווער קלויז, ווער צו די שוחטים און ספּעציעל מיר קינדער — צו די מלמדים, וואָס האָבן דאָרט ניט ווייט געוואוינט.

דאָס דאָזיקע וויליצקעלע איז בכלל געווען פּאָפּולער אין טעפּליק. עס האָט דאָרט געוואוינט בלויז איין אידישע פאַמיליע וואָס האָט פאַרקויפט מילכיקס. מען האָט זי גערופן מרים די מילכדיקע. און עס איז געווען אַ ספּעקטאַקל צו זען ווי ווייבער, קינדער און אפילו טאַטעס, שטייען מיט דער פלאַש און וואַרטן, אַז מען זאָל זיי פאַרקויפן אַ האַלבע „קוואָרט" מילך...

אָט דאָס זיינען געווען אונזערע נאָענטסטע שכנים. אָט די וועלכע, מען קען זאָגן, האָבן געוואוינט אַ טיר נעבן אַ טיר, אָט די, מיט וועלכע מען האָט זיך געטראָפן אַלע טאָג, עטלעכע מאָל אין טאָג און אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. אָט די, מיט וועלכע מען האָט זיך געקאָנט אויסגעבונדן. דאָך... איז מען צו גאַסט איינער צום אַנדערן ניט געגאַנגען, סיידן אויף אַ גרויסער שמחה, ווי אַ חתונה, אָדער חלילה — אויף אַ לויה.

און — אַזוי ווי עס האָבן געהאַנדלט טאַטע־מאַמע, אַזוי האָבן זיך געפירט מיר, די קינדער.

איז ביי ניושקאַ קושניר געווען אַ באַרישניאַ — האָבן מיינע שוועסטער מיט איר אויפן לעבן קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

אַנטקעגן אונז האָט געוואוינט נוטע ווייגמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ האַלב טוץ מיידלעך — איינע בלאַסער פון דער צווייטער — נו, האָבן מיר קינדער זיך דען „געגריסט" און „אָפיציעל" געקאָנט?!

ערשט שפּעטער, ווען איך בין שוין געוואָרן אַ „קאַוואַליער", שוין געקומען פון דער גרויסער שטאָט צו גאַסט אַהיים, אָנגעטון אַ נייעם קאָסטיום מיט שיך וואָס האָבן געהאַט ברייטע „נאָסקעס", און אַ שליאַפּקעלע מיט אַ קנייטש אין דער מיט, און ווען איך בין אַריינגעגאַנגען צו די ווייגמאַנס, טרינקען אַ גאָז „סעלצער־וואַסער מיט סיראָפּ", ערשט דאַן האָב איך „באַמערקט", אַז ווייגמאַן האָט באַרישניעס, און זיי האָבן „באַמערקט" נוסקעס בחור... אָבער — מער ווי „באַמערקן" און אַריינוואַרפן אַ פּאָר „אינטעליגענטנע" ווערטער — איז דאָס ניט געגאַנגען...

אָט אַזוי האָבן אויסגעזען אונזערע טעפּליקער שכנים פון דער „צענטראַלער" גאַס.

איך האָב מורא, אַז מען זאָל מיך ניט חושד זיין אַז איך וויל זיך נאָר „באַרימען" און אויסרימען מיט „מיינע" טעפּליקער „הויפּט־גאַסן" און מיט זייערע חשובע איינוואוינער, און וויל אויסמיידן צו דערציילן, אַז מיר האָבן אויך געהאַט אַ רעכט ביסל פּסולת.

דערפאַר טאַקע, וועל איך אייך איצט אָננעמען ביי דער האַנט, און מיט אייך אַ שפּאַציר טון איבער טעפּליקער הינטערגאַסן, איבער דער יאַטקע־גאַס,

איבער יאַסעלע בעל עגלהס „גאַס" און אַנדערע אַזעלכע. פאַרשטייט זיך, איר וועט זיך דאַרפן גוט צוהאַלטן אַן מיר, אַז איר זאָלט זיך ניט אויסגליטשן און אומפאַלן. איר זאָלט זיך ניט אויסגליטשן און אַראָפּגליטשן פון אַ בערגל מיסט אָדער צועה וואָס איז זיך געלעגן צעלייגט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער גאַס, ביי יעדנס טיר און פענצטער, און עס האָט געוירעט דערפון אַ ריח, אַז מען האָט געמוזט די נאָז צוהאַלטן.

דאָך, דאַרפט איר מיר נאָך זאָגן אַ דאַנק וואָס איך פיר אייך איבער אָט די געסלעך ניט אין אַ רעגנדיקן טאָג, און ניט אַפילו, צוויי־דריי טעג נאָך אַ רעגן. ווען איר גיט דעמאָלט אַ שפּאַן אַריין אין דער הינטערגאַס און איר גייט ניט אַנגעטון קיין פּאָר שטיוול אָדער טיפע קאַלאָשן — וואָלט איר אייער פוס פון דאָרט ניט אַרויסגעשלעפּט.

איינע פון די „הינטערגאַסן" (אַזוי האָבן זיי טאַקע געהייסן) איז געווען דאָס קצבים געסל.

דעם אמתן אמת קאָן איך נאָך איצט ניט באַנעמען מיטן געדאַנק, ווי אַזוי האָבן מענטשן געלעבט אין אָט דעם געסל, וואָס איז געווען פאַרפּעסטעט פון פליגן און פון — אָפּט, אָפּט — זדאָכלע פלייש, וואָס האָט פאַר'עפּושט די גאַס. די אָפענע יאַטקעס מיטן פאַרטרוקנטן בלוט אויף די „קלעצער" וואו מען האָט געהאַקט דאָס פלייש, אויף „טאָפּטשאַנעס" וואו מען האָט געלייגט דאָס פלייש, אויף די ווענט, און בכלל אַרום און אַרום, האָבן צוגעצויגן טויזנ־טער און מיליאָנען פליגן. די ביינער וואָס האָבן זיך געוואַלגערט ביי יעדער יאַטקע, די הינט — גרויסע קודלאַטע הינט, וואָס האָבן זיי געגריזשעט, האָבן געזייט פעסט און שלאָפקייט אַרום זיך.

האָבן אין יאַטקע־געסל געוואוינט מענטשן, דערצויגן קינדער, געפירט קינדער צו דער חופה, און מערקווירדיק, די קצבים בחורים זיינען געווען די שטאַרקסטע טעפּליקער יונגען. פאַר זיי האָבן מען געציטערט און די טעפּלי־קער דאָקטוירים און רופאים האָבן אין קצבים־געסל געהאַט זייער ווייניק „פּאַ־ציענט"ן.

אין קצבים געסל האָבן אַ חוץ קצבים געוואוינט אַנדערע אידן אויך. אָט איז גדליה מלמדס חדר און יאָסל שעסטאָפּאַליעצעס חדר דאָרט געווען, און קיין שום מאַמע איז גאָרניט איינגעפאַלן, ניט צו שיקן דאָס קינד אירס צו יענע מלמדים, ווייל די אַנדערע שטוב פון גדליה מלמדס חדר איז געווען חיים ראובנס יאַטקע.

ביי חיים ראובן קצב איז געשטאָרבן זיין פרוי — שוין אין די עלטערע יאָרן — האָט ער חתונה געהאַט פאַר אַ צווייטער. ווען מען האָט אים גע־

פרעגט: װי אַזױ איז זײן צװײטע פרױ? האָט ער געגעבן אַ זיפץ און געענט־פערט:

— הלואי װאָלט זי געװען די ערשטע פרױ... (דאָס הײסט, װאָלט זי שױן געלעגן אין דער ערד).

נעבן חײם ראובנס יאַטקע איז געשטאַנען יואליק כאַסעס יאַטקע. און דוכט זיך, אַז זײן יאַטקע איז געװען די... שמוציקסטע פון אַלע. די פליגן האָבן דאָרט געהאַט זײער „גענעראַל שטאַב" און פון פלײש האָט זיך געפילט פאַר אַ מײל. נו, איז מען דען צו יואליקן ניט געגאַנגען קױפן קײן פלײש? דער שמוץ אַרום אים, האָט אים ניט געשטערט צו זײן פרנסה, פונקט װי עס האָט אים ניט געשטערט װאָס אױף זײן מאַמע כאַסי פלעגט מען זאָגן, אַז דאָס ערשטע קינד האָט זי געהאַט אין צײט, נאָר... די חתונה האָט פאַרשפּעטיקט אױף עטלעכע חדשים...

עטװאָס רײנער און טאָקע בעסער פלײש אױך, האָט מען געקראָגן בײ זײדלען און בײ מאַשקען אין יאַטקע. ס'איז דאָרט געװען אַ סך רײנער. אָבער — נאָך אַלץ ניט אַזױ רײן װי אין אַ אידישער יאַטקע אין טשאַקאַ און דער פּאַמפּאַ. זײדל און מאַשקע און שלמה באָדנער, האָבן שױן אַ... ראַפּי־נירטע „אינטעליגענטנע" קונדשאַפט (קליענטעלע) פון רײכערע און אַריסטאָ־קראַטישערע װײבער. האָבן טאָקע גענומען טײערער פאַרן פלײש און ניט גע־מאַכט קײן גראָבע װיצן.

אײן קוריאָז פון דעם קצבים געסל און פון דער קצבים פּראָפעסיע קען איך ניט פאַרגעסן און איך פאַרשטײ אים בכלל ניט.

בײ די שניט־קרעמערס אין מאַרק, װאו די בעלי־הבתים זײנען געװען געװעזענע אָדער נאָך איצטיקע קלױז־זיצערס, בײ די באַקאַלײנע קלײטן און בכלל אין די „צענטראַלע" גאַסן, איז די קאָנקורענץ און דער גײעג אױסרײסן אַ קונה פון יענעמס קלײט אָדער פון יענעמס טיר, געװען אַ מוראדיקע. האָט זיך נאָר באַװיזן דער קונה אַזױ האָט מען אים שױן געשלעפּט בײ די פּאָלעס.

דאָ, אין קצבים געסל, זײנען די יאַטקעס געװען אַ טיר נעבן אַ טיר. געװען יאַטקעס װאָס אונטער אײן דאַך זײנען געשטאַנען צװײ אָדער דרײ באַזונדערע בעלי־הבתים, דאָך האָט מען קײן קונים ניט געשלעפּט, ניט גע־רופן די אידענע, „קומט צו מיר", און פונקט פאַרקערט — גאָר געטריבן פון זיך מיט גראָבע װערטער און מיט צװײדײטיקע זנות־װיצן און עס האָט זײ ניט געאַרט אױב אַ „קליענטקע" איז אַװעק צום צװײטן קצב. בכלל איז קײן סטאַבילע „קליענטעלע" ניט געװען, די װײבער האָבן געקױפט דאָרט, װאו זײ האָבן הײנט געטראָפן בעסער פלײש...

דאָס וואוינען אין קצבים־געסל, אָדער זיך שפּילן מיט אַ קצבס אַ קינד, איז פּאַר אונדז, בעלי הבתּישע קינדער ניט געווען אַזאַ גרויסער יחוס, און פון משדך זיין זיך, איז גאָר קיין רעדע ניט געווען... דאָך, איז קיין איין קצבישער בחור אָדער מיידל ניט פאַרזעסן, כאָטש די גרעסטע טייל פון זיי זיינען געווען און געבליבן... „בעזגראַמאָטנע".

די רעוואָלוציע פון 1917 האָט אָבער אויך אַ שיין געטאָן אין קצבישן געסל, און ניט נאָר איז דאָרט שפּעטער געוואָרן אביסל ריינער, נאָר דאָס געסל האָט אויך אַרויסגעגעבן פון זיך אַ פּאָר... קאָמיסאַרן, וועלכע האָבן, — מיט שוועריקייטן אָבער דאָך — זיך אויסגעלערנט... זיך אונטערשרייבן.

אַ חשובער איינוואוינער פון קצבים־געסל איז געווען אַ איד אַ קרומער, מיט צוויי בלעכענע טעצעלעך אויףביידע פיס, אַ באָדנער. גערופן האָט מען אים טאַקע שלמה באָדנער, ווייל אויך זיין פאַמיליע איז אַזוי געווען. ער און זיין עלטער טאַטע משה ראובן, זיינען אַ גאַנץ יאָר געשטאַרבן פאַר הונגער. ווייל, טאַקע, וועלכער טעפּליקער איד וועט עס גיין רופן אַ באָדנער, באַשר בכן, די דיישקע וואַסער רינט? אַז די דיישקע רינט — האָט מען שוין גע־וואוסט, גייט מען אַוועק צו אהרון יאָסל גערשונאָף, מען קויפט פאַר אַ קאָפּקע קיט און מען פאַרקלעפּט דעם לאָך.

איז אָבער געקומען ערב פּסח איז געוואָרן אַ לויפעניש איבער שליאָמע באָדנער אָדער איבער משה ראובן באָדנער. די פּסחדיקע דיישקע קען מען מיט קיין קיט ניט פאַרקלעפּן (קיט איז חמצדיק), דאַרף מען זי „אַרומקלאַפּן", אַרויפלייגן אַ פּאָר נייע רייפן, און אַמאָל אַמאָל, גאָר מאַכן אינגאַנצן אַ נייע דיישקע, ווייל די פאַראַיאָריקע איז פאַרטריקנט געוואָרן. נו, מוז מען שוין אָנקומען צו ר' שליאָמע (אַז מען האָט געדאַרפט דעם באָדנער איז ער געוואָרן אַ „רב" שליאָמע).

אָט טאַקע ר' שליאָמע באָדנער ערב פּסח פאַרדינט אַ „גרידע מיט גאָלד" — אַזוי האָבן טעפּליקער אידן געזאָגט, און עס האָט אים געסטייעט צו פּראַ־ווען אַ שיינעם סדר און ניט דאַרפן אָנקומען נאָך מעות חטים. און פון נאָך שבועות אָן — האָט ער אָנגעהויבן נאָך אַמאָל צו הונגערן און... אָנקומען נאָך קצבה.

טעפּליקער פּרנסות!...

קאַפּיטל זיבן

איך ווער אַ „מענטש״

די גרויסע עפּידעמיע. — פּיגורסקי, דער דאָקטאָר און משה דער רופא קערן וועלטן. — זי גייט ניט אַוועק פון ארון־קודש. — די באָבע שטאַרבט און די מאַמע ווערט קראַנק. — דער טאַטע גייט אַרום אַן אַ קאָפּ. — זיין קוקן אויף אונז,, קינ־דער, רייסט אונז אָפּ דאָס האַרץ. — איך באַשטים צו „ווערן אַ מענטש". — דער פעטער מאָטיע און די מומע שפרה. — זיין „פאַבריקאַציע" מיטן בלינדן פערד. — דער מומעס מסחר. — זיינע מעשהלעך וועגן אליהו הנביא. — דער אַרענדאַר מיטן געפונענעם בריליאַנט. — עס ווערט אומרואיק אין טעפּליק. — די „פּליטים" וואָס קומען זיך באַהאַלטן. — אַן אומאַניער פאַמיליע באַהאַלט זיך ביי אונז. — מען שאַפט אַן „אָפּכאָד" און „סאַמאָאָבאָראָנאַ". — דאָס „געווער" זיך צו פאַר־טיידיקן: צוויי רעוואָלווערן און... דאָס שרייען „גוואַלד". — טעפּליק באַגייט זיך אַן אַ פּאָגראָם. — איך באַשטים ערנסט ווערן אַ מענטש

פונקט ווי איך האָב פיינט געהאַט ווען דער טאַטע אָדער די מאַמע האָבן זיך באַקלאָגט, אַז „ביי לייט״ אַ קינד, איז אַ חיות צו קוקן, נאָר זייער קינד, איז אַ גאָרנישט מיט גאָרנישט און וואַקסט אַ „פּוסטעפּאַסניק״ — אַזוי און אפשר נאָך מער האָב איך פיינט געהאַט ווען מען האָט מיך געפרעגט:

— ווען ווערסטו שוין אַ מענטש?

ווי קליין איך בין געווען, האָב איך פאַרשטאַנען אַז „ווערן אַ מענטש״ איז ניט קיין איבעריק געשמאַקע זאַך פאַר אַ קינד. ווען מען „ווערט אַ מענטש״, קאָן מען זיך שוין ניט אויסטון באָרוועס און נאַקעט און לויפן איבער דער גאַס אין איין העמד, זיך פאַרוועטן מיט יודקען ווער וועט גיכער צוקומען צום סטאַן אָדער צו דער „תפלה״ (קלויסטער); ווען מען „ווערט אַ מענטש״, קאָן מען זיך שוין ניט נאָכהענגען נאָך אַ גויאישן וואָגן אָדער אונטער די קינסקעס פייטאָנען וואָס פאָרן צום וואָקזאַל, מען טאָר אפילו זיך ניט גליטשן אום שבת אויפן טייך, און דער עיקר — מען טאָר ניט אָפּנאַרן טאַטע־מאַמע און דעם רבין און מען דאַרף ווערן אַ סטאַטעק.

איך בין אַלט געווען אַ יאָר זיבן, ווען מען האָט ביי מיר אָנגעהויבן פאַר־דערן אַז איך זאָל „ווערן אַ מענטש". און ווער ווייסט, צי איך וואָלט זיך גע־ווען אונטערגעגעבן און געוואָרן אַ „מענטש", ווען ניט עטלעכע זייטיקע זאַכן וואָס האָבן געווירקט, אַז איך אַליין זאָל ווילן... „ווערן אַ מענטש".

דעם ערשטן שטויס צו מיין „ווערן אַ מענטש", האָט מיר געגעבן די גרויסע עפּידעמיע פון טיפוס וואָס האָט אַרומגענומען גרויס און קליין און האָט „געקאָסעט" ווי מיט אַ מעסער. עס זיינען געלעגן מענער און פרויען, אַלט און יונג. ביי אונדז אין שטוב אַליין, האָבן מיר געהאַט צוויי שלאָפע. די באָבע חנה — דער מאַמעס מוטער, און די עלטערע שוועסטער מיינע, מרים שרה — זי איז שוין דאַן געווען אַ מאַמע פון אַ קינד.

דער טאַטע האָט ניט געדוט. ער האָט ניט געקוקט צי ער האָט, צי ער האָט ניט — אַלע טאָג און צוויי מאָל אין טאָג, האָבן מיר געהאַט אין שטוב דעם דאָקטאָר פּיגורסקי און משה רופא.

די מאַמע, אָבער, האָט אויך ניט געדוט. זי האָט אָנגענומען אירע מיט־לען. דאָס ערשטע איז זי אַוועק — גלייך מיט אַנדערע צענדליקער ווייבער — און האָט „געמאָסטן דעם בית עולם". און אַזוי ווי מיך ווי מיין צווייטע שוועסטער פרומע האָט מען אין שטוב ניט אַריינגעלאָזט — מיר האָבן גע־געסן און גענעכטיקט ביים פעטער מאָטיע און מומע שפרה, און פון חדר זיי־ען מיר דעמאָלט אויך געווען פריי — ווייל די רביצין איז אויך געלעגן אויף „טיף" — האָב איך ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט און בין געגאַנגען מיט מיין מאַמען „מעסטן די קברים"...

וויפל איך וועל לעבן וועט מיר שטיין דאָס בילד פאַר די אויגן, ווי מע־נער און ווייבער, דרייען זיך אַרום אַרום בית עולם עטלעכע מאָל — און דער טעפּליקער בית עולם איז געווען גענוג גרויס — דערנאָך פאַלט מען צו צו אַן אייגענעם קבר, און ווער עס האָט ניט קיין אייגענעם אויפן בית עולם — וויינט ביים רבינס קבר, און די יללות קענען שפּאַלטן דעם הימל. וואו די מאַמע און אַלע מאַמעס האָבן דעמאָלט גענומען כוחות אַזויפיל צו וויינען — ווייס איך עד היום ניט. ווייזט אויס, אַז צרות גיבן כוחות אויף אַלעמען.

פון בית עולם איז מען ערשט אַוועק אין דער גרויסער שיל, מען איז צו צום ארון קודש און מען האָט אַוועקגעלייגט אַ מענה לשון, דאָס גאָט וואָלט געדאַרפט זיין גאָר גאָר אַ טויבער, ער זאָל ניט דערהערן. די מאַמעס — ביי

ווען קינדער זיינען געלעגן אויף „טיף" האבן געהאלטן אין איין טענהן:
— נעם מיך!

און די מאמע מיינע, האט זיך טאקע אוועקגעשטעלט ביים ארון קודש צוגעהאלטן מיט ביידע הענט די טירלעך און מיט א קול תחנונים, וואס האט געקאנט דערוועקן רחמנות ביים גרעסטן גזלן, האט זי אריינגערעדט אהין:

„גאטעניו! איך גיי ניט אוועק פון דאנען ביז דו וועסט מיר נישט צוזאגן, אז דו נעמסט צו דעם מלאך המות פון מיין שטוב. האב איך דיר קארג קרבנות שוין געבראכט, איז דען ניט פארזייט דער בית עולם מיט מיין בלוט און פלייש, וועלכע דו האסט אוועקגעריסן ביי מיר? דעמאלט — האב איך צו דיר קיין טענה ניט געהאט. ווי שרייבן די הייליקע ספרים: דו האסט געגעבן און דו האסט צוריק צוגענומען. איצט אבער, וועל איך ניט לאזן. זאל דער מלאך המות טון טין איבערשפרינגען מיין שטוב ווי ער האט געטון טין איבערשפרינגען אין מצרים ווען דו האסט געוואלט. לאז מיר איבער מיין אלטע מאמע און נאך מער — לאז מיר איבער מיין טאכטער! האב רחמנות אויף איר נפשל וואס זי זויגט, האב רחמנות אויף אירע יונגע יאר. האב רחמנות אויף איר מאן און האב טאקע רחמנות אויף מיר אויך"...

אט די גאנצע דרשה מיין מאמעס, האב איך געדענקט א סך א סך יארן און געדענק זי נאך איצט ווארט אין ווארט.

פון שיל איז די מאמע אוועק אן אן ענטפער, אבער א לייכטערקייט האט זי טאקע געפילט. דאס הארץ האט איר געזאגט, אז זי האט עפעס געפועלט. און געפועלט האט זי טאקע — אבער בלויז א העלפט. די באבע איז אין עטלעכע טעג ארום געשטארבן, אבער די שוועסטער האט שוין געהאט איבערגעקומען דעם „קריזיס" און ארויס פון געפאר. דאס איז אפשר געווען דער מאטיוו וואס די מאמע האט אזוי ווייניק געוויינט ביי דער באבעס לויה. זי האט געמאכט אן „אפמאך מיטן רבונו של עולם" — האט זי געמוזט ארויסווייזן, אז זי האט צו אים קיין טענות ניט. קומענדיק פון בית עולם איז אבער די מאמע א צעבראכענע — פארט באגראבן א מוטער. און אפשר האט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי איז שולדיק אין איר מוטערס טויט. אז זי האט עס געפועלט ביי גאט, אז אויב א קרבן זאל ער נעמען איר מוטער... אזוי אדער אזוי, פון נאך דער באבעס טויט האט די מאמע אנגעהויבן אײנדארן און איינדארן, און איז מער געליגן אין בעט ווי ארומגעגאנגען.

דער טאטע ווידער, איז ארומגעגאנגען אן א קאפ. ער האט ניט געקאנט רואיק אוועקפארן אויף א יאריד, אדער פארן קיין אומאן וואוהין ער פלעגט פריער זיך אראפכאפן צוליב מסחרים. ער פלעגט ארויסגיין פון דער מאמעס

אַלקיר מיט נאַסע אויגן, און ווען ער פּלעגט מיט די אויגן אַ קוק טאָן אויף אונז — פּלעגט זיך אונז אָפּרייסן דאָס האַרץ. מיר האָבן אויף אים גוואַלדיק רחמנות געהאַט. און כּדי מיר זאָלן ניט ליידן קיין הונגער און כּדי די מאַמע זאָל ניט דאַרפֿן קאָכן פֿאַר אונז, האָט מען אונז — מיך מיט מיין שוועסטער פֿרומע ווידער געשיקט עסן צום פֿעטער מאָטיע.

דער פֿעטער מאָטיע — דער מאַמעס איינציקער ברודער און קרוב אין טעפּליק, איז געזעסן טאַקע אין אונזער גאַס, נאָר אַביסעלע העכער, ניט ווייט פֿון נח מאָזעס. ווען דער פֿעטער מאָטיע זאָל געוועזן לעבן דאָ, אין אַמעריקע, וואָלט מען אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ... „פֿאַבריקאַנט פֿון גרויפּן״. דאָרט, אין טעפּליק, האָט ער ביי זיך אין „סאַראַי״ אוועקגעשטעלט אַזאַ „מיל״, צוויי גרויסע קיילעכדיקע שטיינער, די דאָזיקע „מיל״ איז מיט אַ פּאַס געוועזן פֿאַרבונדן מיט אַ גרויסער הילצערנער ראָד, און אין דער ראָד האָט זיך געדרייט אַ... בלינד פֿערד. ווען דאָס פֿערד איז געגאַנגען, האָט עס, דורכן פּאַס, געשלעפּט דעם אויבערשטן שטיין און אַזוי אַרום געמאָלן די רעטשקע. — דער „פֿאַבריקאַנט״ האָט אין טעפּליק געהייסן:

— „רעטשניק״.

פּלעגט דער פֿעטער מאָטיע אַרבעטן פֿופֿצן־זעכצן שעה אַ טאָג (דאָס פֿערד האָט געאַרבעט אַ סך ווייניקער), פּלעגט מאָלן אַלערליי גרויפּן און הירזש, סאָרטירן גרעסערע און דינערע און גאָר־גאָר דין רעטשן־מעל. וואָס מען האָט גענומען אויף לאַטקעס, און נאָך דינער — שוין געווען גאָר־גאָר „פֿינע״ סחורה וואָס האָט געהייסן „געבייטלט מעל״. די לאַטקעס פֿונעם געבייטלטן מעל האָבן טאַקע געהאַט אַלע טעמים.

פֿון אָט די זעכצן שעה אַרבעט, — און כּמעט קיין דירה געלט האָט מען ניט געדאַרפֿט צאָלן — און דאָס בלינדע פֿערד האָט אויך געגעסן אַ קרענק — דאָס אָפּפֿאַלעכץ פֿון דער רעטשקע, פֿון קיין האָבער האָט עס קיין אָנונג אַפֿילו ניט געהאַט. דאָך האָט דעם פֿעטער ניט געסטייעט אויסצוהאַלטן זיין הויזגעזינד וואָס איז באַשטאַנען אפשר פֿון צען קינדער, איינס קלענער פֿון דעם צווייטן, און די מומע שפרה האָט צוגעהאָלפֿן צום „מסחר״. זי איז געזעסן מיט אַ שטעל אין מאַרק און פֿאַרקויפֿט גרויפּן. געזעסן איז זי נעבן נאָך... דריי ווייבער וואָס האָבן אויך פֿאַרקויפֿט רעטשענע גרויפּן און רעטשן־מעל. און ניט איינמאָל, ווען איך בין שוין „געוואָרן אַ מענטש״ און שוין אַפֿילו איבערגעשפּאַנט די צוואַנציקער און אַפֿילו די דרייסיקער, און ווען איך פּלעג זיך דערמאָנען אין יענע „סוחרטעס״, פּלעג איך אַ שמייכל טאָן, ווייל די אַנדערע דריי ווייבער האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע „פֿאַבריקאַציע״ פֿון

גרויפּן און איינגעקויפט די סחורהביים פעטער מאַטיען, און דאָך האָט עס זיי ניט געשטערט וואָס די „פאַבריקאַנטקע" אַליין, זיצט אויך און פּאַרקויפט — אויפן איינצל־פאַרקויף — די זעלבע גרויפּן... און מאַכט זיי „קאָנקור־רענץ"...

ווינטער זיינען אָט די ווייבער געזעסן מיט אַ „פייער טאָפּ" ביי די פיס, און מיט די הענט, אויף וועלכע מען איז געגאַנגען הענטשקעס אָן „פינגער", האָט מען געשטריקט זאָקן פאַר די קינדער.

דעם פעטערס קינדער, מיינע שוועסטערקינדער, האָבן כמעט אַלע געאַרבעט, מיטגעהאָלפן דעם טאַטן, אָדער געפאָרן אויפן יאַריד קויפן רעטשקע. די „מיידן" האָבן געקאָכט מיטיק און געצוואָגן די קליינע קינדער, און דאָך איז דער פעטער מאַטיע מיט זיין „פאַבריקאַציע" מיט דער מומע שפרהם סוחרעווען אין מאַרק, געווען אָן עני ואביון, אַ דלות און קבצן. פאַרוואָס? פאַרשטיי איך ביז היינט צו טאָג ניט. ער האָט דאָך געאַרבעט אַזוי שווער.

דערפאַר אָבער איז ער געווען גאָר־גאָר אַ פרומער איד. אַ באַשיידענער מענטש. און מעשהלעך האָט ער געהאַט צו דערציילן אָן אַ שיעור. און אויב איך בין געלאָפן צו אים עסן אָנבייסן אָדער וועטשערע, איז, ווייל נאָכן עסן האָט ער דערציילט אַ מעשה פון בעל שם טוב אָדער פון טאַלנער רבין אָדער גאָר פון אליהו הנביא וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אורח און איז אוועק אין דאָרף צום רייכן קרעטשמער און אים געבעטן ער זאָל אים לאָזן זיין ביי אים אויף שבת. דער רייכער קרעטשמער טרייבט אים אַרויס, גייט ער אוועק צום אָרעמען קרעטשמער, וועלכער איז דעם רייכנס אַ ברודער, און יענער נעמט אים אַריין, גיט אים אוועק דאָס לעצטע שטיקל חלה און בעט אים אויס זיין בעט און אַליין גייט דער קרעטשמאַר מיט דער קרעטשמאַרקע שלאָפן אויפן אויוון. און אַזוי איז געווען מיט דער שבתדיקער סעודה. אויף דער נאַכט, נאָך הבדלה, גייט דער אורח אוועק און ווינטשט זיי, אַז וואָס זיי זאָלן מאָרגן ניט קויפן, זאָלן זיי האָבן מזל ברכה.

מאָרגן, זונטיק, איז אַ מאַרק־טאָג אין שטעטל, קומט אַריין צו איר יאָוו־דאָכע די קרומע, אַ שכנה זייערע און זאָגט זיי:

אַזוי ווי זי וויל פאָרן אויפן מאַרק־טאָג פאַרקויפן אַ האָן, נאָר אַזוי ווי איין פערד איז קראַנק געוואָרן, אפשר וויל די קרעטשמאַרקע קויפן דעם האָן.

די אָרענדאַרקע האָט אָבער קיין געלט ניט איצט. זאָגט איר יאָוודאָכע:

— ניטשעוואָ! וועסט מיר „מיצעשעם" (איה"ש) שפּעטער באַצאָלן. לאָזט איבער דעם האָן און גייט אוועק.

דאַרף זיך מאַכן, אַז פונקט פאָרט דורך אַן אורח, אַ שוחט, וואָס פאָרט

אין צווייטן דאַרף מוהלן אַ קינד (די אַרענדאַרקע ווייסט ניט, אַז דער שוחט איז... אליהו הנביא), בעט דער שוחט מען זאָל פאַר אים אָפּקאָכן אַ יאָכל, ווייל ער איז ניט מיט אַלעמען. און אַזוי ווי עס איז טאַקע פאַראַן אַ האָן — גיט אים די אַרענדאַרקע דעם האָן, ער קוילעט אים כדת וכדין און גיט אים איבער דער בעל הביתטע. יענע נעמט זיך אים אָפּפּליקן, אויפּעפּענען דעם בויך, צעשניידן אויף „פּערטלעך" און אים זאַלצן און איינווייקן, ווי דער דין איז. אַז זי גיט אַ קוק און ווערט סטופּעניעט. אין בויך פון האָן ליגט אַ... בריליאַנט ווי אַן איי די גרויס. זי וויל אַריינלויפן ווייזן דעם שוחט וואָס זי האָט געפונען, אָבער ווער מיר שוחט, וואָס מיר שוחט. שוין קיינער ניטאָ... האָט זי שוין פאַרשטאַנען ווער דער נעכטיקער אורח איז געווען און ווער דער שוחט איז געווען און

זיי ווערן גבירים אדירים.

וויפל מאָל, מיינט איר, האָט ער דערציילט אָט דאָס מעשהלע? אַ מאָל הונדערט. דאָך איז דאָס מיר קיינמאָל ניט נמאס געוואָרן צו הערן און איך וואָלט אַלע טאָג געלאָפן צום פעטער מאָטיע הערן אַ מעשהלע. האָט ער אָבער געהאַט אַ „מיאוסע" טבע, ער פלעגט אויך האָבן אַ טבע צו זאָגן מוסר, אַז אַזאַ בחורל ווי איך, דאַרף שוין... ווערן אַ מענטש. אַז ער, אין מיינע יאָרן, האָט שוין געקאָנט... פּסקנען שאלות (איך האָב אים ניט שטאַרק געגלויבט, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער באַרימער), נאָר אַז איך דאַרף ווערן אַ מענטש, האָב איך שוין אויך אָנגעהויבן פאַרשטיין אין... מיין טאַטנס אָפּט נאָסע אויגן. עפּעס האָט מיר דאָס האַרץ אָנגעהויבן זאָגן, אַז

איך דאַרף שוין ווערן אַ מענטש.

אָבער, דוכט מיר, אַז אַ צווייטע זאַך האָט מיך געשטויסן אָנהויבן „ווערן אַ מענטש".

מיר האָבן דעמאָלט געהאַט דאָס באַרימטע 1905־טע יאָר. ס'איז דעמאָלט פאָרגעקומען די יאַפּאַניש־רוסישע מלחמה. פאָני גנב האָט געכאַפּט קלעפּ און האָט געזוכט מיט עפּעס איינשטילן דאָס פאָלק און זיי פאַרגיטיקן פאַר די גרויסע מפּלות וואָס דאָס רוסישע מיליטער האָט געליטן.

צווישן יאָ און ניין, איז אַרויס די געשיכטע מיט דער קאָנסטיטוציע וואָס ער האָט געגעבן דעם פאָלק און וואָס ער האָט צוריקגעצויגן. אַ שטראָם מיט פּאָגראָמען האָט זיך אַ לאָז געטון איבער אידישע שטעט און שטעטלעך.

מיר, זיבן־יאָריקע קינדער, זיינען פון אָט די פּאָגראָמען געוואויר געוואָרן דורך עטלעכע וועגן. ערשטנס, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קיין טעפּליק אַ סך אידישע פאַמיליעס פון די גרויסע שטעט — ספּעציעל פון אומאַן, וואו מ׳ען

האָט זיך געריכט אויף אַ גרויסן פּאָגראָם. דאָס קליינע שטעטעלע טעפּליק, איז געוואָרן פול מיט אָט די פּאַמיליעס — מיר האָבן דעמאָלט ניט געוואוסט, אַז אַזעלכע „פּאַמיליעס" וועלן אין פערציק יאָר אַרום באַקומען אַ ספּעציעלן נאָמען — פּליטים!

אין אונזער שטוב איז דעמאָלט אָנגעקומען אַזאַ פּאַמיליע פון אומאַן. עס האָט געוואוינט ביי אונז, אין אונטערשטן שטאָק — ער איז נאָך געווען וואוינבאַר — נחמן קניאַזשאַנסקי און זיין ווייב צפּורה און זייער זון משהלע. איז צו נחמנען געקומען זיך „באַהאַלטן" זיין ברודער פון אומאַן, אברהם קניאַזשאַנסקי און זיין פרוי שרה. געבראַכט האָבן זיי אויך אַ קליין מיידעלע — אין מיינע יאָרן — מיט שוואַרצע געקרייזלטע צעפּעלעך, און אַ שטיפערקע גלייך מיט מיר. ביים ברודער זיינען זיי געווען אַ פּאָר וואָכן און קיין גרויסן שלום מיטן מיידעלע האָב איך ניט געהאַלטן. ווער האָט אָבער דעמאָלט געקאָנט זאָגן, אַז אָט דאָס גרויסשטעטלדיק מיידעלע מיט די שוואַרצע צעפּעלעך וועט עס שפּעטער מיט 14 יאָר ווערן... מיין פרוי, די מאַמע פון מיינע דריי קינדער, און די באַגלייטערן מיינע אין דעם שווערן וועג וואָס הייסט:

— לעבן!

אומקערנדיק זיך אויף צוריק.

דאָס אָנקומען פון אָט די „פּליטים" האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אין שטעטל און דאָס ערשטע וואָס מען האָט באַשטימט איז געווען שאַפן אַן „אָפּכאָד".

אַן אָפּכאָד האָט געהייסן אָט וואָס:

מען קלויבט אויס אַ גרויסע צאָל בעלי־הבתים, וועלכע טיילן זיך איין אין עטלעכע גרופּעס, און זייער אַרבעט איז, אַרומגיין אַ גאַנצע נאַכט, מיט שטעקנס אין די הענט, אַרומגיין איבער די פאַרשידענע גאַסן און ספּעציעל זיין דאָרט, דורך וואַנען עס קאָנען אָנקומען די כוליגאַנעס, און ווען מען וועט דערזען אָנקומען, אין מיטן נאַכט, פרעמדע גויים, דאַרפן זיי אָנהויבן...

— שרייען גוואַלד!

נו, קיין גרויסע הילף איז דאָס טאַקע ניט, אָבער דער שכל איז געווען, אַז דערהערנדיק די גוואַלדן, וועלן זיך אויפכאַפּן אַלע אידן, און... אַלע וועלן שרייען. דעמאָלט, אין יענע צייטן, האָט מען נאָך פאַר שרייען מורא געהאַט. אַלנפאַלס, האָבן כוליגאַנעס נאָך געהאַט אַ שטיקל „דרך ארץ" פאַר שרייען...

און ווען עס איז געקומען דעם טאַטנס אָטשערעד צו גיין אויפן אָפּכאָד, האָב איך אים שטאַרק מקנא געווען וואָס ער איז שוין אַ מענטש און מען איז

אים שוין מצרף צום „אָפּכאַד“. און איך קאָן נאָך ניט גיין מיטן טאַטן, ווייל...
איך בין נאָך ניט קיין מענטש. און

— איך האָב באַשטימט „ווערן אַ מענטש“.

אַ חוץ דעם אָפּכאַד פון די עלטערע אידן, האָט זיך אין טעפּליק אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון יונגערע מענטשן אַלס „סאַמאָאָבראָראָנאַ“ (זעלבסטשוץ). די דאָזיקע חברה זיינען געווען אַ פּאָר הונדערט שטיק און זיינען געווען באַוואָפנט מיט... מעסערס, שטיקער אייזן און עס איז אַפילו געווען צוויי רעוואָלווערן, צו וועלכע מען האָט ניט געקענט קריגן קיין „פּוליעס“ (קוילן) און ווען מען האָט שוין געקראָגן צוגעשיקט פון אומאַן 20 קוילן, האָט מען ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פּרואוון די רעוואָלווערן און די קוילן. עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ וואו אויסצושיסן, כדי ניט צו רופן די אויפמערקזאַמקייט פון פּריסטאַוו אָדער אוריאַדניק. דאָך, איז די סאַמאָאָבאָראָנאַ ארומגעגאַנגען מיטביידע רעוואָלווערן און זיך פאַרלאָזט אויף זיי אַ סך מער ווי אַמעריקע אויף דער אַטאָמישער באָמבע.

דער סוף איז געוואָרן, אַז ניט די סאַמאָאָבאָראָנאַ האָט געדאַרפט אויסנוצן איר „געווער“, ניט דער אָפּכאַד זיין כוח אין... שרייען גוואַלד. די כוליגאַנעס זיינען, ווייזט אויס, געוואוירע געוואָרן פון די היימישע כוליגאַנעס, אַז די אידן וואַרטן אויף זיי — האָבן זיי טעפּליק אויסגעמיטן און טעפּליק איז אָפּגעקומען אָן אַ פּאָגראָם.

קאַפּיטל אַכט

ווי אַזוי ווערט מען אַ „מענטש"?

צו אַכט יאָר הויב איך שוין אָן זאָרגן. — ווי אַזוי ווערט מען אַ מענטש? גדליה מלמדס קאָנצעפּט וועגן מענטש. — די מאַמע וויינט. — די שוועסטער האָט דעם „לייכטסטן וועג" צו ווערן אַ מענטש. — דער טאַטע וויל גאָר אַן אַנדער „מענטש". — מיר פאָרן שבת אויף אַ לאָדקע אין „וואַזשנע" און נצול געוואָרן פון דערטרונקען צו ווערן. — מען וויל מיך אָפּגעבן פאַר אַ „פּאַלגע". — אַ טעאַטער־שפּיל וואָס ציט זיך דורות. — מיין ברודער העלפט מיר „ווערן אַ מענטש". — איך לערן רוסיש. — זעמא טאָפּט, דער סטודענט, מיין רוסישער לערער. — „אימעניטעלני, קטאָ־טשטאָ". — איך מוז קאָנען גראַמאַטיק, כדי צו קאָנען ריידן מיטן גובערנאַטאָר. — די מורא פאַר „פּאַשאָל וואָן — זשיד פּאַר־כאַטי". — איך לערן ביי זאַגרייען. — „שכר טרחה" אָדער „כאַבאַר"? — איך ווער אַ יתום, און דאָס טרייבט מיך צו ווערן אַ „מענטש".

איך בין אין עטלעכע חדשים עלטער געוואָרן מיט... עטלעכע יאָר. מיר דוכט זיך איצט, אַז דעמאָלט האָט זיך די עלטער אָנגערוקט אויף מיר צו שנעל. ווערליק אַ קינד פון זיבן־אַכט יאָר, האָב איך אָנגעהויבן צופיל צו פאַרשטיין דאָס לעבן. ספּעציעל דאָס אידישע לעבן. איך האָב טאַקע געזען, אַז מען דאַרף ווערן אַ מענטש. אויב איך האָב מיטאָמאָל ניט געקאָנט ווערן אַ גרויסער" — האָב איך לפּחות שטאַרק געוואָלט „ווערן אַ מענטש".

אָבער וואָס הייסט ווערן אַ מענטש? ווי אַזוי ווערט מען אַ מענטש? וואָס דאַרף מען טאָן צו ווערן אַ מענטש? און וועמען פרעגט מען ווי אַזוי מען ווערט אַ מענטש?

אָנגעהויבן פרעגן האָב איך מיין אַלטן, וואוילן רבין צו וועמען איך האָב געהאַט צוטרוי: גדליה מלמד.

אַזוי, פּשוט אָן קונצן, בין איך איינמאָל געבליבן דער לעצטער אין חדר, און בלייבנדיק מיטן רבין פּנים אל פּנים, האָב איך אים געשטעלט די קלאָץ־קשיה:

— רבי, ווי אַזוי „ווערט מען אַ מענטש"?

דער רבי האָט דאָס ערשטע ניט פאַרשטאַנען אַזוי עקזאַקט וואָס איך מיין דערמיט, און ווען איך האָב אים דערציילט ווי אַזוי דער טאַטע און אַנדערע

בני־בית, פרעגן מיך אָפּט: ווען וועל איך שוין... „ווערן אַ מענטש"? — וויל איך זיי ווייזן, אַז איך בין געוואָרן אַ מענטש.

דער רבי האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, מיך אַוועקגעשטעלט נעבן זיך, און פאַר מיר געהאַלטן אַ דרשה וואָס הייסט ווערן אַ מענטש, און ווי אַזוי מען ווערט אַ מענטש.

דאָס ערשטע וואָס מ'דאַרף טאָן כדי צו ווערן אַ מענטש, איז — פאָלגן טאַטע־מאַמע. האָט מיר דער רבי געגעבן די ערשטע „באַגריפן" פון מענטש. און פאָלגן טאַטע־מאַמע, הייסט, — ניט בלויז לויפן ווען „מען שיקט אַ גאַנג", נאָר מען דאַרף עסן וואָס מען גיט מען טאָר ניט וויינען אַז מען וויל „עפּעס אַנדערש" אויף „איבערבייסן", מען טאָר אין שטוב ניט שרייען, ניט זינגען, ניט טאַנצן און ניט קאָמאַנדעווען. מען דאַרף זיין שטיל און ווען מען דאַוונט — דאַרף מען עס טאָן בלחש־שטיל...

אָבער, דערמיט „ווערט מען נאָך ניט קיין מענטש". מען מוז אויך זיין „צו גאָט און צו לייט". און אויף צו זיין צו גאָט — דאַרף מען גוט לערנען. מען דאַרף גוט קאָנען די פּרשה פון דער וואָך, חומש מיט רש"י, מען דאַרף ניט „איבערהיפּן" דאָס דאַווענען, און מען דאַרף דאַווענען מיט „כונה" (קאַוואָנע). מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן זיך וואַשן פאַרן עסן און בענטשן נאָכן עסן.

וואָס איז שייך: — צו „לייט" — דאַרף מען ניט שפּילן אין „מיאַטש" (פּעלאָטאַ) אויף דער גאַס און ניט אויסזעצן אַ פענצטער ביי יחיאל פישער — ווי איך האָב עס געטאָן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, מען טאָר זיך ניט נאָכקרימען שלמהלע ביק ווי ער דאַוונט און שאָקלט זיך און מאַכט מיט די ליפּן אַזוי שנעל, אַז מיט קיין מאַשין וואָלט מען עס ניט געקאָנט נאָכמאַכן.

איך בין געווען דער איינציקער וואָס פלעגט אים נאָכמאַכן אַזוי פּינקט־לעך, אַז איבערן שטעטל איז מען געוואויר געוואָרן, מען פלעגט מיך אָפּשטעלן און בעטן איך זאָל נאָכמאַכן שלמהלען דאַווענען. און אַז איך פלעג עס מאַכן — פלעגט מען זיך „קאַטשען אויף די זייטן". דער רבי גדליה מלמד, האָט מיך איינמאָל אין חדר אויסגעמוסרט פאַרוואָס איך קרים זיך נאָך יענעם ווי אַ מאַלפּע און בשעת מעשה האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים ווייזן ווי אַזוי איך מאַך עס. ווען איך האָב זיך געגעבן אַ פאַררוק ווי שלמהלע ביק און האָב אָנגעהויבן מאַכן מיט די ליפּן, האָט דער רבי זיך אַזוי צעלאַכט, אַז ער האָט זיך אָזש פאַרהוסט און מען האָט אים געמוזט דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער.

איצט, צווישן די „עשרת הדברות" פון ווערן אַ מענטש, האָט מיר דער רבי אַריינגעגעבן אין נדן אַז... מען טאָר זיך ניט נאָכקרימען שלמהלע ביק. דאָס איז דערווייל געווען דער גרעסטער „קרבן", וואָס איך האָב געבראַכט

אויפן מזבח פון „ווערן אַ מענטש״, אָבער, ניט דאָס אַליין הייסט זיין „צו לייט״ — ווען מ׳וויל ווערן אַ מענטש. „אַ לייט״ דאַרף אויך — אַזוי האָט מיר דער רבי אויפגעקלערט, „פּאַלגן אַ גאַנג״, גיין קוילען אַן עוף ווען עמע־צער בעט דיר, ספּעציעל ווען דאָס בעט אַן עלטערע פרוי וואָס קאָן ניט „אַי־בערלאָזן די שטוב אויף הפקר״ און אוועקגיין צום שוחט. מען דאַרף ניט אַרומלויפן און זיך שפּילן אין „פערדלעך״ און איבערן וועג איבערקערן די „שטעלעכלעך״ וואו די גויעס זיינען געזעסן אויף דער ערד און אויסגעלייגט זייער צענדליק עפּל אָדער בארנעס. און אַז די קופּקעלעך עפּל צעשיטן זיך אַזוי „אומוויליקערהייט״, טאָר מען ניט כאַפּן אַן עפּל אָדער צוויי און אַנט־לויפן...

דאָס אַלץ און נאָך אַזעלכע „מצוות״ זיינען ביים רבין גדליה מלמד פאַר־צייכנט אין „קאַדעקס״ פון „ווערן אַ מענטש״.

איך האָב אויך אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם רבין. אים אַפילו צוגע־זאָגט, אַז איך וועל זען, איה״ש, אַלץ מקיים צו זיין. ביי זיך אַליין האָב איך אויך באַשטימט טאָן אַלץ וואָס דער רבי הייסט, כאָטש עס האָט מיך ניט באַ־פרידיקט איינגאַנצן אָט די אָנווייזונגען פון ווערן אַ מענטש, און איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַנדערע עצה־געבער און וועגווייזער ווי אַזוי צו ווערן אַ מענטש.

און אַ שבת ביינאַג, דער טאַטע איז אוועקגעגאַנגען אין שיל אַריין צו שלש סעודות, און כאָטש איך פלעג שטענדיק גיין מיט אים, אַריינכאַפּן אַ שטיקל פיש און זינגען מיטן כאָר „צור משלו, משלו אכלנו״ — היינטיקן שבת אָבער בין איך געבליבן מיט דער מאַמען, וועלכע איז געלעגן אין בעט. איך בין שטילערהייט צוגעגאַנגען צו איר, זיך איינגעניאָרעט אין איר ווי נאָר אַ קינד קאָן, און זי שטיל אַ פרעג געטאָן:

— מאַמע, ווי אַזוי ווערט מען אַ מענטש? איך וויל וואָס שנעלער ווערן אַ מענטש!

וואָס האָט מיר די מאַמע געענטפערט? וואָס פאַר אַן עצה האָט זי מיר געגעבן? — עס האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ שטראָם טרערן פון אירע אויגן און זיי האָבן מיר נאָס געמאַכט דאָס אַכט־יאָריק קעפּעלע. אָט דאָס איז געווען דער איינציקער ענטפער. מיט די ליפּן האָט זי שטיל געשעפּטשעט, כאָטש אַזוי, אַ גאַנצן טאָג האָט זי גערעדט העכער, און יענעם שבת האָט זי אַפילו צוגעגרייט דעם טשאָלנט. פון איר שעפּטשען מיט די ליפּן האָב איך בלויז געהערט אָט די ווערטער:

— קדיש מיינער!...

יאָ, דער מאַמעס וויינען איבער מיין קאָפּ, און איר אָנרופן מיך „קדיש

מיינער" האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט מיין ווילן צו „ווערן אַ מענטש", אָבער, ווען מען פרעגט מען פאַרט אַ עצה, און ביי ווער זוכט מען פאַרט אַ וועג צו ווערן אַ מענטש. ..

איך האָב געפּרוּווט אַ פרעג־טאָן מיין עלטערע שוועסטער, מיין מרים שרה. כאָטש זי איז נאָך געווען אַ יונגע פרוי, אָבער די דאגות פּרנסה פון איר מאַן, וואָס האָט ניט פאַרדינט אַפילו אויף טוטין פאַר זיך, און דער מאַמעס שלאַפקייט האָט איר אַלט געמאַכט פאַר דער צייט און זי האָט שוין אויס־געזען ווי אַן עלטערע פרוי. נו, אינמיטן דערינען, פּלאָנטער איך זיך איר אריין מיט אַ קלאָץ־קשיה:

— מרים שרה, ווי אַזוי ווערט מען אַ מענטש?

איר ענטפער איז געווען אַ קורצער און אַ שאַרפער:

— גיי אין דר׳ערד אריין...

איך בין אַוועק פון איר אַן אָפּגעשמיסענער, אָבער ניט קיין אַנטוישטער. איך האָב פאַרשטאַנען איר פאַרביטערטקייט, איר פאַרביטערט לעבן און, אין הארצן, איר מוחל געווען. דעם אַנדערן טאָג, ווייזט אויס אַז זי האָט חרטה געהאַט אויף איר נעכטיקן ענטפער, האָט זי מיך צוגערופן, מיר געגעבן אַ קאָפּ־קע אויף צוקערקעס (אַ שטיק נאַשער בין איך געווען און געבליבן עד היום הזה) און מיך האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס געפרעגט:

— ווען וועסטו שיין ווערן אַ מענטש? זעסט דאָך ווי אַזוי די מאַמע איז שלאַף!

די דאָזיקע פראַגע האָט מיך נאָך מער וויי געטאָן ווי איר נעכטיקער ענטפער. הייסט עס, אַז די מאַמע איז שלאַף, ווייל איך בין קיין מענטש ניט...

ווער קאָן מיר פאַרט אָנווייזן דעם וועג צו ווערן אַ מענטש? — פאַראַן בלויז איינער. אָט טאַקע יענער וואָס וואַרפט מיר אויס דריי מאָל אַ טאָג — ווען ער איז דאָ אין דער היים — אַז איך בין קיין מענטש ניט. איך מיין עס — מיין טאַטן!

צו אים האָב איך זיך עס געווענדעט. אַלץ אין אַ שבת נאָך מיטיק. די גאַנצע וואָך איז ער געווען פאַרטומלט און באַרעשט, און ער וואָלט מיך זיכער געווען אָפּגעשטופּט פון זיך מיט אַזאַ פראַגע.

איינמאָל אַ שבת, אָפּעסנדיק די שבת סעודה, פאַרטרינקענדיק מיט „זעל־צער־וואַסער", די „שטוב" איז אַוועק שלאָפן, דער טאַטע איז געבליבן ביים טיש און אריינגעקוקט אין אַ תהילימל. האָב איך זיך צוגערוקט צו אים, גע־נומען כלומרשט אויך אריינקוקן אין תהלים. דער טאַטע האָט שוין געוואוסט, אַז דעם פּרוש המלות פונעם תהלים קאָן איך שוין... בעסער פון אים, מען

האָט מיך שוין געהאַלטן פאַרן בעסטן תנ"ך בחורל אין שטעטל — און דער טאַטע האָט שוין געהאַט אַ געוויסן „דרך ארץ" פאַר מיר, כאָטש דאָס האָט גאָרניט געהאַט צו זאָגן מיטן... פּאַסיקל איבער „יענעם" אָרט. דער טאַטע האָט זיכער געמיינט, אַז איך וויל עס אויך זאָגן מיט אים אַ קאַפּיטל תהלים, האָט ער צוגערוקט דעם תהלים נאָענטער צו מיר. איך האָב אָבער אַפילו קיין בליק ניט געטאָן אינעווייניק און בין אַרוים מיט דער קלאָץ־קשיה:

— טאַטע, ווי אַזוי ווערט מען אַ מענטש? איך וויל ווערן אַ מענטש!...

ווייזט אוים, אַז דער טאַטע האָט שוין געוואוסט אַז די זעלבע פראַגע האָב איך געפרעגט דער מאַמען, האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אוים צו מיר, מיך גע־וואָלט אויפהויבן און אַוועקזעצן אויף דער קני, אָבער — איך האָב זיך ניט געלאָזן. לויט מיין באַגריף פון זיין אַ מענטש, איז דאָס זיצן אויף אַ קני גע־שמעקט מיט קינדישקייט, מיט „פּיעשטשען" זיך, זיצן ביים טאַטן אויף די קניעס האָט זיך געגרענעצט מיט דעם, אַז דער טאַטע זאָל האַלטן אַ לעפל יויך און מיר אַריינלייגן אין מויל אַריין, און מיך „פּאַררעדן" ביז איך וועל אויפעסן אַלץ. ניין, אויף די קניעס ביים טאַטן און ביי דער מאַמען זיץ איך שוין ניט. דערויף בין איך שוין געוואָרן אַ מענטש...

ווייזט אוים אַז דער טאַטע האָט פאַרשטאַנען מיינע געפילן, און כאָטש ער איז געווען אַזוי פאַרהאַרטעוועט צו זיין פאַמיליע, אַזוי ערנסט צו זיין הויזגעזינד (די מאַמע פלעגט אים שטענדיק אויפוואַרפן, אַז „פאַר דער וועלט", איז ער תמיד פריילעך, לעבעדיק און וויצלדיק, און פאַר זיינע קינדער האָט ער שטענדיק אַן ערנסט פּנים און גיט זיי קיינמאָל קיין שמייכל ניט. עס איז נעבעך געווען אַ ביטערער אמת. פאַראַן נאָך היינט זייער אַ סך טאַטעס אַזעל־כע...), האָט ער צו מיר געגעבן אַ וואַרעמען שמייכל, מיך אַוועקגעזעצט נעבן זיך, פאַרמאַכט דעם סדור מיטן תהלים און גענומען מיר געבן אַ לעקציע פון ווערן אַ מענטש לויט זיין קאָנצעפּט. לויט זיין באַנעמען דאָס ווערן אַ „מענטש".

— אויף צו ווערן אַ מענטש, זיינען פאַראַן צוויי אויסוועגן — הויבט אָן דער טאַטע זיין „לעקציע". אָדער מען לערנט גוט און מען ווערט אַ רב אָדער גאָר אַ „קאַזיאָנער ראַבינער", אָדער גאָר מען לערנט גוט און מען איז אַ גע־לערנטער, דערשלאָגט מען זיך צו אַ גוטן... שידוך, מען נעמט אַ גבירס אַ טאָכטער, מען נעמט אַ סך נדן און מען זיצט צען יאָר אויף „קעסט", און דיינס וואַקסט. דעם נדן לייגט מען אַריין דעם שווער אין די געשעפטן און מיט דער צייט ווערט מען אויך אַן עושר ווי... אַלטער האָראָוויץ און אפשר נאָך העכער. דער אָנהויב צו אָט דעם רייכטום, צו אַ רייכן שידוך, און צו... ווערן

אַ מענטש, איז גוט לערנען. וואָס לערנען? צי לערנען גמרא, תנ"ך אָדער גאָר רוסיש? דאָס זאָגט דער טאַטע ניט. ער הייסט בלויז לערנען.

דער צווייטער וועג — ניט צו ווערן אַ מענטש — איז אַ לייכטערער. מען דאַרף ניט וועלן לערנען, מען דאַרף זיין „פּוסטעפּאַסניק", מען דאַרף אַרומלויפן אין מאַרק, מען דאַרף זיך שפּילן מיט יודקען און יחיאלקל פּאַרך, און אַז מען ווערט אַלט צען יאָר נעמט דער טאַטע און גיט דיך אָפּ „אויף דער לער" צו אַ פּאַלגע, אָדער צו אליקום שוסטער און — דו וועסט שוין אויף דיין לעבן קיין מענטש ניט ווערן... און גאָר שפּעטער ווערט מען אַ „זשלאָב" אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט, אַ מין בעני־בוץ אָדער נחמן דער טויבער...

דאָס סטראַשען מיט אוועקגעבן צו אַ „פּאַלגע" (אַ שניידער) איז געווען דאָס ערגסטע מיט וואָס מען האָט אונז געקאָנט סטראַשען. ווערן אַ סטאָליאַר, אַ קאַמאַשנמאַכער (זאַגאָטאָווטשיק) איז נאָך געווען צו דערליידן. ווערן אַ לערן־אינגל ביי אַ זייגערמאַכער אָדער ביי פּאָליאַקן אין דרוקעריי אָדער ביי ניושקע קושניר אין פאָטאָגראַפיע — איז געווען דער חלום פון אַ סך אינגלעך. ווערן אַ פּריקאַשטשיק אין אַ קלייט — איז געווען גאָר, גאָר גוט. אָבער ווערן אַ פּאַלגע אָדער אַ שוסטער־יונג, איז געווען די גרעסטע שטראָף מיט וועלכן מען האָט אונז, קינדער, געקאָנט איבערשרעקן. און איינמאָל, האָב איך טאַקע געהאַט אַ גאַנץ נישקשהדיקן איבערשרעק, וועלכן איך האָב אַ סך יאָרן געדענקט און וואָס שפּעטער מיט יאָרן — שוין זייענדיק אַליין אַ טאַטע — האָב איך אימיטירט, אָבער אויף אַן אַנדער אופן.

אין אַ שיינעם טאָג — עטלעכע חדשים נאָך אָט־דעם אויבנדערמאָנטן שמועס מיטן טאַטן וועגן ווערן אַ מענטש — האָב איך, אין אַ זומערדיקן שבת נאָכן עסן, צונויפגענומען עטלעכע חברים אין מיינע יאָרן, און מיר זיינען אוועק זיך באָדן קיין וואַזשני — אַ זעקס ווערסט פון טעפּליק! — זיינען מיר דערוויל, באַגאַנגען צוויי גרויסע עבירות. ערשטנס גיין שבת צופוס אַזוי פיל, און צווייטנס: זיך באָדן אום שבת!

אָבער, דאָס איז נאָך ניט אַלץ. עמעצער פון דער חברה גיט אַן עצה מען זאָל דינגען אַ „לאָדקע" און מאַכן אַ „פּריקאַטאַזשקע" איבערן גרויסן, ברייטן און טיפן וואַזשניער טייך. ס'איז באַלד געוואָרן געלט און די אינגלעך, אַ פופ־ציק שטיק מיטאַמאָל, זעצן זיך אריין אין דער לאָדקע, איך ווער דער „קאַפּי־טאַן", נעם די וועסלעס אין די הענט און הויב אָן רודערן, און איידער מיר קוקן זיך אום — איז שוין די לאָדקע אין מיטן טייך.

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון אונז, קינדער, האָט ניט געהאַט קיין האַ־נונג ווי אַזוי צו פאָרן מיט אַ שיפל. און איך — נאָך וויניקער, — ווי אַזוי צו

רודערן מיט די וועסלעס. און דאָס שיפל האָט געהאַלטן ביים איבערקערן זיך, און מיר וואָלטן זיכער אַלע דערטרונקען געוואָרן.

צום גליק האָט מען דערהערט אונזערע געשרייען ביים ברעג. אַ שייגעץ מיט אַ שיפל האָט זיך געלאָזט צו אונז, און ווען ער איז צוגעקומען, האָט ער — דאָס ערשטע — איבערגענומען עטלעכע קינדער צו זיך אין שיפל און דערנאָך צוגעבונדן אונזער לאָדקע צו זיינער — און אונז געבראַכט צום ברעג.

ווען מיר האָבן מיט שרעק זיך געלאָזט צוריק אַהיים, האָבן מיר — ביי די ציצות — זיך געגעבן תקיעת כף, אַז מיר וועלן ניט דערציילן אונזערע עלטערן וועגן דער געשיכטע און אפילו ניט, אַז מיר זיינען געווען אין וואזשני.

איינער פון אונז — זאָל ער מיר מוחל זיין, מיין חבר ניסל — איצט נאַאום דוכאָוונע — האָט ניט געהאַלטן וואָרט און האָט דערציילט. אין שטאָט איז געוואָרן אַ גערודער. מאַמעס — וועמענס קינדער זיינען געפאָרן אין דער לאָדקע, זיינען דערציטערט געוואָרן געוואויר ווערנדיק אין וועלכער סכנה זייער בן יחיד איז געווען...

דער טאַטע, וועלכער איז אויך געוואויר געוואָרן, און מען האָט נאָך צו־געלייגט אַ קנייטל, אַז איך בין געווען דער „איניציאַטאָר" און „קאַפּיטאַן" פון שיף, האָט גאַרנישט געטאָן. ער האָט מיך צוגערופן און בלויז געפרעגט צי „עס איז אמת"! איך האָב געמוזט מודה זיין. אַ ברירה האָב איך געהאַט... ער הייסט מיר זיצן אין שטוב און וואַרטן. ער גייט אַוועק און ברענגט אין עטלעכע מינוט אַרום איציקל „פאַלגע", דעם דאָמסקי שניידער, און זאָגט אים, פאַר מיר אין די אויגן:

„איך גיב אים אייך אַוועק אויף דער „לער" אויף פּ י נ ף יאָר. איך וויל ביי אייך גאָרניט און וויל ניט אַז א י ר זאָלט מיר צאָלן. איך וויל בלויז, אַז אין פינף יאָר אַרום זאָל ער זיין אַ פאַלנער שניידער. איר מעגט מיט אים טאָן וואָס איר ווילט — גלייך ווי איר זייט זיין טאַטע"...

דערהערט אַזוינע רייד, אַז מען גיט מיך אַוועק צו איציקל פאַלגע, נאָך אַ ווייבערשן שניידער דערצו, האָב איך אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן גע־וויין, אַז עס האָט געקאָנט רירן אַ שטיין, און ביי דער קראַנקער מאַמעס בעט, האָב איך געשוואוירן, אַז איך וועל שוין ווערן אַ לייט... קוים מיט צרות „גע־פועלט" ביים טאַטן ער זאָל מיך שטעלן אויף אַ „פּרואוו".

ערשט, שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ „טרוק", און אַז דאָס האָט דער טאַטע אונטערגעקויפט איציקל פאַלגע מיט אַ גלעזל בראָנפן ער זאָל מיך קומען נעמען.

מערקווירדיק, דעם דאָזיקן „טרוק" האָב איך שפּעטער מיט עטלעכע און

צוואַנציק יאָר איך אויסגענוצט צו מיינע קינדער — אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופן.

מיינע צוויי בנימלעך זיינען דאַן אַלט געווען צווישן 8 און 10 יאָר, און ווי אַלע אַרגענטינער קינדער, האָבן זיי געשפּילט אין באַל (פּעלאָטאַ) דווקא אין מיטן גאַס. דווקא דאָרט וואו עס פאָר אויטאָמאָבילן. מיינע פּראָטעסטן האָבן ניט געהאָלפן אַפילו דאַן, ווען איינער פון זיי איז שוין געלעגן אונטער אַן אויטאָמאָביל און מען האָט אים געמוזט צונעמען אין שפּיטאָל אריין, וואו ער איז געלעגן אַ טאָג מיט אַ צעקלאַפּטן פוס. און ווי אויף צו להכעיס, האָב איך דאַן געוואוינט אין אַ שמאָלער, אָבער צענטראַלער גאַס וואו אויטאָס און לאַסט־וועגענער זיינען געפלויגן אַלע האַלבע מינוט.

זעענדיק, אַז אונזערע — מיינע און מיין פרוים רייד העלפן ניט — דער כוח פון דער גאַס, און איבערהויפּט דער כוח פון שפּילן אין פוטבאָל — איז אַ גרעסערער, האָבן מיר אָנגעהויבן רעדן צווישן זיך — אַזוי, אַז די קינ־דער זאָלן אויך הערן — אַז

„מען דאַרף די קינדער אַוועקשיקן אין אַ פאַרמאַכטער שולע".

אין איינעם אַ רעגנדיקן פרימאָרגן, ווען די קינדער האָבן ניט געקאָנט זיין אויף דער גאַס מיט זייער פּעלאָטאַ — האָט „פּלוצים" אָנגעהויבן קלינ־גען דער טעלעפאָן. איך האָב „געלאָזט" דעם עלטערן בחור לויפן אַטענדירן דעם טעלעפאָן. אַ שטרענגע גראָבע שטימע האָט אים אין דער טרובקע אריינ־געשריגן:

— רוף שנעלער דעם טאַטן!

איך בין צוגעקומען צום טעלעפאָן און „געענטפערט" אָפּגעהאַקטע רייד:

„יאָ דאָקטאָר! גוט דאָקטאָר! קאָנסט שיקן דאָקטאָר! זיי זיינען דאָ אין דער היים, דאָקטאָר!" עס האָט געהייסן, אַז איך רעד „שטיל", אָבער איך האָב שוין געמאַכט אַזוי, אַז זיי, די קינדער, וואָס זיינען געשטאַנען נעבן מיר און געציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער, האָבן געהערט און זיך אָנגעשטויסן אַז דאָס האָט מען גערעדט פון דער „פאַרמאַכטער שולע"...

איך האָב אויף שנעל אָפּגעשניטן די קאָמוניקאַציע און אריינגעלאָפן צו דער פרוי אין צימער און געהייסן אָנגרייטן „גרעט" (וועש) פאַר די קינדער ווייל אין אַ האַלבער שעה אַרום קומט מען...

די מוטער האָט זיך מקלומרשט געווישט די אויגן און געענטפערט: אַ מצוה אויף זיי...

די קינדערס געוויין, זייער קושן די הענט און זייער שווערן זיך, אַז זיי וועלן שוין מער ניט לויפן אויף דער גאַס שפּילן — איז שווער מיט אַ פען

צו באַשרייבן! אָבער פאַרגלייכן — יאָ. פונקט אַזאַ טעאַטער־שטיק האָט אָפּ־געשפּילט מיין פאָטער מיט איציק פאַלגע, און איך בין זיכער, אַז מיינע קינ־דער וועלן מן הסתם אויך אָפּשפּילן אַזאַ טעאַטער־שטיק מיט זייערע קינדער. און מעגלעך, אַז אין זייער צייט אָדער אין דער צייט פון זייערע אייניקלעך וועט מען סטראַשען די קינדער, אַז מען וועט זיי אַוועקשיקן אויף דער לבנה אָדער אויפן... „מאַרס".

א „לייט" בין איך טאַקע דערנאָך געוואָרן, אָבער צוליב גאָר אַן אנדער אורזאַך... איך בין געוואָרן אַ... יתום.

דעם פּראָבלעם פון ווערן אַ „מענטש" האָט מיר אַ סך גרלייזט מיין ברודער. גראָדע אים בין איך ניט געגאַנגען פרעגן ווייל... איך האָב זיך פּשוט געשעמט. אָבער דער ברודער איז געוואָריר געוואָרן אין שטוב פון מיין „פּראָבלעם" און, אין איינעם אַן אויפדערנאַכט, ווען קיינער איז ביי אים ניט געווען אין צימער, מיין שוועגערן יענטע איז געווען ביי איר פאָטער, האָט מיך אברהמל אַריינגערופן צו זיך. פריער האָט ער מיך פאַרהערט וואָו איך האַלט אין די לימודים, ספּעציעל אין תנ"ך. פון מיינע קענטעניישן איז ער געווען צופרידן און האָט אַפילו געמאַכט מיט מיר אַן „אָפּמאַך". פאַר יעדן קאַפּיטל ישעיהו וואָס איך וועל אויסלערנען אויסנווייניק — גיט ער מיר אַ קאָפּקע. פאַר אַ גרוים קאַפּיטל — צוויי קאָפּקעס און פאַרן קאַפּיטל ס"ו — דאָס לעצטע קאַפּיטל — 20 קאָפּיקעס. אַגב, אין משך פון איין חודש האָב איך אויסגעלערנט ישעיהו אויסנווייניק און, די קאָפּיקעס, מיט די פּרעמיעס און די „סופּער־פּרעמיעס" האָבן באַטראָפן אַ קערבל מיט צוואַנציק.

אומקערנדיק זיך צו מיין „קאַפּדרייעניש" פון ווערן אַ מענטש, האָט מיר דער ברודער געעצהט צוויי וויכטיקע זאַכן:

„ אַ חוץ לערנען — אויך לייענען און אַ סך לייענען. ספּעציעל זאָל איך לייענען צייטונגען. מעגן זיי אַלט זיין אַפילו אַ חודש אָדער אַ יאָר".

דאָס צווייטע וואָס ער האָט מיר געעצהט איז — איך זאָל שטילערהייט, קיינער זאָל מיר ניט באַמערקן — אָנהויבן זיך לערנען רוסיש. אויף צו ווערן אַ מענטש — מוזטו קאָנען גוט די רוסישע שפּראַך.

פאַרוואָס־זשע דאַרף עס זיין אַ סוד? — ער האָט מורא, אַז דער טאַטע וועט ניט לאָזן. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט, דער טאַטע האָט אַי געלאָזט און אַפילו גערונגען פאַר מיר אַ רוסישן דורכגעפאַלענעם סטודענט, וואָס האָט גענעבן לעקציעס — זעמאַ טאַפּט — און יענער פלעגט קומען אַלע פאַרנאַכט און מיך געלערנט רוסיש. און אין עטלעכע חדשים אַרום, האָב איך געביטן

די ראָלן אין די ביכלעך. פֿריער האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער און געחזרט אויסנווייניק:

„אם יהיו חטאיכם כשנים — כשלג ילבינו" און איצט האָב איך געהאַלטן אין איין וואָרטשען און קוואָטשקען:

אימעניטעלני: קטאָ — טשאָ

ראָדיטעלני: קאָווא — טשעוואָ

דאַטעלני — קאָמו — טשעמו.

איך האָב אַזוי אָנגעאימעניטעלוועט אין קאָפּ, אַז די שוועסטער האָט מיך געטריבן מיט אַ בעזים אין דרויסן אַרויס. איך אַליין בין אַרומגעגאַנגען אַביסל צעשרויפֿט. איך האָב, מיטאַמאָל, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער נייער תורה. איך האָב געוואָלט אָניאָגן די „פֿאַרלוירענע יאָרן". מיין לערער, אַליין אַ גרויסער פֿאַנטאַזיאָר (אגב, — ער איז געשטאָרבן צוריק מיט אַ יאָר פֿינף אין אַרגענטינע און איך בין געווען ביי זיין לוויה, איבערלאָזנדיק אַ וואוילע פֿרוי און טייערע קינדער, וועלכע וועלן אָבער קיינמאָל ניט וויסן און ניט פֿאַרשטיין זיין ליטעראַריש-העכערע פֿאַרגאַנגענהייט אַלס בחור און אינטעליגענט, און אַלס טאַטנס אַ קינד. זיין פֿאָטער ר' רפאל טאַפּט איז געווען פֿון די שענסטע בעלי-הבתים, פֿון די ערשטע חובבי ציון און איז געשטאָרבן אין ארץ ישראל), האָט מיר שטענדיק געמאָלן ווי גוט עס וועט מיר זיין און ווי גרויס איך וועל ווערן אַז איך וועל קאָנען... די רוסישע גראַמאַטיק. דו וועסט געבן אַ גיי אַריין צו אַן איספּראַווניק אָדער גובערנאַטאָר און וועסט אַ רעד טון „פּראַווילנאָ" גראַמאַטיטשעסקע, — וועט ער דיך אַנדערש אויפֿנעמען. און אַז דו וועסט זאָגן „דוואַ" דאָרט וואו מען דאַרף זאָגן „דוויע", אָדער פֿאַרקערט — וועט ער עפֿענען די טיר און אַ געשריי טאָן:

— פּאַשאָל וואָן, זשיד פּאַרכאַטע!

און כדי איך זאָל ניט דאַרפֿן הערן אַט דאָס זידל-וואָרט, האָב איך, צו־ביסלעך, אָנגעהויבן פֿאַרקנייטשן דעם תנ"ך, אַפֿילו אַ פּאָר מאָל פֿאַרפֿעלט... דאַוונען, ווייל איך האָב געדאַרפֿט אויסחזרן דעם אוראָק.

צו יענער צייט האָב איך געביטן דעם מלמד און כ'בין אַריין לערנען צו זאַגרייען. כאָטש געוויינלעך פֿלעגט מען פֿריער גיין צו עלי שיכמאַן. מיין ברודער אברהמל — אַ זייער נאָענטער פֿריינט פֿון זאַגרייען — האָט אָבער געוואָלט, אַז איך זאָל פֿריער, איידער מען נעמט מיך צו דער גמרא, קאָנען גוט תנ"ך און דקדוק און דאָס האָב איך געקאָנט דערגרייכן ביי זאַגרייען.

לערנען ביי זאַגרייען איז געווען אַ גרויסער כבוד. אַז מען האָט גע־פֿלעגט מען מיך... האָדעווען מיט געזייערטע פּאָטליעזשאַנעס (טאָמאַטעס),

ניט געפּאַסט קיין סך זאַכן, למשל, זיך טראָגן מיט אַ געקוילעט עוף איבער דער גאַס, און מיטן בלוט לאָזן אַ סימן אויפן גאַנצן וועג, אָדער מיטנעמען אין חדר... אַ קאָפּ אָדער אַ ווײדעלע פון אַ הערינג וואָס האָט געקאָסט אַ גראָשן... ביי זאַגרייען בין איך טאַקע געווען דער קלענסטער פון אַלע. ביי אים האָבן געלערנט אינגלעך פון 10 יאָר און העכער און איך בין נאָך קיין פולע ניין יאָר ניט אַלט געווען. דאָך — אַז זאַגריי האָט געוואָלט ווייזן אַלס ביישפּיל פון אַ גוטן תלמיד, — ספּעציעל אַ גוטן זכרון — האָט ער געוויזן אויף מיר; קיין געזונט איז מיר טאַקע דערפון ניט צוגעקומען. חברה פלעגן זיך דערפאַר נוקם זיין אין מיר. פון דער צווייטער זייט אָבער, פלעג איך „מאַכן געשעפט" מיט מיין זכרון. איך פלעג „אונטערזאָגן" אַ פּאָר ריי־כערע אינגלעך (אין שפּאַניש הייסט עס „סאָפּלאַר"), און פאַר אונטערזאָגן פלעגט מען מיך... האָדעווען מיט געזייערטע פּאַטליעזשאַנעס (טאָמאַטעס), מיט זויערע אוגערקעלעך, און ביי אַ פּאָר קינדער האָב איך פּשוט גענומען... „וואָך־געלט". ביז... בין מען האָט מיך געמסרט און איך בין מיאוס דורכ־געפאַלן.

אמת, זאַגריי האָט שטאַרק פיינט געהאַט „מסירה" און נאָך מער האָט ער פיינט געהאַט אַ מסור. און ווען איין אינגל האָט געמסרט אויפן צווייטן — האָט ער... געשלאָגן ביידע. דאָס אינגל וואָס האָט מיך געמסרט הלמאי פיני חייה איטעס — זאָג איך יאָ אונטער און אים ניט. זאַגריי האָט אויס־געפאָרש דעם ענין, געשיקט רופן מיין ברודער און אים דערציילט, אַז איך נעם „כאַבאַר" פאַר אונטערזאָגן. איך האָב זיך, פאַרשטייט זיך, פאַרטיי־דיקט — אַז דאָס איז ניט קיין כאַבאַר, נאָר פּשוט „שכר־טרחה". מיין ברו־דער האָט געהאַלטן מיט מיין טעאָריע — אָבער פון דאַן אָן, האָט מיך זאַגריי געהאַלטן נעבן זיך און איך האָב שוין קיינעם ניט געקאָנט אונטערזאָגן...

מיטאָמאָל האָב איך אויפגעהערט לערנען רוסיש ביי זעמאַ טאַפּט. מיט־אַמאָל האָב איך אויפגעהערט צו גיין אין חדר. און ווען איך האָב אָנגעהויבן ווייטער גיין אין חדר — בין איך שוין געווען גאָר אַן אַנדערער. עס איז געקומען אַן ענדערונג אין מיין לעבן. עס האָט מיך דערנענטערט, ביטער דערנענטערט צו מיין ציל אין לעבן — „ווערן אַ מענטש"!

איך בין אַ חוץ אַ מענטש — איך געוואָרן אַ יתום!

פרייטיק איז דאָס געווען. דער ברודער איז מיך געקומען אַהיימנעמען פון חדר. ער האָט אויסגעזען מוראדיק דערשלאָגן. ער האָט זיך עפּעס אַ שוש־קע געטון מיט זאַגרייען און ווען זאַגריי האָט אים געזאָגט: זיי באַהיט פון צער — האָב איך געוואוסט, אַז — איך בין שוין אַ יתום!

קאַפּיטל נײַן

מיר איז נ י ט גוט, איך בין אַ יתום

איך קום פון חדר און... ווער הונגעריק. — געפּאַסט מײַן ערשטן תענית אין לעבן. — אינמיטן וויינען, צו דער „בולקע". — דעם טאַטנס פּאַטש אין באַק. — די מאַמע ליגט טויט און דיר גלוסט זיך „פּרעסן". — עס ווײַזט זיך שפּעטער אַרויס דער טעות, אָבער איך פּאַסט שוין ווײַטער. — איך נעם „נקמה" אין טאַטן. — ווײַבער אין שול ווינטשן זיך צו האָבן אַזאַ קדיש. — דער שוועסטערס קניפּ, וועלכן איך פֿיל נאָך. — די שטוב גייט „כאַדאָראַם". — דער ברודער און שוועסטער קלויבן זיך אַרויס. — די שוועסטער פּרומע דאַרף אויף פּודער, גייט זי אַרבעטן. — די „פֿאַבריק פון שטרויענע קאַלפּאַקעס". — טעפּליק ווערט „באַרימט" דורך די קאַלפּאַקעס אויף דער גאַרער וועלט. — בראָדסקים באַל. — דער גובערנאַטאָר פּליעסקעט בראַוואָ לכבוד די טעפּליקער אידן. — בראָדסקים ביטע צום גובערנאַטאָר. — טעפּליקער אידן האָבן ניט קיין נחת פון „פֿאַבריק". — ווען מען אַרבעט ניט אין פֿאַבריק, עס איך צו זאַט.

ווער איז געווען דער וואָס האָט אויסגעטראַכט, אַז עס איז גוט צו זײַן אַ יתום? דוכט זיך אונזער אומשטערבלעכער שלום עליכם ע"ה האָט עס דער ערשטער געזאָגט. לויט ווי ער האָט באַשריבן זײַן יתומשאַפט, און ספּעציעל זײַן שטיפמאַמע איז זי געווען דאָס אמתע פּעפּערל — האָט זי נאָך אַלץ געקענט הייצן אין „הרובע" ביי מײַן שטיפמאַמע, וועלכע איך האָב געקראָגן נאָך איידער איך האָב געענדיקט זאָגן קדיש.

אָבער, ניט בלויז ביי דער שטיפמאַמע האָב איך דערפילט וואָס עס הייסט צו זײַן אַ יתום. די גאַנצע נײַן חדשים פון מײַן יתומשאַפט, ביז איך האָב באַקומען אַ „מומע" — האָב איך, אַלס יתום, געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. אָבער, אַ שטיק נוצן פון אַט דעם יתומשאַפט האָב איך דאָך געהאַט: איך בין שנעל געוואָרן אַ... מענטש.

דערפילט אַז איך בין אַ יתום האָב איך, באַלד, פּרייטיק פאַרנאַכט, ווען די מאַמע איז געשטאָרבן און עס איז שוין געווען שפּעט זי מקבר צו זײַן און זי האָט געדאַרפט בלײַבן ליגן ביז „שפּויסענאַכטס" (שבת אויף דער נאַכט). ווען איך בין געקומען מיט מײַן ברודער אַהיים פון חדר, און געטראָפן די יללה אין שטוב, ספּעציעל פון מײַנע צוויי שוועסטער, און גאָר ספּעציעל

פון מיין עלטערער שוועסטער, פון מרים שרהן — האָב איך, פאַרשטייט זיך, אויך אויסגעבראָכן אין אַ געוויין מיט אַ געשריי: מאַמע.

וויפל קאָן אָבער אַ קינד וויינען? 10 מינוט, 20 מינוט, אַ האַלבע שעה, אַ שעה. איך האָב אַזוי לאַנג געוויינט ביז... איך בין מיד געוואָרן. אגב, בין איך נאָך געווען הונגעריק אויך. ווייל דעם פריטיק, האָב איך קיין אָנבייסן ניט געגעסן. די מאַמע האָט געגוססט, האָט מען מיך אָפּגעשיקט אין חדר אריין, מיטגעבנדיק אַ שטיקל ברויט מיט עטלעכע פלוימען. די פלוימען האָב איך אַ טייל אויפגענאַשט און אַ טייל, זיך צעטיילט מיט מיינע חברים. דאָס „פּיסטנע" ברויט האָב איך קיין חשק ניט געהאַט צו עסן און עס צעטיילט דעם רבינס גענז, וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט אויף פסח און, ווען מען האָט בייטאָג אָפּגעלאָזט אַלע קינדער אהיים, — ווייל פרייטיק האָט מען דאָך געלערנט אַ האַלבן טאָג — האָט מיך דער רבי פאַרהאַלטן ביי זיך, איך וועל בלייבן ביי אים עסן אָנבייסן (מיטיק) און וועל אים איבערשרייבן אין אַ „טעטראַד" (העפט) אויף „ריינעם", אַ חיבור וואָס ער האָט געהאַלטן אין פאַרפאַסן. איך האָב טאַקע געמיינט ערנסט, אַז דאָס גיט ער מיר איבער אַזאַ הייליקע און וויכטיקע אַרבעט, און בין שוין געווען ביי זיך גרויס און שטאָלץ קעגן די איבעריקע קינדער. און וועלנדיק פאַרענדיקן דעם גאַנצן העפט ביז פאַרנאַכט (דער טעטראַד האָט געהאַט צען זייטלעך) האָב איך ניט געגעסן, זיך ניט צוגערירט אפילו צום ביסל ראָסלפלייש וואָס די רביצין האָט מיר דערלאַנגט. אויך דאָס שטיקל קוילעטש האָב איך ניט געגעסן. דעם העפט האָב איך אָבער ניט פאַרענדיקט, ווייל דער ברודער איז מיך געקומען אָפּנעמען און... הונגעריק בין איך געבליבן ווי אַ הונט. און אַזוי האָב איך זיך גענומען צום... וויינען.

אויפהערנדיק וויינען, בין איך שטילערהייט אַוועק אין קיך זוכן אַ שטיקל קוילעטש... מיין טאַטע האָט מיך, ווייזט אויס, געהאַלטן אויפן אויג, איז מיר שטיל נאָכגעגאַנגען, און ווען ער האָט דערזען ווי איך ברעך אָפּ אַ שטיקל קוילעטש — ניט קיין היימיש געבאַקענע, נאָר געקויפטע ביי גבריאל פּעקאַרניק און וואָס האָט געהאַט אַ טעם פון חלשות — אַזוי פלעגט די מאַמע זאָגן — איז דער טאַטע צוגעגאַנגען צו מיר און מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש אין דער באַק, אַז עס האָט אָפּגעקלונגען אין דער גאַנצער שטוב...

— די מאַמע ליגט אויף דעם טויטן בעט און דיר גלוסט זיך „פרעסן"...

גיי דערצייל אים, אַז עס גלוסט זיך מיר ניט „פרעסן", נאָר עס איז שוין באַלד נאַכט און איך האָב נאָך, אַ חוץ עטלעכע פלוימען — אין מיין

מויל ניט געהאַט... דער פּאַטש האָט מיר ניט אַזוי וויי געטון ווי דער זאָג „פּרעסן" און דאָס פאַרשעמען מיך פאַרן ברודער, שוועסטער און אייגענע וואָס האָבן געהאַלטן אין איין וויינען און קלאָגן...

אָבער, אַז עס איז „באַשערט", האָב איך דערנאָך דערלעבט אַ „נקמה" אין טאַטן און פאַר פרייד — האָב איך גאָר פאַרגעסן, אַז...

איך בין געוואָרן אַ יתום.

פרייטיק צו נאַכטס, נאָך קבלת שבת, די שכנות — דערהויפּט גנענדל טרייטילס, האָבן אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין אַ פולשטענדיקע שבת־סעודה. זיי האָבן דאָך געוואוסט, אַז די יתומות נעבעך, וועלן זיך ניט שטעלן צוגרייטן די שבת־מאכלים. אינדערפרי האָט געבראַכט דעם מיטיק — די מומע שפרה, און דער טאַטע מיט דער גאַנצער פאַמיליע — אַ חוץ מיר — האָבן „איבערגעכאַפּט" אַ... גוטן ראָסלפלייש.

נאָכן דאַוונען, האָט דער טאַטע זיך געזעצט צום טיש אָפּעסן. מען טאָר דאָך ניט פאַרשטערן דעם שבת. אַ סברא אפילו, אַזוי האָט איינגעטענהט משה ראבעלס, אַז מען דאַרף אַפילו זינגען זמירות. שבת איז שבת. אַלע זיצן ביים טיש — אַ חוץ מיר. איך זיץ אויף דער ערד נעבן דער טויטער מאַמען. איך זיץ פאַרסטאַרטשעט, אַנגעווייטיקט מיט אַן... אויפגעלאָפּענער באַק, הונגעריק, און דאָס הערצעלע וויינט אין מיר. דאָך הער איך אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין סטאָלאָווע. די שוועסטער וויל מיך גיין רופן עסן — דער טאַטע לאָזט ניט. מיין ברודער און שוועגערן זיינען אין זייער צימער און וויסן בלויז, אַז ווי נאָר די מאַמע איז געשטאָרבן — בין איך „געלאָפּן" פּרעסן. ווען איך טרעף זיך מיט מיין ברודער — וויל ער אין מיין זייט ניט קוקן, און דאָס טוט מיר נאָך ערגער וויי. הייסט עס, אַז ער גלויבט אויך אַז איך בין אַ „פּרעסער"...

נאָכן עסן, קומען זיך צונויף אידן אין שטוב אַריין, כדי צו זיין אינ־איינעם מיטן טאַטן און שמועסן וועגן די גרויסע מעלות פון דער געשטאָר־בענער. צווישן די געקומענע מענטשן איז אויך פאַראַן מיין רבי. און אַזוי זיצנדיק און רעדנדיק, איז דער שמועס אַרויף אויף... מיר. דער רבי דער־ציילט וואָס פאַר אַ „תפיסה" איך האָב, וואָס פאַר אַ זכרון איך פאַרמאָג, היינט מיין כתב־יד. עפּעס אַ קליינזיקייט! און אַזוי רעדנדיק דערציילט ער, אַז דאָס הערצעלע האָט מיר היינט עפּעס אונטערגעזאָגט. איך בין געקומען אין חדר און אַוועקגעגעבן מיין איבערבייסן די גענז און די פלוימען — די אינגלעך (אינגאַנצן צוויי פלוימען האָב איך אַוועקגעגעבן) און אַז דערנאָך האָט ער מיר געגעבן ראָסלפלייש — האָב איך אפילו ניט טועם געווען כהוא

זה — און ווייזט מיט מיט איין פינגער אויפן צווייטן שפיץ פינגער. דאָס האַרץ האָט מיר עפּעס געזאָגט — לאָזט ער אויס.

דער טאַטע דערהערט עס, קוקט זיך איבער מיט די שוועסטער, כאַפּט זיך שוין איצט, פאַרוואָס איך האָב — כמעט פאַרנאַכט שוין — געוואָלט אָפּבראָכן אַ שטיקל קוילעטש. ס'הייסט — איך פאַסט גאָר אַ גאַנצן טאָג! די אינגערע שוועסטער גייט מיך „רופן עסן”, אָבער וואָס עסן? אַ חוץ קוי־לעטש איז דאָך גאָר ניטאָ אין שטוב. דער טאַטע — פול מיט צאָרן, האָט דאָך געהייסן, מען זאָל מיר גאָרניט לאָזן — און אַז דער טאַטע הייסט, פאָלגט מען. די שוועסטער גייט אַריין אין אַלקיר, איך ליג אויף דער ערד אַ פאַר־חלשטער ממש. זי זעצט מיך אויף, שטופּט מיר אין די הענט אַ שטיק קוי־לעטש — איך נעם ניט. איך אַנטזאָג זיך עפּעס טועם זיין. איך האָב אַלץ געהערט וואָס דער רבי האָט דערציילט. איך פאַרשטיי שוין, אַז דער טאַטע האָט חרטה פאַרן שלאָגן מיך און פאַר באַליידיקן מיך, אויסטראַכטנדיק אויף מיר אַזאַ שם רע. ווען? ווען די מאַמע ליגט אַ טויטע אין שטוב... איך בין ניט מוחל און... וויל ניט עסן...

דער טאַטע אַליין גייט מיך בעטן אויפשטיין און עפּעס טועם זיין לכבוד שבת — אַ תירוץ אַזאַ — איך ענטפער גאָרניט, הויב זיך אויף — די באַק איז געשוואָלן, די אויגן פאַרוויינט —און גיי אַרויף אויפן אויוון, שים ערשט אויס דעם אמתן געוויין און אַזוי וויינענדיק — ווער איך אַנטשלאָפן ביז טאָג. די שוועסטער האָט מיר ביינאַכט געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צו דער באַק, אָבער — איך האָב ניט געהערט.

אינדערפרי וועקט מען מיך אויף טרינקען טיי. מען גיט מיר אַ זיסע גלאָז טיי מיט קוילעטש (געוויינלעך, פּלעגן מיר טרינקען „פּריקוסקע”) און מיר טוען זיך אָן און גייען אין שיל אַריין דאַווענען.

אָט אַזוי האָב איך דערפילט דעם ערשטן טאָג, אַז איך בין אַ יתום. און אַז עס איז ניט גוט צו זיין אַ יתום. ווען די מאַמע לעבט, וואָלט דער טאַטע ניט געוואַגט מיר אָפּלאָזן אַזאַ פּאַטש, אַז די באַק זאָל מיר געשוואָלן ווערן. שפּעטער, ווען איך האָב שוין געהאַט אַ שטיפמאַמע — האָב איך זיך צו אַזעלכע פּעטש צוגעוואוינט. דער ערשטער פּאַטש, און ניט אַזוי דער פּאַטש, ווי דער שם רע, דאָס פאַרשעמען מיך פאַרן ברודער און שוועסטער, האָב איך לאַנג געדענקט און איצט, דריי און פערציק יאָר נאָכדעם — ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך פיל נאָך דעם ווייטיק...

שבת אינדערפרי, מיר — איך און מיין ברודער — שטייען נעבן טאַטנס סטענדער אין „שפּיגל” פון דער גרויסער שיל, ווען די יתומים דאַרפן

זאָגן קדיש — לאָזט מען פריער אונזביידע זאָגן דעם קדיש און ווען מיר האַלטן ביי ענדיקן, הויבן אָן די איבעריקע יתומים. דאָס איז אַ מין כבוד וואָס מען גיט אָפּ די יתומים דעם ערשטן שבת פון זייער אבילות. ווען איך מיט מיין ברודער זאָגן קדיש, קוקן אויף אונז אַראָפּ די ווייבער פון דער עזרת נשים. אַ סך ווייבער, ווישן די אויגן און זאָגן: נעבעך יתומים! אַ סך אָבער, ווינטשן זיך איבערלאָזן אַזעלכע קדישים! עפּעס אַ קלייניקייט נוס־קעם קינדער! געמעגט הערן ווי אַזוי אַ ניין־יאָריק בחורל זאָגט דעם ערשטן קדיש אויסנווייניק.

אַ פּאָר אידן אין דער זייט וואָס האָבן געקאָנט פּרוש המלות און טאָקע אַביסעלע דקדוק אויך, האָבן בכלל אָנגעקוואָלן פון מיין קדיש זאָגן, באַ־טאָנענדיק די ווערטער על פּי הדקדוק, ניט ווי אַזוי די פּשוטע יתומים מאָלן דעם קדיש ווי אַ ווינט־מיל.

דער שבתדיקער „מיטיק" איז אויך געווען אַ פאַרשטערטער און בחפזונ־דיקער. איך האָב אָנגעהאַלטן מיין רוגז. דאָס געשווילעכטס פון דער באַק איז אָפּגעגאַנגען, אָבער, ביים טיש האָב איך ניט געוואָלט זיצן. דער ברו־דער האָט אויך געגעסן אין זיין חדר. מיר האָט מען געדאַרפט אריינשטופּן אַ פּולקעלע מיט גוואַלד. די שכנים האָבן געמיינט, אַז „עס גייט אים, נע־בעך, קיין עסן ניט". דער אמת איז — איך האָב פּשוט געוואָלט ווי טון דעם טאַטן. און אַז איך האָב אים ווי געטון — בין איך זיכער. ער האָט זיך צען מאָל געדרייט אַרום מיר, און האָט אונטער דער נאָז אַרויסגעברומט:

— גיי עסן!

אָבער — אויך אים איז נמאס געוואָרן, און אַרום מנחה־צייט האָט ער, מיט כעס, מיר אַ זאָג געטון:

— נשקשה, אויב דו האָסט דאָס מאָל ניט פאַרדינט דעם פּאַטש — האָסטו אים פריער פאַרדינט אָדער וועסט אים שפּעטער פאַרדינען...

זאָגט מיר וואָס איר ווילט. אַ סך יאָרן האָב איך מיין טאַטן ניט מוחל געווען אָט דעם זאָג. דער דאָזיקער זאָג — האָט מיך, מער ווי געטון ווי דער פּאַטש. איך האָב ניט דערוואַרט, אַז אַ טאַטע זאָל זיך פאַר מיר אַנטשול־דיקן. אַזעלכעס האָט אין אונזערע צייטן נאָך ניט געטראָפן. אָבער, לפּחות האָב איך דערוואַרט אַ... גלעט, אָדער אַ פריינדלעך בעטן — גיי עסן.

איך דערצייל דאָס אַלץ איצט, און, פאַרשטייט זיך, איך בין מוחל מיין טאַטן ע"ה במחילה גמורה — איך האָב דערנאָך קעגן אים מער גע־זינדיקט. איך דערצייל עס אָבער, כדי צו אָנמערקן, אַז...

— ניט שטענדיק איז דער טאַטע גערעכט. מען דאַרף אַמאָל זיך אַרומ־קוקן, אפשר איז דאָס קינד גערעכט.

ס'איז מיר אָבער באַשערט געווען דעם זעלבן שבת — שוין געווען גוט פינצטער — ווידער צו דערפילן, אַז איך בין אַ יתום און אַז עס איז ניט גוט צו זײַן אַ יתום...

געווען איז דאָס אַ שעה צוויי אין דער נאַכט. די מאַמע איז שוין געלעגן אויף דער ערד אין סטאָלאָווע מיט די פיס צו דער טיר, די שטוב איז געווען פול מיט ווייבער, שכנות און... קלאָגערקעס. — געווען אַזאַ „גרעמיע" ווייבער, „פּראָפעסיאָנעלע" וויינערקעס, וואָס זײַנען געקומען — אומגע־בעטענערהייט — און האָבן אַוועקגעלייגט אַ מענה לשון, אַז פון זייערע רייד און פון זייער וויינען, האָט מען געמוזט אָנהויבן נאָכוויינען. און כאָטש מען האָט געוואוסט, אַז זיי מיינען עס ניט ערנסט, אַז דאָס אַלץ טוען זיי צוליב די 20 קאָפּקעס אָדער דעם האַלבן קערבל וואָס יעדער איינע פון זיי האָט דערנאָך — דעם אַנדערן טאָג באַקומען — דאָך האָבן זיי צעוויגט.

און אדרבא, וויינט ניט. ווען איינע פון אַט די וויינערקעס, גיט אַ ווייז אָן מיטן פינגער אויף מיר, און ווענדנדיק זיך צום מת, רופט זי אויס:

— רייזע! גיב אַ קוק אויף דײַנע „ווערים" (בין איך שוין געוואָרן אַ וואָ־רים!) אויף ווענען לאָזטו זיי איבער? ווער וועט אַכטונג געבן אויף זיי? ווער וועט זיי היטן, ווינטער פון קעלט און זומער פון היץ, ווײ איז מיר! ווי נאָר דײַן נשמה וועט אָנקומען בשלום צום רבונו של עולם, בעט אים פאַר דײַנע קינדער. זע, אַז זיי זאָלן ניט באַקומען קיין שטיפמאַמעס, ווײ איז מיר, זע אַז מען זאָל זיי ניט פּייניקן ווי דעם יויזל, ווײ איז מיר, זאָלסט אָנווענדן דײַן גרויסן זכות פון אַ אשה צנועה וואָס דו ביסט געווען, פון אַ גאָטספאָרכ־טיקע אידישע טאָכטער וואָס דו ביסט געווען, און טאָמער וועט דײַן זכות זײַן ווייניק, זאָלסט מטריח זײַן דײַן טאַטן דעם צדיק ע"ה, דײַן מאַמען די צדקת, ווײ איז מיר, זאָלן זיי דיך באַגלייטן צום כסא הכבוד און אים בעטן רחמנות פאַר דײַנע ווערים וואָס בלייבן איבער עלנט און פאַרוויסט, ווײ איז מיר!...

איך בין זיך איצט מודה, אַט דער מענה לשון איז מיר, גלאַט געפעלן געוואָרן. און וואָלט עס זיך געהאַנדלט ניט וועגן מײַן מאַמען, וואָס ליגט שוין מיט די פיס צו דער טיר — וואָלט איך אפשר זיך גאָר... צעלאַכט. אַלנפאַלס וואָלט איך עס קאַפּירט און מאָרגן איבערגעחזרט אין חדר פאַר אַלע קינדער, מיט אַלע גרימאַסן פון דער וויינערקע... בין איך אָבער געזעסן אויף דער ערד נעבן דער איבערגעדעקטער מאַמע, און מיד, שטאַרק מיד, בין

איך אויך געווען, האָב איך פשוט און פּראָסט אויפגעהערט צו וויינען און געקוקט דער „וויינערן" אין מויל אַריין.

פּלוצים האָב איך דערפילט אַ קניפּ אין דער האַנט אַז איך בין אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי ווי אַ שלאַנג זאָל מיך אַ ביס טאָן. נאָכן קניפּ איז געקומען אַ זאָג מיר אין אויער:

— פאַרוואָס וויינסטו ניט?!

דאָס האָט מיך, די שוועסטער מרים שרה „דערמאַנט", אַז די מאַמע ליגט אַ טויטע און... מען דאַרף וויינען.

הלמאי זאָל איך לייקענען. דעם קניפּ געדענק איך נאָך היינט און דעם ווייטיק — דוכט זיך אַז איך פיל אים אויך היינט...

ווען איך בין ניט קיין יתום, ווען די מאַמע לעבט און די שוועסטער גיט מיר אַזאַ קניפּ — רייסט זי איר אוים די צעפּ פון קאָפּ. ליגט אָבער די מאַמע אַ טויטע און ווער עס האָט נאָר חשק און קראַפט טוט מיט איר קינד, מיטן יתום, וואָס ער וויל.

ניין, ס'איז ניט גוט צו זיין אַ יתום!

דערפאַר אָבער האָב איך אין דער שוועסטער באַלד דערלעבט אַ נקמה. ווען מען האָט די מאַמען אַרויסגעטראָגן פון דער שטוב און מען איז אַוועק אויפן בית-עולם, איז זי מיט דער צווייטער שוועסטער, און אַלע ווייבער געבליבן אין דער היים. איך אָבער, דער „מאַנסביל" בין געגאַנגען אויפן בית-עולם, גלייך מיט אַלע מענער.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, אַז איך זאָל ווידער דערפילן אַז עס איז ניט גוט צו זיין אַ יתום. כאָטש, די מאַמע ע"ה איז די לעצטע פּאָר יאָר, מער געלעגן אין בעט ווי אַרומגעגאַנגען, און די לעצטע דריי חדשים, האָט זי כמעט זיך ניט אויפגעהויבן פון בעט, דאָך האָט זיך די שטוב געפירט גלייך ווי זי זאָל אַליין ראַמען און פּאַרען. מיר האָבן געהאַט דעם אָנבייסן אין צייט, דאָס ריינע וועש אין צייט און אַלץ האָט זיך געפירט מעשה בעלי-הבתישקייט.

באַלד נאָך דער מאַמעס טויט, האָט די שטוב אָנגעהויבן גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ. עס האָט „ניט געקלאַפּט". קיין היימיש ברויט האָבן מיר שוין ניט געהאַט און מען האָט עס געקויפט אין „פּעקאַרניע". דאָס עסן וואָס די שוועסטער האָט געקאָכט איז געווען אָדער ניט דערזאַלצן אָדער איבערגעזאַלצן, אָדער גלאַט צוגעברענט. דער טאַטע האָט געהאַט טענות, די שוועסטער האָט

געוויינט און דאָס כּפּרה־הינדל בין איך געווען. דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן אויפן יאַריד אָדער קיין אומאַן און האָט געגעסן דאָרטן. די שוועסטער אַליין האָט אַלעמאָל געכאַפּט אַ נאַש און פאַר מיר האָט זי שטענדיק געהאַט... אַ מכּה...

באַלד נאָך דער מאַמעס טויט, האָט זיך דער ברודער אַרויסגעצויגן באַזונדער, און די שוועסטער מרים שרה האָט זיך איבערגעקליבן קיין אומאַן מיט איר מאַן — דעם „גרויסן פאַרדינער". אַ סבֿרא אַז די מאַמע זיינע איז שטאַרק שלאָף און „זי וויל אַז דער זון זאָל זיין ביי איר בעט ווען זי שטאַרבט". דאָס „שלאָפקייט" אירס, האָט זיך נאָך פאַרצויגן אַ יאָר... צוואַנציק... און אפשר גאָר איז די גאַנצע מעשה מיט דער שוויגערס שלאָפקייט געווען בלויז אַ תּירוץ, ווייל זי האָט נישט געוואָלט „בּאַראָמען" די שטוב, האָט זי דאָס צוגעטראַכט. די שטוב איז איבערגעבליבן אויף דער שוועסטער פרומע, און אַזוי ווי דער טאַטע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס הייסט אַ מיידל דאַרף פודרע, „אָדעקאָלאָן" און דער עיקר — דאַרף זיך קליידן ווי אַ „כּלה־מויד", און אויב ער האָט אפילו פאַרשטאַנען, האָט ער פּשוט ניט געווען בכּוח נאָכצוקומען די פאָדערונגען וואָס אַ בעל הבּתיש מיידל האָט געדאַרפט — און צי ער איז יאָ אָדער ניט מסכּים געווען — איז מיין שוועסטער אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן. ניט „חלילה" פאַר אַ נייטאָרן. צו אַזאַ „אומגליק" און צו אַזאַ „שאַנדע" איז דאָס נאָך ניט דערגאַנגען. און קיין „עסקריטאָריאָס" און „אָפּיסינאָס" זיינען אין טעפּליק ניט געווען — וואוהין זשע גייט אַזאַ בעל־הבּתיש מיידל אַרבעטן?

האָט גאָט געהאָלפן טעפּליק אַ „פאַבריק". רפאל גאַרמאַכער האָט געמאַכט אַ פאַבריקאַציע פון „קאָלפאַקעס" (אַזעלכע שטרויענע קעפּלעך) אויף פלעשער. דער אָפּזאַץ פון אָט די קאָלפאַקעס איז אַוועק אין דער וועלט אַריין. אַ סבֿרא אַז די טעפּליקער קאָלפאַקעס האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש... אין מאָסקווע. און נאָך אַ סבֿרא איז געווען, אַז דעם וויין וואָס מען שיקט צום קיסר, גייען די פלעשער „אָנגעטון" אין טעפּליקעס קאָלפאַקעס...

נאָר, צי דעם קיסרס פלעשער וויין זיינען אָנגעטון אין די טעפּליקער קאָלפאַקעס — האָבן אַ סך געצווייפלט. אָבער אַז בראָצקי פון קיעוו, דער גרויסער מיליאָנער באַקומט די פלעשער וויין מיט טעפּליקער „קאָלפאַקעס" — אין דעם איז גאָר קיין צווייפל ניט געווען.

און איינמאָל — אַזוי דערציילט מען אין קלויז, מיט אַזעלכע סימנים, אַז מען מעג גלויבן אָן אַ שבֿועה — איינמאָל האָט בראָדסקי געהאַט ביי זיך אַ גרויסע שמחה, אַ וואַזשנעם באַל, איינער פון יענע בעלער וועלכע האָבן

געשמט מיט זייער לוקסוס און רייכטום. געקומען זיינען צום באַל דער קיע־וועד גובערנאַטאָר, דער גראַדאָנאַטשאַלניק, דער סלעדאָוואַטיעל (פּאַר א סלע־דאָוואַטיעל און פאַרן „אָקרוזשנאַי סוד" — האָבן טעפּליקער אידן געהאַט גאָר גרויס דרך ארץ), דער איספּראַווניק און נאָך א סך שררות. און ווען מען האָט געדאַרפט ברענגען דעם גוטן וויין פון קעלער, האָט בראָדסקי באַפוילן, אַז דעם וויין זאָל מען ברענגען אין די... קאַלפּאַקעס.

נו, אַז דער בעל הבית הייסט — דאַרף מען פאָלגן. מיט בראָדסקין שפּילט מען זיך ניט. איי די קאַלפּאַקעס, די שטרוי וועלן אָנמאַכן א מיסט — נו, וועט מען נעמען די פּליושענע בעזעמער (טעפּליקער אידן האָבן געוואוסט אפילו וועלכע בעזעמער בראָדסקי נוצט) און מען וועט אויסקערן...

ווי נאָר מען טראָגט אריין די פלעשער מיט די קאַלפּאַקעס און מען שטעלט זיי אוועק אויפן טיש, אַז בראָדסקי אַליין גיט זיך שטעל אוועק, נעמט ארויס דאָס ווייסע זיידענע טיכעלע וואָס ער האָט געטראָגן אין „לאַץ־קעשע־נע" (אויך דאָס האָבן טעפּליקער אידן געוואוסט וואָס פאַר א טיכעלע ער טראָגט) און האָט זיך געגעבן א ווענדע צום גובערנאַטאָר, צו די שררות, בזה הלשון:

„וואַשע פּרעוואָסכאָדיטיעלסטוואָ גאָספּאָדין גובערנאַטאָר! דו זעסט אָט די „קאַלפּאַקעס" וואָס האָבן פאַרהיט דעם וויין אַזש פון אָדעס און פון קע־שעניעוו, און פון פּאַריז און פון באָרדאָ. אָט די „קאַלפּאַקעס" האָט מען געמאַכט ניט אין ניו־יאָרק, ניט אין פּאַריז און ניט אין לאָנדאָן! דאָס האָבן געמאַכט מיינע אידן, מיינע ברידער פון א קליין שטעטעלע טעפּליק, פּאָדאָליער גו־בערניע, גאַסינסקע אויעזד. און די „קאַלפּאַקעס" האָבן געאַרבעט בעל־הבתישע אידישע אינגלעך און מיידלעך, וואָס זיינען ניט אוועק אין די קלאַסן לערנען — נאָר זיי גיבן זיך אָפּ מיט אָט דער נוצלעכער ארבעט.

(דאָ, — אַזוי דערציילן די טעפּליקער אידן און מען מעג זיי גלויבן אָן א שבועה! — דאָ האָט דער גובערנאַטאָר אָנגעהויבן שטאַרק פּלעסקען בראַ־וואָ). אָבער דאָס איז ניט אַלץ. די טעפּליקער אידן האָבן די מעשה ווייטער געצווינגן:

— און אַזוי ווי בראָדסקי האָט דערזען אַז דער אָדון הגובערנאַטאָר איז שטאַרק צופרידן פון זיינע רייד און עס געפעלן אים די „קאַלפּאַקעס"—האָט ער פאָרגעזעצט:

— לכן, אדוני פּריץ, בעט איך דיך, אַז עס וועט קומען אַהער קיין קיעוו א טעפּליקער איד, און וועט וועלן טון מסחר, וועט פאָרן אויף „טאָרגעס" אָדער וועט זיך וועלן באַזעצן און ווערן א בעל־מלאכה — זאָלסטו אים לאָזן,

ווייל טעפליקער אידן זיינען גרויסע מייסטערווערק אויף אלץ. א סימן — די שטרויענע „קאלפאקעס״.

ווער עס איז געווען דער ערשטער אין טעפליק ארויסצולאזן אין גאס אריין אט די מעשה מיט בראדסקים באל — ווייס איך ניט, און טעפליקער אידן האבן מן הסתם אויך ניט געוואוסט. גיכער פון אלץ איז דאס געווען טאקע רפאל גארמאכס ארבעט, כדי די מיידלעך זאלן גיין ארבעטן צו אים אין „פאבריק״, זאלן ארבעטן 14 שעה א טאג — און דווקא פון „שטיק״ און קוים קוים פארדינען אויף א ציצן קליידל און א פושקעלע פודרע. וואס יא, קיין בושה אהין גיין ארבעטן — איז ניט געווען. די געשיכטע מיט בראד־סקים „באל״ האט א סך צוגעהאלפן, אז עס זאל זיין א כבוד וואס מען אר־בעט אזא ארטיקל וואס קומט אן צום קיסרס און צו בראדסקים טיש...

שפעטער מיט א פאר יאר האט מיין ברודער אויך געמאכט אזא „פאב־ריק״, און האט זי איינגעארדנט אין שטעטל טערליצע און נאך זעקס מאנאטן פאבריצירן קאלפאקעס, האט ער דערלייגט ביז א סענט וואס ער האט געהאט, איז געבליבן ממש אין איין העמד און פון דארט האט ער זיך ארויסגעצויגן קיין אומאן וואו ער האט שוין אפגעלעבט די איבעריקע טעג פון זיין לעבן אין דחקות און אין נויט אלס...

— דער בעסטער העברעאישער לערער.

אויך טעפליקער אידן, און ספעציעל טעפליקער מיידלעך, האבן ניט געהאט קיין גרויס נחת פון זייער פאבריק. געוויינלעך פלעג זי ארבעטן צוויי און העכסטנס דריי טעג אין דער וואך און אט די טעג האב איך אמערסטן געפילט אז

— עס איז ניט גוט צו זיין א יתום!

דער אמת איז געווען אז די איינציקע טעג אין דער וואך וואס איך האב געגעסן צו זאט און וואס מען האט זיך ארומגעקוקט אויפן יתום — זיינען געווען די טעג ווען די פאבריק האט ניט געארבעט. דעמאלט האט די שוועס־טער צייט געהאט צוצוגייען מיר די קנעפלעך פון העמד אדער הויזן, דעמאלט האט זי צייט געהאט מיך רעכט... אויסצוואשן און דעמאלט האט זי צייט געהאט מיר געבן עסן צו דער צייט און... באוויינען אונזער ביטער מזל.

האט זיך נאך געדארפט טרעפן אז אין יענער צייט זיינען געווען „ווי־בארעס״ פאר א סטאראסטא אין „מעשטשאנסקי אופראווע״, וויבארעס (וואלן) פאר „דעפוטאטן״, וואס האבן געקליבן אט דעם סטאראסטא און טאקע אין יענער צייט האט מען געקליבן דעפוטאטן אין דער „גאסודארס־טווענע דומא״ (רוסישער פארלאמענט) און טעפליקער אידן האבן איינגע־

לייגט וועלטן, אַז מען זאָל אויסוויילן עטלעכע אידן אַלס דעפּוטאַטן.

מיין טאַטע ע״ה, איז געווען איינער פון אָט יענע קהלשע קאָך־לעפל, וואָס האָט געאַרבעט מעשים. אָדער ער איז געווען אויף אַן „אסיפה" ביי יע־נעם, אָדער די אסיפה איז געווען ביי אונז אין שטוב. ספּעציעל האָט ער זיך געקהלט אַרום די לאָקאַלע וויבאָרעס, עס איז אים געגאַנגען אין לעבן, אַז איצי פוקס זאָל ווידער דערוויילט ווערן אַלס סטאַראָסטאַ. און קהלן זיך איז געווען זייער אַ סך. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז לויט די צאַרישע געזעצן, האָבן ניט אַלע טעפּליקער אידן געהאַט שטים־רעכט. געווען אידן, וואָס האָבן געוואוינט אין טעפּליק דרייסיק־פערציק אָדער פופציק יאָר, זיי זיינען אָבער געבוירן געוואָרן אין אַן אַנדער שטאָט — אויף טעפּליקער לשון האָט עס געהייסן, זיי זיינען געווען „נכתבים" פון אַן אַנדער שטעטל — האָבן זיי ניט געהאַט קיין „שטים־רעכט" צו „שטימען" אין טעפּליק ביי וואַלן. נו, נו! פלעגט זיך אַרום אָט די נכתבים פירן די „פּאָליטיק", און זאָלן זיי מיר מוחל זיין אויך אַ „וואַל־שווינדל". מען פלעגט שוין מאַכן אַזוי, אַז דער וואָס איז געווען אַן איינגענער, האָט יאָ געשטימט. דערנאָך איז אַוועק אַ סדרה מסירות, און ווידער נייע וויבאָרעס, און ווידער מסירות און אַזוי האָט זיך עס געקהלט.

די הויפּט פונקציע פון דער מעשטשאַנסקי אופּראַווע איז געווען, פעסט־שטעלן וויפל יעדן טעפּליקער דאַרף צאָלן פאַרשיידענע שטייערן — סוויטשנע־סבאָר — און אויך אים פאַרזאָרגן מיט אַ פּאַספּאָרט אויף וועלכן עס איז געווען צוגעדרוקט אַ שורה אַז „ער איז גילטיק דאָרט, וואו אידן איז דער־לויבט צו וואוינען". אונטערשרייבן דעם פּאַספּאָרט פלעגט דער סטאַראָסטאַ און זיין געדרונגענער „פּיסאַר" וואָס איז כמעט, תמיד, געווען אַ גוי. און אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דער ענין פּאַספּאָרט געווען אַ גראַנדיעזער קוואַל פון פּרנסה פאַר ביידע. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ פּאַס־פּאָרט און „על פּי מעות" געשטעלט יענעם מיט צוויי אָדער דריי יאָר יונגער, אַזוי אַז ז יי ן „יאָר" האָט מען נאָך ניט גערופן. דער באַזיצער פון אָט־דעם פּאַספּאָרט האָט אָבער ניט געטאָרט וואוינען אין זעלבן שטעטל, ווייל ווען די געקומענע זשאַנדאַרמען האָבן איינעם געכאַפּט אויפן חשד, אַז ער איז עלטער ווערדליק דער פּאַספּאָרט ווייזט אָן, האָט מען געקאָנט לייכט פעסטשטעלן אין דער אופּראַווע די אמתע יאָרן. דערום, פלעגן די „לעגאַלע האָזן" (אַזוי האָט מען זיי גערופן) נעמען אַזאַ פּאַספּאָרט און עוקר זיין ערגעץ ווייט אין אַ גרויסער שטאָט.

און אַז טעפּליקער אידן, און מיין טאַטע צווישן זיי, האָבן זיך אָפּגערוט פון די וויבאָרעס אַרום סטאַראָסטאַ, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קהלעניש אַרום

א קאַזיאָנע ראַבינער. געווען צדדים און צדדימלעך, דער האָט געוואָלט יענעם, און א צווייטער האָט געוואָלט אַן אַנדערן. אין יענער צייט — ווען איך האָב געיתומט, האָט מען זיך געקהלט אַרום אַ קאַזיאָנע ראַבינער איינער אַ גרויס־מאַן. איינער פון די פיינסטע פּערזענלעכקייטן צווישן אַט דעם שיכט ראַבי־נער. איין חסרון האָט ער נאָר געהאַט: ער פלעגט אַרויסגעבן „פאַלשע"... טויט־שיינען. ער פלעגט וועלן ראַטעווען אַ אידן, אַז ער זאָל ניט באַצאָלן קיין 300 קערבלעך שטראָף, וואָס קאַזנאַ האָט געמאַכט פאַר ניט צושטעלן צום פּריזיוו אַ זון, און דער זון — איז שוין געווען... 18 יאָר טויט.

ווער עס געדענקט אונדזער אַלטע היים מיט די צאַרישע געזעצן, ווערט זיך זיכער דערמאָנען, אַז ווען מען האָט זיך ניט צוגעשטעלט צום פּריזיוו — האָט מען ביי די עלטערן געמאָנט 300 קערבלעך שטראָף. 300 קערבלעך איז, אין יענע יאָרן, געווען אַ גוואַלדאָווונע מטבע. גענוג צו דערמאָנען, אַז די רייזע פון טעפּליק ביז ניו־יאָרק, האָט געקאָסט אַרום 90 קערבלעך. די דריי הונדערט קערבלעך האָבן די עלטערן געדאַרפט צאָלן — און מען האָט ביי זיי אויפגעמאָנט אַפילו פאַרקויפנדיק זייערע קישנס — אויב דער זון האָט זיך ניט צוגעשטעלט צו דער פּריסוטסטוויע. האָט זיך אָבער דער זון יאָ צוגע־שטעלט, און מען האָט אים „אָפּגעגעבן", נאָר ער איז אַנטלאָפן באַלד נאָכן פּריזיוו, אָדער פון „סבאָרני פּונקט" — האָט מען שוין צו די עלטערן קיין טענה ניט געהאַט.

געווען אָבער פאַלן, ווען דער זון האָט זיך ניט צוגעשטעלט צום פּריזיוו, ווייל ער איז שוין יאָרן און יאָרן געווען טויט, נאָר בעת דאָס קינד איז גע־שטאָרבן האָט דער פאָטער פאַרגעסן אים אויסשרייבן פון די ביכער ביים קאַזיאָנע ראַבינער. דעמאָלט איז ביי פּאָניען ניט געווען גילטיק קיין עדות, אַז דער פּריזיוווניק איז שוין לאַנג טויט. ער האָט געמאָנט אַ סאָלדאַט. איז געווען בלויז איין עצה: אַרויסנעמען אַ טויט־שיין ביים קאַזיאָנע ראַבינער, אַז דער פּריזיוווניק איז... ערשט נעכטן געשטאָרבן.

דער ראַבינער גרויסמאַן פלעג עס טאָן אויס רחמנות, אַז מען זאָל ביי אַ אידן ניט צונעמען זיין שטיבל אָדער די בעבעכעס פון דער שטוב פאַר דריי הונדערט קערבלעך, און דערפאַר קיין געלט ניט גענומען, ווייל ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מצווה. אַנדערע קאַזיאָנע ראַבינערס האָבן גע־נומען געלט דערפאַר און, פאַרשטייט זיך, מען איז געשטאַנען איינגעשטעלט דאָס לעבן, אויב עמיצער וועט מסרן... און גרויסמאַנען האָט מען טאַקע געמסרט און ער האָט געמוזט עוקר זיין. עס האָט אָפּגעקאָסט אַ מאַיאָנטעק אים אַרויסנעמען פון גויאישע הענט. ווער עס האָט שטאַרק איינגעלייגט

וועלטן אים ריינוואַשן איז געווען דער טעפּליקער נגיד שואל־בער האָקניאַנסקי (ווען שלום עליכם האָט אַזוי אומגערעכט און אומרחמנותדיק באַשריבן אַלס „שלום בער טעפּליקער פון טעפּליק"). שואל בער, אַ איד אַ גביר אדיר, אַ „מיליאָנטשיק", מען האָט געזאָגט אַז ער פאַרמאָגט אַריבער שין אלפים רו"ך (דריי הונדערט טויזנט קערבלעך) האָט געהאַט די גרעסטע „פּאַראָוואַי" מיל אין טעפּליק וועלכע איז געשטאַנען ביים סטראַזשגאָראָדער טויער, און האָט פאַרזאָרגט מיט מעל אַלע פּרימאָלשטשיקעס און אויך געשיקט מעל „זאַ גראַניצע" (קיין אויסלאַנד). שואל בער איז אויך געווען דער איינציקער איד וואָס, ווייסנדיק אַז זיין סוף איז נאָענט (ער האָט געליטן פון אַ ראַק) האָט ער געבראַכט אַ „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע" (אַדוואָקאַט) פון הייסין און גע־מאַכט אַ לעגאַלע צוואה און איבערגעלאָזט געלט פאַר קהל.

אויף אַרום דער דאָזיקער ירושה האָט זיך דערנאָך טעפּליק געקהלט, עפּעס איז דאָרט ניט געווען ריכטיק אָנגעוויזן וויפל עס קומט יעדערן. דער אַדוואָקאַט — כאָטש אַ „קריסט" וואָס איידער ער איז געוואָרן אַדוואָקאַט האָט ער געהייסן אברהם ליטוואָקאָווסקי און איז געווען אַ שוחטס אַ זונדל, אָט דער אַדוואָקאַט האָט פאַרשריבן, לויט דעם נפטרס ווילן, אַז ער לאָזט איבער כך וכך פאַרן... „הקדש". און וואָס אין טעפּליק צי אין אַברימעווע אָדער אין בוקי און דובאָווע, וואָס דאָרט האָט געהייסן „הקדש" — געדענקען מיר דאָך. נעמט דער אַדוואָקאַט און שטעלט, אַז שואל בער האָקניאַנסקי לאָזט איבער אַ פּאָר טויזנט קערבלעך אויף טעפּליקער... „גאָספּיטאַל" (שפּיטאָל). איז געוואָרן אַ פּלאָנטער. אייניקע און ספּעציעל די, וועלכע האָבן זיך געקהלט אַרום הקדש, האָבן געטענהט, אַז דער „הקדש" אויף רוסיש הייסט „גאָספּי־טאַל". אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז דעם נפטר איז ניט געווען געפעלן דער טעפּליקער הקדש, וועלכער איז געווען שמוציק, נאַס און פינצטער, און ער האָט דערום געלאָזט די פּאָר טויזנט קערבלעך כדי אויסצובויען אין טעפּ־ליק אַן אמתן „גאָספּיטאַל". און אָט יענע קהלענישן אין וועלכע דער טאַטע האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל — האָב איך דערוויל... געהונגערט און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך אויף מיר אַרומקוקן.

קאַפּיטל צען

ווער האָט עס געזאָגט, אַז אַ שטיפמאַמע דאַרף זיין אַ שלעכטע?

מ'הויבט זיך אָן שושקען אין שטוב. — דער טאַטע איז געוואָרן צו גוט מיט מיר, רעדט וועגן „תכלית". — די אוטשילישטשע „טרוד". — די גרויטע שטאָט אומאָן מיט אירע אויסגעפּלאַסטערטע גאַסן און טראָטואַרן. — דער טאַטע לערנט מיך ווי אַזוי איך דאַרף באַגעגענען די נייע מאַמע. — זי קאָן לשון קודש ווי אַ מאַנסביל. דער רבי גלויבט ניט, אַז עס איז פאַראַן אַ גוטע שטיפמאַמע. — איך באַגעגן זי מיט אַ העברעאישן פּסוק. — איך „תורה" באַשטייט וואָס זי קאָן „עברי ווי אַ וואַסער". — דעם ערשטן שבת מיט דער שטיפמאַמע. — אַ חלום מיט אַ פּאַנצער וואָס שאַפט אַן אינצידענט. — איך בעט דער שטיפמאַמע מחילה. — זי שמייכלט אַזוי זיס אַז מען פאַרגעסט אַז זי איז אַ שטיפמאַמע. — נו, טאַקע, מוז טאַקע יעדער שטיפמאַמע זיין אַ שלעכטע?

איך האָב זיך פאַוואָלינקע צוגעוואוינט צום לעבן אַלס „יתום, נעבעך". דעם „נעבעך" פלעג איך אָפט הערן פון דער רביצן וועלכע האָט זיך מיט מיר שוין ווייניק וואָס געשאַפט, פון דער מומע שפרה, וועלכע פלעגט אונז אַלע דינסטיק און פרייטיק שיקן רעטשענע לאַטקעס, פון דער שוועגערן יענטע, וועלכע פלעג מיך אָפט, זייער אָפט, נעמען צו זיך און פשוט און פּראָסט... אָנהאָדעווען צו זעט.

אָט דער „נעבעך", פלעגט מיך שטאַרק דענערווירן. איך פלעג ניט וועלן ליידן מען זאָל מיך האַלטן פאַר אַ נעבעכל, און איך האָב שוין אַפילו געוואָרט אויף דער מינוט איך זאָל ווערן אַביסעלע גרעסער, וועל איך אַוועק אויף אַ „שטעלע" (פון קיין מלאכה האָב איך ניט געטראַכט אַפילו) און זיך קאָנען אַליין קליידן, „אויסהאַלטן" און דער עיקר — אָנעסן...

דערווייל האָב איך באַמערקט, אַז אין שטוב... שושקעט מען זיך עפּעס, מען... קריגט זיך מיטן טאַטן און דעם טאַטנס שותפים, ספּעציעל יהודה „בלא", האַלט מיטן טאַטן און ווייזט אָן אויף מיר, שעמט זיך ניט אַרויסנעמען מיין העמדעלע פון די הייזלעך און ווייזן אַז עס איז שמוציק. (קיין ליגן איז דאָס ניט געווען).

אין איינעם אַ דינסטיק איז דער טאַטע אַוועקגעפאָרן קיין טערניוקע אויפן יאַריד און איז דעם טאָג צוריק ניט געקומען. די שוועסטער פרומע

האָט שוין געוואוסט פּאַרוואָס. איך אָבער, האָב ניט געוואוסט. ערשט דאָנער־שטיק איז דער טאַטע געקומען אַן אויפגעלייגטער, אַן אויסגעפּוצטער אין דער נייער קאַפּאָטע און אין דעם זיידענעם קאַשקעט וואָס ער נוצט נאָר אויף יום־טוב.

איך וואָלט זיך אפשר ניט געחידושט דערויף, ווייל איך וואָלט געגלויבט, אַז אפשר דאַרף קומען דער מאָנאַסטרישטשער רבי אין שטאָט אַריין איז דער טאַטע מיט נאָך חסידים זיינע, אים געפאָרן באַגעגענען. (געווען אַמאָל אַזאַ פאַל. שפּעטער איז דער טאַטע געוואָרן אַ בראַסלאַווער חסיד). אָבער עפּעס נייעס איז אויך געשען אין חדר. די רביצן — איך האָב דעמאָלט שוין געלערנט ביי עלי שיכמאַן, האָט מיך עפּעס צופיל באַדויערט, צופיל באַקוקט און באַזאָרגט, און אַ פּאָר מאָל האָט זי אַרויסגעברומט: שטיפמאַמע...

יענעם דאָנערשטיק איז דער טאַטע געווען צו מיר, ווי קיינמאָל אין זיין לעבן ניט. מיר האָבן געגעסן וועטשערע (ס'איז אויך געווען אָנבייסן) אין צווייען ביים טיש. דער שוועסטער האָט „וויי געטון דער קאָפּ" — אַזוי האָט זי געזאָגט, און ווי נאָר זי האָט אונז דערלאַנגט צום טיש, איז זי אַוועק אין בעט אַריין.

פאַר די לעצטע ניין חדשים פון דער מאַמעס טויט האָט דער טאַטע איינמאָל מיך ניט געפרעגט וואָס איך לערן און ווי אַזוי איך לערן. ער האָט אפילו ניט געוואוסט און זיך רעכט ניט נאָכגעפרעגט צו וועלכן מלמד איך גיי. דאָס האָט מיין ברודער שוין פאַרזאָרגט פאַר אים. ער האָט אויך ניט געוואוסט, אַז איך האָב געגעבן „עקסטערנע" עקזאַמען אין דער „נאַראָדנע שקאָלע", וואו צווישן הונדערט שקצימלעך האָבן געלערנט... דריי אידישע קינדער — און איך בין אַריבער אין דריטן גראַד. ער האָט געוואוסט, אַז איך לייען שוין פּושקינען און אַז איך לערן שוין ווערשטשאַגינס זאַדאַטשניק און אַז קרילאָווס באַסניעס (פאַבלען) קאָן איך שוין אויסנווייניק... ער, מיין אָרעמער טאַטע איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט פון דאגות פרנסה, שטאַרק פאַרזאָרגט וואָס פון זיינע יתומים ווערט אַ תל, פאַרזאָרגט וואָס ביי אים וואַקסט אַ „מויד" וואָס מעג שוין הערן קלעזמער, און ער האָט ניט קיין סימן אויף נדן און חתונה הוצאות. און אפשר איז ער אויך געווען פאַרזאָרגט צו קריגן עפּעס אַ אידענע וואָס זאָל ניט זיין קיין שלעכטע שטיפמאַמע זיינע קינדער?!...

אָט יענעם דאָנערשטיק אויף דער נאַכט, האָב איך אים געזען אַנדערש. אַ פּיצל זאָרג ניט. פּונקט פאַרקערט, ער איז אויפגעלייגט, ווילט זיך און דערציילט מעשהלעך. די שותפים זיינען אַלע דאָ (פינף זיינען זיי געווען),

מען „רעכנט״ זיך ניט, מען חשבונט ניט, דער טאַטע צאָלט ניט אַרויס קיי־
נעם קיין געלט (דער טאַטע איז געווען „קאַסיר״), מען טרינקט גאָר לחיים
און די שותפים ווינטשן דעם טאַטן עס זאָל זיין אין אַ גוטער שעה.

פון צימער וואו די שוועסטער איז געלעגן הערט זיך אַ כליפּען. דער
טאַטע גיט אַ געשריי: שטיל זאָל זיין, און עס ווערט שטיל.

די שותפים צעגייען זיך. דער טאַטע בלייבט מיט מיר אַליין. נאָכדעם
ווי ער באַקענט זיך וואו איך האַלט אין לערנען, אַז איך לערן שוין בבא
מציאה, אַז איך לערן חומש מיטן מלבים, אַז תנ״ך חזר איך שוין איבער
צום דריטן מאָל פון אָנהויב אָן, — איז ער צוגעגאַנגען צום ענין:

מאָרגן וועט קומען אַ צווייטע מאַמע. איך וועל זי דאַרפן רופן „מומע״.
ער ווייסט אַז קיין צווייטע מאַמע קען מען פאַר קיין טויזנטער ניט קריגן.
אפילו דער קייזער, אפילו רויטשילד, קאָן ניט קויפן קיין צווייטע מאַמע.
אָבער — ער האָט עס געטון צוליב אונז, די קינדער. ספּעציעל צוליב מיר.
פרומע וועט מן הסתם גיך חתונה האָבן און וואָס וועט זיין מיט מיר? ווער
וועט זיך אַרומקוקן אויף מיר? און אַזוי ווי איך בין אַ קלוג אינגעלע (איך
בין שוין געוואָרן אָנשטאָט אַ מזיק — אַ „אינגעלע״) און אַזוי ווי איך האָב
אַ קלוג קעפּעלע אויף זיך — וועל איך פאַרשטיין זיין לאַגע...

איך געדענק עס ווי היינט. איך בין געבליבן זיצן גלייכגילטיק. טאַקע
מיט מיין קינדעריש קעפּעלע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי ווייטער ווי עס
גייט איצט — קאָן עס ווייטער ניט גיין... דאָס איינציקע וואָס איך האָב
אַרויסגערעדט איז געווען:

— יאָ, טאַטע! אָבער מען זאָגט דאָך, אַז אַ שטיפמאַמע איז אַ מרשעת!
אַ שטיפמאַמע שלאָגט, קנייפּט, שטעכט מיט אַ נאָדל, גיט ניט קיין עסן
און... שעלט.

פאַר שעלטן — האָב איך מורא געהאַט ווי פאַרן מלאך המות. שעלטן
איז ביי מיר געווען דאָס ערגסטע. אָט למשל, אונזער רבי עלי שיכמאַן, ער
איז דאָך געווען אַזוי וואויל, אַזוי גוט, און האָט דערציילט אַזעלכע שיינע
מעשיות. אָבער דאָך, האָבן אים די קינדער און ספּעציעל איך, פיינט געהאַט
פאַר זיין שעלטן. ספּעציעל האָט ער געהאַט אַ טבע צו זאָגן אַ קינד:

— אַ רוח אין דיין טאַטנס, טאַטנס, טאַטנס טאַטן אַריין...

און ניט איינמאָל פלעג איך זיך טאַקע פאַרשטעלן מיין עלטער־עלטער
זיידע — וואָס, לויט מיין טאַטע האָט דערציילט, איז געווען אַ גרויסער ירא
שמים און תלמיד פון בעל שם, אַז אָט דער אַלטער איד, דרייט זיך אַרום

אויף יענער וועלט און קאָן זיך ניט באַפרייען פונעם... רוח וואָס עס איז אין אים אַריין, בעת דער רבי האָט אים פאַרשאָלטן, זאָגנדיק:

— אַ רוח אין דיין טאַטנס, טאַטנס, טאַטנס טאַטן אַריין...

דערפאַר אָבער, ווען דער רבי האָט בלויז אַ שעלט געטון:

— אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין!

וואָלט איך אים געוועזן צעריסן אויף שטיקער. נאָך דאָס פעלט, אַז אַ רוח זאָל אַריין אין מיין טאַטן און איך זאָל בלייבן אַ קיילעכדיקער יתום... דער־פאַר טאַקע האָב איך געשטעלט דעם טראָפּ, ווי פלעג איך דאַן זאָגן, דעם „דגש חזק" אויפן שעלטן. איך האָב עס געוואָלט, ווי „אויסנעמען" מיטן טאַטן, זיך פאַרזיכערן אַז זי, די „מומע", די נייע מאַמע וועט ניט שעלטן.

— ס'הייסט שעלטן? פאַרוואָס זאָל זי שעלטן? דו וועסט זיין אַ וואויל אינגעלע, וועסט ניט דערקוטשען, וועסט זי פאָלגן, וועט זי דיך ליב האָבן ווי אַן „אייגן קינד". זי איז נעבעך אַ געשטראָפטע, זי האָט ניט קיין אייגענע קינדער, וועט זי דיך האַלטן פאַר איר קינד...

איך וויל זיך אָבער פעסט „באַוואָרענען". איך האַלט, אַז איצט איז דער שעת הכושר איך זאָל אַרויסקריגן „קאָנצעסיעס". גיב איך, אַזוי זיך, אַ פרעג:

מען זאָגט דאָך אַז אַ שטיפמאַמע מוז זיין אַ שלעכטע? אַ מרשעת! ביסטו זיכער, טאַטע, אַז אָט די מומע איז ניט קיין שלעכטע?

דער טאַטע גיט אַ שמייכל. אים געפעלט וואָס איך רעד ווי אַ גרויסער. און ער מאַכט אַ זשעסט מיט די הענט:

— וואָס הייסט, וואו שטייט עס געשריבן, אַז אַ שטיפמאַמע מוז זיין אַ שלעכטע? אַזוי פיל גוטע יאָר אויף מיר, אַזוי פיל טויזנטער — וואָס זאָג איך טויזנטער — הונדערטער, אָדער קערבלעך זאָל איך האָבן וויפל שטיפ־מאַמעס עס זיינען דאָ אויף דער וועלט וואָס זיינען גוטע און נאָך בעסערע פון אַנדערע אייגענע מאַמעס... אַ פראַגע גאָר...

דער טאַטע רעדט מיט מיר ווייטער וועגן מיין צוקונפט, וועגן „תכלית", ער וואָלט געוואָלט אַז איך זאָל קאָנען גוט רוסיש, וואָלט ער מיך אַריינגע־געבן אין דער אוטשילישטשע „טרוד" אין אומאַן. פון דאָרט קאָן איך אַרויס אַ צאַצקעלע. אַ פאַרזאָרגטער מיט פרנסה לעולם ועד. דאָרטן לערנען אויך זיין (מיין טאַטנס) ברודערס קינדער און נאָך אַ סך אידישע קינדער.

אָבער דאָס — וועלן מיר זען שפּעטער. דער עיקר — זיי אַ מענטש און ווען די מומע וועט מאָרגן קומען מיט דניאל בעל עגלה, זאָל איך איר אָפּגעבן שלום עליכם, ווייל זי קאָן לערנען ווי אַ מאַנסביל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די גאַנצע נאַכט האָב איך שוין קיין אויג ניט צוגעמאַכט. איך בין שוין געווען נײַגעריק אָנצוקוקן די „מומע". מיט מײַן קינדערשן שׂכל האָב איך באַנומען, אַז מיט װײנען און זײַן שלעכט צו דער „מומען", װעל איך די מאַמע פֿון קבֿר צוריק ניט אויפֿהויבן און װעל בלויז, זיך און דעם טאַטן, פֿאַרביטערן דאָס לעבן. און איך האָב בײַ זיך באַשלאָסן — זײַן אַ גוט קינד, פֿאָלגן די מומע און... זיך צוגרייטן אין דער אוטשילישטשע „טרוד".

דאָס וואָרט „אוטשילישטשע טרוד" האָט געהאַט טױזנט חן:

ערשטנס, איז די „אוטשילישטשע" געווען אין אומאַן, אין אָט דער גרויסער שטאָט וואו עס זײַנען ברוקירט אַלע גאַסן, וואו עס זײַנען פֿאַראַן „טראָטואַרן" צו גיין און מען דאַרף ניט מורא האָבן, אַז אַ גוי זאָל דיך איבערפֿאָרן מיט די פֿערד אָדער אין בעסטן פֿאַל — דאָך אָפּשפּריצן מיט די רעדער אַזױ, אַז זאָלסט זיך ניט קאָנען אַרומוואַשן.

דאָס וואָרט אומאַן, איז פֿאַר אונז קלײנוואַרג געווען אַ צוציִאונגס־קראַפֿט. אַ מאַגיש וואָרט. עפּעס אַ קלײניקײט, די געמויערטע געבײַדעס, די טעלעפֿאָנען דורך וועלכע מען קאָן ריידן אײנער צום צווייטן. הײנט די סאָל־דאַטן און אָפּיצירן וואָס מאַרשירן אַלע זונטיק צום סבֿאַרנע קלויסטער, און דאָרט, בײַם קלויסטער, וואַרטן זײ ביז דער גענעראַל גײט אַרויס, — נאָך דער מאָליטווע — גיט דער ראָטנע קאָמאַנדיר אַ פּראַווע מיט די סאָלדאַטן און אַ געשרײ: סטרויעס — בלײַבן זײ שטײן ווי סטאַטועס, און דאָס אַלץ זעסטו אין אומאַן און וועגן דעם האָט מיר דער טאַטע געדערט און געגעבן האָפֿענונגען...

איך האָב געמאַכט פּלענער ווי אַזױ צו באַגעגענען די מומע, ווי אַזױ איר אָפּגעבן שלום עליכם, און אויב זי קאָן טאַקע לערנען ווי אַ מאַנסביל — ווי דער טאַטע זאָגט — וועל איך מיט איר טאַקע אָנהויבן ריידן לשון קודש. זאָל זי וויסן, אַז זי האָט דאָ צו טאָן מיט אַ בחור'ל וואָס יכולט.

געענדיקט מיט די פּלענער פֿון באַגעגענען די מומע, האָב איך אָנגע־הויבן פּלעכטן גאָלדענע פּלענער אַרום מיר, אַרום דער „טרוד", און איך האָב זיך שוין געזען אָנגעטאָן אין אַ מונדיר מיט זילבערנע אָדער גאָלדענע קנעפּ מיט אַ קאָקאַרדע ווי אַ גימנאַזיסט. און

מיט גליקלעכע געדאַנקען בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

אינדערפֿרי האָט מען מיך אַראָפּגעריסן פֿון בעט ווען עס האָט נאָך ניט שאַריעט אויף טאָג. מען האָט געדאַרפֿט אויפֿראַמען. (די היגע ווײַבער רופֿן עס „מאַכן לימפּיעסע"). די שוועסטער האָט טאַקע ניט געוואָלט באַגעגענען דעם גאַסט, ער איז איר טאַקע געווען ניט ליב — אָבער זי האָט ניט געוואָלט,

אַז די נייע בעל הביתטע פון דער שטוב זאָל אַריין אין אַ „סראַטש": וואָס וועט זי זאָגן? פאַראַן אַזאַ געזונטע מויד און עס איז אַזוי אָנגעוואָרפן... האָט זי אָנגעהויבן טראָגן דאָס בעטגעוואַנט אין דער „נייער זאָל" און עס דאָרט „אויסקלאַפּן", אַרויסנעמען דעם פּאָרעך (אַזאַ אַרבעט פלעגט מען געוויינלעך טאָן צוויי מאָל אין יאָר, ערב פּסח און ערב ראש השנה). מען האָט, אויף גיך, געגעבן אַ וואַש אָפּ דעם פּאָל. ווען עס איז געוואָרן גוט ליכטיק, איז דער טאַטע אַוועק אין מאַרק און געבראַכט אַ „העכט" וואָס האָט געוואויגן אפשר 10 פונט און עופות האָט מען נאָך נעכטן געקוילעט. מען האָט איינגעהייצט דעם אויוון צוגרייטן אויף מיטיק און אויף שבת. די מומע וויל אַליין צוגרייטן דעם ערשטן שבת — האָט דער טאַטע געמאָלדן. מען דאַרף נאָר אָנגרייטן פיש און פלייש. היינטיקן פרייטיק וועלן מיר נאָך עסן גבריאל פּעקאַרניקס חלה, אָבער איבעראַכטאָג וועלן מיר שוין האָבן אייגענע — די מומע וויל אַליין באַקן — מעלדעט דער טאַטע.

דער טאַטע הייסט מיר דווקא ניט גיין אין חדר, לכבוד דער מומע. אָבער איך האָב מיר מיין אויסרעכענונג. איך וויל בעסער, אַז אָנשטאָט איך, זאָל זי באַגעגענען, זאָל זי מיך באַגעגענען ווען איך וועל קומען פון חדר און איך לויף אַוועק אין חדר מיט אַ „פרייד"... איך וועל האָבן אַ גוטע שטיפמאַמע. און טאַקע, וואו שטייט עס געשריבן אַז אַ שטיפמאַמע מוז זיין אַ שלעכטע?...

איך קום אין חדר, איך טרעט נאָר איבער די שוועל באַגעגנט מיך די רביצן מיט אַ טרויעריקער מינע און גיט אַ פרעג:

— שוין דאָ?

— היינט קומט זי! — און איך נעם זיך צום סידורל, גלייך ווי גאָרניט געוועזן. געקומען בין איך צו פרי און עס האָט געדאַרפט געדויערן אַ גוטע האַלבע שעה ביז די איבעריקע קינדער זיינען זיך צונויפגעקומען. אין חדר ביי עלי שיכמאַן, האָבן מיר, קינדער, געדאַוונט במנין, און אַלע טאָג האָט אַן אַנדער קינד געדאַוונט ביים „עמוד". אויב עס איז מיר געבליבן עפּעס פון „דאַוונען ביים עמוד" — איז דאָס זיכער פון אָט די חדר יאָרן. אין עלף חדשים אַרום, ווען מיר האָבן אויפגעהערט זאָגן קדיש, און איך האָב געדאַוונט מנחה, טאַקע אַן אמתע מנחה, אין שיל, ביים עמוד — איז די שטאָט געגאַנגען כאַדאָראָם מיט נוסקעם קדיש. אַ שאָד וואָס מיין קול נגינה איז געווען ענלעך — און ביז היינט צו טאָג אַזוי — צו אַ... ריק־בעט!

יענער פרייטיק אינדערפרי איז אין חדר געווען מיין „אַטשערעד" צו דאַוונען פאַרן חדרשן „עמוד" און — אַזוי האָט דערנאָך דער רבי דערציילט

דעם טאַטן — איך האָב אָװעקגעלײגט אַ דאַװענען, איז דאָס זיך צעגאַנגען אין יעדער אבר. ער איז זיכער — אַזױ האָט דער רבי געזאָגט — אַז די נשמה פֿון דער מאַמען ע״ה, איז געװען אין חדר, האָט אױסגעהערט װי אַזױ איר מעזיניקל — דאָס 9־יאָריק קינד, דאַװנט פֿאַרן „עמוד״, איז אַ „שליח ציבור״, און זי האָט געכאַפּט די תפֿילות און זײ אָװעקגעטראָגן צום פֿיס־בענקעלע פֿון דעם כסא הכבוד און בײ אים געפּועלט, אַז איך זאָל מזכּה װערן מיט אַ גוטער שטיפֿמאַמע, אַ אידענע מיט נשמה און האַרץ צו יתומימלעך, נעבעך.

צו די מאַמע איז טאַקע געװען אין חדר יענעם אינדערפֿרי — בין איך ניט זיכער. צי מײַן דאַװענען האָט טאַקע אַזױ אױסגענומען, אַז די מאַמע האָט אַזש געכאַפּט אַ בינטל תפֿילות און זײ אָװעקגעטראָגן צום פֿיס־בענקעלע פֿון כסא הכבוד — װײס איך אױך ניט. נאָר אױב עס איז טאַקע אמת — איז אַ סימן, אַז מײַנע תפֿילות זײַנען דעם רבונו של עולם ניט געפֿעלן געװאָרן, אַ סימן — זי האָט גאָרניט געפּועלט בנוגע דער שטיפֿמאַמע...

די רביצן װידער, האָט מיך אַ גאַנצן אינדערפֿרי באַקלאָגט און באַדױערט. פֿאַר רחמנות, האָט זי אַפֿילו אָפּגעבאַקן אַ פּיפּאַלעקל מיט שמאַלץ און מיר דערלאַנגט. ספּעציעל איז איר ניט געפֿעלן געװאָרן װאָס אַלע נסים טרעפֿן זיך דעם טאַטן... פֿרײַטיק.

אין אַ פֿרײַטיק איז די מאַמע געשטאָרבן און אין אַ פֿרײַטיק האָט ער אונז געבראַכט די שטיפֿמאַמע.

אַרום עלף אַזײגער איז געקומען דער טאַטע אין חדר אַרײַן מיך אָפּנעמען. דער רבי האָט אים געגעבן די האַנט און אים געװאונטשן, אַז דער שידוך זאָל עולה יפה זײַן — און דערבײַ געקוקט אױף מיר. גראָדע אינדערפֿרי האָב איך צײַט געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס מיטן רבין װעלכער איז געװען אױסער־געװײנלעך פֿרײַנדלעך צו מיר יענעם טאָג. איך האָב אים געשטעלט די קלאָץ־קשיה:

— צי מוז אַ שטיפֿמאַמע זײַן אַ שלעכטע, אַ מרשעת?

דער רבי האָט מיר געװאָלט מאַכן גרינג דאָס האַרץ האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז... קײן „מוז״ איז דאָס ניט און מן התורה איז דאָס אױך ניט. אָבער, — האָט ער אױסגעלאָזט — זינט די װעלט שטײט, און זינט אדם הראשון איז געבױרן געװאָרן, איז נאָך ניט געבױרן געװאָרן קײן גוטע שטיפֿמאַמע. װאָס דאַרפֿסטו מער — ס׳איז אַ סברא, אַז אַפֿילו די מוטער לאה, יעקב אבינוס פֿרױ — איז געװען אַ שלעכטע שטיפֿמאַמע צו אירע צװײ שטיפֿקינדער יוסף און בנימין, און עס איז אױך אַ סברא, אַז זי האָט עס

אַנגערעדט און „אויפגעהעצט" אירע בנים, אַז זיי זאָלן פון יוספן פּטור ווערן דורך וועלכן אופן עס איז ניט איז...

אונטער דעם איינדרוק, בין איך עס געגאַנגען באַגעגענען מיין נייע מאַמע — מיין שטיפמאַמע, וועלכע איך דאַרף רופן „מומע" און פאָלגן וואָס זי הייסט מיר.

— —

דאָס גאַנצע בילד שטייט מיר פאַר די אויגן.

אַ הויכע, דיקע, שיינע פרוי. נעט אָנגעטאָן און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, באַגעגנט זי מיך. איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָב איר אויסגעשטרעקט דאָס הענטל און געזאָגט: „שלום עליכם". און כדי צו ווייזן איר, אַז איך נעם זי אויף פריינדלעך, און כדי צו ווייזן איר, אַז איך „יכול" אין די קליינע אותיותלעך, האָב איך — אַלס סורפּריז פאַרן טאַטן — צו־געגעבן:

— בשעה טובה ומוצלחת. (אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה).

זי איז געבליבן איבערראַשט. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס שטייען איר טרערן אין די אויגן. אָבער אַז דער טאַטע האָט זיך טאַקע געווישט די אויגן — דאָס האָב איך געזען. מיין שוועסטער פרומע, וועלכע איז געזעסן אין שטוב דעמאָלט אַן אָנגעבלאָזענע און ערנסטע, האָט אויך אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער רעדט: זאָל זי זען, די שטיפמאַמע, אַז זי האָט דאָ צו טאָן מיט פיינע געלערנטע קינדער. די „מומע", וועלכע דער טאַטע האָט מיר געהאַט געזאָגט אַז זי קאָן ווי אַ מאַנסביל — האָט זיך באַנוגנט צו ענטפערן:

— אמן, רבונו של עולם.

„געקענט ווי אַ מאַנסביל" האָט זי טאַקע, אָבער... בלויז דאַווענען פון סידור. זי פלעגט זאָגן עברי און טייטש פון איר „צאינה וראנה" און אַלע ווייבער אין שיל האָבן נאָכגעזאָגט. ווייטער פון דעם — איז איר „תורה" און איר „קענטעניש" ניט געגאַנגען...

ווייזט אויס, אָבער, אַז דער טאַטע האָט זיך באַרימט מיט איר קענטע־ניש, ניט בלויז פאַר מיר, נאָר פאַר זיינע שותפים און פאַר אַ סך באַקאַנטע זיינע. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי ווייט איר קענטעניש דערגרייכט — האָט ער זיך פאַרענטפערט אַז... עס זיינען פאַראַן אַ סך מאַנסבילן וואָס וואָלטן זיך געוואונטשן קענען האַלב עברי פון איר. און דאָס איז געווען אַ גרויסער אמת.

דער ערשטער אָנבייסן מיט דער „מומען" איז געווען כמעט ווי... יום־טובדיק. באַלד נאָך מיטיק, האָט זי זיך אויסגעטון די שבתדיקע מלבושים

וואָס זי האָט געטראָגן, זיך פאַרקאַטשעט די אַרבל און צוגעגרייט אויף שבת. פּרייטיק צו נאַכטס, נאָכן עסן, אין שטוב האָט געברענט דער גרויסער לאָמפּ וועלכער איז געווען פול מיט קעראָסין, עס זאָל סטייען וויפל מען וויל, זיי־נען זיך צונויפגעקומען געסט, דערהויפּט שכנות און די שותפים, מקבל פּנים זיין דעם גאַסט. די מענער זיינען געזעסן אין דער גרויסער זאַל, וועלכע איז געווען אויסגעריייניקט און אויסגעוואַשן דער פּאָל נאָך פון נעכטן, און די ווייבער האָבן זיך צונויפגעטוליעט אין סטאָלאָווע און מען האָט געבאַלאַקעט מיט דער „מומען". די מענער האָבן גערעדט פון „פּאָליטיקע" און פון נייעם פּריסטאַוו — אַ יקי כפּימניקער וואָס טוט אָן צרות אין שטעטל און האַלט אין איין מאַכן „פּראָטאָקאָלן" פאַר יעדער קלייניקייט. דערנאָך איז מען אַרויף אויף דער טעמע „אַמעריקע" — האָט מען זי שוין ניט אָפּגעלאָזט ביז מען איז זיך צעגאַנגען אַהיים. פאַרשטייט זיך, אַז ניט איטלעכער איז געווען אַנטציקט פון אַמעריקע. אמת טאַקע, מען אַרבעט זיך אַרויס זייער שנעל און „מען מאַכט אַ לעבן" און יעדער גאַרנישט מיט גאַרנישט עפּנט דאָרט אַ „שאָפּ" און ווערט אַ מיליאָנער. און דערביי האָט מען דערמאָנט דעם מלמד יאָסעלע שעסטאָפּאַלעץ וואָס איז שוין אַ מיליאָנטשיק. האָבן אָבער אַנדערע אָנגעוויזן, אַז אַמעריקע איז אַ טריף לאַנד, וואו שבת איז קיין שבת ניט, יום־טוב איז קיין יום־טוב ניט און אַפילו צו קבר ישראל קומט מען ניט ווי עס דאַרף צו זיין. אַ סברא, אַז דאָרט איז ניטאָ קיין חברה קדישא, קיין חברה נושאי המטה ווי עס דאַרף צו זיין. נאָר וואָס דען? אַ איד האָט געעפנט אַ קלייטל פּונקט ווי ער עפנט אַ באַקאַליינע אָדער מאַנופאַקטורנע מאַגאַזין, און אָט דאָס קלייטל אָדער געשעפט פאַרנעמט זיך מיט צונעמען דעם מת און אים מקבר זיין אויף אַ פּלאַץ וואָס ער רופט אָן „בית־עולם". אָבער, די קרקע, מוז מען קויפן ביים לעבן, מען דאַרף זיין אַ „מעמבער", אלא ניט — קאָן מען נאָך איינזאַלצן אָדער גאָר פאַרברענען...

בני בה, דערציילן זיי די אידן, אַז אין אַמעריקע באַגראָבט מען ניט אויף דער הוילער ערד ווי דאָ — נאָר מען לייגט אַריין אין אַ קאַסטן ווי ביי די גויים און אַזוי איז מען מקבר אַלעמען, סיי אָרעם סיי רייך.

זעט איר, די געשיכטע מיטן קאַסטן איז מיר געווען געפעלן. איך בין שטאַרק מקנא געווען די טעפּליקער גויים וואָס ווען זיי „פּגרן" (ביי אונז האָט מען דאָך ניט געזאָגט אויף אַן ערל — געשטאָרבן...) טראָגט מען זיי אין אַ קאַסטן און אַזוי באַגראָבט מען זיי. אַ סברא, אַז די גאָר רייכע מוזשי־קעס, די „בעלי גופים" באַגראָבט מען אין אַ ראָבלענעם קאַסטן וואָס אינע־ווייניק איז ער אויסגעקלאַפּט מיט בלעך. אָט אַזוי איז מיר געפעלן. ניט

אַריינלייגן, ווי אין טעפּליק פירט זיך, אין אַ נאַסן קבר און גלייך, אָן צערע־מאָניעס אָנשיטן אויבן ערד... דער אַמעריקאַנער מנהג איז מיר בעסער גע־פעלן געוואָרן.

די ווייבער, ווידער, האָבן גערעדט פון... יקרות און פון מציאות. יעדע איינע האָט דערציילט וואָס פאַראַ מציאות זי האָט געהאַנדלט ערב שבת, און איינע האָט זיך אַפילו באַרימט אַז זי האָט געקויפט אַן עוף פאַר „פיר מיט צען" (ס'הייסט, פיר גילדן און צען גראָשן — 65 קאָפּקעס), האָט זי אויס־געטרייבערט העכער אַ פונט שמאַלץ וואָס זי וועט האָבן און האָבן ביז פּסח. די ווייבער האָבן איר גראָדע ניט אַזוי געגלויבט, אָבער — מען האָט ניט דיסקוטירט. און ווער ווייסט ביז ווען מען וואָלט ניט געזעסן ביי אונז — און גראָדע האָב איך שוין געוואָלט שלאָפן. מיר זיינען דאָך אויפגעשטאַנען פאַרטאָג — ווען העניע באַסעם זאָל ניט געווען אָנהויבן געניצן. די ווייבער האָבן איר אָנגעהויבן צוהעלפן און

פון שטעטל איז געוואָרן אַ דערפל. מען האָט זיך צוביסלעך אַרויסגע־רוקט פון שטוב.

מיר בין איך געווען, הן פון אויפשטיין פאַרטאָג, הן פון דעם רעש אַ גאַנצן טאָג, און טאָקע פון די איבערלעבענישן און געשעענישן פון טאָג און, אַרויפ־קלויבנדיק זיך אויפן אויוון — בין איך שנעל אַנטשלאָפן געוואָרן.

ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומט די מאַמע איז צו מיר געקומען, האָט מיך געגלעט און געוויינט און ביים אוועקגיין האָט זי מיר אָנגעטון אַ... פאַנ־צער, אָט איינעם פון יענע פאַנצערס, ווי אַזוי, מיר קינדער, האָבן זיך פאָר־געשטעלט, איז געגאַנגען אָנגעטון יהושע בן נון, יהודה המכבי און בר־כוכבא. ווייזט אויס, אַז איך בין באַגאַנגען אַ גרויסע נאַרישקייט וואָס איך האָב אינדערפרי דערציילט מיין חלום. דער שטיפמאַמעס פנים האָט זיך עטלעכע מאָל געביטן און לסוף האָט זי זיך, ביים טיש זיצנדיק, ניט געקאָנט באַ־הערשן און מיר געזאָגט:

— טאַמער וועט די מאַמע נאָכאַמאָל קומען צו חלום צו דיר, הייס זיך איר אויך געבן אַ שווערד, ווייל מיט אַ פאַנצער אַליין וועסטו גאָרנישט קאָנען אויפטון.

דער שטיפמאַמעס „זאָג" האָט געמאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק אויף אַלע־מען. דער טאַטע האָט געוואָלט מאַכן צו קליין־געלט די גאַנצע געשיכטע, ווייסעך, אַ קינד, אַ חלום, וואָס ווייסט אַ קינד? — מען האָט שוין אָבער ניט געקאָנט כאַפּן צוריק מיט מיין פאַנצער, ניט דער מומעס שווערד...

ווען איך בין דעם אַנדערן טאָג געקומען אין חדר, האָט מיך די רביצן באַלד באַגעגנט מיט א „וואָס הערט זיך?" ווי אַזוי זעט אויס די מומע? און אַנדערע צען פראַגעס. ענטפערנדיק דער רביצן, האָב איך איר אויך דערציילט וועגן דעם אינצידענט מיט מיין חלום און דער מומעס... פּותר חלום זיין.

די רביצן האָט אָנערקענט אַז די מומע איז געווען באַרעכטיקט צו באַ־ליידיקן זיך און האָט מיר געעצהט, אַז איך זאָל באַלד, טאַקע נאָך היינט, זי זען איבערבעטן.

קומענדיק אַהיים, האָב איך געטראָפן די מומע אַביסל ערנסט און אָנ־געבלאָזן. דאָך בין איך צוגעגאַנגען צו איר און, כמעט וויינענדיק, געבעטן זי זאָל מיר פאַרצייען פאַר מיין חלום...

די מומע האָט א שמייכל געטון, מיך אפילו א גלעט געגעבן, און מיר צוגעזאָגט צו פאַרגעסן אין דעם.

געוואַלד געשריגן! ווער זשע האָט עס געזאָגט, אַז א שטיפמאַמע מוז זיין שלעכט? אָט, איז מיין שטיפמאַמע א מלאך...

קאַפּיטל עלף

די שטיפמאַמע ווערט „געלעגן" מיט צוויי זין

מיינע זיבן גוטע חדשים. — איך האַלט מיט מיין שטיפמאַמע. — איר ערשטע קללה. — די רוחות און שדים וואָס כאַפּן אויף די קללות. — מיינע חלומות צו ווערן אַ... אינזשעניער. — עס הויבן זיך אָן די שלעכטע חדשים און יאָרן. — דער טאַטע גייט אַרום אַנגעבלאָזן. — די מומע האָט פאַרלייקנט אירע צוויי אינגלעך. — זיי קומען קיין טעפּליק. — איך וויל זיי אויסלערנען עברי און... קדיש זאָגן. — איינער אַ קירזשנער, דער צווייטער אַ שערער. — זייערע חברים און מיינע חברים. — די שטיפמאַמע טוט אויס די מאַסקע. — דער טאַטע גלויבט איר און איך זאָג קיינעם ניט אויס. — איר צעטל קללות. — זי כאַפּט איבער די מאָס און עס קומט צו אַ שרעקלעכן פאַל. — מען דאַרף אָנהויבן טראַכטן פון תכלית.

דער חילוק פון מיר ביז... פּרעה דעם מלך פון מצרים איז געווען אָט אין וואָס:

ביי אים האָבן זיך געענדיקט די זיבן גוטע יאָר און עס האָבן זיך אָנגע־הויבן זיבן שלעכטע יאָר. ביי מיר האָט קיין יאָר ניט געדויערט. טאַקע בלויז זיבן גוטע חדשים האָב איך געהאַט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן, ניט קיין זיבן שלעכטע חדשים, נאָר אַ סך, גאָר אַ סך צענדליקער חדשים פון הונגער, פון פּעטש, פון קללות און פון גיהנום...

אין משך פון די ערשטע, פון די גוטע זיבן חדשים, האָב איך געלעבט ווי אין אַ גן־עדן. די שטיפמאַמע האָט געשמייכלט צו מיר, גערופן מיך וועל־וועלע, געגעבן עסן, כאָטש דער טאַטע איז נאָך ניט געקומען פון יאַריד, פאַר־ריכט דאָס אונטערוועש (געוואַשן האָט די גויע יאַוודאָכע) און ווען דער טאַטע איז געקומען פון יאַריד, האָט ער — אָנשטאָט אַ שטיפמאַמע פאַר זיין קינד — געטראָפן אַן אמתן מלאך. און — ווייזט אויס, אַז צוליב דעם טאַקע, און ווי אָרעם ער איז געווען, — האָט ער איר באַשטעלט אַ רעטאָנדע, וועלכע די שותפים האָבן געשאַצט אפשר אין דריי הונדערט קאַרבן...

און כאָטש די שכנים האָבן געמורמלט, כאָטש די מומע שפרה האָט אַזש געוויינט פאַר פאַרדרוס, וואָס דעם „אייגענעם" ווייב האָט ער פאַר עטלעכע

צענדליק יאָר ניט געמאַכט קיין רעטאָנדע, דאָך — האָב איך געהאַלטן מיטן טאַטן. אויב זי איז אַזאַ צדקת — קומט איר אַ רעטאָנדע. און פאַר פרייד — האָב איך איר אַפילו דערציילט וואָס אַנדערע זאָגן און וואָס איך זאָג...

דער מומעס ענטפער איז מיר גראָדע — ניט געפעלן. ס'האָט געשמעקט מיט אַ קללה. זי האָט רואיק אויסגעהערט און געענטפערט אַז: „ווער עס איז זי מקנא — זאָל איבערקומען אויף איר גוטס". הייסט עס, אַז אויך די מומע שפרה, וועלכע האָט עס געזאָגט, און אויך גנענדל, אונזער שכנה, און אויך די רביצן אין חדר, וועלכע האָט געמאַכט אַזאַ באַמערקונג — אויך זיי זאָלן ווערן אַלמנות און דאַרפן דערנאָך ווערן שטיפמאַמעס — ניין, דאָס האָב איך ניט געוואָלט. בכלל האָב איך שטאַרק פיינט געהאַט קללות, און דער עיקר, שטאַרק מורא געהאַט פאַר קללות. דאָס האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם רבין עלי שוכמאַן. ער — וואָס האָט געקאָנט אויסגעצייכנט אַלע ווינקעלעך פון גיהנום און גן עדן, ער, וואָס איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף... שדים און רוחות און וואָס האָט געוואוסט ווען און וואו זיי דרייען זיך אַרום, ער האָט עס אונז דערציילט, אַז די שדים און רוחות זיינען פול אומעטום, און אַז זיי דערהערן ווי עמיצער גיט אַ שעלט אַ צווייטן אָדער אַ זאָגן: „אַ דיבוק זאָל אין אים אַריין", אָדער: „ער זאָל נאָר משוגע ווערן", לויפט שוין אַוועק דער דיבוק און כאַפּט זיך אַריין אין צווייטן, דער „רוח" לויפט אַוועק, כאַפּט זיך אַריין צו יענעם אין קאָפּ אַריין און קערט אים איבער דעם מוח מיטן „פּנים" אַראָפּ — און יענער ווערט שוין משוגע. מען דאַרף נאָר אויסריידן אין „אַזאַ שעה"... און אַז „אַזאַ שעה" עקזיסטירט — איז דאָך אַפילו קיין פראַגע ניט. מען ווייסט נאָר ניט, ווען אָט די שעה איז וואָס מען טאָר ניט שעלטן. בלויז די „גוטע אידן", דער מאַנאַסטרישטשער רבי, אָדער דער טאַל־נער רבי, אָדער דער בראַסלאַווער ע"ה זיי האָבן געוואוסט ווען אָט די „שעה" איז — און האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און איינעם געבענטשט — און עס פלעגט טאַקע מקוים ווערן...

די שטיפמאַמע מיינע האָט טאַקע געגלויבט באמונה שלימה, — זי האָט עס געלייענט אין איר „צאינה וראנה" — אַז מען דאַרף נאָר אויסריידן אין אַזאַ שעה — און עס קאָן מקוים ווערן...

און, אָט אַזוי האָב איך אָפּגעלעבט גליקלעכע זיבן חדשים. איך האָב גוט געלערנט אין חדר, גוט געלערנט אין שקאָלע, און שטילערהייד האָב איך זיך געלערנט שפּילן אויף אַ גיטאַרע — פאַרשטייט זיך — אַן נאָטן. ביי־נאַכט, איך פלעג קומען פון חדר, אָפּגעגעסן און זיך געלייגט שלאָפן, בין איך — אַ צען־יאָריק קינד — געלעגן שעהנווייז, ניט געקאָנט איינשלאָפן,

און זיך געמאַכט פּלענער און געוועבט פאַנטאַזיעס, ווי אַזוי איך וועל פאַרן קיין אומאַן, ווי אַזוי איך וועל אַריין אין „טרוד" און ווי אַזוי איך וועל קומען קיין טעפּליק מיט אַ... „קאָקאַרדע" אויפן קאָפּ און מיט אַ „טוזשורקע" (אַ רעקל) מיט זילבערנע קנעפּ, ווי עס האָבן געטראָגן די טרודניקעס. און אַז איך וועל ענדיקן דעם טרוד, וועל איך אַוועק קיין... פּעטערבורג און לערנען אויף אַן אינזשעניער. טאָמער, אָבער, וועט מען וועלן אַז איך זאָל זיך שמדן — האַלט איך זיי אין דער ערד, וועל איך אַוועק קיין אַמעריקע און דאָרט ווערן אַן אינזשעניער... דאָרט קאָן אַ ייִד ווערן אַפילו אַ פּרע־זידענט...

גיי ריכט זיך, אַז מיינע חלומות וועלן אַזוי שנעל צערינען ווערן. גיי ריכט זיך, אַז ער רוקט זיך אָן אַ שטורעם איבער אונזער שטוב, איבער מיין קאָפּ, און דער שטורעם וועט איבערדרייען אַלע מיינע צען־יאָריקע פּלענער, און וועט מיך, אַזוי יונג און אַזוי שנעל, באַקענען מיט אַן אמתן גיהנום. אַ גיהנום וואו בלויז איינער האָט זיך דאָרט געפונען — דאָס בין איך געווען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָנגעהויבן פילן אַז עפּעס איז ניט גלאַט, האָב איך, נאָך איידער עס האָבן זיך רעכט געענדיקט די זיבן גוטע חדשים. עפּעס האָב איך איינמאָל, ווען איך בין געקומען פון חדר, באַמערקט אַז דער טאַטע מיט דער מומען גייען אַרום ברוגז. דער טאַטע איז אָנגעכמורעט און די מומע גיט מיר ניט — ווי געוויינלעך — די וועטשערע מיינע. דער טאַטע האָט מיר געגעבן אַ קאָפּקע איך זאָל גיין צו שבתי קרעמער און זיך קויפן אַ מיטל שטיקל הע־רינג און דאָס וועט זיין מיין וועטשערע. איך האָב די קאָפּקע אַריינגעלייגט אין קעשענע און בין אַוועק צום פּעטער מאָטיען און דאָרט בין איך געוואוירע געוואָרן דאָס נייעס:

די מומע האָט צוויי קינדער: אַ בחור'ל פון אַ יאָר צוועלף און אַ בחור'ל פון אַ יאָר פערצן. ביים חתונה האָבן פאַרן טאַטן, האָט זי די קינדער פאַר־לייקנט. זי, די שטיפמאַמע זאָגט, אַז זי האָט גאָרניט און קיינעם ניט פאַר־לייקנט. נאָר פשוט, דער טאַטע האָט זי ניט געפרעגט, האָט זי ניט געהאַט פאַרוואָס אים ענטפערן אויף זאַכן אויף וועלכע ער האָט ניט געפרעגט... ווייזט אויס, אַז דאָס איז טאַקע געווען אמת. ווען דער טערניוווקער שדכן האָט אין איינעם אַ דינסטיק פון טערניוווקער יאַריד, גערעדט דעם טאַטן דעם שידוך. דער טאַטע האָט געזען אַ יונגע, שיינע פרוי, וואָס איז גרייט צו „גיין אויף קינדער", ד. ה. חתונה האָבן מיט איינעם וואָס האָט יתומים האָט ער

אין איילעניש, ניט גענומען קיין אינפאָרמעס, זיך ניט נאָכגעפרעגט, אפילו, רעכט אויפן יחוס, און איינגעשטימט אויפן שידוך. די צוויי קינדער אירע, האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי אירער אַ רייכער שוועסטער אין לידווינקע. איצט, ווען די שוועסטער איז געוואָרן גענוויגע געוואָרן אַז זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ טעפּליקער... גביר, פאַר אַ אידן מיט אַן אייגענער שטוב אויף דער גלאַוור־נער גאַס, וויל זי איר די קינדער אָפּשיקן. און — אָט דאָס איז דער רוגז. דער טאַטע וויל ניט קיין פרעמדע קינדער. ער שרייט, אַז זי האָט אים גע־דאַרפט זאָגן, אפילו ווען ער האָט זי ניט געפרעגט...

דער סוף איז געוואָרן:

דער טאַטע האָט טאַקע ניט געוואָלט, טאַקע פּראָטעסטירט, אָבער אין אַ שיינעם טאָג, האָט דניאל בעל עגלה געבראַכט צוויי בחורימלעך, מיט צוויי קלומעקלעך, און ווען דער טאַטע איז געקומען פון יאַריד — האָט ער גע־טראָפן די צוויי געסט.

עס וועט זיין שווער צו גלויבן, אָבער פון דער ערשטער מינוט אָן, האָב איך געהאַלטן אַז די שטיפמאַמע איז גערעכט, און בין געווען אויף איר זייט. נאָך איידער דער טאַטע איז געקומען און זיך באַקאַנט מיט זיינע נייע צוויי קינדער, האָב איך שוין געשלאָסן קענטשאַפט מיט זיי און האָב זיך איבער־ציייגט אַז ביידע... קאָנען קיין עברי ניט. און ניט פאַרלירנדיק קיין צייט, האָב איך באַלד פאַרגעלייגט דער מומען צו ווערן זייער לערער, און אין משך פון איין מאָנאַט צייט וועל איך זיי אויסלערנען דעם גאַנצן „ראשית דעת" אינעווייניק און גאַנץ... קדיש — אויסנווייניק. איצט, פערציק יאָר נאָך יענער געשעעניש, קאָן איך גיין שווערן, אַז איך האָב עס געטון, ניט כדי צוּוואַרפן מיין שטיפמאַמע אַ לעקעכל. ניט כדי זיך איינקויפן ביי איר אין ליבע — נאָר, ערשטנס: ווייל איך האָב פשוט רחמנות געהאַט אויף זיי, וואָס קאָנען נעבעך ניט קיין עברי און אויף זייער טאַטע וואָס ליגט נעבעך אין דער ערד און קיינער זאָגט קיין קדיש ניט נאָך אים. איך בין געווען זי־כער, — און אַזוי פלעג אונז דערציילן עלי שיכמאַן — אַז כל זמן זיינע קינדער וועלן ניט זאָגן קיין קדיש ביי זיין יאָרצייט, וועט זיך זיין נשמה ארומבלאָנקען אויף דער וועלט, אויפן עולם התוהו, און די מלאכי חבלה וועלן זי כאַפּן און זי בראָטן און ברענען אין גיהנום, אָדער מען וועט זי וואַרפן פון איין עק וועלט צום צווייטן עק, אָדער אפשר גאָר, וועט די נשמה אריין אין אַ חזיר, אין אַ הונט, אָדער קאַץ און אָפּקומען אייביק, אייביק. אין יענע יאָרן בין איך שטאַרק געווען אונטערן איינדרוק פון דעם רבינס מעשהלעך

וועגן גן עדן און גיהנום, און אָט דאָס איז געווען מיין הויפּט־מאָטיוו פאַר־צולייגן מיין שטיפמאַמע אויסלערנען אירע קינדער עברי און קדיש.

איין זאַך אָבער האָט געשטערט, אַז מיינע נייע ברידער זאָלן מיר איינ־גאַנצן געפעלן: ביידע זיינען שוין געווען בעלי מלאכות. דער עלטערער איז געווען אַ קירזשנער און דער צווייטער, דער קלענערער, האָט שוין געאַרבעט אַ יאָר דריי ביי אַ צירולניק, אַ פּאַריקמאַכער, אַ שערער. און ביידע האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן מאָרגן גיין זוכן אַרבעט באַ זייער פאַך. מילא, אַ קירזש־נער, איז נאָך געווען צו דערליידן. טאַקע ניט אַזאַ געהויבענע פּראָפעסיע, טאַקע ניט אַזאַ יחוסדיקע מלאכה. אָבער, דאָך, מען קען עס נאָך אַראָפּשלינגען. אָבער אַ שערער, אַ צירולניק, אַ חיימל יאַבלאָנטשיק האָבן ביי זיך אין שטוב, דאָס — האָב איך פאַרשטאַנען — וועט דער טאַטע ניט וועלן. און

אַזוי איז טאַקע געווען.

פון דעם טאָג אָן וואָס מיין שטיפמאַמע איז „געלעגן געוואָרן" מיט אָט די צוויי פאַרגרעבטע בנים אירע — איז אונזער שטוב געוואָרן אַ גיהנום און איך האָב זיך דאָרט אָנגעהויבן פּרעגלען.

ביידע קינדער, דערהויפּט דער קלענערער, זיינען געווען ווילד און אומ־דערצויגן. פון לערנען זיך עברי אָדער קדיש האָבן זיי ניט געוואָלט וויסן. עפּעס האָב איך יאָ געלערנט מיט זיי עטלעכע טעג, אָבער מער האָבן זיי ניט געוואָלט. און ווי אויף צו להכעיס, פון ערשטן טאָג אָן, האָבן זיי זיך אָנגע־הויבן חברן מיט די ערגסטע קינדער פון שטאָט. עס האָט געדויערט בלויז אַ פּאָר מאָנאַטן, אַז דער טאַטע זאָל זיך אַרומקוקן, אַז די קינדער זיינען ניט צוגעפּאַסט צו זיין הויז, צו זיין קינדס סביבה און חברים. ביי דער מומעס קינדער איז שבת קיין שבת ניט געווען און יום־טוב איז מען געגאַנגען אויפן דאָרף זיך שפּילן מיט שקצימלעך און... מיט שיקסעלעך.

און די מומע? זי האָט זיך אינגאַנצן געביטן. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע פון מלאך און איז געבליבן מיט איר אייגן פּנים פון... טייוול. אַנ־שטאָט זוכן מיטלען אַז די ריישערס חברה — די ערגסטע אין שטאָט, זאָלן ניט קומען זוכן יחיאלעקלען (אַזוי האָט געהייסן דער קלענערער) האָט זי אָנגעהויבן טראָגן אַ האַס, אַ פאַרביטערטן האַס, פאַרוואָס צו מיר קומען די פיינסטע קינדער פון שטעטל. אירע קינדער זיינען געווען אין שטוב אויף אַלעם גרייטן און כאָטש זיי האָבן פאַרדינט — דאָך האָט דער טאַטע ביי זיי גאָרניט גענומען. הייסט עס, אַז זי האָט צו מיר געדאַרפט זיין, לפּחות, אַזוי

גוט, ווי דער טאַטע צו אירע קינדער. דאָך, איז זי געוואָרן אַ שלאַנג. אַן אמתע שלאַנג. און בלויז צוליב קנאה. זי האָט ניט געקאָנט איבערקאָכן וואָס איר יחיאלעקל איז אַ שערער און וואַלגערט זיך אַרום מיט דעם בית־הקברות־עם אַ מויד וואָס איז עלטער פון אים מיט 10 יאָר און וואָס האָט שוין געהאַט צוויי ממזרים... און וואָס צו מיר קומט שמואל שפּילבאַנדס אינגל, ישראל דעבטיאַרס אינגל, שלמה האַראַוויצעס מיידל און צוזאַמען לייענען מיר פּושקינען, דאָסטאָיעווסקין און ביאַליקן.

און אַזוי ווי זי האָט מיר גאָרניט געקענט טון ווען אַ פּאָר אייגענע זיינען געווען, האָט זי זיך אין מיר געגוקמט ווען... קיינער איז ניט געווען, ווען דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן אויפן יאַריד אָדער קיין אומאַן.

זי איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת, איך האָב איר שוין לאַנג מוחל געווען; אָבער, פאַרגעסן קאָן איך פאַרט ניט אירע פייניקונגס־מיטלען, ספּעציעל — דאָס איבערשרעקן מיך ביינאַכט, דאָס אָנטון זיך מיטן ליילעך אײַבערן קאָפּ און אַריינקומען אין סטאָלאָווע וואו איך בין געשלאָפן און זיך פאַרשטעלן פאַר אַ טויטן, כדי אפשר וועל איך זיך איבערשרעקן און... פּאַראַליזירט ווערן אָדער פאַרלירן דעם שכל. עפּעס האָט זי געלייענט ערגעץ אין אַ מעשה־ביכל, אַז פון שרעק, קאָן מען ווערן אַן אידיאָט, האָט זי געזוכט אָט דאָס דערגרייכן ביי מיר.

פאַר וועמען האָב איך זיך געקאָנט קלאָגן? דער טאַטע — האָט געגלויבט בלינדערהייט וואָס די מומע האָט אים אָנדערציילט און אַלס צוגאָב צו די קלעפּ, וואָס איך האָב געכאַפּט פון דער שטיפמאַמע — האָט ער קומענדיק אַהיים, דערלייגט נאָך עטלעכע.

דעם פעטער מאָטיען און דער מומע שפרהן האָב איך ניט געוואָלט דערציילן. ביים פעטער מאָטיען זיינען געווען צוויי בנים, נחמן און אברהם, וואָס, ווען זיי ווערן געוואוירע פון מיינע ליידן, קומען זיי צוגיין און... פּאַטשן אוים גוט די מומע און ווער ווייסט — מעגלעך אַז דעם טאַטן אויך... בכלל האָב איך מורא געהאַט פאַר אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל. איך האָב געזען וואָס עס איז געוואָרן מיט אַ טעפּליקער אידן, אַ געוויסן ב. וואָס האָט געלאָזט זיין צווייטע פרוי — אויך אַ יונגע און אַ שיינע — זיך נוקמען אין אירע שטיפקינדער ביז אַ מיידל פון 18 יאָר האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין גרויסן טייך און זיך דערטרונקען, איבערלאָזנדיק אַ בריוו, אַז איר פאָטער, וואָס האָט דערלאָזט אַז די שטיפמאַמע זאָל זי פאַרפייניקן, איז שולדיק אין איר טויט.

דער דאָזיקער איד, אַ חשובער טעפּליקער בעל־הבית, איז פּשוט אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם. מען האָט אים קיין עליה אין שול ניט געגעבן,

אפילו שמחת תורה ווען מען רופט אויף אַלע קליינע קינדער. מען האָט אים ניט איינגעלאַדן אויף קיין שמחה. און ווען ער איז איינמאָל געקומען צו אַ אידן אויף אַ בן־זכר, האָט מען אים געהייסן ארויסגיין... לסוף האָט ער אין אַ שיינעם טאָג איבערגעלאָזט זיין שיין ווייבל און איז אוועק קיין אַר־געגטינע...

אָט די געשיכטע און נאָך ענלעכע אַזעלכע פאַלן, האָבן געווירקט אויף מיר — שוין אַ בחורל פון אַ יאָר עלף, אַז איך זאָל מיינע ליידן פאַר קיינעם ניט דערציילן. און זי, די שטיפמאַמע, האָט אויסגענוצט אָט די אומשטענדן, זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איך היט זיך פאַר עמיצן צו דערציילן ווי אַזוי זי נוקמט זיך אין מיר — און געטון מיט מיר וואָס איר האַרץ האָט געוואָלט.

ערגער איז מיר געוואָרן ווען אירע קינדער זיינען אוועק פון אונזער הויז, און געגעסן און געשלאָפן ביי די בעלי־הבתים וואו זיי האָבן געאַרבעט — דעמאָלט איז איר שנאה צו מיר געווען אָן אומבאַגרענעצטע. אָבער אירע קלעפּ האָבן מיך ניט געאַרט. ערגער פון אַלץ זיינען געווען פאַר מיר אירע קללות. זי האָט באַלד אָנגעשמעקט, אַז איך האָב מורא פאַר אַ קללה, האָט זי טאַקע באַלד געביטן איר „געווער" פון מלחמה מיט מיר. אָנשטאָט מיך קנייפּן, בייסן, רייסן ביי די אויערן, רייסן שטיקער פון אַלע אברים, האָט זי בעסער מיך גענומען שעלטן.

שייך צו זאָגן שעלטן. היינט, 40 יאָר נאָך יענע טעג און נעכט, קאָן איך זיך נאָך ניט פאַרשטעלן ווי האָט אַ פּרוי גענומען אַזוי פיל, אַזאַ גרויסן לעקסיקאָן פון קללות. און אַזעלכע מאָדנע קללות, וואָס כאָטש זיי האָבן זיך ניט געקלעפּט איינס צום אַנדערן — דאָך האָט זי זיי געזאָגט מיט כוונה (קאַוואָנע) און שטענדיק געענדיקט מיט:

„רבונו של עולם", אָדער

„גאָט אין הימל".

אַ פּאָר פון אָט די קללות, וועל איך לשם חריפות פאַראייביקן אין מיינע זכרונות:

אינדערפרי, ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט — איז שוין דער טאַטע געווען אוועקגעפאָרן אויפן יאַריד, פלעגט זי, באַלד צוקומען צו מיין בעט מיך אויפוועקן פון שלאָף, כאָטש איך האָב גאָרניט געהאַט וואָס צו טון. איז ביים זאָגן:

„שטיי אויף", האָט זי — ווי אַן אויסגעחזרטער מזמור — צוגעגעבן:

— זאָלסט שוין שטיין אויף איין פוס און דעם אַנדערן זאָלסטו ניט קאָנען אויסציען, רבונו של עולם.

אָדער: שטיי אויף, זאָלסט שוין שטיין גלייך ווי אַ שטיק האָלץ און זאָלסט זיך ניט קאָנען אויסבויגן, איינבייגן, און איבערבייגן, גאָט אין הימל!

אָדער גאָר: שטיי שוין אויף, רב מיינער, זאָלסט זיך שוין גיך אוועק־שטעלן דאַווענען און גיך „אויסגיין"... רבונו של עולם!

מילא, פון די קלענערע קללהלעך, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. איך זאָל שטיין אין געהאַקטע וואונדן, מען זאָל מיר דאַרפן שטעלן באַנקעס, פּיאַווקעס, און עס זאָל ניט העלפן — דאָס זיינען געווען „וואָכעדיקע" קללות.

בין איך שוין אויפגעשטאַנען און צוגעקומען אין קיך זיך וואַשן — האָט זי — אָן שום פּאַרוואָס און פאַרווען, גלאַט מיר צוגעוואונטשן אַז:

„מען זאָל דיך שוין וואַשן מיט „טאַרע" וואַסער, און די גאַנצע דיישקע זאָל זיין וויניק, ווייל דער קערפּער וועט זיין פּאַרבלוטיקט", רבונו של עולם;

אָדער: וואַשן זאָלסטו זיך שוין מיט „קאַראַטקי וויק", גאָט אין הימל;

אָדער גאָר: „מען זאָל דיך וואַשן דריי טעג און דריי נעכט און מען זאָל אויסגיסן אויף דיר אַ טייך מיט וואַסער און עס זאָל זיך נאָך אַלץ פּילן פון דיר"... רבונו של עולם.

האָב איך אויף שנעל אָפּגעדאַווענט און גענומען אַ בענקל זיך אוועק־שטעלן און דערלאַנגען דאָס ברויט פון דער פּאָליצע, האָט זי זיך אָנגעהויבן דרייען אַזוי, אַז זי האָט מיך געמוזט פּאַרטשעפּען און אָדער איך בין אַליין אַראָפּגעפאַלן פון בענקל, אָדער איך האָב מיטגעשלעפּט דאָס ברויט און אַמאָל די גאַנצע פּאָליצע — דעמאָלט האָב איך געכאַפּט עטלעכע סטוסאַקעס אין דער זייט, איך זאָל ניט זיין קיין „פרעסער" און זי האָט מיר אָנגעשניטן אַ שטיקל ברויט צו דער ציקאָריע וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. דערביי האָט זי מיר צוגעוואונטשן, אַז:

עסן זאָלן דיך ווערים; די ווערים זאָלן דיך עסן לעבעדיקערהייט; און זאָלסט בעטן אויף זיך דעם טויט, רבונו של עולם.

אלא ניט, פלעגט זי מיר ביים עסן געבן גלאַט אַ וואונטש: זאָלסט געבן אַ געניץ און זאָלסט דאָס מויל ניט קאָנען פאַרמאַכן, און אַז דו וועסט עס אין דריי טעג אַרום פאַרמאַכן, זאָלסטו עס דריי חדשים ניט קאָנען עפענען, גאָט אין הימל.

איר בעסטע קללה איז געווען ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביי וואַרפן. אויף אָט דעם וואָרט האָט זי געהאַט אַ פּאָר צענדליק קללות:

עס זאָל דיך וואַרפן מיט קדחת, עס זאָל דיך וואַרפן פון איין עק וועלט צו דעם צווייטן, עס זאָל דיך וואַרפן און אַריינוואַרפן און אַרויסוואַרפן פון אַלע קברים; עס זאָל דיך וואַרפן 40 טעג און 40 נעכט ביז עס זאָל דיך

אַריינוואַרפן אין טיפוס, אין שקאַרלאַטינע און אין מיתה משונה, גאָט אין הימל...

און אָט, ביים וואָרט וואַרפן, ביי דער קללה וואַרפן, האָט די שטיפמאַמע מיינע איינמאָל איבערגעכאַפּט די מאָס און עס איז געשען אַן אומגלויבלעכע זאַך.

איך געדענק עס ווי נעכטן איז דאָס געשען. עס איז געווען אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס. דער טאַטע איז דאַנערשטיק אוועקגעפאָרן קיין אומאַן און זיך געדאַרפט זאַמען עטלעכע טעג. די מומע האָט געבענטשט ליכט און איך בין געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען. נאָכן דאַווענען, בין איך — ווי אַ גרויסער שוין — געקומען אַהיים, זיך געוואַשן, זיך געזעצט צום טיש, און אַפילו זמירות געזונגען. די מומע דערלאַנגט דאָס עסן, און עס וואָלט זיכער גאָרניט געשען, אַ חוץ עטלעכע קללות ביים גיין שלאָפן.

דאַרף זיך טרעפן אַן אומגליק. עס פאַלט מיר אַרויס דער לעפל פון האַנט — אַ שווערער זילבערנער לעפל, און ער טרעפט אין עק פון טעלער און דער טעלער ווערט צעבראָכן. דער שטיפמאַמעס מויל האָט זיך געעפנט מיט איר מענה לשון, אַז:

איך זאָל ברעכן הענט און פיס, לייב און לעבן; אַז עס זאָל פאַלן פון מיר גרויסע שטיקער פאַר די וועלף און קליינע שטיקער פאַר די הינט; עס זאָל פאַלן פון מיר שטיקער און שטיקלעך, רבונו של עולם.

איך זיץ אַ דערשלאָגענער, איך בין גרייט צו וויינען. סטייטש, אויך שבת מוז איך הערן בלויז קללות און קללות. איך נעם צונויף די שטיקער טעלער און זי, די שטיפמאַמע זעצט פאָר מיט איר מענה לשון:

ס'זאָל מיך וואַרפן אין אַ ניין־יאָריק קדחת, איך זאָל האָבן הונדערט און צוואַנציק הייזער און זאָל לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר און עס זאָל מיך אַלע יאָרן האַלטן אין איין וואַרפן פון איין שטוב צו דער אַנדערער.

פּלוצים הער איך ווי זי גיט אַ זאָג: עס זאָל די מאַמען דיינע, אַרויסוואַרפן פון קבר און עס זאָל זי וואַרפן אין כף הקלע, ד'ערפאַר וואָס זי האָט געהאַט אַזאַ תכשיט ווי דו...

דערהערט דאָס וואָרט מאַמע, דערהערט אָט די קללה, איז מיר אַריין דאָס בלוט אין פּנים. איך ווייס ניט, עד היום, ווי אַזוי דאָס האָט געקאָנט געשען. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב געגעבן אַ שפּרונג אויף, געכאַפּט דאָס מעסער פון טיש, געגעבן אַ שפּרונג, ווי אַ טיגער ממש, צו דער שטיפמאַמע, זי געגעבן אַ כאַפּ ביים האַלז, און געגעבן אַ געשריי:

— הער זיך איין דו מרשעת, דו חצופה! מיך — קאָנסטו שעלטן וויפל

דײַן האַרץ גלוסט; מיט מיר — קאָנסטו טון וואָס דו ווילסט; נאָר קוים דערמאָנסטו נאָך אײן מאָל, מיט דײַנע אומרײַנע טריפהנע ליפּן, מײַן מאַמעס נאָמען — וועל איך דיך שעכטן ווי אַ קעלבל! און דערבײַ האָב איך דאָס שאַרפע מעסער צוגעלײגט האַרט, האַרט בײַ איר האַלז...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די דאָזיקע סצענע האָט געדויערט אפשר 30 סעקונדן. אָבער, עד היום שטײט זי מיר פאַר די אויגן. ביז הײַנט צו טאָג פאַרשטײ איך ניט, וואו איך האָב גענומען אַזוי פיל כוחות צוצושפּרינגען צו דער מומען און זי אַזוי פעסט און שטאַרק אָנעמען בײַם האַלז, און וואָס מער פון אַלץ איך פאַרשטײ ניט, וואו האָב איך גענומען כוחות זיך קאָנטראָלירן, זיך אײַנהאַלטן, און איר טאַקע ניט אַרײַנשטעקן דאָס מעסער אין האַלז. ווערליק איך בין געווען אָנגעוויִיטיקט און ווערליק איך בין אין יענער רגע געווען ווילד — האָב איך דעמאָלט אָנדערש געדאַרפט האַנדלען.

ווען איך האָב אָפּגעלאָזט איר האַלז, איז זי געווען בלײַך ווי די וואַנט. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל וואו זי איז געזעסן, אַרײַן צו זיך אין ספּאַלני אָן אַ וואָרט אויסצורײדן. פון טיש האָט זי שוין ניט אַראָפּגענומען, דאָס שבת עסן האָב איך שוין ניט פאַרענדיקט, און איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן זיצנדיק בײַם טיש.

אינדערפרי האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פאַר מיר און איז אַוועק אין שול. איך בין אין שול ניט געגאַנגען. דער קאָפּ האָט מיר שטאַרק װײ געטון און איך בין געבליבן אויף מײַן געלעגער — אָן עסן — דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג. איך האָב נאָס געמאַכט דאָס קישן מיט מײַנע טרערן. איך האָב געוויינט אויף מײַן ביטער מזל. איך האָב זיך געפילט אומשולדיק און רײן ווי אַ מלאך. פאַרוואָס זשע נוקמט זי זיך אין מיר?...

פאַרנאַכט האָב איך זיך אָנגעטון און געגאַנגען — אַלץ אויפן ניכטערן מאָגן — דאַווענען מנחה. ווען איך בין געקומען אַהײם, איז שוין געווען גוט פינצטער. די מומע האָט געוואַוסט, אַז איך פאַסט נאָך, האָט זי מיר צוגעטראָגן אַ גלאָז הײסע טײ און געזאָגט:

— נו, וואָס געווען איז געווען! קײנער (דאָס הײסט דער טאַטע) וועט דערפון ניט וויסן. טרינק אָפּ און עס עפּעס. אפשר ביסטו געווען גערעכט.

איך האָב די טײ ניט געטרונקען. ס'איז מיר אַרײַן אַ ווילדער געדאַנק אין קאָפּ, אפשר איז אין דער טײ דאָ... סם. איך האָב געגעסן אַ שטיקל

פּיסנע קוילעטש מיט ציבעלע און זיך געלייגט שלאָפן. באַשלאָסן האָב איך ביי זיך דעמאָלט:

מען דאַרף טראַכטן פון תכלית. אין שטוב וועל איך שוין ניט קאָנען זיין. פריער אָדער שפּעטער וועט דאָ מוזן רינען בלוט. און ווער ווייסט וועמענס בלוט... מיט איינמאָל האָבן אָנגעהויבן אויסרינען מיינע חלומות. איך האָב איינגעזען, אַז קיינער וועט מיר ניט גלויבן ווען איך וועל דערציילן ווי אַזוי מיין שטיפמאַמע באַגייט זיך מיט מיר. האָב איך דאָך אַליין איר געמאַכט אויף דער שטאָט אַזאַ גוטן נאָמען. ווי קאָן איך איצט דערציילן אַנדערש. חוץ דעם, וועט עס במילא גאָרניט העלפן, ווייל דער טאַטע איז מער איבער־געגעבן דער מומען ווי מיר (דעמאָלט האָב איך ניט פאַרשטאַנען צו דענקען אפילו, אַז דער טאַטע איז מער „פאַרליבט" אין דער מומען ווי זיין ליבע צו מיר...) און איך האָב באַשטימט צו מאַכן אַ סוף צו אָט דער לאַגע. מען דאַרף זוכן ערגעץ אַ שטעלע און אַוועקגיין אַ גאַנצן טאָג פון דער שטוב.

פאַרשטייט זיך, אַז דער בעסטער פּלאַן וואָלט געווען איך זאָל דערציילן אַלץ דעם ברודער און אַוועקגיין צו אים, אָדער אַוועקפאָרן צו דער שוועסטער מרים שרה קיין אומאַן, אָדער גאָר גלאַט זיך ערגעץ שטעלן אויף אַן אַרבעט „נאָ וסיאָם גאָטאָוואָם" (אויף אַלעם גרייטן, ד. ה. עסן און שלאָפן). אָבער, איך האָב אַלץ געוואָלט אַז מען זאָל אין דרויסן ניט וויסן פון מיין שטיפ־מאַמע. צופיל נקמה וואָלט מען געהאַט אין טאַטן, ווען מען ווערט געוואָוירע, אַז זיין נייע ווייבל דערגייט אַזוי די יאָרן זיין מעזינעק.

ניין, אַוועקגיין פון דער שטוב מיט אַ „שטורעם" האָב איך ניט געוואָלט. עפּעס האָט מען געמוזט געפינען אַן אַנדער אויסוועג.

אמת, אַ פּאָר תרוצים האָב איך געהאַט גוטע. קיין מלמד איז אין טעפּ־ליק פאַר מיר ניט געווען. איך האָב שוין געענדיקט דאָס לערנען ביי אַלע מלמדים. דעם טאַטנס פּרנסה איז לעצטנס אויך געווען דערשלאָגן. און אָט, אָט, ווער איך שוין אַ בחור פון... 12 יאָר. נו, מעג מען שוין טראַכטן וועגן תכלית.

מילא פריער, ווען די פּרנסה איז געווען נשקשו, האָט דער טאַטע גע־טראַכט וועגן שיקן מיך אין „טרוד". איצט — טראַכט ער אפילו ניט וועגן דעם. מוז מען שוין זוכן אַ פּשוטערן, אַ פּראַקטישערן תכלית. און ווער זאָל זוכן? דער טאַטע? — ער האָט אַנדערע צרות. איז דער איינציקער זוכער בין איך געווען. האָב איך — ביינאַכט אויפן געלעגער — אָנגעהויבן מאַכן פּלע־נער צו וואָס איך זאָל זיך נעמען.

און אַז מען טראַכט — דערטראַכט מען זיך...

קאַפּיטל צוועלף

איך זוך אַ תּכלית

איך הויב אָן זוכן אַ תּכלית פאַר מיר. — איך ציטער פאַר אַן אומגליק. — ביינאַכט אויפן געלעגער. — די „פּראָפעסיע" אַלס רב. — פּאַרלעד נטן זיך. — די פּרנסה אַ פעלדשער. — מען שרייבט רעצעפּטן אויף לאַטיין. — ווען איך זאָל קאָנען ווערן אַלס חזן. — וואו נעמט מען אַ... שטימע? — איך וואָלט חשק געהאַט צו ווערן אַ מגיד. — דער מגיד זאָגט און וויבער חלשן. — די געשיכטע מיט דער פרוי וואָס ניט די ערד, ניט דאָס וואַסער, ניט דאָס פייער האָט זי צונעמען... — איך וואָלט געוועז אַנדערש. — דער געשטראָפטער אין גיהנום. — איך שטרעב צו ווערן אַ בדחן. — דאָס באַזעצן די כלה. — ווען איך זאָל קאָנען ווערן אַ „שמייסער" ביי אַ בעל־עגלה. — ווען אַ איך זאָל קאָנען ווערן אַ... סטראַזשניק און נאַראַדוואָי. — דאָרט אין אַמעריקע וואו אַ איד קאָן ווערן אַ גובערנאַטאָר. — טעפּליקער קינדער ווילן ניט ווערן קיין דאָקטוירים. — בעסער צו זיין אַ פּריקאַזטשיק. — די צוויי קלאַסן פּריקאַזשטשיקעס.

בלויז איין מינוט האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מענטשן מיט זאָרג. בלויז דרייסיק סעקונדעס האָבן געמאַכט אַ סוף צו מיינע קינדער־יאָרן, צו מיינע קינדער־פאַנטאַזיעס און געשטעלט פאַר מיר די גרויסע פּראָבלעם פון לעבן:

— וואָס וועט זיין דער תּכלית?

ערשט נעכטן האָב איך פון דעם ניט געטראַכט. ערשט נעכטן איז דער פּלאַן פון מיין לעבן געווען אַ צוגעגרייטער: איך וועל ענדיקן די פיר קלאַס אין שקאָלע, וועל זיין אין דער היים ביז נאָך מיין בר־מצוה ווערן, עס וועט מיך ניט אַרן מיין שטיפמאַמעס קלעפּ און איך וועל ניט הערן אָדער זיך ניט מאַכן הערנדיק אירע קללות, און נאָך 13 יאָר וועל אַוועק קיין אומאַן אין „טרוד".

איצט מוז איך בייטן דעם פּלאַן. די פּאַסירונג פון פרייטיק צו נאַכטס וועט, פריער אָדער שפּעטער, ברענגען קאָנסעקווענצן. אָדער־אָדער, אָדער זי וועט מיך סמען, אָדער איך וועל זי דערשטעכן. אמת טאַקע, איך האָב מורא געהאַט פאַר אַ שאַרף מעסער, און קיינמאָל — און ביז היינט צו טאָג — עס ניט גענומען אין האַנט.

אָבער, צו וואָס רציחה קאָן ברענגען, צו וואָס פאַרצווייפלונג קאָן דער־

פירן — איז קיינער ניט קיין נביא. האָב איך שוין, איינמאָל געהאַלטן דאָס מעסער ביי איר האַלז — דאַרף איך זיך שוין היטן פאַר... זיך אַליין.

אַז זי, די שטיפמאַמע, וועט האַלטן וואָרט, און וועט פון דעם גאַנצן אינצידענט ניט דערציילן דעם טאַטן — בין איך געווען זיכער. זי ווייסט אַז דער טאַטע פאַרהייליקט דעם אָנדענק פון מיין מאַמען ע"ה, און ווען ער וועט הערן אַז די שטיפמאַמע האָט זי אויך געשאָלטן, קאָן געשען אַזעלכעס וואָס עס קאָן איר אויספאַלן באַקעס... און אַז איך וועל אויך קיינעם ניט דערציילן, איז זי, אויך געווען זיכער. אָבער, ווייטער אַזוי בלייבן אין שטוב קאָן איך אויך ניט.

דער טאַטע האָט געדאַרפט קומען מאָנטיק פון אומאַן אָבער ער איז געבליבן דאָרט נאָך אויף עטלעכע טעג, און איך, בייניאַכט אויפן געלעגער, האָב דערווייל געהאַט צייט צו מאַכן „פּלענער".

אַ סך „פּראָפּעסיעס" האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט אין קאָפּ. איינע, למשל, איך זאָל אוועק ערגעץ אין אַ ישיבה, עסן „טעג" און ווערן אַ רב. האָב איך אָבער, אַט דעם „פּלאַן" תיכף פאַרוואָרפן. ערשטנס, האָט מיך ניט געצויגן ניט צו דער גמרא, ניט צום שלחן ערוך, און ווייניקער נאָך צום יורה דעה. צווייטנס, האָב איך געזען ווי אונזערע רבנים, און ספּעציעל מיין ברודערס שווער, לעבט אין דחקות. ווי ער לעבט פון קצבה, פון די צוויי אָדער דריי קערבלעך אַ וואָך וואָס איציק ראובנס, דער בעל־טאַקסע, שיקט אים אַריין, און וואָס סטייען אים קוים אויף דורכצוקומען די וואָך.

אמת טאַקע, די רבנישע „פּראָפּעסיע" איז מיר געווען געפעלן. ערשטנס, די שענסטע „שטאָט" אין בית מדרש; צווייטנס, דער כבוד פון בעלי־הבתים. היינט, דאָס פּסקנען שאלות, דאָס באַטאַפּן דאָס פּופּיקל, דאָס פּולקעלע פון עוף און די געדערים פון דער בהמה, און ווי נאָר מען לאָזט אַרויס דאָס שרעקלעכע וואָרט „טריף" — אַזוי עסט מען שוין אַ מכה ניט קיין פליש. גראָדע דאָס איז מיר געווען געפעלן.

ס'איז מיר אויך געפעלן געווען, — און איך אלס שכן או קרוב פלעג אָפט ביייזיין און זיך צוקוקן — ווי מען גט אָפּ אַ פּאָרפאָלק. ווי דער רב פּרואווט צו זיי ריידן און איבעררייידן און וועלן איבערבעטן, און ביידע האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס:

ניין! און ניין! אַ גט זאָל זיין!

און אהרן סופר פלעגט זיך אוועקזעצן און אָנשרייבן דעם גט מיט געכתבעטע אותיות. און דערנאָך די צערעמאָניע ווי אַזוי די אידענע האָט צונויפגעלייגט די הענט און דער מאַן האָט איר אַהין אַריינגעלייגט דעם גט.

ניט שטענדיק איז אָט דער „ספּעקטאַקל" געווען אַן אנגענעמער. געווען מאַמענטן — און אָט די מאָמענטן זיינען עס געווען אמיינסטן — וואָס דאָס פּאָרפאָלק האָט זיך געגט, ווייל מען איז שוין געווען צען יאָר נאָך דער חתונה און קיין קינדער זיינען ניט געבוירן געוואָרן. האָט זיך טאַקע דאָס פּאָרפאָלק ליב געהאַט, שטאַרק ליב געהאַט, אָבער גטן זיך — האָט מען געמוזט. אַזוי איז דער דין. האָט טאַקע, ניט איינמאָל געטראָפן, אַז נאָכן גט האָט די געגטע פרוי געחלשט אין איין ווינקל און דער מאַן — אין אַ צווייטן ווינקל.

געווען אָבער „שיינע" מאָמענטן אויך. מאַן און ווייב האָבן זיך געקריגט און געשאָלטן פאַרן גט, און נאָכן גט. איין ספּעקטאַקל אַזעלכן האָב איך געדענקט אַ סך יאָרן און ער פלעג מיר אָפט שטיין פאַר די אויגן, ווי אַ חשובער טעפּליקער בעל הבית, וואָס האָט אָפּגעלעבט מיט זיין ווייב 35 יאָר, געהאַט קינדער, אייניקלעך, האָבן זיך געגט ווייל... ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט אויסקומען צווישן זיך. ביים רב, ביים גט, זיינען בייגעווען די קינדער און אייניקלעך, וועלכע זיינען געווען צעטיילט אויף צוויי צדדים. איין צד האָט געהאַלטן מיט דער מאמען — און זיי האָבן נאָכן גט גענומען די מאַמען צו זיך. דער צווייטער צד — אַ קלענערער — האָט געהאַלטן מיטן טאַטן, און זיי האָבן גענומען דעם טאַטן צו זיך. ביים רב אין שטוב, האָט זיך מאַן און ווייב, געשאָלטן מיט טויטע קללות. נאָכן גט, האָט דער מאַן זיך ארויסגעשטעלט אויף אַ בענקל און אויף אַ הויכן קול אויסגערופן:

ברוך שפּטרני! און... איז אוועק אַ „קאַזאַטשאַק" אין מיטן שטוב. די קינדער — זיין צד, פאַרשטייט זיך, האָבן צוגעפּליעסקעט.

און טאַקע, צוליב אָט די סצענעס פון גטן, איז מיר ניט געפעלן געווען די „פּראָפעסיע" פון רבנות און איך האָב געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

זעט איר, אַ חזן — איז מיר גראָדע יאָ געפעלן געווען. פריער, פאַרשטייט זיך, זיין אַ משורר, און דערנאָך ווערן אַ באַרימטער חזן ווי קוואַרטין, סיראָטאַ, יאָסעלע ראָזענבלאַט, ניסי בעלזער, אָדער אפילו ווי אונזער היימישער, אייגענער משהלע חזן.

אַ חזן איז די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייט צווישן אידן. קומט צו־פאָרן אַ חזן אין שטעטל מיט אַ צענדליק משורימלעך, רייסט מען זיך איבער זיי, און ספּעציעל איבערן חזן, יעדערער וויל אים האָבן ביי זיך אויף שבת. מען לויפט אים הערן, מען זאָגט מבינות איבער אים, און... די דיסקוסיעס וועגן חזן ענדיקן זיך אַמאָל מיט פעטש, פּריסטאַוו און „פּראָטאָקאָל". ס'איז אַמאָל אראָפּגעקומען קיין טעפּליק אַ חזנדל פון אַ יאָר... אכט. מען האָט אים צוגעשטעלט אַ בענקעלע ביים עמוד און ער האָט מקבל שבת געווען.

ווען מען וויל ביי מיר דערמאָלט 20 יאָר פון מיין לעבן, אַז איך זאָל האָבן זיין קולכל און קאָנען אַזוי „זאָגן" דעם „השכיבנו" אָדער דעם קידוש — וואָלט איך געוועו געגעבן. דאָס חזנדל איז געווען פון כאַשטשעוואַטע אָדער סאַווראַן און איז איינגעשטאַנען ביי אונז אין שטוב צוזאַמען מיט זיין פאָ־טער, עפּעס האָט דער טאַטע אויסגערעכנט אַז מיר זיינען קרובים. וויטע קרובים — אָבער דאָך קרובים. נו, האָט זיך אָפּגעטון ביי אונז אַ שבת. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען, אָדער אין שטוב, אָדער אַרום דער שטוב. דאָס 8־יאָריק חזנדל, האָט בייטאָג, נאָכן שבת מיטיק און נאָכן שבת־שלאָף, גע־געבן אַ קאָנצערט. געזונגען שטיקלעך פון ימים נוראים דאַווענען, געציילט ספירה א. א. און ניט נאָר מאַמעס האָבן זיך געוואונטשן אַזעלכע געראָטענע קינדער, נאָר מיר, די קינדער אַליין, האָבן אים שטאַרק מקנא געווען. ספּע־ציעל האָט אים מקנא געווען מיין לייב־חבר איציק גדליה מלמדס, אַ אינגעלע מיט אַ טייער זיס קולכל, וואָס איז געווען דאָס ערשטע משורר'ל און דאָס ערשטע „אַלטל" ביי משהלע חזן.

אַלזאָ, די „פּראָפעסיע" אַלס חזן איז מיר גראָדע יאָ געפעלן געוואָרן. איין חסרון איז אָבער געווען. איך האָב ניט געהאַט קיין שטימע. קיין פּיצל שטימע ניט אפילו, און אַז איך האָב דווקא געוואָלט עפּעס זינגען — האָט מען זיך פאַרשטאָפּט די אויערן...

„און די חזנישע „פּראָפעסיע" האָב איך געמוזט אויפגעבן.

און אַזוי ליגנדיק אויפן געלעגער און ניט קאָנענדיק איינשלאָפן שעהן־ווייז, פלעגן מיר אַרויף אויפן זכרון, די פאַנטאַזיעס וואָס איך פלעג זיך פאַר־שטעלן, וואָס איך וועל זיין ווען איך וועל ווערן אַ „גרויסער".

אַזוי למשל האָב איך פאַנטאַזירט צו ווערן אַ... פעלדשער, אַט טאַקע ווי הערשל פעלדשער, וואָס קומט צו אַ קראַנקן, נעמט אָן די האַנט, קוקט אויפן זייגער, טאַפּט דעם דופק, דערציילט אַ פּאָר מעשיות, לייגט צו דעם אויער צו דער פּלייצע, הייסט הוסטן, שטאַרקער, שטאַרקער, הייסט אָטע־מען, פריער פּאַוואָליע, דערנאָך שטאַרקער און שטאַרקער. שטעלט אָן אַן ערנסט פּנים און נעמט אַרויס אַ בייגעלע פּאַפּיר און שרייבט אָן אַ רעצעפּט אויף לאַטין. דעם רעצעפּט קאָן לייענען און פאַרשטיין בלויז דער פּראָוויזאָר. אמת טאַקע, מיט הערשל רופאס רעצעפּט קאָן מען גיין בלויז אין אַן „אַפּ־טעטשנע סקלאַד" אָדער „אַפּטעטשנע מאַגאַזין" צו בראָדסקין אָדער צו שאַ־פּיראָן אָדער צו חוה עטי לאַהס. די אמתע אַפּטייק, ביי בוקאָווסקין, נעמט מען ניט אָן קיין רעצעפּטן פון פעלדשערס נאָר פון דאָקטוירים. אָבער עס מאַכט ניט אויס. במילא גייען ניט טעפּליקער אידן מיט זייערע רעצעפּטן

אין אַפּטייק וואו עס קאָסט טאָפּלט. מען גייט אין אַפּטעטשנע סקלאַד, ווייל, ערשטנס, קאָסט אַ סך ביליקער, צווייטנס, קאָן מען מיטן אידישן פּראָוויזאָר זיך דורכריידן אויף אידיש און ביי אים געוואוירע ווערן צו וואָס דער רע־צעפּט איז, וואָס וועט דער רעצעפּט העלפן, וואָס פאַר אַ קראַנקהייט איז דאָס, און דער עיקר — פון וואָס איז דאָס געקומען.

די אַפּטייקערס פון אַפּטעטשנע סקלאַד, האָבן שוין געקאָנט די שוואַכ־קייט פון זייערע קליענטן און פלעגן זיי, מיט פאַרגעניגן אויפקלערן אַלץ וואָס געהער זיך אָן מיטן רעצעפּט. נו וואָס־זשע האָט מיך געקאָנט אָרן אַז איך זאָל זיין אַ פעלדשער גלייך מיט הערשל פעלדשער. איי, לאַטין? נו ווער זאָגט דען אַז לאַטין איז שווערער פון... אַ בלאַט גמרא?... דער חילוק נאָר איז, אַז ווען מען קאָן לאַטין האָט מען פאַר דיר רעספּעקט און ווען דו קאָנסט אַפילו הונדערט בלאַט גמרא אויסנווייניק — ביסטו אַ... כניאָק!

און ווען איך פלעג פאַנטאַזירן, וואָס וועל איך זיין ווען איך וועל ווערן אַ „גרויסער", האָב איך געהאַט חשק צו ווערן אַ... מגיד. דאָס „פאַך" מגידות, איז מיר שטאַרק געפעלן געווען. עפּעס אַ קלייניקייט. מען פאָרט פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל, מען קומט ערב שבת — אַמערסטנס קומט מען אָן דאָנערשטיק, און מען מעלדעט זיך צום גבאי ראשון פון דער גרויסער שול, צום גבאי פון דער קלויז אָדער גאָר צום רב — דאָס איז געווענדעט לויטן „יחוס" פון מגיד, און לויט זיין שטאַם, צי ער איז אַ ליטוואַק, צי ער איז אַ חסיד אָדער מתנגד.

ביי קבלת שבת, רופט מען אויס אין די בתי תפילה, אַז דאָרט און דאָרט וועט דער און דער מגיד „זאָגן" די און די שעה.

אין דער געמאָלדענער שעה, קומט דער מגיד און טרעפט די שול אָנ־געפּאַקעוועט. אָפּט, אָפּט, — דאָס איז לויטן שם וואָס דער מגיד האָט געהאַט — איז די ווייבערשע שול אויך פול מיט אידענעס וואָס קומען הערן דעם מגיד, וואָס קומען הערן זיין מוסר זאָגן, זיין אָנוואַרפן אויף אַלעמען אַ מורא אַז דער גיהנום ברענט און וואַרט אויף די אַלע אָנוועזנדע אידן און אידענעס, וואָס זיינען זינדיקע, וואָס פאַרבייגן דאָס דאַוונען, וואָס כאַפּן אָפּ אויף שנעל דאָס בענטשן, וואָס פאַרגעסן צו לייענען קריאת שמע, און די ווייבער, וואָס היטן ניט אָפּ די וויכטיקסטע דריי מצוות: „חלה נעמען", ליכט בענטשן און אין מקוה גיין.

עס גייט אַרום אַ וויץ אַז אַ רב זאָל עס האָבן גייזאָגט, אָבער איך קאָן גיין שווערן, אַז איך געדענק ווי אַ מגיד האָט עס ביי אונז אין שבת דער־ציילט, אַז:

אין אַ שטאָט איז געשטאָרבן אַ פרוי, האָט מען זי, געוויינלעך, מקבר געווען.

אויפן אַנדערן טאָג, קומט דער בית הקברות מאַן אַ האַלב טויטער צום רב און דערציילט אים, אַז די פרוי וואָס מען האָט נעכטן מקבר געווען ליגט אין דרויסן ביים קבר, דאָס הייסט, די ערד האָט זי אַרויסגעוואָרפן.

הייסט דער רב מען זאָל זי נאָך אַמאָל מטהר זיין און נאָך אַמאָל מקבר זיין.

אויפן צווייטן און אויפן דריטן מאָל, ווידער דאָס זעלבע. די ערד וואַרפט זי אַרויס.

רופט דער רב צונויף די שטאָט, הייסט נעמען די געשטאָרבענע, איר צו־בונדן אַ גרויסן שטיין צום האַלדז און זי אַריינוואַרפן אין דעם טיפן טייך פון שטעטל.

געזאָגט און געטון. אָבער, אויפן צווייטן טאָג — אויך דאָס וואַסער האָט זי אַרויסגעוואָרפן.

רופט ווידער צונויף דער רב דאָס שטעטל, וועלכעס האָט שוין געציטערט אימת מות פון אָט דעם ענין. דער רב הייסט אין מיטן מאַרק צו־לייגן אַ גרויס פייער און ווען דאָס פייער האָט זיך צעברענט — הייסט ער אַהין אַריינוואַרפן דעם קערפּער פון דער געשטאָרבענער. אָבער, ווידער דאָס זעלבע:

דאָס פייער ברענט אויס און דער קערפּער פון דער געשטאָרבענער איז געבליבן אומבאַרירט. דאָס פייער — נעמט זי ניט.

און דער מגיד רופט אויס, ווענדנדיק זיך צו די ווייבער:

— ווייסט איר, אידישע טעכטער, פאַרוואָס די ערד האָט זי ניט גענו־מען? — ווייל די געשטאָרבענע האָט ביים לעבן קיין חלה ניט גענומען.

— ווייסט איר פאַרוואָס דאָס וואַסער האָט זי ניט גענומען? — ווייל זי איז קיינמאָל אין מקוה ניט געגאַנגען.

— און ווייסט איר פאַרוואָס דאָס פייער האָט זי ניט גענומען? — ווייל זי האָט קיינמאָל קיין ליכט ניט געבענטשט.

אָבער איר, נשים צדקניות, ווען איר וועט חלה נעמען. ווען איר וועט אין מקוה גיין, און ווען איר וועט ליכט בענטשן — וועט אייך... די ערד נעמען, דאָס וואַסער נעמען און דאָס פייער נעמען...

די ווייבער פון דעם „עזרת נשים” האָבן דערויף געענטפערט מיט אַזאַ געוויין, מיט אַזאַ יאָמער, אַז עס האָט געקאָנט רירן אַ שטיין.

בכלל האָט זיך אַ מגיד געשעצט, לויט דעם ווי ער האָט געקאָנט אַרויס־קוועטשן טרערן ביי די מאַנסבלען (ביי פרויען איז געווען לייכט), און לויט דעם ווי אַזוי ער האָט געקאָנט ברענגען משלים, פאַרקריכן קיין בוּיבעריק, און אויסלאָזן מיטן... גיהנום. געווען „מגידים" וואָס זיינען געווען אַזוי באַקאַנט מיטן גיהנום, גלייך ווי זיי אַליין זאָלן דאָרט האָבן געווען אַ צענדליק מאָל. אייניקע האָבן געקאָנט דייטלעך אויסמאָלן וואו... די טירן פון גיהנום געפינען זיך, וואו די ברען־אויוונס שטייען, ווי אַזוי די שפּיזן מיט וועלכע מען נעמט אָן דעם זינדיקן, זעען אויס. אָט זיצט איינער, אַ זינדיקער אין גיהנום. ער פלעגט אויף דער זינדיקער וועלט האָבן אַ טבע צו פרעסן פאַרן דאַווענען. אַ גרויסער זולל וסובא. ער האָט אפילו יום־כּיפּור ניט געפאַסט. נו, זיצט ער איצט אין גיהנום ביי אַ רייך געדעקטן טיש, אָנגעשטעלט מיט פלעשלעך וויין, מיט געבראָטענע הינער, גענז און קאַטשקעס. ער וויל נעמען דאָס פלעשל וויין — האָט עס אונטן אַ לעכל, און ביז ער ברענגט עס צו צום מויל — איז שוין דער גאַנצער וויין אויסגערונען. ער וויל נעמען די קאַטשקע אָדער דאָס עוף — איז גאָר אַרט ווי אַ שטיין און ער קאָן קיין בים ניט טון, ווייל עס פעלן אים אַלע ציין פון מויל. וויל ער אַ לעק טון פון אויבן, איז אַזוי געזאַלצן, גלייך ווי די קאַטשקע אָדער די גאַנז איז ערשט אַרויס פון ים המלך. און אַזוי דאַרף ער זיצן הונדערט און אַכציק יאָר, דאָס הייסט צוויי מאָל אַזוי פיל וויפל ער האָט געלעבט אויף דער וועלט. און דאָס אַלץ — ווייל ער האָט געגעסן פאַרן דאַווענען און ניט געפאַסט יום־כּיפּור...

וואָס מיך פלעגט פאַרדריסן אויף די מגידים איז, וואָס שטענדיק האָבן זיי בלויז גערעדט פון גיהנום, בלויז געשטראָפט און געסטראַשעט, בלויז אַרויסגעבראַכט דאָס נעגאַטיווע און קיינמאָל ניט גערעדט פון גן עדן, קיינמאָל ניט גערעדט וועגן אַ בעסער לעבן אויף יענער וועלט. און באַשלאָסן האָב איך, אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע, אַז ווען איך וועל ווערן אַ מגיד וועל איך — מאָלן, אי דעם גיהנום, אי דעם גן עדן. איך וועל טון ווי אין דער תורה זאָגט זיך:

— זע, איך גיב פאַר דיר צוויי וועגן: דעם גוטן וועג און דעם שלעכטן וועג.

איך וועל — אַנשטאָט, דערציילן און סטראַשען, אַז פאַר וועלכער עס איז עבירה פון אָן אויסגעלאַסענער מויד — שטאַרבן קליינע קינדערלעך, בעסער דערציילן אַז פאַר וועלכער עס איז מצוה וואָס אַ מענטש טוט, ווערט באַשאַפן אַ מלאך וואָס פאַרהיט די קינדערלעך פון שלאַפקייטן און צרות. און

מיר פּלעגט זיך אויסווייזן, אַז נאָך מיין „זאָגן", וועלן אידן לויפן טון מצוות... אַ קליינקייט, אַ מצווה — אַ מלאך; אַ מצווה — אַ מלאך...

האָב איך אָבער געזען ווי מען גייט זונטיק מיט דער פּאַטשיילע צונויפ־נעמען פּאַרן מגיד אַ נדבה — האָט מיר אָפּגעשלאָגן דער חשק צו ווערן אַ „מגיד".

— —

איצט, פּערציק יאָר נאָך יענע טעג און נעכט ווען איך האָב געזוכט אַ תכלית, ווען איך האָב זיך געוואָלט אויסקלויבן אַ באַשטאַנד אין לעבן — אַז איך דערמאָן זיך וועגן וואָס איך האָב געחלומט — לאַך איך. איך לאַך פון אַלע קינדערשע יאָרן. אָבער ווען איך פאַרגלייך יענע זיסע קינדער־יאָרן, און גלייך זיי צו די קינדער־יאָרן פון היינטיקע קינדער, האַלט איך אַלץ, אַז יענע יאָרן, זיינען געווען אמתע קינדערשע, אמתע גליקלעכע יאָרן, כאָטש די קלעפּ פון דעם קאַטשאַן, די שטורכאַטשעס פון יאָסל שעסטאָפּאַליעץ, און די קללות פון די שטיפמאַמעס האָבן אונז אַזוי פיל פאַרביטערט דאָס לעבן.

אין אַ סך פאַלן, זיינען היינטיקע קינדער־יאָרן ענלעך צו די אַמאָליקע. דער חילוק איז נאָר אין פּראָגרעס פון דער מענטשהייט.

אַ היינטיק קינד פון 10 אָדער 11 יאָר, שטרעבט, פאַנטאַזירט און וואָלט געוואָלט ווערן אַ באַרימטער... קינאָ־אַקטיאָר.

איך, דעמאָלט, מיט 40 יאָר צוריק, האָב געהאַט חשק צו ווערן אַ... בדחן. איך האָב שטאַרק מקנא געווען יאָסי בדחן, וואָס האָט זיך געגעבן אַ שטעל אוועק, ערב באַדעקן די כלה, און האָט געגעבן אַ לייג אוועק אַ דרשה, אַז די כלה און די ווייבער און אַלע אַרומיקע זיינען צעגאַנגען געוואָרן פאַר געוויין.

ווען יאָסי בדחן האָט געגעבן אַ זינג אויס מיט אַ וויינענדיק קול:

„כלה, כלה לעבן, וויין און שריי!
„זאָלסט וויינען און קלאָגן
„יאָמערן און בעטן
„אַז דער מאַן
„זאָל דיר אייביק זיין געטריי!"

האָבן ווייבער געחלשט ביז צום שטאַרבן. און אַז גאָט האָט געהאָלפן, אַז די כלה איז געווען אַ יתומה, האָט יאָסי בדחן אַראָפּגעבראַכט דער כלהס נשמה, און מיט איר געטון וואָס ער האָט געוואָלט.

אָט דאָס „פאַך" איז מיר אויך געווען געפעלן. און איך פלעג טראַכטן, אַז ווען איך זאָל זיין אַ בדחן, וואָלט איך אויך געטון פאַרקערט, איך וואָלט — אַנשטאָט טרערן — אַרויסגערופן פרייד און געלעכטער; אַנשטאָט פּעסי־

מיזם און ספקות ביי דער כלה, אַנשטאָט זי טרייסטן און איר ווינטשן אַז
„איידער ער, זאָל בלייבן אַן אַלמן
„זאָל זי בעסער בלייבן אַן אַלמנה
זיי געוואונטשן צו דערלעבן די גאָלדענע חתונה.
און אַט אַ צווייטער פאַרגלייך.

היינטיקע קינדער, פאָלגן נאָך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און פּינקטלעכקייט די ספּאָרט־געלויפן פון אויטאָמאָבילן. ביי טויזנטער און טויזנטער קינדער זיינען די אויטאָמאָביל־לויפער, ממש פאַרגעטערט, און יעדער קינד וואָלט געוואָלט זיצן ביי אַ רעדל פון אויטאָמאָביל און אַנטרייבן.

דעמאָלט, ביי אונז, וואָלט איך געווען גליקלעך ווען דער טאַטע גיט מיך אוועק צו... יאָסל בעל עגלה אָדער צו ליפּע בעל עגלה אָדער צו די קינסקים פאַר... אַ שמייסער. אַ קליניקייט, זיצן אויבן ביי דער קאָזלע, האַלטן די ווישקעס אין די הענט און אַנטרייבן די פערד; געבן אַ געשריי „קסאָביע״, זיינען די פערד געגאַנגען לינקס; אַ געשריי טון „העטיא״, זיינען זיי אוועק רעכטס. וועלכעס קינד ביי אונז וואָלט זיך עס אָפּגעזאָגט צו זיצן שטענדיק אויף דער קאָזלע און אַנטרייבן מיט די פערד. אַ שאָד, וואָס דאָס „פאַך״ פון זיין אַ „שמייסער״ איז געווען אַזוי נידעריק ביי אונז, און די גרעסטע טייל בעל עגלות און שמייסער זיינען געווען פאַרגרעבטע אידן, און איינער פון זיי — יאָסעלע בעל עגלה איז אפילו געווען איינער פון די באַוואוסטע טעפּליקער באַנדיטן וואָס האָבן — מיט יאָרן שפּעטער — געהאָלפן די פּעטליוראָווצעס ראַבעווען די טעפּליקער אידן.

און, ווען איך דערמאָן שוין יאָ די פאַנטאַזיעס, וואָס אַ טעפּליקער חדר־אינגל האָט געשטרעבט צו זיין, פאַרוואָס זאָל איך ניט אויסזאָגן, אַז איינע פון די חלומות איז געווען צו ווערן אַ... סטראַזשניק. דאָס טראָגן די לאַנגע, פאַרזשאַווערטע שווערד אין דער זייט, אַ געווער וואָס טעפּליקער סטראַזשניקעס האָבן זיכער איינמאָל אין זייער לעבן ניט באַנוצט און אפילו ניט ארויסגענומען פון שיידל — ביי די טעפּליקער אידישע קינדער איז דאָס אָבער געווען אַן ערן־פּאָסטן. אַ שאָד, וואָס פּאָני גנבם געזעצן האָבן ניט דערלויבט אַ אידן צו פאַרנעמען אַזאַ וואַזשנעם פּאָסטן. ווען ניט, וואָלטן טעפּליקער קינדער געחלומט צו ווערן פריער אַ סטראַזשניק, אָדער גאָר אוועק־פאָרן קיין הייסין און אומאַן און ווערן אַ... גאָראָדאָוואָי. דערנאָך אַזוי שטייגן און שטייגן אויף אַ פּריסטאַוו, דערנאָך אַרויפשטייגן אפילו ביז איס־פּראַווניק, גראַדאָנאַטשאַלניק און אפשר גאָר גובערנאַטאָר אויך...

געוואוסט האָבן טעפּליקער קינדער, אַז בלויז אין אַמעריקע קאָן אַ איד

ווערן אַ סטראַזשניק. געוואוסט האָבן זיי, אַז אין ניו־יאָרק, קאָן מען צוגיין צו וועלכן עס איז גאָראָדוואָי וואָס שטייט דאָרט אין גאַס, און ריידן צו אים אויף אידיש. ער וועט פאַרשטיין אידיש, ווייל, אָדער ער אַליין איז אַ איד, אָדער ער וואוינט ביי אַ אידן אין שכנות, אָדער ער האָט בלויז אידישע חברים...

אויב מיר, קינדער, האָבן ווייניק פאַנטאַזירט וועגן אַמעריקע, וועגן ניו־יאָרק, און וועגן די דאָרטיקע סטראַזשניקעס, קאָמיסאַרן, און אידישע גובער־נאַטאָרן, האָט אונז דער רבי אין חדר, די עלטערע אידן ביי דער הרובע אין קלויז, און טאַקע די עלטערן ביי די פאַרלאָשענע ליכט פּריזיטיק צו נאַכטס, געהאָלפן אָט די פאַנטאַזיע פאַרגרעסערן. אָבער, וואָס קומט אַרויס, מיר האָבן זיך דערוויי'ל געפונען אין צאַרישן רוסלאַנד, אין די טעפּליקס, אָבערימעוועס, טיטיעוס, שפּאָלע און באַלטע, און ווען מיר האָבן פאַנטאַזירט — האָט זיך אונזער פאַנטאַזיע געענדיקט ביים... סטראַזשניק.

צי האָבן מיר, טעפּליקער קינדער, ניט פאַנטאַזירט און געחלומט צו ווערן אַ דאָקטאָר, אַן אַדוואָקאַט, אַן אינזשעניער? דעם אמת געזאָגט, — כמעט ווי ניט. מיר, די חדר־אינגלעך, האָבן גוט געוואוסט, אַז צו ווערן אַ דאָקטאָר, שמעקט מיט... „בייטן דאָס רענדל", שמדן זיך. און פאַר שמדן זיך, פאַרן וואָרט משומד — האָבן מיר געציטערט און... ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דאָקטאָריי.

— —

אַז איך דערמאָן אָט די אַלע פאַנטאַזיעס און חלומות, דאַרף איך איצט מודה זיין, אַז דאָס אַלץ, אַז אָט די אַלע „פּלענער" סיי צו ווערן אַ... שמייסער אָדער צו ווערן אַ סטראַזשניק, האָב איך אַלץ געמאַכט דעמאָלט, ווען איך האָב נאָך ערנסט ניט געדאַרפט מאַכן אמתע פּלענער וועגן מיין צוקונפט.

אין יענע נעכט, ווען איך בין נאָך געווען צעטומלט פונעם אינצידענט מיט מיין שטיפמאַמע, אין יענע נעכט, האָב איך שוין ניט געטראַכט וועגן אָט יענע נאַרישקייטן און טאַקע, „אויף דעם רעכטן אמת" געטראַכט און געפּלאַנעוועט, — צו וואָס נעמט מען זיך?

געווען עטלעכע שיינע פּרנסות צו וועלכע איך האָב געשטרעבט — אָבער, עס איז אוממעגלעך געווען זיי צו דערגרייכן. למשל צו ווערן אַ פאָטאָגראַף, אָט אַזוי ווי ניושקע קושניר. נו, איז ער אָבער געווען דער איינציקער אין שטעטל, און ער האָט ניט געוואָלט צונעמען קיין לערן־אינגל, אפילו ווען מען צאָלט אים הונדערט קערבלעך אַ מאָנאַט. ער האָט צוריק מיט עטלעכע

יאָר צוגענומען אַ לערן־אינגל, אָפּגעהאַלטן אים ביי זיך דריי יאָר, אים אויס־געלערנט דאָס פאַך, איז יענער אוועק און געשטעלט אַ פאָטאָגראַפיע אין טעפּליק, טאַקע נעבן אים. דאָס גליק איז געווען, וואָס דער בחור האָט גע־מוזט גיין דינען און ער האָט געמוזט ליקווידירן די פאָטאָגראַפיע.

אַ צווייטן חשק האָב איך געהאַט צו ווערן אַ טיפּאָגראַף. געווען אין טעפּליק אַ דרוקעריי און דער בעל הבית, הערשל, פּאַלאַק האָט מיך גראָדע געוואָלט צונעמען, אָבער מיט אַ... קאָנטראַקט אויף 5 יאָר אָן אַ גראָשן געלט.

אַן אינטעליגענטנע פּרנסה איז געווען צו ווערן אַ זייגערמאַכער, אָבער די פּראָפעסיע איז מיר ניט געפעלן געוואָרן ווייל מען דאַרף זיך אַרויסנעמען די אויגן צו זוכן אַ קליין שרייפעלע, און אַלע טעפּליקער זייגערמאַכערס זיי־נען נעבעך, געווען גרויסע קבצנים, אַ חוץ בערל זייגערמאַכער וואָס האָט אַליין קיין זייגער ניט געקאָנט צורעכט מאַכן און געהאַנדלט מיט טויזנט אַנ־דערע זאַכן, נאָר געהאַלטן אַ פּאָר אַרבעטער — „טשאַסאָוואָי מאַסטערס".

אַלזאָ, דאָס איינציקע וואָס פאַר אַ בעל הבתיש איינגל ווי איך בין, פּאַסט, ס'זאָל זיין אי צו גאָט אי צו לייט איז צו ווערן אַ פּריקאַזטשיק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָך פאַך פּריקאַזטשיקעס, איז אין טעפּליק געווען דאָס גרעסטע. צו זיין אַ פּריקאַזטשיק אין אַ קלייט איז ניט געווען קיין בזיון, כאָטש, אַז מען האָט זיך געקריגט מיט אַ פּריקאַזטשיק, האָט מען אים אויסגעוואָרפן „משרת". דער אמת איז אָבער, אַז אַ משרת אין אַ קלייט איז געווען איין זאַך און אַ פּריקאַזטשיק — אַן אַנדער זאַך. אמת, אי דער משרת אי דער פּריקאַזטשיק האָבן געראַמט די קלייט, אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט א.אַ.וו. איז אָבער אַריינגעקומען אַ קונה — פלעגט אים דער פּריקאַזטשיק גיין אַטענדירן און ניט סתם דער משרת פון דער קלייט.

אויך דאָס פאַך פּריקאַזטשיקעריי איז געווען איינגעטיילט אין סעק־ציעס, אין קאַסטעס, אין „העכערע" און „נידעריקערע" „ראַסן".

למשל, די פּריקאַזטשיקעס פון די באַקאַליינע קלייטן, זיינען געווען פון דער... נידעריקערער ראַסע. זיי פלעגן גיין שטענדיק אויסגעשמירט און פאַרפלעקט פון הערינג און סמאַלע, פון זאַלץ און קעראָסין. חוץ דעם, האָט אַ באַקאַליינע פּריקאַזטשיק פאַרדינט זייער ווייניק. די „קאָמפּעטענץ" איז געווען גרויס, האָבן די בעלי הבתים געצאָלט קליינע שכירות.

אביסל א העכערער קלאַס פּריקאַזשטשיקעס זיינען געווען די וואָס זיי־נען געווען אָנגעשטעלט אין די זשעלאַזנע קלייטן. אויך זיי זיינען געגאַנגען פאַרשמירט און די הענט צוקאַליעטשעט פון דעם אייזן און צוועקעס, פון די שלעסער און שווארצע קוילן פאַר די קאָוואַלעס, אָבער — זיי זיינען שוין געווען עטוואָס אינטעליגענטנער און האָבן פאַרדינט בעסער.

דער גרעסטער „יחוס" פון די פּריקאַזשטשיקעס זיינען געווען די וועלכע זיינען געווען אָנגעשטעלט אין די „מאַנופאַקטורנע מאַגאַזינען", אין די שניט־קלייטן. א פּריקאַזשטשיק אין א שניט־קראָם, האָט געדאַרפט גיין שיין, ריין, אָנגעטון. די הענט האָבן געדאַרפט זיין ריין, די נעגל אָרומגעשניטן, דאָס פּנים אָפּגעגאָלט, אָדער אויב יענער האָט געטראָגן א בערדל — האָט עס געדאַרפט זיין שיין אָרומגעשוירן. עפּעס א קלייניקייט, אהער קומט מען קויפן וואָלנס און זיידנס און ניט קיין זעגעכץ און סמאָלע, ניט קיין קעראָסין און הערינג.

איין אומגליק איז בלויז געווען מיט דער פּראָפּעסיע פּריקאַזשטשיקעס פון שניט־סחורות. גרויס און קליין, אָנהויבנדיק פון לערן־אינגל און ענדיקנ־דיק ביים „נאמן" וואָס איז שוין 10 יאָר אין קלייט און נעמט שוין דרייסיק רובל א חודש א חוץ פּראָצענט, אַלע, אַלע, האָבן געדאַרפט שטיין ביי דער טיר און אַריינשלעפּן די קונים אין קלייט אַריין.

עס איז געווען א מיאוסער עקלהאַפטער מנהג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן וואָס טעפּליק האָט געלעבט. מען שטייט ביי דער טיר, און ווען עס קומט אָן א קונה, הויבט מען אים אָן שלעפּן ביים אַרבל, מען שלעפּט אים פון דער גאַס, מען שלעפּט אים ווען ער שטייט ביי דער טיר פון דער אייגענער קלייט, און מען שלעפּט אים ווען ער שטייט בא... יענעמס טיר פון קלייט. דער גוי, דער שליאַכטיטש, זעט, אַז מען רייסט זיך אַזוי איבער אים, פּילט זיך גרויס, גיט א האַלב, און אַמאָל ווייניקער פון האַלב וויפל מען בעט ביי אים, לאָזט איבער קוים גראָשנס צו פאַרדינען.

ווען ניט אָט דער פלעק פון שלעפּן דעם קונה פון גאַס, וואָלט זיין א פּרי־קאַזשטשיק אין א מאַנופאַקטורנע געשעפט געווען א כבוד. אָבער —

אין מיין לאַגע — ווער האָט געקוקט אויף כבוד.

הערשל רופא (גרעגאָריאָ געלער)

דער פּאָפּולערסטער, דיפּלאָמירטער, טעפּליקער פעלדשער (איצט אין סאַנטאַ פע, אַרגענטינאַ).

קאַפּיטל דרייצן

איך הויב אָן בלאָנדזשען אין לעבן

דער טאַטע דערקענט עפּעס, אָבער ער ווייסט ניט וואָס. — די שטיפמאַמע הויבט אָן צו שעלטן אירע „שונאים". — איך באַשטים צו ווערן אַ פּריקאַזשטשיק. — שמועס מיטן טאַטן. — דער טאַטע גיט איבער מיין גורל אין מיינע אייגענע הענט. — איך האָב דערפּאָלג. — מיין „ריידן" פּויליש. — דעם ערשטן מאָנאַט אַ „נאָבאָווקע". — איך ברענג אַריין קונים מיט מיינע איינפאַלן. — אַ סאָלדאַט, אַ „וואַשע בלאַגאָראָדיע". — קרעמער רייסן זיך איבער מיר. — איך האַלט מיין „קאָנטראַקט" אויף אַ יאָר. — דער „רעוויזאָר" דאַרף קומען. — די פּאַטענטן. — מען נעמט כאַבאַר. — אַ מעשה מיט אַ רעוויזאָר. — עס שטאַרבט אַ „צדיק" און מען האַלט פאַרמאַכט די קלייטן. — אַ פּאָר אידן מאַכט מען פאַר „קרבנות". — די פּראָפעסיע געפעלט מיר ניט. — מען דאַרף וואַרטן אויף... נרז. — אַ מתנה דער שטיפמאַמע. — איך ווער אויס פּריקאַזשטשיק און די שטיפמאַמע באַקומט ווידער לשון. — מיר „שמועסן" זיך דורך און עס האַלט ביי פּעטש... — ווי אַזוי מען האָט אויסגעפּראָוווט מיין ערלעכקייט? — מיין בר־מצוה ווערן. — איך וואַרעם די תפילין ביי דער הרובע. — איך פאַרלאָז טעפּליק.

ווען דער טאַטע איז דאַנערשטיק געקומען פון אומאַן האָט ער די שטוב ניט דערקענט. עפּעס איך האָב אויסגעזען אַנדערש און די שטיפמאַמע אַנ־דערש. זי איז אַרומגעגאַנגען שטיל, אָנגעבלאָזן, האָט גאָרניט אָנדערציילט אויף מיר, און דער טאַטע, וועלכער פלעגט מיך נאָך יעדער רייזע מכבד זיין מיט אַ... פּאָר פּעטש — לויט די שטיפמאַמע האָט מיך פאַרקלאָגט — האָט היינטיקס מאָל קיין אַרבעט ניט געהאַט מיט מיר.

וואָס מערער פון אַלץ עס האָט געוואונדערט דעם טאַטן, וואָס די מומע האָט אויפגעהערט שעלטן. אויפגעהערט? ס'רעדט זיך אַזוי. געשאָלטן האָט זי ווידער, אָבער זייער ווייניק און ניט דירעקט. ספּעציעל האָט זי זיך גענו־מען שעלטן „אירע שונאים":

„מיינע שונאים זאָלן אַזוי האָבן כוח צו לעבן ווי איך האָב כוח צו ראַמען.

„מיינע שונאים זאָלן עס האָבן אויף זייערע ביינער וואָס איך וועל שוין האָבן פון אַט דעם פּערטל עוף...

„מיינע שונאים זאָלן אַזוי קאָנען גיין אויף זייערע פיס, ווי איך קאָן גיין צום קצב".

אַט אַזוי, האָט זיך איר אַ גאַנצן טאָג געשיט פּערל פונעם מויל אויפן חשבון פון אירע „שונאים". און ווער אירע שונאים זיינען געווען — איז זיך לייכט פאַרצושטעלן. אַ חוץ מיך — און מיין ברודער און שוועסטער וועלכע האָבן זי רעכט ניט געקאָנט און גאָרניט געוואוסט פון איר באַהאַנדלען מיך, אַ חוץ זיי — האָט זי מיט קיינעם קיין צוויי ווערטער נאָך אין שטאָט ניט אויסגערעדט. און ניט נאָר האָט זי ניט געהאַט קיין שונאים, נאָר פונקט פאַרקערט. צענדליקער טעפּליקער ווייבער, וואָס האָבן געהערט — אין די ערשטע זיבן מאָנאַטן — ווי אַזוי איך ליוב זי, ווי אַזוי איך האָב זי אַזש ליב, — זיינען איר געוואָרן אמתע גוטע פריינט. און מען פלעג אַפילו ווינטשן אַז אַלמן אַז ער זאָל פּאַקן פאַר זיינע קינדער אַזאַ שטיפמאַמע ווי נוסקע האָט געפּאַקט.

נאָך מער פריינט האָט זי געהאַט ביי די ווייבער צוליב איר „פירזאָגן" שבת אין שול. ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט זי געקאָנט עברי ווי אַ וואַסער, און אין „צאינה וראנה" איז זי געווען היימיש ווי אַ איד אין אַשרי. האָט זי אין שול געשפּילט די ראָל פון אַ „פירזאָגערן". זי האָט געלייענט אָדער געדאַווּנט, און די ווייבער וועלכע האָבן — אין גרעסטן טייל קיין עברי ניט געקאָנט — האָבן איר געקוקט אין מויל אַריין און נאָכגעזאָגט, און פאַרשטייט זיך, דערפאַר זייער דאַנקבאַר געווען, און געוואָרן אמתע פריינט.

אַלזאָ „ווינטשנדיק" אַט די ברכות אירע שונאים, האָב איך פאַרשטאַנען אַז אַלס איינציקן שונא האַלט זי מיך, און — עס האָט מיך אויפגעהערט צו אַרן און באַרירן אירע קללות.

דער טאַטע, אָבער, איז אַרומגעגאַנגען עפּעס צעטומלט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס איז פאַראַן נייעס. ער האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס? אָבער, לאַנג וואַרטן האָב איך ניט געלאָזט. ווי אַ גרויסער מענטש, ווי איינער פון זיין גלייכן, האָב איך אים אויפן דריטן טאָג פון זיין קומען פון אומאַן, שבת, נאָכן עסן, ווען די מומע איז געגאַנגען שלאָפן און דער טאַטע האָט גענומען אַריינקוקן עפּעס אין אַ ספר, האָב איך זיך צוגעזעצט נאָענט צו אים, און אַרויסגעשאָסן מיט אַמאָל:

— טאַטע, איך וויל ווערן אַ פּריקאַזשטשיק אין אַ מאַנופאַקטורנע מאַגאַזין. איך האָב שוין גערעדט מיט יודל שפּילבאַנד און ער נעמט מיך צו. ער וועט מיר צאָלן 12 קערבלעך אַ יאָר. עס פעלט נאָר, אַז דו זאָלסט צוגיין ריידן מיט אים.

דער טאַטע איז געבליבן זיצן עפּעס מבולבל. אמת טאַקע, די פּרנסה איז געשלאָגן, אָבער אַז איך זאָל אָוועקוואַרפן דאָס לערנען און ווערן אַ פּרי־קאָזשטשיק, גיין אַרבעטן ווען איך בין נאָך קיין גאַנצע צוועלף יאָר ניט אַלט, דאָס האָט ער נאָך ניט געטראַכט.

אַ פּאָר גרויסע טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, און ער האָט נאָר באַוויזן אַרויסריידן אָט די עטלעכע ווערטער:

— איצט איז שבת מען טאָר אַזעלכע זאַכן ניט ריידן. אויפדערנאַכט וועלן מיר ריידן דערפון.

דער טאָג האָט זיך געצויגן זייער לאַנג. ווי אויף צו להכעיס, האָט ניט געוואָלט נאַכט ווערן. צו מנחה צייט, בין איך ווי אַלע שבת געגאַנגען אין דער גרויסער שול בייצווויין דעם שלוש סעודות וואָס די בעלי הבתים פּראַוועט דאָרט אין „פּאָליש", כאַפּן אַ לעק פון די פיש — און דעם שבת וואָס אין שטעטל איז קיין פיש ניט געווען — פון אַ שטיקל הערינג, אַ לעק טון פון גלעזעלע בראָנפן וואָס דער שמש האָט געגעבן אונז קליינוואַרג. און כאָטש איך בין שוין געווען אַ „גרויסער", כאָטש איך האָב שוין קיין מלמד ניט געהאַט ביי וועמען צו לערנען, און כאָטש איך האָב שוין געמאַכט פּלע־נער פון ווערן אַ פּרנסה־מענטש — דאָך האָב איך זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון אַ סך קינדערשע מנהגים, וועלכע זיינען מיר געווען אַזוי ליב און טייער, ווי למשל, שטיין נעבן חזן פּריטיק־צו־נאַכט און פאַרזוכן פונעם בעכער, ווען דער חזן האָט געמאַכט „קידוש", פון שטיין ביים אָרון קודש, ווען מען נעמט אַרויס די תורות צו הקפות, און דער עיקר — פון קומען צו שלוש סעודות און כאַפּן אַ שטיקל פיש מיט קוילעטש אָדער אַ ברעקל הערינג און אַ לעק בראָנפן.

געווען צווישן אונזערע קינדער אַזעלכע וואָס האָבן געוואַרט אויף אָט דעם ברעקל פיש, געווען אַזעלכע, וואָס אין דער היים, האָט די מאַמע געדאַרפט מיט זיי האַרעווען ביז זיי האָבן עפּעס געגעסן, און ספּעציעל — ביז זיי האָבן געגעסן אַ שטיקל פיש. דאָ, אין שול, האָבן זיך אָט די קינדערלעך, געשטופּט נאָכן ברעקל פיש ווי אַ איד וואָס שטופּט זיך מיט זיין טלית אַ קוש טון די תורה ווען דער חזן גייט פון ארון קודש צום באַלעמער פאַרן אָדער נאָכן לייענען.

אָפּגעדאַוונט מעריב, געמאַכט הבדלה, אָפּגעטרונקען די טיי פון סאַמאָ־וואַר וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, אָטענדירט די שותפים וואָס זיינען געקומען „מאַכן פּלענער" פון אַרבעט אויף דער וואָך, ספּעציעל פאַרן מאָרגנ־דיקן מאַרק־טאָג, און צוגרייטן זיך צום מאָנטיקדיקן טעפּליקער יאַריד און

דינסטיקדיקן טאַשליקער יאַריד, האָב איך קוים דערלעבט אַז די שותּפים זאָלן אַוועקגיין, די מומע איז אַריין אין איר ספּאַלני זיך לייגן שלאָפן, און איך מיטן טאַטן, זיינען מיר אַרויס אויפן פּידאַשעק, זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ און מיר האָבן אָנגעהויבן שמועסן.

פריער האָט געדערט דער טאַטע. ער האָט זיך ווי פאַרענטפערט, פאַרוואָס ער קאָן מיך ניט שיקן קיין אומאַן אין „טרוד". עס קאָסט דאָרט 40 קערבלעך אַ יאָר אַ חוץ צוויי „אוניפאַרמעס" וואָס יעדער קינד מוז האָבן, אַ חוץ די קעסט — זאָל זיין אַפילו ביי דער שוועסטער, אָבער קאָסטן דאַרף דאָך. ער איז איצט ניט בכוח.אָבער ער פאַרשטייט אַליין, אַז אַרומגיין „פּוסט און פּאַס" טויג אויך ניט. פון גאָרניט טון קאָן מען אַרויס לתרבות רע. אָבער — אַ פּריקאַזשטשיק — געפעלט אים אויך ניט. אפשר קאָן איך געפונען עפּעס אַנדערש, עפּעס שענערס. ער, דער טאַטע, גיט מיר פרייע הענט צו טון וואָס איך וויל...

אין דער הקדמה צו אָט דעם בוך האָב איך אָנגעוויזן, אַז אמת, איך שרייב טאַקע מיין לעבנס־געשיכטע פון מיין שטעטעלע טעפּליק, איך גלויב אָבער, אַז אין אָט דער לעבנס־געשיכטע וועט יעדער לייענער וואָס האָט געהאַט דאָס גליק געבוירן ווערן און איבערלעבן זייערע קינדער־יאָרן אין אַזעלכע שטעטלעך פון אונזער אַלטער היים, וועט אין אָט די זכרונות, אין אָט דעם בוך, דערקענען אויך זיין יוגנט, זיינע קינדער־יאָרן, זיין רבין מיטן קאַנטשיק; ער וועט זיך דערמאָנען — און עס וועט אים הנאה טון.

איך האָב אָבער אין אָט דער הקדמה, אָנגעוויזן אויף אַן אַנדער פאַקט. איך האָב געזאָגט דאָרטן, אַז איך שטעל זיך פאַר אַ ציל, ניט נאָר אויפפרישן אָט די ליבע זיסע זכרונות פון די קינדער־יאָרן, נאָר אויפווייזן דעם חילוק פון דער דערציאונג וואָס מיר האָבן באַקומען, און וואָס אונדזערע קינדער און אייניקלעך באַקומען איצט, דאָ, אין דער נייער וועלט. דער חילוק פון זיך זאָרגן פאַרן קינדס צוקונפט וואָס אונזערע עלטערן האָבן געהאַט בנוגע אונז, און וואָס מיר האָבן בנוגע אונזערע קינדער.

און, אָט האָט איר אַ ביישפּיל, אַ לעבעדיקן ביישפּיל פון באַזאָרגן אַ קינד. און אַזעלכע ביישפּילן ווי איך, זיינען געווען אין די צענדליקער. אין בעסטן פאַל, האָט דער טאַטע גענומען זיין קינד און אים געמאַכט דאָס וואָס ער איז. פריער — גענומען אים מיט זיך אויפן יאַריד, און געמאַכט פאַר אַ קירזש־נער, פאַר אַ טאַנדעטניק, פאַר אַ „מאַכאַטווינעק" (מוכר־תבואהניק), און דער־

נאָך פאַר אַ שטעקל־דרייער. אַזוי האָבן געטון די גבירים און אַזוי האָבן זיך געזאָרגט פאַר דער צוקונפט פון זייערע קינדער — די אַרימעלייט.

און אַט ענטפערט אַ שיינער בעל־הבית, אַ באַלעבאַטישער איד, זיין 12־יאָריקן מעזינעק:

— „טו ווי דו פאַרשטייסט".

און איך האָב אָנגעהויבן מיין לעבן. איך, אַ צוועלף יאָריק קינד, וואָס דאָ, אין דער נייער וועלט, גייט עס נאָך מיט אַ ווייסער „גוואַרדאַפּאַלוואַ" און עס פעלט אים נאָך אַ יאָר צו ענדיקן די אָנפאַנגס־שול; וואָס דאָ, אין דער נייער וועלט, האָט עס אַ זאָרג, וואָס דער אָדער יענער פוטבאָל־שפּילער האָט פאַר־ריקן זונטיק געגעבן אַ שלעכטן שטופּ מיט די פיס דעם באָל און זיין קלוב האָט פאַרשפּילט; וואָס דאָ, ענדיקט ער קוים דעם מיטיק עסן, ווייל ער דאַרף לויפן אין קינאָ זען די פאָרזעצונג פון דעם בילד וואָס גייט אין „סעריעס" זייט אַ פּאָר וואָכן, אַ בילד וועגן אַ העלד מיט אַ העלדיש פערד, מיט אַ העל־דישן הונט, וואָס ראַטעווען דאָס מיידל פון אַ באַנדע באַנדיטן, און דער „העלד" האַלט צוויי רעוואָלווערן אין די הענט און האַלט אין איין שיסן.

דאָס איז דאָ. די דערציאונג האָבן אונדזערע קינדער געהאַט.

איך, דאַרט, האָב צו צוועלף יאָר זיך אַרויסגעלאָזט „בלאָנדזשען אויף די וועגן פון לעבן", ווי עס האָט באַטיטלט סמאָלענסקי ע"ה זיין גרויס ווערק. איך, אַ צוועלף־יאָריק קינד, האָב גענומען אויסקלויבן מיין צוקונפט — ניט האָבנדיק קיין שום אָנונג וואָס אַזוינס עס איז דאָס לעבן. און —

איך בין געוואָרן אַ פּריקאַזשטשיק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די ערשטע פּאָר טעג, די ערשטע פּאָר וואָכן, איז מיר מיין פּרנסה, ניט געוועזן איבעריק צום האַרצן. מיין אַרבעט איז „דערווייל" געווען, — און אָט דער „דערווייל" האָט זיך געצויגן וואָכן און חדשים, — אויסקערן די קלייט, אָפּקערן דעם שטויב פון די פּאָליצעס, „גיין אַ גאַנג" — און ניט בלויז אַ „גאַנג" וואָס געהער זיך אָן מיט דער קלייט — נאָר פאַר דער באַלעבאָסטע, און פאַרן „בערענטע" פון דער קלייט און פאַר זיין ווייב אויך... אָבער, דער עיקר אַרבעט איז געווען — שטיין ביי דער טיר און רופן, אַריינשלעפּן קליענטן אין קלייט אַריין. און דערויף בין איך געווען אַ מזיק. ספּעציעל האָט מיר צוגעהאָלפן מיין קאָנען „ריידן" רוסיש, כאַכליש, און אַ פּאָר פּוילישע ווער־טער. און אויסנוצנדיק אָט די „תורה", האָב איך אין משך פון ערשטן חודש

שוין דערוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע פּעאיקייט און מעגלעכקייט אַריינצו־שלעפּן קונים אין קלייט.

איצט, 40 יאָר נאָך יענער געשיכטע — לאָך איך אַליין, ווען איך דער־מאָן זיך, ווי איך פלעג געבן אַ קוק אויפן „קאַנדידאַט" אויף אַ קונה, האָב איך, כהרף עין, באַשטימט אויף וואָס פאַר אַ לשון איך דאַרף צו אים געבן אַ רעד. איז דאָס געווען אַ פּאָליאַק, האָב איך געגעבן אַ נעם אַראָפּ דאָס קאַשקעטל מיינס, זיך געגעבן אַ טיפן נייג און געגעבן אַ זאָג:

„פּראָשאָ פּאַנאַ דאָבראָדזשעע, כאָדזש טוטאַי".

אַ חוץ אָט די פינף ווערטער האָב איך געקענט נאָך צוויי ווערטער וועל־כע איך פלעג אויסנוצן צי עס האָט זיך געקלעפּט צי ניין. איך פלעג געבן אַ שים אַרויס: „פּשיפּראָשעם פּאַנאַ", און „דזשינקויע פּאַניע", און אָט די סגולה האָט געהאָלפן. אַ שליאַכטיטש, אַ גרעסער אָדער קלענער פּריצל האָט דערהערט אַזעלכע העפלעכע ווערטער — פלעגן זיי אַריינגיין אין קלייט. ספּעציעל איז זיי געפעלן וואָס איך שלעפּ זיי ניט ביים אַרבל ווי עס טוען עס אַנדערע אײנגלעך אָדער בחורים, קרעמער און קרעמערקעס וואָס שטייען ביי זייערע טירן. איך פלעג זיי קיינעם מיט קיין פינגער ניט אָנרירן און בלויז, מעשה עלעגאַנט, ווי אַ קאַוואַליער לאַדט איין אַ דאַמע צו טאַנצן אַ וואַלס — אַזוי פלעג איך מיט די אויסגעשפּרייטע הענט זיי ווייזן די טיר.

די ערשטע צייט האָבן מיינע בעלי הבתים אַפילו געלאַכט פון מיר, און די חברים — קאָלעגן פון די אַנדערע קלייטן, האָבן זיך נאָכגעקרומט מיר ווי איך בייג זיך און שפּרייט אויס די הענט. זיי האָבן זיך אָבער באַלד איבער־צייגט ווי די קונים געפעלט עס, ווי אַ פּריץ גיט מיר אַפילו אַ קניפּ אין בעקל, און איין פּריץ אַפילו, האָט מיר — נאָכן מאַכן אַ גרויסע פּאָקופּקע אין קלייט, האָט ער מיר געגעבן טרינק־געלט — פאַר צוטראָגן אים דאָס פּעקל צו דער ברישקע — אַ גאַנץ קערבל. אגב, מיט דעם דאָזיקן קערבל האָט דעמאָלט געשמעקט די גאַס, אַ קליינקייט, אַ קערבל.

אַ צווייטן שיינעם פאַל האָב איך געהאַט ווען אַ סאָלדאַט איז געגאַנגען מיט זיין פּאַראַסקען איינקויפן אַ „ספּידניצע" (אַ קליידל) אַלס אַ „נאַדזינע" (אָפּפאָר־מתנה) ערב זיין אומקערן זיך צו זיין פּאָלק. דער דאָזיקער סאָלדאַט איז מיט דער גויע שוין אויסגעווען אַלע קלייטן און אין ערגעץ ניט געקויפט.

ווען ער איז צוגעקומען צו אונזער קלייט, האָב איך זיך געגעבן אַ שטעל „סטראַינע" (גלייך, ווי סאָלדאַטן טוען עס ווען עס גייט דורך אַן עלטסטער) און אים געגעבן אַ זאָג:

„וואַשע בלאַגאָראָדיע! מילאַסטי פּראָסים, זיידיטיע ק' נאַם".

אויף אזא איינלאדונג, און אויף אזא „טיטול״ האָט ער זיך ניט געריכט. דערביי שטייט נאָך זיין ווייב, און קוקט אויף די צוויי בענדלעך וואָס ער האָט געטראָגן אויף די עפּאָלעטן. הייסט עס, אַז ער איז ניט אַבי ווער, א סימן מען זאָגט אים „וואשע בלאַגאָראָדיע״ — און ער איז אַריינגעקומען אין קלייט און אָנשטאָט אויסגעבן א קערבל (אַן ארשין ציץ האָט געקאָסט 15 קאָפּקעס, — אויף א קליידל האָט מען געדאַרפט א 5 אָדער 6 ארשין) — האָט ער אויסגעגעבן 11 קערבלעך, בוכשטעבלעך, דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט פאַרמאָגט. די ווערטער וואשע בלאַגאָראָדיע און מילאַסטי פּראָסים, האָבן אים פאַרדרייט דעם קאָפּ. ער האָט זיך אַפילו ניט געדונגען.

צו מיין גליק, האָט די גאַנצע סצענע מיטן שטעלן זיך סטרוינע פאַר אים, מיטן געבן אים אַט דעם טיטל — דאָס אַלץ האָט געזען דער בעל הבית און, ניט נאָר ער האָט שוין ניט געלאַכט פון מיינע משוגענע שטיק, נאָר ער האָט מיר אַפילו געמאָלדן, אַז פון היינט אָן, יעדן קליענט וואָס איך וועל אַריינברענגען אין קלייט און ער וועט עפּעס קויפן — מעג זיין אַפילו דריי ארשין לייוונט פאַר 45 קאָפּקעס, וועט ער מיר געבן א „פּראָצענט״ פּונקט ווי עס נעמט דער בערענטע (נאָמן) 2 פּראָצענט פון פאַרדינסט. מיר וועט ער געבן: 5 קאָפּקעס פאַר א קונה ביז א קערבל, 10 קאָפּקעס פאַר א קונה ביז א צענערל און צוואַנציק קאָפּקעס פון צען קערבלעך און העכער.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך נאָך מיט מער ברען אַריינגעוואָרפן אין מיין ארבעט פון אַריינברענגען קונים. מיין קאָנען ריידן א ביסל רוסיש — מיין ברודער ע״ה האָט שטענדיק מיר אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין, אַז איך זאָל איבערלאָזן דעם „שנים אוחזין בטלית״ און זיך נעמען פלייסיקער צו... קרילאָווס באַסניעס — און אָט קומט מיר דאָס רוסיש און ספּעציעל דאָס ריין, שיין באַכליש ריידן — צונוץ. דער „בודטיע טאַק דאָברי״ און „בודטיע טאַק ליובעזנע״, (זייט אַזוי גוט, זייט אַזוי פריינדלעך) איז פון מיינע ליפּן ניט אַראָפּ, און עס פלעג קומען א זונטיק אָדער א מאָנטיק, וואָס איך האָב געבראַכט א היים א קערבל און מערער פּרנסה „זייט-געלט״. וויפל דעמאָלט האָט ווערט געהאַט א קערבל? ווער געדענקט עס ניט.

און מיין טאַטע, ער איז געווען איבערגליקלעך. דער זון איז ב״ה א בעל פּרנסה, דער בעל הבית האָט אים ליב, מען איז אים שוין אַפילו געקומען אָפּריידן פון ליובאַרסקין, און מען וויל אים געבן דריי מאָל אַזוי פיל וויפל ער נעמט ביי יודל שפּילבאַנד. אָבער ער גייט ניט אַוועק, ער וועט אָפּזיין דאָס יאָר.

און אַז איך דערמאָן שוין אָט דאָס ערשטע יאָר וואָס איך בין געוואָרן

אַ פּאַרדינער, און — לויט ווי איך האַלט איצט — דאָס ערשטע יאָר וואָס איך האָב אָנגעהויבן בלאָנדזשען אויף גאַסס וועלט ניט וויסנדיק וואָס אָנ־הויבן, ניט האָבנדיק קיינעם ווער עס זאָל זיך זאָרגן וועגן מיין צוקונפט. אַז איך דערמאָן די טעפּליקער קרעמער און פּריקאַזשטשיקעס, ווייל איך דאָ אַפּפּרישן אין זכרון די מאָמענטן ווען דער „רעוויזאָר" האָט געדאַרפט קומען אין שטאָט.

אַז אויף צו עפענען אַ קלייט האָט מען געדאַרפט האָבן אַ פּאַטענט, וועל־כער האָט באַטראָפן אַ שיינע פּאָר קערבלעך — געדענקט דאָך יעדערער. דעם פּאַטענט האָט מען געצאָלט לויט די גרויס פון דער קלייט, דאָס הייסט, לויט דער צאָל סחורה וואָס עס האָט זיך געפונען אין קלייט. און פונקט ווי אַלע „קלוגע" געזעצן פון צאַר, איז אויך אָט דער געזעץ געווען נאַריש, ווייל אויב דאָס קלייטל — וועלכעס איז געווען ענג און קליין — איז געווען פול מיט סחורה, האָט עס געצאָלט דעם זעלבן אָפּצאָל, דעם זעלבן פּאַטענט, וואָס עס האָט געצאָלט די גרעסטע קלייט וואָס איז אויך פול מיט סחורה.

איז אָבער געקומען דער רעוויזאָר, און געטראָפן ווייניק סחורה אין קלייט, האָט די קלייט געמעגט זיין גרויס ווי דער גאַנצער מאַרק — האָט ער געקוקט אין די „פּאָליצעס" (עסטאַנטעס), איז דאָרט דאָ ווייניק סחורה — איז דער קליינער פּאַטענט וואָס דער קרעמער צאָלט — גענוג.

פאָרשטייט זיך, אַז די גאַנצע געשיכטע איז געווען בלויז אַ טעאַטער־שפּיל. ווייל דער פּריסטאַוו, וועלכער האָט גענומען כאַבאַר, און דער סטאַ־ראָסטאַ אָדער „איסבאַרשטשיק" (געוויינלעך פלעגט מען אים רופן: סבאָר־שטשיק), וועלכע האָבן צונויפגענומען דעם כאַבאַר ביי די קרעמער, האָט גע־געבן צו וויסן מיט צוויי־דריי טעג פריער ווען דער רעוויזאָר וועט קומען. דער רעוויזאָר אַליין, האָט עקסטרא גענומען כאַבאַר, און איידער ער איז גע־קומען, האָבן אַלע קרעמער אַרויסגענומען די סחורה פון קלייט. מען האָט אויסגעליידיקט די פּאָליצעס. די סחורה פלעגט מען געוויינלעך טראָגן אַהיים, האַלטן אין בעט, אין סטאָלאָווע, אין קיך, און אַפילו ביי שכנים און שכנות. פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע אַרבעט פון טראָגן אַהין און טראָגן צוריק איז געלעגן אויף די פּלייצעס פון די פּריקאַזשטשיקעס, וועלכע האָבן דעמאָלט זיך אָנגעהאָרעוועט און אָנגעמאָרדעוועט, אַז עס איז געווען אַ שרעק.

איך געדענק יענע סצענע, ווי אַזוי דער רעוויזאָר, מיטן פּריסטאַוו, אור־ריאַדניק, סטאַראָסטאַ, און אַ פּאָר סטראַזשניקעס, גייען איבער דער שטאָט, גייען פון קלייט צו קלייט, חברה אינגלעך און אַפילו עלטערע אידן, שטעק־קעלע־דרייער, אידן וואָס האָבן ניט וואָס צו טון, גייען זיי נאָך, און מען

קוקט זיך צו ווי דער „רעוויזאָר“ באַקוקט די קלייט, באַקוקט דעם פּאַטענט און גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: פּראַווילנאָ! דאָך — און אַזוי איז געווען אָפּגערעדט — אַ צוויי־דריי פּראָטאָקאָלן האָט ער געמוזט מאַכן. קליינע פּראָטאָקאָלן (מולטאַס, שטראָפן), און די געליטענע פלעגן באַקומען פון קהל אויסגעצאָלט די סומע געלט וויפל די שטראָף האָט באַטראָפן. דאָס הייסט, מען האָט געמאַכט אַ פּאָר אידן פּאָר קרבנות — אָבער מען האָט זיי באַלד גוט געמאַכט זייער שאָדן. אַזוי האָט עס געמוזט זיין.

איינמאָל איז אָבער געשען אַ טראַגעדיע מיט אַ רעוויזאָר. ער איז געווען אַ יגי כפּימניק (ס'הייסט, ער האָט ניט גענומען קיין כאַבאַר) און איז גע־קומען אומגעריכט. און פאַרפאָרן גלייך צום פּריסטאַוו און זיך געהייסן געבן סטראַזשניקעס וועלכע זאָלן אים באַגלייטן. דער פּריסטאַוו האָט געוואוסט, אַז טאָמער גייט ער אַרויס אין גאַס, גייט אַריין אין די קלייטן, וועט ער, — דער פּריסטאַוו — מיטן אוריאַדניק, מיטן סטאַראָסטאַ און איסבאַרשטשיק, מיטן רעוויזאָר וואָס איז דאָ ערשט ניט לאַנג געווען — אַז זיי אַלע וועלן גיין אויף קאַטאָרגע. און אַזוי ווי קיין נאַר איז ער ניט געווען, האָט ער אַרויסגעשיקט מעלדן דעם סטאַראָסטאַ און די קהלס מענטשן און קרעמער, וואָס עס פּאַסירט, און זיי געגעבן אַן עצה, אַז מען זאָל שנעל פאַרמאַכן די קלייטן און מען זאָל סימולירן, אַז אַ גרויסער צדיק איז נפטר געוואָרן, דערפאַר וועלן די קלייטן זיין פאַרמאַכט דריי טעג. און אין משך פון אָט די דריי נעכט — זאָל מען אויסליידיקן די קלייטן.

די שפּיל האָט זיך איינגעגעבן. ווען דער פּריסטאַוו מיטן רעוויזאָר זיי־נען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין, האָבן זיי געטראָפן אַלע, פּאָזיטיוו אַלע, קלייטן פאַרשלאָסן. די ווייבער פון מאַרק זיינען אויך ניט געזעסן. און אַזוי ווי מען האָט אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג מיטן צדיק, האָבן די גויאישע מאַרק־זיצערנס, אָט די וואָס פלעגן פאַרקויפן שיסעלעך מיט כאַלאָדיעץ, עדות גע־זאָגט, אַז עס איז געשטאָרבן אַ „הייליקער“, עפּעס אַ גרויסער רב.

דאָס שענסטע פון אָט יענער שפּיל איז געווען, וואָס מען האָט אַראַנ־זשירט... אַ לויה און דאָס שטעטל איז געגאַנגען צו דער לויה, און דער רעוויזאָר האָט עס געזען מיט זיינע אייגענע אויגן...

דורך די נעכט האָט מען אויסגעראַמט די קראָמען, און אויפן דריטן טאָג ווען דער רעוויזאָר האָט זיך געפּעדערט און איז פאַרטאָג ממש, אַרוים צו די קראָמען רעווידירן — האָט ער געטראָפן, אַז אַלץ איז פּראַווילנאָ. בלויז די זשעליאַזנע קלייטן האָבן ניט געקאָנט אויסראַמען גאַרניט, האָבן זיי ווייטער געהאַלטן פאַרמאַכט. אַז דער רעוויזאָר האָט געפרעגט פאַרוואָס מען עפנט

ניט אָט די קראָמען, האָט מען אים געענטפערט, אַז די בעלי הבתים פון די קראָמען זיינען געווען פון דער משפחה פון געשטאָרבענעם צדיק, דאַרפן זיי האַלטן פאַרמאַכט ביז נאָך שלושים. נו, קיין דרייסיק טעג האָט שוין דער רעוויזאָר ניט געוואָלט וואַרטן.

אינטערעסאַנט אָבער איז דאָ צו באַמערקן, אַז טעפליקער אידן, וועלכע האָבן אַזוי געציטערט פאַר יהודה לייב מאָזעס דעם שטאָט מסור, פאַר יעדער קלייניקייט וואָס זיי האָבן געטון אָדער געהאַנדלט אומלעגאַל, פאַר דעם, ער זאָל מסרן וועגן דער געשיכטע מיטן רעוויזאָר בכלל און מיטן „צדיקס טויט" בפרט — פאַר דעם, האָבן זיי קיין מורא ניט געהאַט. דער פּריסטאַוו האָט אים אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז „ענין רעוויזאָר" איצט און שטענדיק, איז דעם פּריסטאַווס אַ פּערזענלעכע זאַך, און ער זאָל האַלטן מויל.

איך האָב אַרויסגעבראַכט אָט די אינטערעסאַנטע פאַלן פונעם אידישן און קרעמערישן לעבן אין אונזער אַלטער היים, איך האָב עס געטון, ווייל, ערשטנס, איז דאָס דאָך, נאָך אַלעמען, ווי טראַגיש עס איז איצט עס צו דערמאָנען, אַ שיינער עפּיזאָד פון אידישן קאַמף פאַר עקזיסטענץ קעגן אַלע צאַרישע געזעצן וועלכע האָבן עס געזוכט צו צעשטערן און אונטערגראָבן. צווייטנס, טאַקע ווייל אָט די געשיכטע מיטן „צדיקס טויט" האָט געטראָפן אין דעם פּעריאָד ווען איך בין געווען אַ פּריקאַזשטשיק, און ווייל עס האָט זיך מיר אַזוי איינגעקריצט אין זכרון — פאַרוואָס עס ניט אַרויסברענגען?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביי מיין ערשטן „פּאַך" איז מיר ניט געגאַנגען שלעכט. געאַרבעט שווער האָב איך בלויז איין מאָל אין וואָך — זונטיק, און צוויי מאָל אין צוויי וואָכן, ווען עס איז אויסגעפאַלן מאָנטיק, טעפּליקער יאַריד. און אַזוי ווי איך בין געווען אַ שטיקל מיוחס ביים בעל הבית, האָט מען זיך מיט מיר ווייניק וואָס געשאָפּט צו שטוב זאַכן. און אויב מען האָט מיר אַמאָל געזאָגט „פאַלג מיר אַ גאַנג" גיי קויף אַ ליטער קעראָסין, אָדער גיי ברענג אַ „היטל" צוקער, פלעגט מען עס מאַכן מיט אַ וויץ. מען האָט מיר נאָכגעמאַכט מיינע רייד — נאָר אויף אידיש:

„זיי אַזוי גוט", „מיר בעטן אַ טובה" (מילאָסטי פּראָסים) אָדער „זיי אַזוי פריינדלעך", דערביי האָט מען זיך אויך אַ נויג געטון, ווי איך פלעג עס מאַכן פאַרן פּריץ אָדער גוי — און נאָך אַזאַ „בעטן" — פלעג איך לויפן „פאַלגן אַ גאַנג", מיט פאַרגעניגן.

אַלזאָ, ביי מיין ערשטער פּראָפעסיע אין לעבן, איז מיר געווען ניט

שלעכט. איך האָב געהאַט צייט ווען צו לערנען אידיש שרייבן, רוסיש און אפילו עס פלעגן זיין מיטוואָכן וואָס איך האָב איבערגעלאָזט די קלייט און בין אַוועק אין בית־מדרש וואו מען האָט געטראָפן עטלעכע אידן לערנען, אָדער דערציילן מעשהלעך פון בעל שם טוב. און דער בעל הבית, ניט נאָר ער האָט עס געוואוסט, נאָר ער איז געווען צופרידן דערפון. ער האָט געוואָלט אַז מען זאָל וויסן, אַז זיין פריקאַזשטשיקל — איז ניט אַבי ווער. דערביי אָבער, האָט אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָל, דאָס וואָס איך בין געווען, ערשטנס, אַ בעל הבתיש קינד; צווייטנס, וואָס איך בין געווען נאָענט, זייער נאָענט, באַפריינדעט מיט זיין ברודערל שלמה שפּילבאַנד, אַ וואויל האַרציק בחורל וועמען דער שטראָם פון עמיגראַציע האָט באַצייטנס אַרויסגעשלעפּט פון טעפּליק און אַריינגעבראַכט קיין ארץ ישראל תיכף נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

און דאָך, נאָך די אַלע גוטסקייטן איז מיר אָט די פּראָפעסיע ניט געווען געפעלן, כאָטש מיין טאַטע האָט מיר געעצהט זיך האַלטן ביי דעם. זיין חשבון איז געווען אַ פּשוטער: איך וועל אָפּזיין עטלעכע יאָר ביי אָט דעם פּאַך, איך וועל זיך גוט אויסלערנען ווי אַזוי מען פאַרקויפט און וואו מען קויפט סחורה. און פּונקט אַזוי ווי מיין בעל הבית נעמט איצט מיט זיין נאָמן (כערענטע) אין וועג אַריין, ווען ער פאָרט קיין קעשענעוו, קיין מאָסקווע, קיין וואַרשע און לאָדזש און אפילו קיין זאַגראַניצע — קויפן סחורה, אַזוי וועט ער שפּעטער מיך נעמען. ער האָט עס שוין אפילו געזאָגט דעם טאַטן.

— נו? סוף? וואָס זשע וועט זיין דערנאָך? — פלעג איך פרעגן מיין טאַטן, — וועל איך זיין אַן אייביקער פריקאַזשטשיק, שוין מיט אַ גרעסערן טשין „נאמן" (באַגלויבטער).

— חלילה, — פלעגט מיר דער טאַטע אָנווייזן. — דו וועסט ווערן עלטער, וועסטו קריגן אַ שידוך מיט 20 טויזנט קערבלעך, און וועסט מאַכן אַן אייגענעם „מאַנופאַקטורנעם מאַגאַזין"...

ניין, דער גאַנצער פּלאַן מיט חתונה האָבן און נעמען נדן און מיטן נדן עפענען אַ קראָם — איז מיר — דעם 13־יאָריקן קינד צום האַרצן ניט געווען. ספּעציעל איז מיר ניט געווען צום האַרצן דאָס וואָרט נדן. וועגן נדן פלעגט מען אין טעפּליק זאָגן, אַז דאָס איז דער „מאַטעריאַל" מיט וועלכן מען פאַר־שטעלט דעם בחור די אויגן אַז ער זאָל ניט זען, אַז די כלה איז מיאוס, גע־שטופּלט, אָדער אַ נאַרישע בהמה. און ווען איך האָב דערהערט פון 20 טויזנט רובל נדן, האָב איך זיך שוין פאַרגעשטעלט מיין כלה, ווי זי איז אי מיאוס, אי געשטופּלט, אי אַ בהמה און אַ קרומע אויף אַ פוס אָדער אַ קאַסאָקע דערצו.

טאָקע, אויב ניט, פּאַרוואָס קומט מיר צו געבן 20 טויזנט רובל נדן. און איך שעם זיך ניט איצט אויסצוזאָגן, אַז איינע פון די מאָטיוון פאַרוואָס איך האָב באַשטימט ווערן אוּיס פּריקאַזשטשיק איז געווען, כדי איך זאָל ניט דאַרפן זיין אויסגעשטעלט אויף קיין נדן. און ווען דאָס יאָר האָט זיך געענ־דיקט, טאָקע ניט אַ טאָג ווייניקער ווי אַ יאָר — האָב איך, אַן דעם טאַטנס ווּיסן — צוגעשטעלט מיין בעל הבית מיין רעקאָמענדאַציע... קיין געלט ביי אים איז מיר ניט געקומען, ווייל מיין טאַטע האָט נאָך מיט אַ פּאָר חדשים פריער געדאַרפט האָבן אויף צוגרייטן דעם פּסח — האָט ער אָפּגענומען די שכירות וואָס איז מיר נאָך געקומען. פאַר מיין „זייט־געלט" האָב איך זיך פיין אויס־געקליידט און ס'איז מיר נאָך געבליבן אַ פּאָר רובל אין קעשענע. אָבער, די שענסטע זאַך פון אַלעמען איז געווען, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון מיין „זייט־געלט", עטלעכע קערבלעך און פאַר דעם געלט געקויפט... מיין שטיפ־מאַמע אַ מתנה — וואָלנס אויף אַ קליידל...

איצט, איז טאָקע די צייט צו געבן עטלעכע שפּאַן אויף צוריק און אייך ענטפערן אויף דער פראַגע וועלכע איר שטעלט געוויס:

און די שטיפמאַמע? ווי אַזוי איז געווען איר באַציאונג צו מיר נאָך יע־נעם אינצידענט און נאָכדעם ווי איך בין געוואָרן אַ פּאַרדינער, און נאָכדעם ווי זי האָט געוואוסט, אַז דעם גאַנצן פּסח האָט מען אַריינגעבראַכט מיט מיינע פאַרדינסטן, ווייל דער טאַטע האָט געהאַט זייער אַ שלעכטן ווינטער.

פון ערשטן טאָג אָן וואָס איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן, האָב איך אויס־געמיטן צו ריידן מיט איר אַ וואָרט אפילו. דער טאַטע האָט זיך טאָקע גע־חידושט, ער האָט געוואָלט אויסטאָפּן וואָס אַזוינס איז געשען, אָבער, מיר האָבן ביידע געהאַלטן וואָרט. מיר האָבן ניט דערציילט פון אינצידענט קיי־נעם ניט און קיינמאָל ניט. איך פּלעג אויפשטיין פרי, אָפּדאַווענען און אַוועק אין קלייט. איך פלעג אַריינגיין צום בעל הבית אין שטוב, נעמען די שליסל און עפענען דאָס געשעפט. ווען דער בעל הבית מיטן נאָמן זיינען געקומען, איז שוין די קלייט געווען אויפגעראַמט און אַוועקגעלייגט די אָנגעוואָרפענע סחורה אין אָרדענונג.

פאַרשטייט זיך, אַז דעם צוטרוי פון נעמען די שליסלען, פון עפענען די קלייט, פון פאַרען זיך מיט דער סחורה, איז ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט. פריער, די ערשטע פּאָר וואָכן פון מיין „סלוזשבאַ" האָט מען מיר „אונטער־געוואָרפן" 2 קאָפּקעס, וועלכע איך האָב „געפונען" ביים אויסקערן די קלייט און זיי תיכף אָפּגעגעבן. שפּעטער האָט מען מיר אונטערגעוואָרפן אַ פער־ציקער (20 קאָפּקעס), וועלכע איך האָב „געפונען" אונטער דער סטאָיקע,

שפעטער האָב איך „געפונען" אַ קערבל. דאָס קערבל האָב איך שוין ניט „געפונען" אין קלייט, נאָר מען האָט מיך געשיקט אין פּאָטשט מיט 50 קערבלעך קויפן מאַרקעס (סטאַמפּיזשעס), וועלכע מען האָט גענוצט אַלס געלט וואָס מען האָט געשיקט אין די קאָנווערטן צו פאַרשידענע אַגענטן אין די גרויסע שטעט. קומענדיק אין פּאָטשט האָב איך זיך אומגעקוקט, אַז איך האָב אַן איבעריק קערבל — און איך האָב עס אָפּגעבראַכט צוריק.

דעם לעצטן פּרואוו האָט מען געמאַכט מיט אַ גאָלדן פינפערל, אַן אמת גאָלדן פינפערל, וואָס איך האָב געפונען אין... מיסט. און ווען? נאָך אַ זונטיקדיקן מאַרק־טאָג וואו דורך דער קלייט זיינען דורכגעגאַנגען אפשר 200 קונים. אַריינגעמענדיק דאָס מיסט אין קעסטל, האָב איך דערהערט אַ קלונג און געפונען דאָס פינפערל. „פּונקט, גראַדע" איז אין קלייט קיינער ניט געווען און... איך האָב איבערגעלאָזט דעם בעזים מיט דעם קעסטל מיסט און בין אַוועק זוכן דעם בעל הבית אים אָפּגעבן דאָס פינפערל, וואָס זיכער האָט עס אַ פּריץ אַרויסגעוואָרפן פון קעשענע. דער בעל הבית האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אָט דער „מציאה" און פאַר פרייד — האָט ער מיר געגעבן אַ גאַנץ קערבל חלק.

עס, עס, שפעטער, בין איך געוואָוירע געוואָרן דעם אמת, אַז די אַלע „געפינעכצן" זיינען געווען בלויז פּראָוושטיינער, עקזאַמענס, וועלכע איך האָב גלענצנד אויסגעהאַלטן.

אַלזאָ, איך בין אינדערפרי אַוועק אין קלייט, און אַרום 12 אַזייגער בין איך געקומען אַהיים עסן מיטיק. די מומע פלעג מיר געבן מיין עסן, שטום, ברוגז, אָנגעבלאָזן. און ווען ניט ווען אַריינגעוואָרפן אַ קללה אויפן חשבון פון אירע „שונאים". ביז, אין איינעם אַ טאָג, האָט זי זיך, ווייזט אויס פאַרגעסן, אָדער ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן, און ווען איך האָב פאַרגעסן אָפּצורייניקן די שטיוול מיט דער בלאָטע און בין אַריין גלייך אין שטוב אַריין, האָט זיך איר געעפנט דאָס מויל און עס איז אַוועק „יענע" סדרה קללות, וועלכע זי האָט צוריק מיט חדשים אַזוי אָפּט גענוצט.

„מען זאָל מיך שוין טראָגן פון הקדש אין שטוב אַריין און אַרויסטראָגן פון שטוב אויפן בית הקברות און אַריינטראָגן פון בית עולם אין קבר אַריין".

'איך זאָל אַזוי כוח האָבן צו עסן, צו לעבן, צו אָטעמען, צו גיין, צו אַרבעטן, ווי זי האָט כוח צו ראַמען נאָך מיר די בלאָטע" און אַזוי ווייטער.

איך האָב זיך שוין צום טיש ניט געזעצט עסן, נאָר איך האָב אַריינגע־

לייגט די הענט אין קעשענע, בין צוגעקומען נאָענט צו איר, נאָענט, ממש צום פנים צו, און מיט אַ פעסטער שטימע איר געזאָגט:

— הערט אויס, מרשעת! ווילט איר האָבן כבוד — וועל איך אייך אָפּ־געבן כבוד ווי עס קומט מיין טאַטנס פרוי. וועט איר אָבער זוכן אומכבוד, וועט איר ווידער זיך נעמען צום שעלטן, וועל איך אייך אין אַ שיינעם טאָג, גוט אויספּאַטשן די מאָרדעס און וועל אַוועקגיין פון דער שטוב. קלויבט אייך אויס וואָס איר ווילט.

אָפּגעזאָגט דאָס — האָב איך זי איבערגעלאָזט און בין אַוועק עסן צום פעטער מאָטיען.

אויף דער נאַכט, איך בין געקומען אַהיים, האָב איך זיך געריכט אויף אַ סקאַנדאַל פון טאַטן, אָבער זי האָט שכל געהאַט. אויך, דאָס, האָט זי אים ניט דערציילט — און שטיל, בנעימות, מיר דערלאַנגט עסן. מיין ענטפער איז געווען — דאָס קאָרטל וואָלנס וואָס איך האָב איר געבראַכט אויף פּסח.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין שוין אַ בר־מצוה בחור געוואָרן. קיין גרויסן צימעס האָט דער טאַטע פון דעם ניט געמאַכט. ער האָט אַפילו ניט געוואוסט, אַז איך גיי אַלע טאָג אַריין צו אונזער שכן און מחותן צו יעקב מאיר דעם רב זצ״ל, און ער לערנט מיט מיר הלכות תפילין. ער האָט, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געוואוסט, אַז אַלע טאָג מאַך איך אין דער היים „פּראָבע" מיט די תפילין צי זיי... „פּאַסן" מיר, צי זיי זיינען ניט גרויס אָדער קליין, און טאַקע דערוויל לערן איך זיך ווי אַזוי זיי אָנטון. פאַרשטייט זיך, אַז דער טאַטע האָט אויך ניט געוואוסט, אַז איידער איך מעסט אָן די תפילין, וואַרעם איך זיי אַביסל אָן ביי דער הרובע, ווייל זיי זיינען צו קאַלט.

דאָך, ווען עס איז געקומען דער טאָג און איך בין געוואָרן אַ בר־מצוה, איז דער טאַטע אַוועק מיט מיר אין קלויז, מיטגענומען לעקעך און בראָנפן, געבראָטענע לעבערלעך און פּופּיקלעך פון גענז (אין יענער צייט האָט מען געגרייט שמאַלץ אויף פּסח) און דער בר־מצוה איז עולה תורה געווען, טאַקע אַליין געלייענט אין דער תורה, (אַ דאַנערשטיק איז דאָס געווען). שבת האָט מען געמאַכט אַ שטיקל קידוש און איך האָב ווידער עולה תורה געווען און

דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. דאָס איינציקע וואָס איך האָב דעמאָלט געוואָרט איז געווען, אַז עמיצער, אין שכנות, זאָל... שטאַרבן און מען זאָל מיך, דעם „גרויסן", דעם אידן, גיין בעטן און מצרף זיין צום מנין...

און צו וואָס לייקענען? מען האָט ממש אַ מצווה געהאַט אין מיר ווען מען האָט מיך אַריינגערופן צו אַ מנין, אָדער ווען איך האָב געקאָנט דינען ביים רב אַלס „עדות" ביי אַ גט אָדער אַנדער מצווה. די ערשטע צייט פון מיין „ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער איד", האָב איך גענומען אין ערנסט די גע־שיכטע אַז פון איצט אָן בין איך שוין אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיינע עבירות; אַז פון דער מינוט אָן וואָס מיין טאַטע האָט געזאָגט: „ברוך שפטרני" — דאָס הייסט, אַז ער איז שוין ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע זינד מיינע — האָב איך, די ערשטע צייט, זיך געהיט ניט צו טון קיין עבירות, ניט פאַרפעלן דאָס דאַווענען, ניט צורירן זיך שבת צו די לייכטער, ניט פאַרפעלן לייענען קריאת שמע, און בכלל טון וואָס אַלע פרומע און גאָטספאַרכטיקע אידן דאַרפן טון. ניט איינמאָל פלעג איך זיך דערמאָנען דעם רבין עלי שיכמאַנס ווערטער, אַז פון ערשטן טאָג אָן, וואָס מען ווערט אַלט דרייצן יאָר, עפנט מען „אויבן" אַ ספּעציעלן חשבון, אין אַ ספּעציעלן בוך און דאָרט ווערט פאַרשריבן יעדער עבירה, און אַז עס קומט ראש השנה, גיט מען „דאָרט" „אויבן", אַ צי אונטער דעם חשבון, מען מאַכט אַ „חבור" פון די עבירות און אַ „חסור" פון די מצוות און לויט דעם וואָס בלייבט איבער — באַשליסט מען „דאָרט", וואָס מען דאַרף טון מיט יעדן איינעם.

נו, מילא, ביז איצט האָט מען מיינע זינד פאַרעכנט אויפן טאַטנס חשבון. און כאָטש דער טאַטע האָט געקאָנט האָבן אַ תירוץ: וואָס איז ער שולדיק וואָס איך גנבע זיך אַרויס אום שבת און פאָר זיך גליטשן אויף די קאָנקעס? דאָך, האָט ער געטראָגן אַ חלק פון מיינע זינד.

איצט אָבער ווערט אַלץ פאַרשריבן אויף מיין אייגענעם חשבון. דאַרף מען זוכן טון אַ מצווה. און וואָס פאַר אַ גרעסערע מצווה איז, זיין דער צענטער ביי אַ מנין ביי אַן אבל.

פלעג איך טאַקע אַרויסקוקן, וואַרטן אַז מען זאָל מיך רופן און —

כהאָב זיך ניט דערוואַרט.

דערווייל בין איך אין שטוב געוואָרן אוים מיוחס, אוים פאַרדינער, און

מען האָט שוין געװאָרפן שטעך־װערטלעך אין מיין זייט, כאָטש די מצות, דעם װיין און דאָס פּערטל עוף האָט מען געקויפט פאַר מיין געלט.

חול המועד פּסח, האָב איך זיך אויפגעזעצט ביי יאָסל בעל עגלה אין בויד, און בין אװעקגעפאָרן קיין אומאַן, צום ברודער, איך בין געפאָרן ער זאָל, אפשר, מיך אַרויספירן אויפן װעג אויף װעלכן איך האָב

— גענומען בלאָנדזשען אין די װעגן פון לעבן...

ד״ר פיגורסקי

איינער פון די טעפליקער קריסטליכע דאָקטוירים וואָס איז געוועזן
אַן אמתער אוהב ישראל.

קאַפּיטל פערצן

אין דער „גרויסער“ וועלט אַריין

יאָסל בעל־עגלה. — אומאַניער בעל־עגלה. — זיין וואָגן פון וועלכן מען בלייבט אַז קריזשעס און זיין פּייטאָן אויף רעסאָרטן. — מיין טאַטנס ביטע. — ביים ערשטן אַרויספאָר ווער איך אָפּגענאַרט. — איך זיץ אויף דער „קאָזלע“. — איך באַקום אַ „פּאַרגניטיקונג“. — איך טרייב אָן די פערד. — ראַסקאַשיוּוקער קרעטשמע. — פּאָלאָנקער וואַלד. — די רוצחים און די בלאָטע. — מען גייט צופוס — מען זעט אַן אומאַן. — די סאָפּיעווקע — נאָך פון גאַנטעס צייטן. — אַ מעשה מיט אַלעק־סאַנדער דעם צווייטן. — אומאַניער „רוטעס“. — פּחאָר און זיידמאַן, די גרעסטע קרעמער. — זיבעצן קערבלעך אַן אַרשין שטאָף. — קרעמערענקאָ דער כירורג. — זיין אויסשניידן די „סלעפּאַיאַ קישקאַ“. — אומאַניער קעשענע גנבים. — דער אומאַניער „נאַר“, ער נעמט פון יענעמס וואָגן און לייגט אין זיינעם. — מען באַ־גנבעט נאַטשאַלסטווע. — דער „סאָיוז רוסקאָוואָ נאַראָדאַ“. — די ביכער און שרייב־געצייג מאַגאַזינען. — אברהם קניאַזשאַנסקים קלייט. — וויניק פּאַרדינסט, אַ סך „אַבאַראָט“. — מען קויפט דאָרט אַלץ בחצי חנם. — יאָסל בעל־עגלה טוט מיר די ערשטע טובה אין דער פרעמד. — איך וואַרט אויף אַן אורטייל איבער מיר.

יאָסל בעל עגלה? וויפל טעג און נעכט האָב איך געחלומט, אַז עס זאָל קומען דער טאָג, דער באַגינען, ווען יאָסל בעל עגלה זאָל צופאָרן צו אונזער שטוב, אָנקלאַפּן אין פענצטער, און איך, איך זאָל שוין שטיין אַ פאַר־טיקער, אָן אָנגעטוענער, אַ ציטערדיקער, און ווי נאָר ער וועט געבן אַ שאָרך ביי די טרעפּ, ווי נאָר איך וועל הערן זיין גרויסן פררר· וואָס ער וועט געבן די פערד אַז זיי דאַרפן בלייבן שטיין ביי דער טיר — וועל איך שוין זיין אין דרויסן...

יאָסל בעל עגלה, וואָס איז געפאָרן דריי מאָל אין וואָך קיין אומאַן, האָט געהאַט אי אַ פּייטאָן אי אַ וואָגן. מיטן פּייטאָן איז געווען אַ חיות צו פאָרן. עס האָט ניט געהעצקעט, ניט געטרייסלט, די רעסאָרטן (עלאַסטי־קאָס) האָבן געוויגט און געהוידעט, און מען האָט געקאָנט אַפילו שלאָפן פאַרנדיק. דער וואָגן איז שוין געווען עפּעס אַנדערש. מען איז טאַקע געזעסן באַקוועם, פון ביידע זייטן וואָגן האָבן געהאָנגען צוויי שטאַנגען אויף וועלכע מען האָט געהאַלטן די פיס. אין וואָגן איז געווען אויסגעבעט היי און שטרוי.

אָבער — דער וועג פון טעפּליק קיין אומאַן, אַ 35 וויאָרסט, איז ניט געווען אויסגעפּלאַסטערט. מען איז געפאָרן אויף „גרודעס" (פּאַרטריקנטע שטיקער בלאָטע). דער וועג? אַ גרוב אַרויף, אַ גרוב אַריין. און מען האָט, אָדער געדאַרפט זיין גוט צוגעוואוינט, ווי מיין טאַטע, למשל, וואָס פלעג מיט אַזאַ וואָגן פאָרן אויף די יארידים, אָדער — מען האָט טאַקע באַקומען אַ ווייטיק אין די קריזשעס און מען האָט זיך ניט געקאָנט אויסגלייכן די ביינער.

די רייזע צוריק, פון אומאַן קיין טעפּליק, איז שוין געווען אַ בעסערע מיטן וואָגן. יאָסל בעל עגלה איז אויך געווען אַ שטיקל „קאָמיסיאָניסט", מען פלעג אים באַאויפטראָגן איינקויפן און מיטברענגען סחורה. צוריק איז דער וואָגן געווען שווערער, האָט ניט „געטאַנצט" אַזוי אין וועג. און איז בכלל, געפאָרן פּאַמעלעך. איז טאַקע די רייזע ניט געווען אַזוי שווער.

דערפאַר אָבער, איז די רייזע מיטן פייטאָן, געווען אַ חיות. „אויבנאָן", אין בויד, זיינען געזעסן — אביסל ענגלעך — דריי מענטשן. און אַקעגן — אויך דריי. דאָס בענקל פון אַקעגן איז געווען אַן אמתער מלאך המות אפילו פאַר יונגע קריזשעס. מען האָט די גאַנצע צייט, אַלע 35 וויאָרסט, געדאַרפט זיצן אָנגעבויגן און אַלס צוגאָב — האָט מען געכאַפּט אַלע מאָל אַ שטופּ אין קאָפּ, פון יענעמס „אירט מוחל זיין"... וואָס איז געזעסן אויף דער קעלנע, נעבן יאָסלען און וואָס האָט זיך, ווילנדיק ניט ווילנדיק, גערוקט מיטן אונטן אין בויד אַריין.

ווען איך בין מיט אַ טאָג פריער געגאַנגען באַשטעלן יאָסל בעל עגלה ער זאָל מיך דורכפאָרן נעמען קיין אומאַן, האָב איך זיך מיט אים בפירוש באַדינגען אַז איך דאַרף פאָרן אין דער בויד. איך האָב אים אפילו געגעבן דרייסיק קאָפּקעס טייערער. אַזוי, אויף צו זיצן אַקעגן, פלעגט ער נעמען 50 קאָפּקעס, אויף צו זיצן אין בויד — האָט ער גענומען 70 קאָפּקעס. איך האָב אים צוגעזאָגט באַצאָלן אַ גאַנץ קערבל. ווען דער פייטאָן איז צוגע־פאָרן צו דער שטוב און איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט מיין טשעמאָדאַנטשיק, איז נאָך געווען גוט טונקל אין דרויסן, עס האָט נאָך געפעלט אַ גוטע האַלבע שעה צו טאָג. יאָסל בעל עגלה האָט געגעבן אויף שנעל אַ נעם מיין „באַ־גאַזש", אים גוט צוגעבונדן אונטער דער בויד, און ווען איך וויל זיך אַריינ־זעצן „אויבנאָן", זיצן שוין דאָרט... דריי ווייבער. נו, הייסן איינער אַראָפּ־גיין פון מיין פּלאַץ — וועל איך זיכער ניט. און ווען איינע, די מיטלסטע, וויל זיך אפילו איבערזעצן, וואָלט איך זיך אויך ניט אַריינגעקוועטשט צווישן אָט די צוויי פליישיקע אידענעס און, ניט פּראָטעסטירנדיק, ניט זאָגנדיק יאָסלען אַ וואָרט אפילו, בין איך אַרויפגעקראָכן אויף דער קאָזלע און זיך

דאָרט באַזעצט. יאָסל בעל עגלה, איז מיין „איידלקייט", מיין שווייגן און ניט האָבן קיין טענות צו אים געפעלן געוואָרן און דערפאַר, האָט ער מיך, אַרויספאָרנדיק פון שטעטל און ווען עס איז שוין געוואָרן גוט ליכטיק, מכבד געווען מיט... אָנטרייבן די פערד. ער האָט מיר איבערגעגעבן אין די הענט די ווישקעס מיט דער בייטש, און אַליין האָט ער געדרעמלט דעם גאַנצן וועג ביז ראַסקאַשיוווקער קרעטשמע — אַ צען ווייאָרסט פון טעפּליק, וואו מען האָט זיך אָפּגעשטעלט דאַווענען, טרינקען טיי און זיך אָפּרוען.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין ערשטער, זעלבסטשטענדיקער שפּאַן אין דער גרויסער וועלט אַריין.

דער איינציקער וואָס האָט מיך אַרויסבאַגלייט איז געווען דער טאַטע. ער האָט זיך, פאַרגנבעטערהייט, אַלעמאָל אָפּגעווישט אַ טרער, און מיך געבעטן, שטאַרק געבעטן, אַז... איך זאָל אַלע טאָג לייגן תפילין און דער עיקר — איך זאָל ניט פאַרגעסן דער מאַמעס יאָרצייט. ער האָט געוואוסט, דער טאַטע מיינער, אַז איך בין אַ קליינער דאַוונער, אָבער ער פלעגט מיר אָפּט זאָגן, אַז מיט בלויז אָנטון די תפילין אויף אַ מינוט אפילו, מאַכן די ברכות, און זיי אויסטון — איז מען שוין יוצא. און צו וואָס לייקענען? ניט איינמאָל האָט ער אַליין, זיך באַנוצט מיט אָט דעם „היתר" ווען ער האָט געדאַרפט פאָרן אויף אַ וויטן יאריד, איז זיך פאַרשלאָפן און האָט געדאַרפט דאַווענען. דאָס לייגן טלית און תפילין און דאַווענען האָבן דע־מאָלט געדויערט בא אים... 5 מינוט.

פון דער ראַסקאַשיוווקער קרעטשמע, וואו מיר און די פערד האָבן זיך אונטערגעפּאַסעט, ביז אומאַן, האָט מען געדאַרפט דורכפאָרן אַ גרויסן גע־דיכטן וואַלד און אַ דאָרף. דאָס דאָרף האָט געהייסן פּאַלאַנקע און דער וואַלד — פּאַלאַנקער וואַלד. דער וואַלד האָט געהאַלטן אפשר אַ ווערסט די לענג און געזאָגט האָט מען, אַז אין וואַלד האַלטן זיך אויף גזלנים, ראַזבוי־ניקעס, באַנדיטן, וואָס באַפאַלן מענטשן, נעמען ביי זיי צו דאָס פאַרמעגן און שניידן זיי איבער דעם האַלז. אַ חוץ דעם געפינען זיך אין פּאַלאַנקער וואַלד וועלף, גיפטיקע שלענג, בערן און אפילו טיגערן און לייבן, וואָס צע־רייסן די פערד אין איין אויגנבליק ווי מען צערייסט אַ ציגאַר־טוטין.

דעם אמת דאָרף מען אָבער מודה זיין, אַז מען האָט ניט געהערט אַז מען זאָל געפינען אין וואַלד טויטע, געהרגעטע און צעריסענע. דאָך, וואָס מער, וואָס נענטער מען איז צוגעפאָרן צום וואַלד, אַלץ שטאַרקער האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיין האַרץ — ניט נאָר מיר — דעם 13־יאָריקן קינד — נאָר אויך די ווייבער פון „אויבנאָן" און די דריי מענער פון „אַנטקעגן".

דער איינציקער וועלכער איז געווען רואיק, האָט געשמייכלט, האָט זיך גע־ווינצלט אויף אונזער חשבון, איז געווען יאָסעלע בעל עגלה. און אַזוי ווי אין וואַלד איז די פערד געווען שווער צו שלעפּן דעם פייטאָן, ווייל די בלאָטע איז דאָרט געווען גרויס, כאָטש געדעגנט האָט מיט דריי וואָכן צוריק, האָבן מיר, די מענער, געדאַרפט אַראָפּגיין פון פייטאָן, גיין צופוס אַ שטיק וועג, שפּרינגען איבער דער בלאָטע, זיך אויסשמירן און אָפּשפּריצן, אָבער, מיר האָבן עס אָנגענומען פאַר ליב. אָט זיינען מיר אַרויס פון וואַלד, אַרויס פון דאָרף און מען זעט שוין אַן אומאַן. מען זעט שוין די קלויסטערס, די קוי־מענס פון די מילן, דעם סאָבאָר, און אַז מען זיצט אויף דער קאָזלע און מען איז נאָך אַפילו צוויי ווערסט פון שטאָט — זעט מען שוין אַרויס די סאָפיעווקע.

סאָפיעווקע? ווער האָט ניט געהערט פון אומאַניער סאָפיעווקע? ווער איז אַמאָל געווען אין אומאַן און ניט אַוועק אָנקוקן די סאָפיעווקע? די אור־מאַניער אַליין האָבן געזאָגט, אַז אַזאַ סאָפיעווקע איז בלויז פאַראַן איינע אין גאַנץ רוסלאַנד.

די סאָפיעווקע — דאָס איז געווען אַזאַ נאַטירלעכער פּאַרק, מיט נאַ־טירלעכע, פון זיך אַליין, אויסגעטאָקטע שטיינערנע פיגורן, מיט אַ שטיין וואָס „איז געהאַנגען אויף אַ האָר", און אונטער אָט דעם שטיין האָט מען שפּאַצירט און עס האָט קיינעם ניט געשאַדט. דער שטיין איז, פאַרשטייט זיך ניט געהאַנגען אויף קיין שום האָר, ער איז אָבער געווען אָנגעשפּאַרט איןביידע זייטן, אין אַזעלכע צוויי שטערנדלעך, אַז ס'איז טאַקע געווען אַ נאַטירלעכער וואונדער ווי אַזוי דער שטיין איז געשטאַנען הונדערטער יאָרן און זיך ניט גערירט פון אָרט. לויט ווי די אומאַניער „היסטאָריקער" האָבן דערציילט, איז די סאָפיעווקע געגרינדעט געוואָרן פון דעם באַוואוסטן שונא ישראל און פּאָגראָמשטשיק גאָנטע ימח שמו. די דאָזיקע „היסטאָ־ריקער" פלעגן אויך דערציילן, אַז דער קיסר אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אַמאָל געשיקט זיין פּרעמיער מיניסטער קיין אומאַן אַז יענער זאָל אָנקוקן די סאָפיעווקע, אַראָפּנעמען פון איר אַ קאָפּיע כדי צו מאַכן אַזאַ פּאַרק אין צאַרסקע סעלאָ. דער מיניסטער איז, בשתיקה, געקומען קיין אור־מאַן, אַוועק אין סאָפיעווקע און געקומען צום קיסר מיט אַ ראַפּאָרט, אַז אַזאַ סאָפיעווקע קאָן קיין בשר ודם ניט מאַכן. דאָס האָט בלויז גאָט געקאָנט שאַפן אַזאַ פּאַרק. און אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט זיך שוין געקליבן צו פאָרן קיין אומאַן אָנקוקן די סאָפיעווקע — זיינען געקומען די טעראָ־ריסטן און אים אַוועקגעלייגט מיט אַ באָמבע.

ווען איך בין דערנאָך געוואָרן אַ שטיק אומאַניער — פלעג איך הערן די דאָרטיקע אידן, און אַפילו מיין שווער, אַן אומאַניער תושב, וואָס איז געווען אַן אינטעליגענטער איד און ניט געגלויבט אין בבא מעשיות — דער־ציילן וועגן דעם קיסרס קומען אָנקוקן די סאָפיעווקע.

דער אמתער אמת איז אָבער געווען, אַז די סאָפיעווקע האָט באַשאַפן אַ געוויסער „דיוק", וועמענס סטאַטוע עס איז טאַקע געשטאַנען דאָרט אויף אַן אָנגעוויזענעם פּלאַץ.

אָבער, ניט בלויז די סאָפיעווקע אַליין איז געווען די צוציאונגס־קראַפט, וואָס האָט אונז, קליינשטעטלדיקע קינדער געצויגן קיין אומאַן. געווען קינ־דער אין טעפליק און אַפילו גרויסע אידן אין קלויז וואָס זיינען קיינמאָל אין אומאַן ניט געווען, דאָך זיינען זיי געווען באַקאַנט מיט דער גאַנצער שטאָט און מיט די קלייטן פון די גרעסטע באַקאַליינע און מאַנופאַקטורנע סוחרים. ניט געווען אין טעפליק אַ איד אָדער אַ קינד, וואָס זאָל — אין זיין פאַנטאַזיע — ניט זיין באַקאַנט מיט דער ראַקאַווקע (די הינטערשטע און אָרעמע טייל פון שטאָט), מיט דער „פּעגעריווקע", מיטן „ראַטעס" (וויזט אוים פאַרגרייזט פונעם וואָרט „ראַט־הויז"), מיט די גרויסע קלייטן. וועלכער טעפליקער איד אָדער קינד, האָט ניט געהערט פון פּחאָרס גרויס מאַנופאַקטורנע געשעפט אויף דער נייער שטאָט, אָדער פון זיידמאַנס גרויס געשעפט אויף דער אַלטער שטאָט. אין טעפליק האָט מען געשמועסט, אַז ביי פחאָרן אין קלייט איז פאַראַן „שעוויאָט" (וואָלענע שטאָף) וואָס קאָסט 25 קערבלעך אַן אַרשין. און ביי זיידמאַנען טרעפט מען אַן אַרשין זיידנס וואָס קאָסט... 17 קערבלעך. און כאָטש אָט די אידן זיינען אויף זייער לעבן ניט געווען אין אומאַן, און ביי פחארן און זיידמאַנען אין קלייט אוודאי ניט, דאָך האָבן זיי סטראַטעגיש געוואוסט, וואו יעדער זאַך געפינט זיך דאָרט. וואו דאָס זיידנס ליגט, וואו דאָס ציצנס ליגט, און וואו עס ליגן אַלע לייוונטן און „מאַדאַפּאַלאַם" (די בעסערע לייוונט). זיי פלעגן וויסן וואו די... בעזעמער שטייען, וויפל משרתים פחאר און זיידמאַן פאַרמאָגן, וויפל זיי צאָלן שכירות, און דערנאָך האָט מען געמאַכט דעם חשבון, אַז ווען פּחאָר זאָל פאַרקויפן זיין קלייט און זיין שטוב אויפן קרעשטשאַטיק און זיידמאַן זיין קלייט און זיין שטוב אויף קיעווסקע — וואָלטן זיי פאַר דעם געלט געקאָנט אָפּקויפן האַלב טעפליק — אַ חוץ אַלטער האָראָוויץ און נאָך אַ פּאָר גבירים.

צי למשל, ווען איר האָט אַ פרעג געטון אַ טעפליקער אידן, וועלכער איז די גרעסטע „זעליאָזנע" און באַקאַליינע קלייטן אין אומאַן? וועט ער באַלד

אַנווייזן אויף משה בערענשטיין און ישראל באַסאַק. און, ניט נאָר זיי, די טעפּליקער אידן האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן געהאַט די גרעסטע סטאַקן מיט צוקער, צעילאָנסקי טיי, אַרכאַנגעלסקער הערינג און צימרינג און פייגן און טייטלען און אַזוי ווייטער. נאָר זיי האָבן אַפילו געוואוסט וואו די אַלע זאַכן שטייען, ווי טייער מען לייזט זיי, און וויפל די פּריקאַזשטשיקעס נאַשן אויף אַ טאָג. אַ סברא, אַז ביי ישראל באַסאַק נאַשן די פּריקאַזשטשיקעס אויף אַ טאָג מערער וויפל ביי אַ טעפּליקער באַקאַליישטשיק איז אינגאַנצן פאַראַן סחורה.

משה בערענשטיין דער גרעסטער אומאַניער בעל־הבית פון „זשעליאַזנע סקלאַד", איז געווען אַ זעלטענער טיפּ. זיין רייכשאַפט איז ניט געווען אָפּ־צושאַצן און זיין קאַרגשאַפט — נאָך מער. ער האָט פאַרדינט אפשר הונדערט קערבלעך אַ טאָג און פאַרלעבט האָט ער ניט אַפילו קיין קערבל. ווען ער פלעג צוגיין צו אַ מאַרקזיצערן עפּעס קויפן, האָט זי אים פּשוט געטריבן פון זיך, ווייל ער פלעגט אַרויסנעמען די נשמה. און דאָס זעלבע איז געווען מיט אַ שוסטער אדער שניידער וועלכן ער פלעגט באַנוצן איינמאָל אין אַ יובל. פון זיין גבירעשאַפט איז געוואָרן אַ תכלית. די ערשטע באָלשעוויקעס וואָס זיינען אריין אין שטאָט האָבן ביי אים צוגענומען וואָס ער האָט געהאַט. מיט דער ערשטער עמיגראַציע וואָס אוקראַאינער אידן האָבן אָנגעהויבן אין יאָר 1920, איז ער אַוועק צו דער גרענעץ וועלכע ער האָט גענבעט און מען האָט דאָרט צוגענומען ביי אים דאָס איבעריקע וואָס ער האָט געהאַט. ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער קעשענעוווער... באָד, וואו ער, צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער אידן פון אוקראַאינע האָבן זיך געוואַלגערט, און ער האָט... אַטענ־דירט די באָד. אַריינגעטראָגן האָלץ און צעהאַקט און אַזוי, אין שרעקלעכער אָרעמקייט אויסגעהויכט די נשמה.

דער צווייטער גרעסטער „באַקאַליינע מאַגאַזין" פון ישראל באַסאַק איז אויך פאַראָרעמט געוואָרן און איבערגעקומען אויף ככר לחם. אָבער, ביי אים אין שטוב איז שוין געווען אַ דירה מלכות, מען האָט געלעבט מיט דער ברייטער האַנט, טאַקע ווי אַ גרויסער נגיד. אָבער, פון דעם גאַנצן גבירעשאַפט, האָבן זיינע זין, „בעזשענצעס" אין קעשענעוו גענומען אַ האַק מיט אַ זעג און געגאַנגען האַקן האָלץ אין אידישע הייזער כדי צו האָבן כוח צו וואַרטן, ביז עס וועט אָנקומען די גוטע בשורה פון אַמעריקע, אַז מען האָט אַרויסגע־שיקט אַ שיפסקאַרטע...

און, אָט שטיי איך שוין נאָענט פון אומאַן, נאָענט פון אָט די קלייטן

וועלכע זיינען געווען דער צויבער פון טעפליקער אידן און קינדער וואס האבן זיי געוואלט קאנען, פונקט ווי זיי האבן געוואלט קאנען די „סאפיעווקע".

אבער ניט בלויז מיט אומאניער סאפיעווקע און קלייטן האבן זיך טעפּליקער אידן פאסמאקעוועט און טעפליקער קינדער האבן געחלומט צו קאנען. טעפליקער אידן האבן דערציילט נסים פון דעם גרויסן אומאניער דאקטאר און כירורג קרעמערענקא. מען פלעגט דערציילן ווי אזוי ער גיט א שנייד אוים די „סלעפאיא קישקא" (אפענדיסיט) און מען בלייבט לעבן, ווי אזוי ער שניידט אוים א גריזש, ווי ער איז א ספעציאליסט אויפשניידן דעם בויך, אים צוריק פארנייען און דער קראנקער זאל ניט פילן... און אז א טעפליקער אינגל איז געווען אין אומאן האט ער געמוזט גיין אנקוקן קרעמערענקאס שטוב אויף קיעווסקע.

און אז טעפליקער אידן אדער טעפליקער קינדער פלעגן זיך בארימען וואס זיי האבן געזען אין אומאן, איז צווישן די טשיקאוועסטן, די וויכטיקסטע זאכן וואס זיי פלעגן אויסרעכענען, אויך געווען די... אומאניער טיורמע. און טאקע, זיין אין אומאן און ניט אנקוקן דעם „אסטראג"? ווי קאן עס גאר מעגלעך זיין? אין טעפליק איז טאקע אומגעגאנגען א ווערטל: „פארקערט — איז ביים „אסטראג", פארוואס ביים אסטראג האט געדארפט זיין פארקערט? — האט קיינער ניט געוואוסט, נאר מען האט זיך משער געווען, אז אזוי ווי די ארעסטאנטן טוען גארניט און מען האט מורא אז די הענט און פיס וועלן זיי פארלעגערט ווערן פון גארנישט טון — שיקט מען זיי א גאנצן טאג ארוים אין דרויסן, מען גיט זיי בעזעמער און מען הייסט זיי קערן.

נו, אז עס איז שוין ריין און עס איז ניטא וואס צו קערן? פלעגן אויך אויף דעם די טעפליקער אידן געפינען א תירוץ. זיי פלעגן זאגן, אז מען שיקט ארוים צוויי פארטיעס ארעסטאנטן. איינע — וואס האט געטראגן מיסט און צעשיט פארן אסטראג, און די צווייטע וואס פלעגט ארומגיין מיט בעזעמער און פארקערן, צונויפנעמען דאס ביסט...

און א נדר האב איך זיך געטון, ווי נאר איך וועל זיין אין אומאן, וועל איך גיין צום אסטראג, צו דער טיורמע וואס האט זיך טאקע געפונען אויף קיעווסקע, טאקע נעבן קראמארענקא דעם דאקטאר און נעבן מיין ברודערס שטוב. איך וועל גיין אנקוקן די טיורמע, די ארעסטאנטן וועלכע גייען אנגעטון מיט „אוניפארמעס" פון געשטרייפטע מלבושים, איך וועל אנקוקן די בעזעמער מיט וועלכע זיי קערן ארום דעם טראטואר פון טיורמע און, אויב עס איז טאקע אמת — וועל איך עס שרייבן מיינע חברים אז... בעיני

ראיתי. איך האָב אַליין, מיט מיינע אייגענע אויגן, געזען. ספּעציעל האָב איך געזען די אַרעסטאַנטן, די אומאַניער גנבים.

וואָס יאָ, טעפּליקער אידן און קינדער האָבן געוואוסט. זיי האָבן גוט אין זינען געהאַט, אַז אין אומאַן דאַרפן זיי... היטן די קעשענעס. די אומאַ־נער קעשענע־גנבים האָבן געהאַט אַ שם אויפן אַקרוג, און ניט אומזיסט קאָן מען אויף דער גאַנצער וועלט דאָס ווערטל: „אומאַנסקי דורין, ס'צאַ־שאַהאַ וואָזאַ בערע — טאַ וו סוואַהאַ קלאַדע".

(אַן אומאַניער נאַר, ער נעמט פון אַ פרעמדן וואָגן און לייגט אויפן אייגענעם).

און אידן טעפּליקער, בערשאַדער, טאַלנער פּאַקיטילעווער, דובאָווער, טיטיעווער, מאַנקיוּוקער און אַנדערע פונעם געגנט אַרום אומאַן, פלעגן זיך אַנדערציילן מעשיות וועגן אומאַניער גנבים ווי אַזוי זיי האָבן איינמאָל באַגנבעט דעם... פּאָליציימייסטער, דעם איספּראַווניק, דעם פּרעדסעדאַ־טיעל פון „אָקרוזשנאָי סוד" און דעם פּראָקוראָר· אָבער, די אַלע גנבות זייַ־נען געווען „על פּי טעות". דעם אַנדערן טאָג האָט מען צו אָט דער נאַ־טשאַלסטווע — אַ חוץ צום פּראָקוראָר אויף וועמען מען האָט געטראָגן אַ שנאה — צוריק אַריינגעשיקט די געגנבעטע זאַכן, מיט אַ בריוועלע וואָס האָט געהאַט בלויז צוויי ווערטער: „פּראָסטיטיע, פּאָזשאַלויסטאַ" (זייט אַזוי גוט און זייט מוחל").

צו אָט דער לעגענדאַרער שטאָט, האָב איך זיך איצט דערנענטערט, זיצנדיק ביי יאָסל בעל עגלה אויף דער קאָזלע. און כאָטש אומאַן איז מיר געווען באַקאַנט פון פריער, פון די עטלעכע מאָל וואָס איך בין געפאָרן אַהין צו דער מומע חייקע, אָדער מיט דער מאַמען צום דאָקטאָר, דאָך האָט דאָס אומאַן, פון יאָסל בעל עגלהס פייטאָן, איצט געהאַט פאַר מיר גאָר אַן אַנדער באַדייטונג. און פונקט, ווי אינמיטן פאָרן, און ספּעציעל אין פּאָלאָנקער וואַלד, האָב איך געבעטן גאָט, אַז מיר זאָלן שוין וואָס גיכער איבערפאָרן און וואָס גיכער זיין אויף דער אומאַנער בריק, אַזוי האָב איך איצט, ביים אומאַניער טויער, שטילערהייט געבעטן גאָט אין האַרצן, אַז דער וועג זאָל זיך ציען, ציען, אומענדלעך. איך האָב מורא געהאַט פאַרן געדאַנק, אַז איך בין שוין אין אומאַן און... וואָס ווייטער?...

יאָסלס פייטאָן רוקט זיך אין שטאָט אַריין. מיר זיינען שוין איבערגע־פאָרן דעם וואָקזאַל. די איזוואָזטשיקעס צום וואָקזאַל יאָגן אונז אָן, יאָגן אונז איבער, קומען אונז אָן אַנטקעגן. אַ סך גריסן זיך מיט יאָסלען. פאַרט אַ „קאָלעגע" און היימישער מענטש. אָט זיינען מיר ביי דער בריק. אין דער

זייט געפינט זיך אַ גרויסע געביידע מיט אַ גרויסער וויוועסקע מיט גרויסע אותיות וועלכע לייענען זיך: „סאַיוז רוסקאַווא נאַראָדאַ״ (פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק). דאָ איז די הויפּט־קוואַרטיר פון די שוואַרצמאַהניקעס, פון די פּאָגראָמשטשיקעס, פון אָט דעם „סאַיוז״ איז דאָס פּורישקעוויטש דער פּרעזידענט. אָט דער „סאַיוז״ האָט עס אָרגאַניזירט קעשענעווער פּאָגראָם.

כהרף עין, טאַקע אין איין אויגנבליק, קומט מיר אַרויף אויפן זכרון, דער קעשענעווער פּאָגראָם, מיט קרושעוואַנען ימח שמו מיט זיין צייטונג „בעסאַראַבעץ״ וועלכער האָט אין משך פון עטלעכע חדשים צוגעגרייט דעם קעשענווער פּאָגראָם. איך זיץ ביי יאָסל בעל עגלה אויף דער קעלניע און איך דערמאָן זיך, עס שטייט מיר פאַר די אויגן דער יאָמער און געוויין פון יענעם ערב פּסח פון יאָר 1903. איך בין דעמאָלט קוים אַלט געווען פינף יאָר האָט מען אונז חדר־אינגלעך געפירט אין דער גרויסער שול וואו עס איז געווען אַ הזכרה־אַקט נאָך די הרוגים פון קעשענעווער פּאָגראָם, און מיר קינדערלעך, האָבן צוזאַמען מיט די גרויסע, געזאָגט קדיש נאָך די געשאָכטענע אידן. אַזוי ווי די גאַנצע שול אידן און ווייבער האָבן געוויינט און געחלשט, האָבן מיר, קינדער, נאָך העכער און שטאַרקער געוויינט און די קולות האָבן, בלי ספק, געשפּאָלטן דעם הימל.

פרעגן קשיות האָבן מיר, קינדער, פאַרשטייט זיך, אפילו קיין שכל נישט געהאַט. אָבער, מיר האָבן געהערט וואָס די גרויסע ריידן, וואָס די גרויסע דערציילן. און דאָס וואָס מיר האָבן געהערט — האָט זיך אונז טיף איינגעקריצט אין זכרון, כאָטש — מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען און עס האָט זיך אונז אויפן שכל ניט געלייגט אַזאַ פּשוטע פראַגע:

ס׳הייסט, מען גייט צו צו אַ אידישער קלייט, מען האַקט זי אויף, מען נעמט אַרויס די סחורה, מען צעראַבירט, מען צעברעכט און מען גייט אַוועק. דערביי — און דאָס איז געווען אונזער גרעסטע פראַגע — דערביי שטייט דער סטראַזשניק, דער גאָראָדאָוואָי און דער פּריסטאַוו אפילו, קוקט, זעט, און זאָגט גאָרניט. נאָכמער, — אַזוי האָבן מיר געהערט און ניט געגלויבט אונזערע אויערן — נאָכמער, טאָמער נעמט אַ איד אַ שטעקן אין דער האַנט און וויל זיך פאַרטיידיקן — קומט צו דער סטראַזשניק אָדער דער פּריסטאַוו און... אַרעסטירט דעם אידן.

פון יענעם מאָמענט אָן, האָט זיך אונז איינגעקריצט אין זכרון קעשענעוו, „טשאָרנע־סאָטניע״, פּורישקעוויטש, קרושעוואַן און שפּעטער אַביסל, ווען מיר זענען שוין געווען בחורים תנ״ך און גמרא — אויך דער נאָמען פּלעווע, דער דעמאָלסטיקער פּרעמיער מיניסטער וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם קעשענעווער

פּאָגראָם און וועמען די רעוואָלוציאָנערן האָבן דערנאָך דערהרגעט מיט אַ באָמ־בע. ווען, אין יענער צייט, מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון קעשענעווער פּאָגראָם און געהערט ווי אַזוי מען האָט געשענדעט אידישע טעכטער, ווי אַזוי מען האָט אויפגעשניטן בייכער און אַריינגעלייגט אַהין אַ לעבעדיקע קאַץ און פאַרנייט דעם בויך, האָבן מיר, קינדער, ניט איינמאָל, געשוואוירן נקמה נעמען אין צאַר און אין זיין „מאַטושקאַ ראַסיאַ". פאַרשטייט זיך, אַז מיר, קינדער, האָבן ניט געוואָלט מאַכן אַן אונטערשיד אַז עס זענען פאַראַן „גוטע גויים" אויך. אַ סימן, אַ סך גויים האָבן אין קעשענעוו איינ־געשטעלט זייער לעבן און געראַטעוועט אידן. פאַר אונזערע אויגן זיינען אין יעדער מאָמענט — און אויך איצט, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען די „וויזוועסקע" וואו עס האָט זיך געזאָגט מיט גרויסע אותיות: „סאָיוז רוס־קאַווּאַ נאַראָדאַ" — געשטאַנען די קרושעוואַנס מיט די דערפער גויים, גויעס און שקאָצימלעך, וועלכע זיינען באַפאַלן אומשולדיקע אומבאַוואָפנטע מענטשן, ווייבער און קינדער, און גלאַט, אַן אַ פּאַרוואָס, געשאָכטן! איך קוק מיט שרעק און עקל אויף דער „וויזוועסקע" און —

אַ ציטער גייט איבער איבערן לייב. דאָס איז דער ערשטער גרוס פון דער גרויסער שטאָט. ס'שמעקט ניט אַזוי פיין — אָבער עס שמעקט פאַרט...

אונזער פייטאָן פאַרנעמט זיך אַרויף אַ באַרג איבער דער גאַס דוואָר־צאַוואַ. אָט איז דער סאָבאָר, נאָך וועלכן איך האָב אַזוי געבענקט. אָט איז קניאַזשאַנסקיס „קניזשני אי פּיסטשעבומאַזשני מאַגאַזין" (קלייט פון בי־כער און שרייב־געצייג) אויף אָט דעם מאַגאַזין, האָט מען אין אומאַן גע־זאָגט אַז:

„ווער עס קאָן ניט קניאַזשאַנסקיס ביכער מאַגאַזין דער איז זיכער אַן „אַנאַלפאַבעט". געווען אין אומאַן נאָך צוויי גרויסע „קניזשנע אי פּיסטשע־בומאַזשני מאַגאַזינען", איינער פון ליבערמאַנען און דער צווייטער פון בראַי־לאָווסקין. יענע קלייטן זיינען אפשר, געווען גרעסער, אָבער ניט פּאָפּולערער. דאָ, ביי קניאַזשאַנסקין, האָט מען ערשטנס, געקראָגן אַלץ אַ סך ביליקער; צווייטנס, האָט מען דאָ געקראָגן געניצטע טעקסט־ביכער וועלכע האָבן אָבער אויסגעזען ווי ניי, ווייל אין געשעפט, אונטן, איז געווען אַ פּערפעקט איינ־געאָרדנטע איינבינדעריי, וועלכע האָט שוין אַזוי צורעכט געמאַכט דאָס ביכל, אַז עס איז ניט געווען צו דערקענען, אַז עס איז אַן אַלטס.

און נאָך אַ זאַך האָט געשאַפן גרויס פּאָפּולאַריטעט קניאַזשאַנסקיס בי־כער־געשעפט: ער איז געווען דער איינציקער אין אומאַן וואו מען האָט גע־קראָגן ביכער אויף פּראָקאַט. עס איז געווען ביי אים אַזאַ מין פּריוואַטע

ביבליאָטעק, וואו פאַר עטלעכע גראָשן אַ מאָנאַט האָט מען גענומען אַהיים לייענען ביכלעך און פאַר קליינע קאָפּקעס אַ מאָנאַט האָט מען אויך געקראָגן טעקסט־ביכער, וואָס האָבן געקאָסט טייער, אָדער זיי זיינען בכלל געווען שווער צו קריגן.

ספּעציעל אָבער, האָט זיך אָט דער „ביכער און שרייב־געצייגט געשעפט" פּאָפּולער געמאַכט מיט דער ביליקייט פון שרייב־געצייג און ספּעציעל פון בלייפעדערס און „טעטראַדן" (העפטן); פון אַלע עקן שטאָט פלעגט מען קומען צו קניאַזשאַנסקין קויפן אַ טוץ קאַראַנדאַשן און אַ טוץ טעטראַדן. גע־וואוסט האָט מען — און עס איז אמת געווען — אַז מען האָט זיי געקויפט פאַר האַלב געלט. קניאַזשאַנסקים לעמע איז געווען: פאַרדינען ווייניק און מאַכן אַ גרויסן „אַבאָראָט" (געלט־באַוועגונג). פלעגט ער פאַרדינען ביי אַ טוץ — קאָפּקע. ער פלעגט, אָבער, אַנשטאָט 2־3 טוץ טעטראַדן אַ טאָג וואָס אַנדערע האָבן פאַרקויפט — פאַרקויפן הונדערט טוץ און —

ער האָט שווער געאַרבעט, געהאַלטן אָפן די קלייט 15 שעה אַ טאָג — אָבער, ער איז געווען אַן עושר. די שוועגערן זיינע, צפורה, וועלכע האָט געוואוינט ביי אונז אין שכנות אַ יאָר 20, ווען זי פלעגט ריידן וועגן איר אומאַניער שוואָגער, פלעגט זי זאָגן און אונז פאַרזיכערן, אַז ער לייזט אַריבער טויזנט קערבלעך אַ מאָנאַט. זי האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז דער „אַריבער" האָט באַטראָפן — אין יענע יאָרן — נאָך 5 טויזנט רובל.

איך וואָלט ניט געוואָלט פאַרבאַפן פריער און דערציילן, אַז פון ערשטן טאָג אָן וואָס איך בין געקומען קיין אומאַן בין איך שוין געווען ביי קניאַ־זשאַנסקין אין קלייט. איך האָב געזוכט צו קויפן ביי אים אַ רוסיש טעקס־ביכל וואָס האָט געהייסן „טרעטיע רוסקאָיע סלאָווא", דאָס האָב איך געהאַט אַן אויפטראָג פון אַ חבר מיינעם, פון איציק רויפמאַן, וועלכער האָט זיך — אין געהיים — געלערנט רוסיש און עס האָט אים געפעלט דאָס ביכל. אין קלייט האָט מיך אָטענדירט אַ קליין שוואַרץ־חנעוודיק מיידעלע פון אַ יאָר 12 אָדער 13. זי האָט גערעדט צו מיר רוסיש און אַפילו מיר געמאַכט אַ הנחה (געקויפט האָב איך אַ גענוצט ביכל מיט אַ שיינעם בונד). זי האָט עס מיר פאַרקויפט בחצי חנם. גיי, זיי דעמאָלט אַ נביא, אַז מיט אָט דעם מיי־דעלע וועל איך — ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר — אָפּלעבן אַ לעבן.

לויט דעם איינגעפירטן מנהג, האָט יאָסל בעל עגלה מיט זיינע פּאַסאַ־זשירן געדאַרפט — פון דוואָרצאָוואַיאַ גאַס, פאַרקירעווען אויף ניזשנע ני־קאָלאַיעווסקי און אוועקפאָרן צו דער „אַלטער שטאָט", צום „טעפּליקער איינ־פאָר־הויז", וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ נעבן יאַמפּאָלסקיס באָד. פון דאָרט, פונעם איינפאָר־הויז, האָט יעדער פּאַסאַזשיר געקומען אָן איזוואָזטשיק, באַצאָלט 20 קאָפּקעס און אָמאָל מער, און געפאָרן וואוהין ער האָט געדאַרפט. איך האָב געזשאַלעוועט די צוואַנציק קאָפּקעס, און גיין צופוס פון דער אַל־טער שטאָט — איז אויך ניט געווען קיין אַרבעט. האָב איך געזאָגט דעם בעל עגלה, אַז אָט דאָ אין דער זייט, איין קוואַרטאַל לינקס (ער האָט זיך פאַרקירעוועט רעכטס) וואוינט מיין ברודער. און אַזוי ווי איך בין געווען אַ שטיקל „מיוחס", ווייל איך האָב אים געצאָלט פאַר דער „בויד" און גע־זעסן אויף דער קאָזלע, האָט ער געמאַכט מיט מיר אַן אויסנאַם, אַראָפּגע־גאַנגען, אָפּגעבונדן מיין טשעמאָדאַנטשיק, און מיך פריי געלאָזט. ס'האָבן אַנדערע אויך געוואָלט אַראָפּגיין — אָבער ער האָט זיי ניט געגעבן זייער געפּעק. לויט זיינע רייד — און עס איז טאַקע געווען אמת — איז געווען אַן אָפּמאַך צווישן אים מיט די אומאַניער איזוואָזטשיקעס פון יענער געגנט, אַז ער מוז זיי ברענגען די פּאַסאַזשירן און זיי וועלן אָפּפירן יעדערן אויף זיין פּלאַץ. אויב ניט, וועלן זיי אים ניט לאָזן אַריינפאָרן אין „זייער" אומאַן, ספּעציעל אין „זייער" איינפאָר. און אַז קיין שום בעל הבית פון קיין שום איינפאָר־הויז וואָלט ניט איינגעריסן מיט די אָרטיקע איזוואָזטשיקעס — איז דאָך קלאָר. זיי וואָלטן אים קיינמאָל קיין פּאַסאַזשיר ניט געבראַכט.

באַקומען מיין „געפּעק", האָב איך זיך אוועקגעלאָזט גלייך צום ברו־דער. כ'האָב געדאַרפט שפּאַנען איבערן קרעשטשאַטיק, איבער קיעווסקי גאַס, דורכשניידן דעם קאַמערטשעסקי פּערעאולאָק וואו עס וואוינט פישל מעץ, דער טעפּליקער רב און ראַבינער וואָס האָט זיך אַרויסגעצויגן קיין אומאַן און וואו מען האָט אים געהאַלטן מיט גרויס כבוד. און אָט, בין איך שוין ביים ברודער. אָט וועל איך הערן דעם „אורטייל"

— וואָס דאַרף ווערן פון מיר?

קאַפּיטל פופצן

פונעם גרויסן ים חלומות — אַ קליין טייכעלע מיט אַנטוישונג

ביים ברודער אין שטוב. — מען דאַרף וואַרטן ביז אחרון של פסח. — די אומאַ־ניער הייף. — דער „דוואָרניק" און דער „אַדרעסנע־סטאָל". — דאָס ריינקייט פון די גאַסן און... פון יאַמפּאָלסקים באָד. — מען מאַכט פּלענער וועגן מיר. — רע־מעסלענע שולע אָדער „טרוד"? — פון אַלע „פּלענער" פאַר איך אַלס... מלמד אין אַ דאָרף. — איך ווייס ניט וואוהין איך פאָר. — טשאַרנאָגרעבליע, צוועלף ווערסט פון טעפּליק. — איך וויל ניט אַז מען זאָל וויסן ווער איך בין און וואו איך געפין זיך. — מיינע צייטונגען פאַרמסרן מיך. — די ערשטע לעקציע וואָס איך באַקום. — איך דאַרף שמייכלען צום סטאַראָסטאַ. — די מורא פאַר אַרויסשיקן פון דאָרף. — נקמה אין טאַטן. — דער שטיפמאַמעס בלבול וואָס ווערט אויפגעקלערט. — דער טאַטע איז צופרידן מיט מיין נייער פרנסה. — אַבי ניט ווערן קיין סטו־דענט. — פאַרוואָס אידן דאַרפן זיך ניט מישן אין דער לאַנדעס־פּאָליטיק? — איך קריג אַז „אוראַק" אין טשאַרנאָגרעבליע און לערן אַ גלחס אייניקל קדיש זאָגן. — אַ טראַגישע לעבנס־געשיכטע פון אַ משומד. — זיין חרטה און אַנטלויפן קיין ארץ ישראל. — איך קום אַהיים אויף די ימים נוראים.

צום ברודער אין שטוב בין איך ניט אַריינגעקומען, נאָר אַריינגעפאַלן. איך האָב ניט געהעריק אָפּגעשאַצט די וואָג פון מיין טשעמאָדאַנטשיק און נאָך ווייניקער האָב איך אָפּגעשאַצט די לענג פון די גרויסשטאָטישע גאַסן. ווען איך זאָל געווען אין טעפּליק גיין אַזויפיל, וואָלט איך שוין צוויי מאָל געווען איבערגעגאַנגען דאָס שטעטל אַהין און צוריק.

געווען איז מיטיק־צייט. דער ברודער איז נאָך אין שטוב ניט געווען, ס'איז ביי אים אויך געווען בין הזמנים, און ער, צוזאַמען מיט אַ באַוואוסטן אומאַניער משכיל, זעלצער, האָבן דעמאָלט צוזאַמענגעשטעלט אַ מין „גימנאַ־זיע", אַזאַ שולע, וואָס זאָל קאָנען צושטעלן שילער צו דער העברעאישער גימנאַזיע אין יפו.

די שוועגערן — אַ גאָלדענע פרוי, אַ גאָלדענע האַרציקע נשמה און אַ בעלת מידות טובות, וואָס זי האָט אָפּגעלערנט ביי איר פאָטער, יעקב מאיר, דער שטאָט רב, האָט מיך ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד, און מיך אויפגענומען מיט ביידע הענט. און ווען איך האָב איר געוואָלט שוין דער־

ציילן מיין געשיכטע צוליב וואָס איך בין געקומען — האָט זי מיר ממש ניט געלאָזט ריידן. ניט זי, ניט דער ברודער האָבן געוואָלט דעם ערשטן טאָג ריידן מיט מיר וועגן „תכלית".

ס'איז געבליבן, אַז איה"ש, נאָך יום־טוב, בעסער געזאָגט, דעם לעצטן טאָג פּסח, וועלן מיר זען, וואָס מען דאַרף טון מיט מיר. דערווייל — דער־ווייל זאָל איך שפּאַצירן איבער דער שטאָט, זיך באַקאַנען מיט די גרויסע רייכע געביידעס, באַזוכן די סאָפּיעווקע. מיט איין וואָרט: פאַרברענגען און טון וואָס איך וויל. גיין, פאַרשטייט זיך, דאַרף איך אַליין, ווייל ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל מיך פירן.

צי עס איז מיר יאָ געפעלן אָדער ניט — קיין אַנדער ברירה האָב איך דאָך ניט געהאַט. האָב איך, מעשה טעפּליקער, פאַרלייגט די הענטלעך אויף הינטן, און אַוועק אָנקוקן די שטאָט.

— —

דאָס ערשטע וואָס איך האָב גענומען באַטראַכטן, איז געווען — דעם הויף וואו מיין ברודער האָט געוואוינט.

דער הויף איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון דריי באַזונדערע פּאַוועליאָ־נען, דריי באַזונדערע הייזער, אין יעדן הויז האָבן געוואוינט צוויי אָדער דריי שכנים. ס'איז געווען אַ „פון פאָרנט" און אַ „פון אונטן". דער ברודער האָט געוואוינט אין דער אונטערשטער טייל, האָט אים דערפאַר געקאָסט זייער ביליק דירה געלט.

דער הויף איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינער, און ביים אריינ־גאַנג איז געווען אַ „דוואָרניק".

דער דאָזיקער דוואָרניק, איז געווען אַ סך מער ווי, למשל, אַ „פאָר־טעראָ" אין די זיד־אַמעריקאַנער לענדער. דאָ הי, איז דער פאָרטעראָ פאַר־אַנטוואָרטלעך בלויז פאַר זיין בעל הבית, אָדער פאַר יענעם וואָס אדמי־ניסטרירט די שטוב.

דאָרט, אין די גרויסע רוסישע שטעט, — און דוכט מיר, אַז אין די פּוילישע שטעט ווי וואַרשע, לאָדזש, קראָקע — נאָך מער — איז דער דוואָר־ניק אָדער ווי ער האָט געהייסן אין פּויליש „זשאַנדרצע" געטראָגן אַ שטיק פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער... פּאָליציי. ער, דער דוואָרניק, איז געווען דער אומזיסטער, אַבסאָלוט־אומבאַצאָלטער דינער פון דער פּאָליציי, אַ מין שפּיאָן, וועלכער האָט געדאַרפט, ניט בלויז האַלטן אויפן אויג די נייע מענטשן וואָס קומען צופאָרן, אָדער קומען צוגיין אין הויף אריין, נאָר ער האָט אפילו

געהאַלטן אַז אויג אויף דער אויפפירעכטס פון זײַנע אַלט־געזעסענע שכנים און אַפילו — בעל־הבית.

אַז מען האָט געדאַרפט אָפּהאַלטן עפּעס אַן אסיפהלע, מעג זײַן גאָר־גאָר אַן אומשולדיקס, אַדער טאַקע אַן „אומלעגאַלס" ווי פון די חברה „חובבי ציון" האָט מען, דאָס ערשטע געדאַרפט באַזאָרגן דעם דוואָרניק. און, איז ער געווען אַ שונא ישראל, אַ מיטגליד פון „סאָיוז רוסקאָווא נאַראָדאַ", האָט מען אין זײַן הויף גאָרניט געקאָנט טון.

אויף וויפל דער גלות־דוואָרניק איז מיר ניט געווען געפעלן, האָט ער אָבער געהאַט גוטע זײַטן אויך. ערשטנס — די ריינקייט פון הויף. איך פלעג אָפּשטיין שעהן און באַטראַכטן ווי דער דוואָרניק גייט אַרום זוכן אין אַלע ווינקעלעך פון הויף, אַז קיין שטיקל פּאַפּיר זאָל זיך ניט וואַלגערן.

אַרויסקומענדיק פון די קליינע שטעטלעך, וואו פאַר אייער טיר, פאַר אייער נאָז ממש, האָט אַ פּויער געלאָזט שטיין זײַנע פערד, וועלכע האָבן „אַנגעמיסטיקט" און „אַנגענעצט" דעם גאַנצן פראָנט פון אייער הויז — און איר? ניט איר האָט געהאַט טענות צום פּויער, ניט איר האָט אים גע־הייסן אָפּרייניקן, ניט איר אַליין האָט זיך מטריח געווען אָפּצורייניקן. און אַזוי איז דאָס געלעגן טעג, וואָכן און חדשים און זיך געפּרעגלט אויף דער זון, זיך געפּרעגלט, צוזאַמען מיטן מיסט פון צווייטן טאָג, פון דריטן טאָג און פון אַלע טעג. און פּלוצים, שטייסטו אויף אַ הויף, אויף אַ גאַס, וואו עס איז ריין, ציכטיק, פּאַרקערט, ריינער ווי, למשל און להבדיל אין דער גרויסער שיל... און ווער גיט אַכטונג אויף אַט דער ריינקייט? אַט דער דוואָר־ניק דער גוי מיט דער בלוזקע איבערן העמד, ער, פאַרשטייט מער וואָס עס הייסט היגיענע, ווי אַ שיינער טעפּליקער בעל הבית·

אגב, די גרויסשטעטישע דוואָרניקעס האָבן אין צאַרישן רוסלאַנד גע־האַט נאָך אַ פונקציע — דאָס איינשרייבן יעדן אָנגעקומענעם אין „אַדרעסנע סטאָל". דער אַדרעסנע סטאָל איז געווען אַ העכסט ביוראָקראַטישע אינסטי־טוציע אין רוסלאַנד, געשאַפן האָט מען זי, כדי האָבן אַ קאָנטראָל איבער די וואָס קומען, און אַז מען וועט דאַרפן כאַפּן עפּעס אַ רעוואָלוציאָנער וואָס איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, וועט מען נאָר דאַרפן עפענען דעם בוך אין „אַדרעסנע סטאָל", אַ קוק טון וואו יענער איז פאַרשריבן — און מען וועט אים גלייך גיין נעמען, אויב... מען האָט אים „איינגעשריבן".

אַזוי האָט פאָניע גנב געגלויבט, וועט זײַן. דער אמת איז אָבער געווען פונקט פאַרקערט. דעם, וועמען מען האָט ניט געדאַרפט איינמעלדעווען — דעם האָט מען ניט פאַרשריבן, און שוין דורכגעקומען מיטן דוואָרניק וויפל

מען דאַרף אים צאָלן כּאַבאַר. ווער עס האָט יאָ געהאַט נוצן פונעם „אַדרעסן־טיש", איז געווען דאָס פאָלק, די יעניקע וועלכע זיינען געקומען אין די ווייטע גרויסע שטעט, האָבן געזוכט פריינט און ניט געהאַט זייער אַדרעס. אָבער, איז דער פריינט געווען אַ כּשרער מענטש — איז ער געווען פאַרשריבן און מען האָט אים אויפגעזוכט.

דער „אַדרעסנע סטאָל" איז געווען איינע פון די ערשטע נסים וואָס דאָס טעפּליקער, דאָס קליינשטעטלדיקע בחורל האָט דערזען אין דער גרויסער שטאָט. דעם צווייטן נס, האָט דער קליינשטעטלדיקער בחורל באַטראַכט און ניט געוואָלט גלויבן זיינע אויגן ווען ער האָט געזען, ווי עס קומט צו פאָרן אַ ספּעציעלע גרויסע פור, און אַ מענטש נעמט צונויף דאָס מיסט וואָס מען האָט אַ גאַנצן טאָג אָנגעזאַמלט. שיין וואָלט דער מיסט־קלויבער אויסגעזען, — פלעגט אַ טראַכטן דאָס טעפּליקער בחורל, — ווען ער דאַרף אַרומפאָרן אין טעפּליק און צונויפנעמען דאָרט דאָס מיסט פון די הייזער אָדער פון דער גאַס. ער וואָלט געבליבן אָן כּוחות...

דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך באַקאָנט מיט נאָך אַ „וואונדער" פון דער גרויסער שטאָט. איך בין געגאַנגען אָפּשווענקען פון זיך דאָס „קליינשטעטלדיקייט" — איך בין אַוועק אין יאַמפּאָלסקים מרחץ.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין פאַדערצימער פון מרחץ — האָב איך געמיינט, אַז איך האָב פאַרבלאָנדזשעט· ברייטע געבעטע שטולן און דיוואַנען זיינען געשטאַנען כּדי דער עולם וואָס גייט אַרויס זאָל האָבן וואו זיך אָפּרוען. די דאָזיקע שיינע שטולן האָבן אויך געניצט די וואָס זיינען געקומען, כּדי זיי זאָלן זיך „אַקלימאַטיזירן" מיט דער וואַרעמקייט פון מרחץ. היינט אינעווייניק? דאָס ריינקייט, דאָס ציכטיקייט, די שיינע „וואַנעס" וואָס מען וואַשט אויס, ווי נאָר איינער גייט אַרויס פון דאָרט און מען רייבט מיט זייף. היינט די שטילקייט, די רואיקייט. מען הערט ניט די ווילדע קולות:

— הייס, אידעלעך, הייס!

— יאָסל, דערלאַנג העכער אַביסל!

— שמואל יואל, רייבט, אָט דאָ, נידעריקער אַביסל!

בכלל, האָב איך דאָס ערשטע מאָל באַמערקט אַז אין אַ באָד זאָלן גאָר שטיין וואַנעס און פּשוטע אידן זאָלן זיך גאָר באָדן אין אַ וואַנע...

אויף דער נאַכט, ביים עסן וועטשערע, ווען דער ברודער האָט מיך געפרעגט, וואָס האָב איך היינט מחדש געווען, האָב איך אים געענטפערט אַז... צוריק קיין טעפּליק וואָלט איך שוין ניט געפאָרן.

אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. קיין טעפּליק בין איך טאַקע צוריק

ניט געפֿאָרן, אָבער אין אַן ערגערס פֿון טעפּליק, אין אַן ערגערס װי אַ קלײן אידיש שטעטל — בין איך יאָ געפֿאָרן...

אָבער, איך װיל ניט כאַפּן פֿאָראױס.

אחרון של פּסח, טאַקע באַלד נאָכן עסן, האָט דער ברודער מיך גענומען אױף שפּאַציר, און אין „װעג" װעלן מיר זען װאָס מיר האָבן צו טון.

דאָס, װאָס איך בין אַװעקגעפֿאָרן פֿון טעפּליק — איז אים געפֿעלן; דאָס, װאָס איך װיל ניט זײַן קײן פּריקאַזשטשיק — איז אים אױך געפֿעלן. כאָטש, צוריק גערעדט, אױב איך װעל פֿאַרזעצן מיט מײַן פּראָפֿעסיע אַלס פּריקאַז־שטשיק — װאָלט ער מיך אַרײַנגעגעבן צו פּחאָרן אין קלײט. בײַ פּחאָרן איז מען מיט כּבֿוד, פֿאַראַן דאָרט מענטשן װאָס דינען שױן דאָרט 25 יאָר, פּחאָר, זאָגט קײנמאָל קײנעם ניט אָפּ. אָבער נײן, װידער דאָס זעלבע. אָפּלעבן אַ לעבן אַלס פּריקאַזשטשיק אָדער האָפֿן אױף נדן — געפֿעלט אים אױך ניט.

דאָס בעסטע װאָלט געװען, איך זאָל זיך צוגרײטן און אַרײַנטרעטן אין אַ „רעמעסלענע" שולע.

נו, אַזױ װי איך האָב ניט געװאוסט מיט װאָס מען עסט דאָס, האָט מיר מײַן ברודער געגעבן צו פֿאַרשטײן בזה הלשון:

אין טעפּליק, אַז מען װיל אַ קינד לערנען אַ מלאכה, גיט מען אים אַװעק צו אַ בעל מלאכה אױף צװײ־דרײַ יאָר און אַמאָל אױף פֿינף יאָר. די ערשטע צײַט — העכער אַ העלפֿט פֿון די פֿינף יאָר, — לערנט ער זיך... װיגן דער בעל הביתטעס קינד, פֿאָלגן אַ גאַנג, כאַפּן... קלעפּ פֿון „געזעלן", אַרױס־טראָגן די פּאָמאָיניצעס, ברענגען אַ קאַלטן טרונק פֿון ברונעם און נאָך אַזעל־כע זאַכן „פֿון װעלכע מען לערנט זיך אױס די מלאכה". ערשט עט־עט שפּע־טער, װײַזט מען אים װי אַזױ צו האַלטן אַ נאָדל אָדער די זעג אין די הענט.

נו, זײַנען איצט פֿאַראַן אױף דער גאָרער װעלט אידישע רעמעסלענע שולעס — אַזעלכע װי „טרוד". דער חילוק פֿון די רעמעסלענע שולעס ביז „טרוד" איז, װאָס די דאָזיקע שולעס זײַנען רײן אידישע, װערן אױסגעהאַלטן פֿון אידיש געלט, פֿון אידישע גבֿירים, און אַהין קאָן מען אַרײַן װען מען װיל — אָן עקזאַמען, אָן שװעריקײטן, און מען קאָן זיך אױסלערנען צו זײַן אַ גוטער שלאָסער, אָדער אַ גוטער עלעקטראָ־מעכאַניק.

די שולע „טרוד" איז אַ רעגירונגס־אינסטיטוציע, ס'קומט אָן שװער אַהין אַרײַן, מען דאַרף געבן עקזאַמען און אָפּט „זיפּט" מען שטאַרק די אידן.

איך האָב דעם פּלאַן אָפּגעװאָרפֿן. אין „טרוד" װאָלט מיר געפֿעלן. פֿאָרט... אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע, פֿאָרט אַ טוזשורקע מיט קנעפּ. אין אַ רע־מעסלענע שולע, װאָס? װערן אַ בעל מלאכה? נײן, עס געפֿעלט מיר ניט קײן

מלאכה, כאָטש אַן עלעקטראָ־מעכאַניק — געפעלט מיר יאָ. דער גאַנצער שכל פון צוגיין צו דער וואַנט, געבן אַ דריי ווערט ליכטיק — איז מיר געפעלן געוועזן. און שפּעטער מיט צוויי טעג נאָך אונזער געשפּרעך, בין איך שיעור אַוועק אויף יענער וועלט צוליב דעם וואָס איך האָב ביים ברודער אין שטוב געוואָלט וויסן, פון וואָס עס נעמט, וואָס אַז מען גיט אַ קוועטש ווערט ליכ־טיק... איך האָב געכאַפּט אַ שטראָם עלעקטרי מיט איין האַנט, און מיין גליק איז געווען, וואָס איך בין ניט געשטאַנען אויף דער ערד, און וואָס... איך האָב בכלל געהאַט מזל, ניצול צו ווערן פון שטראָם.

מיר האָבן אָנגעהויבן אָנוואָרפן פּלענער. און אַלע פּלענער האָבן זיך געדרייט אַרום דעם, אַז איך דאַרף פאַרזעצן זיך לערנען רוסיש. איך מוז אַריין אין גימנאַזיע, איך מוז זיך דערשלאָגן צו עפּעס גרעסערס ווי פּריי־קאַשטשיק. אַן עבירה, פּלעג דער ברודער ענדיקן זיין מיינונג, אַן עבירה. האָסט אַ גוט קעפּל, קאָנסט לייכט תופס זיין, און מען דאַרף עס ניט פאַר־שלאָגן מיט פאַרקויפן אַן אַרשין סיץ.

וואָלט דער ברודער געהאַט געלט — שיקט ער מיך אין איינע פון אָט די צוויי ערטער: אָדער קיין אָדעס אין דער ישיבה פון ראַווניצקי און ביאַליק, אָדער קיין יפו אין גימנאַזיע. פון אָט די צוויי ערטער וועל איך אַרויס אַ לייט. אָבער, דערויף דאַרף מען האָבן אַ פאַרמעגן, אַ גרויס פאַרמעגן. אפשר... דריי הונדערט קערבלעך, אויב ניט מער...

און אָט אַזוי טראַכטנדיק, געפינט מיין ברודער אַן אָנהויב פאַר מיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג. ער האָט אַ פּלאַן.

אַהער, קיין אומאַן, קומען צופאָרן רייכע אידן פון די דערפער, ישוב־ניקעס הייסן זיי, און זיי נעמען אַ מלמד פאַר זייערע צוויי־דריי קינדער וואָס וואַקסן אין דאָרף אָן אַ ברעקל אידישקייט. די דאָזיקע ישובניקעס, זוכן גע־וויינלעך יונגע קינדער פאַר אָט דער מלאכה. אַן עלטערער איד — איז אַ פּראָבלעם. ער האָט ערגעץ אַ ווייב, ווערט אָפּטער שלאָף. מיט אַ יונג קינד — און קינדער מיט קינדער פאַרשטייען זיך גיך איין, — גייט עס בעסער.

די מעלה פון אָט דער שטעלע איז: די גאַנצע שכירות שפּאָרט מען אָפּ. דאָרט אין דאָרף, וואו מען גיט מיר עסן און טרינקען, איז ניטאָ וואו אויס־געבן אַ גראָשן. אַפּלערנענדיק אַ צוויי יאָר אַזוי, דאָס הייסט פיר זמן, שפּאָר איך אָפּ אַ מאַיאָנטעק וואָס עס וועט סטייען ביז יפו.

און נאָך אַ מעלה האָט אָט די שטעלע. מען ווערט ניט אָפּגעריסן פונעם חומש און תנ״ך. אויב די תלמידים זיינען „אָנפאַנגס גאונים״, בלייבט נאָך אַלץ געגוג צייט אַליין לערנען, אַריינקוקן אין אַ העברעאיש ביכל, וועלכע ער

װעט מיר צושיקן, אַרײַנקוקן און טאַקע לערנען רוסיש. אײ, צו װאָס דאַרף איך רוסיש קײן יפו? איז דער תּירוץ, װי אַזױ אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל איך זײַן גרײט אױף אַלעם. טאָמער, מוז איך גאָר אַנקומען אין דער רוסישער גימנאַזיע...

און, האָט זיך מײַן ברודער אָנגעכאַפּט פֿאַר אָט דער אידײע — האָט ער זי שױן ניט אָפּגעלאָזט און אַז דער ברודער זאָגט — װײסט ער מן הסתּם אַז אַזױ דאַרף זײַן. גײט ער אַװעק צו דער „בירזשע״ פֿון אָט די מעקלער. זאָגט צו אַ מעקלער 2 קערבלעך און אפשר מערער — דאָס איז לױטן פּלאַץ און לױטן שׂכר לימוד, און דעם צװײטן טאָג, זאָגט מיר מײַן ברודער אָן אַ בשׂורה: שױן פֿאַראַן אַ פּלאַץ אין אַ דאָרף. ס׳איז בלױז אײן פֿאַמיליע און בלױז אײן קינד פֿון זעקס יאָר. און שׂכר לימוד? אַ גאַנצע מאַטניאַ! גאַנצע הונדערט פֿופֿציק קערבלעך! אַ רײַכער איד — צאָלט ער אַ סך.

איך בין זיך געגאַנגען באַקאַנען מיט מײַנע נײַע בעלי הבתּים. איך בין זײ געפֿעלן געװאָרן, פּשוטע מענטשן סײַ ער, סײַ זי, נאָר אײן חסרון האָבן זײ — זײ רײדן צװישן זיך... רוסיש. אַ שלעכטן פֿאַרגרײַזטן רוסיש. און געװאוירע װערנדיק אַז איך בין ניט קײן „כניאַק״ (דאָס איז געװען זײער אױסשפּראַך) און אַז איך רײד רוסיש און האָב געענדיקט אַ שקאָלע און גרײט זיך אין גימנאַזיע — בין איך בײַ זײ געװאָרן נאָך מער אָנגעלײגט. און זײ האָבן מיר שױן פֿאַרגעלײגט אַ זײַטיק פֿאַרדינסטל — לערנען מיט זײ רוסיש. זײ װילן רײדן רוסיש פּראַװילנאַ...

פֿאַר פֿרײד האָב איך זײ אַפֿילו ניט געפֿרעגט װי אַזױ דאָס דאָרף הײסט און װי אַזױ זײ הײסן, און װאו דאָס דאָרף געפֿינט זיך. איך װעל דאָך דאַרפֿן לאָזן דעם ברודער דעם אַדרעס װאוהין מיר צו שיקן ביכער. איך האָב צײַט געהאַט צולױפֿן זיך געזעגענען בײַ מײַן שװעסטער, װעלכע האָט מיך געהאַלטן אין אײן באַװײנען און באַקרעכצן, אַ יתום, נעבעך, און פֿאַר האַלבע נאַכט, ניט זעענדיק דעם ברודער, װעלכער איז געװען ערגעץ אױף אַן אסיפֿה פֿון די חובֿבֿי ציון — בין איך געקומען צום אײַנפֿאַר־הױז און בין אָפּגעפֿאָרן אין מײַן נײַער הײם.

און טאַקע צוליב מײַן איבערלעבעכטס פֿון לעצטן טאָג, צוליב דער עמאָציע פֿון פֿאָרן מיט פֿרעמדע מענטשן אין אַ פֿרעמדן מקום צו אַ נײַער פּרנסה — בין איך, אין װאָגן, תּיכּף אײַנגעשלאָפֿן.

װען איך האָב זיך אױפֿגעכאַפּט איז שױן געװען טאָג. מיר זײַנען שױן געװען נאָענט פֿון דער „הײם״. די הײם, דאָס דאָרף אין װעלכן איך האָב געדאַרפֿט קנעלן האָט געהײסן: טשאַרנאָגרעבליאַ און האָט זיך געפֿונען...

אינגאַנצן ניט מער ווי 12 ווערסט פון טעפּליק.

אין דעם דאָזיקן דאָרף האָט זיך, יעדע צוויי וואָכן מיטוואָך געשטעלט אַ יאַריד און דער טאַטע האָט ניט געפעלט אויף טשאַרנאָגרעבליער יאַריד פּונקט ווי ער פּלעג ניט פעלן צו טערניוועקער יאַריד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך זאָל אין אומאַן געווען ווייסן, אַז איך דאַרף זיך פאַרדינגען אין אַ דאָרף, אַזוי נאָענט פון טעפּליק, און ווען מען גיט מיר אַ טויזנטער פאַרן זמן — וואָלט איך ניט געווען געפאָרן. און איצט, ליגנדיק אין וואָגן, שוין זייענדיק נאָענט פון דאָרף, בין איך נאָך געווען גרייט אַרויסשפּרינגען פון וואָגן, כאַפּן מיין באַגאַזש און, צופוס לויפן צוריק. איך האָב עס, פאַר־שטייט זיך, ניט געטון, איך בין נאָר געבליבן זיצן פאַרשטיינערט. עס איז געווען אַ מאָראַלישער קלאַפּ פאַר מיר, פאַר מיר וואָס האָט זיך געלאָזט אין דער „גרויסער" וועלט אַריין, פאַר מיר, וואָס געזעגנענדיק זיך אין טעפּליק מיט מיינע חברים, און ספּעציעל מיט איציק גדליה מלמדס, און מיט שלמה שפּילבאַנד, האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך וועל אָנשפּאַרן — אויב ניט אין אומאַן, איז אין קיעוו, אין אָדעס, אין כאַרקאָוו, אין ווילנע, אָדער גאָר אין פּעטערבורג. און דאָ בין איך גאָר אַריינגעפאַלן קיין טשאַר־נאָגרעבליע, וואו גאַנץ טעפּליק, אַלע קירזשנער, טאַנדעטניקעס, מאַכאַ־טווינעקעס, אייעריקע און שמויסניקעס, געפינען זיך דאָ אַלע צוויי וואָכן מיטוואָך.

מיינע בעלי הבתים, האָבן יאָ עפּעס באַמערקט אין מיר אַן ענדערונג, נאָר זיי האָבן גאָרניט געקאָנט טראַכטן און חושד זיין מיינע איצטיקע ווייטיקן און איבערלעבענישן. אָבער פאַרפאַלן. איך זאָג גאָרניט. באַ זיך, אָבער, מאַך איך פּלענער, זיך אַ גאַנצן יאַריד־טאָג ניט ווייזן אין גאַס, אפשר וועט קאָנען דורכגיין דער זמן און טעפּליקער אידן וועלן מיך ניט זען...

דער פאַקט פון זיין אַזוי נאָענט פון טעפּליק, האָט געהאַט פאַר מיר אַ סך חסרונות, אַ חוץ — בושת פנים.

ערשטנס, האָב איך ערנסט און אויפריכטיק באַשטימט ביי זיך, אַי־בערלאָזן אויף אַ שטיק צייט... דעם טאַטן מיט מיין שטיפמאַמע, זיי אַי־בערלאָזן אַליין, און אַזוי ווי איך האָב געהאַלטן אַז דער טאַטע האָט גע־האַנדלט, די גאַנצע צייט, קעגן מיר, ניט יושרדיק און ניט פאָטערלעך. אַז ער האָט אָפּט, אָפּט, געוואוסט, אַז וואָס זי דערציילט אָן אויף מיר איז

א ליגן, איז גרויל־פראפאגאנדע. און דאך, איז ער געווען אויף איר זייט. בכלל האב איך אים ניט געקאנט מוחל זיין איין פאל, ווען איך בין א גאנצן טאג — פאזיטיוו א גאנצן טאג, אפילו אנבייסנצייט, געווען ביי אונזער שכן און מחותן דעם רב יעקב מאיר, עס איז דעמאלט געווען ביי אים א וויכטיקער דין תורה און ער האט מיך געדארפט האבן אלס זיינער א... שליח. ווען איך בין ביינאכט געקומען אהיים האט מיך דער טאטע באגעגנט מיט עטלעכע פייערדיקע פעטש. וואס איז? די מומע האט אים דערציילט אז... א גאנצן טאג בין איך איר „דערגאנגען די יאר", זי ניט געפאלגט פון „דאנען ־ אהין", זי האט נעבעך, אליין געמוזט גיין אומעטום.

איך האב געכאפט די פעטש און געשוויגן. איך האב קיינמאל, און איצט אוודאי ניט, זיך געוואלט פארענטפערן.

דעם אנדערן טאג אבער, איז דער טאטע געוואויר געווארן, דורך דער רביצן ע"ה (זי איז געשטארבן אין ארגענטינע ביי איר טאכטער) אז איך בין געווען ביי זיי א גאנצן טאג, אז איך האב ביי זיי געגעסן, און אז איך האב געבראכט זייער גוטע נוצן דעם רב מיט מיין ארבעט — „אויף איין פוס" — אויספילנדיק מיין שליחות. דא, האט שוין דער טאטע געזען, אז די שטיפמאמע האט פשוט געמאכט א בלבול אויף מיר, און אזוי ווי זי האט ניט געהאט די מעגלעכקייט א גאנצן טאג מיר געבן כאטש איין קניפ אדער איין צענדליק קללות — האט זי איבערגעגעבן דעם טאטן די „מצווה", אז אויף דער נאכט, זאל ער מיר „באצאלן" פאר איר.

איך האב ניט געוואוסט צי דער טאטע האט איר עפעס געזאגט אדער פירגעהאלטן דערפאר, אבער, מיר, האט ער גארניט געזאגט, מיך, דעם מע־זינעק, דעם קינד אין וועלכן ער האט זיך געצאצקעט און געגרויסט און געהאט כבוד אין קלויז פון מיין גוט קעפל און גוט לערנען, מיך, האט ער אפגעשמיסן און... פארפאלן.

אט דעם פאל האב איך אים ניט געקאנט פארגעסן, און ביי מיין פאר־לאזן די שטוב, האב איך אויך געזוכט נקמה אין אים. אדרבא, זאל ער איצט בלייבן מיט אירע צוויי בנים, מיט דעם לאקשעוואטן קירזשנער און מיט יחיאלקל דעם צירולניק, וועמען עס לויפן נאך אלע אויסגעלאסענע מיידלעך און שיקסלעך. אמת, זיי זיינען ניט געווען ביי אונז אין שטוב, אבער זיי פלעגן קומען א פאר מאל אין וואך, און אלע פרייטיק־צו־נאכטס און שבת צום עסן.

אין מיינע „נקמה" געדאנקען, האב איך זיך פארגעשטעלט, ווי דער טאטע זיצט מיט זיי אליין ביים טיש, און ער האט ניט ווער עס זאל אים

אונטערהעלפן ביי די זמירות, ביים „כל מקדש שביעי כראו לו". איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אונזער טיש אמאָל, ווען ביים טיש זיינען געזעסן מיין ברודער, איך, אַן אורח, און מען האָט „פאַרצויגן" דעם „איש על מחנהו ואיש על דגלו", און איצט, ווען ער זיצט מיט אָט די צוויי גראָבע יונגען, גראָבע נפשות וואָס קאָנען ניט קיין „שייטל עברי". עס האָט מיר, ניט הנאה געטון, וואָס ער וועט זיין טרויעריק ביים טיש, נאָר איך האָב גע־גלויבט, אַז דאָס וועט אים אפשר אויפוועקן פון דער „מומעס" שלאָף און ער וועט דערזען, אַז ער האָט... פאַרטריבן פון זיך זיינע קינדער מיט וועלכע די שטאָט איז אים מקנא געווען, און האָט זיי פאַרביטן אויף וועמען?...

דאָס אַלץ איז געווען אין מיינע פּראָיעקטן ווען איך האָב זיך געלאָזט אין „ווייטן וועג אריין" און דער „גרויסער וועלט אריין". און וואָס איז געוואָרן פון מיין „ווייטער" און „גרויסער" וועלט? — דאָס דאָרף טשאַרנאָ־גרעבליא וואָס ליגט, אָט דאָ, נאָענט, אונטער דער נאָז און וואו מיין טאַטע וועט מיך קאָנען טרעפן אַלע צוויי וואָכן.

טאָמער איז נאָך דאָס ווייניק — האָב איך געהאַט אַ צווייטן ווייטיק.

זייענדיק אין אומאַן און נאָך איידער איך האָב געוואוסט וואָס איך וועל טון און צו וואָס איך וועל זיך נעמען, האָב איך אוועקגעשיקט צוויי בריוו צו מיינע חברים. איך האָב אין די בריוו, אָפּגעלאַכט פון די קליינע שטעטלעך, וואו מען טאָפּטשעט אין דער בלאָטע, וואו מען לעבט ביי אַ לעמפּל און קאַרניצל, וואו מען באַקומט אַ צייטונג אויפן פערטן טאָג, וואו עס האַלט אַן אַ בלאָטע — זומער צייט — אַכט־צען טעג נאָך אַ רעגן א. א. וו. איך האָב זיך אפילו באַרימט אַז מיין ברודער וואוינט אַ טיר אַנטקעגן אַ טיר פון... דאָקטאָר קראַמאַרענקאָ, וועמען איך האָב שוין געזען אפשר הונדערט מאָל, און פאַר איין צייט האָב איך זיך שוין באַרימט — און דאָס איז אמת געווען — אַז אין אומאַן לייגט מען שוין אויס רעלצן אינמיטן גאַס, וואו עס וועט גאָר אין גיכן גיין אַן עלעקטרישער טראַמוויי, און פאַר צוויי קאָפּקעס וועט מען פאָרן פון איין עק שטאָט ביז דעם צווייטן. מיט איין וואָרט: איך האָב זיך באַרימט מיט „מיין" אומאַן, מיט מיין גרוי־סער שטאָט, און מיט מיין ציוויליזאַציע. און דאָ? און איצט? איצט האָב איך אַליין, איבערגעלאָזט אָט די אַלע גרויסע זאַכן, און בין אוועק אין אַ פּלאַץ, וואו טעפּליק איז אַ כר"ך קעגן יענעם מקום, אין אַ פּשוט דאָרף אריין. וואָלט כאָטש אָט דאָס דאָרף געווען פון יענער זייט אומאַן, אַ הונ־

דערט ווערסט פון טעפּליק, וואָלט מיר לייכטער געווען. אָבער — טשאַר־נאָגרעבליאַ, אַזוי נאָענט... און

טרערן האָבן זיך מיר געלאָזט פון די אויגן.

מיינע בעלי הבתים האָבן עס באַמערקט. זיי האָבן געגלויבט אַז איך בענק אַהיים, און מיר צוגעזאָגט אַפּט־אָפּט אָפּשיקן קיין אומאַן (זיי האָבן נאָך אַלץ ניט געוואוסט מיין פאַמיליע און פון וואַנען איך בין. זיי האָבן בלויז געוואוסט, אַז איך היים ווערע).

ארום זיבן אינדערפרי בין איך געקומען צו מיין נייעם וואוין־אָרט. באַלד, אַראָפּקריכנדיק פון וואָגן האָב איך זיך באַלד באַקאַנט מיט מיינע צוויי שילער. אַ מיידעלע פון אַ יאָר עלף און אַ בחורל פון אַ יאָר אַכט.ביידע סימפּאַטישע קינדער, ביידע זיינען שוין געוואָרן צוגעלאָזט צו מיר, און — ווייזט אויס — איך בין זיי אויך געפעלן געוואָרן. ביידע האָבן גע־רעדט אַ שיינעם אידיש און נאָך אַ שענערן... רוסיש. אַלנפאַלס שענער און ריכטיקער ווי זייערע טאַטע־מאַמע.

מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש און מען האָט אַריינגעטראָגן פרישע מילך, טאָקע נאָר וואָס פון דער קו, אוועקגעלייגט אויפן טיש פריש קאָרן־ברויט און מען האָט זיך גענומען איבערבייסן.

אין דער ערשטער האַלבער שעה פון מיין זיין „דאָרט, וואו אידן איז ניט דערלויבט צו וואוינען" — פונקט להפוך וואָס אין די אידישע פּאַספּאָרטן פלעגט זיך זאָגן („טאָם, גדיע יעוורעיאַם זשיט פאָזוואָלענאָ") בין איך באַלד געוואוירע געוואָרן אַז... איך בין אַ איד, און פאָלגלעך, טאָר איך דאָ, אין דאָרף ניט זיין. לכן, דאַרף איך זיין גוט און פריינדלעך צו די גויים, דאַרף זיי דער ערשטער באַגריסן, ווען איך גיי אין גאַס. אַזוי פאַרשטייט זיך, דאַרף איך קיין מורא ניט האָבן, ווייל דער סטאַראָסטאַ און די איבעריקע „נאַטשאַלסטוואָ", נעמען דאָ גענוג ביי מיין בעל הבית. אָבער, ווען דער אוריאַדניק קומט אין דאָרף אריין, איז גלייכער איך זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן...

זאָגן, אַז אָט די לעקציע, איז מיר געפעלן געוואָרן? — וואָלט געווען ניט ריכטיק. עס האָט גיכער פון אַלץ געהאַלטן אַז איך... זאָל זיך צעוויי־נען און זיך הייסן אָפּשיקן צוריק קיין אומאַן. איין זאַך איז מיר אָבער גע־שטאַנען פאַר די אויגן: מיין שטיפמאַמע. איך האָב מורא געהאַט אַז מען זאָל אין דער היים ניט געוואוירע ווערן פון מיינע גליקן און מיין שטיפמאַמע

זאָל ניט דערלעבן קיין נקמה אין מיר. חוץ דעם — איך האָב געמאַכט
אַ חשבון אַז קיין אַנדער ברירה האָב איך ניט און —
איך בין געבליבן אויף מיין פּאָסטן.

— —

מיינע בעלי הבתים זיינען געווען גוט צו מיר, שוין ממש — צו גוט.
די קינדער האָבן געהאַט אַ גרויסע פּעולה און אין ערשטן מאָנאַט צייט האָט
שוין דאָס מיידעלע אָנגעשריבן אַ בריוועלע צום פּאָטער. דאָס בריוועלע האָט
זי אים געשיקט אין... מיל אַריין וואו ער איז געווען און אים געשריבן
אַז די מאַמע בעט אים, אַז ווען ער וועט קומען אַהיים זאָל ער מיטברענגען
אַ זעקל מעל. דער פּאָטער איז געווען אַזוי אַנטציקט פון זיין טעכטערלס
„תורה”, אַז פאַר פרייד, האָט ער מיר אין דער היים אָוועקגעלייגט אַ צענערל
אַ מתנה פאַר זיין טאָכטערס ערשט בריוועלע...

איך בין אָפּגעווען אין דאָרף צוויי מאָנאַטן, בין געווען אָפּגעריסן פון
דער וועלט. ניט איך, האָב עמיצן געשריבן, ניט עמיצער האָט געוואוסט וואו
איך געפין זיך. צווישן מיין טאַטן און מיין ברודער איז טאַקע באַלד אַרויס
אַ רוגז צוליב מיר. מיין טאַטע האָט געשריבן מיין ברודער זיך נאָכפרעגנדיק
וואו איך בין — און ער האָט אים ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן ווייל...
ער האָט זיך פשוט געשעמט צו ענטפערן, אַז ער האָט מיך פאַרהאַנדלט אויף
אַ גוט פּלאַץ — נאָר ער ווייסט ניט וואוהין... ער איז שוין געלאָפן פרעגן
דעם מעקלער וואָס האָט מיר נאַראַיעט די שטעלע — אָבער דער מעקלער
האָט געטענהט אַז ער האָט אָט די קליענטן געזען דאָס ערשטע מאָל אין
זיין לעבן (דאָס איז אמת געווען) און
איך בין ווי אין וואַסער אַריין...

און ווער ווייסט וויפל צייט איך וואָלט אַזוי געווען זיך אויסגעבאַהאַלטן,
מעגלעך — אַז דעם גאַנצן זמן. בין איך אָבער באַגאַנגען אַן אומפאַרזיכטי־
קייט און מיין „סוד” איז אַנטפּלעקט געוואָרן.
אַזוי ווי איך האָב פּאַרט ניט געוואָלט זיין אָפּגעריסן פון דער וועלט,
און קיין טשערנאָגרעבליע איז אָנגעקומען בלויז איין רוסישע צייטונג —
צום זאַוועדוויושטשע פון דער מיל, די צייטונג איז געווען די באַוואוסטע
אַנטיסעמיטישע אויסגאַבע פון שולגינען — „קיעווליאַנין”, וועלכע דער זאַ־
וועדוויושטשע האָט זי מיר „ס'באַלשים אודאָוואָלסטוויעם” (מיטן גרעסטן

פאַרגעניגן) געליען, האָב איך באַשלאָסן אויסשרייבן אַן אייגענע, אַ אידישע צייטונג, דעם „מאָמענט" פון וואַרשע.

ווי אַזוי זשע קאָן קומען אַזאַ צייטונג צו מיר קיין טשאַרנאָגרעבליע? — גאָר פּשוט. ניט ווייט פון דאָרט, אַ ווערסט צען, איז געווען אַ גרויסע באַן־סטאַנציע, גייוויראָן. געווען דאָרט אויך אַ צוקער־זאַוואָד און ניט ווייט — דער באַרימטער צוקער־זאַוואָד פון סאַבאַליוקע. נו, האָב איך אויסגע־שריבן דעם „מאָמענט", „פּאָסט־רעסטאַנט". און, אָדער איך בין אַליין אַלע שבת צוגעפאָרן אָדער צוגעגאַנגען צופוס די צען ווערסט אָדער איך האָב געבעטן איינעם, וואָס פאָרט קיין גייוויראָן, אַז ער זאָל מיר אָפּנעמען די צייטונגען אין פּאָסט. פאַרשטייט זיך, אַז ביים ערשטן פּעקל צייטונגען, וואָס אַנדערע האָבן מיר געבראַכט — איז מען געוואוירע געוואָרן מיין פּאַ־מיליע. לאָזט זיך אויס, אַז מיין בעל הבית קאָן גוט מיין טאַטן ,האַנדלט אַמאָל מיט אים, איז ערשט צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן געווען ביי אונז אין הויז. פאַרוואָס זשע האָב איך ניט אויסגעזאָגט ווער איך בין?...

בעטן דעם בעל הבית ער זאָל ניט דערציילן דעם טאַטן אַז איך בין ביי אים, האָט מיר ניט געפּאַסט. ס'האָט געשמעקט מיט אַ פאַמיליען־סקאַנדאַל, און איך האָב שוין גערדאַפט וואַרטן אויף מזל, אַז אפשר וועט זיך דער בעל הבית מ'ט מיין טאַטן ניט טרעפן. דאָס מזל האָט געדויערט... אַכט טעג. ביים ערשטן יאַריד, איז דער בעל הבית אוועק צו מיין טאַטן אים באַגריסן מיט „זיין געראָטן קינד" פון וועמען זיינע קינדער וועלן גאָר אינ־גיכן ווערן גאונים... ער האָט אים שוין אויך דערציילט אַז אפילו דער סטאַראָסטאַ האָט מיך ליב, און דער פאַרוואַלטער פון דער מיל — ווערט גאָר די כפּרה נאָך מיר...

אין עטלעכע מינוט אַרום, האָב איך געהאַט מיין טאַטן צו גאַסט ביי מיר.

— —

אונזער באַגעגעניש איז געווען אַ... שטומע. דער טאַטע האָט גע־וואָלט וויינען — פאַר פרייד וואָס ער האָט מיך געפונען, פאַר פרייד וואָס מען האַלט אַזוי פון מיר, און אפשר אויך, פאַר פרייד וואָס איך פאַרדין אַזוי פיל — און ער האָט זיך איינגעהאַלטן.

איך האָב אויך געוואָלט וויינען, גלאַט וויינען, און איך האָב זיך גע־שעמט איך האָב גאָר מורא געהאַט אַז דער טאַטע קאָן עס אויסטייטשן, אַז

איך וויל אהיים... נאָך אַ מינוט שווייגן, האָבן מיר זיך צעקושט. דער טאַטע האָט אַרויסגעלאָזט בלויז איין וואָרט:

— נו? אַט דאָס וועט זיין דער תכלית? אַ מלמד אין אַ דאָרף?

מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער טאַטע האָט זיך טאַקע פאַרזאָרגט וועגן תכלית פון זיין קינד. ער האָט טאַקע, קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז דאָס דאַרף איך זיין. ער האָט אָבער אַ סך מאָל געטראַכט און געזאָגט, וואָס איך דאַרף ניט זיין. צווישן די „ניט זיין", איז פאַרשטייט זיך אויפן ערשטן פּלאַן געווען:

ניט זיין קיין בעל מלאכה.

ניט זיין קיין... „מאַכעטווינעק" און...

ניט לערנען אין גימנאַזיע

פאַר די סטודענטן וואָס לערנען אין גימנאַזיע האָט דער טאַטע געציטערט אימת מות. ער פלעגט שרייען און טענהן, אַז אַט די סטודענטלעך וועלן נאָך ברענגען צרות אויפן אידישן פאָלק. ער — און הונדערטער טעפּליקער און פון הונדערטער אַנדערע קליינע שטעטלעך פון תחום המושב, זיינען געווען איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס די אידישע סטודענטלעך מישן זיך צופיל אין פּאָליטיקע און אין „צאַציאַליזם", וועט אויסגיין צו אַלע אידישע קעפּ.

צי מיין טאַטע און אַלע אונזערע טאַטעס זיינען געווען גערעכט — האָט אין עטלעכע יאָר אַרום דערוויזן די געשיכטע און די געשעענישן ווי אַזוי מען האָט גאַנצע שטעט און שטעטלעך אויסגעשאָכטן, מיטן תירוץ אַז אידן זיינען קאָמוניסטן, און אַז דער קאָמיסאַר פון שטעטל האָט געהייסן יאַנקל אָדער דודקע...

אַ חוץ זיין מורא פאַר דעם „צאַציאַליזם" פון די סטודענטן פון דער גימנאַזיע האָט ער פּשוט, ווי אַ געטרייער איד, געציטערט פאַרן געדאַנק, אַז ענדיקנדיק די גימנאַזיע און אויב מען וויל גיין ווייטער — שטייט מען נאָענט צום שמד.

מען קאָן זיך, פּאָלגלעך פאַרשטעלן זיין לאַגע ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז אויף דער עצה פון אברהמלען (מיין ברודער) וועל איך אָפּזיין פיר זמנים אין דערפער אַלס מלמד, אָנקלויבן עטלעכע הונדערט קערבלעך, און דערנאָך אוועקפאָרן קיין אָדעס און זיך „פּריגאָטאָווען אין גימנאַזיע". איך האָב אים געטרייסט, אַז איך וועל קיינמאָל' מיין אידישן גלויבן ניט בייטן. איך וועל קיינמאָל קיין „צאַציאַליסט" ניט ווערן. איך אַליין — אַזוי האָב איך אים פאַרזיכערט אויף נאמנות — איך אַליין בין קעגן, וואָס די

אידן, די אידישע יוגנט, טומלט צופיל אויף דער גויאישער גאַס, וואָס זי, די אידישע יוגנט, איז די פּאַנענטרעגער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַז איך האַלט גלייך מיט אים, אַז מען וועט אויסנוצן אונזער יוגנט, אונזער פעאיקייט און אונזער שנאה צום צאַריזם, און דערנאָך, ווען מען וועט שוין פועלן אַן אמתע קאָנסטיטוציע (פון אראָפּוואַרפן די ראָמאַנאָווער־דינאַסטיע האָט מען דאָך דעמאָלט ניט געחלומט אפילו. דאָס איינציקע וואָס מען האָט געשטרעבט, אראָפּוואַרפן דעם טפּש ניקאָלאַיען און אַרויפזעצן אויף זיין אָרט זיין ברודער מיכאַיל וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר אַ „ליבעראַל״), און מיר וועלן ווידער האָבן אַ גאָסודאַרסטווענע דומאַ, וועט מען אַלץ קיין אידן פאַר קיין דעפּוטאַטן ניט צולאָזן, אַלנפאַלס — די רוסן וועלן פאַר קיין אידן ניט שטימען.

נו, דער טאַטע אַליין איז שטענדיק געווען צופרידן וואָס איך לערן זיך רוסיש. אָבער — לערנען בלויז צו זיין אַן אינטעליגענט, קאָנען אָנשרייבן אַ שיינעם בריוו און קאָנען איבערלייענען יענעמס בריוו. און אַבי איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז ווייטער דערפון וועט עס ניט גיין — איז ער געבליבן צופרידן.

וואָס שייך מיין ביטע אַז ער זאָל אין טעפּליק ניט דערציילן וואו איך בין — איז זי שוין געקומען צו שפּעט, ווייל — דער בעל הבית מיינער אַליין, האָט שוין צעפּויקט אויפן יאַריד, אַז ער האָט ביי זיך נוסקעס זון אַלס לערער פאַר די קינדער און אַז איך בין אַ... מאַלאַדיעץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב געענדיקט מיין „זמן״ בשלום. אויף ימים נוראים בין איך געקומען אהיים מיט אַ מטמון מיט געלט אין קעשענע. איך האָב אין טשאַרנאָגרעבליע נאָך געקראָגן צוויי זייטיקע פאַרדינסטן — אַ לעקציע ביי אַ באַאמטן פון מיל וואָס האָט זיך פאַרקוקט אויף מיין בעל הבית, און האָט מיר איבערגעגעבן זיינע קינדער צו לערנען צוויי מאָל אין וואָך האָט ער מיר באַצאָלט זעכציק קערבלעך פאַרן זמן. דער פאַרוואַלטער פון דער מיל, אָט דער וואָס האָט באַקומען דעם „קיעווליאַנין״ און האָט געהאַט אַ טיפּישן אויסזען פון אַ רוסישן טשאַרנאָסאָטניק האָט מיר געשיקט זיין בחורל, אַז איך זאָל אים אויסלערנען — מיט רוסישע אותיות... קדיש זאָגן.

לאָזט זיך אויס, אַז ער איז געווען אַ משומד. ער האָט זיך געשמדט, ווייל ער האָט זיך פאַרליבט אין גלחס טאָכטער. אַליין איז ער געווען פון

סאַראַטאָוו, קיין אידישע דערציאונג האָט ער ניט באַקומען און וועגן אידן האָט ער געהאַט גאָרניט קיין וואָשנע מיינונג... זיינע עלטערן און ברידער זיינען געווען גרויסע סוחרים פון „פערווי גילדע”, און פון אידישקייט האָבן זיי נאָר געהאַלטן... יום־כיפור, ווען זיי זיינען געגאַנגען אין דער דאָר־טיקער איינציקער שול וואו עס האָבן געדאַוונט בלויז „טשעלאָ”. דער פאָ־טער זיינער איז געווען אין קיעוו, אין אָדעס, אין כאַרקאָוו, האָט זיך באַ־קאַנט מיט דאָרטיקע אידן, אַ סברא אַפילו, אַז אויף דער מאָלדאַוואַנקע האָט מען אים באַגנבעט און... צעפּאַטשט, איז ער געקומען אַ ברוגזער אויף אידן, און האָט מיט פאַראַכטונג גערעדט וועגן זיי.

ווען ער איז אַלט געווען 18 יאָר האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם גלחס שיקסל, אַ שיין מיידעלע מיט לאַנגע צעפּעלעך, און זיי האָבן זיך פאַרליבט. דער גלח איז ניט געווען קעגן, אָבער פאַרשטייט זיך, די קאָנדיציע איז געווען אַז דער בחור דאַרף זיך שמדן. פאַר אים, איז דער ענין ניט געווען קיין פּראָבלעם. אים איז געווען אַלץ איינס. אָבער, דער פאָטער, דער אַסי־מילירטער פאָטער, וואָס האָט אַזוי שלעכט גערעדט וועגן אידן, האָט ניט געוואָלט אַז זיין זון זאָל בייטן דעם גלויבן. ער האָט געקערט וועלטן. און ווען דער זון — ער, הייסט עס, — איז אַלס אַ בחורל פון 19 יאָר, אַוועק צום גלח שוין אויף צו בלייבן דאָרט — האָט דער פאָטער, פריער געחלשט, דערנאָך אַוועק צום גראַדאָנאַטשאַלניק, צום גענעראַל גובערנאַטאָר, און אַפילו אָנגעשפאַרט אין פּעטערבורג ביים סינאָד. עס האָט אים גאָרניט געהאָלפן. דער זון האָט זיך לעגאַל געשמדט. פאַר ווייטיק איז די מוטער זיינע, גאָר אין גיכן נאָך זיין שמדן זיך, געשטאָרבן. און פּונקט צום יאָר, טאַקע דעם זעלבן טאָג וואָס זיין מוטער איז געשטאָרבן — דעם 10־טן יאַנוואַר, איז די פרוי זיינע געגאַנגען צו קינד און... איז אויך געשטאָרבן.

כאָטש ער האָט חתונה געהאַט לויט אַלע קריסטלעכע רעליגיעזע דינים — דאָך איז ער ניט קיין גלויביקער. אָבער דער פאַקט, וואָס זיין פרוי איז געשטאָרבן דעם זעלבן טאָג און אַפילו — מער וויניקער — אין דער זעל־בער שעה וואָס זיין מוטער, דענקט ער, אַז עפּעס „אויבן” איז יאָ פאַראַן איינער וואָס קוקט, וואָס זעט אַלץ און וואָס... שטראָפט.

אָבער, די גאַנצע געשיכטע האָט גאָר אַן אַנדער עפּילאָג.

לויט ווי עס דערציילט מיר אָט דער „אַנטיסעמיט”’ וואָס באַקומט דעם „קיעווליאַנין” און קוויקט זיך מיט זיינע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען, לויט ווי ער דערציילט, האָט די פרוי זיינע, פאַר איר טויט, טאַקע עטלעכע מינוט פריער איידער זי האָט פאַרמאַכט אירע אויגן, איטלעכן אַרויסגעשיקט פון

איר צימער, אַ חוץ אים, ווען זי האָט צוגערופן צום בעט און גענומען ביי אים די האַנט אַז... ער וועט דאָס קינד דערציען אַלס אידיש קינד, ווייל זי אַליין איז... אויך אַ אידיש קינד. איר אמתער פּאָטער איז ניט דער גלח. איר מוטער איז אַנטלאָפן פון איר פּאָטער צום גלח — און ווען זי האָט זיך פאַרליבט — ווען זי איז שוין געווען אין אַכטן מאָנאַט. זי איז טאַקע דערצויגן געוואָרן אַלס קריסטן, אָבער פאַרן טויט האָט איר מוטער איר אויסגעזאָגט דעם אמתן סוד פון איר אָפּשטאַם. דער גלח ווייסט ניט, אַז זי האָט געוואוסט דעם אמת וועגן איר אידישקייט.

און נאָך אַ זאַך האָט זי אים דערציילט ערב איר טויט, אַז אין דער אמתן האָט זי חתונה געהאַט פאַר אים ניט... אוים ליבע. זי איז גאַרניט געווען אַזוי שטאַרק איינגעליבט אין אים. זי האָט דאָס אַלץ געטון כדי... חתונה האָבן פאַר אַ אידיש קינד. און אַזוי ווי ער — אַ אידיש קינד, האָט זיך פאַרליבט אין איר — האָט זי לאַנג ניט געטראַכט און איינגעשטימט חתונה האָבן. אָבער איצט, אַזוי האָט זי אים דערציילט, וואָלט זי גראָדע געוואָלט לעבן ווייל... זי האָט אים ליב, שטאַרק ליב באַקומען... און

— דערביי איז זי אויסגעגאַנגען.

— פאַרוואָס זשע באַקומט ער דעם „קיעווליאַנין"?

— ס'הייסט פאַרוואָס? ער האָט אים דען אויסגעשריבן? ער האָט אים אין דער ערד. דאָס שיקט אים דער שווער, דער גלח, דאָס שיקט ער אים די צייטונג אַהער.

— וואָס דענקט ער צו טון?

ער וויל, אַז זיין קינד זאָל וויסן אַז עס איז אַ אידיש קינד. ער וויל, אַז זיין קינד זאָל קאָנען דאָס וויכטיקסטע — קדיש זאָגן. און ווען דאָס קינד וועט ווערן עלטער — וועט ער אין אַ שיינעם טאָג אַ שפּיי טון אויף רוס־לאַנד און אויף זיין „שווער" דעם גלח וואָס שיקט אים — אַ חוץ דעם „קיעווליאַנין" — אויך שיינע עטלעכע קערבלעך אַ מאָנאַט. דער גלח וויל אַז זיין אייניקל זאָל וואָס שנעלער אריין אין אַ גלחים סעמינאַר. און ער האָט מורא, אַז אין אַ שיינעם טאָג זאָל דער גלח ניט קומען צו אים צו גאַסט און וועלן מיטנעמען דאָס קינד מיט זיך. דעריבער מאַכט ער איצט פּלענער אָנצוזאַמלען אַ קאַפּיטאַל און באַצייטנס אַנטלויפן פון רוסלאַנד.

אין אַכט יאָר אַרום נאָך יענער געשיכטע, האָב איך זיך געטראָפן מיט אָט דעם גלחס „איידעם" און „אייניקל" אין... נעאַפּאָל, איטאַליע. דער שטראָם פון עמיגראַציע פון אוקראַינע איז — אין אַ גרויסער מאָס געגאַנ־גען דורך קעשענעוו־גאַלאַץ־נעאַפּאָל. פון דאָרט איז מען געפאָרן קיין אַמע־

ריקע, בראַזיל און אַרגענטינע. געטראָפן האָב איך אים אַלס אַ תושב פון נעאַפּאָל פון נאָך ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיין שווער איז טאַקע געקומען צו אים מיטצונעמען דאָס קינד, און ווען ער איז געוואָרן געוואָרן, אַז דער שווער איז אין טעפּליק, שטייט איין ביים דאָרטיקן גלח, און בעט אים ער זאָל קומען צו אים מיטן קינד — האָט ער אים געענטפערט, אַז ער וועט קומען זונטיק (דאָס איז געווען מיטוואָך). אין צוויי טעג האָט ער אויספּאַרקויפט אַלע זאַכן פון דער שטוב און ביז זונטיק — איז ער שוין געווען פון יענער זייט רוסישער גרענעץ. ער איז, פאַרשטייט זיך, געפאָרן קיין אַמעריקע, אָבער איבערן וועג איז ער פאַרקראָכן קיין איטאַליע און געבליבן אויף „דערווייל" דאָ אויף אַ שטעלע און דער „דערווייל" ציט זיך שוין אַכט יאָר. אָבער איצט, ווייזט ער מיר, האָט ער שוין שיפסקאַרטן פאַר זיך און פאַר זיין זון, וועלכער איז געוואָרן אַ פאַרברענטער... ציוניסט. זיי פאָרן קיין ארץ־ישראל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צוליב וואָס האָב איך, אַזוי באריכות, אַריינגענומען אָט די געשיכטע, דעם עפּיזאָד, אין מיינע „קאַפּיטלען"?

—

אדרבא, זאָגט אַליין, קאָן אַזאַ שיינער לעבנס־עפּיזאָד, וועלכן מען געדענקט אַזוי דייטלעך, קאָן מען אים אויסלאָזן און ניט צו דערמאָנען? אין משך פון מיין זיין אין טשאַרנאָגרעבליע און לערנען „קדיש" מיט זיין זון, האָב איך געהאַלטן וואָרט וואָס איך האָב אים צוגעזאָגט קיינעם ניט דערציילן וועגן אָט דעם סוד זיינעם. ווען איך דערצייל עס, ווען עס קומט אָן צו ניט־אידישע אויערן, אַז אַ גלחס אַן איידעם, אַ „פּראַוואָסלאַוונע" שיקט לערנען זיין קינד — דעם גלחס אייניקל — צו אַ אידישן לערער, וואָלט ער דעמאָלט — אין די צאַרישע צייטן געקראָגן דערפאַר אַ האַרבע שטראָף. ווען מען ווערט נאָך געוואוירע, אַז אָט דאָס אייניקל, געבוירן פון אַ „כשרער" גלחס טאָכטער, איז גאָר געווען... געמלעט — גייט דער פאָטער אוועק אויף קאַטאָרגע. איצט איז די צייט עס צו דערציילן.

און אפשר? אָט די שורות וועלן זיכער געלייענט ווערן אין ארץ ישראל, אפשר וועט דער בעל דבר אַליין אָדער זיין זון — מיין תלמיד אויף קדיש, זיי לייענען און זיך אָפּרופן. דאָס וואָלט געווען מיין גרעסטע באַלוינונג.

אגב, אין נעאפאל האט מיר מיין תלמיד געזאגט, אז א דאנק מיין אויס־לערנען אים דעם העברעאישן אלף־בית, און אים באקאנען מיט דער אידי־שער מארטיראלאגישער געשיכטע, א דאנק איר, הייסט עס, האט ער זיך פאראינטערעסירט מיט דער „דרעוונע יעווריסקע היסטאריע" און... איז געווארן א ציוניסט.

איך האב מיטן פאטער און מיטן בחורל פארבראכט אין נעאפאל א סך טעג און נעכט. דער פאטער האט געהאט איין ווילן אין זיין לעבן — צו ווערן א קאלאניסט, צו האבן אן אייגענעם פרדס, און „צו זיצן אונטער זיין פייגנבוים" — אין זיין אייגן לאנד.

דער זון איז שוין געווען שטורמישער. ער האט גערעדט וועגן סאל־דאטן, מלחמה, אפנעמען ארץ ישראל מיט דער שווערד, און בכלל ארויס־געוויזן גבורות און העלדישקייט. דעמאלט — ווען עס איז נאר אויפגעקו־מען די געשיכטע מיט דער „באלפור דעקלאראציע" האט ער זיך אויסגע־לאכט פון איר, פלעגט זאגן, אז מיט פאפירלעך וועלן מיר גארניט קריגן. אז מיר דארפן זיך לערנען שיסן.

ציָ איז ער איצט ניט ערגעץ א קאמענדאנט? צי לעבט ער כאטש?...

קאַפּיטל זעכצן

איך פאָר קיין יפו אין גימנאַזיע אַריין און... דערפאָר ניט

איך קום אַהיים מיט אַ „מטמון מיט געלט". — וואָס טוט מען מיט אַזוי פיל געלד? — אין „שפּאָר־קאַסע" אָדער לייען אויף פּראָצענט? אָביסל צעטרענצל איך. דאָס איבעריקע לייַ איך דעם טאַטן. — מיין „נקמה" אין דער שטיפמאַמע. — איך שרייב אויס פיר צייטונגען, צווישן זיי, דעם אַנטיסעמיטישן „קיעוולאַנין". — אַ איד דאַרף וויסן וואָס די שונאים זאָגן און שרייבן וועגן אים. — סטאָליפּינס מאָרד און ביילִיסעס פּראָצעס. — „גוטע" טעג און „שוואַרצע" טעג. — דער אורטייל. — מיין נייע קנעלונג. — אַ מעשה מיט אַ טעלעגראַמע. — איך שפּיל טעאַטער. — „ציגנגענטאַנג". — מיינע ערשטע „קאָרעספּאָנדענצן" אין די בלעטער. — איך פאָר צו מיין נייער שטעלע. — אין צווייטן קלאַס פון פּאַיעזד. — די שונאים זאָלן צעזעצט ווערן. — דער רושם אין שטעטל. — מיין „טעאַריע" וועגן „דרך ארץ" פאַר אַ גביר. — דאָס דאַרף און די קינדער. — חצי לערער, חצי בוכהאַלטער. — מיינע „טעקסט־ביכער". — דעם רבין, עלי שיכמאַנס מעשיות קומען מיר צונוץ. — איך פּאַק אַ גנב און פאַרדין צוויי הונדערט קערבלעך מיטאַמאָל. — איך מוז זיך שיידן מיט מיין „קיעוולאַנין". — איך זע דאָס ערשטע מאָל „קינאָ". — אַכט מאָל דאָס זעלבע בילד. — מען וועט נאָך אויפן לייַלעך הערן שופר בלאָזן. — איך מאַך ערנסטע פּלענער צו פאָרן קיין יפו אין גימנאַזיע. — נאָך איין זמן קנעלן. — איך פאָר און... דערפאָר ניט.

מיין מלמדות אין טשאַרנאָגרעבליא האָט זיך געדאַרפט ענדיקן אַ פּאָר טעג ערב ראש השנה. אַזוי איז געווען דער מנהג. איך בין אָבער אַוועקגעפאָרן צוויי וואָכן פאַר ראש השנה. איך האָב געהאַט אַ תירוץ, אַז איך דאַרף זיך נאָך מאַכן אַ קאָסטיום (אַ מלבוש), זיך באַשטעלן שיך (קיין גרייטע שיך האָט מען נאָך אין טעפּליק ניט געקראָגן). ביים אַוועקפאָרן האָב איך צוגעזאָגט מיינע בעלי הבתים מיט אַ האַלב מויל, דאָס אויב איך וועל אויך ווייטער קנעלן — וועל איך זיכער פאָרן צו זיי. זיי האָבן מיך אַרויסבאַגלייט, ממש מיט טרערן אין די אויגן, און די קינדערלעך האָבן געוויינט גלייך ווי זייער פאָטער וואָלט פון זיי אויף אייביק אַוועקגעפאָרן.

איך קאָן מיט שטאָלץ איצט דערמאָנען. די קינדערלעך האָבן מיך בעסער ליב געהאַט ווי זייער פאָטער. ווען זייער פאָטער האָט עפּעס געוואָלט פּועלן ביי זיי, ספּעציעל ביים בחורל, האָט ער אָפט געמוזט שרייען. ביי מיר, איז געווען גענוג איך זאָל נאָר זאָגן — האָב איך געפּועלט. דאָס בחורל

האט געהאט א באזונדער בעטל צו שלאפן — טאקע אין מיין צימער — אבער געשלאפן איז ער מיט מיר אין בעט. די עלטערן האבן פשוט מורא געהאט, אז דאס קינד וועט אזוי בענקען נאך מיר אז... עס וועט, חלילה, קראנק ווערן.

איך האב זיי צוגעזאגט צוריקקומען אבער איך אליין האב געוואוסט אז... איך וועל ניט האלטן מיין צוזאג. איך האב פעסט באשלאסן, אז אויב איך וועל ווייטער קנעלן אין א דארף — וועט עס זיין ווייט פון דער היים, ספעציעל האב איך געוואלט אז עס זאל זיין פון יענער זייט אומאן, ניט שטארק ווייט, כדי איך זאל קאנען אפטער קומען אין אט דער גרויסער שיי־נער שטאט (איך האב דאך דעמאלט קיין שענערע שטאט נאך ניט געזען) און אזוי האב איך טאקע געשריבן מיין ברודער.

אהיים, קיין טעפליק, בין איך געקומען מיט א מטמון מיט געלט. איך האב דורכן זמן פארדינט אין טשארנאגרעבליא (שוין מיטן זייט־געלט און מתנות) ארום 250 קערבלעך. און דארט איז ביי מיר אוועקגעגאנגען — שוין אריינגערעכנט די צייטונגען — א פינף און צוואנציק קערבלעך. ס'איז דארט פשוט ניט געווען וואו און אויף וואס אויסצוגעבן. די גרעסטע טייל פון אט די עטלעכע קערבלעך, זיינען ביי מיר אוועקגעגאנגען אויף... נאשעריי פאר די קינדער וואס איך האב געבראכט פון גייוויראן. דעם אמת געזאגט, ווען איך זאל ניט געווען האבן אזא „מאטניא" מיט געלט, וואלט איך זיך געווען געשעמט צו קומען קיין טעפליק אויף יום־טוב און וואלט בעסער געפארן קיין אומאן וואו איך בין געווען אן אנגעלייגטער גאסט ביי מיין ברודער, און נאך מער — ביי מיין שוועגערן.

אבער, ווייזנדיק מיינע חברים אזוי פיל געלט, אזוי פיל אז עס וואלט מיר געסטייעט צו מאכן א שפאציר קיין... אמעריקע און צוריק (פון ארגענ־טינע, האט מען ביי אונז ניט גערעדט) — בין איך שוין געווען גדולדיק ביי זיך און זיך ניט געשעמט צו ווייזן דאס פנים.

באלד ביי מיין קומען אהיים איז ביי מיר געווארן א פראבלעם: וואס טוט מען מיט אזוי פיל געלט? וואו האלט מען עס? געווען א סך פלענער, און א סך עצות.

ערשטנס, האב איך עס געקאנט אוועקטראגן אין פאטשט און עס דארט האלטן אין דער אפטיילונג פון „שפאר־קאסע". איז אבער געווען ניט שיין. ס'האט ניט געפאסט פאר אזא בעל הבתיש קינד ווי איך, צו האלטן דאס געלט אין דער גויאישער פאטשט. בפרט נאך ווען מיר האבן שוין געהאט אין טעפליק אזא שטיקל „סודא־סבערעגאטעלנאיא קאסא" — אזא מין „לייר־

און שפּאָר־קאַסע״ וואו אידן האָבן דאָרט געהאַלטן געלט און וואו שיינע בעלי הבתים — מיין טאַטע צווישן זיי — האָט דאָרט געליען אַ הונדערטער און געצאָלט וואָכן־געלט.

אַריינטראָגן דאָס געלט אין אָט דער קאַסע, האָט אויך ניט געטויגט. ערשטנס, וואָלט מאָרגן, דאָס גאַנצע שטעטל געוואוסט דערפון און מיך זיכער באַרעדט; צווייטנס, עס איז טאַקע געווען אומכבוד פאַרן טאַטן. ס׳הייסט׳ זיין זונדל געטרויעט אים ניט דאָס געלט צו באַהאַלטן און ער מוז נעבעך, אָנקומען נאָך אַ הלוואה צו דער קרעדיט־קאַסע און — זיי וואָלטן געווען גערעכט.

לייען דאָס געלט דעם טאַטן — האָב איך געוואוסט, אַז — ביי זיין בעסטן ווילן — וועל איך דאָס געלט צוריק ניט זען. און דאָס געלט האָט דאָך אַ צוועק. אָדער אויף הוצאות קיין יפו וואו איך דאַרף אַריינטרעטן אין דער העברעאישער גימנאַזיע, אָדער אויף הוצאות און אויסהאַלטונג קיין אָדעס וואו איך וועל דאַרפן צאָלן פּענסיאָן און זיך „פּריגאָטאָווען״ אין גימנאַזיע.

דער פּראָבלעם פון מיין ערשטן גרויסן אייגענעם אוצר (דעם געהאַלט פון מיין פּריקאַזשטשיקעריי, האָט דער טאַטע צוגענומען און איך האָב עס אפילו אין דער האַנט געזען). אַלזאָ, די פראַגע וואָס טוט מען מיט אַזוי פיל געלט? האָט ביי מיר צוגענומען דעם שלאָף דורך די נעכט. כדי צו האָבן אַ באַגריף וויפיל אין יענער צייט עס האָט געהייסן האָבן אַ הונדערטער אָדער צוויי איז גענוג צו דערמאָנען, אַז:

אַ פּוד מעל האָט געקאָסט 80 קאָפּקעס; אַ שאָק (60) אייער — זעכציק קאָפּקעס; אַן עוף אויף שבת, אַ גרויסע פעטע הון האָט געקאָסט „פיר מיט צען״ (פיר גילדן און צען גראָשן = 65 קאָפּקעס) און פאַר דריי קערבלעך האָב איך זיך געמאַכט אַ שיינע פאָר שיך און פאַר צוויי קערבלעך מיט צוואַנציק קאָפּקעס האָב איך זיך געקויפט אַ פאָר פליטקע גאַלאָשן „טרעאוגאָלניקס״.

און ווי אַזוי אַ זאַך מאַכט זיך, האָב איך טאַקע געגעבן אַ צעטרענצל אַ פאָר קערבלעך. דאָס ערשטע האָב איך איינגעקויפט עטלעכע זאַכן פאַר מיר און זיך געמאַכט דריי ווייסע העמדער מיט קעלנער. איך האָב געקויפט דער מומע אַ שאַרפע אויפן קאָפּ און אַ זיידן טיכל און באַצאָלט... עלף קערבלעך. איך בין זיך איצט מודה, די מתנות האָב איך איר געקויפט כדי עס זאָל זי... שטעכן און דרייען. ערשטנס, זאָל זי זען, אַז אירע בנים האָבן די גאַנצע צייט פאַרדינט און אויף איר ניט אויסגעגעבן קיין צען גראָשן אויף וויינטרויבן אָדער אויף אַ פּאָמעראַנץ (נאַראַנטשע) וואָס אַ קאַצאַפּ האָט געבראַכט צופירן פון קעשענעוו און אידן האָבן געקויפט בלויז צו מאַכן אַ „שהחינו״.

דער עלטערער זון, דער קירזשנער, איז דווקא געווען אַן אײַנגעהאַלטע־נער, אַ שטילער, ער איז אָבער געווען אַזוי קאַרג אַז קיין... ריצינאַייל פֿאַר זיך אַליין האָט ער ניט געקויפֿט און די מומע האָט אים געדאַרפֿט קויפֿן און „אײַנגעבן". דער קלענערער, דער שערער, איז גלאַט געווען אַ זשוליק. ער האָט פֿאַרדינט שטיקער געלד „זײַטגעלט" און האָט עס אויסגעגעבן אויף זיך אָדער אויף די מיידן און דער מאַמען האָט ער קיין גראָשן ניט געגעבן.

און דאָ, קומט דאָס שטיפֿקינד, אַט דאָס קינד אין וועלכן זי האָט זיך אַזוי געגוקטמט, איבער וועמען זי האָט זיך אַזוי איזדיעקעוועט און קויפֿט איר און ברענגט איר מתנות.

איך האָב געוואוסט, אַז עס טוט איר וויי. איך האָב געוואוסט אַז עס שטעכט זי. אַז עס שטעכט זי אין צווייען: אײ, וואָס אירע קינדער זײַנען אַזוינע אוממענטשן, אײ וואָס איר שטיפֿקינד איז אַזאַ פֿײַן קינד...

נאָך מער האָט זי געדאַרפֿט שטעכן דאָס, וואָס דער טאַטע האָט אַלץ געזען און געשמייכלט. ער האָט איר טאַקע, גאָרניט געזאָגט, אָבער זײַנע אויגן האָבן איר געזאָגט:

— נו, זעסט ווער מײַנע קינדער זײַנען? נאָך אַלע דײַנע קללות און נאָכדעם ווי צוליב דיר האָט ער אַזוי יונג געדאַרפֿט אַוועק פֿון שטוב און ווערן אַ פֿאַרדינער — זע ווי ער באַהאַנדלט דיך? פֿאַרט אַ טאַטנס אַ קינד.

און אַז איך האָב געהאַלטן ביי אויסגעבן געלט, האָב איך מיט אײנמאָל אויסגעשריבן... פֿיר צײַטונגען מיט אַמאָל. איך האָב אויסגעשריבן די „הצפֿירה", דעם „מאָמענט", דעם „הײַנט" און... „קיעוולײַנין". דעמאָלט, אַלס קינד פֿון קנאַפּע פֿערצן יאָר, בין איך געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז אידן — ניט אַלע, נאָר אײנער פֿון טויזנט לפּחות — מוז לײענען די אַנטי־סעמיטישע צײַטונגען, מוז וויסן וואָס אונזערע שונאים טראַכטן אויס אויף אונז, אום כדי דערנאָך זיך קאָנען פֿאַרטיידיקן. די דאָזיקע מײנונג האָב איך אָנגעהאַלטן מײַן גאַנץ לעבן, און איך בין, נאָך הײַנט, אײנער פֿון די גאָר ווייניק אידן, וואָס לײענען אַלע אַנטיסעמיטישע אויסגאַבעס וואָס דערשײַנען אין דער שפּראַך וועלכע איך קאָן לײענען. איך וועל טאַקע, ביי אַט דער געלעגנהייט, געבן אַ שפּרונג אין מײַנע „זכרונות" אויף גאַנצע דרײַסיק יאָר שפּעטער און דאָ אָנווײַזן, אַז אין די שרעקלעכע יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דאָ, אין אַרגענטינע, אין בוענאָס אײַרעס (וואו מײַנע זכרונות ווערן געשריבן און געדרוקט) האָבן געבושעוועט אַ גאַנצע רייע אַנטיסעמי־טישע בלעטער און זשורנאַלן האָב איך עפּנטלעך — דורך מײַן אויסגאַבע, „דער אַרגענטינער מאַגאַזין", געפֿירט מיט זיי אַ מוטיקע פּאָלעמיק, איך

האָב ניט איינמאָל, איינגעשטעלט מיין לעבן און דאָס לעבן פון מיין פאַמיליע, ווייל אָט די אויסוואורפן, וועלכע האָבן אין יענער צייט געהאַלטן אין איין אונטערלייגן אויפרייס־שטאָף ביי דער שוועל פון אידישע אינסטיטוציעס און שולן אין בוענאָס איירעס, האָבן זייער לייכט געקאָנט אונטערלייגן אַ באָמ־בע ביי מיין וואוינונג און אונז אומברענגען אָדער חרוב מאַכן די שטוב — אָבער איך האָב מיינס געטון, זיי געלייענט און זיי געענטפערט. און איינער אַ גלח האָט אַפילו געפונען פאַר נויטיק אַרויסגעבן אַ בוך כדי... מיר צו ענט־פערן אויף מיינע אָנווייזונגען און אַרגומענטן.

אגב, אַז איך האָב שוין געגעבן אַזאַ שפרונג און דערציילט וועגן מיין שפּעטערדיקער פּאָלעמיק מיט די אַנטיסעמיטן, וועל איך אויך דערציילן אַ קור־ריאָז:

איינער, אַן אַנטיסעמיט, אַ פּראָפעסאָר פון אַ מיטל־שול (וואו עס האָבן געלערנט אַ סך אידישע קינדער) האָט אין זיין אַנטיסעמיטישן זשורנאַל וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, „אויסגעוואָרפן" די אידן, אַז זיי זיינען... געמלעטע. ער פלעגט מאַמעש, דאָס וואָרט „אידן" ניט דערמאָנען, נאָר נוצן דאָס וואָרט „געמלעטע".

נו' האָב איך אים איינמאָל אָפּגעטון אַ שפּיצל. דעם ערשטן יאַנואַר — וועלכער איז לויט דער קאַטוילישער רעליגיע — דער טאָג פון געמלעטן ד. ה. אין דעם טאָג האָט מען „געאידיש" יעזוסן, און דערפאַר רופט מען טאָקע דעם דאָזיקן טאָג — אויף די בלעטלעך פון קאַלענדאַר — „דיאַ דע לאַ סירקונסטי־סיאָן" — האָב איך דעם פּראָפעסאָר צוגעשיקט אַ טעלעגראַמע אונטערגע־שריבן מיט מיין גאַנצן נאָמען און פאַמיליע, וואו איך האָב אים... באַגריסט מיטן טאָג פון „מלן" יעזוסן.

פון יענעם טאָג אָן — און ווי לאַנג ער האָט עקזיסטירט — האָט ער שוין מער ניט דערמאָנט דאָס וואָרט „געמלעטע". ווייזט אויס, אַז אָט דער גרויסער פּראָפעסאָר האָט ניט געוואוסט אַז... יעזוס איז געווען געמלעט.

די אַרגענטינער רעוואָלוציע פון 1943 און ספּעציעל דאָס אויפשטייגן צו דער מאַכט פון דעם קאָראָנעל און דערנאָך גענעראַל כואַן דאָמינגאָ פּעראָן, האָט געמאַכט אַ סוף צום אַנטיסעמיטיזם און ספּעציעל צו דער שפּאַנישער אַנטיסעמיטישער פּרעסע אין אַרגענטינע.

און איצט קערן מיר זיך אום צוריק קיין... טעפּליק.

ווי געזאָגט, איז דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטון איז, צו פאַרזאָרגן זיך מיטן אַבאָנעמענט־אָפּצאָל פון די צייטונגען. דעם „הצפירה" האָב איך אויסגעשריבן, ווייל... יעדער אינגל אין מיין שטאָנד, ספּעציעל די וואָס

האָבן געחלומט און געשטרעבט צו יפוער גימנאַזיע — האָט געמוזט לייענען דעם „הצפירה" אָדער „הזמן", וואו ער האָט געטראָפן שיינע, באַלערנדיקע „מאמרים" און טאַקע וויכטיקע ידיעות אויך. צו וואָס־זשע האָב איך געדאַרפט צוויי אידישע צייטונגען פון איין און דער זעלבער שטאָט — וואַרשע? דאָס האָב איך שוין געטון צוליב סענטימענט. און אַ חוץ סענטימענט — אויך, ווייל אין מיר האָט שוין אָנגעהויבן טליען דער פונק פון... אידישן שרייבער.

אין יענער צייט, אין אָנהויב פון יאָר 1912 איז צווישן „היינט" און „מאָמענט" אָנגעגאַנגען אַ מוראַדיקער קאָנקורענץ־קאַמף. יעדע איינע פון די צייטונגען האָט געוואָלט באַווייזן, אַז זי ווערט מער געלייענט, אַז זי האָט מער אַבאָנענטן. זייער צירקולאַציע האָט דעמאָלט — לויט זיי האָבן זיך גערימט — שוין דערגרייכט ביז 120 טויזנט. ווי אַזוי פלעגן זיי עס דער־ווייזן? אויף אַן אָריגינעלן אופן. זיי פלעגן אַלע טאָג פּובליקירן אַ ליסטע פון די אַבאָנענטן אין די שטעט און שטעטלעך. האָט איין צייטונג פּובלי־קירט אַז אין קראַסניסטאַוו האָט זי 20 אַבאָנענטן, האָט די צווייטע צייטונג געמאָלדן, אַז זי האָט דאָרט... 23. דערפאַר, האָט ווידער די ערשטע צײ־טונג דערוויזן, אַז זי האָט אין קובליטש מער אַבאָנענטן ווי די צווייטע... און אַזוי ווייטער.

איך האָב געוואָלט זיין „נייטראַל". אגב, איז מיר דעמאָלט, בעסער געפעלן געווען דער פאָלקיסטישער „מאָמענט" ווי דער ציוניסטישער „היינט". אָבער איך, אַלס קאַנדידאַט אויף יפו, האָב דאָך ניט געקאָנט עפנטלעך זיין אויף דעם פאָלקיסטישן צד, האָב איך אויסגעשריבן ביידע.

און וואָס צו לייענען איז דעמאָלט געווען אַ סך. ס'איז געווען באַלד נאָך סטאָליפּינס טויט און די וועלט, ספּעציעל די אידישע וועלט, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם דערציילן די איינצלהייטן, ווי אַזוי באַגראָוו איז אַריין אין קיעווער טעאַטער, ווי אַזוי ער האָט געקראָגן אַ נאָענט פּלאַץ צו זיצן און ווי אַזוי ער האָט אים דערמאָרדעט.

די הויפּט־נייעס אָבער פון די צייטונגען איז געווען ביילּיסעס פּראָצעס. וועלכער האָט זיך דעמאָלט נאָרוואָס אָנגעהויבן.

ווען איך דערמאָן זיך איצט, קרוב צו פערציק יאָר שפּעטער, ווי אַזוי די רוסישע אידן האָבן זיך געפילט אין וועלכער שטימונג זיי זיינען געווען ווען עס האָט זיך געטומלט מיט ביילּיסעס פּראָצעס, פאַרשטיי איך, פאַר־וואָס אין יענע פּאָר יאָר — דאָס הייסט אין די יאָרן 1912, 1913 און האַלב פון 1914, ביז עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, — פאַרוואָס אַזויפיל אידן האָבן דעמאָלט עמיגרירט קיין אַמעריקע. וואָס איך פאַרשטיי ניט איז, פאַר־

וואָס אַזוי פיל אידן זיינען דאָן נאָך געבליבן אין רוסלאַנד. ווען מען האָט געלייענט די סטענאָגראַפישע באַריכטן פון די צייטונגען, האָט געקאָנט דאָס האַרץ פּלאַצן פאַר ווייטיק. מען האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז די באַנדע מיט דער טשערביאַקאָוועבע האָבן געהרגעט דאָס שייגעצל יוסטשינסקי, מען האָט געזען דאָס בלוט אויף זייערע הענט, האָט מען זיך צוגעטשעפּעט צו אַן אָרעמען עלטערן אידן, צו מענדל ביילים, אַז ער מיט די אידן האָבן עס פאַרנאַרט דאָס שייגעצל אויף זייצאָווס ציגעלניע, אים דאָרט דערהרגעט און אויסגעצאַפּט זיין בלוט.

איך קאָן ניט פאַרגעסן די פאַרשידענע טעג פון יענעם היסטאָרישן פּראָצעס. געווען „גוטע" טעג און געווען טעג וואָס האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן און אָנגעוואָרפן אַ מרה שחורה.

די „גוטע" טעג זיינען עס געווען יענע, ווען גרוזענבערג ע"ה, מאַקלאַקאָוו, שטשערבאַקאָוו און די אַנדערע פאַרטיידיקער האָבן אויסגעפרעגט די עדות, אָדער האָבן געהאַלטן דרשות. ספּעציעל אָסקאַר גרוזענבערג. דעמאָלט איז אַפילו כדאי געווען צו לייענען דעם „קיעוולינאַנין", וועלכער האָט נעבעך „בעל כרחו" געמוזט ברענגען פאַר זיינע לייענער אָט די אייזערנע און קלאָרע אַרגומענטן פון די פאַרטיידיקער. געווען טעג אַזעלכע, ווען דער „קיעוולינאַנין" האָט, אין דער זעלבער אויסגאַבע, וואָס ער האָט געדרוקט די פאַרטיידיקערס רעדעס, אַרויסגערוקט — רעדאַקציאָנעל — עטלעכע פראַגעס צו זיי, און געוואָלט אַריינברענגען ספקות אין זייערע אַרגומענטן.

אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר שוין געלייענט אין די צייטונגען, אַז גרוזענבערג האָט געענטפערט אין זיין רעדע אין אַקרוזשנאַי סוד אויף די פראַגעס פון „קיעוולינאַנין", און די כוליגאַנישע צייטונג האָט נעבעך געמוזט דרוקן אָט דעם ענטפער.

אַזעלכע טעג זיינען געווען ביי די אידן ששון ושמחה.

געווען אָבער שווארצע טעג, אַ סך שווארצע טעג. אָט דעמאָלט ווען דער גלח „פּראַנייטוס" — דער „גאון" פון תלמוד, האָט גערעדט, ווען פּורישקעוויטש ימח שמו און די איבעריקע שונאי ישראל האָבן גערעדט, דאַן, איז דער מאַמעס מילך פאַרקילט און פאַרגליווערט געוואָרן. און דער „קיעווליאַנין" פלעגט עס צעלייגן אויף די ערשטע זייטן מיט אַלע פישטשעווקעס און מיט אַלע אַנווייזונגען, ווי אַזוי און פאַרוואָס די אידן האָבן געהרגעט יוסטשינסקין.

טעפּליקער גויים האָבן דעם „קיעווליאַנין" זיכער ניט געלייענט. זיי האָבן אפשר אַפילו ניט געוואוסט פון זיין עקזיסטענץ (אַ חוץ דעם פּאָסט-

מייסטער און פּאַטשטאַליאָן). טעפּליקער שקצימלעך האָבן אויך געהאַט א קנאַפּע ידיעה וועגן אַט דעם פּראָצעס. דאָך, ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָבן זיי אויסגעוואָרפן א אידן: ביילים אנשטאָט — זשיד פּראָקליאַטי, אנ־שטאָט זשיד פּאַרכאַטי, איז שוין דאָס זידל־וואָרט פאַרן אידן געוואָרן: ביילים!

דער סוף פון ביילּיסעס פּראָצעס איז דאָך נאָך אלעמען, ניט געווען קיין גאָר גינסטיקער פאַר די אידן. דער פּראָקוראָר קיפּער ימח שמו, האָט געוואָלט דערוויזן צוויי פונקטן:

ערשטנס, אַז ביילים האָט דערמאָרדעט יוסטשינסקין.

צווייטנס, אַז דערמאָרדעט האָט ער אים צוליב ריטואַלע צוועקן. (דוכט זיך מיר׳ אַז ער האָט ביידע פונקטן פאָרמולירט פאַרקערט...).

די צוועלף געשוואָוירענע האָבן אָבער געענטפערט אַז:

ערשטנס, ביילים איז אומשולדיק.

צווייטנס, עס איז ניט דערוויזן געוואָרן, אַז אידן נוצן קריסטלעך בלוט.

איר פאַרשטייט? ניט מען האָט געפּסקנט, אַז אידן נוצן ניט קיין קריסט־לעך בלוט. מען האָט נאָר דערקלערט אַז עס איז ניט דערוויזן געוואָרן.

נאָכן פּראָצעס, נאָך ביילּיסעס באַפרייאונג איז מאַקע, גאָר אין גיכן, פאָרגעקומען א צווייטער עלילת דם בלבול. מען האָט באַשולדיקט א פּאַסטאַ־ווער אידן צו האָבן געהרגעט א קינד ערב פּסח. עס האָט זיך אָבער ארויס־געוויזן אַז דאָס קינד איז גאָר געווען... דעם אידנס אליין. אָבער דער עלילת דם איז אָנגעגאַנגען.

אַט דאָס איז געווען יענע צייטן, ווען איך בין געקומען קיין טעפּליק אהיים פון מיין ערשטן „פּאַסטן״, און...

ווידער ניט געוואוסט וואָס צו טון. ווידער זיך געגרייט „בלאָנדזשען אין די וועגן פון לעבן״.

פון געלט האָב איך געמאַכט א „תכלית״. נאָך אלע הוצאות וואָס איך האָב געמאַכט, און נאָכדעם ווי איך האָב זיך געלאָזט אויף הוצאות קיין אור־מאַן און א פּאָר קערבלעך אין קעשענע, האָב איך, דאָס איבעריקע, הונדערט מיט צען קאָרבן „אוועקגעליען״ דעם טאַטן אויף א יאָר צייט, ביז איך וועל דאַרפן פאַרן קיין יפו.

פון מיין ברודער האָב איך געקראָגן א בריוו, אַז ער האָט שוין פאַר מיר א ניי קנעלונג אין א דאָרף „פון יענער זייט אומאַן״ אין מיטן וועג צווישן

אומאַן און דובאָווע. אין דאָרף וואוינט אַ רייכער מילנער, וואָס האַלט אויך אין אַרענדע דעם טייך און פאַרדינט שטיקער גאָלד. און ער גיט מיר פאַרן „זמן" פאַרן לערנען מיט די קינדער, אַ הונדערטער, און פאַר פירן אים די חשבונות פון מיל — אויך אַ הונדערטער. פאַרשטייט זיך „אויף אַלעם גרייטן". געהייסן האָט עס, אַז אַ האַלבן טאָג דאַרף איך לערנען מיט די קינדער און אַ האַלבן טאָג דאַרף איך זיין אין מיל.

די שטעלע איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן און איך האָב מיין ברודער „געקלאַפּט אַ דעפּעש", אַז איך נעם אָן די שטעלע.

אויפן דריטן טאָג, האָב איך באַקומען פון מיין ברודער אַ בריוו אַז... איך זאָל אים מער ניט „קלאַפּן קיין דעפּעשן", באשר בכן, מיין שווענערן יענטע, האָט זיך מיט אַ נאַכט פריער געחלומט אַז איר פאָטער, דער טעפּ־ליקער רב, איז שטאַרק קראַנק און ער בעט זי אַז זי זאָל קומען צו אים זיין ביי אים די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. זי איז אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּ־ווייטיק און האָט געהאַלטן אין איין וויינען. אינמיטן דערינען קומט אָן דער פּאָטשטאַליאָן און ברענגט איר די טעלעגראַמע. איז נאָך איידער זי האָט זי אויפגעעפנט, האָט זי אָנגעהויבן חלשן, אַז מען האָט זי קוים דערמונטערט. ניט אַנדערש, אַז דאָס איז די טעלעגראַמע אַז דער פאָטער איז נפטר געוואָרן... אַזוי ווי זי האָט קיין רוסיש ניט געקענט לייענען האָט זי נאָך ניט געגלויבט וואָס מען האָט איר איבערגעלייענט. ביז זי אַליין האָט אַריינגערופן פרעמדע מענטשן וועלכע האָבן איר באַשטעטיקט דעם טעקסט פון דער טעלעגראַמע. אגב, יאָרן לאַנג, ווען זי פלעג עפּעס אַ קרעכץ טון, אָדער זי האָט געזאָגט אַז עס קלינגט איר אין אויער — אַ סימן אַז מען רעדט ערגעץ פון איר, פלעגט איר דער ברודער ענטפערן:

„די טעלעגראַמע לאָזט דיר גרוסן".

ווען איך האָב געוויזן דעם רב מיין ברודערס בריוו וועגן דער טעלעגראַ־מע, האָט ער דער טאָכטער אָנגעשריבן אַ שטרענגן רבנישן בריוו און זי גע־מוסרט הלמאי זי גלויבט אין... חלומות.

די שטעלע האָב איך געדאַרפט איבערנעמען ערשט ראש חודש חשוון — אַזוי איז געווען אָפּגערעדט. איך האָב געדאַרפט, מיט אַ טאָג פריער, זיין אין אומאַן און פון דאָרף וועט קומען אַ גוי מיט אַ בריטשקע מיך נעמען.

בינו לבינו, האָב איך אין טעפּליק מחדש געווען אַ זאַך. איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט אברהמל, בערל זייגערמאַכערס זון (יודקאַס ברודער) און מיר האָבן אויף „איין פוס" אויפגעפירט אַ טעאַטער שטיק „שולמית" און דער איינקונפט איז געגאַנגען פאַר דער אידישער ביבליאָטעק וועלכע האָט

זיך געגומען פּאַרמירן, אַ דאַנק ניושקאַ קושניר, און טאַקע ביי אים אין שטוב.

מיר האָבן אָפּגעדונגען ביי אהרון טשערנאָוו דעם איינפאָר־הויז בחצי חינם, אַרויסגענומען די פערד, און גוט אויסגעריייניקט די שטאַל. אויף שנעל צוזאַמענגעשטעלט אַ „טרופּע", פאַרטיילט יעדערן די ראָלן. איך האָב גע־שפּילט „צינגענטאַנג" און בין געווען די אַטראַקציע פון אָוונט. ווי נאָר איך האָב זיך באַוויזן אויף דער בינע, מיטן רעקל אויף דער לינקער זייט, מיטן אויסגעשמירטן פּנים פון סאַזשע און מיטן איבערגעקערטן היטל און דעם דאַשעק אויף צוריק, די הייזלעך קורצע, צעריסענע און אונטן צעשווירענע, איז געוואָרן אַזאַ הו־הא אין „סאַלאָן", אַז דער דאַך האָט זיך געטרייסלט.

פאַרשטייט זיך אַז די דאָזיקע פּיעסע האָבן שוין אַ סך טעפּליקער אידן און אידענעס געזען שפּילן פריער, ווען עס פלעג דאָ פאַרבלאָנדזשען אַ אידישע טרופּע. אָבער „אונזער שפּילן" — אַזוי האָבן זיי פאַרזיכערט — איז געווען געווען צען טויזנט מאָל (ניט וויייניקער ווי צען טויזנט מאָל, אַנדערע האָבן פאַרזיכערט... תרי"ג מאָל) שענער פון די גרויסע אַקטיאָרשטשיקעס.

דער אמת איז טאַקע געווען אַז אַי איך, אַי אברהמל בערל זייגערמאַ־כערס, אַי יודקאַ זיין ברודער (וואָס האָט געשפּילט „נתן הכהן") האָבן די פּיעסע געזען שפּילן אין אומאַן (חול המועד פּסח). מיר האָבן זי געזען דריי מאָל נאָכאַנאַנד, און שוין דעמאָלט האָבן מיר אָפּגערעדט אַז איך וועל זיין אין טעפּליק, וועלן מיר זי אויפפירן מיט „ליוביטעלעס" (ליבהאָבער).

מיר האָבן די פּיעסע געמוזט שפּילן דריי נעכט. און אַלע דריי מאָל איז דער „טעאַטער" געווען פול. פאַרשטייט זיך, אַז העכער האַלב זיינען געווען אומזיסטע בילעטן. אונזער „טרופּע" מיטן „כאָר" משוררים, וועלכע האָבן געדאַרפט זינגען מיט אונז די שיינע לידלעך פון דער פּיעסע (וואָס עס האָט שטאַרק אויסגענומען, איז געווען: פלאַקער, פייערל, פלאַקער), איז באַשטאַנען פון... 21 חברה, אַ חוץ דעם בילעטער און אַ חוץ דעם „שומר הסף" — די אָפּנעמער פון די בילעטן און אַ חוץ די „באַזעצער פון די פּלעצער" (אַקאַ־מאָדאָרן). אָט די אַלע האָבן געהאַט פרייע פּלעצער פאַר זייערע טאַטע־מאַמע ברידער און שוועסטער און גלאַט קרובים און... חברים. קיינער פון אונז האָט ניט פּראָטעסטירט, ווייל יעדער פון אונז האָט געהאַט „קאָמפּראָ־מיסן" צו טיילן בילעטן אומזיסט.

דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר צו דער ערשטער פאָרשטעלונג אַבזיכטב־לעך געטיילט בילעטן אומזיסט יעדערן וויפל ער האָט נאָר געוואָלט. מיר האָבן געוואָלט האָבן „סבאָר", האָבן מיר די „גאַליאָרקע" — די לעצטע רייען, ממש צעשאַנקען. גיי זיי אַ נביא, אַז טעפּליקער אידן וועלן זיך אַ לאָז טון

צו דער קאַסע, שטורעמען דעם טויער, קויפן בילעטן „צו שטיין", אַבי אַריין. די צווייטע און דריטע פאָרשטעלונג האָבן מיר שוין קיין בילעטן ניט געטיילט, אָבער אומזיסטיקע האָבן מיר במילא געהאַט — אָן בילעטן.

וואָס מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט פון יענע פאָרשטעלונגען איז, אַ חוץ העכער אַ הונדערטער פאַר דער ביבליאָטעק אויך... צונעמעניש, לויט די ראָלן וואָס מיר האָבן געשפּילט.

מיך האָט מען אַ שטיק צייט גערופן: אָט גייט „צינגענטאַנג". יודקא האָט קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי „נתן הכהן". זיין ברודער אברהמל האָט מען גערופן מנוח. איציק גדליה מלמדס האָט מען גערופן אבשלום. זיינס אַ שוועסטערל האָט באַקומען דעם נאָמען שולמית און אַזוי האָט מען זי גערופן יאָרנלאַנג. און אַזוי האָט מען גערופן די גאַנצע טרופּע.

דאָס דאָזיקע „טעאַטער שפּילן" האָט מיר איבערגעלאָזט נאָך אַ שיינעם אָנדענק. איך בין דעמאָלט, דאָס ערשטע מאָל, געוואָרן אַ שרייבער. באַלד נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך אַוועקגעשיקט צוויי קאָרעספּאָנדענצן. איינע — אין „מאָמענט" פון וואַרשע און די צווייטע אין „אונזער לעבן" פון אָדעס. שפּעטער, ווען איך בין שוין אין טעפּליק ניט געווען, זיינען אָנגעקומען די צייטונגען קיין טעפּליק מיט דער „באַשרייבונג" פונעם טעאַטער. די קאָרעספּאָנדענצן זיינען געווען אונטערגעשריבן, פּשוט און פּראָסט: קאָרעספּאָנדענט. נו, נו, האָט גאַנץ טעפּליק זיך געדרייט דעם קאָפּ ווער איז דאָס דער געהיימער „קאָרעספּאָנדענט" פון די צייטונגען. אגב, אין „מאָמענט, איז די קאָרעספּאָנדענץ דערשינען אַזוי ווי איך האָב זי געשיקט און אין „אונזער לעבן" האָט מען געגעבן בלויז... עלף שורות.

צו 14 יאָר האָב איך שוין געפּילט די „מאכט" פון אַ רעדאַקטאָר. קיין ברכה פון מיר האָט ער ניט באַקומען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס מאָל בין איך שוין געפאָרן קיין אומאַן ווי אַ... גרויסער. אַנשטאָט צו פאָרן מיט יאָסל בעל עגלה און בלייבן אָן קריזשעס — בין איך שוין געפאָרן מיטן באַן. אגב איך האָב שוין געביטן מיין „סאַקאַוויאַזש" (וואַליבע) אויף אַ נייעם און באַקוועמען. און ווען ליפּע בעל עגלה איז צוגעפאָרן עלף אַזייגער אינדערפרי צו אונזער שטוב, און גענומען איינפּאַקן מיין טשעמאָדאַן און אים צובינדן מיט שטריק, האָט ער עס געטון זייער פאָרזיכטיק. אַ קלייניקייט, אַזאַ שיינער טשעמאָדאַן.

צום באַן, צו דער סטאַנציע קובליטש, האָט מיך דער טאַטע באַגלייט ביז... שמואל שפּילבאַנדס שטוב. דאָס הייסט, ביזן פּלאַץ, פון וואַנען אַלע פּיטאַנען זייען אָפּגעפאָרן. דאָס ארויסבאַגלייטן מיך איצט האָט געטראָגן גאַר אַן אַנדער כאַראַקטער און אַן אַנדער טאָן. פריער מיט זעקס חדשים, האָט ער מיך ארויסבאַגלייט מיט אַ ביטול געפיל. ער האָט זיכער געגלויבט, אַז איך ,אַ קינד פון 13 יאָר, וועל זיך אָפּוואָלגערן ביים ברודער דעם זומער, און וועל — אין בעסטן פאַל — ווערן ערגעץ אַ פריקאַזשטשיקל אין אַ קלייט און אַהיימקומען אַן הייזלעך... ווייל, וויפל איך וועל פאַרדינען אין דער גרויסער שטאָט — וועט מיר ניט סטייען. צום סוף בין איך גאָר געקומען אַהיים אַן „עושר". איצט, האָט ער מיך ארויסבאַגלייט מיט גרויס כבוד, מיט אַ סך האָפענונג, שוין ניט אָנגעזאָגט אַז איך זאָל לייגן תפילין, ווייל ער האָט געזען, אַז די גאַנצע צייט וואָס איך בין דאָ ביי אים — לייג איך תפילין. איך האָב עס, באמת, געטון מחמת כבוד אב. איך האָב ניט געוואָלט מצער זיין דעם טאַטן אַז... אין דער פרעמדער לייג איך שוין ניט קיין תפילין. פלעג איך זיי בלויז אָנמעסטן און אָפּכאַפּן דאָס דאַווענען אויף איין פוס. פאַרן טאַטן איז דאָס געווען גענוג. אויך די שטיפמאַמע האָט מיך אַנדערש ארויסבאַגלייט. זי האָט זיך געפילט שטאַרק שולדיק און מיר, ממש, ניט געקאָנט קוקן אין די אויגן. האָט זי מיר געוואונטשן: זיי מצליח און... זיך געווישט די אויגן. און — איך פאָר צום באַן, צו דער סטאַנציע קובליטש.

דאָס פאָרן מיטן באַן פון טעפּליק קיין אומאַן איז געווען פאַרבונדן מיט קליינע שוועריקייטן, בעסער געזאָגט, אומבאַקוועמלעכקייטן, און עס טאַקע געקאָסט טייערער אויך.

די אומבאַקוועמלעכקייטן זיינען באַשטאַנען וואָס מען האָט געדאַרפט, ערשטנס: פאָרן מיטן בעל עגלה ביזן באַן, ביז דער סטאַנציע קובליטש. אָט די רייזע פלעגט געוויינלעך קאָסטן 15 קאָפּקעס. דערנאָך זיך שטעלן ביים פענצטערל, נעמען אַ בילעט, ריידן רוסיש (און דער פאַרקויפער פון די בי־לעטן פלעגט זיך ניט איינמאָל נאָכקרומען...).

דערנאָך האָט מען זיך געדאַרפט אוועקשטעלן וואַרטן אויפן באַן. אָפּט, אָפּט, איז ער אָנגעקומען פאַרשפּעטיקט. ווען דער באַן איז אָנגעקומען, האָט מען זיך געדאַרפט אַריינשטופּן מיט די פעקלעך און מיטן באַגאַזש, אי דאָס אין איילעניש, ווייל דער באַן איז געשטאַנען בלויז דריי מינוט. איז מען שוין אין וואַגאָן — איז ניט שטענדיק פאַראַן אַ פּלאַץ וואו זיך צוזעצן און וואו איינאָרדענען דעם באַגאַזש. אָפּט, אָפּט, האָט מען געמוזט שטיין ביז

בריסטינאָווקאַ (אין מיטן וועג איז געווען אַ קליינער „פּאָלסטאַנעק" — האַל־בע סטאַנציע, וואו זעלטן איז עמצער אַראָפּ אָדער אַרויף).

אין בריסטינאָווקאַ האָט מען געדאַרפט אַראָפּגיין און בייטן דעם באַן, נעמען דעם באַן וואָס גייט קיין אומאַן, איז שוין געווען לייכטער ווייל ער פלעגט בלויז גיין פון בריסטינאָווקאַ קיין אומאַן און צוריק.

קומענדיק צום אומאַניער וואָקזאַל האָבן זיך אויף אייך אַ וואָרף געטון די „נאָסילשטשיקעס" (טרעגער) און, האָט איר זיי ניט געגעבן אייער באַגאַזש — האָט מען אייך אָנגעשאָלטן וויפל עס איז אין אייך אַריין. האָט איר זיי יאָ געגעבן — האָט מען אייך באַריסן און גענומען וויפל זיי ווילן אַליין. גע־ענדיקט מיט די טרעגער, קומט אַ קאַפּיטל איזוואָזשטשיקעס. דאָס איז געווען אַ באַזונדערע אומה וואָס האָט געוואַרט, אַז עס זאָלן קומען קליינשטעטלדיקע פּאַסאַזשירן ביי וועמען מען האָט געריסן אַ פּאָס. נו, ווען דער טעפּליקער אָדער אַנדערער קליינשטעטלדיקער איז געקומען אָן באַגאַזש — האָט ער פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און איז אַוועק צופוס פון וואָקזאַל ביז אין שטאָט אַריין. (געווען אַ היפּש שטיק מהלך). האָט ער אָבער געהאַט באַגאַזש — האָט אים געקאָסט אַ האַלב קערבל און אַמאָל אַ קערבל דאָס אַראָפּפאָרן אין שטאָט אַריין.

דאָס איז דער אַלגעמיינער איבערבליק פון חבוט הקבר פון אַ טעפּליקער אידן, אַז ער האָט געדאַרפט פאָרן קיין אומאַן. זיינען טאַקע בלויז יחידי סגולה געפאָרן מיטן באַן, און בעסער געפאָרן מיט יאַסל בעל עגלה, אָדער געדונגען אַ פורל.

איצט קום איך צו מיין רייזע מיטן באַן.

באַשטימט האָב איך, אַז היינטיקס מאָל פאָר איך מיטן באַן, און דווקא — מיטן... צווייטן קלאַס.

די רוסישע באַנען האָבן, ווי באַוואוסט געהאַט 4 קלאַסן. אין ערשטן קלאַס זיינען געפאָרן בלויז... מיליאָנערן ווי, בראָדסקי, פּאָליאַקאָוו, מאָראָ־זאָף, וויסאָצקי אָדער מיניסטאָרן און הויכע מיליטאַרן — ניט ווייניקער ווי אַ גענעראַל. קיין געזעץ וועגן דעם איז ניט געווען. אָבער, ווער וועט באַצאָלן... פיר מאָל אַזוי פיל, וויפל דער בילעט קאָסט.

אין צווייטן קלאַס, זיינען שוין געפאָרן גלאַט גבירים, אָפיצירן אָדער זעמסקי נאַטשאַלניקעס.

אין דריטן קלאַס, זיינען געפאָרן פיינע בעלי הבתים, סוחרים און א. וו. אין פערטן קלאַס זיינען שוין געפאָרן די מוזשיקעס, די אָרעמע אַרבעטער,

און... טויזנטער אידן וואָס האָבן געוואָלט אײַנשפּאָרן אַ צווײ קערבלעך הוצאות.

נו, האָב איך איצט באַשטימט צו פאָרן מיטן... צווייטן קלאַס. איך האָב געוואָלט, אײנמאָל אין מײַן לעבן, פאַרזוכן אָט דעם טעם, פון זיצן אויף אַ געבעטער שטול, אין אַן „אַריסטאָקראַטישער סביבה" און ווען דער קאָנדוקטאָר קומט איבערקוקן דעם בילעט — נעמט ער אַראָפּ דאָס היטל און... קוקט ניט אונטער דער באַנק צי עס ליגט ניט עמיצער באַהאַלטן און איר פאַרשטעלט אים מיט די פיס...

איך האָב אָבער געוואָלט אַז אין טעפּליק זאָל מען וויסן, אַז וועלוועל נוסקעס איז געפאָרן מיט צווייטן קלאַס. איך האָב געוואָלט, אַז מײַנע „שונ־אים" (וועלכע?) זאָלן צעזעצט און צעשפּרינגען ווערן. ווי אַזוי זשע טוט מען, אַז טעפּליק זאָל וויסן אַז איך בין געפאָרן מיט צווייטן קלאַס?

איז דאָ אַן עצה. מען בעט ליפּע בעל עגלה, אַז ער — וואָס איז באַקאַנט מיטן בילעטן־פאַרקויפער און דאַרף ניט שטיין אין דער רייע, אַז ער זאָל אייך אַרויסנעמען דעם בילעט. ער, ליפּע, וועט שוין צעטראָגן איבער דער שטאָט, אַז וועלוועל נוסקעס פאָרט מיט צווייטע קלאַס.

כדי נאָך זיכערער זײַן אַז „טעפּליק זאָל וויסן" אַז איך פּײַף אויף אַ קערבל, האָב איך זיך געזעצט נעבן אַ פענצטער (אין צווייטן קלאַס איז שטענדיק געווען פּלאַץ און אין ערשטן קלאַס איז געפאָרן... איין פּאַסאַזשיר) אַרויפגערוקט דאָס פענצטער, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אַרויסגעקוקט פון וואַגאָן, פון צווייטן קלאַס וואַגאָן. אויפן „פּעראָן" האָבן זיך אַרומגעדרייט די טעפּליקער בעל עגלות. אויפן „פּעראָן" האָבן זיך אַרומגעדרייט טעפּליקער אידן וואָס זײַנען געפאָרן באַגלייטן זייערע אייגענע צום באַן אָדער געקומען באַגעגענען די יעניקע וועלכע זײַנען מיט אָט דעם באַן אָנגעקומען. אויפן „פּע־ראָן" האָבן זיך שטענדיק געפונען טעפּליקער אידן וואָס האָבן געהאַט עסקים בײַם וואָקזאָל, זיי האָבן אַלע געזען ווי וועלוועל נוסקעס פאָרט מיטן צווייטן קלאַס.

צי קאָן עמיצער פאַרשטיין אָט דאָס קינדערשע פאַרגעניגן מײַנס, וואָס האָט מיך — נאָך אַלעמען — געקאָסט אַן... איבעריק קערבל.

אין דעם ערשטן בריוו פון טעפּליק, פון מײַן חבר איציק רויפמאַן, האָב איך שוין געהאַט אַ גרוס אַז „טעפּליק ווייסט" אַז איך בין געפאָרן מיט צווייטן קלאַס. ער וויל נאָר איך זאָל אים באַשרײַבן ווי אַזוי... זעט אויס דער צווייטער קלאַס אינעווייניק, און ווי אַזוי איז געווען די רייזע.

געשריבן האָב איך אים ניט. אָבער, געפילט האָב איך, אַז אינעווייניק,

אין צווייטן קלאַס — איז אַ חיות צו פֿאָרן. שיין, ווייך, ניט אַנגערויכערט. פֿאַראַן אַפֿילו ספּעציעלע „קופּעס" אויף צו רויכערן. אָבער פֿריילעכער צו פֿאָרן אין אין דריטן קלאַס. דאָרט איז דאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן און דאָ? דאָ בין איך געזעסן מיט אַן אַלטער פּריצע און די גאַנצע צייט — קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

ביים אומאַניער וואָקזאַל, האָט אויף מיר געוואַרט מיין ברודער. ווען ער האָט מיך געזען זיצן אין צווייטן קלאַס, האָט ער... אויסגעבטלט אויף מיר, אַלע בייזע חלומות און געזאָגט, אַז איך בין אַן אויסברענגער און ביי מיר וועט זיך קיין קערבל ניט האַלטן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דאָרף אַריין בין איך אָנגעקומען אַוונט צייט. די רייזע פֿון אומאַן ביזן דאָרף איז געווען זייער אַן אַנגענעמע. איך בין געזעסן „אויבן־אָן", מעשה פּריץ, און אַן עלטערער גוי, וועלכער האָט מיך באַטיטלט „באַרין" האָט גע־האַלטן אין איין ריידן פֿון בעל הבית ביי וועמען ער דינט שוין דרייסיק יאָר (דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט „אַביסל", אינ־גאַנצן האָט ער געדינט ביי אים אַכט יאָר).

ביים טויער פֿון דער שטוב האָט מיך אָפּגעוואַרט דאָס גאַנצע הויזגעזינד. איך האָב דאָך אַפֿילו דעם בעל הבית ניט געקאַנט. דאָס האָט מיך דער מעקלער — וועלכער האָט מיר נאַראַיעט דאָס ערשטע פּלאַץ — צוגעשדכנט אָט דאָס נייע קנעלעכץ. און ס'איז אים אָנגעקומען גרינג. ערשט דערנאָך בין איך געוואוירע געוואָרן, אַז מיין טשאַרנאָגרעבליער בעל הבית האָט אים צו־געשיקט אַ בריוו מיט אַ גאַנץ... צענערל — אין יענער צייט איז דאָס גע־ווען אַן אוצר — מיט אַ ביטע, דאָס אויב ער קאָן מיר איינריידן און מיך איבעררידן, אַז איך זאָל נאָכאמאָל פֿאָרן צו אים — וועט ער אים — אַ חוץ דעם צענערל נאָך באַצאָלן אַ... 25־קער. (דער געוויינלעכער פּרייז פֿאַר אַזאַ מעקלעריי איז געווען פֿון איין קערבל און העכסטנס — דריי קערבלעך). נו, אַזוי ווי דער ברודער האָט אים געזאָגט, אַז אַפֿילו פֿאַר „קיין מיליאָן" וועל איך ניט פֿאָרן אין אַ דאָרף נעבן טעפּליק — האָט ער אויסגענוצט אָט דעם בריוו צו אים, און מיך נאַראַיעט זיינעם אַן אַלטן קליענט, ביי וועמען... קיין מלמד האָט זיך קיין צוויי זמנים ניט געהאַלטן ווייל די קינדער זיינען געווען שלעכטע, ממש ווילדע (דאָס האָט מען מיר שוין דערנאָך דערציילט), און אַזוי ווי מיין בעל הבית האָט אויך געדאַרפֿט האָבן אַ בוכהאַלטער פֿאַר זיין מיל — האָט ער שוין געזוכט אַ יונגן מענטשן — און ער האָט מיך רעקאָמענדירט.

דער קבלת־פּנים איז געווען זייער אַ פריינטלעכער. די פאַמיליע — אַן אמתע דאָרפס־פאַמיליע, וואָס פאַרט קיינמאָל ניט אַרויס אין דער גרויסער שטאָט — כאָטש זי געפינט זיך בלויז 10 ווערסט פון דאָרף. פּשוטע מענטשן, אָבער זייער האַרציקע. די קינדער האָבן שוין געלערנט 4 זמנים ביי פיר מלמדים און אַ חוץ דאַוועגען — קאָנען זיי גאָרניט. אגב, מיינע תּלמידים זיינען באַשטאַנען פון פיר קינדער. אַ בחורל פון אַ יאָר 17, דאָס עלטסטע קינד; אַ בחורל פון אַ יאָר 14, אַ מיידעלע פון 10 יאָר און אַ בחורל פון 7 יאָר. דער קלענסטער, האָט אַ חוץ דעם אַלף־בית — גאָרניט געקענט.

דעם ערשטן אָוונט האָבן מיר וועגן „געשעפט" גאָרניט גערעדט. מען האָט מיר נאָר געמאָלדן, אַז איך האָב אַ באַזונדער צימער פאַרן „חדר" און אין אָט דעם צימער שטייט אויך אַ בעטל פאַר מיר מיט אַ גרויסן 16־ער לאָמפּ וואָס איז שטענדיק פול מיט קעראָסין. וואָס איך האָב יאָ באַמערקט איז, אַז דער עלטסטער תּלמיד איז גאָרניט אַזוי צופרידן וואָס איך קאָן רוסיש, האָב אַן אָנונג אין בוכהאַלטעריע (לויטן מעטאָד פון ניידיטשן פון פאַריז, „ביי וועמען" איך האָב זיך נאָך צוריק מיט צוויי יאָר געלערנט בוכהאַלטעריע דורך קאָרעספּאָנדענץ).

מיר האָבן זיך פרי „געלייגט" שלאָפן. ס׳רעדט זיך אַזוי געלייגט. איך האָב קיין אויג ניט צוגעמאַכט. עס האָט מיך ווידער אָנגעהויבן פּלאָגן די פראַגע: נו, און וואָס זשע וועט זיין דער סוף? איך וועל ווידער פּטרן זעקס מאָנאַטן, ווידער אָפּשפּאָרן עטלעכע קערבלעך, זיי ווידער „אָוועקלייען" דעם טאַטן, און וואָס וועט ווערן פון מיר? אַ דאָרפישער מלמד?...

אמת, מיין ברודער האָט מיר פאַרזיכערט אַז ווען איך בין אַלט לפּחות 16 יאָר, דאַרף איך ניט פאָרן אין דאָרף און וואָלט דאָ אין אומאַן אויך גע־קראָגן גוטע „אוראָקן" (לעקציעס) אָבער ווידער דאָס זעלבע. אַלץ ווערן אַ מלמד. טיף אין האַרצן האָב איך אַפילו געהאַט תּרעומות צו גאָט הלמאי איך בין ניט געבוירן געוואָרן ביי אַ טאַטן אַ גביר ביי אַ יחיאל פישער אָדער אַפילו רפאל גאַרמעכס וועמענס קינדער דאַרפן זיך ניט זאָרגן פאַר זייער צוקונפט, דאַרפן ניט וואַנדערן פון דאָרף צו דאָרף כדי אָפּשפּאָרן עטלעכע קערבלעך. כ׳האָב אָבער באַלד געמאַכט אַ חשבון — און אָט דעם חשבון מאַך איך אַלע מיינע יאָרן און ביז היינטיקן טאָג. דער חשבון איז, אַז:

עס זיינען פאַראַן ערגערע פון מיר. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען מיך מקנא. און פאַראַן אַזעלכע וועמען... חייקל לאַדיזשינסקי איז מקנא.

דעם ערשטן אינדערפרי אין נייעם מקום, האָב איך זיך געפעדערט. איך בין אויפגעשטאַנען אַזייגער זעקס, אָבער, איך בין דערשטוינט געוואָרן גע־

וואוירע ווערנדיק אַז די גאַנצע שטוב — אַ חוץ דעם בעל הבית — שלאָפט נאָך. ער, דער בעל הבית איז שוין געווען אין מיל, וואָס איז טאַקע געווען ביי דער שטוב, און האָט שוין אַטענדירט די גויים וועלכע ברענגען ווייץ און מען דאַרף זיי אָפּמאָלן אויף מעל.

ארום אכט אזייגער איז „די שטוב" אויפגעשטאַנען די בעל הביתטע האָט געמאַכט פרישע ציקאָריע מיט מילך. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז עס איז פאַראַן אַ שיקסע אין שטוב, וועלכע האָט טאַקע אויסגעמעלקט די קו און „צעלייגט פייער".

אָפּגעטרונקען, וויל איך זיך נעמען צו דער אַרבעט. דאָס ערשטע וויל איך „פאַרהערן" מיינע תּלמידים. כאָטש, מען האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז אַ חוץ עברי איז ניטאָ וואָס צו פאַרהערן. איך וויל אויך וויסן, וואָס פאַר אַ ספרים עס זיינען פאַראַן אין שטוב ספּעציעל — צי עס איז פאַראַן אַ תּנ"ך.

מיין בעל הביתטע מעלדעט מיר אָבער, אַז — דער בעל הבית האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי דאַרף מיר מעלדן דאָס היינט זאָל איך נאָך ניט אָנהויבן לערנען, ווייל היינט איז... מאָנטיק. מאָנטיק איז אַ שווערער טאָג. די „בשורה" געפעלט מיר גראָדע. איך וויל, איידער איך זעץ זיך צום טיש, זיך נעענטער באַקאָנען מיט מיינע תּלמידים, מיט דער סביבה און אפילו — מיטן דאָרף. איך האָב טאַקע געוואָלט וויסן ווי האַלט עס דאָ מיטן... אַנטיסעמיטיזם, מיט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", און צי דער סטאַראָסטאַ, די נאַטשאַלסטוואָ, וועט ניט האָבן דאַקעגן וואָס אַ נייער זשידעק איז געקומען פאַרכאַפּן זייער פרישע, דאָרפישע לופט, עסן זייער ברויט און טרינקען זייער וואַסער.

די אַלע דאַטעס האָב איך באַלד באַקומען פון בעל הבית עלטסטן זון. ער האָט מיר אָפּגעגעבן זייער אַ גוטן גרוס. דער סטאַראָסטאַ איז די כּפּרה פאַרן טאַטן ביי וועמען ער נעמט כּאַבּאַר און היט, אַז ביינאַכט, זאָל מען ניט... כאַפּן קיין פיש אין טאַטנס טייך.

דער אמת איז טאַקע געווען, אַז דער בעל הבית האָט געגעבן און דער סטאַראָסטאַ האָט גענומען אַ נשקשהדיקן כּאַבּאַר אַלע חודש. די „סאָצקים" האָבן טאַקע געהיט און די גויים פון דאָרף האָבן טאַקע... געגנבעט און געכאַפּט אַלע נאַכט פיש. און דער בעל הבית האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, וואָרום ווען ער דאַרף מאַכן אַ סקאַנדאַל און אַרעסטירן — דאַרף ער אַרעסטירן דאָס גאַנצע דאָרף. האָט ער געשוויגן אויב... מען האָט געכאַפּט פיש פאַרן אייגענעם געברויך. געווען אָבער אַזעלכע גנבים, און בפירוש רייכע גויים, בעלי גופים, וואָס פלעגן ביינאַכט כאַפּן פיש און זיי אינדערפרי פירן קיין אומאַן פאַרקויפן. פלעגט זיך שוין געפינען אַ צווייטער גוי וואָס האָט

באַצייטנס געמסרט — זיך איינגעקויפט אין לאַסקע ביים בעל הבית — און דער בעל הבית מיטן סטאַראָסטע מיט די סאָצקים פּלעגן אָפּוואַרטן דעם גוי, ביים אַרויספאָרן פון דאָרף — פאַרטאָג, פאַרשטייט זיך — מאַכן ביי אים אַ רעוויזיע און געפינען די גנבה. אַ צען „העכט" אָדער „קאַרפּ".

דער גוי, האָט אַלס ערשטע שטראָף, געדאַרפט אַראָפּגיין פון וואָגן און טראָגן די צען פיש אין די הענט, פון טויער ביזן וואָלאָסט וואָס איז געווען אויף דער צווייטער זייט דאָרף ביי דובאָווער וועג. דאָרט האָט שוין געוואַרט דער „סכאָד", אַ מין ראָט פון גויאישע „דעפּוטאַטן", פון וואָלאָסט. מען האָט דעם גוי פאַרמשפּט צו באַצאָלן אַ געלט־שטראָף פאַרן... סכאָד (ניט פאַרן אידן וואָס איז געווען דער געליטענער). די פיש האָט מען ביי אים צוגענומען און דער בעל הבית האָט זיי צעשענקט די חשובע בעלי הבתים פון דאָרף — די פאָרשטייער פון „סכאָד", און דער גוי האָט...

שפּעטער מיט עטלעכע טעג — ווידער געגנבעט און מען האָט אים ווידער געפּאַקט.

איך האָב זיך גענומען צו מיין אַרבעט דערוויילע „אומאָפיציעל", ד. ה. ניט לערנען — נאָר זיך צוגרייטן. פון די „ספרים" וואָס איך האָב געפונען, האָב איך קוים אויסגעקליבן פאָלגנדע טעקסטן: דריי סדורים, האַלב צעריסענע און צעפליקטע, פינף חומשים, אַלטע געדרוקטע אין יאָר תרל"ב דאָס הייסט מיט העכער פערציק יאָר צוריק. פון די חומשים האָט זיך געפילט שימל און טאַבאַק, און עס האָבן געפעלט בלעטלעך, אין אָנהויב, אין מיטן און אין סוף.

דאָס זיינען געווען אַלע ספרים אין שטוב.

איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין מיל אַריין. כ'האָב געמאַכט דעם ערשטן וויץ מיין בעל הבית, אַז ער איז ערגער פון... פּרעהן. פּרעה האָט געוואָלט, אַז די אידן זאָלן מאַכן ציגל — האָט ער זיי געגעבן שטרוי. ער, דער בעל הבית וויל אַז איך זאָל זיינע קינדער עפּעס אויסלערנען — און קיין שטרוי גיט ער מיר אויך ניט.

נאָך אַ קורצן שמועס איז געבליבן, אַז נאָך היינט, שוין טאַקע, שיקן מיר דעם גוי רייטנדיק קיין אומאַן צו מיין ברודער מיט אַ צעטעלע, וואָס איך דאַרף האָבן ער זאָל מיר ברענגען צו לערנען.

נאָך דעם זעלבן טאָג, האָב איך באַקומען צוגעשיקט פון מיין ברודער צוויי שיינע, נייע סדורים מיט גרויסע אותיות, אַ חומש בראשית מיט עברי טייטש און אַ באַנד פון נביאים ראשונים. ער האָט מיר אויך צוגעשיקט עטלעכע הענטלעך מיט פּענעס, עטלעכע טעטראַדן מיט קעסטעלעך און מיט

גלייבע ליניעס, עטלעכע שטיקלעך קלעק־פּאַפּיר און... אַ פּלאַש טינט. דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. אגב, דער גוי האָט אי־בערגעגעבן מיין ברודער ער זאָל שרייבן צו די צייטונגען אויף וועלכע איך בין געווען אַבאָנירט, אַז זיי זאָלן מיר בייטן דעם אַדרעס. דערויף האָב איך געהאַט מזל. דאָ, אין דאָרף, פּלעגט מען אין וואָלסט אַריין ברענגען אַלע טאָג די קאָרעספּאָנדענץ וועלכע פּלעג אָנקומען דורך אומאַניער פּאָטשט. אַזוי אַרום האָב איך אין דאָרף אַריין באַקומען שנעלער די צייטונגען ווי קיין טעפּליק. פאַר בייטן דעם אַדרעס, האָט מען געדאַרפט צושיקן אין רעדאַק־ציע... 12 קאָפּקעס אין פּאָטשט־מאַרקעס.

די געשיכטע מיט די צייטונגען, ספּעציעל מיטן „קיעוולינאַנין" האָט מיר שפּעטער פאַרשאַפט צרות און קאָפּ־ווייטיק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין אין דאָרף געווען דער איינציקער... „אַנטיסעמיט", דער איינציקער „אמתער רוס" וואָס האָט באַקומען דעם „קיעוולינאַנין" און דער וואָלאָסטנאָי פּיסאַר (שרייבער) האָט אים ביי מיר געוואָלט לייען אַלע טאָג. ער האָט אים גאָרניט געדאַרפט „לייען". ער האָט אים באַקומען... פאַר מיר, און ווי נאָר ער איז אָנגעקומען האָט ער אים געלייענט און זיך אָנגעשמעקט און אָנ־געשטעקט מיט דער דאָרטיקער אַנטיסעמיטישער תורה... איז אַלזאָ, אויסגע־קומען, אַז איך העלף גויים ווערן אַנטיסעמיטן.

כ'האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און ווידער געביטן דעם אַדרעס פון „קיעוולינאַנין" אויף מיין ברודערס הויז. פון דאָרט פּלעג איך אים, בגנבה ברענגען, אים איבערלייענען און פאַרברענען.

כ'האָב זיך גענומען צו דער מלאָכה. די קינדער זיינען טאַקע געווען שלעכט דערצויגן, ווילד, פאַרגרעבט, אָבער איך האָב באַשלאָסן זיי איבערדערציען. כ'האָב באַקומען „פולמאַכטן" פון פאָטער אַז איך קאָן טון מיט זיי וואָס איך וויל (יענע מלמדים פלעגן זיי טאַקע קאַטעווען און זיי פּלעגן אים פיינט האָבן ווי אַ פּעסט). איך האָב ניט געטראַכט פון שלאָגן זיי. אַלנפאַלס — וואָלטן זיי גאָר זיכער געווען געגעבן אויף צוריק. איך האָב געפּרואווט דעם וועג פון ווערן אַ חבר מיט זיי, אויפקלערן זיי וואָס עס הייסט צו בלייבן אַן עם־הארץ, זיי דערציילן מעשהלעך, ספּעציעל פון דער אידישער געשיכטע מיט וועלכער זיי זיינען אַבסאָלוט ניט געווען באַקאַנט.

שוין דער אָנהויב, דער שיינער סידור, אַ „קרבן מנחה" מיט גרויסע אותיות, איז געפעלן געוואָרן. פאַר דעם קלענסטן שילער האָב איך אויסגע־

שריבן קרינסקים „ראשית דעת", און — ער איז אים אויך געפעלן געוואָרן.

באַלד פון ערשטן טאָג אָן, האָב איך מיט די תלמידים מיינע, אָנגעהויבן „לערנען" די אידישע געשיכטע. איך האָב זיי אָנגעהויבן דערציילן די באַדייטונג פון די אידישע ימים טובים, אפילו פון די תעניתים. איך האָב זיי איינמאָל — אַלס פּרוואָו־מיטל — פאָרגעלייענט פונעם „קרבן מנחה" די געשיכטע מיט די „עשרה הרוגי מלכות" און די חברה — אפילו דער גרויסער אויך — האָבן געלאָזט טרערן... ביזן חודש צייט האָבן זיי שוין געקאָנט די געשיכטעס פון רבי עקיבא, פון בן כוכבאָ, פון יהודה המכבי, פון דבורה הנביאה, און פון... בעל שם טוב. א דאַנק אָט די מעשהלעך וועלכע איך פלעג זיי דערציילן צוויי מאָל אין וואָך, דינסטיק און פרייטיק, האָב איך געפּועלט, אַז אויך די איבעריקע טעג פון דער וואָך האָבן זיי געלערנט און געוואַרט אויף די צוויי שיינע טעג, ווען איך האָב זיי גאַנצע צוויי שעה דערציילט מעשהלעך.

און דאָ, איז מיר שטאַרק צונוץ געקומען די מעשהלעך פון ליבן רבין עלי שיכמאַן, אָט יענע מעשהלעך, וואָס ער פלעגט אונז דערציילן ווינטער, בין מנחה ומעריב, ווינטער, ווען מען איז געזעסן ביי א קליין לעמפּעלע און לערנען האָט זיך עפּעס ניט געגלוסט אָדער ער איז געווען מיד פון דער גראָבאַרניע וואו ער האָט געאַרבעט א שטיק פונעם טאָג, אָדער — עס איז אים גלאַט געווען גוט אויפן האַרצן, פלעגט ער נעמען אונז דערציילן מעשהלעך, וואָס, כאָטש מיר האָבן זיי געהערט שוין איין מאָל, צען מאָל און הונדערט מאָל, דאָך זיינען זיי אונז ניט נמאס געוואָרן צו הערן.

איין מעשהלע אַזאַ האָט ער אונז דערציילט א פּאָר צענדליק מאָל און אָט דאָס מעשהלע האָב איך איצט, מיינע תלמידים, איבערדערציילט און כאָטש זיי האָבן עס שוין געקאָנט אויסנווייניק, דאָך האָבן זיי שטענדיק געבעטן איך זאָל עס זיי דערציילן.

דאָס מעשהלע געפינט זיך אין דער גמרא און עס ווערט דערציילט אַז:

דריי אידן, איינער אַן אָרעמאַן, א קבצן אַן עני ואביון, דער צווייטער א גביר, אַן עושר, א מיליאָנער; דער דריטער א שיינער יונג אָבער א רשע, א טרעפניאַק, א גלוח, א „פראַנט" זיינען געשטאָרבן און געקומען פאַרן בית־דין של מעלה.

גיט מען זיי א פרעג:

— פאַרוואָס האָט איר ניט געלערנט קיין תורה?

ענטפערט דער קבצן: ווי האָב איך געקאָנט לערנען תורה, ווי האָב איך געקאָנט אינזינען האָבן אַזאַ זאַך ווי תורה, אַז א גאַנצן טאָג און א האַלבע

נאָכט האָב איך געדאַרפט אַרומלויפן זאָרגן פאַר מיין בידנער פּרנסה, פאַרן בידנעם שטיקל ברויט פאַר מיין ווייב און קינדער? ווי האָט מיר געקאָנט ליגן אין קאָפּ אַזאַ זאַך ווי תורה?...

ענטפערט מען אים: וואָס זשע? ביסט דען געווען אָרעמער פון הלל הזקן?

ווען הלל הזקנס אָרעמקייט האָט דאָך יעדער איינער געוואוסט. הלל הזקן פלעג פאַרדינען פיר „קאָפּעקעס" אַ טאָג ביי האַקן האָלץ, פלעגט ער אַ העלפט אוועקגעבן דעם שמש פון בית המדרש פון די צוויי גרויסע חכמים שמעיה און אבטליון. און אַ העלפט האָט ער געגעבן זיין ווייב זי זאָל גיין אין מאַרק איינקויפן און קאָכן אָנבייסן.

איינמאָל האָט ער גאָרניט פאַרדינט און האָט ניט געהאַט די צוויי קאָפּ־קעס צו געבן דעם שמש, און דער שמש אַ „סוקין סין" (אַזוי פלעגט מיט כעס דערציילן עלי מלמד) האָט אים ניט געוואָלט גלויבן אויף „באָרג" און אים ניט אַריינגעלאָזט אין קלויז אַריין. וואָס זשע טוט הלל הזקן? ער וויל דאָך פאָרט לערנען. ער וויל דאָך פאָרט הערן די תורה פון די צוויי גרויסע חכמים שמעיהו און אבטליון, נעמט ער, דער אַלטיטשקער הלל, קריכט אַרויף אויפן דאַך פון קלויז, שטופּט אַריין דעם קאָפּ אין קוימען און הערט זיך צו ווי זיי לערנען תורה.

דאָס האָט געטראָפן אין אַן ערב שבת, על פּאָלט אוים אַ שניי, אַ גרויסער שניי, פון דריי איילן טיף. ס'איז געווען אין מיטן טבת צי שבט, און די בעסטע חדשים פון פרעסט. זיצן אַזוי די צוויי חכמים פאַרטיפט און לערנען תורה ביז פאַרטאָג. ווען עס דאַרף שוין זיין ליכטיק — איז אָבער אין קלויז פינצטער. שטאַרק פינצטער. רופט זיך אָן שמעיה צו אבטליונען:

— וואָס הייסט עס? אין דרויסן איז שוין ליכטיק, עס איז שוין פרי־מאָרגן, און אין קלויז איז נאָך פינצטער. און אַזוי ווי אין דאַך, טאַקע ביים קוימען איז געווען אַ פענצטער, גייען זיי צו עפענען דאָס פענצטער, זיי גיבן אַ קוק — אַ מענטשלעך געשטאַלט. מען גייט אַרויף אויפן דאַך — מען שאַרט אַראָפּ דעם שניי — ס'איז הלל הזקן. האָט מען אים גענומען, אַרומגעוואַשן, געמאַכט אַ פייער און אים דערוואָרעמט. צוליב אַזאַ מענטשן ווי הלל הזקן, האָט מען געמעגט — אַזוי האָבן די חכמים געפּסקנט — מחלל שבת זיין.

נו? — פרעגט מען דעם קבצן אין הימל, — נו, ביסטו דען געווען אָרע־מער פון הלל הזקן?

ווען עס קומט די רייע צום גביר, גיט ער זיך אַ שטעל אוועק פאַרן רבונו של עולם און גיט אַ זאָג:

— רבונו של עולם! ווי האָב איך געקאָנט לערנען, אַז איך בין שטענדיק

געווען פאַריאָגט און פאַרטאַראַמט מיט מיינע געשעפטן. עפעס אַ קליינ־קייט? עטלעכע פּאַסעסיעס, עטלעכע קלייטן אייגענע און עטלעכע וואָס ער פאַרדינגט און דאַרף אַרומגיין איינמאָנען דירה־געלט. היינט די שיפן אויף די ימים, די פּליטן אויף די טייכן, און נאָך און נאָך פעלדער און וועלדער. ווי האָט ער צייט געהאַט אַריינקוקן אין אַ ספר? מען דאַרף זיין צופרידן וואָס ער האָט קוים־קוים צייט געהאַט לייגן טלית און תפילין.

זאָגט מען אים: ביסטו דען געווען רייכער פון רבי אלעזר בן חרסום?

וועגן דעם דאַזיקן גרויסן גביר דערציילט מען, אַז דער פאָטער האָט אים געלאָזט... טויזנט שטעט אויף דער יבשה און טויזנט שיפן אויפן ים. און ער האָט, ניט נאָר זיך ניט פאַרנומען מיט זיי — נאָר אַפילו קיינמאָל זיי ניט געגאַנגען אָנקוקן, נאָר געזעסן און געלערנט תורה.

אָט אַזוי זאָגט מען דעם גביר — אָט אַזוי דאַרף מען האַנדלען בנוגע דעם תורה אַפילו ווען מען איז רייך.

נאָכדעם גיט מען זיך אַ נעם צום רשע, צו אָט דעם „קראַסאַוויעץ“, וואָס האָט זיך בלויז געפּוצט און געשמירט ווי אַ „פראַנט“ ווי אַ „דייטש“ און מען גיט אים אַ פרעג:

— נו, און וואָס פאַר אַ תירוץ האָסטו דו?

ענטפערט ער: וואָס בין איך שולדיק אַז דער רבונו של עולם האָט מיך באַשאַפן אַזוי שיין, „סטרוינע“ מיט אַזאַ גלוסטעניש צו אַלע זאַכן פון דער וועלט? נו, האָב איך געמוזט שטענדיק בלויז זיך אינזינען האָבן, בלויז זיך פּוצן און שמירן, רייניקן און גאָלן, כדי דאָס שיינע געשטאַלט וואָס גאָט האָט מיר געגעבן זאָל שטענדיק אַזוי אָנהאַלטן.

זאָגט מען אים: ביזטו דען געווען שענער פון יוסף הצדיק?

און אַז יוסף הצדיק איז געווען אַ „קראַסאַוויעץ“ איז דאָך איבעריק גע־ווען אַז דער רבי זאָל אונז דערציילן. די מעשה ווי אַזוי פּוטפרס פרוי האָט געטון טון גלוסטן צו אים און האָט אים געוואָלט באַצווינגען אַז ער זאָל מיט איר זינדיקן — ווייסט דאָך קינד און קייט. און דאָך האָט ער זיך ניט געלאָזט אָנריידן צו זינד און האָט געטריי און ערלעך געדינט גאָט און גע־לערנט תורה.

פון דעם אַלעם איז געדרונגען אַז די אָרעמע, די רייכע און די רשעים — די שיינע מאַנספּאַרשוינען דאַרפן זיך אָראָפּנעמען אַ מוסר השכל פון הלל הזקן, פון רבי אלעזר בן חרסום און פון יוסף הצדיק, און שטענדיק לערנען תורה.

אָט דאָס מעשהלע האָב איך געהערט אַ מאָל צוואַנציק און מיינע תלמידים

האָבן עס געהערט פון מיר — אויך אַזוי פיל מאָל. עס איז מיר ניט נמאס געוואָרן דאָס צו הערן און שפּעטער מיט יאָרן — דאָס צו דערציילן.

ווען איך פלעג זיי דערציילן אָט די קינדער־מעשיות, פלעגן זיי זיצן שטיל, רואיק, ממש צוגעקאָוועטע צום בענקל. אָבער — ניט בלויז זיי אַליין פלעגן הערן די דאָזיקע דערציילונגען. די מוטער זייערע און אַפילו דער פאָטער פלעגט ספּעציעל קומען פון מיל, זיצן אין צווייטן צימער שעהן־ווייז, ניט געבן אַפילו קיין הוסט אָדער אַ רוק מיטן בענקל (און איך האָב עס געוואוסט און זיך געמאַכט אַז איך זע ניט) און זיי פלעגן הערן אָט די דערציילונגען.

אַלזאָ, מיט אַ העלפט פון מיין טעטיקייט, מיטן מלמדות — בין איך געווען צופרידן און איך האָב הנאה געהאַט פון מיינע תלמידים. פון דער צווייטער העלפט, פון מיין „בוכהאַלטעריע” האָב איך גאָר קיין הנאה ניט געהאַט. די בוכהאַלטעריע האָט זיך ביז איצט געפירט אויף אַ זייער פּרימיטיוון אופן. דער גאַנצער פירער פון דער מיל איז געווען מיין עלטסטער תלמיד און צוזאַמען מיטן מילנער, אַן ערל פון אַ יאָר פערציק, האָבן זיי צוגענומען דעם ווייץ ביי די גויים, זיי אָפּגעגעבן מעל, פאַרשריבן און אַרויסגעשריבן, ביז איך האָב זיך געכאַפּט אַז ביידע... באַגנבענען מיין בעל־הבית אויף דעם גרויסן שטייגער. זיי נעמען צו ממש האַלב הכנסה.

ס'הייסט אייגנטלעך, האָב איך עס באַמערקט אויפן דריטן טאָג ווען איך בין אַריינגעגאַנגען בייטאָג אין מיל אַריין. מיין אויפגאַבע איז טאַקע געווען, זיין אין מיל און פאַרצייכענען די אַריינגעקומענע תבואה. איך האָב די ערשטע צייט געשוויגן, זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, ניט פאַרשטייענדיק און אַפילו ניט געקוקט אין יענער זייט אַריין. און ווען איך האָב זיך שוין גוט איבערצייגט ווי אַזוי דער זון גנבעט אין איין זייט, לאָזט גנבענען דעם מילנער אין דער צווייטער זייט, און ביינאַכט גנבעט מען פיש — האָב איך באַקומען רחמנות אויף מיין בעל־הבית און... געוואָלט איבערלאָזן דאָס דאָרף, מיין קנעלונג און אַהיימפאָרן.

און אויב איך בין ניט אוועק אינמיטן דערינען פון דאָרף איז... ווייל איך האָב ניט געהאַט וואוהין און מיט וואָס אוועק. חוץ דעם וואָלט איך מיין בעל־הבית געלאָזט אינמיטן זמן אָן אַ מלמד. און דאָ, דאָ זיינען די קינדער ממש צוגעוואַקסן צו מיר. און דער בעל־הבית פלעגט מאַכן וויצן און זאָגן, אַז איך וועל ענדיקן דעם זמן — וועלן די קינדער שוין קאָנען פּסקנען שאלות.

נאָך לאַנגע טראַכטענישן — האָב איך באַשלאָסן:

אין אַ שבת אינדערפרי ווען איך האָב ניט געלערנט און בין אויך ניט

געפּאָרן צום ברודער אויף שבת, האָב איך איינגעלאָדן מיין תּלמיד, דעם פירער פון דער מיל אויף אַ שפּאַציר. און אַזוי, גייענדיק מיט אים און שוין זייענדיק אין פעלד — אויסערן דאָרף, בין איך צוגעגאַנגען גלייך צום ענין. איך האָב געוואָלט וויסן:

— ווי לאַנג באַגנבעט ער שוין דעם טאַטן זיינעם?

— פאַרוואָס לאָזט ער אַז דער מילנער זאָל אויך גנבענען און העלפן רואינירן זיין פאָטער?

— וואָס טוט ער מיטן געגנבעטן געלט?

— ווי לאַנג דענקט ער נאָך אַזוי צו גנבענען? און

— וואָס זאָל איך איצט טון? צי דאַרף איך דערציילן זיין פאָטער?

דאָס בחורל האָט, די ערשטע מינוט געפּרואווט געבן אַ שפּרונג און אַ זאָג, אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. אָבער, איך האָב פון קעשענע אַרויסגענומען אַ פּאַפּירל און אים אויסגערעכנט, וויפל ער און וויפל דער מילנער, האָבן באַגנבעט דעם פאָטער די לעצטע 10 טעג. די גנבה אין צען טעג האָט באַטראָפן הונדערט צוועלף קערבלעך. (דער מילנער האָט גענומען געהאַלט פאַר זיין אַרבעט 25 קערבלעך אַ מאָנאַט און דריי פּוד מעל). פון די הונדערט צוועלף קערבלעך האָט דער מילנער צוגעגנבעט 81 און דאָס בחורל 31. ווען איך האָב אים דאָס דערוויזן (באמת, האָט ער טאַקע ניט גע־וואוסט, אַז דער מילנער לאָזט אים גנבענען אַ קערבל און נעמט פאַר זיך דריי).

דאָס בחורל האָט אָנגעהויבן וויינען, ממש ספּאַזמען. וואָס זאָל ער טון? ער וועט זיך אַריינוואַרפן אין טייך. מילא, ער — וועט שוין ניט גנבענען. פאַרן מילנער האָט ער מורא. דער מילנער איז אַ רוצח און קאָן קומען ביי־נאַכט און אויסשעכטן די גאַנצע משפּחה אויב מען זאָל אים אָפּזאָגן. וואָז ער טוט אַהין דאָס געלט? אַ טייל — האָט ער אויסבאַהאַלטן און אַ טייל גיט ער אוים אויף... שיקסעס. ער איז שוין דאָ, אפילו אַ טאַטע פון עט־לעכע קינדער — די שיקסעס האָבן אים געזאָגט, אַז דאָס קינד איז זיינס. ביי איין שיקסע האָט ער שוין... צוויי קינדער, כאָטש — ער שווערט זיך, אַז ער איז בלויז איינמאָל — פאַר צוויי יאָרן געווען ביי איר. אָבער ער האָט מורא פאַר אַ סקאַנדאַל, גיט ער זיי געלט און זיי שווייגן. אָט אַזוי גנבעט ער שוין העכער צוויי יאָר...

וויפל האָט ער געלט? קרוב צו... טויזנט קערבלעך. ער גיט זיי מיר אוועק, איך זאָל שווייגן, און ער וועט שוין מער ניט גנבענען. אָבער, וואָס טוט מען מיטן מילנער?...

איך האָב אים באַרואיקט. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז אים וועט גאָר־נישט געשען. איך האָב אים אויך געזאָגט, אַז ווען דער מילנער וועט קומען פון... אַרעסטאַנטסקע ראָטע וועט ער שוין קיין כוח ניט האָבן צו הרגענען. איך האָב אים אויך פאַרזיכערט אַז די קינדער זיינען ניט זיינע און ער דאַרף זיי ניט אויסהאַלטן. בכלל זאָל ער זיך פאַרלאָזן אויף מיר. אָבער, דער מיל־נער דאַרף דערווייל גאָרניט וויסן און ער אַליין, מיין תלמיד, דאַרף... גנבע־נען, ווי פריער.

מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. ער האָט פון גאָרטן אויסגעגראָבן אַ גריבל, אַרויסגענומען אַ בלעך און מיר האָבן איבערגעציילט קרוב צו... 12 הונדערט קערבלעך, וועלכע ער האָט מיר איבערגעגעבן.

נאָכן עסן, האָב איך דעם פאָטער ניט געהייסן זיך לייגן שלאָפן. איך דאַרף מיט אים ריידן. מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר און מיר זיינען אַראָפּגעגאַנגען אין מיל. כ'האָב זיך מיט אים אַנידערגעזעצט און פּאַוואָלינקע אים דערציילט דעם גאַנצן אמת. אפילו די געשיכטע ווי אַזוי די שיקסעס נעמען ביי זיין זון געלט. ער איז געבליבן רואיק. ער האָט גע־וואוסט, אַז מען גנבעט. ער האָט בלויז ניט געוואוסט וויפיל די גנבה באַ־טרעפט אַ מאָנאַט. ער האָט טאַקע לעצטנס געפילט אַז די מיל אַרבעט און אַרבעט און הכנסה איז דאָ ווייניק. די 12 הונדערט קערבלעך פון זון — קו־מען אים איצט זייער גוט צונוץ. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז די זאַך דאַרף בלייבן בסוד דערווייל, מען דאַרף מאַכן אַזוי, אַז דער מילנער זאָל מיט זיינע הענט פאַרשרייבן און... גנבענען. אונטן־אַרום האָב איך געפירט אַ סטאַ־טיסטיק פון יעדן פוד תבואה וואָס מען ברענגט אין מיל אַריין און דעם נאָ־מען פון גוי. אין עטלעכע טעג אַרום, האָבן מיר דעם תלמיד, דעם „פירער" פון דער מיל, אַוועקגעשיקט צו אַ מומען אויף צוויי וואָכן און געלאָזט דעם מילנער אַליין פאַרשרייבן און אַליין גנבענען.

אַז מיר האָבן שוין געהאַט אַלץ פּאַרטיק, זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין אומאַן, אַריינגעגאַנגען צו אַ אידישן „פּריסיאַזשני פּאָווערעני" (אַדוואָקאַט), יע־נער האָט אָנגענומען די „דיעלאָ", געמאַכט די נויטיקע דענונסיע אין קרימי־נעל געריכט, צוליגנדיק מיינע פאַרצייכנטע דאַטעס. דעם זעלבן טאָג האָבן מיר זיך אומגעקערט צוריק, גלייך ווי גאָרניט איז געשען. אויפן צווייטן טאָג איז אין דאָרף אַריין אָנגעקומען אַ „סלעדאָוואַטיעל" (אויספאָרשונגס־ריכטער), אַן איספּראַווניק, עטלעכע זשאַנדאַרמען, צוגעפאָרן גלייך צו דער מיל, צוגע־גאַנגען גלייך צו די ביכער וואָס דער מילנער האָט געפירט. ביי דער ערשטער פראַגע האָט ער זיך מודה געווען און צוגעזאָגט, אַז ער וועט נאָך היינט...

זיך אָפּרעכענען מיט די זשידעס וואָס האָבן אים אָנגעקלאָגט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט האַלטן קיין וואָרט, ווייל מען האָט אים מיטגענומען געקאָוועט אין קייטן. געמשפּט האָט מען אים אין זעקס מאָנאַטן אַרום און פאַרמשפּט אויף זעקס יאָר טורמע. אויפן דריטן יאָר — דאָס בין איך שפּעטער געוואָוירע געוואָרן — איז ער געפּגרט אין טורמע.

פאַר מיין טרחה און פאַר מיין פּאַרזיכטיקער האַנדלונג, האָט מיר דער בעל הבית געשאָנקען צוויי הונדערט קערבלעך, וועלכע איך האָב געגעבן באַ־האַלטן מיין ברודער — אַלץ אויף הוצאות קיין יפו אָדער אדעס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב פאַרענדיקט מיין קנעלן אין דאָרף בשלום. איך בין אָפּט גע־פאָרן קיין אומאַן — ספּעציעל ווען מען האָט געכאַפּט פיש און איך האָב געקאָנט ברענגען מיין ברודער און שוועסטער, עטלעכע גרויסע העכט אַלס מתנה. אין יענעם זמן האָב איך נאָך אַ זאַך אוספּיעט. איך בין, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, געווען אין קינאָ, און געדענק, ווי היינט, אַז דעם ערשטן פילם וואָס איך האָב געזען איז געווען די מעשה פון פישער און גאָלדן פי־שעלע וואָס ער האָט געכאַפּט און דאָס פישעלע האָט זיך אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל עס אָפּלאָזן און זאָל בעטן וואָס ער וויל — וועט ער פועלן. דערנאָך, ווי די פרוי די מרשעת בעט אַזוי פיל און אַזוי לאַנג ביז זיי בלייבן צוריק ביי דער צעבראָכענער קאָרעטע. דער פילם האָט עס געהייסן: „סקאַזקאַ אָ רי־באַקע אי ריבקע". מען האָט עס געגעבן לויטן סעקסיאָנען נאָך, ד. ה. געענדיקט און ווידער אָנגעהויבן. בין איך אריינגעגאַנגען אין „אילוזיאָן" (אַזוי האָט געהייסן דער קינאָ) דריי אַזייגער בייטאָג און אַרויסגעגאַנגען עלף ביי־נאַכט און געזען דעם פילם... אכט מאָל נאָכאַנאַנד.

אויף פסח בין איך ווידער געקומען אהיים. דאָס מאָל — שוין מיט מער גרויסשטעטלדיקייט. עפּעס אַ קלייניקייט, שוין געזען סינעמאַ. איך האָב גע־האַלטן אין איין דערציילן וועגן דעם ווי אַזוי מען זעט אַלץ ווי יענער גייט, ווי יענער מאַכט מיט די ליפּן און רעדט. מען הערט טאַקע ניט, אַז ער זאָל ריידן. וואָס זשע האָט איר געוואָלט — אַזוי פלעג איך אויפקלערן די חברים מיינע דעם קינאָ, — וואָס האָט איר געוואָלט, אַז מען זאָל נאָך אויגן לייעלעך הערן... בלאָזן שופר.

איצט האָב איך זיך שוין אָנגעהויבן ערנסט גרייטן אין וועג אריין קיין יפו. עטלעכע חברים, מיט נחום זעלעווינסקי אין דער שפּיץ — זיינען שוין אוועקגעפאָרן, משה לייב גערשונאָוו, חיים דעם רבס, יאַנקל דעכטיאַר און

אנדערע חברים, קלויבן זיך שוין אין וועג אריין. אויף צו פאָרן אהין, מוז מען קומען מיט — לפּחות — ת"ק (500) קערבלעך. עס קאָסט די אוניפאָרם, עס קאָסט זיך אנדינגען און באַצאָלן פאר א יאר קעסט, עס קאָסטן ביכער א. א. וו. א דריי הונדערט קערבלעך האָב איך שוין (דעם טאַטנס הונדערטער האָב איך שוין ניט גערעכנט פאר קיין געלט). נו, וועל איך נאָך אָפּזיין א זמן אין א דאָרף (מיר איז געפעלן דאָס קנעלן אין דאָרף, ווייל דאָרט איז ניטאָ וואו אויסצוגעבן קיין געלט) און א דאָרף האָב איך שוין. נאָך איידער איך בין אוועקגעפאָרן פון אומאַן קיין טעפּליק, האָט מיר דער מעקלער פאַרזאָרגט א פּאָסטן אין א דאָרף וואָס הייסט „קאַמענאַיאַ קרעניצאַ" (שטיינערדיקער ברונעם) און געפינט זיך ווייט, ווייט, א זעכציק ווערסט פון אומאַן, צווישן האָלאָוואַניסק (אין רוסיש האָט דאָס שטעטל געהייסן גאָלאָוואַניעווסק) און לידווינקע. אין דאָזיקן דאָרף האָבן געוואוינט עטלעכע און צוואַנציק אידישע פאַמיליעס, וועלכע זיינען געווען צעטיילט אין צוויי צדדים. האָט איין צד גענומען א לערער פאר זיך און דער צווייטער צד — פאר זיך. און אהין האָט מיך דער מעקלער פאַרמעקלערט צו לערנען מיט 15 קינדער און נעמען צוויי הונדערט קערבלעך פאַרן זמן.

תיכף נאָך פּסח האָב איך זיך אויפגעזעצט מיט דניאל בעל עגלה און געפאָרן קיין טערניוווקע. פון דאָרט בין איך, מיט א צווייטן בעל עגלה, גע־פאָרן קיין כאַשטשעוואַטע און פון דאָרט מיט א דריטן בעל עגלה ביז האָלאָ־וואַניסק. דאָרט האָב איך געדונגען א פורל — אויף מיינע בעלי הבתימס חשבון, האָט עס געדאַרפט הייסן — ביזן דאָרף אריין. אראָפּגייענדיק פון דער פור, האָב איך באַקומען ניט אזא אנגענעמען קבלת פּנים. די בעל־הביתטע פון מיין סטאַנציע ביי וועמען איך האָב געדאַרפט איינשטיין און וואו עס איז אויך געווען דאָס חדר — אן אַלטע שמוציקע אידענע — איז ניט געווען געפעלן וואָס איך בין נאָך אזא יונגער שנעק — אזוי האָט זי מיר גלייך אין די אויגן אריינגעזאָגט. פאַרן פורל האָב איך געדאַרפט באַצאָלן און ווען מיינע בעלי הבתים זיינען געקומען זיך מיט מיר באַקאָנען, האָבן זיי מיר באַלד געגעבן צו וויסן מיט וועמען איך דאַרף זיך, אין דאָרף, יאָ גריסן און וועמען ניט.

בכלל האָבן זיי מיך, פון ערשטן טאָג אָן, געוואָלט אריינציען אין זייער היימישן מחלוקת. איך בין געווען אביסל צעטומלט, אראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אָנגענומען אַלץ פאר ליב, פאָרט דער לעצטער זמן אַלס מלמד, און טאַקע אין רוסלאַנד אויך. איך פאַר קיין יפו.

איך בין אָבער... ניט דערפאָרן...

קאַפּיטל זיבעצן

פון יפו, פון אָדעס, פון אומאַן — אין וואַלד אַריין

„קאַמענאַיאַ קרעניצאַ". — אַזוי הייסט מיין נייַ קנעלונגס־דאָרף. — אַ סך אידן און וויניק שלום צווישן זיך. — אַ „חדר" מיט 21 קינדער. — איך ליקווידיר די „זייטיקע" און גיי איבער אין אַפּענסיווע. — די ערשטע שלאַכט געווינען. — איך מאָדערניזיר דאָס חדר. — מיינע ציַיטונגען העלפן מיר אַרויס. — מען רעדט מיר אַ „שידוך". — פינף טויזנט קערבלעך, אַ שטוב אין האַלאַוואַניסק און אַ האַרבאַטע נאַרישעוואַטע מיידעלע. — דער „שדכן". — איך פּאַטער אַליין זאָגט מיר צו אַ סך גליקן. — דערווייל, לערן איך אים אויס זיך... אונטערשרייבן. — די „כלה" טאַנצט אַרום מיר. — איך מאַך אַ שטרייק. — מען באַצאָלט אַ טייל שכירות און מיין „שווער" דערלייגט דאָס איבעריקע. — איך לערן דאָרט אַ צווייטן זמן, אָבער שוין אַלס „פּאַרטיקולאַרער לערער". — איך בלייב אין אומאַן אַלס לערער און מאַך אַ „מאַיאָנטעק". — איך פאָר אַהיים אויף שבועות. — צוויי פּעטש פון טאַטן אין מיטן שול. — איך פּאַקעווע זיך איין צו פאָרן קיין יפו, ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. — דעם קיסרס „אוקאַז". — די פּאָליאַקן וואַרטן אויף זעלבסטשטענדיקייט, און די אידן אויף אַ פּאָגראָם. — מען וועט נאָך אַנפּאַטשן דעם „ניעמעץ" (דייטש). פאָרט מען גלייך אַהיים. — שלעכטע ידיעות פון פראָנט. די קייסערינע העלפט די דייטשן. — אידן בעטן אויף פּאָניעס מפּלה. — די גויים באַקומען מורא. — איך ווער אַז... אויפזעער אין אַ יאַר

אויב איך האָב פון די ערשטע צוויי „זמנים", פון די ערשטע צוויי פּלעצער אין דערפער, געהאַט בלויז כבוד, פאַרגעניגן און אַ סך געלט — האָב איך פון דריטן פּלאַץ, פון מיין נייער קנעלונג, געהאַט צרות, ווייטיקן און געלט — אַ מכה. אייגנטלעך, האָב איך באַלד דערפילט אַז איך בין אַריינגעפאַלן. און ווען איך נעם דעם באַגאַזש מיינעם און קער זיך תיכף אום קיין אומאַן, וואָלט איך נאָך געהאַט ערגעץ אַ פּלאַץ. אַלנפאַלס — האָב איך געקאָנט פאָר צוריק אין דעם דאָרף וואו איך בין געווען דאָס לעצטע מאָל. דער בעל הבית האָט מיר דייטלעך געזאָגט, אַז אויב ניט איך — וועט ער קיינעם ניט נעמען. איך האָב זיך אָבער געשעמט אומצוקערן, און איך האָב געגלויבט אַז איך וועל דאָ אפשר קאָנען עפּעס דערגרייכן.

אָבער, ווי אַזוי דערגרייכט מען? אַלע היגע אידן זיינען צעקריגט צווישן זיך, מען גייט ניט איינער צום צווייטן, מען קומט זיך ניט צונויף אַ חוץ ראש השנה, יום כפור און ימים טובים. מען איז זיך ניט משדך — כאָטש די קינדער „שפּילן ליבעס" צווישן זיך.

איך האָב זיך געגומען איינאָרדענען מיין חדר און איך האָב זיך אָנגעשלאָגן אויף גוואַלדיקע שוועריקייטן. דעם ערשטן טאָג זיינען געקומען אין „מיין" חדר... 21 קינדערלעך. געוואוסט האָב איך, אַז איך דאַרף לערנען מיט 15. אָבער, דאָס האָט יעדער מאַמע מיטגעשיקט איר קליין דריי־פיר יאָריק מיידעלע אָדער אינגעלע, עס זאָל „זיצן אין חדר". איי, עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ, איי, זיי מאַכן אַ טומל, ריידן צווישן זיך און לאָזן ניט לערנען — נו זאָל זיך דער רבי זאָרגן. אגב, דאָ האָב איך טאַקע דאָס ערשטע מאָל דערהערט דאָס וואָרט „רבי" און... און עס איז מיר ניט געווען געפעלן. ביז איצט האָב איך געהייסן: אָדער לערער אָדער מורה. „רבי" האָט מיר געשמעקט מיט... קאַנטשיק, מיט טאַבאַקע, מיט „שטעלן אין קינע" און דער עיקר, דאָס וואָרט „רבי" האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שרעק, אפשר וועל איך טאַקע פאַרבלייבן אַ „רבי" אויף אייביק. דערביי פלעגט זיך מיר פאָרשטעלן ווי אַזוי איך זע אוים מיט אַ חדר פון 20־30 קינדער אַרום מיר, אַרום אַ גרויסן טיש, מיט אָפענע חומשים אָדער גמרות, אָדער אפשר גאָר אינגאַנצן מיט... אַלף־ביתן, און איך טענה איין מיט די קינדערלעך:

און דאָס מיט דעם ווי מאַכט? זאָג־זשע. רעד זשע...

די דאָזיקע געדאַנקען האָב איך געהאַט די ערשטע פּאָר טעג. ווי נאָר איך האָב זיך אַביסעלע „אַקלימאַטיזירט", האָב איך זיך געגעבן רעכענונג, אַז איך מוז נעמען דעם ענין ערנסטער, שטרענגער, און — זאָל געשען וואָס עס וויל. בעסער דער ערשטער רוגז...

פאַר אַלעם, האָב איך אַלע אינגעלעך און מיידעלעך וואָס מען האָט געשיקט אין חדר „גלאַט אַזוי" — אַהיים געשיקט. די מאַמעס זיינען טאַקע באַלד געקומען צו לויפן, אייניקע — מיט גאָר פיינע געשליפענע צינגעלעך, און געפּרואווט אַ סטראַשע טון, אַז זיי וועלן... אָפּנעמען זייערע קינדער פון חדר. איך האָב לאַנג ניט געטראַכט, צוגערופן דאָס קינד פון דער מאַמען וואָס האָט געסטראַשעט און... אים געהייסן גיין אַהיים מיט דער מאַמען. באַשטימט האָב איך דעמאָלט, אַז איך זאָל אָנעמען די „סטראַטעגיע" פון „אָפענסיווע", זיין דער ערשטער וואָס וואַרפט דעם גט אין פּנים. און — דאָס מיטל האָט געהאָלפן. די מאַמעס האָבן געזען, אַז דאָ האָבן זיי צו טון, ניט מיט קיין „רבין" ווי פאַראַיאָרן, וואָס האָט זיי געניאַנטשעט די קינדער און איז נאָכגעלאָפן נאָכן שכר לימוד — נאָר מיט אַ מאָדערנעם אידישן לערער, וואָס רעדט גאָר פון איינאָרדענען „קלאַסן", וואָס הייסט גאָר קומען די קינדער אין דער צייט אין שולע, וואָס זאָגט, אַז ער וועט לערנען מיט אַ... „פּראָגראַם" ווי עס פירט זיך אין שקאָלע, און וועט אפילו ברענגען אַ גלאָק וואָס וועט

קלינגען ווען די קינדער דאַרפן אַריינגיין אין חדר. אָך, יאָ, דער לערער וויל ניט אַז מען זאָל עס אָנרופן „חדר" נאָר — בית הספר, אָדער אידישע שולע.

פאַרשטייט זיך, אַז אָט די „רעוואָלוציאָנערע" מיטלען, זיינען געווען אַ נייעס, ניט נאָר פאַר די דאָרפס־ווייבער, וואָס האָבן זיך שטענדיק אַרומגעקריגט צווישן זיך און בלויז גערעדט רכילות — נאָר אַפילו די בעלי הבתים מיינע, אייניקע צווישן זיי — גאָר יונגע, האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָס איך גיי דאָ איינפירן. און אויף דעם ערשטן שבת בייטאָג, האָב איך פאַרופן אַן אסיפה פון מיינע בעלי הבתים. די אסיפה איז געווען אין חדר. איך האָב זיי אויפגעקלערט, פאַר אַלעם, פאַרוואָס איך לאָז ניט אַריין אין „חדר" די איבעריקע קינדערלעך, וואָס דאַרפן נאָך ניט לערנען. איך האָב זיי אַליין דערציילט, אַז די 16 קינדער וואָס דאַרפן יאָ לערנען זיינען. . . 16 גרופּעס. מיט איינעם דאַרף מען אָנהויבן אַלף בית און מיט אַן אַנדערן דאַרף מען לערנען דעם שולחן ערוך ווייל ער דאַרף שוין לייגן תפילין. פאָלגלעך, וועל איך מוזן מאַכן דריי „קלאַסן" און איינטיילן אַזוי, אַז מען זאָל קאָנען לערנען גרופּעס־ווייז, אָבער די עלטערע וועלן דאַרפן פאַלן אַ קרבן, ווייל זיי וועלן אַ שטיק צייט „דאַרפן שטיין אויף איין אָרט". אַלנפאַלס ניט מער ווי צוויי חדשים, ביז די קלענערע וועלן אָניאָגן. איינער אַ טאַטע וועמענס אַ בחור׳ל לערנט שוין תנ"ך האָט גענומען פּראָטעסטירן און סטראַשען — האָב איך אים גלייך געמאָלדן, אַז איך דערלויב אים אָפּנעמען דאָס קינד, ניט צאָלן די דרייסיק קערבלעך דעם זמן (צוואַנציק פאַרן מלמד און צען פאַר קעסט) און איך וועל זיי אָפּרעכענען פון מיינע שכירות. דערהערט אַזעלכע „שטאָלצע" רייד, איז ער ווייכער געוואָרן, און דערנאָך געווען דער בעסטער פריינט מיינער און דער וויכטיקסטער שטיצער פון מיינע „רעוואָלוציאָנערע רעפאָרמעס". . .

און נאָך אַ זאַך האָב איך געפאָדערט. איך וויל זיך אַליין אָפּדינגען קעסט. זאָלן זיי מיר געבן דאָס געלט וואָס מען צאָלט אָט דער אַלטער, שמוציקער פרוי. איך וועל עסן ביי וועמען איך וויל. באַין ברירה האָבן זיי געמוזט נאָכגעבן און איך האָב זיך אָנגעדונגען קעסט ביי אַ בעל הבתישער פאַמיליע און — כאָטש דאָס — הנאה געהאַט פון אָט דעם „קנעלונג".

די „שולע" האָט פּראָגרעסירט. איך האָב איינגעפירט אָרדענונג און אַפילו אַראָפּגעפאָדערט מיין ברודער צו מיר אויף דריי טעג, ער זאָל „פאַרהערן" די קינדער און מיך אָריענטירן ווי אַזוי ווייטער צו לערנען. ביים אָנהויב „זמן" האָב איך געהאַט 16 קינדער און צו די צוויי חדשים האָב איך שוין געהאַט 23 תלמידים. דאָס זיינען איבערגעגאַנגען צו מיר תלמידים פון יענעם לערער, פון יענעם צד. יעדער פאָטער האָט געצאָלט 25 און 30 קערבלעך פאַרן

זמן און איך האָב געהאַט דערפֿון אַ העלפֿט. הייסט עס, אַז פּרנסה האָב איך געהאַט, און אין אַ פּאָר בעל־הבתישע הייזער האָט מען זיך נאָך געצאַצקעט מיט מיר. ערשטנס, צוליב די צייטונגען וואָס איך פֿלעג באַקומען (איך האָב בלויז געדאַרפֿט צוגיין אָדער צופֿאָרן צוויי ווערסט צו דער באַן־סטאַנציע „פּאָטאַש", וואוהין די קאָרעספּאָנדענץ איז אָנגעקומען). איך בין טאַקע געווען דער איינציקער וואָס האָט באַקומען אין דאָרף אַריין אידישע, רוסישע און העברעאישע בלעטער. און דורך מיר, האָט מען געוואוסט וואו מען האַלט אין דער וועלט. צווייטנס, האָבן אַט די בעלי הבתים געהאַט מיידלעך אין מיינע יאָרן אָדער מיט אַ פּאָר יאָר עלטער און מען האָט מיך געוואָלט „פֿאַר־טשעפּען", פֿאַרקניפּן.

איין בעל הבית האָט מיר אַפֿילו פֿאַרגעלייגט, גערעדט מיט מיר קלאָרע דיבורים. איך געפֿעל אים, און ער איז גרייט מיר צו געבן פֿינף טויזנט קער־בלעך נדן און די צוויי גאָרנדיקע שטוב וואָס ער האָט אין האָלאָוואַניסק, אַבי איך זאָל נעמען זיין טעכטערל, וועלכע איז נעבעך געווען אַ... האָרבאַטע, און איז געווען נאַריש ווי אַ קעלבל. מען האָט איר, ווייזט אויס, עמיצער גע־זאָגט, אַז ווען איך קום צו זיי (איך האָב געהאַט דאָרט אַ „פּריוואַטע לעקציע" מיטן... בעל הבית אַליין. ער האָט זיך געלערנט שרייבן אידיש און רוסיש) דאַרף זי אַרומטאַנצן אַרום מיר. נו, האָט זי עס אָנגענומען אין בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט און ווען איך פֿלעג קומען — און אויב דער פֿאָטער איז נאָך ניט געווען — פֿלעג זי, ממש טאַקע, טאַנצן אַרום מיין בענקל. איך פֿלעג דערפֿון האָבן, אי רחמנות אי הנאה. אַזוי האָט זי געטאַנצט ביז איך האָב געענדיקט דעם זמן. איך האָב דעם בעל הבית קיינמאָל ניט געזאָגט יאָ אָדער ניין. איך פֿלעג זיך אויסדרייען פֿון ענטפֿערן. אמת, ס'איז ניט געווען שטאַרק אַנשטענדיק פֿון מיין זייט געבן האָפֿענונג דעם טאַטן — ווייל דאָס נאַרישע־וואַטע מיידל האָט גאָרניט פֿאַרשטאַנען. איך האָב עס אָבער געמוזט טון ווייל, ווען איך זאָג אים תיכּף אָפּ, וואָלט ער מיך אָנגעהויבן רודפֿן — אַ חוץ וואָס איך וואָלט ביי אים פֿאַרלוירן די „לעקציע" — און ער, איז געווען דער איינ־ציקער מיט וועמען איך האָב מורא געהאַט אָנצוהויבן. אגב, פֿלעג איך שטענ־דיק טראַכטן, אַז אויב ער האָט חוצפּה מיר — אַזאַ טיפּ ווי איך — פֿאָר־לייגן זיין פֿאַרזעעניש, באשר בכן ער גיט נדן — קומט אים אַז איך זאָל אים „פֿירן אין באָד אַריין". לסוף, איך האָב ביי אים בשלום, געענדיקט דעם זמן די לעקציע, איך בין אָוועקגעפֿאָרן פֿון אים, צוזאָגנדיק, אַז חול המועד סוכות וועל איך ספּעציעל קומען מיט מיין טאַטן ריידן וועגן שידוך, אָנקוקן די שטוב אין האָלאָוואַניסק, און עס וועט מן הסתם עפּעס ווערן... היימישע

מענטשן פון דאָרף מיט וועמען איך האָב זיך נאָענט באַפריינדעט, האָבן מיר דערציילט, אַז ער האַלט מיך שוין פאַר זיין חתן, אַז ער וועט מיך שוין ניט אַרויסלאָזן פון די הענט, מעג אים אַפילו קאָסטן נאָך פינף טויזנט קערבלעך נדן. — געלט האָט ער געהאַט. ער האָט געהאַנדלט מיט סקאָט — און... מען האָט געלאַכט פון אים.

אין מיטן זמן האָב איך געזען, אַז איך דאַרף מאַכן אַ צווייטע רעוואָלוציע. מען האָט קיין... שכירות ניט געצאָלט. מען האָט אַלץ צוגעזאָגט אויף שפּעטער. און טאַקע אַ דאַנק אַט דעם בעל הבית, יונה וואָלף האָט ער געהייסן, וואָס האָט דער ערשטער געוואָלט אָפּנעמען זיין קינד, ווייל ער איז געווען צו אַ גרויסער „גאון" פאַר די איבעריקע שילער, און וואָס איז דערנאָך געוואָרן מיין בעסטער פריינט און „חסיד", ער האָט מיר געגעבן די עצה צו מאַכן אַ „שטרייק".

און אַ שבת האָב איך געמאַכט אַן אסיפה און זיי געגעבן 8 טעג צייט מיר באַצאָלן פאַרן גאַנצן זמן. געהייסן האָט עס, אַז אַ האַלבן זמן האָב איך געוואַרט, דעם צווייטן האַלבן זמן דאַרפן זיי שוין צאָלן פאַרויס. נאָך די אַכט טעג — לערן איך מער ניט, לאָז איבער אַלץ און פאָר אַוועק. דער „אולטימאַטום" האָט געמאַכט אַ רושם. ספּעציעל האָבן געטומלט צוויי אידן, אַז מען זאָל מיר באַצאָלן — דער ערשטער, איז געווען יונה וואָלף און דער צווייטער — מיין „צוקונפטיקער שווער", דער סקאָט־הענדלער. ער האָט פּשוט מורא געהאַט, אַז איך זאָל טאַקע אַוועקפאָרן און ער וועט פטרן אַזאַ וואוילן איידעם פאַר זיין האַרבאַטער טאָכטער. די אַכט טעג האָט זיך געמעשט אין דאָרף. איך האָב זיך, בודטע בי, גענומען פּאַקעווען די זאַכן ,יונה וואָלף, — וועלכער האָט געוואוסט, אַז דאָס געלט וועט געשאַפן ווערן — האָט מיר געליען געלט און איך האָב באַצאָלט פאַר די קעסט ביזן לעצטן טאָג וואָס איך דאַרף זיין אין דאָרף. יונה וואָלף האָט שוין געזאָרגט אַז די אידן, מיינע בעלי הבתים, זאָלן דערפון געוואוירע ווערן. עס זיינען אויך געוואוירע געוואָרן די קעגנער, די בעלי הבתים פון צווייטן לערער, וועמען מען האָט אויך ניט געצאָלט, אָבער, ער האָט געהאַט צוטרוי ביזן סוף זמן. ער איז געווען זיכער מיט זיינע שכירות, ווייל צוויי פון זיינע וויכטיקסטע בעלי הבתים זיינען געווען זיינע... פעטערס.

ענדע וואָך, זיינען געקומען צו מיר די צוויי בעלי הבתים, וועלכע זיינען געווען די גבאים פון דער שול און די „אויפזעער פון חדר", צוויי אידן, וואָס אַ חוץ אין סידור — האָבן זיי מער קיין תורה ניט געהאַט. זיי האָבן מיר געדאַרפט ברענגען 200 קערבלעך מיינע שכירות און אַ פּופּציקער פאַר די

קעסט. זיי האָבן אָבער, בלויז צונויפגעזאַמלט הונדערט פּופּציק קערבלעך.

האַלטנדיק פונעם כּלל אַז „לעולם תּקח", האָב איך צוגענומען דאָס געלט און זיי געגעבן נאָך אַכט טעג צייט צונויפנעמען נאָך אַ פּופּציקער אויף צו באַצאָלן פאַר מיינע קעסט ביז ענדע זמן. איך האָב די פּעקלעך ניט צעפּאַקעוועט, און די לעצטע טעג פון דער צווייטער וואָך, בין איך זיך אַרומגעגאַנגען געזעגענען מיט די באַקאַנטע. די אידן האָבן געזען, אַז איך מיין עס ערנסט — האָט מען געבראַכט אַ פּופּציקער פאַר די „קעסט". דערנאָך, בין איך געוואָרן געוואָרע, אַז דעם פּופּציקער האָט „געליען" מיין „קאַנדידאַט אויף שווער" — דער סקאַט־הענדלער. און אַז אויף די ערשטע הונדערט פּופּציק קערבלעך — האָט ער אויך געגעבן אַ גאַנצן פּופּציקער.

זאָל שוין דאָ, אַגב, געזאָגט ווערן, אַז דעם לעצטן פּופּציקער וואָס איז מיר נאָך געקומען צום זמן, האָב איך טאַקע ביי קהל ניט אָפּגענומען. איך בין דעמאָלט געפאַלן אויף אַ געדאַנק, צו שאַפן אַ „פינאַנץ קאָמיסיע" אויסצוהאַלטן די שולע און פאַר קאַסיר האָב איך פאַרגעלייגט און מען האָט טאַקע אויסגעקליבן מיין חשובן... סקאַט־הענדלער. און פאַר מיין אַוועקפאָרן האָט ער אויסגעלייגט „קהל" דעם פּופּציקער וואָס עס איז מיר געקומען. דאָס האָט ער מיר געוואָלט ווייזן, אַז ביי אים שפּילט קיין פּופּציקער קיין ראָל ניט.

ער פלעג טאַקע יעדער מאָל דערמאָנען דאָס רוסישע ווערטל, וועלכע אידן פלעגן נוצן:

„רוב ניע דיענעג — אי מוזשיק ניע בראַט" (אַ קערבל איז קיין געלט ניט און אַ פּויער איז ניט קיין ברודער).

דער אמת איז געווען אַ פאַרקערטער. אַ קערבל איז שוין יאָ געווען געלט. אַ סך געלט. און אַ פּויער איז גראָדע יאָ געווען אַ ברודער, פאַרשטייט זיך, פאַר זיינע פּויערים.

און דאָס שענסטע פון אַט די איבערלעבענישן מיינע אין אַט דעם דאָרף איז אַט וואָס:

פאַר מיין אַוועקפאָרן, האָב איך מיר, אויפן ווינטער, צוגעגרייט אַ נייע פּאָזיציע. אָבער שוין ניט אַלס קהלש חדר — נאָר, פּריוואַטע לעקציעס. איך האָב אויסגעקליבן זעקס פיינע און די רייכסטע בעלי הבתים פון דאָרט, זיך באַדינגען פאַר 50 קערבלעך אַ זמן יעדער איינער און איך האָב געלערנט ביי יעדערן אין דער היים צו שעה און צו אַנדערהאַלבן שעה אַ טאָג. חוץ דעם, האָט מיר יעדער בעל הבית געדאַרפט געבן אַ מאָנאַט קעסט. אַ דירה אויף צו וואוינען האָב איך געהאַט, במילא, אַ באַזונדערע, ביי אַ יונג פּאָר־פאָלק וועלכע האָבן גענומען פאַר אַ צימער צען קערבלעך דעם זמן. איך בין קיין טעפּליק

אויף ימים נוראים ניט געפֿאָרן. איך בין געווען אין אומאַן ביז נאָך שמחת תורה און דערנאָך אומגעקערט קיין „קאַמענאַיאַ קרעניצאַ", מיט אַ גויאיש פֿורל וואָס מען האָט ספּעציעל געשיקט מיך ברענגען.

דער צווייטער זמן איז שוין געווען גאָר אַנדערש. איך האָב שוין ניט געהאַט צו טון מיט אַן ערב־רב פֿון בעלי הבתים. איך האָב אויך ניט געדאַרפֿט אָנפֿירן מיט אַ חדר פֿון העכער צוויי צענדליק קינדער (נאָך אַלעמען, בין איך דאָך נאָך דעמאָלט אַליין געווען אַ קינד פֿון 15 יאָר), און איך האָב אַזוי איינגעאָרדנט מיינע לעקציעס, אַז אַנשטאָט צו לערנען אין 6 הייזער — האָב איך געלערנט בלויז אין דריי. כ'האָב צונויפֿגעפּאָרט די קינדער און זיי האָבן דעם ווינטער געהאַט אַ גרויסע פּעולה.

די איבעריקע קינדער פֿון פֿאַריקן זמן, זיינען געבליבן אָן אַ לערער. און עס האָט די טאַטעס — פֿאַרגרעבטע נפשות, וואָס האָבן ניט געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן זיי קאָסטן שכר לימוד — אַבסאָלוט ניט געאַרט. אַלנפֿאַלס האָבן זיי ניט אַרויסגעוויזן אַז עס אַרט זיי. ערשט ביי מיין ענדיקן דעם זמן, און פֿאַר מיין אַהיימפֿאָרן — האָבן זיי מיך געבעטן אַז איך זאָל ווידער קומען און ווידער מאַכן דאָס חדר און זיי וועלן מיר באַצאָלן פֿאַרויס פֿאַרן זמן דעם שכר לימוד. אָבער, איך האָב שוין וועגן דעם ניט געטראַכט...

אין משך פֿון צווייטן זמן, האָט זיך מיין באַציאונג מיט מיין „צוקונפֿטיקן שווער" אויך אַביסל אָפּגעקילט. אַלנפֿאַלס — נאָרמאַליזירט. די לעקציע ביי אים, האָב איך נאָך געהאַט, (ער פֿלעגט לערנען 2 מאָל אין וואָך און האָט זיך שוין גאַנץ נשקשהדיק געקאָנט... אונטערשרייבן אויף רוסיש, האָט שוין געקאָנט חשבונען, נאָר אַז עס איז געקומען צו אַ חשבון וועגן „חלוק" — האָט ער נאָך געהאָרעוועט און קאַליע געמאַכט אַ גאַנץ זייטל טעדראַד.

מערקווירדיק איז: „אויפֿן קאָפּ", האָט ער געמאַכט די גרעסטע און קאָמ־פּליצירטסטע חשבונות. אַז מען האָט אים געגעבן אַ זאָג, וויפֿיל איז 58 מאָל 63, האָט געדויערט ווייניקער פֿון אַ האַלבער מינוט — אַרום 20 סעקונדן, האָט ער באַרעכנט ריכטיק, אָן שום טעות.

האָט ער אָבער געדאַרפֿט מאַכן דעם זעלבן חשבון אויף פּאַפּיר, האָט עס געדויערט ביי אים 5 מינוט און — פֿאַרענדיקט מיט אַ גרייז.

איך האָב אים די גאַנצע צייט איינגערעדט אַז אין פּאַריז איז פֿאַראַן אַ שפּיטאָל וואו מען נעמט אַראָפּ דעם האָרב און מען דערקענט ניט. אָבער — מען מוז וואַרטן ווען דאָס קינד איז אַלט 20 יאָר — אַלאַ ניט, האַלט זי ניט אויס. און עס איז געבליבן, אַז מיר זאָלן וואַרטן ביז זי וועט אַלט ווערן אַט די יאָרן.

ארומגערינגלט מיט פרײַנט און מיט אַ צוזאָג אַז „אפשר" װעל איך נאָך קומען צוריק, בין איך אָפּגעפאָרן פון „קאַמענאַיאַ קרעניצאַ" און אין קעשענע האָב איך געפירט אָפּגעשפּאָרטע — 260 קערבלעך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין קײן טעפּליק אויף יום טוב ניט געפאָרן. איך בין געבליבן אין אומאַן אויף פּסח. איך האָב געװאָלט אַביסל הנאה האָבן פון דער גרױסער שטאָט, גײן אין קינאָ און זען די קאָמיטשנע בילדער פון „מאַקס לינדער" — דער דעמאָלסטיקער „קאַרליטאָס טשאַפּלין". װעגן צוקונפט — האָב איך ניט געטראַכט. איך האָב באַשלאָסן צו זוכן זיך לעקציעס אין אומאַן און בלײַבן אין דער גרױסער שטאָט. װאָס יאָ, איך האָב רחמנות געהאַט אויפן טאַטן װאָס ער װעט האָבן אַ פאַרשטערטן סדר און װעט ניט האָבן װער עס זאָל אים פרעגן די קשיות. אָבער — װאָס בין איך שולדיק? צי איז ער דען ניט שולדיק װאָס איך האָב געמוזט אַזױ יונג פאַרלאָזן זײַן שטוב. ער האָט גע־בראַכט דערצו — האָב איך זיך געטראַכט — אַז יחיאלעקל שערער זאָל אים פרעגן די קשיות.

חול המועד פּסח האָט דער ברודער מיט מיר אָפּגעמאַכט אַזױ:

איך װעל דעם זומער בלײַבן אין אומאַן. עסן און טרינקען װעל איך בײַ אים. ער װעט מיר קריגן אַ פּאָר גוטע לעקציעס און דרײַ שעה אין טאָג װעל איך „אַרבעטן" אין זײַן שולע װעלכע ער האָט געהאַט שותפות מיט נאָך צװײ לערער, אַ מין „חדר מתוקן". אין דער דאָזיקער שולע האָבן געלערנט העכער הונדערט קינדער און אַ חוץ זײ, די 3 לערער, זײַנען אויך געקומען לערער פון גאַס װעלכע האָבן געגעבן „לעקציעס" „אויף דער שעה" און לויט „ספּעציאַ־ליטעט". מײַן „ספּעציאַליטעט" איז געװען געשיכטע, פאַר די ערשטע גראַדן. אין די העכערע גראַדן זײַנען געװען תּלמידים, עלטערע פון מיר (אין יאָרן) און זײ װאָלטן ניט געהאַט קײן דרך ארץ פאַר אַזאַ יונגן לערער.

ראש חודש אייר, װען איך האָב אָנגעהױבן „אַרבעטן" אין אומאַן, האָב איך געהאַט לעקציעס און בײַ מײַן ברודער אין שולע אויף אַ סומע פון... 90 קערבלעך אַ מאָנאַט.

כדי זיך פאָרשטעלן װיפיל אַזאַ סומע האָט דעמאָלט באַטראָפן איז גענוג צו דערצײלן, אַז איך האָב געשריבן מײַן חבר און „עקס־קאָלעגע" פון פּרי־קאָזשטשיקעריי, װעלכער איז געװען עלטער פון מיר מיט 2 יאָר ניט נאָר אין די יאָרן, נאָר אויך אַלס פּריקאַזשטשיק בײַ יודעל שפּילבאַנד, און ער האָט שױן געקאָנט פאַרקויפן און אָפּשנײַדן עטלעכע מעטער לײַװנט — און ניט

פאַרשניידן אין דער זייט — אַז איך האָב אים געשריבן וויפיל איך פאַרדין ביי מלמדות — האָט ער מיר געענטפערט — אַז ער פאַרדינט אויך זייער גוט. ער אַרבעט שוין ביי שפּילבאַנדן אין „מאַנופאַקטורנע מאַגאַזין” דאָס פינפטע יאָר און פאַרדינט שוין אויך... 5 קערבלעך אַ וואָך און וואַרט אויף אַ נאַבאַוועקע.

איך האָב אָנגעהויבן מאַכן אַלע צוגרייטונגען צו מיין אָפּפאָרן קיין יפו. בריוו האָב איך באַקומען פון דאָרט זייער גוטע. מען דאַרף בלויז האָבן אויף דורכצוקומען די ערשטע עטלעכע חדשים. דערנאָך קאָן מען פאַרדינען גענוג אויף צו לעבן און לערנען. באַשלאָסן האָב איך צו פאָרן תיכף נאָך ראש השנה. איך האָב שוין אַפילו געוואוסט, אַז קיין סך קאָסטיומען דאַרף מען ניט אַהין. אַז קיין ווינטער מלבושים — אויך ניט. מען דאַרף נאָר האָבן עטלעכע פּאָר... קורצע הויזן און העמדער מיט קורצע אַרבל.

שבועות איז יענץ יאָר אויסגעפאַלן זונטיק און מאָנטיק, (אַזוי דוכט מיר). באַשלים איך פאָרן קיין טעפּליק אויף יום טוב. איך האָב זיך געוואָלט געזעגענען מיט דעם קליינעם שטעטל, מיט מיין געבורט־שטוב, — איך בין געווען זיכער, אַז מער וועל איך זי ניט זען. און כ'האָב טאַקע געוואָלט זיך אַ באַרים טון מיט מיין נייעם קאָסטיום, מיט די שיך פון ברייטע „נאָסקעס”, וואָס זיינען נאַרוואַס אַרויס די מאָדע און וואָס האָבן געקאָסט פינף קערבלעך, אָבער זיינען געווען אמתע כראָמאָווע (אַזאַ מין לעדער). כ'האָב שוין דעמאָלט געטראָגן אַ שוואַרץ שליאַפּקעלע מיט אַ ווייסן, האַרטן קאָלנער, און דאָס „אוי־בערהעמד” איז געווען מיט אַ גאַנצער „מענישקע”, ניט פון אָט די קליינ־שטעטלדיקע וואָס מען דאַרף ערשט אָנטון צו זיין אַ „הערצל”. היינט דער באַנטיק מיינער. געקויפט אויפן „קרעשטשאַטיק” און באַצאָלט זעכצן קאָפּקעס.

געפאָרן אַהיים, בין איך מיטן באַן, און פאַרשטייט זיך מיט צווייטע קלאַס (שוין אַנדערש ניט געוואָוינט!). אין זעלבן באַן זיינען געפאָרן שיינע טעפּליקער בעלי הבתים, אידן גבירים, אָבער יענע זיינע געפאָרן דריטע קלאַס.

פאָרן פאָרן מיטן „צווייטן קלאַס”, האָב איך געהאַט מיט מיין ברודער אַ גאַנצן וויכוח (דיסקוסיע). איך האָב געהאַלטן אַז ווען אידן זעען, אַז דו פאָרסט, ניט ווי אַ שלעפּער, נאָר ווי אַ „גראַף” — באַקומט מען צו דיר מער דרך ארץ. בכלל האָבן אידן דרך ארץ פאַרן וואָרט „ערשטע” אָדער „צווייטע” קלאַס. און אַזוי, אין אַ געלעכטער, האָב איך אים געזאָגט, אַז עס איז אַפילו אַ מעלה צו... אַ שידוך. מען וועט דיר ניט ריידן אַבי וועלכן „שלעפּערישן” שידוך ווען מען ווייסט אַז דו פירסט זיך רייך, גרויסשטעטיק.

מיין ברודער האָט געהאַט אַ צווייטע מיינונג. ער האָט געהאַלטן, אַז

אידן האָבן ליב יענעם, וואָס טוליעט זיך נעבן זיי, אַז ווען אַ איד זעט, אַז אַן אַרימערער פון אים לעבט שענער פון אים — טוט ער אים ניט נאָך, נאָר ער... ווערט אים אַ שונא.

אין אַ געוויסן זינען איז מיין ברודער געווען גערעכט. ווען דער באַן איז אָנגעקומען קיין קובליטש ד. ה. צו דער טעפּליקער סטאַנציע, און איך האָב געדאַרפט נעמען דעם בעל עגלה, צו פאָרן אין שטעטל, האָבן די אידן — מיט מיר אין פייטאָן, — געמאַכט אומדירעקט חוזק פון מיר. מען האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי פאָרט זיך אין צווייטן קלאַס, און צי קומט מען אָן שנע־לער... אַן אַנדערער האָט פאַרזיכערט, אַז ווען מען גיט אים אומזיסט אַ בי־לעט פון צווייטן קלאַס, נעמט ער אים ניט, ווייל ער וואָלט פאַרנודיעט גע־וואָרן...

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין די אידן ניט געבליבן שולדיק קיין ענטפער, און זיי, צווישן אַנדערע זאַכן, געזאָגט אַז זיי פאָרן ניט ווי אַ מענטש, מיטן צווייטן קלאַס, ווייל זיי זשאַלעווען דאָס געלט, וואָס זיי דענקען זיכער, אַז זיי וועלן עס מיטנעמען מיט זיך אין קבר אריין. איינעם פון זיי אַ בכבודיקן טעפּליקער בעל הבית, דוד ווייס, האָב איך געזאָגט, אַז מען זאַמלט אָן אַ סך טויזנטער — איז מען נאָך אַלץ ניט זיכער צי ביים טויט, וועט סטייען אויף תכריכים... איך האָב אין אַזאַ שעה אויסגערעדט. שפּעטער מיט זעקס יאָר, האָבן אים די באָלשעוויקעס אַרעסטירט — צוזאַמען מיט נאָך אידן — געפּונען בא אים פאַרשידענע געלטער וואָס זיינען דעמאָלט געווען פאַרבאָטן (ניקאָלאַיעווער, קערענסקיס, פּעטליוראַס) און אים תיכף דערשאָסן און... באַגראָבן מיטן אָנטון ערגעץ אויפן פעלד.

אין טעפּליק בין איך געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. געגאַנגען שבת שפּאַצירן, זיך געגריסט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ מיט אַזעלכע מיט וועמען איך בין געוואַקסן געוואָרן צוזאַמען אָבער... קיינמאָל ניט גערעדט. אַ שאָד וואָס איך בין געקומען אויף אַזאַ קורצער צייט. מיר וואָלטן אויפגעפירט „קאָלדוניא". די חברים האָבן שוין געוואוסט, אַז איך פאָר קיין יפו און עס איז געבליבן, אַז איך וועל פון דאָרט אַרויסשרייבן אַלץ פאָדראָבנע און נאָך חברים וועלן פאָרן.

דעם ערשטן טאָג שבועות האָט מען מיר — אין דער בראַסלאַווער קלויז וואו דער טאַטע האָט געדאַוונט — געגעבן אַן עליה, און איך האָב מנדב געווען חמשה ר"ך. אַזאַ סומע האָט דאָס גאַנצע לייענען פוןביידע טעג שבועות ניט אריינגעבראַכט. דער טאַטע האָט דערנאָך געזאָגט, אַז איך בין אַן אויסברענגער, אַז איך האָב שיטערע פינגער, אַז ביי מיר וועט זיך קיין

געלט קיינמאָל ניט האַלטן. (ער האָט, נעבעך, אַלץ געטראָפן). איך האָב מיר געהאַט מײַן מיינונג וועגן אַזעלכע זאַכן. איך האָב אַלץ געהאַלטן פונעם כּלל „די שונאים אויף צעפּיקעניש" (וועלכע שונאים? האָב איך אַלץ ניט געוואוסט).

דעם צווייטן טאָג שבועות האָט אָבער געטראָפן מיט מיר אַ גרויסער אינצידענט. יענעם טאָג, קאָן איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

אַז מען האָט זיך גענומען „לייענען", און אַזוי ווי איך האָב געוואוסט, אַז עולה תורה זײַן, דאַרף איך דאָך ניט, וואָס זשע האָב איך צו טון אין קלויז? הערן די „נאַרישע" פּאָליטיק פון די אידן אין „פּאָליש"? הויב איך זיך אויף מיט מײַן חבר איציק גדליה מלמדס, און מיר גייען אַוועק שפּאַצירן, ריידן אַביסל. און ריידן האָבן מיר געהאַט פון וואָס.

מיר האָבן זיך אַביסל פאַררעדט, און ווען מיר זײַנען צוריק אַרײַן אין קלויז — איז מען שוין געשטאַנען די מוסף שמונה־עשרי. באַלד נאָכן „אויס־שטיין" די שמונה עשרי, קומט צו דער טאַטע און איידער איך האָב נאָך געהאַט צײַט זיך אַרומקוקן, לאָזט ער מיר אָפּ... צוויי פײַערדיקע פּעטש און דערבײַ גיט ער אַ זאָג:

דאָס האָסטו, פאַרן ניט זאָגן קיין „יזכור", נאָך דער מאַמען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב גאָר פאַרגעסן אַז מען דאַרף זאָגן יזכור. איך בין טאַקע געווען שולדיק. אָבער, אַזוי פאַרשעמען מיך, מיך דעם גרויסן פאַרדינער, מיך, דעם פאָרער פון „צווייטן קלאַס" מיך, דעם בחור פון קרוב צו 16 יאָר צו וועמען מיידלעך חנדלען זיך שוין! מיך — דעם צוקונפטיקן שילער פון דער הערצל־גימנאַזיע, האָט מען ניט געדאַרפט!

עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. די פּעטש האָבן אָפּגעהילכט ווי פון אַ גלאָק. איך האָב גאָרניט געזאָגט, אויפגעהויבן מײַן שליאַפּקעלע וואָס איז אַראָפּגעפאַלן און אַרויסגעגאַנגען פון דער קלויז. איך אַוועק צום פּעטער מאָטיען.

צו די באָקן האָב איך געדאַרפט לייגן קאַלט וואַסער. איין באַק איז גוט געשוואָלן געוואָרן. דער פּעטער מאָטיע האָט געוואָלט גיין צום טאַטן „אים מאַכן אַ וויסטן סוף", איך האָב ניט געלאָזט. אגב, האָב איך געזאָגט אַז דער טאַטע איז גערעכט. ער האָט נאָר איבערגעכאַפּט די מאָס. ווען ער גיט מיר די צוויי פּעטש אין דער היים — קיינער זאָל ניט זען — וואָלט מיך ניט געאַרט און עס וואָלט מיך אַפילו ניט פאַרדראָסן, ווײַל, אין תוך גערעדט —

בין איך ווערט געווען דעם שטעקן פאַר ניט זאָגן קיין „יזכור״. אָבער, מיך מבייש שטעלן אויף אַזאַ אופן — דאָס אויך ניט.

איך בין אָפּגעוועזן ביים פעטער מאָטיען דעם טאָג. געגעסן האָב איך שוין ניט. איך האָב קיינעם פון מיינע חברים ניט געוואָלט זען. אויף דעם צווייטן טאָג, פאַרטאָג נאָך, האָב איך געכאַפּט דעם ערשטן בעסטן פייטאָן און בין אַוועק פון טעפּליק.

אין צוויי חדשים אַרום איז דער טאַטע געקומען קיין אומאַן מיך איבער־בעטן. אגב, האָב איך דעם ברודער פון דעם אַלעמען ניט דערציילט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין שוין געווען גרייט מיט אַלץ און אַלעמען צו דער רייזע. אָבער — אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער אין אַן עסטרייכישער שטאָט — האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע מיינע חלומות, צו אַלע מיינע פּלענער, צו די חלומות און רואיקייט פון טויזנטער און מיליאָנען מענטשן אין רוסלאַנד און אויף דער גאַנצער וועלט. דער דאָזיקער שאָס — אויפן עסטרייכישן קרוין־פּרינץ אין סאַראַיעוואָ, האָט אויך געמאַכט אַ סוף צו דער צאַרישער דינאַסטיע און האָט צעטרייסלט רוסלאַנד און מיט איר — די גאַנצע וועלט.

ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צי קאָן מען אָט דעם טאָג פאַרגעסן? צי קאָן מען פאַרגעסן די פּלאַקאַטן וואָס זיינען דעמאָלט אויסגעקלעפּט געוואָרן אין די גאַסן מיט דעם באַקאַנטן נוסח:

מי, ניקאָלאַי וטאָראַי (מיר, ניקאָלאַי דער צווייטער) דער זעלבסטהער־שער פון רוסלאַנד, דער קיסר פון פּוילן, דער הערשער פון פינלאַנד א. א. וו. דערקלערן מלחמה דער עסטרייכישער מלוכה א. א. וו.

אין זעלבן „מאַניפעסט״ האָט מען געמאָלדן, אַז מען וועט געבן פּוילן זעלבסטפאַרוואַלטונג.

דעם צווייטן טאָג ווערט אַרויסגעהאַנגען אַ צווייטער „אוקאַז״. עס ווערט דערקלערט אַלגעמיינע מאָביליזאַציע.

עס האָט אַ ציטער געטון די נשמה. אַלגעמיינע מאָביליזאַציע הייסט, די געוועזענע סאָלדאַטן און די יעניקע וועלכע האָבן געהאַט „רויטע״ בילעטן (רעזערוו) און זיינען עלטער פון 21 ביז 43 יאָר, דאַרפן זיך צושטעלן צום וואָאינסקי נאַטשאַלניק. דער ברודער האָט טאַקע געהאַט אַ „גרינעם״ בילעט.

דאָס הייסט „ניע גאָדיען" — ער טויג ניט. אָבער ווער ווייסט וואָס מאָרגן וועט זיין. מלחמה איז קיין שפּילעכל ניט. די איינציקע טרייסט איז געווען, די מלוכות וועלן זיך גיך איבערבעטן און די גאַנצע מלחמה וועט דויערן דריי חדשים.

די אידישע באַפעלקערונג פון אומאַן איז דערווייל געווען איבערגע־שראָקן. אַ חוץ דעם וואָס אין יעדער שטוב איז געווען אַ „קאַנדידאַט" אויף סאָלדאַט. אַ „רויטן" בילעט איז לייכטער געווען צו קריגן ווי אַ גרינעם. ווען מען האָט זיך געשטעלט צום פּריזיוו, און די גרעסטע טייל געזונטע אידן זיינען טאַקע געווען אָדער — עקס־סאָלדאַטן, אָדער „רויטע" בילעטניקעס. אַלזאָ, אַ חוץ דעם אַלעמען, האָט געשמעקט מיט... פּאָגראָם. די גויים פון אַלע דערפער אַרום און פון אומאַן גופא, וועלכע האָבן זיך געשטעלט צום וואָאינסקי נאַטשאַלניק, זיינען געווען טויט שיכור. ביים אַרויספאָרן פון דאָרף האָט מען זיי מיטגעגעבן גאַנצע עמערס מיט בראָנפן. זיי זיינען גע־פאָרן אויף די וועגענער און האָבן געזונגען, געשריגן „דאָ סווידאַניאַ" (צום ווידערזען). זיי פאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן בלויז, זיי וועלן דעם דייטש אָנברעכן די ביינער, דעם אַסטריאַקאָ, וועלן זיי אויסדרייען די הענט און פיס און וועלן אים שוין ווייזן אַז ער זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן ניט צו באַליידיקן אַ „פּראַוואָ־סלאַוונע" — די סערבן.

פאַרנדיק מיט די גאַסן פון שטאָט, האָבן זיי בכלל ניט געקאָנט פאַר־שטיין וואָס דרייען זיך נאָך אַרום אַזויפיל זשידעקלעך אין גאַס, פאַרוואָס זיינען אָפן די קלייטן? אָט, האָבן זיי ניט פאַרענדיקט זייער „זשניוואָ" (שניט), איבערגעלאָזט דאָס ווייב און די כודאָבאָ (בהמות) אויף הפקר און פאָרן פאַרטיידיקן דעם צאַר אי ראָדינאַ (פאָטערלאַנד) און די אידן דרייען זיך גאָר דאָ אַרום... נו, דאַרף מען ניט אָנברעכן די אידן די ביינער?

קיין פאָגראָם איז טאַקע ניט געווען. נאַטשאַלסטוואָ האָט דערווייל ניט געוואָלט. אָבער אַז מען האָט אויפן וועג פאַרנדיק אָנגעטראָפן אַ אידן — האָט מען געגעבן קלעפּ. און — די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ בית הקברות. מען האָט אויף שנעל פאַרמאַכט די קליימן און מען האָט זיך אין גאַס ניט געוויזן. איז ווידער שלעכט. האָבן די גויים, די „נאַוואָבראַנצעס", צווישן וועל־כע עס האָבן זיך שוין געפונען מענטשן אין די יאָרן, דאָס אויסגעטייטשט, אַז די אידן פאַרמאַכן די קלייטן כדי זיי, די פאַרטיידיקער פון צאַר באַטיוש־קאָ, זאָלן ניט האָבן וואו עפּעס צו קויפן אויפן וועיטן וועג — און מען האָט אָנגעהויבן ברעכן טירן.

אזוי זיינען אוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג. טעג פון שרעק און יאוש, טעג פון מורא פאַר דער נאַכט און נעכט פון מורא פאַרן טאָג.

אינצווישן ווערט מען געוואויר אַז די דייטשן זיינען שוין אריבער די פוילישע גרענעץ און האָבן שוין אָנגעהויבן אַפּנעמען פוילישע שטעט. מען ווערט שוין אויך געוואויר — כאָטש ס'איז געווען אַ שטרענגע צענזור אָבער דער רעגירונג האָט זיך געלוינט אַז מען זאָל וויסן — אַז די פּאָליאַקן פּאַראַטן דאָס פאָטערלאַנד, באַגעגענען די שונאים מיט ברויט און זאַלץ. ניקאָלאַי ני־קאָלאַיעוויטש ימח שמו וזכרו ווערט באַשטימט פאַר אויבערקאָמאַנדיר פון די רוסישע חילות. מען האָט געוואוסט, אַז אָט דער פעטער פון קיסר איז אַ גוואַלדיקער שונא ישראל. דאָס וואַרפט אָן נאָך מער שרעק.

דאָס לעבן אין שטאָט איז פּאַראַליזירט. ווער דענקט צו שיקן די אידי־שע קינדער אין די שולעס? ווּעמען ליגט אינזינען צו גיין אויף לעקציעס? אָט, האָט מען גאָר, איין טאָטן פון מיינעם אַ שילער, צוגענומען מיט זיין „רויטן בילעט" און אַ סברא אַז... ער איז שוין אין „פּלען". ער איז געווען אַ בוכהאַלטער און גוט פאַרדינט. ווען מען האָט אים צוגענומען, האָט די פרוי און קינדער, דעם צווייטן מאָנאַט ניט געהאַט פון וואָס צו לעבן.

איך וויל שוין איבערלאָזן מיין קנעלעכטס מיט די פּלענער, מיט די גליקן און אַהיימפאָרן קיין טעפּליק. איך וואַרט אָבער. פאַרט די לעצטע חדשים פון זמן, אפשר וועל איך איינמאָנען וואָס מען איז מיר נאָך שולדיק. חוץ דעם, דאָ, אין אומאַן, זיינען פאַראַן ציימונגען אַלע טאָג, מען לייענט זיי דעם זעלבן פרימאָרגן, און — אויף וויפל די צענזור דערלויבט — ווייסט מען כאָטש עפּעס.

דאָרט, אין קליינעם שטעטל, באַקומט מען די צייטונג אויפן דריטן טאָג, ווען די ידיעות זיינען שוין „אַלטגעבאַקענע" און דאָ, ווילט זיך אַזוי וויסן וואו מען האַלט אין דער וועלט?

ווי אַזוי איז געווען די אידישע שטעלונג צו דער מלחמה?

איך מוז דאָ מאַכן אַ שטיקל דערקלערונג. ווען מיין ערשטער בוך „טעפּ־ליק, מיין שטעטעלע" איז דערשינען, און ווען איך האָב דאָרט אָנגעוויזן ווי אַזוי אידן האָבן געטון אַלץ אין דער וועלט אויף ניט צו גיין „דינען", האָבן פריינט לייענער, מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך, אַ איד, דאַרף ניט דאָקומענטירן אַז אידן האָבן זיך אויסגעדרייט פון צו דינען דעם „פאָטער־לאַנד". איך האָב זיי דעמאָלט געענטפערט, און זאָג עס איצט ווידער:

— יאָ אמת במה דברים אמורים?—ווען דאָס „פאָטערלאַנד" איז אַ פאָ־טערלאַנד!

דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען ערגער ווי אַ שטיפמוטער (און וואָס אַ שטיפמאַמע הייסט? — פרעגט מיך). אַ „פאַטערלאַנד", וואָס האָט פּאַגראָ־מירט אירע אייגענע קינדער; אַ „פאַטערלאַנד", וואָס דער איספּראַווניק האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זיינע אידעלעך, פאַרוואָס ער „מוז" לאָזן מאַכן אַ פּאָג־ראָם, האַקן שויבן, שענדן פרויען, אַרויסלאָזן די פעדערן, ווייל ער האָט באַ־קומען אַזאַ באַפעל, און אויפן דריטן טאָג האָט ער געשיקט דעם אוריאַדניק אָדער „קאָלאַדאָטשני" זאָגן, אַז מען מעג שוין אַרויסגיין, ווייל ער האָט שוין באַקומען דעם באַפעל אָפּשטעלן דעם פּאָגראָם; אַ „פאַטערלאַנד" וואָס רופט די קינדער מען זאָל גיין זיך שלאָגן און עס פאַרטיידיקן, און ווען די קינדער קומען זיך צונויף צוזאַמען — טיילט מען זיי אין צוויי קלאַסן: איין קלאַס, וואָס האָט אַלע פּריווילעגיעס און די פּריווילעגיע צו שלאָגן... דעם צווייטן קלאַס, זייערע אייגענע חברים אין קאַמף — די אידישע סאָלדאַטן. ניין, אַזאַ פאַטערלאַנד האָט מען ניט געדאַרפט פאַרטיידיקן. אויף אַזאַ „פאַ־טערלאַנד" האָט מען געמעגט בעטן די מפּלה. און אַז עס פלעגן אָנקומען ידיעות פון שלאַכטפעלד אַז מען גיט פּאַניען קלעפּ — האָט מען זיך מחיה געווען.

די גרעסטע נקמה אין פּאַניע גנב האָט מען געהאַט ווען זיינע פּראַוואָ־סלאַוונע ברידער — די בולגאַרן האָט זיך פאַראייניקט מיטן שונא און דער־קלערט מלחמה דער „מאַטושקאַ ראַסיאַ". מען האָט געקריצט מיט די ציין און מען האָט אַפילו ניט געקאָנט זאָגן, אַז די בולגאַרן זיינען... אידן. אויף די עסטרייכער האָט מען עס געזאָגט. די אידן האָבן געפילט אַ טיפע ליבע און סימפּאַטיע צו עסטרייך בכלל און צו פראַנץ יאָזעפן בפרט ווענען מען האָט גערופן מלך חסד און וועגן וועמען מען האָט זיך אָנגעדערציילט טויזנ־טער לעגענדאַרישע מעשיות, ספּעציעל זיינע טרעפעניש מיט די אידן. מען פלעגט דערציילן די מעשה מיט זיין טרעפן זיך אין אַ גאָרטן שפּאַצירנדיק מיט מאָטל סטאָליאַר, וועלכער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט דערקענט אַז דאָס איז פראַנץ יאָזעף. דער קיסר פרעגט אים וואָס איז זיין באַשעפטיקונג?

ענטפערט ער: — אַ סטאָליאַר.

דער קיסר גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, און גיט אַ זאָג:

— נו, ניט קיין שלעכטע מלאכה. מען קאָן האָבן פּרנסה פון איר.

גיט אַ פרעג מאָטל דער סטאָליאַר פראַנץ יאָזעפן:

— און וואָס איז אייער באַשעפטיקונג?

ענטפערט ער: — אַ קיסר!

מאַכט מאָטל: — נו, מילא, אויך אַ פֿיינע באַשעפֿטיקונג. מען קען אויך האָבן פּרנסה פֿון איר.

און אַט, קענגן אַט דעם קיסר, װײל מען, אַז אַ איד זאָל זיך שלאָגן, זאָל העלפֿן פֿאָניע גנב, ספּעציעל ניקאָלאַי ניקאָלאַיעװיטשן, דעם ביטערן שונא ישׂראל, — אים באַזיגן די דײַטשן, די עסטרײַכער, דעם קעניג פֿראַנץ־יאָזעף.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין אויף די ימים נוראים אַהײמגעקומען. איך בין שוין ניט געפֿאָרן מיטן „צװײטן קלאַס". אינעם צװײטן קלאַס זײַנען געפֿאָרן בלויז אָפֿיצירן אָדער זײערע פֿאַמיליעס. בכלל איז שוין געװען ניט זיכער צו פֿאָרן מיטן באַן — און נאָך װײניקער זיכער איז געװען צו פֿאָרן מיט די בעל־עגלות. בײַ די באַנען זײַנען שטענדיק געשטאַנען עשעלאָנען מיט סאָלדאַטן װעלכע מען האָט, אין אײַלעניש, געשיקט צום פֿראָנט. עס איז געװען אַ גרויסע אומאָרדענונג. מען האָט טאַקע מאָביליזירט אַ מיליאָן סאָלדאַטן; מען האָט אָבער „פֿאַרגעסן" אָנצוגרײטן פֿאַר זײ שינעלן, שטיװל און אַפֿילו היטלען. די צאַרישע רעגירונג מיט אירע מיניסטאָרן זײַנען געװען קאָרומפּירט און דורכגעפֿוילט פֿון אויבן ביז אַראָפּ.

די עשעלאָנען זײַנען געפֿאָרן, אָבער עפּן האָט מען זײ ניט אָנגעגרייט. נו, זײַנען זײ באַפֿאַלן שטעט, שטעטלעך, הײַזער, קראָמען, און האָבן גערא־בעװעט עסנװאַרג. טעפּליק האָט געהאַט מזל װאָס די באַן־סטאַנציע האָט זיך געפֿונען זיבן װערסט פֿון שטעטל און די סאָלדאַטן האָבן ניט געקאָנט אַראָפּגײן אַ „גולייע" טון. נו איז מען באַפֿאַלן די פּאַסאַזשירסקע װאַגאָנען און באַראַבעװעט װעמען מען האָט געפּאַקט. מען האָט אויסגעטון נאַקעט און צוגענומען דאָס אונטערשטע װעש.

דאָס זעלבע, עטװאָס װײניקער, איז געװען צו פֿאָרן מיט דער אַקס. מען האָט זיך אָנגעטראָפֿן אויף „נאַװאַבראַנצעס" און דאָס לעבן איז געװען אײַנגעשטעלט. און אַז מען איז געקומען אַהײם פֿון אַ יאַריד אָדער װײטערן װעג, האָט מען געבענטשט גומל.

דעם ערשטן טאָג ראש השנה, װען די אידן זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון שול האָבן זײ געהאַט אַ נײַעם סורפּריז. מען האָט געטראָפֿן אויסגעקלעפּט פּלאַקאַטן אַז די יעניקע װעלכע זײַנען געבוירן געװאָרן אין יאָר 1894 דאָס הייסט, די װעלכע זײַנען אַלט 20 יאָר, און דאַרפֿן זיך ערשט שטעלן צום פּריזיװ אין אַ יאָר אַרום — דאַרפֿן זיך אין משך פֿון דרײַ טעג צושטעלן צום װאָאינסקי נאַטשאַלניק קיין הײַסין.

א נייע יללה. געווען א סך אידישע קינדער אזעלכע, וועלכע האבן זיך ניט געריכט אז זיי וועלן אזוי שנעל דארפן זיך „שטעלן" און מען האט זיך ניט „צוגעגרייט". אייניקע פון זיי, האבן נאך אוספייעט צו מאכן זיך א קליי־נעם חסרון, אנדערע האבן זיך צוגעשטעלט און מען האט זיי אפילו רעכט ניט באטראכט — סיידן גאר א קאליקע — און זיי תיכף געשיקט אויפן פראנט. צווישן זיי איז אויך געווען מיין עלטערער שטיפברודער, וועלכער האט געהאט דאס מזל, גלאט צו פיגורירן אין פאספארט אז ער איז עלטער מיט דריי יאר און מען האט אים צוגענומען. שמחת תורה איז אנגעקומען פון אים א בריוו פון... „פלען". מען האט אים גלייך געשיקט צום דייטשן פראנט אלס... קוכער. ווי נאר זיי זיינען געקומען צום פראנט — דער גאנ־צער פאלק, — האט מען קיין איין שאס ניט געגעבן, זיי ארומגערינגלט און פארנומען אין פלען. דער פאלקאווני קאמאנדיר זייערער איז געווען א ריי־נער, כשרער... דייטש.

אין יענער צייט האט איבער גאנץ רוסלאנד אנגעהויבן קלינגען די גע־שיכטע מיט דעם זשאנדארמסקי פאדפאלקאווניק מיאסאיעדאוו. די רוסישע אידן — די טעפליקער צווישן זיי — וואלטן פון דער גאנצער געשיכטע גע־האט וואזשנע הנאה. עפעס א קלייניקייט! א העכט־רוסישער אפיציר, א קרוב למלכות, א גאר, גאר נאענטער פריינט אדער קרוב פון קריגס־מיניסטער סו־כאמלינאוו איז געפאקט געווארן ביי דער האנט אז ער איז א שפיאן. און אז א דאנק זיין שפיאנאזש, איז א גאנצע רוסישע ארמיי, צעשלאגן געווארן אדער אריין צו די דייטשן אין פלען. דאס ווארט מיאסאיעדאוו און סוכאמלי־נאוו, זיינען געלעגן ביי יעדערן אין מויל. און כאטש די ציימונגען האבן דעם ענין צעשמירט אין דער לענג און אין דער ברייט, האבן מיר — רוסישע אידן פון די גרויסע און קליינע שטעטלעך, — עפעס ניט געגלויבט אין דער גאנצער געשיכטע. און מיר האבן געהאט א מאטיוו ניט צו גלויבן, אז מיא־סאיעדאוו איז געווען א שפיאן, ווייל אלס שותפים צו זיין שפיאנאזש האט מען צוגעטשעפעט עטלעכע אידן, באוואוסטע, גרויסע סוחרים פון ליטע אדער ליבאווע. אז א רוסישער אפיציר קאן זיין א שפיאן פאר די דייטשן — אין דעם האט יעדער איינער געגלויבט. א סימן, אפילו די צאריצא אלעקסאנדרא פיאדאראוונא, ניקאלייטשיקס ווייב איז געווען א שפיאנקע פאר די דייטשן. אבער אז א רוסישער פאלקאווניק זאל געפינען אידן, — און נאך וואס פאר א אידן, אלס שותפים צו זיך, — דאס זיינען מיר געווען זיכער אז עס איז א בלבול. און כאטש די צענזור איז געווען גרויס, און כאטש מען האט וועגן דעם ניט געשריבן, האט מען אין קלויז דערציילט שטוינענדיקע פאקטן וועגן

מיאַסאָיעדאָוון, וועגן סובאָמלינאָוון, וועגן קיסרס פעטער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, און אַז די גאַנצע געשיכטע איז גאָר פאַרקאָכט געוואָרן צוליב סובאָמלינאָווס יונג ווייבל (סובאָמלינאָוו איז געווען אַ זקן) אין וועלכעביידע — אי מיאַסאָיעדאָוו אי ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש זיינען געווען פאַרליבט און, בדי אים פטור ווערן, האָט מען אים אונטערגערוקט אַ געשיכטע מיט אַ שפּיאָנאַזש אַפּערע, מיט אידישע שפּיאָנען און... גיי פאַרענטפער זיך.

און ווען מען איז אַרום פּורים־צייט, געוואוירע געוואָרן אַז מען האָט מיאַסאָיעדאָוון געפונען שולדיק און מען האָט אים, מיט נאָך דריי (אָדער דרייצן) אידן אויפגעהאַנגען אין וואַרשעווער קרעפּאַסט, איז אויף טעפּליקער אידן אָנגעפאַלן אַ מורא. דער „קיעוולינאַנין" האָט געמאַכט פון דער גאַנצער געשיכטע אַ אידישן ענין. געהייסן האָט עס, אַז מיאַסאָיעדאָוו איז טאַקע געווען אַן ערלעכער כשרער רוס. נאָר וואָס דען? די אידן האָבן אים אונטערגעקויפט, אים געגעבן שווערע הונדערטערטער טויזנטער רובל, ער זאָל פאַראַטן די מאַטושקאַ ראָסיאַ. אַ סימן, וואו האָט זיך גענומען צו אַזאַ פּשוטן פּאָלקאָווניק אַזאַ רייכקייט וועלכע מען האָט ביי אים געפונען?

איז אָבער געקומען אַן אַנדער צד אין... קלויז און געלערנט דעם פּשט פאַרקערט.

זיי האָבן געטענהט, אַז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש ימח שמו, האָט גע־דאַרפט האָבן אַ תירוץ פאַר זיינע מפּלות אויפן פראָנט, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט זיך אַ נדר געטון אַז ער מוז פאַרטיליקן אַלע זשידעס פון רוס־לאַנד. און אַזוי ווי גלאַט אין דער וועלט אריין זיך טשעפּען, האָט ער ניט געקאָנט, און ווען ער זאָגט אַז ביי אים אין גענעראַל שטאַב זיינען פאַראַן שפּיאָנען, אָדער ווען ער זאָגט אַז אַ דאַנק די אידן פאַרלירט ער איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערע, וואָלט מען פון אים געלאַכט. האָט ער גענומען אַ רוסישן אָפיציר, אַן אומשולדיקן מענטשן, און אים געבראַכט פאַר אַ קרבן, אבי ער זאָל קאָנען הענגען די פאַרנעמסטע אידן פון רוסלאַנד און אבי, ער זאָל קאָנען אָנהויבן ארויסטרייבן די אידן פון די פראָנט־שטעט, בעסער געזאָגט, פון די ערטער וואוהין דער פראָנט זיך געהאַלטן אין איין רוקן און רוקן. אַזוי אַרום, אַז די ידיעה פון אויפהענגען מיאַסאָיעדאָוון, איז פאַר די רוסישע אידן געווען אַן אָנזאָג פון צרות... און אַזוי איז טאַקע געווען.

די לאַגע אויפן פראָנט איז געוואָרן ערגער, און אין שטאָט איז געוואָרן רואיקער. טאַקע, כל זמן די גוים האָבן געמיינט אַז זיי „פאָרן זיך דורך"

אָנפּאַטשן דעם „ניעמעץ״ און קומען באַלד אַהיים, מיט אָנגערויבט האָב און גוטס פון די דייטשע שטעט; כל זמן זיי האָבן געמיינט אַז זיי גייען... אָפּ־שערן ווילהעלמען די וואָנצן זיינע, זיינען זיי געווען כראַברע.

ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער דייטש גיט קלעפּ. אָט האָבן צוויי טערקישע שיפן באָמבאַרדירט אָדעס און זיינען זיך רואיק צוריק אַוועק־געפאָרן. פאָניע וואָלט אויך באָמבאַרדירט קאָנסטאַנטינאָפּאָל — דאַרף מען אָבער דורכפאָרן די דאַרדאַנעלן, דעם באָספּאָר. און דאָס איז ניט פאַר זיינע ציין. אָבער, — אַזוי האָבן זיך די אינטעליגענטערע גויים באַרימט, — אַז מיר וועלן צעקלאַפּן דעם דייטש און דעם טערק, וועלן מיר אי די דאַרדאַנעלן אי קאָנסטאַנטינאָפּאָל צונעמען פאַר אונז.

טעפּליקער אידן האָבן זיך אויסגעלעבט אַ גאַנץ לעבן, האָבן חתונה גע־מאַכט קינדער און געטאַנצט ביי אייניקלעך אויף דער חתונה, און האָבן ניט געוואוסט פון קיין „דאַרדאַנעלן״, האָבן אפילו ניט געקאָנט רעכט, נאָכריידן דעם נאָמען. פּלוצים, ווערן זיי גאַנץ היימיש מיט אָט די דאַרדאַנעלן, ווערן גאַנצע „סטראַטעגן״, דערציילן מיט אַלע פּישטשעווקעס ווי אַזוי די דאַרדאַ־נעלן זעען אויס, ווייזן אָן אויף דער דאָלאָניע פון דער האַנט ווי אַזוי אַ שיף פון אַ שונא וואָס וויל זיך דורכרייסן דורך די דאַרדאַנעלן, לאָזט מען זי אַריין. און ווי נאָר זי איז שוין גוט אינעווייניק — און אויסדרייען זיך קאָן זי דאָרט ניט — אַזוי גיט מען פון ביידע זייטן אַ קאָמאַנדעווע, אויף טער־קיש, פאַרשטייט זיך: פייער! און פון דער שיף ווערט „פּוך און פּראַך״, אפילו קיין זכר בלייבט ניט. ווי אַזוי דער טעפּליקער איד האָט געקאָנט... טערקיש און האָט געוואוסט וואָס מען גיט אַ קאָמאַנדעווע? — דאָס האָט מען ניט געדאַרפט פרעגן.

ווי געזאָגט איז אין שטאָט און אויף די וועגן געוואָרן רואיקער. עס גייען שוין ווייניקער „עשעלאָנען״ צום פראָנט און עס גייען שוין מער עשעלאָנען פונעם פראָנט. די וואָס פאָרן פונעם „יאַריד״ ווי טעפּליקער אידן פלעגן זיי אָנרופן, זיינען געווען עשעלאָנען מיט „געראַניעטע״ (פאַרוואונדעטע). ביי אַ סך האָט שוין געפעלט אַ פוס, אַ האַנט, אַן אויג. די שטימונג ביי די גויים איז שוין געווען דערשלאָגן, ווילנדיק ניט ווילנדיק האָבן זיי אַ טראַכט געטון, און אפשר וועט זיין פאַרקערט? מען האָט פאַרלוירן די זיכערקייט אין זיך און מען האָט, דערווייל, געלאָזט די אידן צו רו.

אגב, איז איצטער איטלעכער שוין געווען זיכער אַז די מלחמה וועט זיך גיך ענדיקן. מען האָט דערציילט, אַז די קייסערינע, טאַקע ניקאָלאַיס ווייבעלע, איז אַליין אַ דייטשקע און אַז זי טוט אַלץ אַז עס זאָל ווערן שלום. מען האָט

אפילו דערציילט, אַז זי העלפט דעם דייטש... געווינענ די מלחמה. און ווידער האָט מען דערציילט, אַז זי האָט באַזוכט אַ שפּיטאָל פון געראניעטע סאָלדאטן, און האָט אַ פרעג געטון איין סאָלדאט: ווי אַזוי איז ער געראַניעט געוואָרן, האָט דער סאָלדאט, שוין אָן אַ פוס, געוואָלט צופרידן שטעלן זיין קייסערינע, האָט ער איר געזאָגט:

— דאָס וואָס איך האָב פאַרלוירן דעם פוס — איז גאָרניט. אָבער מיר האָבן זיי דאָרט, אָנבאַגראַבן די דייטשן, אַז זיי וועלן עס האָבן צו געדענקען.

די קייסערינע האָט געגעבן אַ שפרונג אויף און אַ געשריי צו אים:

„ווריאַש קאַק סאָבאַקאַ!" (דו זאָגסט אַ ליגן ווי אַ הונט) און איז אַוועק.

אַז די קייסערין האָט טאַקע געהאָלפן צו רוסלאַנדס מפּלה און אַז זי האָט געוואָלט אַז דייטשלאַנד זאָל זיגן, איז נעבעך געווען אמת ווי דער טאָג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עטלעכע חדשים זיינען פאַראיבער. פון פאָרן קיין יפו האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. אַלע טעפּליקער אינגלעך וואָס זיינען, ביז איצט, אַוועק־געפאָרן קיין יפו זיינען שוין דאָ צוריק. אַלס רוסישע אונטערטאַנען האָט מען זיי — אין פאַלעסטינע, וועלכע איז געווען אונטער דער טערקישער הער־שאַפט — אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון לאַנד, און זיי זיינען שוין בשלום דאָ צוריק. וואָס טוט מען איצט? זיצן פוסט און פאַס ביים טאַטן, גלוסט זיך ניט. אמת, איך האָב אפילו שיינע עטלעכע קערבלעך, אָבער — וואָס קאָן איך מיט זיי טון?

רוקט זיך מיר אונטער אַ גוטע שטעלע:

מיין פאָריקער בעל הבית, יודעל שפּילבאַנד, האָט אַ וואַלד ניט ווייט פון טעפּליק, דעם וואַלד האַקט מען און מען שיקט פון דאָרט אַרויס פּורלעך האָלץ, האָט ער דאָרט אַ „נאַמן", אַ טערניוווקער איד, משה חייה־ריוועס, אָבער ער וואָלט געוואָלט האָבן אַ בעסערן קאָנטראָל. עפּעס דוכט זיך אים... לייגט ער מיר פאָר איך זאָל פאָרן אין וואַלד אַלס „פּאָמאָטשניק זאַוועדו־יושטשע" (געהילף פאַרוואַלטער). ער לייגט מיר פאָר אַ שיינעם געהאַלט און ער וועט צאָלן מיינע קעסט.

פון מיין חלום קיין יפו, פון מיין פאַנטאַזיע קיין אַדעס, פון מיינע שטע־לעס אין דער גרויסער שטאָט אומאַן, בין איך —

געוואָרן אַ געהילף־פאַרוואַלטער אין אַ וואַלד.

קאַפּיטל אַכצן

משיחס צייטן! גוים ווילן ניט גיין אויפן פראָנט און מאַכן זיך אַ מום

משה חיה־ריוועס און זיין ווייבערטום. — ווען די ווייבער זאָלן נאָר ריידן איינ־ציקווייז. — דער ערשטער סורפריז. — איך באַקען זיך מיט „אויסלאַנד". — איך נעם איבער מיין פּאָסטן. — „דער שטומער בעטלער". — גוים־„האָזן". — דער שלייפער פון די זעגן. — די מלחמה וועט זיך ציען. — טאַקע, פאַרוואָס שלאָגט מען זיך? — אימפּעריאַליזם און פאַבריקאַנטן פון געווער. — זיי וועלן ביידע ברעכן דעם קאָפּ. — די מסירה און דער סטאַראָסטאַ ראַטעוועט אָפּ. — יונגע שקאָצים באַטן זיך אַז אַרבעטן פאַר האַלב־געלט. — אים איז גוט — אַ בוים האָט אים שוין געטראָפן. — וועלכער מום איז בעסער? — גראָבע פינגער — אויס מיוחסים. — די ציין און אויערן. — בלויז אויף דריי חדשים. — אַ קורצער אָטעם, אַ גריזש און אַ בולמע אויפן אויג. — ידיעות פון פראָנט. — מען דאַרף טראַכטן פון פריזיוו. — איך האָב שוין אַ צווייטן וואַלד. — כריסטינאָווקאַ. — דער אוראַק ביים פּאָרזיצער פון די שוואַרצמאַהניקעס. — ראַספּוטינס טויט. — סעריאָזשאַ, דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער. — מען דאַרף זוכן אַז „אָסטראָטשקע".

עס איז שוין פערציק יאָר זייט יענעם טאָג אין וועלכן איך האָב זיך אריינגעזעצט אין אַ שליטעלע, גוט אַרומגעבונדן די פיס אונטן, און אוועק־געפאָרן אין וואַלד אריין האַקן בוימער, פאַרשרייבן וויפל פורלעך האָלץ מען פירט אַרויס. שוין פערציק יאָר איז אין דעם און איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט, וואָס בין איך אויסן געווען דעמאָלט מיט אָט דעם נייעם „פּאָסטן" מיינעם. אמת, איך האָב געזוכט רואיקייט. איך האָב געזוכט אַ באַשעפטי־קונג, וואו איך זאָל קאָנען ליגן איבער די ביכער און ביכלעך, לערנען און לייענען. אָבער, אַ וואַלד! זיין אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט אין אַ וואַלד. דאָס הייסט, ווי פלעגט זאָגן די שטיפמאַמע: אָבער גאָר אָדער גאָרניט. אָדער אומאַן, אָדעס, יפו, אָדער... אַ וואַלד. און טאַקע, אַזוי אומבאַוואוסטזיניק, אָן איבעריקע חשבונות, בין איך מיטגעפאָרן מיט דעם גוי וועלכן מען האָט געשיקט נאָך מיר ברענגען אין וואַלד אַריין.

פאַרשטייט זיך מיין הויפּט־חשבון איז געווען, „איבערזיין" אָט די עט־לעכע מאָנאַטן וואָס די מלחמה וועט נאָך געדויערן. זי וועט דאָך זיך מוזן

שנעל ענדיקן. ווי איז דען מעגלעך אז די מלחמה זאָל זיך לענגער פאַרציען...
אזוי האָט יעדער איינער געטראַכט און אַזוי, בין איך אויך זיכער געווען.

אַרויסגעפאָרן פון טעפּליק מיט דעם שליטעלע, זיינען מיר פאַרנאַכט צו און אין צוויי שעה אַרום זיינען מיר שוין געווען אין וואַלד.

דער ערשטער אַריינפאָר האָט, אַפילו, אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שטיקל מורא. בלויז איין שטוב צווישן אַ וואַלד מיט בוימער. דאָס גליק איז געווען וואָס די שטוב, וועלכע האָט געדאַרפט זיין מיין וואוינאָרט, איז געשטאַנען ביים אָנהויב וואַלד, כמעט, כמעט, ביים ברעג וואו עס זיינען אָפט דורכגעפאָרן שליטנס פון מאַטשולקע קיין טעפּליק.

ביים אַריינקומען אין שטוב, וואַרט אויף מיר דער הויפּט־פאַרוואַלטער, אַ דער, וועמען איך דאַרף „קאָנטראָלירן" און מיט אַ נחתדיקער שיינער שפּראַך, גיט ער מיר אַ ווייכע וואַרעמע האַנט — אַ שלום־עליכם.

די שטוב אין וועלכער מיר גייען אַריין, איז וואַרעם באַלויכטן און באַהייצט. עס ברענט אַ גרויסער פּיר און צוואַנציקער לאָמפּ, און אַרום אַ שיינעם טיש זיצן די בני־בית וועלכע מען שטעלט מיר פאָר:

די פרוי, די שוויגער, אַן עלטער מיידל פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, אַ יונגערע אַ קאָסאָקע פון אַ יאָר זיבעצן, אַ אינגל פון אַ יאָר צוועלף מיט...
צוויי האָרבן, און אַ טאַכטער און אַ שניר וועמענס מענער זיינען פאַר דער מלחמה אַוועק קיין אַמעריקע, מאַכן דאָרט אַ שיין לעבן אָדער די פרויען מוזן וואַרטן ביז מען וועט קאָנען פאָרן.

מען הייסט מיר זיך גיין וואַשן און גיין צום טיש. די זשאַרקאָיע מיט די פּאַמפּעשקעס ווערן איבערגעטרוקנט — אזוי מעלדעט די שוויגער, חיה־ריוועס, וואָס אויף איר נאָמען רופט זיך טאַקע דער איידעם: משה חיה־ריוועס.

מען הויבט אָן ריידן. פון וואָס רעדט מען? פון דער מלחמה. מען פרעגט מיך וואָס הערט זיך אויף דער וועלט? עפּעס קום איך דאָך פון דער שטאָט, פון אַ פּלאַץ וואו מען קאָן אַלץ וויסן. איך דערצייל וואָס איך ווייס און רעד, בכלל, זייער ווייניק. איך בין מיד, נערוועאיש און וויל פריער זיך באַקאָנען מיט דער שטוב. דער בעל־הבית פון שטוב, משה חיה־ריוועס, רעדט זייער ווייניק. ווער עס רעדט פאַר אים — זיינען די ווייבער. זיי ריידן יעדע איינע באַזונדער און אַלע צוזאַמען אינאיינעם. מען רעדט פון קיך זאַכן, פון פּאָליטיק און דער עיקר — ווען וועט זיך שוין ענדיקן די מלחמה. ר' משה (אַזוי האָב איך אים שטענדיק גערופן) גייט צו צו אַ שאַפע, נעמט אַרויס אַ ספרל און קוקט אַריין אין דעם. איך כאַפּ אַ בליק וואָס פאַר אַ ספר ס'איז? און בלייב דערשטוינט. דעם רמב"מס מורה נבוכים. הייסט עס — ווייזט אויס

אַן אײדעלער מענטש. פאַרוואָס זשע דאַרף איך אים היטן?... פאַרוואָס דאַרף איך נאָכשרייבן און נאָכקאָנטראָלירן וואָס ער פאַרשרייבט? ער קוקט אַריין אין ספרל און בעט נאָר, אַז די ווייבער זאָלן ריידן איינציקווייז. דאָס דאַזיקע, פלעגט ער איבערחזרן צען און הונדערט מאָל אין טאָג: רעדט איינציקווייז.

געווען אָבער באַשערט, אַז דעם ערשטן אויפדערנאַכט, זאָל איך האָבן אַ צווייטע איבערראַשונג.

די אַלטע לייט זײַנען אַוועקגעגאַנגען שלאָפן און מיר יונגוואַרג זײַנען נאָך געבליבן זיצן אַביסל פּלאַפּלען. איך בין געווען אין אַ מאָדנער סיטואַציע. עס האָט זיך מיר ניט געפּאַסט אויפהויבן און זאָגן אַ גוטע נאַכט, און אויך זיי — די קינדער, האָבן ניט געקאָנט זיך, גלאַט, אויפהויבן און מיר זאָגן... גייט שלאָפן. און אַזוי זײַנען מיר געזעסן ביז אַ זייגער איינס פאַרטאָג. און אַזוי ריידנדיק אָדער הערנדיק וואָס זיי ריידן, ווײַל איך האָב זיך דאָך געשעמט צו ריידן, ווער איז געוואוירע אַז הן די מיידלעך, הן דאָס האַרבאַטע אינגעלע ריידן אַ פיינעם העברעאיש, קאָנען תנ״ך, און דער עיקר — האָבן אַ סך אויסלענדישע צייטונגען, אידישע און העברעאישע, און פירן בכלל, אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד און האָבן אפילו אַ בריוו, אַן ענטפער צו זיי פון דר. חיים ווייצמאַן...

ביים גיין שלאָפן, ליגנדיק אויפן געלעגער, האָב איך געטראַכט:

גאָט שטראָפט מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער שיקט ער די רפואה צו דער מכה. וואָס וואָלט איך געטון, ווען צו מיין לאַגע פון ווערן אַ וואַלד־מענטש, שיקט ער מיר נאָך צו אַזעלכע מענטשן ווי מיין קאַמענאַיער קערניצער „שוער״...

געוואוסט האָב איך, אַז אין אַ וואַלד, דאָרט וואוהין עס קומען צופאָרן גויעשע פורלעך נאָך האָלץ, אָדער דאָרט וואו גויים קומען אַרבעטן, וועל איך שפּעט ניט קאָנען שלאָפן. דעם ערשטן אינדערפרי, האָב איך, אוודאי, ניט געוואָלט אַז מען זאָל מיך קומען וועקן, און ווי נאָר עס איז געוואָרן טאָג, בין איך אויפגעשטאַנען. לאָזט זיך אויס, אַז איך בין שוין אויפגעשטאַנען שפּעט. ר׳ משה איז שוין געווען אין וואַלד, עס זײַנען שוין געווען גויאישע פורלעך נאָך האָלץ און עטלעכע גויאישע אַרבעטער האָבן שוין געשאַרפט די זעגן און די העק מיט וועלכע מען האַקט אונטער די דעמבענע בוימער.

ר׳ משה באַקאַנט מיך מיט מיין אַרבעט אין וואַלד. איך דאַרף טון אַלץ וואָס ער טוט. ער ווייסט אַז איך דאַרף אים „קאָנטראָלירן״. אָבער, עס אַרט אים ניט.

באַלד, דעם ערשטן טאָג, האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער גאַנצער אַר־

בעט, מיט אַלע אַרבעטער — כמעט אַלע גויים, אַ חוץ איין גריך, און עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, וואָס קיינער פון די אַרבעטער איז ניט פון די נאָענטסטע דערפער, נאָר אַלע זיינען פון „אויסרייסעניש", פון קיעוו, אַפילו. איך ווער באַלד געוואוירע דעם סוד. אַלע זיינען „האָזן". אַלע זיינען געקומען אָהער מיט פאַלשע פּאַספּאָרטן, אין וועלכע זיי שטייען איינגער, דאָס הייסט, אַז „זייער יאָר" האָט מען נאָך ניט גערופן. און אַזוי ווי אַהער קומט מען ניט קאָנטראָלירן, קאָנען זיי דאָ רואיק אַרבעטן און זיי שלאָפן טאָקע אין וואַלד אין אַ „כאַטקע" וואָס דאָרט איז דאָ. דערפאַר אָבער, אַרבעטן זיי פאַר האַלב געלט, און האָבן ניט קיין טענות ווען זיי דאַרפן אַר־בעטן פון זון־אויפגאַנג ביז עס שפּעט אין דער נאַכט.

איינער פון אָט די אַרבעטער האָט מיך פאַראינטערעסירט פון ערשטן טאָג אָן וואָס איך בין געקומען אין וואַלד אַריין. ער איז געגאַנגען זייער שלעכט אָנגעטאָן, ממש האַלב נאַקעט, האָט געהאַט אַ טבע פון... בעטלען ביי די גויים אַ שטיקל חזיר, אַ שטיקל ברויט, און געטון האָט ער עס... שטומערהייט. ער איז געווען שטום און טויב, און די בני בית, האָבן אים טאָקע גערופן „דער שטומער בעטלער".

דאַרף זיך טרעפן, אַז אין די ערשטע טעג וואָס איך בין געקומען אין וואַלד אַריין, האָט מען מיר געבראַכט פון טעפּליקער ביבליאָטעק, צו לייענען אַ בוך אין פיר טיילן, דוכט זיך פון טענענבוים. דער בוך האָט געהייסן „דער שטומער בעטלער". אין דאָזיקן בוך, וועלכן איך האָב איינגעשלונגען אין איין נאַכט, ווערט דערציילט פון איינעם וואָס האָט זיך געמאַכט שטום און טויב, כדי צו געפינען איינעם, אין וועלכן ער האָט געדאַרפט נקמה נעמען. און אַזוי ווי יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז ער איז שטום און טויב, האָט מען זיך פאַר אים ניט געהיט און מען האָט גערעדט וואָס מען האָט געוואָלט, ביז — ווי אין אַלע ראָמאַנען — דער אמת זיגט און דער שטומער באַקומט לשון.

דער דאָזיקער בוך, האָט מיך געפירט צום געדאַנק, אַז אויך אונזער שטו־מער בעטלער, שפּילט דאָ עפּעס אַ ראָל. איך בין געווען זיכער, אַז ער איז ניט שטום, און ווען איך האָב דעם דאָזיקן געדאַנק אַרויסגעבראַכט פאַר משה חיה־ריוועס און פאַר זיין פאַמיליע האָבן זיי געלאַכט פון מיר, ביז... ביז איך האָב זיך פאַרלייגט אויף צו פּאַקן מיין „שטומען". דאָס ערשטע, האָב איך פאַרשטאַנען, דאַרף איך אויסגעפינען און פעסטשטעלן אַז ער... הערט און פאַרשטייט, דערנאָך וועט שוין זיין לייכטער. און אַזוי ווי ער האָט גע־האַט אַ טבע דאָס נאָך דער אַרבעט פלעגט ער פאַרקריכן אין וואַלד, זיך זעצן אויף אַ „קאָרען" פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים, און זיצן פאַרטראַכט שעהן־

ווייז, האָב איך זיך איינמאָל, אונטערגעגנבעט אונטער אים און מיט אַ מויל־גאַרמאָשקע, אָנגעהויבן שפּילן אַ רוסיש לידל. געשפּילט האָב איך זייער שטיל, אָבער, ער האָט דערהערט און זיך געגעבן אַ כאַפּ מיט שרעק און געלאָפן זוכן ווער און וואו מען שפּילט. ווען מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן פּנים אל פּנים, האָט ער שוין פאַרשטאַנען אַז ער איז אַריינגעפאַלן און האָט... גלייך אָנגעהויבן ריידן.

אונזער געשפּרעך האָבן מיר געפירט זייער שטיל און ער האָט געדויערט צוויי שעה. ער האָט מיר אויפגעקלערט פאַרוואָס ער טוט עס. ער איז אַ רוס, אַן אמתער רוס, געבוירן אין קורסקער גובערניע ביי אָרעמע עלטערן. געענדיקט נאַראָדנע שקאָלע און פון גימנאַזיע האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן, ווייל ער האָט געטיילט סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציעס. איצט, האָט מען אים מאָביליזירט און מען שיקט אים מלחמה האַלטן, זיך שלאָגן, מיט מענטשן צו וועמען ער האָט גאָרניט, וועלכע האָבן אים קיין שלעכטס ניט געטון און וועמען ער וויל אויך קיין שלעכטס ניט טון. און טאַקע, וואָס אינטערעסירט אים, אַז ערגעץ אין אַ שטאָט, האָט אַ סערב געשאָסן אויף אַן עסטרייכער, אויף אַ קרוין־פּרינץ און האָט אים דערהרגעט. נו, דאַרף דערפאַר דאָס רוסישע פאָלק אָפּגיין מיט בלוט, באשר בכן, די סערבן זיינען סלאַוון און מיר, די רוסן, אויך.

און אַזוי, ריידנדיק מיט אים די נאַכט, און צענדליקער אַנדערע נעכט דערנאָך, בין איך געוואָרן געוואוירע די גאַנצע תורה וואָס אַזוינס עס איז „אימפּעריאַליזם״, קאַפּיטאַליזם, און וואָס פאַר אַ ראָל עס שפּילן אין אַ מלחמה — געווער־פאַבריקאַנטן. גיי ווייס, אַז ווען ביי געווער־פאַבריקאַנטן זאַמלט זיך אָן אַ סך „סחורה״ צו פאַרקויפן, נעמען זיי, שיקן אונטער זייערע אַגענטן צו די מלכים, צו די הויפּט־מיניסטאָרן, באַצאָלן כאַבאַר וויפל מען דאַרף און זיי מאַכן שוין אַזוי, אַז איין לאַנד, זאָל דערקלערן מלחמה אַ צווייטן לאַנד. דאַן קויפט מען ביי זיי אָפּ דעם „גאַנצן סטאַק״ פאַרטיקע סחורה און מען מאַכט באַשטעלונגען אויף ווייטער. דאָס אַלץ בין איך געוואוירע געוואָרן ביי דעם „שטומען בעטלער״. אגב, בין איך געוואוירע געוואָרן נאָך אַ זאַך. דער דאָזיקער „שטומער״ האָט נעבעך דעם אומגליק צו טראָגן דעם זעלבן נאָמען און די זעלבע פאַמיליע פון... דעם מערדער פון „קרוין־פּרינץ״ — גאַווריל אַ פּרינציפּ און ווען מען האָט אים געגומען דינען, איז אים נאַטשאַל־סטוואָ דערגאַנגען די יאַר. זיי האָבן נאָר געוואָלט וויסן, וואָס געהער ער זיך אָן מיט דעם סערבישן גאַווריל אַ פּרינציפּ, און צי ווייסט ער ניט ווער עס זיינען געווען די שותפים זיינע צום מאָרד. אַנדערע האָבן אים גלאַט פאַרגע־

וואַרפֿן, דאָס אַ דאַנק זיין פֿריינטל אין עסטרייך, מוזן זיי איבערלאָזן די „זשניוווא", די זשינקא מיט די פֿאַראַבקעס און גיין אין מלחמה אַריין, און ער האָט באַשטימט זיי שיקן אַלע צום טייוול, צוזאַמען מיטן קיסר, מיט דער קיסרינע, מיט ראַספּוטינען, מיט סוכאָמלינאָוון, מיט אַלע איבעריקע פֿאַר־קויפֿטע שקורעס, און ער איז געוואָרן אַ „האַז". פֿאַרוואָס־זשע מאַכט ער זיך שטום? ער האָט מורא, אַז ער וועט ריידן, וועט ער נאָך איינמאָל זיך ניט קאָנען איינהאַלטן און וועט אויספּלאַפּלען עפּעס אויפֿן קיסר, אָדער וועט אויסזאָגן זיין אמתן נאָמען און ווייטער האָבן צרות. אַזוי אָבער, איז ער שטום און טויב, איז ער זיכער אַז ער וועט ניט ריידן.

די הויפּט אַרבעט זיינע אין וואַלד איז געווען — שאַרפֿן די זעגן. פֿלעגט ער זיצן ווי אַ מאַניאַק, און די גויים, פֿלעגן אים צוטראָגן זייער זעג און אויף שטום־לשון אים אַריינזאָגן און זיך חכמענען איבער אים וויפֿל זיי האָבן געוואָלט און ער האָט זיי — אָנגעשליפֿט די זעג. די תורה פֿון אָנשלייפֿן זעגן האָב איך אויך איבערגענומען און שפּעטער ווען איך בין געווען אַ „בע־זשעניעץ" אין קעשענעוו — איז מיר מיין „קענטעניש" אין זעג־ענינים גוט צונוץ געקומען.

איינמאָל, ווען מיר זיינען אין מיטן אַ ווינטער־נאַכט געזעסן טיף־טיף אין וואַלד און געערדט, און איך האָב אים דערציילט די נייעס פֿון די בלע־טער (ער האָט דאָך קיין צייטונג ניט „געטאָרט" לייענען), האָט ער אַרויס־געזאָגט אַ געדאַנק וואָס איז שפּעטער מקוים געוואָרן. ער האָט פֿאָראויסגע־זאָגט אַז די מלחמה וועט זיך ציען און ציען אַ סך יאָרן און אַז ניקאָלאַי מיט ווילהעלמען וועלן ביידע ברעכן די קעפּ און פֿאַרלירן זייערע טראָנען. אויף ניקאָלאַיען — איז ער געווען זיכער. ווי אַן אמתער רוס האָט אים שטאַרק וויי געטון ווי דער קיסרלעכער הויף איז שטאַרק צעפּוילט, וואָס דער נואַף, דער ראַספּוטין, דאָס „הייליקע פּאַטערל" האָט אַזאַ גרויסע דעה און אַזאַ ווירקונג אין די רוסישע מלוכה־ענינים. ווען איך האָב אים געבראַכט דאָס נייעס ווי אַזוי מען האָט די רוסן פֿאַרנאַרט אין די מאַזורער „אָזיערעס" און ווי אַזוי מען האָט אומגעבראַכט אַ גאַנצע אַרמיי און גענומען געפֿאַנגען הונ־דערטער רוסישע סאָלדאַטן, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף דעם פֿאַקט, וואָס איין גענעראַל פֿון אַט דער אַרמיי וועלכע האָט געליטן די מפּלה, סאַמסאָנאָוו — האָט זיך גענומען דאָס לעבן, אַריינשיסנדיק זיך אַ קויל אין קאָפּ אַריין. דער צווייטער, רענענקאַמפּף, איז גאָר אַליין געווען אַן אָפּשטאַמיקער פֿון די דייטשן און ער האָט גאָר געוואוסט וואוהין מען קריכט און עס האָט אים ניט געאַרט, ווייל, אַ סברא, אַז ער איז גאָר געווען ווילהעלמס שפּיאָן.

ווען גאַווריליאַ פּלעגט הערן מײַנע נײַעס — פּלעגן זיך אים שטעלן טרערן אין די אויגן. אָבער גײַן דינען, גײַן פּאַרטיידיקן דאָס פֿאָטערלאַנד, ז יי ן פֿאָטערלאַנד, זײַן קיסר, האָט ער ניט געוואָלט. און איך האָב געהאַט אַ שטיקל טרייסט. ניט בלויז אידן ווילן ניט גײַן פּאַרטיידיקן דעם קיסר און זײַן קליקע — נאָר אויך די רוסן, די אמתע פּראַוואָסלאַוונע רוסן פֿון קורסקער גובערניע.

עס איז אָבער באַשערט געוואָרן, אַז גאַווריליאַ זאָל אַרײַנפֿאַלן. עס איז אָנגעקומען פֿון נאָענטן דאָרף מוטשולקאַ אַ סאָטסקי מיט אַ באַפֿעל פֿון סטאַראָסטאַ, דאָס אַזוי ווי היינטיקן זונטיק וועט זײַן אַ ספּעציעלע גאָטעס־דינסט און אַ פּראָצעסיע אין דאָרף, וואו מען וועט בעטן פֿאַרן זיג פֿון דער רוסישער אַרמיי און פֿאַרן געזונט פֿון קיסר און קיסרן. לכן, זאָלן אַלע אַר־בעטער, פּראַוואָסלאַוונע, וואָס געפֿינען זיך אין וואַלד, קומען זונטיק צו דער פּראָצעסיע. די אַרבעטער, כאָטש כמעט אַלע זײַנען געווען „טריפֿע" (האָזן) האָבן ניט געוואָלט אַרויפֿציען אויף זיך אַ חשד און זײַנען געגאַנגען. גאַוור־ריליאָן האָט מען געגעבן צו פֿאַרשטיין ווען וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער לאַנג ניט געטראַכט, פֿאַרקאַטשעט די תחתונים און — אויף שטים־לשון — געוויזן, אַז דער גלח און דער סטאַראָסטאַ און דער קיסר און די קיסרן די זונה מיט ראַספּוטינען — אַזוי האָט ער טאַקע אויף שטום־לשון אָנגעוויזן — אַז אַלע זאָלן אים קושן... אַהין, אויף דעם הינטערשטן אָרט. האָט עס, איין גוי, פֿון די „ערלעכע און כשרע" (געווען אַזעלכע אויך אַ פּאָר) פֿאַרדראָסן און אָפּגעלאָזט גאַווריליאָן אַ שטאַרקן פּאַטש אין פּנים. גאַווריליאַ האָט זיך פֿאַרלוירן, און האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אויף זײַן שלעגער דעם פּאַטריאָט און האָט אים צעבלוטיקט ווי אַ חזיר. ביים ענדיקן שלאָגן, איז ער אָבער אַרויס פֿון דער ראָל און... און אָנגעהויבן ריידן. אָנגעהויבן שיטן די באַ־וואוסטע גויעשע „ברכות" פֿריער אויף זײַן שלעגער, דערנאָך — אויף גאַנץ נאַטשאַלסטווע. ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט זיך שוין פֿאַרשיט. אַלע אַרום אים, זײַ־נען געבליבן אָסטאַפּיניעט, און דער צעשלאָגענער גוי איז אַוועק אין דאָרף און געמסרט, אַז „דער שטומער" האָט געזידלט דעם צאַר־באַטיושקאַ און די צאַריצאַ, געזאָגט, אַזוי און אַזוי, און די איבעריקע בלאָפּציעס זײַנען גע־שטאַנען אין דער זײַט און גאָרניט געטון נאָר געקוקט ווי מען שלאָגט אים.

דער סטאַראָסטאַ איז באַלד געקומען צולויפֿן. ער איז געקומען אַרעס־טירן דעם רעוואָלוציאָנער, אָבער, ער האָט אים שוין ניט געטראָפֿן. גאַווריליאַ איז אַוועק פֿון וואַלד. משה חיה ריוועס און איך האָבן אים מיטגעגעבן געלט,

וועש און אפילו אַ נייעם „קאָסטיום“. וואו ער איז אַהינגעקומען? האָבן מיר שוין קיינמאָל ניט געוואוסט. ערשט דאַן האָב איך אויסגעזאָגט אין שטוב, אַז שוין חדשים ווי איך פּלעג ריידן מיטן „שטומען בעטלער“ און אויך דערציילט ווי אַזוי איך האָב אים געפּאַקט.

די געשיכטע וואָלט געווען געקאָסט אונז אַלע טייער. ס'הייסט דאָך, אַז מיר האָבן פּראָטעזשירט אַ רעוואָלוציאָנער. אָבער דער סטאַראָסטאַ, אַ היימישער ערל, האָט גענומען אַ פינפערל אין דער יד אַריין און אַן עמער בראָנפן „זעקס און נײַנציקער“ וואָס איז שטענדיק געווען אין וואַלד, און האָט פון גאַנצן ענין געמאַכט אַ שוויַיג. די איבעריקע גויים־„האָזן“, זײַנען ווייטער געבליבן אַרבעטן אין וואַלד און אַ סך פון זיי האָבן געוואַרט אַז... אַ בוים זאָל אויף זיי אַרויפפאַלן, אָדער גלאַט עפּעס אַ פוס צעברעכן, וועלן זיי פאַרשפּאָרן אַזוי ציטערן טאָמער ווערט מען געוואוירע און מען קומט זיי נעמען. דאָן, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען גויים „האָזן“, ווען עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז ניט בלויז אידן באַהאַלטן זיך אויס פון גיין אין מלחמה זיך שלאָגן פאַר ניקאָלאַיקען, דעמאָלט איז מיר אַ סך לײַכטער געוואָרן אויף דער נשמה. וואָס איך בין נאָר ניט מסכים געווען איז — מיט מאַכן זיך אַ מום. ווען מען האָט גערעדט פון איינעם וואָס האָט זיך געמאַכט אַ מום, פלעג איך שטענדיק נביאות זאָגן, אַז ער וועט האָבן אי אַ מום אי ער וועט גיין דינען. און אַזוי איז טאַקע שפּעטער געווען. דערווייל אָבער איז אַריין אין דער „מאָדע“ זיך מאַכן אַ חסרון, און צענדליקער, הונדערטער יונגעלײַט זײַנען געוואָרן קאַליקעס.

די ערשטע צייט איז אָנגעגאַנגען דער חסרון פון האָבן „אָפּגעהאַקט“ דעם גראָבן פינגער פון רעכטן פוס. דעמאָלט זײַנען נאָך ניט געווען די הײַנטיקע מאָדערנע מיטלען פון „פאַרשלעפערן“ דעם פוס מיט „אַנעסטעסיאַ“ און אים אָפּשנײַדן. און אַזוי ווי בכלל אָט־די אָפּעראַציע האָט ניט געמאַכט קיין דאָקטאָר, נאָר אַ „מאַכער“, האָט מען עס געמאַכט זייער פרימיטיוו, מען האָט צוגעלייגט עפּעס אַזאַ ברענענדיקס צום גראָבן פינגער און... ער איז, איבער נאַכט, „אָפּגעברענט“ געוואָרן. דער ווייטיק? ווער קאָן פילן און באַשרײַבן אַזאַ ווייטיק?

אין שלום־צייט, האָט מען אַ פריזיוווניק, אָן אַ גראָבן פינגער אויף דעם רעכטן פוס — געגעבן אַ ווייסן בילעט (ניע גאָדיען), ווייל אָן אַ גראָבן פינגער אויפן רעכטן פוס, קאָן מען ניט לויפן און אפילו גיין פּאַוואָליע. די ערשטע צייט פון מאָביליזאַציע — איז מען צו די „גראָבע פינגער“ ניט צוגעקומען. שפּעטער, האָט מען שוין צוגענומען מיט גראָבע פינגער אויך.

א צוויטער זייער „לייכטער" חסרון, איז געווען, זיך ארויסנעמען די ציין פון מויל. די דאזיקע אפעראציע איז געווען זייער א לייכטע, ווייל מען האט ארויסגענומען ביי דענטיסטן און מיט אינזשעקסיאנען. אבער — א פריזוניק אן ציין, האט געקראגן אן „אטפוסק" אויף... דריי מאנאטן. מען האט אים געשיקט א היים אויף אט דער צייט און געהייסן, אז פאר דער צייט זאל ער זיך צוגעוואוינען עסן... אן ציין. דערנאך האט מען זיי צוגענומען, נעשיקט אויפן פראנט אלס קוכערס. (אבי ניט מיט דער ביקס — איז דאס אויך געווען א חיי־שעה). דאס זעלבע איז געווען מיטן חסרון וואס מען האט זיך געמאכט אין די אויערן. מען האט אויפגעריסן די אדערן אינעווייניק און — מען איז געווארן טויב. אבער, מען האט אויך אט די טויבע צוגענומען און גאר אינגיכן זיינען די „גראבע פינגער", „ציין" און „אויערן" געווארן אוים מיוחסים. אין דער „מאדע" איז אריין, זיך מאכן א... גריזש, א חסרון וועלכן די גוים וואס האבן ניט געוואלט גיין אויפן פראנט, האבן זיך געמאכט אט דעם מום. אגב, מען פלעג דערציילן, און דער שכל הישר שטעלט זיך אויך פאר, אז די ווייטיקן ביים מאכן אט דעם מום, זיינען געווען ניט צום באשרייבן. אבער, וואס טוט מען ניט זיך צו ראטעווען פון פראנט?

שפעטער איז אריין אין דער „מאדע" זיך מאכן א „קורצן אטעם". מען האט עפעס אויסגעטרינקען אזעלכעס און מען האט אנגעהויבן הוסטן און... ניט קאנען כאפן דעם אטעם. פון אט דעם מום איז מען פטור געווארן פון גיין דינען, און פון גיין אין שיל אריין, אדער פארן אויף די יארידים, ווייל... מען איז געגאנגען שנעל אויף יענער וועלט.

דאס לעצטע גוטע און זיכערסטע מיטל איז געווען — זיך מאכן א... בולמע אויפן רעכטן אויג. בעסער געזאגט — מען איז פשוט בלינד געווארן אויפן רעכטן אויג. מיט אט דעם מום האט מען די גאנצע צייט פון קריג ניט צוגענומען פאר קיין סאלדאט. אבער אידן האבן קיין חשק ניט געהאט צו אט דעם חסרון. עפעס א בלינדער, האט ניט געלאקערט צו זיך. דאקעגן גוים, האבן זיך יא געמאכט אט דעם מום, כאטש די ווייטיקן ביים מאכן זיינען אויך געווען גרויסע. דער ספעציאליסט פון מאכן אט דעם מום, איז געווען דעם פעלדשער זילבערשטיינס א זונדל, וועלכער פלעגט קומען, אוועקלייגן דעם סאלדאט אין בעט, אים עפענען דאס רעכטע אויג, און אריינשיטן אהין אביסל... קאלך. אין א פאר מינוט ארום האט אנגעהויבן ברענען און דער „סאלדאט" איז געשפרונגען אין דער לופטן — אבער, עס איז שוין געווען פארפאלן. קאפוט דאס רעכטע אויג!

— —

פונעם פראָנט האָבן אָנגעהויבן זיך באַקומען וואָס א טאָג, אַלץ ערגערע ידיעות. און, א חוץ די ידיעות אַז פּאַניע גנב כאַפּט קלעפּ, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות פון די אידישע ישובים פון פּוילן, ליטע און אַנדערע ערטער פון וואַנען ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אָנגעהויבן אַרויסטרייבן די אידן. עס האָבן שוין אָנגעהויבן אָנקומען קיין אוקראַינע פּליטים, אידישע פאַמי־ליעס, וועמען מ'האָט געגעבן א באַפעל אין משך פון 24 שעה פאַרלאָזן זייער וואוינאָרט, זייער האָב און גוטס און אַוועק טיף אין לאַנד אַריין. די שטימונג אין דאָרף און אין שמעטל איז אַן אָנגעשטרענגטע און מען ריכט זיך גאָר אויף א פּאָגראָם. א קליינינקייט, א דאַנק אונז, אידן, פאַרלירן מיר די מלחמה. מיר אידן, ריידן דאָך דייטש, נו, ריידן מיר זיך צונויף מיטן שונא און גיבן אים איבער דאָס פאָטערלאַנד. אגב, עס קומען שוין אָן געראַניעטע פון פראָנט, און קיין אידישע געראַניעטע ברענגט מען ניט. וואו זיינען די אידן? זיי זיי־נען אין... פּלען ביי די דייטשן. און עס גייט אַרום א וויץ, אַז ווי נאָר א איד קומט אויפן פראָנט, פרעגט ער באַלד דעם פעלדפעבעל:

— דע טוט פּלען? (וואו איז דאָ דער פּלען?)

און, עס וואָלט זיכער געווען א פּאָגראָם. די רעגירונג פון פעטערבורג לוינט זיך אָבער איצט ניט קיין צווייטער קעשענעוו. עפּעס האָט זי דאָך פראַנקרייך און ענגלאַנד פאַר שותפים און עפּעס לייט דאָך „אונז" רויטשילד, מיליאָנען.

אַרום ערב פסח, ענדיק איך מיין אַרבעט אין וואַלד בא טעפּליק און פאָר אַריבער האַקן א וואַלד נעבן דער סטאַנציע כריסטינאָווקא, טאַקע, ביי דער סטאַנציע. איך פאָר שוין אַהין ווי א גאַנצער אופּראַוולאַיושטשי, איך בין אַליין בעל־הבית איבערן וואַלד און אונטער מיין אויפזיכט אַרבעטן אַרום 50 גויים. איך האָב דאָרט דערפאָלג ביי זיי, זיי רעספּעקטירן מיך, כאָטש איך בין ערשט א בחור'ל דאָס זיבעצנטע יאָר, און אַן אויסזען האָב איך אויך ניט פון קיין גרויסן העלד.

אין כריסטינאָווקא דאַרף איך שליסן קאָנטשאַפט מיט נאַטשאַלסטווע. דאָס איז דער ערשטער געבאָט פון אַזאַ אַרבעט. איך דאַרף זיך באַקאַנען מיטן סטאַראָסטאַ און באַשטימען זיין „געהאַלט" א חוץ עטלעכע פורלעך האָלץ, מיטן אוריאַדניק און מיט דעם זעמסקי נאַטשאַלניק. אַלץ ווערט געטון אין אָרדענונג, אָבער אַלע, רעקאָמענדירן מיר איך זאָל זיך אויך באַקאַנען — און דער עיקר באַפריינדן — מיטן פּרעדסעדאַטיעל פון פאַראיין „סאָיוז רוס־קאגאָ נאַראָדאַ", פּשוט געזעגט — מיטן פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע שוואַרץ־מאהניקעס און כוליגאַנעס, מיט טעאָדאָר סערגייעוויטש פּאַכאָמאָוו,

וועלכער האָט אַ גרויסן איינפלוס ביים אומאַניער גראַדאָנאַטשאַלניק, צו ווע־מען די טעריטאָריע פון וואַלד ווי בכלל כריסטינאָווקאַ, געהערט. ער, טעאָדאָר סערגייעוויטש אַז ער וויל — קאָן ער מיך אַרויסשיקן פון וואַלד, ווייל קיין אידן טאָרן ניט וואוינען דאָרט. אַז ער וויל, קאָן ער אָנטון אַ סך צרות ביים האַקן און פירן דאָס האָלץ פון וואַלד און אַז ער וויל — קאָן ער, גלאַט אונ־טערשיקן און מען זאָל מיר אָנברעכן די ביינער. אַלזאָ, מען מוז זיין גוט מיט אים. אָבער, וויסן זאָל איך — אַזוי האָט מיך דער סטאַראָסטאַ פאַרזיכערט — אַז ער נעמט ניט קיין „מתנות" (ער האָט ניט געוואָלט זאָגן דאָס וואָרט כאַ־באַר) און מען טאָר אפילו מיט אים וועגן דעם ניט ריידן. וואָס דען? מען דאַרף זען אים אַריינפאַלן אין חן, אים געפעלן ווערן.

איינזעענדיק אַז קיין אַנדער אויסוועג האָב איך ניט, האָב איך אין אַ שיינעם שבת אינדערפרי זיך פאַרפוצט, געקויפט ביי דער סטאַנציע אַ קעסטל פאַפיראָסן „מעסאַקסודיע" און זיך געלאָזט מעלדן צום יעווּאַ בלאַהאָ־ראָדיע, טעאָדאָר סערגייעוויטש פּאַכאַמאָוו, אויעזדנע זעמס. נאַטשאַלניק!

געעפנט די טיר האָט מיר די פרוי זיינע. אויפן ערשטן בליק האָט זיך מיר געשאַפן דער איינדרוק, אַז זי איז אַ סימפאַטישע, אַז זי איז אפשר ניט שולדיק וואָס איר מאַן איז אַזאַ גרויסער שישקע ביי די „טשאַרנאַסאָטיענ־צעס". זי האָט מיך אַריינגעבעטן אין אויפנאַם־צימער, זיך פריינדלעך באַקאַנט מיט מיר און מיר געמאָלדן, אַז איר מאַן איז ניטאָ און ער וועט ערשט קומען מאָרגן אינדערפרי. איך קאָן אים מאָרגן זען אַרום דריי אַזייגער.

ביים געזעגענען זיך, האָט זי מיך פריינדלעך אַרויסבאַגלייט צו דער טיר. באַשלאָסן האָב איך באַלד, אַז איך מוז זי אַריינמעמען פאַר אַ „שותפטע" צו מיין מיסיע ביים באַקאַנען זיך מיט איר מאַן דעם כוליגאַן.

זונטיק, פאַר דריי, בין איך שוין געשטאַנען ביי דער טיר פון פּאַכאַמאָוון און אין מיין רעכטער האַנט האָב איך געהאַלטן אַ... בוקעט בלומען פאַר וועלכן איך האָב באַצאָלט אַ גאַנץ דרייערל. צום בוקעט רויזן איז געווען צו־געטשעפּעט מיין „וויזיט קאַרטל", אויף וועלכן עס איז געווען אָפּגעדרוקט מיין נאָמען און מיין „טשין", „אופראַווליאַיושטשי כריסטינאָווסקאַגאָ לעסאַ" (פאַרוואַלטער פון כריסטינאָווקער וואַלד). אין יענער צייט, האָבן וויזיט־טאַרכעטלעך געהאַט זייער ווייניק מענטשן, צווישן די ווייניק — בין איך געווען.

געעפנט די טיר האָט מיר ווידער די בעל הביתטע אַליין און דערזעענדיק דעם קראַנץ בלומען, האָט זי, כמעט, מיך אַרומגענומען. זי האָט באַלד אַריינ־גערופן איר מאַן און מיך פאַרגעשטעלט פאַר אים און שוין געמאַכט אַ קאָמ־

פלימענט אויף מיין אדרעס, אז איך בין אַ קאוואַליער. ווייזט אויס, אַז מיין גוטער מלאך איז מיר נאָכגעגאַנגען, צי אפשר האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק דער בוקעט בלומען פאַר זיין פרוי, אָדער מענלעך גאָר, אז עס האָט אים הנאה געטון וואָס אַ אידיש בחורל רעדט מיט אים אַזאַ ריינעם רוסיש, טאַקע מיט אַ רוסישן אַקצענט. ער האָט מיך אריינגערופן צו זיך, פאָררוי־כערט מיינע פאַפּיראָסן, וועלכע איך האָב דערנאָך „פאַרגעסן" ביי אים אויפן טיש, און מיר האָבן זיך באַפריינדעט. איך האָב אים אַפילו דערציילט, אַז איך קום צו אים אויף דער רעקאָמענדאַציע פון די אויטאָריטעטן פון געגנט און אַז איך ווייס שוין אַז ער איז אַן ערלעכער און נעמט ניט קיין כאַבאַר...

מיין אָפנהאַרציקייט האָט אויף אים אַזוי געווירקט, אַז ער האָט אריינ־גערופן זיין פרוי, געהייסן שטעלן דעם סאַמאָוואַר און ביי דער טיי, האָט ער איר איבערדערציילט וואָס איך האָב מיט אים גערעדט. און אַז זיי די סוקיני סיני, ס'הייסט דער סטאַראָסטאַ, דער אוריאַדניק און די איבעריקע נאַטשאַלסטוואָ, ווייסן אַז ער נעמט ניט.

ביים אוועקגיין, האָט ער מיר געגעבן די האַנט און מיר געזאָגט, דאָס אויב איך וויל טאַקע באמת זיין זיינער אַ פריינט, דאַרף איך זיין ביי אים אַן אָפטער גאַסט, גאָר אַן אָפטער גאַסט. איך געפעל אים און ער וויל מיט מיר שמועסן. איך האָב אים צוגעזאָגט און טאַקע צוליב געטון. עס האָט זיך מיר שטאַרק געלוינט, אַז מען זאָל וויסן אַז טעאָדאָר סערגייעוויטש איז מיין באַשיצער. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער מיר אָנגעזאָגט צוויי בשורות. ערשטנס: אַז זיין זונדעלע סעריאָזשאַ, וואָס לערנט זיך אין אָדעסער גימנאַזיע און האָלט שוין ביי ענדיקן זי — קומט אינגיכן אַהיים אויף אָפּרו. און צווייטנס: ער וויל מיר געבן אַן „אוראָק". ער וויל אַז איך זאָל צוגרייטן זיין פּלימעניצע — אַ קינד פון אַ יאָר 12, וואָס האָט זיך ביי אים געכאָוועט — אַז איך זאָל זי צוגרייטן אין „פּריגאָטאָוויטעלני". ער צאָלט מיר דרייסיק רובל אַ חודש. אויב איך זאָג אים אָפּ — איז אויס פריינט און אויס פריינט־שאַפט.

אין יענעם אויפדערנאַכט בין איך ביי אים געוואָוירע געוואָרן נאָך אַ נייעס. מען וועט אינגיכן רופן צום פּריזיוו די 19־יאָריקע אינגלעך. אין דריי חדשים אַרום, וועט מען רופן די 18־יאָריקע און עס קאָן זיין, אַז אויב אויפן פראָנט זאָל טאַקע גיין שלעכט ווי עס גייט, וועט מען אין יאַנוואַר, רופן די 17 יאָריקע קינדער. פאַרשטענדלעך, אַז פון אָט דער בשורה איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, אָבער, איך האָב זיך געמאַכט גלייכגילטיק. דאָס שענסטע איז, וואָס ער האָט זיך באַרימט, אַז זיין סעריאָזשאַ האָט קיין

מורא ניט, אַז מען זאָל אים רופן, ווייל ער איז אַ גימנאַיסט און קיין גימנאַזיסטן רופט מען ניט. און, דער פּאַרזיציר פון פאַרבאַנד פון די אמתע רוסישע מענטשן, האָט זיך עס אַזוי מחיה געווען וואָס זיין זונדעלע וועט ניט גיין דינען דעם קיסר און אַוועקגעבן זיין בלוט פאַר קיסר און פאַטערלאַנד.

ווען איך בין שוין געוואָרן ביי אים אַן אמתער בן־בית, און ווען זיין פרוי איז פּלוצים קראַנק געוואָרן און ער איז ניט געווען אין כריסטינאַווקאַ און מען האָט געשיקט אַ שגצל צו מיר אין וואַלד אַריין מיך רופן, און איך האָב שנעל געבראַכט אַ דאָקטאָר און ניט אָפּגעטראָטן פון בעט, ביז ער איז ניט געקומען צופאָרן, ווען מען האָט מיך שוין געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם און איך פלעג זיצן מיט זיי ביים טיש און טרינקען טיי, האָב איך שטענדיק פּראָוואָצירט אַ שמועס וועגן אידן און וועגן די כוליגאַנעם און פּאָגראָמשטשיקעס פון זיין סאָיוז. פריער האָט ער געפּרואווט מיר זאָגן וואָס אַלע שונאי ישראל זאָגן: אַלע אידן זיינע טאַקע שווינדלער, מאָשעניקעס, פאַררעטער, נאָר א י ך איינער בין אַ גוטער. איך האָב אָבער, אָט דעם תירוץ ניט צוגעלאָזט. איך האָב אים דערוויזן, אַז איך בין אַזוי ווי זיי, און זיי ווי איך. און ער האָט מיר ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. סיידן אַז ער זאָל מיר מודה זיין, אַז אָט די באַנדע זיינען פּשוטע קאַריעריסטן, און זיי ווייסן פון דעם כלל: אַז ווער עס טוט שלעכטס די אידן, ווערט ער עולה לגדולה. אַז מען איז אַ מיטגליד אין זייער פאַרבאַנד, האָט מען אָפן די טירן צו אַלע מלוכהשע אינסטאַנצן. און — עס לוינט זיך זיין אַ „שוואַרצמאַהניק".

ווען איך האָב אים געוואָלט טרעפן מיט עפּעס, האָב איך אויפגעמישט אָדער בלויז דערמאָנט דאָס וואָרט... ראַספּוטין. ער פלעגט פאַרציטערט ווערן ביי אָט דעם נאָמען. ער האָט פערזענלעך געקאָנט ראַספּוטינען. ער איז געווען אין פּעטראָגראַד און מען האָט אים פאַרגעשטעלט אָט דעם עקלהאַפּטיקן גלח. און אַז מען פלעגט ריידן וועגן דער מלחמה, פלעגט ער, טעאָדאָר סערגייעוויטש זאָגן:

— רוסלאַנד קאָן נאָר געראַטעוועט ווערן ווען ראַספּוטין זאָל שטאַרבן אָדער געהרגעט ווערן. מען מוז שרייען: — זאָל לעבן רוסלאַנד און זאָל שטאַרבן ראַספּוטין! טאָמער שרייט מען: זאָל לעבן ראַספּוטין, מוז מען צוגעבן: אַ טויט רוסלאַנד!

אָט אזוי האָבן די רוסן געוואַרט אויף ראַספּוטינס טויט. דער טאָג איז געקומען. ער איז געהרגעט געוואָרן פון די אמתע רוסן, אָבער... צו שפּעט.

אין אַ שיינעם טאָג איז געקומען צופאָרן סעריאָזשאַ, דאָס זונדעלע פון זעמסקי נאַטשאַלניק און אָנפירער פון „פאַרבאַנד פון רוסישע אידן". דאָס

זונדעלע איז ניט געווען געראָטן אין טאַטן. דאָס בחורל איז שוין געווען גע־כאַפּט אין דער מעשה. ער איז געווען אַ פּייערדיקער סאָציאַליסט. ווען מיר האָבן זיך באַפריינדעט, האָט ער מיר מודה געווען, אַז ער געהער צו די סאָ־ציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, און אַז ער האָפט, אַז אויף זיין גורל וועט אויס־פאַלן צו וואַרפן... אַ באָמבע אויפן צאַר. זיי, זיינע חברים אין אָדעס, ווייסן פון וואַנען ער שטאַמט, אָבער, זיי האָבן צו אים צוטרוי און הייסן אים אָנ־האַלטן באַציאונגען מיטן פאָטער ווייל ער קאָן זיי — אין אַן עת צרה — צונוץ קומען. ווייזט אויס, אַז די מוטער האָט יאָ עפּעס געוואוסט פון זיינע אידעען. זי פלעגט מיר אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער, דאָס זי וואָלט געוואָלט אַז איר סעריאָזשאַ, זאָל מיט עפּעס אַן אָפיציעלער מיסיע, אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרט בלייבן לערנען. איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז פון איר סעריאָזשאַן וועט שוין קיין לייט ניט זיין. עט שפּעטער האָב איך זיך מיט סעריאָזשאַן געטראָפן אין אָדעס, ער איז געווען איינער פון די ערשטע אָנפירער פון דער רעוואָלוציע, געקעמפט קעגן דעניקינען ווען ער איז אַריין קיין אָדעס און איז דערנאָך דערשאָסן געוואָרן פון די באָלשעוויקעס אַלס „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער" און אַלס אַ זון פון אַ זעמסקי נאַטשאַלניק.

איך בין געפאָרן זיך זען מיט מיין ברודער. איך בין געווען אַביסל אי־בערגעשראָקן, אַז איידער איך וועל זיך אומקוקן — וועט מען רופן „מיין יאָר". איך בין געפאָרן זוכן אַן עצה. איך בין פּשוט געפאָרן זאָגן מיין ברו־דער, אַז קיין מום וועל איך זיך ניט מאַכן, נאָר וועל פאָרן זוכן „דעם פּלען"... איך האָב געוואָלט הערן זיין מיינונג.

נאָך אַ לענגערע באַראַטונג איז ביי אונז געבליבן אַז איך זאָל זוכן אַן „אָטסראָטשקע". זוכן אַ פאַבריק וואָס אַרבעט פאַר די מלחמה־צוועקן און — מיט געלט — אַריין אַהין אַרבעטן און ווערן איינער פון די הונדערטער טויזנטער קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וועלכע מען האָט ניט גענומען דינען, ווייל זיי האָבן געאַרבעט אין „טיל" און האָבן געהאַט אַן „אָטסראָטשקע".

אַלזאָ, מען דאַרף זוכן אַן אָטסראָטשקע.

קאַפּיטל ניינצן

איך „פאַבריקיר" פּאַדקאָוועס צו צאַר ניקאָליים פערד

אַז אַוויסע איז „קיעווסקאַיאַ מיסל". — איך פאַר קיין וויניצע. — „פּאַדכאַראַוור־סקים פּאַדקאָוונע זאַוואָד". — מען דאַרף אים ערשט צונויפשטעלן און די מאַשי־נען זיינען... דייטשע. — מען מאַכט מיט מיר אַ קאָנטראַקט צו פירן קאָרעספּאָנ־דענץ און... מען שיקט מיך בווינן פּאַדקאָוועס. — אַבי ניט קיין מוס. — וויניצער משונעים־הויז. — אַבראַשאַ לעווין, ווענען די מוטער מאַכט אומגליקלעך. — מיין ברודער ווערט אַ סאָלדאַט און אויפן דריטן טאָג ווערט ער געראַנירט (פאַרוואונ־דעט). — איך פאַר קיין מאָסקווע. — 32 גראַד אונטערן נול. — דער זאַוואָד בלייבט שטיין און איך פאַרליר די „אַטסראָטשקע". — איך פאַר אַהיים. דער נס אויפן „בוג". — איך ראַטעווע אַ אָפיצירס אַ קינד. — מען פירט מיך מיט פּאַראַד קיין אומאַן. — דער באַל לכבוד מיר. — מיין רוסיש ריידן שטייט מיר אין די נויטן. —איך פאַר קיין אָדעס מיט אַ בריוו צום וואַינסקי נאַטשאַלניק. — איך שפּאַר זיך מיט דעם דאָקטאָר. — „נאַ וואָספּיטאַניע" אויף... ניין מאָנאַטן. — איך ווער אַ גימנאַזיסט און באַקום אַ פיינע שטעלע אין אַ רעדאַקציע פון אַ גרויסער צייטונג. — איך אַרבעט צו „אויבערשטונדן" און באַקום אַ שטעלע ביי... מ. מ. אוסישקין ע"ה. — איך דערלאַנג ביאַליקן אַ גלאָז וואַסער און זי פאַלט מיר אַרויס פון האַנט. — איך פאַרדין זייט־געלט אין „השלוח" ביי יוסף קלויזנער. — איך פאַר אַהיים קיין טעפּליק און... עס ברעכט אויס די רעוואָלוציע.

אַ נייַ שלאָג־וואָרט איז אַרויפגעשוואומען אויף דער אַרענע פון יעדן איינעם וואָס האָט, אָדער זיך אַליין שטעלן צום פּריזיוו, אָדער ער האָט אַ קינד וואָס דאַרף זיך שטעלן. דאָס וואָרט, אַ מאַגנעטיש וואָרט, וואָס האָט יעדן איינעם צוגעצויגן צו זיך האָט געהייסן:

— „אָטסראָטשקע".

דער, האָט באַקומען אַן „אָטסראָטשקע" אויף דריי מאָנאַטן; יענער סטאַ־רעט זיך צו קריגן אַן אָטסראָטשקע, און אַ דריטער איז אַוועק ערגעץ וואו מען קאָן קריגן אַן אָטסראָטשקע. דאָס וואָרט „אָטסראָטשקע" האָט געהייסן — האָפענונג. דערווייל, לייגט מען אָפּ דאָס „צונעמען" און אַוועקשיקן גלייך אויפן פראָנט. מען לייגט אָפּ אויף בלויז דריי אָדער זעקס מאָנאַטן, און אין דער צייט, קאָן גאָט העלפן — און ער וועט זיכער העלפן — און עס וועט ווערן אויס מלחמה. מערקווירדיק, פון ערשטן טאָג אָן, האָט מען גערעדט וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום. מען איז געווען זיכער, איבערצייגט ממש, אַז די

קייסערן — אַליין אַ דייטשקע און ווילהעלמס שוועסטערקינד — וועט טון אַלץ מעגלעכס אַרויסצושלעפּן רוסלאַנד פון דער בלאָטע אין וועלכער זי איז אומגערן אַריינגעקראָכן. מען האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף... ראַספּוטינען און אויף די פּאַרקויפטע רוסישע גענעראַלן וואָס ווילן מן הסתם, שנעל ענדיקן די מלחמה. נו, איז אַן „אַטסראַטשקע" אויף דריי חדשים — געווען אַ „גוט איז אַ חיי שעה".

אין יענער צייט, האָט זיך אָנגעהויבן טומלען אין רוסלאַנד מיט אַ גלח, איליאָדאָר, ראַספּוטינס אַ קעגנער, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן הלמאי ראַספּוטין האָט אַזוי פיל מאַכט און איינפלוס אין קעניגלעכן הויף. פון איין זייט, האָט יעדער איינער סימפּאַטיזירט מיט אָט דעם גלח איליאָדאָר. פון דער צווייטער זייט, איז מען אים אָבער געווען אַ דם שונא, ווייל, אויב מען זאָל באַזייטיקן ראַספּוטינען און זיין איינפלוס, און מען זאָל אויך באַזייטיקן די אַלע מיניסטאָרן וועלכע ער, ראַספּוטין, האָט באַשטימט קאָן זיך נאָך די מלחמה ציען יאָרן און יאָרן, און... מען וועט זיך דאַרפן גיין שטעלן, מען וועט דאַרפן גיין אויפן פראָנט. און דאָס, האָבן ניט געוואָלט, ניט די שטיפקינדער, די אידן, ניט די איינענע קינדער, די גויים... און ווען מען איז געוואוירע געוואָרן אַז איליאָדאָר איז באַזייטיקט געוואָרן — האָט מען זיך מחיה געווען...

אַלזאָ, מען דאַרף זוכן אַן „אַטסראַטשקע". און דאָס איינציקע מיטל צו קריגן אַן אַטסראַטשקע, איז אַריין אין אַ זאַוואָד וואָס אַרבעט פאַר דער „פאַרטיידיקונג", און וועמענס אַרבעטער זיינען געווען פריי פון גיין דינען.

זיצנדיק אַזוי ביים ברודער האָבן מיר געמאַכט אַ חשבון, אַז „מיין יאָר", דאָס הייסט דעם „קלאַס" 1919, וועט מען רופן אַמשפּעטסטנס דעם ערשטן יאַנוואַר (פון 1916). אַלזאָ, דאַרף מען שוין טאַקע, ווערן אַן „אַבאַראָניעץ" (אַזוי האָט מען גערופן די אַרבעטער פאַר פאַרטיידיקונג). אָבער, וואו קריגט מען אַזאַ פלאַץ? געוואוסט האָבן מיר, אַז פאַר געלט קריגט מען זיך ערגעץ אַריין. אָבער פון וואַנען הויבט מען אָן זוכן?

אַן אַוויסאָ אין דער פאַרשפּרייטסטער רוסישער צייטונג, אין „קיעווסקאַיאַ מיסל" האָט גערופן מיין אויפמערקזאַמקייט. דאָרט איז געשטאַנען אַז אין דער שטאָט וויניצאַ, פאָדערט זיך אַרבעטער און באַאַמטע פאַר אַ „פאָרקאָוונע זאַוואָד", וואָס וועט אינגיכן אָנהויבן צו פונקציאָנירן. און — מען קריגט דאָרט אַן „אַטסראַטשקע". ניט לאַנג געטראַכט, גענומען דריי הונדערט קערבלעך אין קעשענע, גרייט צו „שמירן" וועמען מען דאַרף, און בין אַוועק קיין וויניצאַ.

לאזט זיך אויס, אז מען דארף ניט שמירן. אדרבא, נאך ניטא קיין אר־בעטער און מען האט מיך צוגענומען מיט פארגעניגן, מאכנדיק מיט מיר א קאנטראקט אויף... פינף (5) יאר. מיין ארבעט דארף זיין — אין דער „אוטשרעזשדיעניע" (אפיסינא), איך דארף ארבעטן ניין שעה א טאג, אריינ־שרייבן, ארויסשרייבן און גלאט פארשרייבן. און דאס וואס איך בין א איד — מאכט ניט אויס. דער זאוועדוויושטשע (כערענטע) האט דווקא געזוכט א אידן פאר אט דער ארבעט, ווייל מיט א אידן, וועט ער קאנען אזוי אריינ־שרייבן און ארויסשרייבן, אז עס זאל אים אויך עפעס... אפגעשריבן ווערן.

דער דאזיקער זאוואד, וועלכער האט געטראגן דעם נאמען פון זיין בעל־הבית — א פאליאק — וואס האט געשאנקען דער רעגירונג די געביידע — האט געהייסן: „פארכאראוסקים פאדקאוונע זאוואד" און.. האט נאך קיין פאדקאוועס ניט געמאכט ווייל די מאשינען זיינען נאך ניט אנגעקומען. זיי דארפן ערשט אנקומען פון... דייטשלאנד. אבער—זיי זיינען שוין נאענט. דער־ווייל, האט מען אריינגעשטעלט עטלעכע שוועדישע קליינע מאשינקעס און מען דרייט מיט זיי פאדקאוועס. דער חילוק איז נאר, וואס מיט די גרויסע מאשינען וועט מען ארויסגעבן צען טויזנט פאדקאוועס א טאג און מיט די קליינע גיט מען דערווייל ארויס קנאפע... דריי הונדערט. און אויף די דריי הונדערט פאדקאוועס, האט מען אין משך פון ערשטן חודש אנגעטריבן... דריי הונדערט מענטשן און מיט זיי אלעמען געמאכט אפיציעלע קאנטראקטן אויף פינף יאר. צי דאס איז אויך געווען א טייל פון גרויסן סאבאטאזש וואס איז דאן אנגעגאנגען אין גאנץ רוסלאנד? — מעגלעך.

נאך איידער עס האט זיך געענדיקט דער ערשטער חודש מיינער אין פאבריק, האט מען אפגערופן דעם זאוועדויושטשע קיין כארקאוו און אויף זיין ארט איז געקומען א פאליאק, אן אמתער אנטיסעמיט. און די ערשטע ארבעט וואס ער האט געטון, האט ער גענומען די עטלעכע אידן וואס זיינען דארט געווען — ספעציעל אין דער עסקריטאריע — און זיי געשיקט אין... קוזניע אריין דרייען פאדקאוועס, בלאזן א פייער אדער טראגן דאס אייזן צו די מאשינען. איי, אין קאנטראקט זאגט זיך דאך, אז איך דארף אריינשרייבן און ארויסשרייבן — גיי רעד צום דאשעק. אז באלד עפעס, גיט ער א שפיי ארויס דעם „זשידזשע, פסיא קרעוו!" און אזוי ווי מען האט דאך געהאפט אויף אן „אטסראטשקע", האט מען אנגענומען אלץ פאר ליב און —

איך בין געווארן א „ספעציאליסט" א קאוואל. א „ספעציאליסט" אין דרייען און מאכן פאדקאוועס פאר די פערד. איז טאקע, ווידער געווען גע־ווענדעט אין מזל. בין איך א טאג געשטאנען באם פייער און געבלאזן מיט

דעם גרויסן „זאַק” דאָס פּייער, אָדער איך בין געשטאַנען ביי דער מאַשינקע און ווען די הייסע פּאַדקאָווע איז דערשינען, האָב איך געגעבן אַ דריי מיט אַ הענטל און זי אויסגעדרייט. איז נאָך געווען צו דערליידן. האָב איך אָבער געדאַרפט אָפּלאָדן אייזן — פריער פון וואַגאָן אויף דעם קאַמיאָן און דערנאָך פון קאַמיאָן אין זאַוואָד אריין — בין איך יענעם טאָג געקומען אַ היים אַ טויט מידער אַ צעבראָכענער און... דעם צווייטן טאָג געגאַנגען צו דעם זאַוואָדסקי ווראַטש (דאָקטאָר) ער זאָל מיך באַטראַכטן און געבן „אָטפּוסק” אויף אַ פּאָר טעג. געוויינלעך — פלעגט ער מיר ניט געבן און געהייסן מאָרגן גיין אַר־בעטן. נו, מער האָב איך דאָך אַליין ניט געוואָלט. זיך אויסגערוט אַ טאָג און געגנוג. איי, פּרנסה? וויפל איך האָב זיך דאָרט אָנגעפּאַרדינט — האָט עס במילא ניט געקלעקט אויף דורכלעבן זיך. נו, איז מיט צוויי קערבלעך אַ טאָג וויניקער.

דאָס זיין אין אַזאַ באַרימטער שטאָט ווי וויניצאַ, איז ביי מיר אַליין געווען אַ גרויסע געשעעניש. ווער עס קאָן אונזערע געגנטן, דער ווייסט, אַז וויניצאַ איז געווען פאַרשעמט אויף דער וועלט מיט איר גראַנדיעזן משוגעים־הויז, וואָס איז געווען אַ שטאָט פאַר זיך.

אַז מען האָט אין טעפּליק געזאָגט אויף איינעם אַז מען האָט אים אוועק־געפירט קיין וויניצאַ אָדער ער איז געקומען פון וויניצאַ, האָט מען שוין ווײ־טער ניט געדאַרפט פרעגן גאָרניט. מען האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָרט ווי־ניצאַ הייסט — משוגע. און מערקווירדיק, אַז אויף די וויניצער תושבים אַליין האָט מען ניט געהאַט קיין חשד אַז זיי זיינען ניט מיט אַלעמען. געווען אַ פּאָר שטעטלעך ביי אונז וואָס אַז מען האָט למשל איינעם געפרעגט: איר זענט אַ טשעטשעלניקער? — האָט ער געענטפערט: איר זענט אַליין משוגע! צי: — איר זענט אַן אוריעווער? האָט יענער געענטפערט: איר זענט אַליין אַ צע־דרייטער. אויף קיין וויניצער האָט מען דאָס ניט געזאָגט, ווייל דאָס וויניצער משוגעים־הויז איז געווען פול... מיט פרעמדע, ניט קיין וויניצער תושבים.

און נאָך אַ זאַך. געווען אין וויניצע טויזנטער און טויזנטער תושבים, אידן און גויים, וואָס האָבן אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן אין וויניצע, און איינמאָל ניט געווען אין משוגעים־הויז. דערפאַר, אָבער, אַז אַ פרעמדער פלעגט קומען, איז דאָס ערשטע וואָס ער איז געגאַנגען אָנקוקן — איז דאָס משוגעים־הויז. און — עס איז געווען וואָס אָנצוקוקן. אַזאַ „באָלניצאַ” (שפּיטאָל) ווי אָט די וויניצער — איז געווען אַ זעלטנהייט ניט נאָר אין רוסלאַנד — נאָר אויף דער גאַנצער וועלט. אַ שטאָט, אַ גאַנצע, אַן אָפּגעזונדערטע שטאָט מיט אַלע מלוכהשע פונקציעס פון אַ באַזונדערער „טעריטאָריע”.

באַלד, בײַ מײַן ערשטן וויזיט אַהין, האָב איך געהאַט אַ מאָדנע באַגעג־ניש. אין וועלדל וואָס נעמט אַרום דאָס משוגעים־הויז, האָב איך געטראָפֿן אַ פֿרוי, אַן עלטערע אידישע מאַמע, וואָס איז געקומען פֿון קאַדימע באַזוכן איר זונדעלע אַבראַשאַ וואָס ליגט דאָרט שוין זעקס מאָנאַטן. און נאָך איידער איך האָב זי אַ וואָרט געפֿרעגט, און נאָך איידער זי האָט געוואוסט ווער איך בין, און נאָך איידער מיר האָבן אָנגעהויבן ריידן אידיש (ווײַל מיר האָבן אָנגעהויבן ריידן רוסיש) האָט זי מיר באַלד אויסגעפּלאַפּלט אַז איר זונדעלע איז חלילה, ניט קראַנק, אַז ער איז געזונט און קלוג ווי דער טאָג. נאָר וואָס דען? ער האָט אויפֿן פֿראָנט אָנגעהויבן מאַכן „פּוילע שטיק”, ער האָט זיך אָנגעהויבן מאַכן משוגע, געזאָגט אַז דער קאָפּ טוט אים שטאַרק וויי, האָט מען אים אָפּגעשיקט אין משוגעים־הויז אַהער און „ער וואַלגערט” זיך דאָ שוין זעקס חדשים און אַזוי אַרום, איז ער באַהיט פֿון צו גיין אויפֿן פֿראָנט. אַז איך וועל קומען אַהין, איך וועל זיך צערעדן מיט אים, וועל איך זען אַז ער איז ניט משוגע, אַז ער איז בײַ אַלע געדאַנקען, און ער מוז זיך — אַ מכה דער מאַמען זײַנער, — אַזוי גיט זי צו — ער מוז זיך מוטשען און וואַלגערן צווישן משוגעים.

אין צען מינוט אַרום זײַנען מיר שוין געווען אין „באָלניצאַ”, מען האָט אַרויסגערופֿן איר זון, מיט וועמען זי האָט מיך באַקאַנט, און ווען ער האָט געזען אַז איך באַטראַכט אים אַזוי טיף, האָט ער, ממש אַ ציטער געטון, און אַ פֿרעג געטון זײַן מוטער: — מאַמע, האָסט שוין ווידער גערעדט? מאַמע, דו וועסט מיך אומגליקלעך מאַכן. און — דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט. די מאַמע זײַנע, האָט זיך אין קאַדימע געהאַלטן אין איין באַרימען פֿאַר אַלע שכנים, אַז איר זון איז קלאָר. ביז מען האָט אים געמסרט, עס איז אָראָפּגע־קומען אַ מיליטערישער סליעדראַוואַטיעל מיט צוויי דאָקטוירים, אים אויסגע־פֿאָרשט עטלעכע שעה און אים אַוועקגעשיקט אויפֿן פֿראָנט. אין פֿיר יאָר אַרום, האָב איך אים געטראָפֿן אין אָדעס, אַלס איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. און אַזוי ווי ער איז געווען אַן אידעאַליסט און געגומען די באָלשעוויסטישע תורה אין ערנסט, האָט ער אָנגעהויבן שטײַגן און שטײַגן. מיר פֿלעגן זיך איבערשרײַבן אויך דאָ אין אַרגענטינע ביזן יאָר 1936, ווען ער איז „ליקווידירט” געוואָרן אַלס... „טראָצקיסט”, „שפּיאָן” און שונא פֿון פֿאָטערלאַנד.

דער דאָזיקער אַבראַשאַ לעווין איז געווען מײַן איינציקער חבר אין ווי־ניצע מיט וועמען איך פֿלעג פֿאַרברענגען ווען איך בין געווען פֿרײַ פֿון מײַן אַרבעט. אַ בחור, פֿול מיט תורה און חכמה, איז ער געווען אַ געבוירענער

אַרטיסט. ווען ער פלעגט אָנהויבן מאַכן זיינע „משוגענע שטיק” אין „באַל־ניצא” (ווען אַ דאָקטאָר אָדער דער דירעקטאָר פלעגט אַדורכגיין), האָט מען זיך געקענט און געראַרפּט האַלטן ביי די זייטן. איך פלעג אַוועקגיין אין דער זייט ווייל איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן אום ניט צעפּלאַצט ווערן פאַר געלעכטער. ניט איינמאָל, פלעגט מען אים ביינאַכט, מוזן אָנטון דאָס „צוואַנגס־העמדל”. ער פלעגט מיר בייטאָג זאָגן, אַז דוכט זיך אים אַז מען איז אים חושד אַז ער איז ניט שטאַרק משוגע, וועט ער שוין הייַנט ביינאַכט זיי ווייזן וואָס ער קאָן. נו, פלעגט ער „באַקומען” אַן אַטאַקע, אַז מען האָט אים געמוזט בינדן. אַזוי פלעגט ער ליגן 24 שעה, ביז עס איז אים „איבער־געגאַנגען” און ער איז ווידער געוואָרן „רואיק”.

און דאָס אַלץ — אַבי ניט גיין אויפן פראָנט.

אינמיטן פון מיין פאַרברענגעכץ אין משוגעים־הויז באַקום איך אַ טע־לעגראַמע פון מיין שוועגערן, אַז מען האָט מיין ברודער מאָביליזירט און תיכף אַפּגעשיקט אויפן פראָנט. און נאָך איידער איך האָב צייט אָנצושרייבן אַהיים אַ בריוו וועגן דעם, קומט מיר אָן אַ צווייטע טעלעגראַמע, אַז מיין ברודער איז שוין „געראַניעט” (פאַרוואונדעט) און ער ליגט אין אַ שפּיטאָל אין מאָסקווע.

די דאָזיקע טעלעגראַמעס האָבן מיר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען און איך האָב געמאַכט אַ פּראָווו, אפשר וועט מען מיר געבן „אָטפּוסק” אויף צוויי וואָכן צו פאָרן קיין מאָסקווע. איך בין געווען זיכער אַז דער יאַסניע־וועל־מאַזשנע פאָן זאַוועדוויושטשע וועט מיר אָפּזאָגן די ביטע, און צו מיין פאַר־וואונדערונג — האָט ער זי מיר גראָדע תיכף געגעבן. ער האָט מיר אַרויס־געגעבן מיין פּאַספּאָרט און מיר געזאָגט, אַז איך קאָן דאָרט זיין וויפל איך וויל, ווייל דער זאַוואָד וועט במילא זיך גיך אָפּשטעלן. איך האָב זיך געזעגנט מיט אַבראַשאָן, אים איבערגעלאָזט אַן אַדרעס וואוהין מיר צו שרייבן, אויב ער דאַרף דרינגענד און בין אַוועק קיין מאָסקווע. גראָדע, האָט מיך מאָסקווע אויפגענומען ניט אַזוי פריינדלעך. איך בין שוין געווען געוואוינט צו פרעסט. נאָר אויסהאַלטן אַ פראָסט פון... 32 גראַד אונטערן זעראָ, האָב איך זיך ניט געגרייט. עס איז געווען ממש אין דרויסן ניט אַרויסצוגיין. מיין וואוינונג איז געווען אויפן ערשטן שטאָק פון אַ ביליק אידיש אַכסניהלע. ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן און אַרויסגעגאָסן אַ גלאָז הייסע וואַסער אויפן טראָטואַר — איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיק אייז. איך האָב מיין ברודער געטראָפן אין בעט, אַרומגערינגלט פון אַ פּאָר קראַנקן־שוועסטער און מיין שוועגערן ע״ה נעבן אים. זיין „וואונד” איז געווען, עפּעס אַ געפּלאַצטער אָדער פון

אַ פּוס. אָבער צוריק אויפן פראָנט איז ער שוין ניט געפֿאָרן. ער איז אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל עטלעכע חדשים און דערנאָך באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט. מיין זיין נעבן אים, איז אויך געווען איבעריק. איך פאָר צוריק קיין ווינניצע און טרעף דעם זאַוואָד פּאַרמאַכט. אַלע ארבעטער וואָס האָבן געדאַרפט דינען, נאָר האָבן געהאַט אַן „אָטסראָטשקע" — האָט מען אָפּגעשיקט אויפן פראָנט. און, אַזוי ווי מיין יאָר האָט מען נאָך ניט גערופן, האָט מען אַנולירט מיין קאָנטראַקט, מיר אפילו ניט באַצאָלט פאַר עטלעכע ארבעטס־טעג, און מיר געהייסן גיין. און —

אַ סוף פון מיין אָטסראָטשקע. פאַרלוירן קרוב צו אַ יאָר צייט אומזיסט און אומגישט, זיך אויסגעשלאָגן פון די כוחות און געמאַכט אַ סך הוצאות. איצט דאַרף מען פאָרן צוריק אַהיים און זען זוכן אַ צווייט אָרט פאַר אַ צווייטער אָטסראָטשקע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך פאָר אַ היים פון ווינניצע. אייגנטלעך, וואָס וועל איך טון אין טעפּליק? ווער קאָן מיר דאָרט העלפן? אָבער — עס בענקט זיך אַ היים. און ווי שטענדיק איך פלעג זיך פירן איידער איך בין אָנגעקומען אין אַ באַשטימט פלאַץ זיך דאָרט צו באַזעצן — שיק איך אַוועק אַ בריוו אין די רעדאַקציעס און בייט איבער דעם אַדרעס וואוהין מיר שיקן די צייטונגען. אין יענער צייט פלעג איך לייענען די אידישע צייטונג וואָס איז דערשינען אין אָדעס „אונזער לעבן" און צוויי רוסישע צייטונגען, איינע די „קיעווסקאַיאַ מיסל" און די צווייטע — די „זעמשטשינאַ" — אַ שאַרף, אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטישע צייטונג.

פאָרן פון ווינניצע קיין טעפּליק, האָט מען געקאָנט דורך קאַזאַטין—אומאַן. איך האָב אָבער אויסגעקליבן אַ באַקוועמערן וועג און בין געפאָרן דורך וואַפּניאַרקע מיטן באַן וואָס פלעגט דורכגיין דורך אונזו, דורך קובליטש, אויפן וועג קיין צוויעטקאָווא. מער חשק האָב איך גראַדע געהאַט צו פאָרן דורך קאַזאַטין, ווייל מען פלעגט דורכפאָרן דורך דער באַרימטער סטאַנציע זשמערינקע, באַרימט דערמיט, וואָס דאָרט איז געווען אַ טונעל וואו דער באַן איז דאָרט געגאַנגען אונטער דער ערד. און פאַר אַזעלכע „גרויס־שטעטלדיקע" חברה ווי אונזערע טעפּליקער — איז אַזאַ געשעעניש ווי אַ טונעל פאַר אַ באַן, געווען אַ גאַנץ איבערלעבעניש. אָבער, עס איז געווען באַשערט אַז איך זאָל איבערלעבן אַ וויכטיקערן, אפשר דעם וויכטיקסטן מאָמענט אין מיין לעבן, און שוין שטייענדיק אין ווינניצע ביים וואָקזאַל מיט מיין סאַקוואַיאַזשל, האָט

די צונג אַליין אויסגערעדט דאָס וואָרט „קובליטש" און — איך פֿאָר שוין אויף דעם וועג קיין וואַפּניאַרקע.

פֿון וואַפּניאַרקע ביז קובליטש (טעפּליקער וואָקזאַל) האָט מען געדראָפּט דורכפֿאָרן דעם בוג ניט ווייט פֿון שטעטל לאַדיזשען. איבער דעם דאָזיקן גרויסן טייך איז געווען אַן אייזערנע בריק פֿאַרן פּאַיעזד און אַ צווייטע בריק פֿאַר וועגענער. די גאַנצע צייט פֿון דער רייזע, בין איך געשטאַנען אויף דער פּלאַטשטשאַדקע און געקוקט אויף די שיינע פֿעלדער און גרויסע וועלדער וועל־כע דער באַן האָט דורכגעשניטן מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט. שטייענ־דיק אַזוי ביי דער טיר פֿון דער פּלאַטשטשאַדקע פֿון באַן, זיינען מיר אַרויפֿגע־פֿאָרן אויף דער בריק. נו איז דאָך אוודאי דאָ וואָס צו באַקוקן. איך ווייס ניט ווי אַזוי, נאָר פֿון דער טיר, פֿון צווייטן קלאַס וואַגאָן — אָו זאָויף דער פּלאַטשטשאַדקע פֿון צווייטן קלאַס בין איך געשטאַנען, — איז אַרויסגעלאָפֿן אַ קינד, מיט אַ גלעכטער, ווייזט אויס אַז עס האָט זיך געשפּילט מיט עמיצן אין באַן, און ,איידער עמיצער האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן — עס לויפֿט צו דער טיר, גיט זיך אַ גליטש אויס און פֿאַלט אַרויס פֿון וואַגאָן אין וואַסער אַריין. עס האָט אָבער ניט אוספּיעט אַריינצופֿאַלן אין וואַסער, ווייל ווי אַ פֿייל פֿון בויגן, גיב איך עס אַ כאַפּ אַן ביי דעם פֿלייצקעלע, מיט איין האַנט — האַלט איך עס אין דער לופֿטן און מיט דער צווייטער האַנט האַלט איך זיך אָן ביים שטיק אייזן — דאָס הענטל וואָס פֿירט צום וואַגאָן, און... שריי גוואַלד. איך האָב אָבער פֿאַרשפּאָרט צו שרייען, ווייל פֿון פֿענצטער האָט די מוטער דערזען וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן קינד און האָט באַלד... געכ־מען חלשן און דער פֿאָטער, אַ הויכער מיליטער־מאַן, אַן אָפֿיציר פֿון גענעראַל שטאַב, איז אַרויס אין דרויסן, און אונז ביידע אַריינגעשלעפּט. דאָס קינד האָט טאַקע ווידער געלאַכט ווייל עס האָט ניט געוואוסט אין וועלכער געפֿאַר עס איז געווען און איך... האָב געחלשט, אַז מען האָט מיך קוים אָפּגע־ראַטעוועט.

וואָס דעמאָלט איז פֿאָרגעקומען אין וואַגאָן? איז ניט מעגלעך צו באַ־שרייבן. דער טאָג איז געווען אַ שיינער און אַלע פּאַסאַזשירן האָבן אַרויס־געקוקט דורך די פֿענצטער און געזען ווי אַזוי איך האָב אַ כאַפּ געטון דאָס קינד. איטלעכער איז געווען זיכער, אַז דאָס האָב איך געטון ווייל איך... בין אַזוי פֿלינק. דער אמת, אָבער, איז געווען, אַז דאָס קינד האָב איך אַ כאַפּ געטון אינסטינקטיוו, אָן שום „העלדישקייט" פֿון מיין זייט.

ווען מען האָט מיך דערמונטערט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּליעסקערייַ מיט אַ... קושערייַ — ווי ביי די רוסן איז איינגעפֿירט. דעם קינדס מוטער,

וועלכע האָט געליטן אפשר אַ שעה צייט פון אַ היסטערישן אָנפאַל, האָט געהאַלטן אין איין גלעטן מיט איין האַנט — דאָס קינד און מיט דער צווייטער — מיך. זי האָט געזען, דורכן פענצטער ווי דאָס קינד פאַלט אין טייך אַריין און ווי איך האָב עס אויפגעכאַפּט און געראַטעוועט. נו, ווי זאָל זי מיך ניט גלעטן. דער וואַגאָן איז געווען פול מיט מיליטערלייט. עס זיינען אויך אַריינגעקומען מיליטער־מענטשן פון צווייטן און דריטן וואַגאָן, און איידער איך האָב צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, האָט מען מיר צוגעטראָגן אַ מתנה — צונויפגעזאַמלט צווישן זיך — אַ גאַנצן פינפהונדערטער. צי איך האָב יאָ געוואָלט צי ניט געוואָלט, איך האָב געמוזט צונעמען דאָס געלט. עס האָט געהייסן אַ מתנה פאַר מיין „בראַבראַסט”. און פון קיין מתנה, זאָגט מען זיך — ספּעציעל ביי די רוסן — ניט אָפּ.

ערשט, ווען מען האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט איך גענומען אוועקגיין, ווייל דער באַן האָט שוין פאַרלאָזט די סטאַנציע „זאַטקיוועץ” און זיך דערנענטערט צו קובליטש, וואו איך האָב געדאַרפט אויסשטייגן. אָבער, מען לאָזט מיך ניט אָפּ. איך דאַרף פאָרן מיט דעם אָפיצירס פאַמיליע קיין אומאַן — צו זיי אַהיים. מען האָט מיר קוים דערלויבט אַראָפּגיין ביי דער סטאַנציע קובליטש און איבערגעבן אַהיים, אַז מען זאָל קיין יסורים ניט האָבן (זיי האָבן דאָך געוואוסט אַז איך דאַרף קומען מיטן באַן) און אַז איך פאָר קיין אומאַן.

אין אומאַן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע שמחה אַרום מיר. דער אָפיציר און די פרוי זיינע, האָבן געהאַט עלטערן — הויכגעשטעלטע רעגירונגס־מענטשן. ווען זיי זיינען געוואוירע געוואָרן פון דעם „נס”, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ... קושעניש און סדרה מתנות. מען האָט מיך — דאָס ערשטע — אויסגעקליידט ווי אַ פּרינץ און אין צוויי טעג אַרום האָט מען געפּראַוועט אַ באַל פאַר מיין כבוד וועגן, און — ווידער מתנות און ווידער אַ קושן פון אַלט און יונג. איך האָב דעמאָלט, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן — באַקומען אַן אייגענעם... האַנט־זייגער און אַ פאָטאָגראַפיש אַפּאַראַט, וועלכער איז מיר שפּעטער — אין אָדעס — גוט צונוץ געקומען ווען איך האָב אים געמוזט פאַרקויפן.

אין משך פון די עטלעכע טעג וואָס איך בין געווען ביים אָפיציר באַנדראַוווסקי אין הויז, האָט ער מיט מיר געכאַפּט אַ שמועס וועגן מיינע ענינים, און איך האָב אים דערציילט דעם אמת ווי איך האָב געפּטרט אומזיסטע חדשים צו אַרבעטן צוליב אַן „אַטסראַטשקע” און אַז איך וויל זוכן אַ... צווייטן זאַוואָד אָדער אונטערנעמונג וואו מען קריגט אָט די גאָלדענע געלעגנהייט

ניט צוגענומען ווערן און תיכף — אָן שום מיליטערישן וויסן — גיין אויפן פראָנט. איך האָב מיט אים גערעדט פראַנק און פריי, ווייל איך האָב, צופעליק, אויפגעכאַפּט אין שטוב שמועסן, אַז ער איז... קעגן צאַר און קעגן ראַספּו־טינען און קעגן דער מלחמה. ער איז אַ פּאָליאַק, און אַלס פּאָליאַק, — כאָטש אַזאַ הויכער אָפיציר — וואָלט ער געוואָלט זען פּאָניעס מפּלה. ווען באַנדאַ־ראָווסקי (אַזוי האָט ער געהייסן) האָט דערהערט מיין פּראָבלעם, האָט ער מיר געהייסן זיין רואיק. ער וועט מיך באַזאָרגן. דאָס איז דאָס קלענסטע וואָס ער קאָן טון פאַר מיר. ספּעציעל האָט ער מיט מיר געהאַלטן אין איין פּירן געשפּרעכן, און עס האָט אים שטאַרק הנאה געטון וואָס איך רעד אַ פריי־ען רוסיש און ער קאָן מיט מיר שמועסן, ער האָט אפילו געהאַט פאַר מיר פּלע־נער אויף נאָך דער מלחמה. ער וועט מאַכן פון מיר אַ לייט. דערווייל אָבער, האָט ער מיר געגעבן אַ בריוו צום וואַינסקי נאַטשאַלניק פון אָדעסער אָקרוג, וועלכער איז — אגב אורחא, — זיין שווערס ברודער און דער טויף־פּאַטער (פּאַדרינאַ) פון גערעטעוועטן קינד. און, קויפּנדיק פאַר מיר אַ בילעט ערשטע קלאַס, האָט ער מיך גלייך אָפּגעשיקט קיין אָדעס. איך האָב אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו זיין אַ טאָג־צוויי ביי מיין ברודער, ווייל... אויף די וועגנס האָבן שוין געהאַנגען פּלאַקאַטן אַז די פּריזיוויניקעס פון „קלאַס" 1919, דאָס הייסט פון מיין יאָר, האָבן זיך געדאַרפט צושטעלן צו אַ זבאָרנע פּונקט — און אַ נייער געזעץ איז דאַן אַרויס, אַז מען קאָן זיך שטעלן וואו מען וויל, ניט דאָרט וואו מען איז צוגעשריבן — און מיט שיינע עטלעכע הונדערטער אין קעשענע מיט אַ שיינעם לעדערנעם סאַקוואַיאַזש (וואַליזע), וועלכער איז געווען אָנגעפּולט מיט העמדער, וועש, צוויי נייע קאָסטיומען און בכלל פון כל טוב, מיט אַ בילעט ערשטע קלאַס און דער עיקר — מיט אַזאַ אייזערנעם בריוו — בין איך אָפּגעפאָרן קיין אָדעס. איך האָב בלויז צייט געהאַט טע־לעגראַפירן מיין טאַטן, ער זאָל מיר אָפּוואַרטן ביי דער סטאַנציע קובליטש.

ווען דער באַן איז צוגעקומען קיין קובליטש, בין איך געוואָרע געוואָרן אַ נייעס. גאַנץ טעפּליק האָט שוין געוואוסט פונעם „נס" מיטן קינד. אייניקע האָבן דערציילט איין גוזמא גרעסער פון דער צווייטער אַז די עלטערן פון קינד זיינען גרויסע מיליאָנערן און אַז זיי ווילן מיך אָפּגילטן אַבי איך זאָל... זיך שמדן און זיי וועלן מיר געבן זייערס אַ קינד פאַר אַ ווייב. און אַז מען האָט מיר שוין דערווייל געגעבן הונדערט טויזנט קערבלעך — „נאַ סטשאָט", ס'הייסט: עד לחשבון — דער טאַטע האָט עס מיר דערציילט, אין די פּאָר מינוט וואָס דער באַן איז געשטאַנען, און האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ער האָט

ניט געגלויבט איין רגע אפילו אז איך וועל אָנעמען זייער אָנבאָט. אָבער, — היטן דאַרף מען זיך, ווייל די סטרא אחרא איז גרויס...

פון באַן איז דער טאַטע אוועק א רוּאיקער.

— —

די רייזע מיינע קיין אָדעס, א רייזע מיטן ערשטן קלאַס, וועט מיר זי־כער בלייבן אייביק אין זכרון. די באַקוועמע „קופּע" פון רוסישן ערשטן קלאַס וואַגאָן, האָט געקאָנט יעדן איינעם פאַרשאַפן פאַרגעניגן א חוץ... א אידן. א איד, אין ערשטן קלאַס, האָט זיך געפילט עלנט און איינזאַם, ניט געהאַט מיט ווער מען א וואָרט אויסצורעדן און אויב ער האָט שוין געפונען עפּעס א שליאַכטיטש וואָס האָט אים געטון א טובה און מיט אים א רעד געטון, האָט דער שליאַכטיטש ניט געקאָנט קיין רוסיש און דער איד — קיין פּויליש.

אין אָט אזא לאַגע, — כאָטש איך האָב שוין געקאָנט רעדן רוסיש — בין איך געפאָרן ביז בירזולא. שוין נאָענט פון אָדעס האָט זיך אריינגעזעצט א אידישער סוחר וועלכער האָט באַלד דערשמעקט, אז איך בין אַן אייגענער און געוואָלט מיט מיר פאַרבונדן א שמועס אויף רוסיש. אָבער, איך האָב זיך ניט געלאָזט און ער האָט געמוזט רעדן אידיש, און נאָך וועלכן אידיש. א היי־מישן, בעסאַראַבער אידיש.

קיין אָדעס איז דער באַן אָנגעקומען ניין אזייגער אינדערפרי. און מעשה „גביר", ווי עס פּאַסט פאַר איינעם וואָס קומט אָן מיט ערשטע קלאַס, האָב איך דערלויבט א נאָסילשטשיק אראָפּנעמען מיין סאַקוואָיאַזש און אים גע־געבן א שיינעם „נאַ טשאַי". ארויסגייענדיק פון באַן, האָב איך גענומען אַן איזוואָזשטשיק און אים געהייסן פירן מיך אויף אַן אדרעס וואָס איך האָב אים געגעבן. דאָס איז געווען צו א היימישן אידישן האָטעל, א „גאָסטיניצא" וואָס א טעפּליקער אײדעם, טאַקע עזריאל שאַראַגעסעס איידעם האָט דאָרט געהאַלטן און מען האָט זי טאַקע גערופן די „טעפּליקער סטאַנציע". דער איז־וואָזשטשיק האָט א קוק געטון אויפן אַדרעס וואָס איך גיב אים און אויף... מיר אויך, זיך באַלד געגעבן חשבון אז איך בין א „גרינער" אין אָדעס, און א קליינשטעטלדיקער דערצו, געמאַכט א מינע אז עס איז שטאַרק ווייט, זיך באַדונגען פאַר א גאַנץ קערבל, ארומגעפאָרן מיט מיר איבער דער גאַנצער שטאָט, און ענדלעך מיך צוגעפירט צו מיין „גאָסטיניצא". פאַר פרייד האָב איך אים נאָך געגעבן 20 קאָפּקעס אויף „א פּאָרל טיי" (אזוי האָט געהייסן ביי א סך דאָס, וואָס מיר רופן „פּראָפּינא") און ווען איך בין מיט מיין סאַק־וואָיאַזש שוין געווען אין שטוב און נאָך דעם שלום עליכם, און „וואָס מאַכט

דער טאַטע?״ און וואָס הערט זיך אין דער היים? בין איך געוואוירע געוואָרן, אַז די טעפּליקער סטאַנציע געפינט זיך אַ... האַלבער קוואַרטאַל (קוואַדרע) פון באַן, טאַקע, אָט דאָ, אונטער דער נאָז, און איך האָב אומזיסט אַרויסגע־וואָרפן אַכט גילדן (אַ קערבל מיט 20 קאָפּקעס) און אומזיסט אַרומגעפאָרן אַ שעה צייט איבער דער רישיליעווסקע, פּושקינסקע און דעריבאַסאָווסקע. ביים ערשטן מיטאָג, וואו איך האָב זיך געטראָפן מיט אַ פּאָר טעפּליקער אידן־פּענסיאָניסטן, האָט מען מיך טאַקע געקרוינט מיט אַ נאָמען: „דער וואָיאַ־זשאָר״.

אָפּגעגעסן, זיך אויסגערוט, זיך פאַרפּוצט מיט אַ נייעם קאָסטיום, בין איך אוועק מיט אַ וויזיט צום וואָינסקי נאַטשאַלניק אַ היים. געוואוינט, האָט ער, אין דער אַריסטאָקראַטישער געגנט נעבן „לאַנזשעראָן״, און ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ קאָזאַק מיט אַ רעוואָלווער און קינזשאַל, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק. מעלדנדיק זיך צו אָט דעם „אדון הקאָזאַק״ האָב איך בלויז דערמאָנט דעם נאָמען ווער עס שיקט מיך, דעם נאָמען פון אָפיציר באַנדראַוווסקי, און עס האָט ניט געדויערט קיין מינוט ווי מען האָט מיך תיכף אַריינגעפירט אין שטוב אַריין און... מען האָט מיך אַרומגעכאַפּט קושן.

נאָכן נעמען אין מויל אַריין אַ גוטע פּאַרציע קאָניאַק, האָט דער וואָינסקי נאַטשאַלניק מיט מיר תיכף אָנגעהויבן ריידן פון „תכלית: וואָס איז מיין פאַרלאַנג? אפשר וויל איך אַז מען זאָל מיך טאַקע אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, נאָר ער וועט מיך באַשטימען אין אַן אָרט אין אַן „אוטשרעזשדעניע״ וואו עס וועט מיר זיין גוט ווי די וועלט? ער קאָן אפילו מאַכן, אַז איך זאָל ווערן זיין אייגענער „דיענשטשיק״. איך האָב אָבער באַשטימט אויסנוצן אָט די געלעגנהייט ביזן סוף. איך האָב אים דערקלערט, אַז מיין גרעסטער חלום איז — אַריין אין גימנאַזיע. אַ צווייטן חלום האָב איך — אַרבעטן אין אַ צייטונג, ווערן אַ „רעפּאָרטער״. און אַלס סאָלדאַט, וועל איך ביידע זאַכן ניט קאָנען דערגרייכן.

דער וואָינסקי נאַטשאַלניק גיט אַ טראַכט און רופט זיך אָפּ:

— מאָרגן, זאָלסטו דערלאַנגען דיינע פּאַפּירן אַז דו שטעלסט זיך צום פּריזיוו. און איבערמאָרגן וועט מען דיך רופן. דו וועסט זיין דער לעצטער נומער אַריינצוקומען אין פּריסוטסטוויע.

איך האָב פאַרשטייט זיך, אויסגעפאָלגט ווי מען הייסט מיר און ווען איך האָב דערהערט ווי דער סאָלדאַט ביי דער טיר גיט אַ רוף אויס: וואָלקאָ נוסינאָוויטש טשערנאָוועצקי — בין איך מיט פעסטע טריט און דאָך, מיט

א טיאַכקעניש אין האַרצן אַריינגעקומען, זיך אויסגעטון אַדם נאַקעט און זיך געשטעלט דער לעצטער פון דער רייע. עס קומט צו דער דאָקטאָר, באַטראַכט מיך אַביסל און גיט מיך אַ פרעג:

— טשעם באָליען? (פון וואָס בין איך קראַנק?)

וואָס זאָל איך אים ענטפערן? איך האָב אים געזאָגט דעם אמת:

— ניטשעם. איך בין געזונט ווי אַ פערד, הייסט עס.

באַטראַכט מיך ווידער דער דאָקטאָר קוקט מיר אין די אויגן און רופט זיך אָן צו דער „פריסוטסטוויע״: — ער איז קראַנק אויף די אויגן.

וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט היינטיקע נאַכט, יענע נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר — אויף זיין קאָפּ. וואָס פאַר אַ קראַנקהייט גייט ער עס מיר צושטעפּען? און, באמת ניט ווילנדיק, גיב איך אַ זאָג צום דאָקטאָר:

— דאָקטאָר, זייט אַזוי פריינדלעך (בודטיע ליובעזנע) און באַטראַכט מיך נאָך אַמאָל, ווייל איך פיל גאָרניט אין די אויגן...

דער דאָקטאָר גייט צו צו מיר, עפנט מיר גוט אויף די אויגן און רופט זיך אָן צו די זיצערס ביים טיש:

— דוכט מיר, אַז אַ חוץ אַ קראַנקהייט אין די אויגן איז ער נאָך אַ... דוראַק (טפּש) אויך!

יאָ, דער דאָקטאָר האָט דעמאָלט געזאָגט אַ האַלבן אמת. קיין אויגן־קראַנקהייט — האָב איך טאַקע ניט געהאַט. נאָר אַ דוראַק, אַ גרויסער נאַר בין איך יאָ געווען. און טאַקע ווי אַזוי האָב איך ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער דאָקטאָר האַנדלט אַזוי. ווען דער וואָינסקי נאַטשאַלניק האָט אויסגערופן: „נאַ וואָספּיטאַניע״ (אויף אָן אונטערזוכונג) און ווען איך האָב זיך אָנגעטון און געגאַנגען נעמען דאָס צעטל וואָס איך דאַרף צושטעלן צו דער אונטערזוכונג אין שפּיטאָל און האָב דערזען אַז דער דאַטום פון מיין צו־שטעלן זיך איז אויסגעשטעלט אויף שפּעטער מיט... ניין (9) חדשים — האָב איך שוין פאַרשטאַנען אַז... איך בין טאַקע געווען אַ נאַר.

ווען מיין טאַטע האָט באַקומען מיין טעלעגראַמע אַז איך גיי „נאַ וואָס־פּיטאַניע״ און ערשט אויף אין ניין חדשים אַרום, איז ביי אים געווען דאָס זעלבע וואָס איך זאָל אים מעלדן, אַז איך בין באַפרייט. ווייל, אין ניין חדשים אַרום, וועט דאָך זיכער שוין זיין שלום. מען ריכט זיך דאָך אַלע טאָג אויף אַ... סעפּאַראַטן שלום צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. מען זעט דאָך באַשיינפּערלעך, אַז ווייטער קאָנען מיר ניט פירן די מלחמה. ווען מען זאָגט איינעם דעמאָלט, אַז די מלחמה וועט זיך נאָך ציען אַ יאָר אָדער צוויי, וואָלט ער אייך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם.

האָבנדיק שוין דאָס גוט קוויטל מיט דער נייַן־מאַנאַטנדיקער „אָטסראָטש־קע" אין דער האַנט, האָט זיך ערשט פאַר מיר געשטעלט דער פּראָבלעם וואָס צו טון ווייטער? פאָרן אַהיים? וואָס וועל איך טון אין טעפּליק? זוכן דאָ, אין אָדעס, אַרבעט? און וואָס וועט זיין אַז איך וועל, אין נייַן חדשים אַרום דאַרפן גיין דינען? טאַקע ניט אויפן פראָנט. אָבער, אַ סאָלדאַט וועל איך מוזן ווערן. מען וועט דאָך זען, אַז איך האָב געזונטע אויגן.

אָבער, אַז מען שמועסט מזל! דעם דאָזיקן פּראָבלעם האָט מיין פּראָ־טעקטאָר — דער וואַינסקי נאַטשאַלניק, נאָך פריער פאַרזאָרגט. ווען איך בין געקומען צו אים דעם צווייטן טאָג צו גאַסט אויף טיי, האָט ער מיך, ערשטנס, גוט אויסגעמוסרט פאַרוואָס איך האָב דיסקוטירט מיט זיין פריינט, דעם דאָקטאָר, און צווייטנס, מיר געמאָלדן אַז פון דער צווייטער וואָך אָן, טרעט איך אַריין אַרבעטן אין דער באַוואוסטער רוסישער צייטונג „מאַליע אָדעסקיע נאָוואָסטי" (קליינע אָדעסער נייעס) און וועל — דערווייל — ווערן אַן אויס־סערלעכער מיטאַרבעטער, אָבער מיט דער צייט וועל איך דערגרייכן מיין שטרעבונג און ווערן אַ פאַלנע רעפּאָרטער. און אַזוי ווי קיין געלט האָט מיר ניט געפעלט, איך בין געקומען קיין אָדעס מיט דריי הונדערט קערבלעך (דאָס איבעריקע האָב איך געגעבן „באַהאַלטן" דעם טאַטן), האָב איך גענומען אַ גור־ליאַיע טון „פּאָ אָדעסקאָמו" און אין משך פון צוויי וואָכן איז אין מיין קעשענע געוואָרן דער אמתער לאָך. און ווען עס איז געקומען צו באַצאָלן פאַר מיין סטאַנציע — האָט מיר שוין אויסגעפעלט אַזוי פיל, אַז איך האָב אָנגע־הויבן פאַרקויפן אַ טייל פון מיינע — לעצטנס אַריינבאַקומענע מתנות — ווי דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, אַ גאָלדן פינגערל און נאָך אַזעלכע קלייני־קייטן. אַ גליק איז געווען וואָס איך האָב אָנגעהויבן באַקומען אַ סך אַרבעט אין צייטונג — טאַקע אַלס גאַס־רעפּאָרטער און איך האָב ניט געדאַרפט פאַר־קויפן מיינע אַנצוגן וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט.

און, אַז איך האָב דערזען אַז דאָס מזל שפּילט מיר, האָב איך באַשטימט ווייטער גיין און פּרואוון פאַרווירקלעכן דעם צווייטן טייל פון מיין חלום — אַריין אין גימנאַזיע. איך האָב געלערנט די גאַנצע צייט, און ספּעציעל — די לעצטע צייט — זייער געשמאַק, און לויט ווי מיינע לערער וואָס האָבן מיך פּריגאָטאָוועט, האָבן זיי מיר געזאָגט אַז איך קאָן אַריין אין פערטן קלאַס, אָבער... אויך דאָ, נויטיקט זיך פּראָטעקציע. טאַקע, ווייל מיין פאַמיליע־נאָמען קלינגט אַזוי אידיש. און אַז מען שמועסט „פּראָטעקציע" — ווער האָט נאָך אַזוי פיל פּראָטעקציע ווי איך? און... אַזוי איז טאַקע געווען. כ'האָב נאָר געדאַרפט אַ זאָג טון מיין טייערן ערל, דעם וואַינסקי נאַטשאַלניק, אַז

איך זוך אַ פּראַקטיקע אין אַ גימנאַזיע אַריין — האָב איך באַלד באַקומען אַ בריוו צו אַ דירעקטאָר פון אַ פּריוואַטער גימנאַזיע וועלכע האָט אָבער גע־האַט „רעגירונגס־רעכט" (ס'פּראַוואַמי דליאַ אוטשאַסטשיך) און, אינמיטן לערן־יאָר, האָט מען גענומען ביי מיר עקזאַמען און מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גימנאַזיסטן־באַנק.

ערשט דעמאָלט האָב איך געדאַרפט האָבן נייַ געלט. איך האָב געמוזט קויפן אַ גרייטן גימנאַזיסטן קאָסטיום מיט אַ היטל, מיט דעם גאַנצן קלאַפּער־געצייג וואָס געהער צו אַ גימנאַזיסט, וועלכער האָט זיך געגרייט אין פערטן קלאַס און איז אַריין אין... פינפטן. איך האָב זיך געזעגנט מיט אַ סך זאַכן וואָס איך האָב אין די גוטע יאָרן אָפּגעשפּאָרט און — געוואָרן אַ פּאָלנע, טאַקע אַן אמתער גימנאַזיסט. ווער איז דאַן געווען צו מיר גלייך?

אין דער צייטונג וואו איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן, באַקאַן איך זיך מיט אַ אידישער פּערזענלעכקייט וואָס איז דאָרט געווען איינער פון די רעדאַק־טאָרן, שלום שוואַרץ (סאַלאָמאָן באָריסאָוויטש), איינער פון די ערשטע חובבי ציון, איינער פון די וויכטיקסטע טוער אין „אָדעסער קאָמיטעט" — דער צענ־טראַל־פּונקט פון אָדעסער ווי בכלל פון גאַנצן זיד־רוסישן ציוניזם (היינט איז ש. שוואַרץ אין ארץ ישראל) און ער רעקאָמענדירט מיך צו זיינעם אַ פריינט נאָום דאַווידאָוויטש צאַליוק, און יענער גיט מיר אַ שטעלע אין קאָמיטעט, וועלכער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ וואָכן־זשורנאַל „יעווריייסקאַיאַ זשיזן". פּרעזידענט פון קאָמיטעט ווי פון דער אויסגאַבע איז געווען מנחם מענדל אוסישקין ע"ה, צו וועמען איך האָב געדאַרפט קומען אַלע טאָג אין דער קאַ־מערטשעסקע באַנק וואו ער האָט געאַרבעט און אים אָפּגעבן אַ באַריכט פון נעכטיקן טאָג טעטיקייט. גערעדט האָב איך מיט אים אָדער עברית אָדער רוסיש. ער האָט גערעדט אויך אַ געשמאַקן אידיש אָבער... אַן חשק.

ווייזט אויס, אַז איך האָב נושא חן געווען ביי מיינע בעלי הבתים, און ספּעציעל — ביי אוסישקינען ע"ה, ווייל אין אַ שיינעם טאָג האָט ער געמאָלדן, אַז ער האָט פאַר מיר נאָך אַ פּאָר שעה אין טאָג אַרבעט (געאַרבעט האָב איך דעמאָלט אַ... דרייצן־פערצן שעה אַ טאָג). ער האָט איבערגערעדט מיט דר. יוסף קלויזנער — אים צו לענגערע יאָר — וועלכער האָט געהאַט זיין רע־דאַקציע און אַדמיניסטראַציע אין אַ צימערל פון „אָדעסער קאָמיטעט", און קלויזנער גיט מיר איבער די אַדמיניסטראַציע און ספּעציעל — דעם אַרכיוו פון „השלוח". די דאָזיקע אַרבעט האָב איך אָנגענומען מיט פאַרגעניגן, ניט בלויז דערפאַר ווייל איך האָב באַטראַכט מיינס אַן אַרבעט אין אַזאַ וועלט־זשורנאַל ווי „השלוח", ווי אַ הייליקע אַרבעט, נאָר איך האָב געוואָלט זיין

נאָענט פון דר. קלויזנער אויף וועמען איך האָב דעמאָלט... שטאַרק רחמנות געהאַט, ווייל מען פון אים שטאַרק געחוזקט. ספּעציעל, פלעג פון אים שפּעטן חיים נחמן ביאַליק ע״ה, וועלכער פלעגט קומען אין „אָדעסער קאָמיטעט״, ווי אין דער רעדאַקציע פון „יעווריסקאַיאַ זשיזן״ כמעט אַלע טאָג. ביאַליקן פלעג איך זען פון דער ווייטן און האָב ניט געהאַט קיין געלעגנהייט מיט אים זיך צו באַקאַנען אָדער מיט אים צו ריידן כאָטש אַ וואָרט. דער נאָמען ביאַליק, איז פאַר אונז יונגוואַרג, ספּעציעל קליינשטעטלדיקע יונגוואַרג, געווען אַ הייליקייט. זינט דעם קעשענעווער פּאָגראָם, נאָך וועלכן ביאַליק ע״ח האָט פאַרעפנטלעכט זיין באַרימטע פּאָעמע „משא נמירוב״, איז ביאַליק געוואָרן ביי יעדן איינעם פון אונז איינגעבאַקן אין הארצן. אָנקוקן ביאַליקן — איז געווען דער חלום פון יעדן איינעם פון אונז. און דאָ, געפין איך זיך נאָענט נעבן אים, זע אים אַלע טאָג און קאָן זיך מיט אים ניט באַקאַנען. ביז אַ „טראַגיש-קאָמישער״ פאַל האָט אונז צונויפגעפירט. אין איינעם אַ טאָג, זייענדיק אין קאָמיטעט האָט ער זיך געווענדעט צו מיר און געבעטן אפשר קאָן איך אים קריגן אַ קאַלטן טרונק... איך בין אויפגעציטערט געוואָרן. ביאַליק אַליין רעדט צו מיר. ביאַליק, בעט מיך אַ טובה. איך וועל באַדינען ביאַליקן. דער עיקר, איך וועל נאָך היינט אַ היים שרייבן קיין טעפּליק אַז איך האָב.. עפּעס געטון פאַר ביאַליקן.

געשווינד ווי אַ פייל פון בויגן, לויף איך אַוועק קריגן ביי אַ שכנה פון הויף אַ קאַלטע גלאָז וואַסער. גיי שנעל מיט דער גלאָז קאַלטע וואַסער אריין צו ביאַליקן אין צימער וואו ער איז געזעסן און ווען איך וויל אים דערלאַנגען — מיט מיינע ציטערדיקע הענט — די גלאָז וואַסער — פאַלט זי מיר ארויס פון האַנט, גיסט אָפּ מיך און אים און די גלאָז ווערט צעבראָכן. פאַר גרויס איבעראַשונג האָב... איך זיך צעוויינט און בלויז געקאָנט ארויסריידן די ווערטער:

יסלח לי מר ביאַליק! (זאָל מיר ביאַליק מוחל זיין!).

איך בין געווען זיכער, אַז ביאַליק וועט זיך צעשרייען, צעבייזערן אויף מיין „רירעוודיקייט״. אָבער ביאַליק האָט זיך פּשוט צעלאַכט. מיט זיינע קלוגע אויגן האָט ער באַלד דערקענט אין מיר אַז איך בין געוואָרן עמאָציאָנירט פון מיין טרעפן זיך מיט אים אַזוי נאָענט און דערפאַר איז „דער אומגליק״ געשען.

שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט, ווען איך בין שוין געוואָרן גאָר, גאָר, היימיש מיט אים, ווען מיר האָבן שוין געוואוינט נאָענט אויף דער גאַס מאַלאַיאַ אַרנאַוטסקאַיאַ ווען איך האָב אים געהאָלפן קריגן — ניט קיין גלאָז

וואַסער — נאָר אַ גאַנצן עמער, ווייל עס איז קיין וואַסער ניט געווען און מען האָט געדאַרפט זוכן און טראָגן צענדליקער קוואַרטאַלן אַביסל וואַסער — דעמאָלט האָב איך אים דערציילט מיינע איבערלעבעכצן פון אונזער ערשטן „באַקאַנען זיך" מיט דער אויסגעגאָסענער גלאָז וואַסער.

איך באַקום אַ בריוו און דערנאָך אַ טעלעגראַמע פון טעפּליק, אַז דער טאַטע איז שטאַרק שלאַף און ער וויל אַז איך זאָל אויף עטלעכע טעג קומען אַהיים. אייגנטלעך — האָב איך אַליין געוואָלט פאָרן קיין טעפּליק אויף עט־לעכע טעג. ערשטנס — זיך אַ באַרים טון מיט מיין גימנאַזיסטישער אוני־פאָרם; צווייטנס — און דאָס נאָך מער — זיך אַ באַרים טון פאַר מיינע חברים מיט די מענטשן ביי וועמען און פאַר וועמען איך אַרבעט. איך האָב געפירט מיט זיך „דאָקומענטן", בריוועלעך, קוויטעלעך, צוגעשיקטע מיטן אָרדענאַנץ פון דער קאָמערטשעסקי באַנק, אין וועלכע אוסישקין הייסט מיר טון דאָס אָדער יענץ, בריוועלעך פון דאָקטאָר קלויזנער וואָס ער האָט איבער־געלאָזט פאַר מיר וואָס צו טון ווען ער האָט מיר געדאַרפט לאָזן אַרבעט. און טאָקע אַ פּאָר צוגעשיקטע קוויטעלעך פון חיים נחמן ביאַליק וועגן ענינים וואָס איך האָב אים געדאַרפט דערליידיקן. אין איין קוויטעלע, הויבט ער אָן מיט אַ טיטול: „זאב, יקירי".

אמת, די בריוועלעך זיינען ריין טעכנישע. זיי זיינען ניט פון איינעם צו זיינס גלייכן נאָר אפשר פון אַ... בעל הבית צו זיין אָנגעשטעלטן. אָבער, איך האָב ניט געדענקט אפילו זיך באַרימען, אַז איך שפּיל עפּעס אַ גרויסע ראָל אין „אָדעסער קאָמיטעט". ביי מיר, און פאַר מיר, איז געווען געווען געווען, אַז מען זאָל וויסן, אַז איך אַרבעט אין אָדעסער קאָמיטעט, אַז איך טרעף זיך מיט אַלע גדולים, אַז ראש השנה דאַוון איך אין בית מדרש „יבנה", דאָרט וואו ביאַליק, וואו קלויזנער און וואו אַלע גדולים דאַוונען. איך האָב געוואוסט, אַז אין טעפּליק, בעסער געזאָגט, מיינע חברים, וויסן שוין אַז איך האָב זיך אַריינגעדרייט אין די הויכע פענצטער — כאָטש קעסט, עס איך אַלץ אין טעפּליקער פענסיאָן — און איך האָב געברענט צו פאָרן אַ ביסל אַהיים. און צו וואָס לייקענען? איך האָב זיך אַביסעלע פאַרבענקט נאָך טעפּליק, נאָך דער אייגענער היים — כאָטש קיין היים איז דאָס שוין פאַר מיר לאַנג ניט גע־ווען. איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך די טעפּליקער... בלאָטעס, נאָכן טעפּ־ליקער מאַרק מיט די שטעלעכלעך, נאָך די גויים וואָס קויפן דאָס ערדענע שיסעלע מיט כאָלאָדיעץ, טראָגן עס צום וואָגן און איבערן וועג — נאַשן זיי צו ביסלעך. איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך טעפּליקער „פּאָליטיקער" (דאָרט האָט מען זיי גערופן „סיפּאַקעס"), נאָך עלי דעם טויבן נאָך אונזער טעפּליקער

„פּאַטשטאַליאָן״ — עלי דער קרומער און אפילו נאָך דניאל שמש. עפּעס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ בענקעניש נאָך די טעפּליקער טיפּן, וואָס פריער האָב איך זיי ניט געקאָנט ליידן און איצט — זיינען זיי מיר געוואָרן נאָענט, און ווען איך האָב איינעם פון זיי געטראָפן אין „מיין״ אָדעס, האָב איך זיי באַדינט און בין געווען גרייט מיין גאַנצע צייט זיי אָוועקגעבן.

ניט איינמאָל פלעג איך, אויפן געלעגער, אָפליגן שעהן־ווייז און ניט קאָנען אַנטשלאָפן ווערן און טראַכטן:

ווי אַזוי פאָרן עס מענטשן אַוועק קיין אַמעריקע אָדער אין דעם ווייטן פאַרוואָרפענעם אַרגענטינע און בענקען ניט אַהיים און האַלטן זיך איין אַזוי פיל צייט ניט אָנקוקן צוריק זייער שטעטעלע, זייער שטיבעלע, זייערע... ציגן און זייערע חזירים? אמת, די חזירים זיינען ניט זייערע און בכלל ניט קיין אידישע, אַ איד טאָר דאָך אפילו מיטן שפּיץ פינגער זיי ניט אָנרירן, אָבער די חזירים האָבן זיך תמיד געפונען אין אידישן שטעטל, נעבן די אידישע הייזער, הינטער די אידישע פּידאַשקעס און אין פראָנט פון די אידישע קלייטן, און קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו פאַרהאַלטן איין חזיר, אים „אַרעסטירן״ ביז זיין בעל הבית וועט קומען, אים אָפּנעמען און וועט צוזאָגן אַז ער וועט דעם דבר אחר האַלטן צוגעבונדן ביי זיך אין שטאַל און אים ניט אָפּלאָזן פראַנק און פריי איבערן שטעטל.

און אָט, דריי איך זיך אַרום אין אָדעס, כ׳שפּאַציר אויף דעריבאַסאָווסקע, פּושקינסקע אָדער געפין זיך אין דער געגנט פון איד. אָרעמקייט — אויף דער מאָלדאַוואַנקע — און קיין חזיר געפין איך ניט אויף קיין רפואה. נו, ווי אַזוי זאָל מען ניט בענקען נאָכן קליינעם שטעטעלע וואו „אַלץ״ איז דאָ, אַלץ איז „פריי״, וואו יעדער איינער טוט — וואָס זיין האַרץ גלוסט. און אַז עס איז מיר אָנגעקומען אַ בריוול אַז דער טאַטע ליגט און דערנאָך די טעלעגראַמע, האָב איך זיך... מחיה געווען. געהאַט אַ תירוץ וואָס צו זאָגן און ווייזן און גענומען „אָטפּוסק״ אויף גאַנצע צוויי וואָכן און, מיטן צווייטן קלאַס, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בחור וואָס טרעפט זיך מיט אַזעלכע געהויבענע מענטשן, וואָס דרייען זיך צווישן גדולים, וואָס גייט אַריין אין אידישן טעאַטער מיט אַ קאַרנעט פון אַ צייטונג און שלעפּט נאָך מיט אַ פּאָר באַרישניעס מיט זיך, און אָפּשיקנדיק אַ טעלעגראַמע אַהיים אַז דער „מיוחס״ פאָרט — און מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס נויטיקסטע אויף די צוויי וואָכן — בין איך, מיטן גאַנצן טראַסק, און זיצנדיק ביי ליפּע בעל עגלה אויבנאָן אין בויד, אַריינגעפאָרן קיין טעפּליק.

— —

איך בין פון מײַן הײם געװען דערװײַטערט בלױז עטלעכע חדשים און דאָך, האָט מיר גאַנץ טעפּליק אױסגעזען אַנדערש. איך האָב בײַ זיך געהאַט באַשלאָסן, ניט צו גרױסן זיך, ניט צו קוקן אױף טעפּליק פון „אױבן אַראָפּ", ניט אַרױסװײַזן גרינגשעצונג צו מײַנע חברים, און דאָך — האָב איך זיך ניט געקאָנט גובר זײַן און קריטיקירט, קריטיקירט, ביז... מען האָט מיך אױך גענומען אױפן צימבל און מיר צוגעטשעפּעט דעם נאָמען „אָדעסיט", איך האָב דערזען אַז איך מאַך זיך נאַריש. איך האָב דערזען אַז מײַנע נאַאיװע, קלײנשטעטלדיקע טעפּליקער חברים זײַנען... גליקלעכער פון מיר — דעם גרױסשטעטיקן װאָס לאַכט אַזױ נאַריש אָפּ פון זײער פּינצטער לעבן. און טאַקע? איך האָב זיך אָפּגעװאױנט פון זיצן אין דער פּינצטער אָדער בײַ אַ אַכטער און צװעלפער לעמפּל און זיך אַרױסנעמען די אױגן. איך האָב זיך אָפּגעװאױנט פון די טעפּליקער בלאָטעס — און אױף צו להכעיס — איז יענער װינטער געװען אַ „לײַכטער" און דעם 20־טן פעברואַר — װען איך בין געװען אין טעפּליק — איז דער שנײ שױן געװען צעגאַנגען און ריטשקעס װאַסער זײַנען גערונען איבער אַלע גאַסן און מען האָט געדאַרפט האַלטן אין אײן שפּרינגען און איבערטאַנצן די גאַסן. אמת, טאַקע, איך בין געװען פאַר־זאָרגט מיט אַ פּאָר גוטע פליטקע גאַלאָשן „טרעאוגאָלניקס". איך האָב אָבער אַלע מינוט, פאַרלױרן אײן גאַלאָש אין דער בלאָטע, און טעפּליקער אידן, װאָס זײַנען געגאַנגען גוטע באַקװעמע שטיװל האָבן געלאַכט פון דעם אָדע־סיט װאָס ער קומט „נעבעך" אַזױ אָפּ.

אַז מײַן טאַטע איז ניט געװען קראַנק — האָב איך נאָך געװאוסט אין אָדעס. איך פלעג אָפּנעמען גרוסן אױף דער טעפּליקער סטאַנציע, פון אידן װאָס האָבן אים ערשט נעכטן געזען. אַז דאָס רופן מיך קײן טעפּליק איז געװען — צוליב עפּעס אַנדערש — האָב איך אױך פאַרשטאַנען. איך האָב נאָר ניט געװאוסט, װאָס דער „עפּעס אַנדערש" איז? דעם ערשטן טאָג פון מײַן קומען — בין איך עס געװאױרע געװאָרן. מען איז מיר געקומען... רײדן אַ שידוך מיט אַ טעפּליקער גבירס אַ „מױד", װאָס איז מיט אַ צענדליק יאָרן עלטער פון מיר, אָבער, װאָס פאַרמאָגט גאַנצע צװאַנציק טױזנט קערבלעך אָפּגעשפּאָרטע אין דער הײסינער קאַזנאַטשײסטװאָ און כאָטש עס איז געװען און עס האָט לאָגישערװײַז געדאַרפט זײַן אַ סוד — דאָך, האָט טעפּליק באַלד דערשמעקט צו װאָס נוסקעס „אָדעסיט" איז געקומען אַהײם און װען מען האָט מיך געזען קעמפן מיט די טעפּליקער בלאָטעס װאָס װילן — מיט כוח — צונעמען מײַנע גאַלאָשן מיט די נײַע שטיװעלעטן אױך — האָבן זײ זיך...

מחיה געווען. גלאַט, אָן אַ פּאַרוואָס מחיה געווען.

נאָך עטלעכע טעג אַפּזייענדיק אין דער היים און פאַרשאַפנדיק מיין טאַטן פאַרגעניגן הן מיט מיין באַנעמונג מיט דער שטיפמאַמע אין דער היים — וועמען איך האָב געבראַכט אַ שיינע מתנה — הן מיט מיין אויסקנאַקן די הפטורה ווען מען האָט מיך שבת אויפגערופן אין קלויז מפטיר. גאָר אַ סך האָבן געגלויבט, אַז אין אָדעס, וואו דער גיהנום ברענט אַ גאַנץ יאָר, האָב איך דאָך זיכער פאַרגעסן צורת אלף־בית, און דאָ, האָב איך אָוועקגעלייגט אַ מפטיר ווי אין די גוטע יאָרן און ווי עלי שיכמאַן ז״ל האָט מיך געלערנט. עס האָט נאָך, אויף מיין מזל, געדאַרפט טרעפן, אַז די הפטורה זאָל זיין פון ישעיהו (בשנת מות המלך...) און ווען עס פלעגט קומען צו אַ קאַפּיטל ישעיהו — בין איך געווען אַ „ספּעץ״ אויף דעם. פון קיין שידוך האָב איך ניט געוואָלט הערן און האָב זיך שוין געקליבן אין וועג אַריין צוריק. ווען פּלוצים האָט מען אָנגעהויבן ריידן און זיך שושקען וועגן אַ רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד. אַז דאָס וואָיסק האָט זיך איבערגעקערט און אַ סברא אַז ניקאָלייטשיק איז שוין אוים קנאַקער און אויף זיין אָרט וועט שוין זיצן זיין ברודערל, דער „מלך חסד״ מיכאיל אַלעקסאַנדראָוויטש.

איך האָב אָוועקגעלייגט איינפּאַקעווען זיך ווייל...

עס איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע קעגן ניקאָלאַיען.

עס האָט דעם דאָזיקן מלך רשע, ימח שמו, ניט געהאָלפן זיין ראַספּוּטינס ברכות. עס האָבן אים ניט געהאָלפן זיינע גענעראַלן אויף די שלאַכט־פעלדער, זיינע אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אין די פאַבריקן און פאַבריצירט געווער און עס האָט אים אפילו ניט געהאָלפן מיין פאַבריקאַציע פון פּאָדקאָוועס פאַר זיינע פערד. ניקאָלאַי איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן און טעפּליק האָט זיך אַ רודער געטון.

קאַפּיטל צוואַנציק

טעפּליק באַגעגנט די רעוואָלוציע מיט קלעזמער

די ידיעה וועגן דער רעוואָלוציע קומט אָן מיט אַכט טעג שפּעטער. — ווי אַזוי איז מען אין טעפּליק געוואוירע געוואָרן אַז דער צאַר איז שוין אויס מלך? — דער בעסטער סימן. — שבת אינדערפרי אין די שולן. — מאַכן אַ מי שבירך אָדער נים מאַכן? — צו שלש סעודות איז שוין טעפּליק „באַפרייט" פון פאָניע גנב. — די זונטיקדיקע מאַניפעסטאַציע מיט די קלעזמער. — דער סטאַראָסטאַ, דער סטאַר־שינאַ און די גויים בכלל, האַלטן זיך מן הצד. — דאָקטאָר פיגורסקים רעדע. — נאַוויצקי, דער עקס סודעבני פּריסטאַוו. — בוקאָווסקי, דער אַפּטייקער, וויל נים גרוסן דער רויטער פאָן. — דער לערער פון שקאָלע ווערט קאָמיסאַר און פאַלט אַראָפּ פון פערד אויף וועלכן ער וויל רייטן. — דער ערשטער „אוקאַז", די „האָזן" זאָלן זיך אָן מורא מעלדן. — די אידישע סטראַזשניקעס מיט די שווערדן איבערן טלית קטן. — באַהיט זאָל מען זיין פון אַ אידישער מדינה... — קערענסקי גיט אַרויס אַ דעקלאַראַציע וועגן „ראַוונאָפּראַוויע" — טעפּליק איז נים צופרידן וואָס שולגין און מילוקאָוו שפּילן אַ ראָל אין דער רעגירונג. — ווער טראַכט פון פּרנסה? — מען שמועסט וועגן שלום. — דער ערשטער שבת פון פרייהייט. — דער בית המדרש צעטיילט זיך אויף צוויי צדדים. — טעפּליקער אידן ווערן פּאַטריאָטן און ווילן פאָרזעצן די מלחמה... — טעפּליקער גויים ווילן שלום. — איך פאָר צוריק קיין אָדעס. — די רייזע אין באַן — טשעטווערטי קלאַס. — איך קום צו מענדעלע מוכר ספרים לויה. — איך ווער אַן „אָדעסיט".

שבת אינדערפרי איז דאָס געווען. טעפּליקער אידן האָבן זיך אויפגע־כאַפּט רואיקע, פאַרדרימלטע פון שלאָף, נאָך געווען מיד פון דעם נעכטיקן קבלת שבת. גראָדע נעכטן געווען אַ חזן אין דער גרויסער שיל און אידן אין די קלויזן, האָבן בחפזון אָפּגעכאַפּט ביי זיך דאָס דאַווענען און מען איז גע גאַנגען הערן דעם חזן מיט די משוררימלעך.

דאָס איז געווען אין טעפּליק. דאָרט, אין פּעטראָגראַד, איז שוין אַכט טאָג דערין אַז עס האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע קעגן ניקאָליייטשיקן. דאָרט, אין פּעטראָגראַד און אין אַנדערע גרויסע רוסישע שטעט, פייערט מען שוין דעם 8־טאָגיקן יובל זינט ניקאָלאַי איז געוואָרן אויס מלך. דאָרט, אין די גרויסע שטעט, ווייסט מען שוין אַז ראָדזיאַנקאָ, דער פּרעזידענט פון דער גאָסודאַרסטווענע דומאַ האָט איבערגענומען די מאַכט און האָט באַפוילן די

באַן־אַרבעטער אַז זיי זאָלן ניט דערלאָזן אַז ניקאָלאַיס ספּעציעלער פּאַיעזר, אין וועלכן ער פאָרט אַרום, זאָל קאָנען צוריק קומען קיין פּעטראָגראַד, און דאָ, אין טעפּליק, ווייסט מען פון גאָר ניט. ערשט, ווען מען איז שוין געווען אין שיל האָט מען אָנגעהויבן דערציילן, אַז עפּעס קומט פאָר אויף דער וועלט. געווען אייניקע וואָס האָבן שוין געהאַט שטיקלעך ידיעות וועגן ניקאָלאַיס אַבדיקאַציע. אויף זיכער, אָבער, האָט קיינער גאָר ניט געוואוסט.

ערשט דעמאָלט, אין שיל, האָט מען זיך דערמאָנט אַז שוין צוויי טעג ווי מען זעט ניט דעם פּריסטאַוו, ניט דעם אוריאַדניק און מען זעט אפילו ניט קיין שטיקל סטראַזשניק. אויב אַזוי איז דאָס דאָך דער רעכטער סימן, אַז ניקאָלאַי האָט שוין איינגענומען אַ מיתה משונה. ערשט דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבן אַ פראַגע צי... דאַרף מען גלויבן די ידיעות אַז ניקאָלאַי איז שוין קאַפּוט און וועט שוין קיין קיסר ניט זיין און... מען דאַרף אים שוין ניט מאַכן קיין „מי שבירך", אָדער, מען טאָר ניט ריזיקירן און עס קאָן זיך נאָך איבערקערן דאָס רעדל און, פאָלגלעך, דאַרף מען מאַכן אַ מי שבירך, ווייל יהודה לייב מאָזעס וועט דערנאָך מסרן און אידן וועלן אוועקגיין אויף קאַטאָרגע...

באַשערט אָבער געווען, ניקאָלאַיטשיקן נאָך אַריינכאַפּן אַ פּאָר מי שבירכס אין עטלעכע בתי מדרשים, ספּעציעל, אין „אַריסטאָקראַטישן" בית המדרש, וועלכער האָט נאָך מורא געהאַט איינצורייסן מיטן מלכות, און... זאָל נאָך אונזערס איבערגיין.

פון די שילן איז מען אַרוים פרי. אַ סך יונגעלייט האָבן באַקומען קוראַזש און צוגעגאַנגען צום „סטאַן", צום פּריסטאַווס וואוינונג, כדי זיך איבערצייגן צי די נאַטשאַלסטווע איז דאָ, און זיינען געקומען מיט דער בשורה, אַז דער סטאַן איז פּוסט, כאָטש טראָג אַרויס פון דאָרט וואָס דו ווילסט.

איז טעפּליק געפאַלן אויף אַ צווייטער עצה. אַזוי ווי אין שטעטל זיינען געווען צוויי... טעלעפאָנען, איינער ביי הערשל פּאָליאַק אין דרוקעריי און דער צווייטער אין וואָלאָסט, איז מען אוועק צוערשט צום אידן, ריידן טעלע־פאָניש קיין הייסין אָדער אומאַן, און אַזוי ווי פּאָליאַקס טעלעפאָן האָט ניט פונקציאָנירט, איז מען אוועק אין וואָלאָסט. פון דאָרט, האָט מען זיך קאָמור־ניקירט מיט הייסין און מען איז געוואוירע געוואָרן, אַז שוין אַכט טעג ווי פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע איז שוין קיין זכר ניט געבליבן.

שבת פאַרנאַכט, ווען די עלטערע אידן זיינען געגאַנגען אין די בתי מדרשים צו שלוש סעודות, איז שוין טעפּליק געווען... פריי. די יוגנט איז אַרוים אין גאַס און מיט פרייליכע מזל טובס און מיט דער מאַרסעליעזע

פארהילכט די גאסן. קיין איינצלהייטן האט מען טאקע נאך ניט געוואוסט, אבער, געוואוסט האט מען אז די צארסקע־וולאסט איז שוין אראפ, און אז טעפליק אליין, רחמנא לצלן, איז שוין אויך געבליבן אן א פיצל וולאסט.

געווען אפילו אידן סקעפטיקער, וועלכע האבן באלד אריינגעווארפן אז, באשר, בכן, קיין וולאסט איז ניטא, און מארגן איז זונטיק, א מארק־טאג, עס קומען זיך צונויף גויים פון ארום און ארום, און אזוי ווי זיי וועלן דער־פילן אז קיין וולאסט איז ניטא, און קיין פריסטאוו וועט זיך ניט יאווען, וועלן זיי דערוויל, מאכן א שטיקל פאגראמל.

זיינען אבער געקומען חברה קצבים, חברה סטאליארעס, חברה פראלע־טאריאט, און בארואיקט דעם עולם. געגעבן די אידן א לעקציע פון „פרייהייט, פון ברידערלעכקייט, פון שקלאפנטום" און געקומען צום באשלוס, אז פון היינט אן און ווייטער איז ניטא קיין איד־גוי. ניטא קיין באגרענעצונגען. און יעדער איד וואס וועט וועלן, וועט קאנען... וואוינען אין וועלכן דארף ער וויל — אפילו אין קיעוו, אין מאסקווע און אין פעטראגראד.

די דאזיקע אפטימיסטישע פארזיכערונגען האבן געזיגט, און, ניט נאר אין די קלויזן, ביים שלוש סעודת, האבן אידן געכאפט א טענצל, נאר דאס גאנצע שטעטל האט געטאנצט און געהוליעט א גאנצע נאכט.

מער פון אלע האבן געהוליעט די... „האזן". אט די מארטירער וועלכע זיינען חדשים ווייז געלעגן פארלייגט און פארשטעקט אין קעלערס און אויף די בוידעמער, אט די וועלכע האבן שוין חדשים ווייז ניט געזען די ליכטיקע שיין, זיינען איצט ארויס אין דרויסן — א סך פון זיי, מיט לאנגע פארוואק־סענע בערד און פנימער, א סך פון זיי, אויסגעטרוקנטע און אויסגעדארטע, זיינען פלוצים באפרייט געווארן. ערשט איצט, האט מען דערזען וויפל „האזן" אין טעפליק האבן זיך געפונען. ערשט איצט איז מען געוואוירע געווארן, אז דער און דער, ועמען מען האט שוין לאנג געהאלטן אלס סאלדאט, אלס פלעניק, אדער אלס איינער וואס איז „פראפאוו בעז וועסטי" (פארלוירן, אן ידיעות) איז גאר געווען א „האז", איז גאר צוויי אדער דריי יאר געלעגן ביים טאטן אין קעלער אדער אין א „סעקרעט", און געווארט אויף אמניסטיע, גע־ווארט אויף דער ענדע פון מלחמה און זיך דערווארט אויף א רעוואלוציע. עס איז, באמת, געווען א נחת צו קוקן ווי אט די ארעמע ליידנדע יונגעלייט, האבן זיך געקושט איינס דאס אנדערע און געטאנצט אין די גאסן.

און צו וואס לייקענען? איך האב ניט געטאנצט. געווען א סך אזעלכע ווי איך וואס האבן ניט געטאנצט. צי האט אונז ניט געפרייט ניקאלאיס מפלה? צי האבן מיר באדויערט וואס די ראמאנאוו־דינאסטיע איז איינגעזונקען גע־

וואָרן? חלילה. ניט געווען אין טעפּליק און ניט געווען איבער גאַנץ רוסלאַנד און אויף דער גאַנצער וועלט איין איד, אַפילו, וועלכער זאָל האָבן באַדויערט די מפּלה פון פאָניע גנב. אָבער, עס האָט זיך געפילט ניט היימישלעך אויפן האַרצן. עס האָט זיך געפילט אַז מיר טאַנצן אויף אַ פרעמדער חתונה. איך האָב דעמאָלט, אין שפּאַס, אַרויסגעזאָגט מיין באַבעס שטענדיקע ווערטער: — „עס זאָל זיך נאָר ניט אויסלאָזן צו אידישע קעפּ". מיין אומווילנדיקע „חכמה" און נביאות זיינען גאָר גיך, ביטער מקוים געוואָרן.

זונטיק אינדערפרי האָבן זיך טעפּליקער אידן געפעדערט צו באַגעגענען דעם ערשטן פרייען טאָג. די גויים האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפפאָרן אויפן מאַרק־טאָג, אָבער האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שום ענטוזיאַזם און אַפילו אינ־טערעס צו דער גאַנצער רעוואָלוציע. זיי — מיט די וואָס מען האָט גערעדט האָבן אַליין צוגעגעבן — האָבן געגלויבט, אַז דאָס איז אַ דערוויילינקע זאַך, און מן הסתם וועט דער קיסר גיך דערשטיקן די רעוואָלוציע. אַ סך פון זיי, האָבן זיך שוין אַפילו פאַרצייכנט, וועמען פון די אידן זיי וועלן איבערגעבן צום פּריסטאַוו אַלס פייערדיקע רעוואָלוציאָנערן, אַלס יענע, וואָס האָבן גע־טאַנצט אין די גאַסן.

אַרום עלף אַזייגער האָט מען צעטראָגן די ערשטע פּאָטשט און מען האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף די צייטונגען וועלכע זיינען שוין אַלט געווען עטלעכע טעג, אָבער, פאַר אונז, זיינען זיי געווען „פרישע". ערשט איצט זיינען מיר געוואוירע געוואָרן אַז דער באַוואוסטער רעאַקציאָנער גוטשקאָוו און דער נאָך מער באַוואוסטער אַנטיסעמיט שולגין, זיינען עס געווען די „שליחי מצווה", וואָס זיינען געפאָרן צום צאַר קיין פּסקאָוו און אים גע־בראַכט דאָס פּאַפּיר, אַז ער זאָל אונטערשרייבן די אַבדיקאַציע פאַר זיך און פאַר זיין זונדעלע אַלעקסיי. געזאָגט האָט זיך טאַקע אין דער אַבדיקאַציע, אַז אַזוי ווי ער קאָן זיך ניט שיידן, אַפילו אויף איין מינוט, פון זיין יורש דערימעך, אַבדיקירט ער פאַר אים אויך. פאַרשטייט זיך אַז טעפּליקער אידן האָבן געוואוסט אַז עס איז שקר וכזב, נאָר אַז מען האָט אים געהייסן אונ־טערשרייבן פאַר ביידע.

דורך די בלעטער זיינען מיר שוין אויך געוואוירע געוואָרן ווי אַזוי די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן אין פּעטראָגראַד אַ דאַנק די גרויסע אָטשע־רעדן אין וועלכע מען איז געשטאַנען נאָך אַ פונט ברויט, אַ פונט קעראָסין א. א. וו. ווי אַזוי די אַרבעטער פון פּוטילאָווסקי זאַוואָד האָבן דערקלערט אַ שטרייק און אַרוים אין גאַס מיט אַ מאַניפעסטאַציע האָט מען געשיקט קעגן זיי דאָס וואָיסק, דעם פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן, און אָנגעזאָגט האָט

מען די סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן שיסן גלייך אין עולם אַריין, אין די ווייבער און קינדער, אָבער די סאָלדאַטן האָבן געזאָגט — לאָ, מיט אַן אלף. און אַנשטאָט צו שיסן אין נאַראָד אַריין, האָבן זיי „ראַזאָרוזשעט" (אַנטוואָפנט) די יעניקע אָפיצירן וואָס האָבן זיי געהייסן שיסן אין „פאָלק" אַריין, און אַריבער געגאַנגען אַף דעם פאָלקס צד. און, ניט נאָר אַזוי האָבן געהאַנדלט פּשוטע סאָלדאַטן, נאָר אַפילו קאָזאַקן, אמתע קאָזאַקן מיט קינזשאַלן אין די זייטן, וואָס שטעכן אויף רעכטס און אויף לינקס וואָס פאָרן אַרויף מיט זייערע פערד אַפילו אויף שוואַנגערדיקע פרויען, קאָזאַקן, וועמענס נאָמען אַליין וואַרפט אָן אַ מורא און אַן... עקל, אַלזאָ, אַט די קאָזאַקן, זיינען געוואָרן רעוואָלוציאָנערן, און אין פּעטראָגראַד, אַריבער אויף דער זייט פון פאָלק.

אַט באַשרייבט איין בלאַט אַ זאַך, וועלכעס עס איז שווער צו גלויבן. דאָס בלאַט באַשרייבט אַ פּאַסירונג אין פּעטראָגראַד, אויף דעם באַוואוסטן זנאַמענסקער פּלאַשטשאַד, אַז דאָרט האָט אַ קאָזאַקן־אָפיציר דערשאָסן אויף טויט אַ פּריסטאַוו פאַר הונדערטער מענטשן אין די אויגן. און דערשאָסן האָט ער אים, ווייל דער פּריסטאַוו האָט מיט זיין נאַגייקע געשלאָגן אַן אַרבעטער פרוי וועלכע האָט געשריען: גיט אונז ברויט!

אַט שרייבן און באַשרייבן די צייטונגען ווי אין אַ סך ערטער אין פּעטראָגראַד האָבן סאָלדאַטן זיך געשלאָגן און דורכגעשאָסן מיט פּאָליציאַנטן און זיי באַזיגט.

דאָס וויכטיקסטע אָבער, וואָס טעפּליק איז געוואוירע געוואָרן פון די צייטונגען איז, אַז אַלע פּאָליציי צירקלען זיינען געבליבן פּוסט, אַז אומעטום איז די פּאָליציי אַנטלאָפן און דער המון האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף זיי און זיי פאַרניכטעט. — הייסט עס אַז אויך מיר קאָנען ניט בלייבן גלייכגילטיק צו אַזאַ הייליקער אַרבעט. און — אין איין האַלבע שעה, איז גאַנץ טעפּליק געווען אין סטאַן, באַפרייט פון דאָרט אַ פּאָר „פאַרברעכער", אַ פּאָר גויאישע שיכורים וואָס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט, צעריסן, צעפּיצלט אַלע פּאַפּירן און אַוועק, מיט קלעזמער, פייערן די רעוואָלוציע.

שוין אַ פּאָר און דרייסיק יאָר אין דעם. אַ סך זאַכן אין לעבן זיינען מיר פאַרגעסן געוואָרן. יענע ערשטע פּאָר טעג פון דער רעוואָלוציע — געדענק איך ווי נעכטן. איך געדענק אַפילו אַז איך, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין צוטרוי צום רוסישן פאָלק — אין זיין באַציאונג צו אידן — איך, וועלכער האָט שטענדיק אין זינען געהאַט יענץ פאָלקס־וואָרט, אַז: „גיב

א קראַץ דעם רוס — וועט אַרויס אַ טאַטער", איך, לייענענדיק דעמאָלט די ידיעות פון פּעטראָגראַד, האָט אַ טראַכט געטון:

ווער ווייסט צי ווען די „אינטעליגענטע" סאָלדאַטן און די „פּיינע, אַנ־שטענדיקע" קאָזאַקן, ווען זיי ווייסן אַז אין אָט דער מאַניפעסטאַציע זיינען פאַראַן אידן, אַ סך אידן, ווער ווייסט צי זיי וואָלטן געווען אַזוי פיין און אַזוי „רעוואָלוציאָנעריש". דאָס האַרץ האָט מיר, און טויזנטער אידן ווי איך, וועלכע האָבן אין די גאַסן נ י ט געטאַנצט, דאָס האַרץ האָט אונז געזאָגט, אַז די גאַנצע רעוואָלוציע וועט זיך אויסלאָזן צו די אידנס קעפּ. און... עס האָט זיך ניט געטאַנצט. כאָטש מאָטיוון אויף צו לאַכן האָבן מיר געהאַט איבער גענוג. ווער עס האָט דעמאָלט ניט געזען עטלעכע טעפּליקער יונגע־לייט אָנגעטון מיט די... שווערדן וועלכע האָבן זיך נאָך זיי נאָכגעשלעפּט, און ווער עס האָט ניט געזען ווי אַזוי טעפּליק גייט מיט קלעזמער און זינגט די מאַרסעליעז — דער האָט קיין שיינע זאַכן אויף זיין לעבן ניט געזען.

די ערשטע פראַגע ביי טעפּליקער אידן איז געווען: וועמען מאַכט מען פאַר... קאָמיסאַר. דאָס וואָרט „קאָמיסאַר" האָט געקלונגען עפּעס זיס, עפּעס... פראַנצויזיש, עפּעס אייראָפּעאיש. געוואָלט, האָט מען, אַז דער באַ־ליבטער דאָקטאָר פיגורסקי זאָל ווערן קאָמיסאַר, אָבער, ער האָט זיך קאַטע־גאָריש אָפּגעזאָגט און דער גורל איז געפאַלן אויף דעם לערער פון דער נאָ־ראָדנער שולע, זייער אַ וואוילער און ליבעראַלער גוי. אַ סברא, אַז ער האָט אפילו — ביים צאַרס ציטן — פאַרבאָטן די שילער זיינע, רופן זייערע חברים מיטן נאָמען „זשיד". דער דאָזיקער קאַנדידאַט האָט תיכּף אַקצעפּ־טירט. מען איז באַלד אוועק צום גראַף פּאָטאָצקיס הויף, געבראַכט פון דאָרט אַ גוט אָנגעזאָטלט פערד און אַרויפגעזעצט דעם לערער־קאָמיסאַר אויפן פערד, און געוואָלט אים פירן איבער דער שטאָט, טאַקע אַזוי ווי אין דער מגילה שטייט, מען וועט שרייען: ככה יעשה לאיש! דער לערער האָט זיך אַרויפגע־דראַפּעט אויפן פערד און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך גוט איינ־זעצן, האָט דאָס נארישע פערד וואָס האָט, ווייזט אויס, ניט געוואוסט ווער עס זיצט אויף אים אָדער גאָר, אפשר איז דער סוס געווען אַ „קאָנטררעוואָ־לוציאָנער", דער פאַקט איז, אַז ער האָט געגעבן אַ וואָרף אַראָפּ דעם „קאָמי־סאַר" און ווען ניט דער גרויסער עולם וואָס האָט אים אויפגעכאַפּט — האָט טעפּליק דעם ערשטן קרבן פון דער רעוואָלוציע.

דער קאָמיסאַר מיטן עולם האָבן שוין געמוזט גיין צו פוס. זייער ערשטער וועג איז געווען צו גיין צו דער באָלניצע וואו דאָקטאָר פיגורסקי האָט זיך געפונען. ער איז „אַרויסגערופן געוואָרן צום וואָרט". ער האָט געהאַלטן אַ קור־

צע שיינע דרשה און אָראָפּגענומען די שליאַפּע פאַר דער רויטער פאָן וואָס א טעפּליקער סטאָליער־בחור האָט געטראָגן און געפלאַטערט מיט איר. דאָס זעלבע איז געשען מיטן פריץ נאָוויצקי — אַן עקס סודעבנע־פּריסטאַוו, אַ בר־בילירטער, וואָס איז געווען אַן „אוהב ישראל" ווייל ער האָט גענומען אַלץ וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן „אלף". למשל, אַ קערבל, אַ דרייערל, אַ פינ־פערל א. א. וו.

אַנדערש איז שוין געווען מיטן פּראָוויזאָר בוקאָווסקי. ער האָט ניט גע־וואָלט סאַלוטירן די רויטע פאָן און ניט געוואָלט אַרויסגיין צום עולם. מען וואָלט אים זיכער דערפאַר צעטראָגן די אַפּטייק, איז זי אָבער געווען די איינ־ציקע אין שטעטל... האָט מען אים געשאָנקען דאָס לעבן.

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז אין דער ערשטער פרייהייטס־דע־מאָנסטראַציע פון טעפּליק, האָט זיך קיין איין גוי ניט באַטייליקט. און דער סטאַראָסטע, דער סטאַרשינאַ, ווי בכלל די „הראַמאַדאַ" פון דעם גויאישן ישוב אַרום טעפּליק, איז געשטאַנען אין דער זייט און זיך צוגעקוקט ווי די אידעלעך הוליען אַרום דער רעוואָלוציע און פרייען זיך, וואָס דער צאַר־באַ־טיושקאַ, ליגט ערגעץ איינגעלייגט. זיכער איז, אַז דאָס וואָס די אידן האָבן זיך אַזוי געפרייט — האָט זיי טיף פאַרדראָסן און געשטאָכן בי אין דער זיבעטער ריפ און שוין דעמאָלט האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט דער חשק נקמה צו נעמען פאַר דעם טאַנצן אויפן צאַרס קבר. זיי האָבן קיין סך יאָרן ניט געדאַרפט וואַרטן. און ביי די ערשטע פּעטליוראָווסקע פּאָגראָמען, זיינען זיי טאַקע געגאַנגען דאָס ערשטע צו יענע וועלכע האָבן מער געטומלט און מער געקאָמאַנדעוועט אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע.

דערווייל אָבער, האָבן אידן זיך געפרייט. גייענדיק אָנגעטון דעם סטראַזש־ניקס שווערד איבערן... טלית קטן, האָבן זיי „געהיט די אָרדענונג", גע־זאָגט דעות די גויים אויפן יאַריד. געפירט שיכורע גויים אין דער „קאָמיסאַ־ריע" אריין און אפילו געהאַלטן פאַרשפּאַרט אַ פּאָר טעג — אויב מען האָט געדאַרפט. איבער אָט דער ערשטער, טעפּליקער, קאָמיסאַריע, האָבן די אידן אין טעפּליק געמאַכט אַן אַ שיעור וויצן. אייניקע האָבן געפאָדערט, אַז אויב עס וועלן זיך דאָרט געפונען אידישע „אַרעסטאַנטן", אידן וועלכע זיצן דער־פאַר, וואָס זיי זיינען שולדיק פאַר „סוויטשנע סבאָר" (שטייערן־אָפּצאָל) אָדער פאַר אַרויסגיסן אַ פּאָמוייניצע וואַסער נעבן דעם שכנס טיר — זאָל מען אָט די אַרעסטאַנטן געבן כשר עסן, און אויב די אַרעסטאַנטן וועלן פאָדערן אַז זיי ווילן דאַוונען בציבור, זאָל מען דאָרט שאַפן אַ מנין. בכלל, האָבן טעפּ־ליקער אידן געמיינט אַז די רעוואָלוציע איז באַשאַפן געוואָרן כדי, דאָס גע־

פלאָגטע אידיש־פאָלק זאָל שוין אויפגעריכט ווערן. און אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, האָט מען טאַקע אויפגעהערט צו ריידן וועגן ארץ־ישראל, וועגן שיבת ציון און וועגן ציוניזם בכלל. געמיינט, האָט מען, אַז משיח איז שוין געקומען און די אידן וועלן שוין לעבן אין רוסלאַנד אין נחת, פאַרגעניגן, כבוד און פרנסה, און מען האָט שוין אפילו מוחל געווען די... סטראַזשוי־קעס, אויב זיי האָבן צופיל געוואָלט דערווייזן זייער אייפעריקייט צו דער נייער רעפובליק און זייער געטריישאַפט דעם נייעם רעזשים. די דאָזיקע סטראַזשניקעס, וואָס הארציקע אידישע בחורים, האָבן גענומען צו ערנסט זייער „מיסיע" און געבראַכט דערצו, אַז אידן זאָלן שוין מורא באַקומען פאַר אַן אייגענער אידישער מלוכה מיט אייגענע אידישע נאַטשאַלסטוואָ, מיט אייגענע אידישע סטראַזשניקעס. און אַ סך אידן, פלעגן שטילערהייט און טאַקע אָפט, אויך אויפן קול אַ זאָג טון:

— באַהיט אונז, גאָטעניו, פון אַ אידישער מדינה...

די גרעסטע טייל טעפּליקער אידן האָט טאַקע גאָט אויסגעהיט פון אַ אי־דישער מדינה ווייל די אוקראַינישע כוליגאַנעס האָבן, בימי היטלער ימח שמו, זיי אויסגעקוילעט.

עס איז ניט אַוועק קיין סך צייט, און טעפּליקער אידן זיינען ווידער געגאַנגען מיט די קלעזמער איבער די גאַסן. דאָס איז געווען דער טאָג ווען אַלעקסאַנדער פיאָדאָראָוויטש קערענסקי, דער דעמאָלסטיקער יוסטיץ־מיניס־טער פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן די דעקלאַראַציע וועגן אידישער „ראַוונאָפּראַוויע". די דאָזיקע צווייטע מאַניפעסטאַציע איז שוין געווען אַ גרעסערע און די אידן האָבן שוין איינגעשטעלט אפילו און געגאַנגען מיט די קלעזמער ביזן וואָלאָסט און אויפן פּלאַשטשאַד פון וואָלאָסט, אָט דאָרט, וואו אַ אידיש אינגל האָט מורא געהאַט דאָס פּנים צו ווייזן ווייל שקאַצימלעך זיינען זיי באַפאַלן מיט זייערע הינט, אָט דער פּלאַשטשאַד, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט גאַנצע העמערס אידישע טרערן, אין די צייטן פון פּריזיוו, ווען אין וואָלאָסט איז געזעסן די „פּריסוטסטוויע" און אַרויסגעגעבן די אורטיילן פון „גאָדיען" און „ניע גאָדיען", און מאַמעס, שוועסטער, כלות האָבן געחלשט, אָט דער פּלאַשטשאַד איז איצט געווען פאַרפולט מיט הונ־דערטער פרייליכע, לאַכנדיקע אידן, ווייבער און קינדער. די קלעזמער האָבן געשפּילט און די אידן האָבן געטאַנצט אַ „קאַזאַטשאָק" מיט פאַרקאַטשעטע קאַפּאָטעס. ווער ווייסט צי ווען מען זאָל דעמאָלט געווען אָנזאָגן די אידן די בשורה אַז משיח בן דוד איז שוין דאָ און זיי דאַרפן גיין איבער דער פּאַפּי־רענער בריק גלייך קיין ארץ ישראל און דאָרט וועלן זיי שוין טרעפן זייערע

פארשטארבענע עלטערן און זיידעס און עלטער־זיידעס וואס האבן זיך אי־בערגעקאטשעט אונטער דער ערד קיין ארץ ישראל, ווער ווייסט, צי ווען זיי הערן אט די בשורה — צי וואלטן זיי אזוי געהוליעט און געטאנצט? אזוי פיל צוטרוי ווי די אידן האבן געהאט — אין די ערשטע חדשים פון איר געבוירן — צו דער רוסישער רעוואלוציע, איז טאקע אין לשער.

דאך, איז טעפליק ניט געווען צופרידן פון דער רעוואלוציע מיט דעם, וואס די גאנצע קנאקערס ביי דער רעגירונג, דארט אין פעטראגראד, זיינען אזעלכע באוואוסטע רעאקציאנערן אזעלכע אנטיסעמיטן ווי א מיליוקאוו, שול־גין (דער רעדאקטאר פון „קיעוולינין") און נאך אזעלכע.

טעפליק איז אויך ניט געווען צופרידן וואס דעם קיסרס מיניסטארן און ספעציעל דער „מיניסטער ווגוטריעניך דיעל" האבן נאך די קעפ אויף זיך. טעפליק האט געטענהט, אז כל זמן אזא פראטאפאפאוו, אזא גענעראל טרע־פאוו (פעטערבורגער גראדאנאטשאלניק) כל זמן זיי לעבן, איז ניטא קיין זיכערקייט אז עס זאל זיך צוריק ניט אומקערן צום אלטן. און פאר אומקערן צום אלטן, האט טעפליק מורא געהאט. טעפליקער אידן האבן זיך טאקע קיין חשבון ניט אפגעגעבן אז זיי האבן זיך צופיל פארהוליעוועט, זיי האבן, אבער, גוט זיך געקאנט פארשטעלן, וואס עס וואלט געווען ווען עס קערט זיך אום צוריק צום אלטן, ווען מען דארף אויסטון די שווערדן און אפגעבן א חשבון דעם פריסטאוו אדער סליעדאוואטיעל, פאר די פארברענטע פאפירן פון פא־ליציי־צירקל. און צו וואס לייקענען? טעפליק, די חשובע בעלי־הבתים פון שטעטל, די סוחרים, קלייטניקעס און סתם שיינע אידן, זיינען אויך ניט גע־ווען צופרידן וואס דער טעפליקער „פראלעטאריאט", די חברה קצבים, שניי־דערס, שוסטער, סטאליארס, באדנערס און דער עיקר די שמייסערס ביי די קינסקעס, זיינען געווארן די גאנצע מאכערס פון דער רעוואלוציע. לויט זיי, האט די רעוואלוציע געזיגט א דאנק זייערע „קאלעגן", זייערע טאווארישטשעס אין פעטערבורג, לכן, דערימעך, זיינען זיי, עס די הויפט מחותנים פון דער שמחה. און אלס אזעלכע, האבן זיי טאקע באלד געגרינדעט א „סינדיקאט", א „סאיוז ראבאטשעוואו נאראדא", און זייער פארשטייער, א געזונטער סטא־ליאר בחור מיט ברייטע פלייצעס, האט איבערגענומען די מעשטשאנסקע או־פראווע און זיך „דעקלארירט" אלס סטאראסטא ביז די נייע וויבארעס.

אט די דאזיקע שטיק פון טעפליקער פראלעטאריאט, האט אביסל פאר־שטערט די שמחה — דערהויפט נאך — ווען מען האט ניט געוואוסט אויף זיכער, אז אזוי וועט עס טאקע שוין בלייבן.

טעפליקער אידן און ספעציעל, דער קלוגער טעפליקער רב, שמשון אהרן

פּאָלאַנסקי ע"ה, האָבן געפּרואווט ווירקן אויף דער יוגנט, אַז מען זאָל אַזוי ניט טאַנצן. ביי דער ערשטער אסיפה וואָס מען האָט אָפּגעהאַלטן די ערשטע טעג פון דער וואָך, האָט מען געוואָרנט די אידישע יונגעלייט קעגן דער געפאַר פון אויפרייצן די גויאישע שכנים וועלכע זיינען געבליבן געטריי דעם „סטאַרי רעזשים". די רייד זיינען אָבער געווען ארויסגעוואָרפן. טעפּליקער „רעוואָלוציאָנערן" און ספּעציעל יענע טייל אונטערוועלט פון טעפּליק, האָט דערפילט אַז איצט איז זייער צייט. און ניט ביי משהלע טשאָלאָוויק און ניט ביי חיים לייב קענים און ניט ביי מישקאַלע גנב, האָט איר געקאָנט פועלן, אַז ער זאָל ניט קאָמפּראָמעטירן דאָס שטעטל מיט זיין „רעוואָלוציאָנעריש־קייט" וואָס איז באַשטאַנען — ווייזן דעם אייגענעם און פרעמדן גוי, אַז א י צ ט איז געקומען אונזער צייט, און מיר, אידן, זיינען בעלי בתים פון דער רעוואָלוציע.

די אָנגעקומענע פרישע בלעטער, האָבן אָבער אַ סך באַרואיקט דעם עולם. אָט לייענט מען אַז דער באַוואוסטער סאָציאַל־דעמאָקראַט, טשעכעאידזע, איז דער צייטווייליקער פּרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט. אָט לייענט מען ווי אַזוי ראָדזיאַנקאָ — דער פּרעזידענט פון גאָסודאַרסטווענע דומאַ האָט טעלע־גראַפירט צו ניקאָלייטשיקן אַז:

„די לאַגע ווערט ערגער פון שעה צו שעה. מען דאַרף תיכף אָננע־מען מיטלען, ווייל מאָרגן קאָן ווערן שפּעט. עס איז געקומען די לעצטע שעה פאַר דער דינאַסטיע".

ניקאָלייטשיק, וועלכער איז געווען אַן אמתער מלך טפש, האָט, אַנשטאָט די אויסגעשטרעקטע האַנט — וועלכע וואָלט אים אפשר געראַטעוועט צוזאַ־מען מיט זיין קרוין — גאָר... צעטריבן די דומאַ. טעפּליק לייענט ווי די דומאַ פאָלגט ניט אויס דעם קיסרס באַפעל און טעפּליק פליעסקעט בראַוואָ. מאָלאָדיעץ ראָדזיאַנקאָ און ראָדזיאַנקאָ, אַ פשוטער ערל, ווערט פאַרגעטערט פון טעפּליק, פון אַלע טעפּליקס, פון אַלע רוסישע אידן וועלכע זיינען געווען מיד פון ניקאָלאַיס רדיפות און ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשעס גירושים, און זיי זעען אין ראָדזיאַנקאָן און אין זיינע קאָלעגן — מעג שוין אפילו זיין אַזאַ שלאַנג ווי שולגין — אַ שיין פון האָפענונג.

נו, און פרנסה? די פרנסה איז דערווייל געוואָרן געשלאָגן. די גויים האָבן, דערווייל, זיך אָפּגעהאַלטן ארויספירן זייערע תבואות אויף די יאַרידים און האָבן ניט געקויפט קיין פּאַרטיקע קאָסטיומען ביי די טאַנדעטניקעס, קיין פעלצן — ביי די פעלצן־מאַכער, און קיין קאַשקעטן ביי די קירזשנער. אָבער, ווער טראַכט פון פרנסה? וועמען ליגט עס איצט אין קאָפּ פרנסה? דער וואָס

האָט אַ פּאַרטיק קערבל, בײַט עס אױס און עסט. דער װאָס האָט עס ניט — גײט לײַען און — פאַר הונגערט שטאַרבט מען ניט.

די װײַטערדיקע טעג פֿון דער װאָך זײַנען אַלץ געװען יום־טובדיקע. די אָנגעקומענע בלעטער האָט מען געכאַפּט און געשלונגען יעדער װאָרט. מען װײסט שױן פֿאַדראַבנע װאָס עס קומט פֿאַר אױף דער גאַרער גרױסער טע־ריטאָריע פֿון רוסלאַנד. מען װײסט שױן אַז אין קיעװ, אין כאַרקאָװ, אין אָדעס, אין מאָסקװע, איז נאַטשאַלסטװע זיך צעלאָפֿן, ניטאָ קײן סימן פֿון אַ גובערנאַטאָר, פֿון אַן איספּראַװניק, פֿון אַ גראָדאָנאַטשאַלניק און פֿון אַ פּריסטאַװ און אױף זײער אָרט װערן באַשטימט נאַש־בראַט אַרבעטער און סאָציאַליסטן, און, װאו ניט װאו, אױך קאַדעטן (קאָנסערװאַטאָרן). טעפּליק װערט אױך געװאױרע, אַז אין די גרױסע שטעט רעדט מען װעגן אַ סעפּאַ־ראַטן שלום מיט דײַטשלאַנד. מען װערט געװאױרע, אַז די סאָלדאַטן פֿון פראָנט פֿאַרלאָזן זײערע פּאָזיציעס, נעמען זײער קלײן פּעקל פֿאַרברודיקט װעש, פֿאַרכאַפּן די באַנען און פֿאָרן אהײם. טעפּליק — געפֿעלט עס ניט. ס'הײסט? יושר? מיר האָבן דאָך געשלאָסן אַ שותפות מיט ענגלאַנד, מיט פראַנציע, מיט אַמעריקע, װי אַזױ קאָנען מיר די שותפים איבערלאָזן אינמיטן דערינען, זיך אױפהערן שלאָגן און געבן דעם דײַטש אַ מעגלבקײט צו געװינען די קריג.

מילא פריער, װען איבער רוסלאַנד, װען איבער טעפּליק, האָט געװעל־טיקט ניקאָלאַי הרשע — זײַנען אַלע אידן געװען דערפֿאַר אַז ניקאָלאַי זאָל פֿאַרשפּילן די מלחמה און ברעכן דעם קאָפּ, כאָטש מיר־זײַנען געװען שותפים מיט אַמעריקע. טעפּליקער אידן האָט געגוג פֿאַרדראָסן װאָס פראַנציע און ספּעציעל אַמעריקע, שװײַגן און זאָגן גאָרניט רוסלאַנד פֿאַרװאָס מען טרײַבט די אידן פֿון אַלע גרענעץ־שטעט און מען מאַטערט זײ אין הונגער און דאָרשט. אָבער איצט, װען ניקאָלאַי איז שױן ניטאָ, איז טעפּליק געװאָרן פּאַטריאָטיש געשטימט און אין מאַרק, אַרום די קלײטן און להבדיל, שבת אין שיל — דעם ערשטן שבת פֿון אמתער פרײַהײט מיט ראַװנאָפּראַװיע — שבת אין די קלױזן האָט מען שטאַרק דיסקוטירט און זיך געאַמפּערט. אײן טײל איז גע־װען פֿאַר דעם לאָזונג:

„װאָינאַ, דאָ פּאָביעדאָנאָסנאָװע קאָנצאַ״ (מלחמה, ביזן ענדגילטיקן שלום).

דער צװײטער צד האָט געהאַלטן:

„מיר, בעז אַנעקסיע אי קאָנטריבוציע״ (שלום, אָן אַנעקסירן אַ פרעמדע טעריטאָריע און אָן דעם אַז עמיצער זאָל צאָל אַ צװײטן מלחמה שטײַער).

און דאָ, האָבן זיך די לאַגערן ווידער שאַרף צעטיילט. די עלטערע, באַזאַכטע און באַלעבאַטישע אידן האָבן געטענהט: פע, ניט שיין, מען טאָר ניט איבערלאָזן קיין שותפים אין אַזאַ לאַגע. די יונגערע, און טאַקע די יוגנט, האָט געטענהט: גענוג בלוט פאַרגאָסן. צוליב וואָס זיך שלאָגן. און מערקווירדיק. די גויים פון שטעטל, מיט וועמען מען האָט פאַרפירט אַ שמועס, האָבן אויך געוואָלט אָפּשטעלן די מלחמה. זיי האָבן געהאַט אַנדערע מאָטיוון: מילא, ביז איצט, האָט מען זיך געשלאָגן „זאַ צאַריאַ אי ראָדינו" (פאַרן קיסר און פאָטערלאַנד); הײַנט, אַז דער קיסר איז שוין ניטאָ, און די ראָדינאַ האָבן פאַרכאַפּט די זשידעס, טאָ צו וואָס זשע דאַרפן זיי זיך שלאָגן? און ביי דער ערשטע „שלום"-מאַניפעסטאַציע פון טעפּליקער פּראָלעטאַריאַט, האָבן טאַקע אַ סך גויים גענומען אָנטייל. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז די מערהייט טעפּליקער אידן זיינען פאַר דעם אַז מען זאָל פאַרזעצן מיט דער מלחמה ביזן ענדגילטיקן נצחון.

עס איז געקומען די צייט אַז איך זאָל זיך אומקערן אַף מיינע פּאָסטנס און צו מיינע ביכער. איך האָב טאַקע געהאַט אַ לעגאַלן תירוץ וואָס, אַנשטאָט צוויי וואָכן, בין איך אין טעפּליק געבליבן אַ גאַנצן מאָנאַט. דער תירוץ איז געווען — מיין... פּאָטערס שלאַפקייט און די... רעוואָלוציע, אָבער, איך האָב מורא געהאַט צו בלייבן אָן פּרנסה. חוץ דעם, האָב איך בכלל געוואָלט זיין אין דער גרויסער שטאָט, אין אַזאַ שטאָט ווי אָדעס, ווען די וועלט לעבט איבער אַזעלכע געשעענישן ווי די רוסישע רעוואָלוציע. איך האָב איבערגעלאָזט טעפּליקער פּאָליטיקער אַליין באַשטימען דעם גורל פון „שלום אָדער מלחמה", און צוזאַגנדיק אַז איך וועל שרייבן אָפטע בריוו וועגן: — „וואָס הערט זיך" האָב איך זיך אַריינגעזעצט צו שלום בעל עגלהס פייטאָן, און אָפּגעפאָרן צום וואָקזאַל.

געפאָרן בין איך מיטן געדאַנק אַז איך וועל ווידער פאָרן צווייטע קלאַס, פּשוט צוליב באַקוועמלעכקייט און צוליב דעם וואָס איך האָב געגעבן אַ טעלעגראַמע אַ פּאָר חברים קיין אָדעס, אַז איך קום אָן מיט דעם און דעם באַן און איך האָב געוואָוסט, אַז זיי וועלן מיך אָפּוואַרטן — זאָלן זיי זען, אַז איך פאָר ניט שלעפּעריש.

באַלד ביי דער סטאַנציע, האָב איך געזען אַז איך וועל שוין מיט צווייטע קלאַס ניט קאָנען פאָרן. מען האָט מיך שוין געוואָרנט, אַז דער ערשטער און צווייטער קלאַס איז איצט פאַרנומען מיט... סאָלדאַטן וואָס פאָרן פון די

פראַנטן און וואָס האָבן פאַרכאַפּט אַט די באַקוועמע וואַגאָנען. דער פאַרקויפער פון די בילעטן האָט זיך שוין ניט נאָכגעקרומט די אידן צי זיי זאָגן ריכטיק דאָס וואָרט „דווא״ אָדער „דוויע״, אָבער, פון זיינע אויגן האָבן געשפּראָצט פייערדיקע פונקען, וועלכע האָבן שטומערהייט געזאָגט: „וואָרט, וואָרט אידעלעך, דאָס אַראָפּוואָרפן דעם צאַר, און גוליאַיען, וועט אייך נאָך טייער קאָסטן״...

ווען דער באַן איז אָנגעקומען פון כריסטינאָווקאַ, זיינען אַלע וואַגאָנען געווען פול מיט סאָלדאַטן און עס האָט מיך געקאָסט געגוג מי, ביז איך האָב זיך דערשלאָגן אין דריטן קלאַס וואַגאָן. די סאָלדאַטן זיינען געווען פריילעך, לעבעדיק און... שיכור. מען האָט קיין אידן ניט געטשעפּעט, אָבער, אַז אַ איד איז געזעסן אויף אַ באַנק, האָט מען שוין געטון אַזוי, אַז ער זאָל אַליין אוועקגיין. מען האָט אַריינגעוואָרפן שטעכווערטלעך און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער איז ניט געווען אויפן פראָנט.

ווי שלעכט מען איז געפאָרן, איז דאָס נאָך אַלץ געווען אַ גאָלד קעגן דער רייזע פון וואַפּניאַרקע ביז אָדעס. אין וואַפּניאַרקע האָט מען געדאַרפט בייטן דעם באַן וועלכער איז אָנגעקומען פון קיעוו אויף דעם מאַרשרוט קיין אָדעס. אויף יענער ליניע איז שוין אויך געגאַנגען דער באַרימטער, אין רוסלאַנד, „טשעטוויאָרטי קלאַס״, פּאַיעזד. אין דאָזיקן „פערטן קלאַס״ פלעגן געוויינלעך, פאָרן די מוזשיקעס און, גאָר, גאָר זעלטן, אַן אָרעמער איד. אין די וואַגאָנען פון פערטן קלאַס האָט מען זומער און ווינטער געקאָנט דערשטיקט ווערן פון שלעכטן ריח (רייעך) פון דער גויאישער מאַכאָרקע, פון די גויאישע „אָניטשעס״ און פון געדוך פון בראָנפן און חזיר־פלייש וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף טריט און שריט.

איצט, איצט איז מען געווען גליקלעך וואָס מען האָט געקראָגן אַ פּלאַץ וואו צו... שטיין (געדאַרפט פאָרן מיטן טשעטוויאָרטי קלאַס, האָט מען, אַ... 20 שעה אויב דער באַן איז געגאַנגען „נאָרמאַל״). איך האָב זיך פאַררוקט אויף דער פּלאַשטשאַדקע פון אַזאַ וואַגאָן, און אַזוי בין איך אָפּגעשטאַנען און אָפּגעזעסן אויף מיין סאַקוואַיאַזש ביז אָדעס. עס האָט מיר שוין באַנק געטון וואָס איך האָב געמאָלדן קיין אָדעס מיינע חברים וועגן מיין קומען, איך וואָלט געווען שטאַרק צופרידן ווען זיי וואָרטן מיך ניט אָפּ. מיין וואונטש איז סיי ווי סיי מקוים געוואָרן. קיינער האָט מיך ניט אָפּגעוואַרט, ווייל יעדער איינער פון אונזער יונגוואַרג איז איצט געווען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע דאגות. אין אָדעס, האָבן זיי בעסער געוואוסט די לאַגע אין וועלכער רוסלאַנד האָט זיך דאַן געפונען. אין אָדעס האָט שוין דעמאָלט פונקציאָנירט דער „סאַ־

וויעט ראַבאָטשיך, סאָלדאַטסקיך און קרעסטיאַנסקיך דעפּוטאַטאָוו״ (ראַט פון ארבעטער, סאָלדאַטסקע און פּויערישע דעפּוטאַטן) און לויט די גרוסן וואָס מען האָט געהאַט פון דעם „סאָוויעט״, וואָס האָט פונקציאָנירט אין פּעטער־בורג, האָט מען שוין געוואוסט, אַז אַט דאָס נייע באַשעפעניש פון דער רע־וואָלוציע, וועט ברענגען נענוג צרות.

זייענדיק אין אָדעס בלויז עטלעכע שעה האָב איך טאַקע איינגעזען, אַז דאָרט, אין טעפּליק, לעבט מען „אָפּגעשטאַנען״ פון דער וועלט — ניט לויט טעג, נאָר ווערליק אויף וואָכן און חדשים — דאָ, באַלד, בין איך געוואוירע געוואָרן, אַז די לאַגע אין פּעטערבורג איז נאָך ניט אַזוי, אוי, אַיי, אַיי. דער קריגס־מיניסטער, גוטשקאָוו, וואָלט אַ בעלן געווען אַז אין דער שפּיץ פון דער אַרמיי, אַלס איר העכסטער שעף, זאָל בלייבן דער שונא־ישראל, דער פאַר־האַסטער ביי אַלע סאָלדאַטן — פאַר זיין הייסן זיי שלאָגן מיט נאַגייקעס — ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען ערגעץ אויף קאַווקאַז. און וואָס עס הייסט האָבן ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן אין דער שפּיץ פון דער אַרמיי, וועלכע קאָן זיך אין אַ שיינעם טאָג אַ לאָז טון אויף פּעטער־בורג און מאַכן אַ סוף פון דער רעוואָלוציע — האָט יעדער איינער פאַרשטאַ־נען, און... די ארבעטער־ראַטן, ספּעציעל די סאָלדאַטן און גאָר ספּעציעל, די קראָנשטאַטער מאַטראָסן האָבן געפאָדערט זיין באַזייטיקונג.

אַט לייענען מיר אין די צייטונגען אַז ראָדזיאַנקאָ און נאָך אַ סך דומע דעפּוטאַטן פאָדערן, אַז מען זאָל דעם אַבדיקירטן קיסר... אַרויסשיקן קיין ענגלאַנד צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע און סוויטע. זיי, דאָרט, אין טעפּליק, האָבן זיכער וועגן דעם ניט געוואוסט ווייל ניט אַלע בלעטער האָבן וועגן דעם געשריבן. מיר, דאָ אין אָדעס, האָבן געוואוסט פון אַלע קלייניקייטן וואָס זיי־נען דאָרט פאָרגעקומען, מיר האָבן געוואוסט וועגן אַ דעלעגאַציע פון די אַרבעטער ראַטן פון פּעטערבורג וואָס זיינען אָפּגעפאָרן אויפן פראָנט כדי צו האָבן אַ שמועס מיטן אויבער־קאָמענדאַנט, גענ. אַלעקסייעוו, און אַז אַלעק־סייעוו האָט זיי גאָר אַרעסטירט, ווייל זיי האָבן געוואָלט ריידן צו די סאָל־דאַטן, און אַז דערנאָך האָט זיך אַלעקסייעוו קוים געראַטעוועט מיטן לעבן, ווייל די סאָלדאַטן האָבן זיך צעבונטעוועט און אים געוואָלט אויפהענגען.

זיי, דאָרט, אין טעפּליק, האָבן געיובלט מיט דער רעוואָלוציע און גע־מיינט אַז אַזוי בלייבט עס שוין. מיר דאָ אין אָדעס, אין די גרויסע שטעט, האָבן געוואוסט, אַז אַ שטורעם רוקט זיך אָן אויף רוסלאַנד. די ידיעה, אַז די קראָנשטאַדטער מאַטראָסן האָבן אין איין טאָג געכאַפּט אַלע זייערע אָפיצירן פון די שיפן און זיי... אויסגעקוילעט — איז געווען אַ שלעכטער סימן

פאר דער אויפגייענדיקער, בליענדיקער רוסישער רעוואלוציע. אויב אין טעפ־ליק, האב איך געקאנט מורא האבן, אז עס קומט א סוף צום ציוניזם, ווייל, וועלכער איד וועט עס פארלאזן דעם רוסישן גן־עדן, מיט דער „פאלנאפראַ־וויע", מיטן וואוינען אין מאסקווע, מיט די אפענע גימנאזיעס און אוניווער־זיטעטן, און זיך לאזן קיין ארץ ישראל — מעג דאס אפילו זיין אלס אידעאַ־ליסט, — האבן מיר דא, אין אדעס, און שוין זייענדיק אויף מיין פאסטן אין „אדעסער קאמיטעט", זיך אומגעקוקט, אז גראדע איצט, וועט זיך דער אי־דישער נאציאנאליזם פארשטארקן און אידן וועלן זיך לאזן אין וועג אריין.

און אז אויף רוסלאנד רוקט זיך אן א שווארצע כמארע, איז געווען צו זען עטלעכע טעג פאר דעם ערשטן מאי! דעם ערשטן פרייען ארבעטער יום־טוב.

עטלעכע טעג פאר דעם ערשטן מאי, האט דער פעטערבורגער „ראט", וועלכער איז געווען א שותף צו דער צייטווייליקער רעגירונג און האט געהאט מער.. מאכט ווי זי — אלזא, אט דער ראט פון די ארבעטער, סאלדאטן און פויערים, האט זיך געווענדעט מיט אן עפנטלעכער דעקלאראציע צו אלע פעלקער פון דער וועלט און פארגעלייגט אז מען זאל זיך אפזאגן פון די אימפעריאליסטישע אפעטיטן פון „אנעקסיע און קאנטריבוציע" און די דעק־לאראציע האט זיך געענדיקט, מער־ווייניקער אזוי:

„ארבעטער פון דער גארער וועלט! ארבעטער פון דייטשלאנד, עסטרייך־אונגארן, טערקיי און בולגאריע! איבער די בערג פון טויטע אומשולדיקע מענטשן, איבער די ימים אומשולדיק בלוט וואס מען האט שוין פארגאסן אין א מלחמה, איבער חרובע דערפער, שטעט און מענטשלעכע ישובים, שטרעקן מיר אייך אויס די האנט און לייגן אייך פאר צו מאכן אן ערנהאפטן שלום, אן דעם צוצונעמען עמיצנס טעריטאריע און אן דעם צו צווינגען עמיצן צו צאלן קאנטריבוציע.

דער דאזיקער רוף האט זיך געמאכט אן איינדרוק אין אלע לענדער און וואלט אפשר טאקע געבראכט די געהעריקע ענטפערס פון דעם פראלעטאַ־ריאט צו וועלכן ער איז געווען געווענדעט, איז אבער געקומען דער רוסישער אויסערן־מיניסטער, דער באוואוסטער רעאקציאנער מיליוקאוו, און געמאלדן דער וועלט אז... אז רוסלאנד וועט נאכקומען אירע התחייבותן צו אירע אליאירטע און וועט זיך שלאגן מיזן ענדגילטיקן נצחון.

א דאנק אט דיביידע דערקלערונגען, זיינען שוין אין פעטערבורג פאר־געקומען מאניפעסטאציעס פאר און קעגן שלום, און... דער בירגער־קריג,

אַט דער פּאָר וועלכן מען האָט מורא געהאַט, האָט זיך דעמאָלט, פּאַקטיש דעם ערשטן מאַי פון 1917 אָנגעהויבן.

דער ערשטער מאַי איז אין אָדעס דורכגעגאַנגען רואיק. אין דער מאַני־פעסטאַציע האָבן זיך באַטייליקט — אַזוי האָט מען געשאַצט — הונדערט טויזנט מענטשן. דאָס איז געווען אַ גראַנדיעזע קאָנצענטראַציע פון אָדעסער איינוואוינער. אַ גרעסערע און אַ ריין־אידישע קאָנצענטראַציע איז אָבער געווען ווען עס איז באַוואוסט געוואָרן אַז מענדעלע מוכר ספרים ע"ה איז געשטאָרבן. עס וועט ניט זיין איבערטריבן ווען איך וועל נאָכריידן דאָס, וואָס ביי דער לוויה האָט מען גערעדט אַז עס באַגלייטן אים צו זיין אייביקער רו אַ פערטל מיליאָן אידן. די הויפּט־טעמע פון די באַגלייטער איז געווען: — אַ שאָד וואָס מענדעלע האָט ניט דערלעבט צו פאַרזוכן כאָטש עטלעכע יאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע . .

ווייזט אויס, אָבער, אַז די השגחה האָט געוואָלט אַז מענדעלע זאָל מיט זיינע אויגן ניט זען און מיט זיינע אויערן ניט הערן די שחיטות אויף אידן וואָס זיינען געקומען אַ דאַנק דער רעוואָלוציע און די געשרייען פון די פאַר־מוטשעטע קינדערלעך און געשענדעטע אידישע טעכטער. וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג אַזוי געשמאַק געזונגען די מאַרסעליעזע און איצט קוויטשען זיי אונטער דעם חלף פון זייערע באַדריקער און שענדער.

נאָכגייענדיק נאָך מענדעלעס לוויה, האָבן מיר וועגן דעם ניט געטראַכט.

אין יענער צייט, הויבן די בלעטער אָן צו שרייבן וועגן דעם גענעראַל קאָרנילאָוו, אַ פאַרביסענער מאָנאַרכיסט, און דער קאָמענדאַנט פון פּעטער־בורגער גאַרניזאָן. קאָרנילאָוו האָט שוין דעמאָלט געפּרואווט דערטרונקען די רעוואָלוציע אין בלוט. אָבער, די אָפיצירן פון גאַרניזאָן האָבן געהאַט דעם ביישפּיל פון קראָנשטאַדט, און זיי האָבן ניט געוואַגט צו געבן אַ באַפעל זייערע סאָלדאַטן אַרויסצוגיין פון די קאַזאַרמעס און גיין קעגן פאָלק. זיי האָבן געוואוסט, אַז די סאָלדאַטן וועלן ניט פאָלגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געוואָרן אַ פאָלגע „אָדעסיט". אַ דאַנק דער רעוואָלוציע, אַ דאַנק די אומשטענדן, האָט מען אין די גימנאַזיעס געמאַכט פרי קאָניקולעס. די עקזאַמענעס זיינען געווען זייער לייכטע און מען האָט, כמעט קיינעם ניט, „סרעזשעט". ווען מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די לערער, האָט יעדער איינער געפילט, אַז דוכט זיך, מער וועט ער די שוועל פון גימנאַזיע ניט זען. עס איז מיר געוואָרן אַ ביסעלע לייכטער דאָס לעבן, און איך האָב אפילו געטראַכט,

אז במילא וועל איך ווייטער ניט פאַרזעצן מיין לערנען — צו וואָס זשע דאַרף איך זיך גרייטן צו יענע לעקציעס וועלכע איך האָב ניט פאַרשטאַנען (ווי לאַטיין, למשל) און, איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין מיין אַרבעט, הן אַלס ציטונגס־רעפּאָרטער און דערהויפּט — ביי מיין מלאכת הקודש — אין רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון „יעווריייסקאַיאַ זשיזן". דער זשורנאַל האָט דעמאָלט איבערגעלעבט זייער אַ קריטישן עקאָנאָמישן מאָמענט. מען איז געווען שולדיק דער דרוקעריי און אפילו די באַאַמטע. אוסישקין ע"ה, האָט אונז געצאָלט פון זיין קעשענע, אָבער עס האָט אים ניט געסטייעט אויף אַלעמען. אויך אין זיין „געשעפט", אין דער קאָמערטשעסקי באַנק, איז געווען אַ קריזיס און אויך ער האָט ניט באַקומען זיין געהאַלט אין צייט. אָבער, עס איז דאַן ניט געווען קיין צייט פון זאָרגן זיך. מען איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי מיטן געזאַנג פון דער מאַרסעליעזע און זיך געלייגט מיט דער מאַרסעליעזע. היינט די מיטינגען? אינדערפרי, בייטאָג און ביינאַכט. ביי איינעם אַ מיטינג פון דער פּועלי ציוניסטישער פּאַרטיי, בין איך איינמאָל געשיקט געוואָרן פון דעם זשורנאַל. דער מיטינג איז געווען גאָר אַ לעבעדיקער, ספּעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט איינער אַ רויט בחורל וועלכער האָט געשטורעמט די פּאַרזאַמלטע מיט זיינע קלאָרע, לאָגישע אַרגומענטן, אַז ערשט איצט איז די צייט אַז מיר זאָלן טראַכטן וועגן ציון, אַז ערשט איצט דאַרפן די אידן ווענדן זייערע אויגן קיין ציון, ווייל פון אָט דעם ברודער־קאַמף וואָס רוקט זיך אָן אויף אונז, וועלן די אידן זיין, דאָס ערשטע כפּרה־הינדל.

„געווען אַנדערע — אויך פּועלי ציון — וואָס האָבן אָט דאָס רויטע בחורל פאַרשריגן. איינער האָט אים אפילו פאַרגעוואָרפן אַז ער איז אַ „קאָנטררעוואָלוציאָנער" (דאָס איז דאַן געווען די גרעסטע באַליידיקונג און די גרעסטע קללה), אַז ציון — איז טאַקע ציון, אָבער אַלס סאָציאַליסטן, דאַרפן מיר פריער זען באַוואָרענען די רוסישע רעוואָלוציע. דער רויטער האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינעם, און זיינע אַרגומענטן, און זיינע לאָגישע רייד, האָבן דעמאָלט שטאַרק געווירקט און מען האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט.

דעם דאָזיקן „רויטן" האָב איך דערנאָך ווידער געטראָפן אין מיין לעבנסוועג, איך טרעף אים נאָך איצט זייער אָפט, דאָס איז אַ היגער און טשילענער, זייער חשובער קולטור און פּאַרטיי־טוער — אָבער, ניט ביי דער פּאַרטיי פּועלי ציון — נאָר ביי די רעוויזיאָניסטן — ער הייסט ליבער ליבערזאָן. ערשט ניט לאַנג, האָב איך געהערט זיין זונדעלע האַלטן אַ רעדע, אויך אַ „קעמפערישע", אָבער, די אַרגומענטן פון זיין פאָטער און דאָס פייער פון

פּאָטער — האָט ער ניט און קאָן ניט האָבן, ווייל ער האָט ניט געהאַט אַזעל־כע קינדער־יאָרן ווי זיין פּאָטער...

איבער דער גרויסער רוסישער אימפּעריע און איצטיקער „דעמאָקראַטי־שער רעפּובליק" האָט זיך צעשפּרייט די אַנאַרכיע אין דער לענג און אין דער ברייט. פּאַרטייען זיינען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן און צוזאַמען מיט די פּאַרטייען איז אויך געוואַקסן די צעשפּליטערטקייט, די צעריסנקייט און אַנאַרכיע. עס איז באמת מקוים געוואָרן דער פּסוק: „איש הישר בעינו יעשה". יעדן איינעם וואָס איז עפּעס געפעלן געוואָרן האָט געטון. די סאָלדאַטן זיי־נען געלאָפן פון פראָנט, די אַרבעטער האָבן — אַנשטאָט אַרבעטן און פאַר־זאָרגן די אַרמיי מיט די נויטיקסטע מלחמה מכשירים אָדער אפילו — מיט פּשוט ברויט צו עסן — האָבן געהאַלטן אין איין אָפּהאַלטן מיטינגען און אין איין דיסקוטירן. די שפּראַצן פון בירגער־קריג האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַ־וויזן אין יעדער שטאָט און שטעטל און דער הויפּט־מאָטיוו איז געווען: וועמען קומט די מאַכט? די „ראַטן" אָדער דער רעגירונג וועלכע האָט זיך אַליין גערופן „צייטווייליקע". דאָרט, אין פּעטערבורג, האָט זיך דאָס פאָלק און די סאָלדאַטן וועלכע האָבן פאַקטיש באַהערשט די שטאָט, צעטיילט אין צוויי טיילן. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף מיט דער רעוואָלוציע ווייט ניט גיין, מען דאַרף דערגרייכן געוויסע רעפאָרמעס און... און ווייטער אָנגיין מיטן קריג ביזן ענדגילטיקן זיג. די אַנדערע טייל, אונטערשטיצט פון פּעטער־בורגער גאַרניזאָן, וועלכער איז געווען געכאַפּט אין מעשה „רעוואָלוציע", האָבן געפאָדערט ווייטגייענדיקע קאָנצעסיעס און ספּעציעל — „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן" און געפאָדערט מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה.

און אָט שווימען אַרויף אויף דער פּאָליטישער אַרענע לענין מיט טראָצקין. עס ווערט באַוואוסט אין אַלע ווינקעלעך פון רוסלאַנד, אַז זיי זיינען געקומען קיין רוסלאַנד אין דייטשע „פּאַרחתמעטע" וואַגאָנען, אָבער, מיט אַ סאַך... גאָלד וואָס קיסר ווילהעלם האָט איבערגעגעבן טראָצקין אין די הענט אריין, אַז ער זאָל דערפאַר מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר שלום. מיליאָנען רוסישע מענטשן זיינען געווען זיכער אַז דאָס איז אמת. מערערע מיליאָנען רוסן — און צווישן זיי מיליאָנען אידן — האָבן ניט געגלויבט, אַז טראָצקי וועט זיך לאָזן אונ־טערקויפן אפילו פאַר אַ גאַנצן באַרג מיט גאָלד. איי, סטייטש, ווי זשע קומט עס אַז טראָצקי מיט לענינען פּריידיקן שלום „פאַר וועלכן פּרייז עס זאָל ניט זיין"? איז דער תירוץ — אַז דאָס טוען זיי, כדי צו קריגן סימפּאַטיע און זייער פּאַרטיי, באָלשעוויסטישע (דעמאָלט האָט מען נאָך ניט געהערט דאָס וואָרט „קאָמוניסט") זאָל האָבן אַ סך שטימען ביי דער אוטשרעדיטעלנע סאָ־

בראַניע, ביי דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וואָס דאַרף פאָרקומען אין אָקטאָבער און וואָס וועט באַשטימען, וואָס פאַר א פאָרעם פון רעגירונג רוסלאַנד וועט האָבן.

און אָט, אין יענער כאַאָטישער צייט, גלוסט זיך קערענסקין מיט קאָר־נילאָוון מיט אַלעקסייעוון מיט אַנדערע גענעראַלן אונטערנעמען א קריגס־אָפענסיווע אויף אַלע פראָנטן מיט דייטשלאַנד. קערענסקי פאָרט אַוועק אויפן פראָנט, האַלט עטלעכע פייערדיקע דרשות, וועלכע צינדן טאַקע אונטער, אָבער ווערן שנעל פאַרלאָשן. די אָפענסיווע הויבט זיך אָן. די רוסישע רעוואָלוציאָ־נערע אַרמייען נעמען אָפּ עטלעכע שטעט און עטלעכע וויכטיקע פּאָזיציעס. און איבער גאַנץ רוסלאַנד גייט דורך א שטראָם פון פרייד: מיר זיגן! מאַני־פעסטאַציעס און ווידער מאַניפעסטאַציעס ציען זיך איבער אַלע שטעט און שטעטלעך. אַנשטאָט צו אָנלאָדן מעל און קאַרטאָפל אין די וואַגאָנען און שיפן, גייט מען אַרום איבער די גאַסן מיט פּלאַקאַטן קעגן די דייטשן און קעגן... די באָלשעוויקעס, וואָס ווילן — א דאַנק דעם דייטשן גאָלד וואָס זיי האָבן געבראַכט אין די פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנען — אַז מען זאָלן מאַכן שלום מיטן דייטשן אימפּעריאַליזם. עס קומען אָן אַנטקעגן אַנדערע מאַניפעס־טאַציעס מיט פּלאַקאַטן: „צוליב וואָס? פאַרוואָס? פאַר וועמען שלאָגן מיר זיך?" און... עס הויבט זיך דערווייל אָן גיסן היימיש בלוט.

די פרייד מיט דער אָפענסיווע מיט די מאַניפעסטאַציעס געדויערט זייער ווייניק. די דייטשן קומען צו זיך, טרייבן אָפּ די רוסן צוריק צו זייערע פריער־דיקע פּאָזיציעס און אַלס צוגאָב — טרייבן זיי זיי אַרויס פון גאַנץ גאַליציע וואו דאָס רוסישע מיליטער איז פריער געשטאַנען. און די „רעוואָלוציאָנערע" רוסישע סאָלדאַטן, אָט די, וועלכע האָבן שוין געהאַט זייערע „סאָלדאַטסקע ראַטן" און שוין געהאַט דעלעגאַטן אין פּעטערבורגער „סאָוויעט", און האָבן שוין אפילו געהאַט ביי זיך פּאָליטישע קאָמיסאַרן וועלכע האָבן צו זיי אַלע טאָג גערעדט און האָבן אפילו געהאַט מער מאַכט ווי די פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלן — אָט די סאָלדאַטן, האָבן ביי דער „אָטסטופּליעניע", ביים אָפּ־טרעטן פון פראָנט, אָנגעהויבן מאַכן נשקשהדיקע פּאָגראָמען און ממש חרוב געמאַכט די אידישע ישובים פון גאַליציע און פאַרניכטעט יענץ ביסל אידיש האָב און גוטס וואָס ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט ניט אויספּיעט חרוב מאַכן.

די ידיעות וועגן אָט די פּאָגראָמען האָבן זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד, מען איז וועגן זיי געוועזן אינפאָרמירט, ניט נאָר אין די רעגי־רונגס־קרייזן פון פּעטערבורג, נאָר ספּעציעל אין די שטעט מיט קאָמפּאַקטע אידישע ישובים. די דאָזיקע ידיעות האָבן אין א גרויסער מאָס אָפּגעקילט

א ביסל די רעוואָלוציאָנערע היץ פון א סך אידן און אויב אין „אָדעסער קאָ־מיטעט" האָט זיך דעמאָלט ווידער אָנגעהויבן רודערן — איז דאָס, זיכער געוועז צוליב דעם, וואָס א סך אידן, וועלכע האָבן געגלויבט אז משיח איז שוין געקומען — האָבן זיך ארומגעקוקט און מורא באַקומען אז משיח זאָל ניט קומען... מיט א שאַרף מעסער און דובינע צוגעגרייט פאַר אידישע קעפּ... און, אז עס וועט אויסגיין צו אידישע קעפּ — האָט שוין יעדער איד געפילט. ספּעציעל ווען מען איז געוואוירע געוואָרן, אז אין דער שפּיץ פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי שטייען „בלויז" אידן, און ניט נאָר טראָצקי מיט זיין שוואָגער זינאָוויעוון מיט קאַמעניעוון האָט מען ארויפגעשטעלט אויפן „אידישן חשבון", נאָר אזא כשרן ערל ווי לענינען און סטאַלינען און דזיערזשינסקין האָט מען אָנגעגעבן אַלס אידן. געווען א סך שמאַלקעפּיקע אידן וואָס האָבן זיך אפילו באַרימט פאַר זייערע קריסטלעכע חברים, אז לענין און דזיערזשינסקי זיינען אידן. און אז מען האָט דערפאַר טייער באַצאָלט — ווער ווייסט עס ניט איצט?...

———0———

אין משך פון אָט דער צייט פלעג איך ציילן, פריער — די חדשים, דערנאָך — די טעג, וויפל עס פעלט מיר צום צושטעלן זיך צו דער „אונטער־זוכונג". איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אז ווי נאָר א דאָקטאָר וועט מיך דער־זען, וועט ער מיר גלייך זאָגן „גאָדיען" און אָפּשיקן אויפן פראָנט. מיין פּראָ־טעקטאָר, מיין וואָינסקי נאַטשאַלניק, איז שוין לאַנג אין אָרעם ניט געווען. עטלעכע טעג נאָך דער רעוואָלוציע בין איך געקומען אים זען און שוין זיין זוואָניע ניט געטראָפן. ער האָט געהאַט, ערגעץ טיף אין רוסלאַנד, אין צאַרי־צינער קרייז, א מאַיאָנטעק פון א סך ערד און ער איז זיכער אוועק אַהין. אמת. מען האָט די אַלע צארישע באַאַמטע פון זיין קאַטעגאָריע אָפּגעשטעלט פון זייער ארבעט אָבער, די ערשטע דעמאָקראַטישע רעגירונג האָט זיי גאָרניט געטון — א חוץ זיי שיקן אויפן פראָנט.

איך האָב ווידער גענומען „אָטפּוסק" פון מיינע פּאָסטנס און זיך צוגע־שטעלט צו דער וואָיענע באָלניצע — מיליטערישן שפּיטאָל, מיט מיינע פּאָ־פּירן „נאַ וואָספּיטאַניע". לויטן רעגלאַמענט, האָב איך, מיט א חודש פריער געדאַרפט זיין אין שפּיטאָל וואו מען האָט מיר געדאַרפט מאַכן אַנאַליזן, און צום טאָג ווען עס וועט זיך ענדיקן דער טערמין וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר מיין „אונטערזוכונג" וועט מיר דער וואָיענע וראַטש מעלדן דעם אור־טייל.

אויב איך האָב אין משך פון דער גאַנצער צייט נאָך געהאַט אַ שטיקל האָפענונג אַז רוסלאַנד וועט מאַכן אַ באַזונדערן שלום מיט די דייטשן און איך וועל אויסמיידן דעם גורל פון די אַנדערע מיליאָנען, אַוועק אויפן פראָנט — האָב איך שוין לעצטנס געזען, אַז אַט די האָפענונג איז ניטאָ. די צייטווייליקע רעגירונג בשותפות מיט קאָרנילאָוון, האָט דערשטיקט דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד אין פעטערבורג, אַנטוואָפנט אַ גרויסע טייל פון די רעוואָלוציאָנערע פּאָלקן און — כאָטש מען האָט געכאַפּט אַ מפלה, גרייט מען זיך צו אַ צווייטער אָפענסיווע אין וועלכער מען וועט אַריינוואַרפן קינדער פון זעכצן יאָר אַפילו, און מען וועט קעמפן ביזן סוף. אַלזאָ, איך דאַרף זיך גרייטן צום פראָנט.

ביי מיין מעלדן זיך אין וואָיענע שפּיטאָל באַקום איך, אָבער, אַ סורפּריז. אַלנפאַלס — בין איך שוין איצט קלוגער און שטעל זיך ניט דינגען מיטן דאָקטאָר. דאָס מאָל רופט מען מיך אַריין צום דירעקטאָר אין קאַבינעט, וועלכער מעלדעט מיר אַז מיין „אונטערזוכונג" וועט פאָרקומען ערשט אין דריי חדשים אַרום. פאַראַן אַ גרויסער אָטשערעד, זאָגט ער מיר, דערווייל, אָבער, מוז איך זיך געפינען אין שפּיטאָל, ווי אַ קראַנקער, דאָס הייסט, מען נעמט צו ביי מיר מיין הלבשה און איך דאַרף גיין אָנגעטון בלויז אין ווייסע, שפּיטאָל־הויזן און ווייסן כאַלאַט. איך טאָר אויך ניט לייענען קיין צייטונגען און ביכער, טאָר ניט פירן קיין דיסקוסיעס מיט די אינטערנירטע און... דאַרף פאַר קיינעם זיך ניט באַרימען אַז מען האָט מיך אָפּגעלייגט אויף ניינציק טעג, ווייל, דאָס — אַזוי זאָגט דער דירעקטאָר, קאָן אים פאַרשאַפן אומאַנגענעמהייטן מיט אַנדערע קראַנקע...

איך בין געווען זיכער אין דעם, אַז אַט דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין פּראָטעקטאָר אַלעקסיי טראַפּימאָוויטש לאַסאַצקאָו — דעם געוועזענעם וואָינסקי נאַטשאַלניק, וועלכער האָט — פאַר זיין פאַרלאָזן אָדעס, מיך באַוואָרנט ביי זיין פריינט — דעם דירעקטאָר פון דעם מיליטערישן שפּיטאָל. נאָך מער זיכערער בין איך געוואָרן פון טאָג צו טאָג, ווען איך האָב געזען, אַז קיינעם דערלויבט מען ניט אַריבערגיין די שוועל פון שפּיטאָל, און מיך האָט מען געלאָזט אַרומשפּאַצירן מיט מיינע ווייסע בגדים איבער... גאַנץ אָדעס, זיין ביי... אַלע שרפות, ביי אַלע געשלעגן און אַפילו פאָרן אויפן טראַמוויי. ערשט שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער געיעג נאָך „האָזן" און מען האָט אַרעסטירט הונדערטער און טויזנטער מענטשן אָן פּאַספּאָרטן, האָב איך זיך שוין געהיט זיך צו דערווייטערן פון שפּיטאָל. ביז אין אַ שיינעם טאָג, און צו מיין גרויסער איבעראַשונג — נאָך פאַר דער

צייט — רופט מען מיך „נאַ װאָספּיטאַניע״, עטלעכע דאָקטוירים זיינען פאַ־
ראַן אין צימערל װאו די אונטערזוכונג קומט פאָר, אָבער מיך באַטראַכט
דער דירעקטאָר בכבודו ובעצמו און...

אין צען מינוט אַרום מעלדעט מען מיר אַז איך האָב באַקומען אַ „װייסן
בילעט״. איך טויג ניט. איך בין בלינד אויף די אויגן... דער דאָקטאָר איז
שוין טאַקע אַזוי פריינטלעך און טוט מיר אַ טובה און גיט מיר אַ רעצעפּט
װעלכע ברילן איך דאַרף טראָגן.

איך האָב יענעם טאָג אָפּגעטאָן צװיי נאַרישקייטן. ערשטנס: טעלעגראַ־
פירט אַהיים אַז איך בין באַפרייט מיט אַ װייסן בילעט. דאָס גליק איז געװען
— אַזוי האָט מיר מיין טאַטע ע״ה געשריבן — װאָס פון דער טעלעגראַמע
האָט קיינער ניט געװאוסט, װייל ער האָט זי באַלד צעריסן, װייל... מען
װאָלט זיכער געװען געמסרט. און צװייטנס: איך האָב באַלד, אין דרויסן,
צעריסן דעם רעצעפּט פון די ברילן. איך האָב טאַקע קיין ברילן ניט געדאַרפט
ניט דאַן ניט דאָס גאַנצע לעבן עד היום הזה, אָבער, אַ שמירה זיינען דאַן
אַ פּאָר ברילן געװען. ספּעציעל — ביי אַן „אַבלאַװע״, װען מען האָט געזוכט
דעזערטירן אָדער מענטשן מיט פאַלשע בילעטן־פּאַספּאָרטן.

—0—

אויף דער אָדעסער סצענע קומט אַרויף אַ מאָדנער „העלד״. אין אָדעס,
איבער גאַנץ דרום רוסלאַנד און אַפילו אין טעפּליק שרייבט מען מיר און
מען בעט מיך איך זאָל אַרויסשרייבן װער איז דער לעגענדאַרער אָנפירער
פון אַ באַנדע גנבים, אַ באַנדע נאַליאָטשיקעס װאָס באַפאַלן אין מיטן העלן
טאָג די רייכע הייזער, נעמען צו ביי די גבירים דאָס שענסטע און דאָס בעס־
טע און גיבן עס אָװעק די קבצנים פון דער מאָלדאַװאַנקע. דער דאָזיקער „העלד״
האָט געהייסן:

— מישקע יאַפּאַנטשעק.

מילא, אַז אין די קליינע שטעטלעך זיינען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס װעגן
זיין גוטסקייט און װעגן זיין באַנדע — איז קיין חידוש ניט. יעדער איינער
װאָס איז געקומען פון אָדעס און האָט עפּעס געהערט װעגן מישקע יאַפּאַנ־
טשיק, האָט געפונען פאַר זיין חוב עפּעס צולייגן אייגנס און מאַכן פון
אַ קאַץ אַ העלפאַנט! אָבער, אַז אין אָדעס גופא זיינען געװען הונדערטער
אידישע הייזער װאָס האָבן מישקען און זיינע מענטשן פאַרגעטערט —
דאָס, איז אויך ריכטיק.

גראָדע האָב איך אַ שטיק צייט געהאַט דעם „גרויסן כבוד״ צו װאוינען

מיט מישקען אַ טיר נעבן אַ טיר. איך האָב געהאַט אַ צימער אויף גאָספּי־טאַלנע און מיאַסאָיעדאָווסקי און ער האָט דאָרט געהאַט זיין „פּריוואַט״־וואוינונג. איך פּלעג אים זען אַלע טאָג, עטלעכע מאָל אין טאָג, און אַלס שכן — זיך גרוסן אפילו. דאָס האָט אָבער ניט אויסגעמיטן, אַז מיין בעל־הבית פון דער קוואַרטיר, אַן אָרעמער, קרומער, דערשלאָגענער „קרעמער״ וועמענס סחורה אין קלייט האָט באַטראָפן אפשר פינף הונדערט קערבלעך, זאָל אין אַ שיינעם טאָג ניט האָבן צו גאַסט ביי זיך דריי „העלדן״ פון מישקע יאַפּאָנטשיקס „אַרמיי״, וועלכע האָבן געמאָנט ביי אים „קאָנטריבוציע״. און אַזוי ווי זיין גאַנצער קאַפּיטאַל פון טיש־קעסטל, דער פדיון פון גאַנצן טאָג, האָט באַטראָפן אפשר פערציק קערבלעך, האָבן זיי צוגענומען דאָס מזומנע, און צוגענומען אַלע פּאַפּיראָסן — דאָס הייסט — זיין גאַנצע סחורה פון קלייט.

פאַרשטייט זיך, אַז שרייען האָט מען ניט געטאָרט און עס וואָלט ניט געווען געהאָלפן די געשרייען, ווייל קיינער וואָלט ניט געקומען פאַרטרייבן די באַנדיטן, האָט מען זיך בלויז... אויסגעוויינט און געמאַכט אַ שוויג.

דעם צווייטן טאָג, האָב איך מיט דעם קרעמערס אַלטער מוטער, אָפּגע־שטאַט אַ באַזוך ביי אונזער שכן — ביי מישקען. אַזוי ווי זיינע שומרי הסף, זיינע היטערס, האָבן אונז גוט געקאָנט אַלס שכנים, האָט מען אונז תיכף אַריינגעלאָזט אין הויף אַריין און דערנאָך — אין זיין „אויפנאַם־צימער״. ווען ער האָט דערהערט וועגן נאַליאָט, האָט ער פאַרביסן די ליפּן פאַר כעס. ער האָט אונז פאַרזיכערט, אַז ניט „זיינע״ מענטשן האָבן עס געטון. אָבער, מיר זאָלן זיין רואיק. מיר וועלן האָבן אַלץ צוריק. און אַזוי איז טאַקע געווען. פאַרנאַכט איז צוגעפאָרן אַ דראָזשקע, אַראָפּגעבראַכט די גאַנצע סחורה, אָפּ־געגעבן אַ פּאָר „פאַרשלעפּטע״ מלבושים, צווישן זיי — מיינע אַ „בורקע״, און איבערגעלאָזט אויפן טיש... 500 קערבלעך מזומנע. אָבער — אָבער געפאָדערט אַ בריוו פון אונז אַז מיר זיינען צופרידן, אַז מיר זיינען זיי מוחל, און... אַז מיר בעטן זיי, אַריינקומען צו אונז אויף טיי, ווען זיי וועלן האָבן צייט.

דעם עפּיזאָד האָב איך אַרויסגעבראַכט, ווייל ער איז מיר געווען נענ־טער און ווייל איך געדענק אים אַזוי קלאָר, גלייך ווי היינט זאָל דאָס האָבן געשען. דער אמת וועגן מישקע יאַפּאָנטשיק איז געווען, אַז ער האָט געהאַט אַ סך פאַרדינסטן און האָט... אַ סך אָדעסער אידן אָנגעטון צרות און ממש באַראַבעוועט.

איך האַלט, אַז עס איז אַ פאַקט. אויב אין די צייטן ווען אין און אַרום

אַדעס האָבן געבושעוועט די דעניקינצעס, גרעגאָריעוצעס, פּעטליוראָוועצעס, מאַכנאָוועצעס און אַנדערע שלעק, אויב עס איז ניט געקומען צו קיין פּאָגראָם — איז דאָס אַ דאַנק מישקע יאַפּאָנטשיק און זיין אַרמיי וועלכע האָט, אין איין צייט, דערגרייכט ביז פערציק טויזנט מאַן.

עס איז זיכער, אַז ניט אַלע „יאַפּאָנטשיקעס" זיינען געווען גנבים און באַנדיטן. די גרעסטע טייל זיינען געווען אָרנטלעכע מענטשן, טאַטנס קינדער, וואָס האָבן, אוי אָרום, זיך אויסגעדרייט... ניט צו גיין אויפן פראָנט. מיש־קעס אַרמיי איז געווען פאַר „אינערלעכער זיכערקייט" און מען האָט זיי ניט געשיקט אויפן פראָנט. ביז אין אַ שיינעם טאָג, ווען די מאַכט אין אָדעס האָט זיך שוין באַפעסטיקט, און עס זיינען אָנגעקומען ידיעות פון אידישע שטעט און שטעטלעך וועגן די פּאָגראָמען, וועגן די שחיטות און ספּעציעל — וועגן געשענדעטע אידישע טעכטער, האָט מען מישקעס אַרמיי אַרויסגשיקט קיין קאָדימע און קריזשאָפּאָל און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי דאַרפן נאָר איינ־שטעלן אָרדענונג און זיי זאָלן — למען השם — ניט אָנווענדן קיין שטראָף־מיטלען קעגן דער ציווילער גויאישער באַפעלקערונג. דער אמתער אמת איז געווען, אַז מישקע אַליין האָט זיך טאַקע געווענדעט צום אָדעסער „רעווקאָם" (רעוואָלוציאָני קאָמיטעט) און געבעטן, אַז מען זאָל אים דערלויבן צו מאַכן פון זיין אַרמיי — אַ רעגולערן פּאָלק און ער וועט גיין קעמפן קעגן די גרע־גאָריעווצעס וועלכע האָבן דעמאָלט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין אידישע ישובים און האָבן אויסגעקוילעט אַלע אידן וואָס זיי האָבן געפּאַקט אויף די וועגן אָדער אין די באַנען.

איך גלויב ניט אַז איך קאָן אַמאָל פאַרגעסן דעם טאָג, ווען איך בין גע־שטאַנען אויף אַ באַלקאָן פון דער גאַס סטאַראָפּאָרטאָפראַנקאָווסקאַ און צוגע־קוקט ווי אַזוי זיין אַרמיי — אַלע אָנגעטון אין ציווילע קליידער, ווער מיט אַ שיינעם קאָסטיום, ווער מיט געלאַטעטע הויזן, ווער מיט אַ היטל אַן אַנדע־רער — מיט אַ שליאַפּע, אַלע אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פריילעך, לעבעדיקע זיינען — אין אַ רייע פון צען — אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָט. געגאַנגען זיינען זיי, צו דער „דריטער סטאַנציע" אַ פּאָר ווערסט פון הויפּט־וואָקזאַל, וואו זיי האָבן גענומען „טאָווארנע וואַגאָנען" און אַרויסגעפאָרן קיין קריזשאָ־פּאָל. די קאַוואַלעריע מיט מישקען בראש האָט מען „אָנגעגרוזעט ביים אָדע־סער וואָקזאַל. מיט מישקען איז מיטגעפאָרן אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר, איינער אַ פעלדמאַן, וועלכער האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אַז מישקע זאָל ניט באַגיין קיין ווילדקייטן אין די דערפער. אָבער וואו האָט ער געקאָנט אַכטונג געבן, און ווער האָט זיך דאַן געקאָנט אָדער געוואָלט צוהערן צו זיינע רייד, ווען

די פּאַגראָם־כוואַליעס און די פּויערים באַנדעס האָבן שוין פראַנק און פריי געבושעוועט אין די שטעט און שטעטלעך, האָבן שוין גראַבעוועט און עיקר געשענדעט אידישע פרויען, מיידלעך און אַכט־יאַריקע קינדער. איז טאַקע מישקע אַרוים פון די האַלאַבליעס און געענטפערט מיט די זעלבע מעשים. מען האָט געצונדן דערפער, מען האָט צוגעבונדן שקאָצים און שיקסעס צו בוימער און זיי אונטערגעצונדן. מען האָט ביי די פּויערים די צינגער פון מויל אַרויסגעשניטן, אויב זיי האָבן ניט געוואָלט אַרויסגעבן די באַנדיטן פון זייערע דערפער. דער קאָמיסאַר פעלדמאַן איז ניט געווען צופרידן מיט מיש־קעס האַנדלונגען און אַפילו געסטראַשעט אַז אין אָדעס, ביים „רעווקאָם" וועט מישקע דאַרפן אָפּגעבן חשבון, אָבער מישקע האָט געטון זיינס. ער האָט גענומען נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם אידישן בלוט.

אין אָדעס, וואו מישקע האָט געהאַט טויזנטער און טויזנטער אָנהענגער, האָט מען אָפּגעפּאַדירט מישקעס גענג, און אַ סך יונגעלייט, פיינע בעלי הבתישע קינדער, האָבן איבערגעלאָזט די שטאָט און זיך אַוועקגעלאָזט אויף די שלאַכט פעלדער פון קאַרימע און קרויזשאָפּאָל.

אומקערנדיק זיך צום אָנהויב.

וואָס זשע טאַקע איז מישקע געווען? אַ גנב? אַ באַנדיט? אָדער אַן אידעאַליסט?

מישקעס חסידים אין אָדעס, האָבן אים פּשוט פאַרהייליקט. געווען אויף דער מאָלדאַוואַנקע הונדערטער קינדער וועמען מישקע האָט געקליידט און געצאָלט פאַר זייער לערנען. געווען הונדערטער אַלמנות פאַר וועמען מישקע האָט געצאָלט דירה געלט, וועמען מישקע האָט אַריינגעשיקט מעל און פלייש אין שטוב אַריין. געווען הונדערטער קראַנקע צו וועמען עס פלעגן קומען דאָק־טוירים וואָס מישקע האָט געצאָלט די וויזיטן. אַלס איינוואוינער פון דער מאָלדאַוואַנקע אַ שטיק צייט, פלעג ניט אַוועקגיין אַ טאָג, אַז איך זאָל ניט הערן אַז מישקע האָט דאָ, אָדער דאָרט, געהאָלפן עטלעכע פאַמיליעס. מען האָט אָבער אויך געהערט פון נאַליאָטן, פון אויסטון נאַקעט אין מיטן גאַס און צונעמען דאָס אָנטון, פון צופּאַרן מיט אַ דראָזשקע צו אַ בעל הבית פון אַ געשעפט און אויפגרוזעווען די גאַנצע קראָם, אָדער אַרויספירן זיין מעבל אויף אַ וואָגן און עס צונעמען.

די, וועלכע האָבן דערוואַרטעט פון דער רעוואָלוציע „פרייהייט" און גלייכ־הייט, האָבן ניט געמיינט אַזאַ גלייכהייט און האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַ געוועזענער פּשוטער גנב, וועמען די רעוואָלוציע האָט באַפרייט פון תפיסה, אַז אַזאַ נפש וועט עס פּסקנען, ווער עס דאַרף האָבן מער און ווער

וויניקער. און אַז איך האָב געדראַפּט איינמאָל ענטפערן אַ בריוו קיין טעפּ־ליק צו חברים, וועלכע האָבן מיך געפרעגט אַ מיינונג וועגן מישקען, האָב איך טאַקע געהאַט פאַר אים ליוב־ווערטער. איך האָב אים אויסגעמאָלן ווי איינעם וואָס טוט גוטס אָרעמעלייט... אויפן חשבון פון די רייכע. אָבער געענ־דיקט דעם בריוו האָב איך:

לא ירבו כמותו בישראל. אויף אידיש קאָן עס הייסן: „אַזעלכע ווי ער, זאָל מען גערינכט פאַרזייען און זיי זאָלן שיטער אויפגיין".

געפאַלן איז מישקע יאַפּאַנטשיק אין אַ שלאַכט מיט די דעניקינצעס.

אין אָדעס, האָט מען געזאָגט, אַז... פעלדמאַן האָט אים דערשאָסן פאַר זיין צופיל נוקמען זיך אין די פּויערים און זיי אויפרייצן קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ווען ער האָט געזען, אַז די שלאַכט איז פאַרלוירן, און מורא האָבנדיק אַריינפאַלן צו די דעניקינצעס אין די הענט — איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ווייזט אויס, אַז די ערשטע ווערסיע איז די אמתע, ווייל אין אַ פּאָר חדשים אַרום, ווען די דעניקינצעס זיינען שוין געווען בעלי הבתים אין אָדעס האָט מישקע יאַפּאַנטשיקס אַדיוטאַנט געטראָפן פעלד־מאַנען אין אָדעס אויף אוספּענסקי גאַס און אים אַריינגעשאָסן עטלעכע קוילן אין קערפּער אַריין. פעלדמאַן איז געלעגן עטלעכע טעג אויפן זעלבן פּלאַץ. די דעניקינצעס האָבן ניט געלאָזט אים מקבר זיין...

—O—

מישקע יאַפּאַנטשיק איז געווען, ניט דער איינציקער זעלטענער עקזעמ־פּליאַר וואָס די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעגעבן און וואָס האָבן אַ שטיק צייט געהערשט איבער אָדעס. אַ צווייטער זעלטענער טיפּ איז געווען אַ געוויסער אַנאַרכיסט (וועמענס נאָמען איך קאָן זיך, פאַר קיין פאַל ניט דערמאָנען איצט) וואָס האָט אויך געשאַפן אַן אַרמיי אַרום זיך. זייער פאָן איז געווען אַ שוואַר־צע און זייער לאָזונג איז געווען: — מען דאַרף ניט קיין שום רעגירונג, מען דאַרף ניט קיין שום ראַט, מען דאַרף ניט קיין קאָמיסאַרן, קיין רויטע גוואַרדיע (וועלכע איז אַנטשטאַנען און איבערגענומען די פּאָליציייאישע פונקציעס). אַל־זאָ, מען דאַרף לאָזן יעדן איינעם טון וואָס ער וויל. אָבער — אויף אַ „לע־גאַלן" וועג. און כאָטש זיי האָבן ניט געהאַלטן פון וואָרט „לעגאַליטעט", ווייל אַלצדינג וואָס אַ מענטש טוט איז לעגאַל און קיינער טאָר ניט קומען

אים זאָגן מה תעשה? — דאָך, האָט זייער אָנפירער געפאָדערט ביי זיינע אונטערטאַנען — אָרדענונג.

די דאָזיקע אַנאַרכיסטן האָבן אַ שטיק צייט טאַקע געטון בלויז גוטע זאַכן. ספּעציעל — מיט שאַפן ביליקע קיכן (דיעשאָוויע קוכני), וואו יעדער איינער האָט געקאָנט קומען און אָפּעסן צו זאַט — אָן געלט. די קיכן האָט מען איינגעאָרדנט אין... רעקיווירירטע הייזער פון געוועזענע גבירים וועמען די מאַטראַסן פון דער טרויעריק־באַרימטער שיף „אַלמאַז" האָבן אַוועקגעפירט צו דער שיף און דאָרט... אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. אין אָט די רייכע הייזער האָט מען אויסגעשטעלט טישן און פּראָדוקטן ווי פלייש, מעל, וואָס מען האָט „לעגאַל" און אין פולער „אָרדענונג" נעכטן „רעקווירירט" אין די געשעפטן פון באַזאַרנע, רישעליעווסקי אָדער פון די דעפּאָזיטן פון פּערעסיפּ.

אַזוי ווי עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אַן עפּיזאָד פון אָט די קיכן, וויל איך אים דאָ אַרויסברענגען און „פּאַראַייביקן".

אין אַן אינדערפרי, האָט זיך געשטעלט אין אָטשערעד אַן עלטערער מאַן, און האָט אַרויסבאַקומען זיין לעפל, זיין שיסעלע און זיין פּאָרציע ברויט צום מיטיק. אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט צו דער ערשטער רייע (פּונקט, ווי ביי אונז אין טעפּליק, האָבן אידן געדאַוונט מיטן ערשטן מנין) און האָט אָפּגעגעסן זיין מיטיק. תיכף, נאָכן עסן, האָט ער זיך געשטעלט ביי אַ צווייטן אָטשערעד, קיין לעפל ניט גענומען, בלויז אַ שיסעלע מיט ברויט, און ביים צווייטן אָטשערעד, אַרויסגעקראָגן אַ שיסל סופּ מיט פלייש.

ווייזט אויס, אַז איינער פון די היטערס, פון די „לעגאַלע" אָרדענונג־פּאַרזאָרגער, האָט אים נאָכגעקוקט, נאָכגעסליעדעוועט, און ווי נאָר ער האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין מיטן שיסעלע סופּ האָט ער אים אָפּגעשטעלט, פעסט־געשטעלט אַז ער האָט שוין איינמאָל געגעסן און אים, פריער מכבד געווען מיט עטלעכע קלעפּ איבערן פּנים און אים צעבלוטיקט און דערנאָך אים אויסגעגאָסן דאָס שיסעלע הייסע סופּ אויפן פּנים. דער „גנב" און „שווינדלער" האָט גאָרניט געזאָגט פאַרוואָס מען שלאָגט אים און האָט זיך בלויז... צעוויינט. מען ווערט תיכף געוואוירע, אַז דאָס שיסעלע סופּ האָט ער גענומען פאַר זיינע צוויי קינדער וואָס ליגן קראַנק שוין עטלעכע טעג און וואָס לעבן אָפּ דעם טאָג מיט אָט דעם שיסעלע סופּ.

דער „אָרדענונג־היטער" ווערט תיכף אַריינגערופן אין קאַנצעלאַריע, עס נעדויערט בלויז דריי מינוט, מען פירט אים אַרויס צוריק אין הויף אַריין וואו עס שטייען נאָך הונדערטער מענטשן אין אָטשערעד צום עסן, און... פאַר זייערע אויגן שיסט מען אים אַריין אַ קויל אין קאָפּ אַריין...

קיינער פון די וואָס זיינען געשטאַנען אין די רייען און האָבן געוואָרט מיט זייערע שיסעלעך צום עסן, האָבן ניט אַ ריר געטון זיך פון אָרט. מען האָט רואיק אָפּגעגעסן דעם מיטיק און... גוט געהייסן דעם „לעגאַלן" מאָרד.

———0———

אויף ראש השנה בין איך ווידער אַהיים געפאָרן. איך האָב זיך געוואָלט אַביסל פּאַפּראַווען פון די קעסט וואָס איך האָב באַקומען אין מיליטערישן שפּיטאָל, ווי בכלל אַביסל זיך אויסרוען פון... אָדעסער זשום אין וועלכן איך האָב זיך געפונען. איך האָב, פּשוט, געבענקט נאָך אַביסעלע רואיקייט. איך האָב געהאַט אַ „ציל" אין לעבן... זיך גוט אויסשלאָפן. פאַר אונז, קליינ־שטעטלדיקע, איז אָדעס געווען אַן אַפּקומעניש. חדשים גאַנצע זיינען אַוועק אין וועלכע מען האָט זיך רעכט ניט אויסגעשלאָפן. בפרט נאָך, אַזאַ טיפּ ווי איך, האָב געהאַט אַ געלעגנהייט אַלע נאַכט צו גיין אין אידישן טעאַטער אָן אַ סענט געלט און נאָך מיטנעמען מיט זיך אַ פּאָר חברים, באַאַמטע פון „אָדעסער קאָמיטעט", אָדער גלאַט באַקאַנטע מיידלעך וועלכע יעדער אָדע־סיט האָט געהאַט אויפן טוץ, — ספּעציעל, ווען ער איז געווען אַ „רעפּאָר־טער" — דאָס וואָרט רעפּאָרטער, איז געווען אַ מאַגנעט פאַר די פיינסטע באַרישניעס. דאָרט אין אָדעס, אין רוסלאַנד, ווי בכלל אין אייראָפּע, איז אַ צייטונגס־מענטש און דערהויפּט אַ רעפּאָרטער, געווען אַ יש... און אין טעאַטער, און אין אידישן טעאַטער ספּעציעל, האָט אַ רעפּאָרטער שטענדיק און אימער געהאַט אַ פרייען אַריינגאַנג. פלעג איך טאַקע גאַנצע נעכט אַי־בערליגן, אָדער אין בולגאַראָווס טעאַטער וואו זינאַ ראַפּעל ע"ה האָט גע־שפּילט אַלס... סוברעטין, אָדער ביי מישאַ פישזאָן אין טעאַטער וואו מען האָט געשפּילט בעסערע פּיעסן און אַפילו ערנסטע דראַמע.

און, אויב ניט אין טעאַטער, איז אָדעס געווען פול מיט מיטינגען און פאַרזאַמלונגען וואו מען האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס פאַר און קעגן און דער־מיט געמיינט, אַז מען העלפט זיכער דער רעוואָלוציע.

איך בין געפאָרן קיין טעפּליק צו געפינען אַביסל רו. געטראָפן, האָב איך, אַן אומרואיקייט. געטראָפן האָבן איך, אַ קליין קעסעלע וואָס זידט און וואָס מיינט אַז מיט זיין פּאַרע קאָן ער לפּחות — לאָזן אין גאַנג אַ פּאַראָוואָז אָדער כאָטש אַ פּאַראָוואָי מיל. טעפּליק האָט זיך פון איין זייט, געפונען אין פולן ברען פון דער רעוואָלוציע, און חברה ראַבאַטשי נאַראָד האָט גע־פירט די גראַנדע מיט די שווערדלעך אַלס סטראַזשניקעס און קאָמיסאַרלעך. טעפּליקער יוגנט איז געווען טיף־טיף אַריינגעטון מיט ביידע פיס אין דעם

„אויפבוי" פון דער רוסישער רעפובליק, און די עלטערע אידן בראש מיטן רב שמשון אהרון (יעקב מאיר דער רב, דעם ברודערס שווער איז שוין נפטר געוואָרן), האָבן געזען אַז עס הויבט זיך אָן אויסוויקלען און אַנטוויקלען אַ פֿאָלקס־אַנטיסעמיטיזם, אַ שנאה צום אידן, אַ שנאה צו דער רעוואָלוציע, אַ שנאה פֿאַר טרעטן מיט די פיס אין מיטן מאַרק, צאַר ניקאָלאַיס בילדער און שפייען אויף זיי דווקא ווען די ערלים שטייען, און זיי — דער עלטערער דור, און אַפילו די יונגערע, די מער — באַזאָכטע און ניכטערע — האָבן גאָרניט געקענט העלפן. טעפליק האָט אָפּגעשאַצט, אַז מן הסתם, פונקט ווי דאָ, אין טעפליק, איז די וולאַסט אַריין צו די באָסיאַקעס אין די הענט, אַזוי, מן הסתם, איז אויך דאָרט, אין צענטער, אין פעטערבורג, די מאַכט אין די הענט פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע וואָס וועלן דערפירן דאָס לאַנד צום אָפּ־גרונט.

טעפליק, אַלע טעפליקס פון אונזער אַלטער היים, האָבן עפעס יאָ גע־וואוסט פון אַ פערזענלעכקייט וואָס הייסט צערעטעלי, פון אַ נאָמען וואָס הייסט פלעכאַנאָוו, אָדער מאַרטאָוו. טעפליק, האָט געוואוסט, אַז אויב דער קיעווער מיליאָנער טערעשטשענקאָ איז מיניסטער, וועט ער ניט לאָזן אַז רוסלאַנד זאָל צעטרייסלט ווערן. ספעציעל האָט טעפליק געהאַט צוטרוי צו קערענסקין. און ווען עס איז דערשינען דאָס נייע געלט, די נייע רעוואָלוציאָ־נערע וואַלוטע פון צוואַנציק און פערציק קערבלעך, וועלכע מען האָט טאַקע גערופן „קערענסקעס", האָט זיי טעפליק גענומען מיט כבוד גדול און גע־קעמפט מיט די גויים אַז אויך זיי זאָלן זיי אָננעמען. ניט גרינג איז אָנגע־קומען די טעפליקער אידן איינריידן איוואַנען, אַז אָט דאָס געלט האָט אַזאַ ווערט ווי די „קאַטערינקאַ" — אַ צאַרישער הונדערטער. דער גוי האָט זיך געוואָרפן אין דער ערד אַריין און ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט. און האָט מען אים געצאָלט מיט „ניקאָלאַיעווסקי" האָט ער גענומען אַ האַלבן פרייז. פאַרשטייט זיך, אַז דער ענין געלט, ענין „קערענקעלעך" איז געוואָרן אַ מסחר פון שוואַרצן מאַרק און ספעציעל אַן ענין פאַר... פאַלסיפיקירטע צוואַנצי־קער און פערציקער קערבלעך. געווען אַזעלכע גוט נאָכגעמאַכטע „קערענקע־לעך" אַז בלויז די באַנק האָט זיי דערקאָנט אַלס פאַלשע. געווען אַנדערע וועלכע האָבן געהאַט אַ צושריפט: „טשיעם נאַשיע — כוזשיע וואַשיע?" (מיט וואָס זיינען אונזערע, ערגער פון אייערע) און... מען האָט אָט די קערענקעלעך אויך גענומען — פשוט, אַלס קוריאָז.

אין אָט דעם אויפברויז בין איך דעמאָלט אָנגעקומען קיין טעפליק זיך „אויסרוען". אָנשטאָט זיך אויסשלאָפן האָט מען מיך, — דעם גרויסשטעטיקן

— דעם „רעפּאָרטער" ארומגעשלעפּט אויף די מיטינגען, אויף חברים צוזאַ־מענקונפטן און סתם צו גאַסט פון דעם צו יענעם. ניט נאָר די חברים מיינע, ניט נאָר אינגלעך פון מיין עלטער, נאָר די גרויסע אַפילו זעליק גערשונאָווו ע"ה, אַפילו ניושקא קושניר און נאָך אַזעלכע טעפּליקער אינטעליגענטן, האָבן געזוכט צו פירן מיט מיר אַ שמועס און ביי מיר „געוואוירע ווערן דעם אמת". וואָס הערט זיך? וואָס זאָגט מען? און וואָס וועט זיין דער סוף? דער סוף?

דער סוף פון דער גאַנצער שפּיל אין „דעמאָקראַטישער רעפּובליק" איז געקומען שנעל. אַ סך שנעלער ווי מיר אַלע האָבן געמיינט. ווען איך בין תיכף נאָך יום טוב צוריק געפאָרן קיין אָדעס, ווען איך האָב פאַרלאָזט טעפּ־ליק, האָב איך איבערגעלאָזט אַ גאַנץ שטעטל, גאַנצע אידישע הייזער, גאַנצע אידישע משפּחות. און אויף וויפיל מען האָט געהאַט זאָרג און דאגות פרנסה אָדער דאגות חתונה צו מאַכן אַ מויד, זאָרג צו ברענגען אַ קינד צו אַ תכלית, האָט מען אָבער ניט געהאַט קיין זאָרג צי... מען וועט דערלעבן איבער־שלאָפן די נאַכט? צי מען וועט ארויסגיין אין מאַרק אריין און מען וועט קומען אַ לעבעדיקער אהיים? מען וועט ארויספאָרן אויף אַ יאַריד און שפּע־טער וועט דער גוי, דער בעל עגלה, קומען און ברענגען בלויז דאָס פאַרבלו־טיקטע העמד וואָס ער האָט אָראָפּגענומען פון קרבן. מיט איין וואָרט: איך האָב נאָך די ימים נוראים פון 1917 איבערגעלאָזט אַ שטעטעלע וואָס האָט געהאַט אַ באַדייטנדע מאָס שרעק פאַר דער צוקונפט אָבער אַ גרעסערע מאָס האָפע־נונג, אַז די זון איז אויפגעגאַנגען און וועט וואָרעמען און ליכטיק שיינען אי־בער יעדער אידיש און ניט־אידיש הויז.

זיי האָבן געהאָפט אויפן סוף פון דער מלחמה, זיי האָבן געהאָפט ווידער צו זען זייערע קינדער און מענער געקומענע פון פעלן, זיי האָבן אויך געהאָפט אויף דער „אוטשרעדיטעלנאיאַ סאָבראַניאַ" וועלכע וועט זיכער ברענגען אָרדענונג אין לאַנד און... מען האָט געהאָפט, געהאָפט און געהאָפט.

ווען איך בין צום צווייטן מאָל געקומען קיין טעפּליק, האָב איך שוין געטראָפן אַ דערשלאָגן שטעטל, דערשלאָגענע מענטשן, מענטשן מיט בלאַסע פּנימער, מיט דער מורא פאַרן טאָג און פאַר דער נאַכט. מען האָט שוין דע־מאָלט געוואוסט און געהערט פון אַ וואָרט וואָס הייסט „אוקראַאינאַ", פון סיטשעוויקעס, פון אַ באַנדיט וואָס הייסט פּעטליורא. מען האָט שוין געהערט פון פאַלן פון ארויסוואַרפן פון די באַנען, פון אויסטון נאַקעט אין מיטן פראָסט.

טעפּליק איז שוין ניט געווען דאָס טעפּליק, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט צוריק מיט העכער אַ יאָר. ניט טעפּליק איז געווען טעפּליק, ניט רוסלאַנד

איז געווען רוסלאַנד און ניט די וועלט איז געווען די זעלבע. אין עטלעכע חדשים צייט — האָט זיך געגעבן אַ דריי דער גורל פון רוסלאַנד, דער גורל פון רוסישן אידנטום און דער גורל פון דער וועלט.

ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון טעפּליק האָב איך איבערגעלאָזט פרייד. ווען איך בין דערנאָך ווידער געקומען קיין טעפּליק, האָב איך געטראָפן בלויז זאָרג, מרה־שחורה און טרערן. טעפּליק, האָט דאַן אָפּגעשלאָסן אַ קאַפּיטל פון הונדערטער יאָרן אידיש רואיק און איינגעזעסן לעבן און אָנגעהויבן אַ צווייט קאַפּיטל וואָס מען קאָן עס מיט זיכערקייט באַטיטלען אַלס:

„צווישן טעראָר און אויסוואַנדערונג".

(ע נ ד ע פ ו ן צ ו ו י י ט ן ט י י ל)

דאָס דאָזיקע בוך האָט זיך געענדיקט
דרוקן דעם 11־טן סעפּטעמבער פון
1950 — יאָר פון באפרייער גענעראל
באָסע דע סאן מארטין — אין דער
דרוקעריי „קולטור״, סארמיענטאָ
2157, ב. איירעס, ארגענטינע.

Se terminó la impresión de este
libro el día 11 de septiembre
de 1950, "Año del Libertador
General San Martín" en los
Talleres Gráf. "CULTURA",
Sarmiento 2157, Buenos Aires